STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05863

TSVEY VELTN, DRAY DOYRES

A. Osovsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אסאָווסקי

צוויי וועלטן

דריי דורות

געדרוקט אין "דאס אידישע וואָרט"
ווינניפעג, מאניטאָבא
1946

A. OSOVSKY

Two Worlds
Three Generations

SELECTED SHORTS

COPYRIGHTS APPLIED FOR
ALL RIGHTS RESERVED



א. אסאָװסקי

צו אונדזער ליבן פאָטער א מתנה.
צו זיין 70־יאָריקן געבורטסטאָג ווערט
דאָס דאָזיקע בוך ארויסגעגעבן פון
זיינע קינדער : אברהם און יהודית
פרידגוט, ד״ר. יוסף און רבודה האָלענ־
בערג, זלמן און ליליען בן־אהרן, ד״ר.
הערצל און דאָראָטי בן־אהרן, ד״ר. נפתלי
און דאָריס בן־אהרן, ד״ר. עמנואל און
שושנה ווײַלדער.

וויניפעג, דעצ. 26טן, 1946.

To our dear father on the occasion of his 70th birthday. This book is being published by his children, Abraham and Judith Friedgut, Dr. Joseph and Dorothy Hollenberg, Sam and Lily Benaron, Dr. H. W. B. and Dorothea Benaron, Dr. T. and Doris Benaron, Doctor E. M. and Sue Wilder.

Winnipeg, Dec. 26, 1946.

אינהאלט

ערשטער טייל — קינדער־וועלט

זייט

הקדמה — 5
חיימקע דער משורר — 9
ברידערלעך — 23
די בלאָנדע דריי — 35
די פרינצעסין — 45
חנהלע — 55
שרהלע — 67
מוניע — 77
מישא עלמאַן — 83
דניאל — 99
"קאַפּיטאַן קיד" — 105

צווייטער טייל — אלגעמיינע דערציילונגען

סאָפיע אייזנער — 128
דורכן פענצטער — 145
טרערן — 157
דאָדי — 169
דבורהלע — 177
פריינטשאַפט — 189
פון טויט לעבעדיק — 196
אין די לעצטע מינוטן — 203
א פארשטערטער סדר — 213
צדוק בעל־תשובה — 225
צום טאַטן אויף פסח — 241
יאָרן — 251
ביי א פרעמדן סדר — 263
צוויי תפילות — 279

דריטער טייל — אין אָוונט פון לעבן

די ניט־פארענדיקטע פראגע — 295
דער פרעמדער — 311
פאַפּירענע קינדער — 323
ר' אידל — 329
פאָטער און זון — 337
א בריוועלע — 363

צוויי וועלטן - דריי דורות

(א קורצע הקדמה)

אַז וועלכע ס'איז פּרעטענזיעס אויפן שרייבערישן טיטול, האָט א. אסאָווסקי פאַר צענדליקער יאָרן געשריבן דערציילונגען און סקיצן, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן מערסטנס אין דער לאָקאַלער וויניפּעגער אידישער צייטונג "דאָס אידישע וואָרט". די רעדאַקציע האָט זיי גערן אָנגענומען, ווייל זיי זיינען, אין איר מיינונג, טאַלאַנטפול געשריבן געוואָרן, מיט א טיפער פאַרשטענדעניש פאַר די ליידן און פריידן פון מענטשן, מיט אַן איידעלן חוש פאַר הומאָר און אין א זאַפטיקער אידישער שפּראַך (כאָטש אפשר אָפּט אביסל צופיל געמישט מיט רוסישע, און דערנאָך מיט ענגלישע ווערטער).

צוויי וועלטן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע דערציילונגען, — די אַלטע, איבערגעלאָזן פון יענער זייט ים, און די נייע, אויף דער זייט ים, וואו אידישע אימיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן בויען א ניי לעבן. ער האָט ארויס־געוויזן א שאַרפן חוש פאַר די באַזונדערע אייגנאַרטיקייטן פון אָט די צוויי וועלטן.

א. אסאָווסקי איז דערנאָך געוואָרן דער אויפזעער פון מערב קאַ־נאַדער אידישן בית־יתומים. דאָ האָט ער זיך באַגעגנט פּנים־אל־פּנים מיט הונדערטער קינדערשע טראַגעדיעס, און האָט זיי אָנגעהויבן שילדערן אין א סעריע דערציילונגען (א צאָל פון וועלכע איר געפינט אין אָט דעם בוך). איר פילט אין זיי דעם קינדערשן צער און די קינדערשע פריידן, און איר קאָנט זיי קוים דורכלייענען אָן טרערן אין די אויגן.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז א. אסאָווסקי זאָל פונם בית־יתומים אריבערגעטראָגן ווערן אין אַן אַנדער וועלט, — פונם באַגינען, צו דער שקיעה פון לעבן. ער איז געוואָרן דער אויפזעער פונם מערב קאַנאַדער מושב־זקנים.

דאָ האָט ער געפונען א נייעם געביט פאַר זיין שרייבערישן טאַלאַנט. ער האָט אָנגעשריבן א נייע סעריע דערציילונגען, אין וועלכע ער האָט רירענד געשילדערט די איינזאַמע עלטער, און דער שטח פון לעבן וואָס האָט געפירט צו אָט דער שטופע.

דריי דורות ווערן אַזוי געשילדערט אין אָט דער זאַמלונג פון בלויז א טייל פון אַלץ וואָס ער האָט געשריבן און פאַרעפנטלעכט אין משך פון איבער דריי צענדליק יאָרן. דער שרייבער פון די שורות גלויבט, אַז אָט דאָס ביכל וועט זיין א גוטער ביישטייער צו דער אידישער ליטעראַטור, און עס וואָלט געווען א שאַד, ווען די דאָזיקע זאַמלונג ווערט ניט פאַרעפנטלעכט.

דאָס בוך ווערט ארויסגעגעבן פון די קינדער פונם מחבר, ווי א מתנה צו אים צו זיין 70טן געבוירנטאָג, צו וועלכן ער ווערט אָגב געערט פון וויני־פּעגער אידן אין אנערקענונג פון זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן וויניפּעגער אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן ווי אַן אומדערמידלעכער טוער. דאָס בוך, גלויב איך, איז א שיינע מתנה ניט נאָר פאַרן מחבר, נאָר אויך פאַרן אידיש לייענענדיקן עולם בכלל.

ש. מ. זעלטשען.

חיימקע דער משורר

חיימקע דער משורר

ווען חיימקע איז אלט געווארן צוועלף יאר, האט זיין פאטער דער־קלערט, אז עס איז שוין צייט צו טראכטן וועגן א תכלית. דער תכלית, וואס די מאמע זיינע האט פאר אים געפלאנט, איז ביי אים קיין תכלית ניט געווען. עט, שטותים, אויך מיר א תכלית — א משורר! און אז ער נעמט שוין פופצן קארבאטשן פאר א ימים־נוראים . . . מ׳שטיינס געזאגט, וואס מ׳קאן שוין זיך דערלעבן ביי יאנטל, דעם חזן ? . . אגב האט אים ברוך באס אליין גע־זאגט, אז נאך א צוויי יאר, איז העכסטנס וואס חיימקע וועט קאנען זינגען, ווייל ביי אן אלטא בייט זיך די שטימע פרי, און חיימס אלטא איז א צארטער, און חיימקע אליין איז א שוואכער, און גיכער פון אלץ וועט ער גאר קיין שטימע ניט האבן, — און א חזן אן א קול צו וואס טויג ? . .

און משה־הערש, חיימקעס פאטער, האט שוין אויסגעזוכט פאר אים א תכלית: נאך פסח איז אין שטעטל אריין געקומען א גאסט, טאקע משה־הערשם לייבלעכער שוואגער, א רייכער ארענדאר פון טאטאריווקע. געקומען איז ער טאקע וועגן חיימקען. כפי, אזוי ווי ער האט געהערט, אז ביי אים, ביי משה־הערשן, איז דא זייער א געראטן אינגל, וואס צו 12 יאר לערנט ער שוין א בלאט גמרא מיט תוספות, און כפי אזוי ער ווייס, אז ער, משה־הערש איז א איד אן אביון און קאן דאס אינגל פאר קיין רב ניט מאכן, און כפי ביי אים זיינען דא דריי זין מיט א טאכטער, וואס דארפן א מלמד, — לכן איז זיין פלאן, אז חיימקע זאל פארן צו אים, קיין טאטאריווקע, קנעלן מיט זיינע קינדער. ער מעג מיטנעמען זיינע גמרות און אליין אויך לערנען — צייט וועט ער האבן גענוג — און דערפאר איז ער, ר׳ אייזיק, זיך מתחייב צו צאלן פינף־און־צוואנציק רובל פאר א גאנץ יאר, אויסער עסן און קליידער, און א שיינע מתנה, אויב מען וועט נאר זיין צופרידן פון אים.

שרה, משה־הערשס ווייב, האט אפילו ניט געוואלט הערן דערפון. וואס הייסט, זי וועט נעמען און אוועקשיקן אזא קינד, אזא פיסקליא ערגעץ אין א העק, וואו מער ווי שקצים און שיקסעס וועט ער ניט זען ? . . נאר אז ר׳ אייזיק איז געקומען אויף אנבייסן און געבראכט מיט זיך א פלאש משקה און לעקעכלעך פאר די קינדער, און א פאטשיילע פארן עלטערן מיידל, און דערציילט, אז דעם רב, זאל לעבן, איז דער פלאן געפעלן, האט זי מיט טרערן אין די אויגן געמוזט מסכים זיין. נאר — האט זי צוגעגעבן — געדענקט, אז ניט אייך פארטרוי איך אים, נאר סלאווען . . . איר הערט? איר זאלט למען השם זאגן סלאווען, זי זאל געדענקען, אז זי האט אויך קינדער . . . און מער האט שרה ניט געקאנטריידן א ווארט און האט אויסגעבראכן אין א יאמערלעכן געוויין.

* * * * *

אויף מארגן איז שוין חיימקע געזעסן אויף א הויכן וואגן, אנגעבעט מיט היי, פארשפרייט מיט א גראבער רעדנע, אין די הענט האט ער געהאלטן דאס קלומעקל מיט צידה לדרך, וואס די מאמע האט אים מיטגעגעבן און

עטלעכע העמדלעך. די ווייטע נסיעה פון הונדערט־און־צוואַנציק וויאָרסט האָט אים אביסל געפרייט, אָבער דער מאַמעס טרערן און קלאָגן האָבן אים פאַר־שטערט די שמחה, און עפּעס האָט געשטשיפּעט אין נאָז און אין די אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט.

— פאָר געזונט, מיין קינד, — האָט שרה צום הונדערטסטן מאָל אין א ניי געוויין אויסגעבראָכן, — פארגעס ניט א בריוועלע, למען השם, צו שרייבן, און פארגעס ניט צו דאַוונען יעדן טאָג, דו הערסט ? . . און פארגעס אויך ניט אז א וואָך פאָר פּורים דארפסטו אָנהויבן לייגן תפילין. ר' אייזיק, פארגעסט ניט, למען השם, אָנזאָגן סלאַווען, וואָס איך האָב אייך געבעטן . . .

קיין טאַטאַריוווקע זיינען זיי אָנגעקומען אויפן צווייטן טאָג, ארום האַל־בער נאַכט, ווען דאָס גאַנצע דאָרף איז שוין געשלאָפן. ר' אייזיק האָט אויפ־געוועקט זיין פּלוניתטע, סלאַווען, און פאָר איר פאָרגעשטעלט חיימקען:

— אָט דאָס איז משה־הערשס יאַטל. ער וועט זיין א רבי פאַר די קינ־דער . . . גיב אים עפּעס עסן.

— אָט דאָס פּיסקליא ! . . — האָט די אָרענדאַרקע אויסגערופן, — אָט־דאָס איז שרהס זון ? . . מיר פאַר זיינע ביינדעלעך ! . . — און אים געכאַפּט קושן.

דאָס נייע פּלאַץ איז חיימקען גאַנץ גוט געפעלן געוואָרן. טאַטאַריוווקע איז געווען א קליין דאָרף, אָבער איינגעטונקט אין סעדער און ארומגערינגלט מיט לויפנדיקע, זילבער־קלאָרע, טייכן, מיט ברייטע און אומענדלעכע לאָנקעס. א נייע וועלט האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. א וועלט מיט פערד, בהמות און קעלבלעך, שאָף און ציגן, פעלדער מיט גרינעם גראָז, וואו מען קאָן לויפן אַן א שיר, וואו ס'איז ניטאָ קיין רבי, וואָס זאָל פאַרווערן. צייט האָט ער געהאַט איבערגענוג. זיינע תלמידים, וועלכע זיינען געווען גרעסער פון אים מיט דריי קעפּ יעדערער, האָבן פיל ניט באַדאַרפט — ביז האַלבן טאָג פלעגט ער מיט זיי פּאַרטיק ווערן מיטן גאַנצן לימוד, און דערנאָך ארומלויפן מיט זיי אויף די פעלדער, פּאָרן רייטנדיק אויף די יונגע זשערעבעטשקעס, שווימען אין טייך, כאַפּן פיש, קלעטערן אויף די ביימער, רייסן וויינשל און עפּל. אייגמאָל האָבן אים חברה אפילו געלערנט ווי צו שיסן פון א ביקס, וואָס זיי האָבן גענומען ביים סטאָראָזש פונם באָראַנס גאָרטן. אָפטמאָל ווען חיימקע פלעגט ארויפ־קריכן אויפן העכסטן עפּל־בוים און פאַר זיינע אויגן פלעגט זיך אַנטפּלעקן די גאַנצע געגנט ארום, מיט די גרינע גערטנער, לאַנגע פעלדער און טייכן, פלעגט זיך אין אים אויפוועקן דער משורר, און חיימקע פלעגט זיך צעזינגען.

שטייענדיק אויפן שפּיץ־בוים, פלעגט זיך אים פאָרשטעלן, אַז ער איז דער שליח־צבור, געשיקט פון די פעלדער און וועלדער, פייגל און חיות, צו זינגען א שבח צום בורא. זיין זינגען פלעגט צוציען אַלע שפּילנדיקע קינדער פון דאָרף, אַלע פּויערים פון גאָרטן, און די שיקסעס פלעגן זיך בעטן רחמים:

— ״ספּיוואַי שטשע, חיימקאַ, ספּיוואַי ! . . (זינג נאָך חיימקע, זינג).

און חיימקע פלעגט זינגען זיין גאַנצן רעפּערטואַר, — אויסקנאַקן א ״כבקרתל״, אָפּזאָגן א גאַנצן ״את נגלית״, אויסטרילן אַלע ״יעלהם״ — און

די פויערים פלעגן שטיין אונטן ווי פארכישופטע, ווער מיט די זאסטופעס אין די הענט, ווער מיט די גראבליעס, פאררים די קעפ צום בוים פון וואנען עס האבן זיך געזען בלויז טיילן פון חיימקעס קליידער, זיינע שפיץ בארוויסע, פארברענטע פיס, און פון וואנען עס האט זיך געטראגן זיין זיס קולכל, וואס האט פאר זיי אנטפלעקט נייע וועלטן, פון וועלכע זיי האבן ביז איצט קיין אנונג ניט געהאט, און ווען דערשעפט און פארמאטערט חיימקע פלעגט אויפהערן זינגען, פלעגן זיינע געפילפולע צוהערער בלייבן שטיין מיט אראפגעלאזטע קעפ, פול מיט התלהבות, ניט וויסנדיק ווי אויסצודריקן זייער דאנקבארקייט פאר דעם גרויסן פארגעניגן.

— „א טשאז, ספיווא, טאק ספיווא ! . . (אט דאס הייסט געזונגען).

און צענדליקער הענט פלעגן זיך ציען צום בוים פון וואנען חיימקעס קערפער האט זיך גענומען אראפלאזן. מיט מער ווי מוטערלעכער צערטלעכקייט האט יעדערער פון די פשוטע פויערים געזוכט צו פארהיטן חיימקען פון א געפאר, אראפצוכאפן אים פון בוים. און די, וועלכע זיינען ניט געווען אזוי גליקלעך צו זיין פון די ערשטעביים בוים, פלעגן כאטש מיט א באוועגונג פון די הענט אפטרייסלען דעם שטויב פונם קאפאטקעלע, העלפן אראפציען דעם קאלאש, נאכגיין און ארייננווארפן א ווארט אדער אן עצה, אויסדריקן זיך אז כאטש זיי האבן ניט געקענט זיין ביים בוים אראפצונעמען אים, פונדעסט־וועגן איז חיימקע ביי זיי ניט וויניקער טייער.

עס האט לאנג ניט גענומען און חיימקע איז געווארן די פאפולערסטע פערזענלעכקייט אין טאטאריווקע, פון וועלכן אלע האבן גערעדט.

איינמאל, ווען סלאווע איז געווען פארנומען מיט אפווארפן ווארימע קריגעלעך זויער־מילך אין א גרויסן ווארטעשאק, מיט א לאנגן שפיץ פון אונטן, וועלכער איז געהאנגען אויף א ניי שטריקל, צוגעבונדן צו א פארענטשע פונם לייטער און זיך פארענדיקט מיט א שטראם פארעדיקער סאראוועטקע אין א גרויסער מולטער, איז מאריקא גאלאגאנס געקומען צו סלאוועס כלומרשט אייער צו פארקויפן.

מאריקא גאלאגאנס האט געהאט א צווייענדיקן יחוס. ערשטנס, איז איר פאטער, איוואן גאלאגאן, געווען דער רייכסטער פויער אין טאטאריווקע, און צווייטנס, האט מאריקא אליין געהאט א שם פאר דער גרעסטער שיינהייט פונם דארף, צו וועלכער אפילו דער פאפאוויטש אליין איז א בעלן צו שדכנען זיך. מאריקא האט פארטרויט סלאווען א סוד, אז זי האט בדעה חיימקען אויס־צונייען א העמד, וואס זאל שוין זיין איינמאל א העמד:

— „א, סלאווא, זשי ווין ספיוואיע" ! . . (אי, סלאווע, זינגט ער) — האט זי געפונען פאר נויטיק צו דערקלערן די אורזאך פון איר פלאן.

דערהערט אזא מעשה, איז סלאווע געווארן מער טויט ווי לעבעדיק, און עס האט זיך אנגעפאנגען א חקירה ודרישה, מיט סליעדסטוועס, מיט מוסר־זאגן, מיט ס'טייטשן, היתכן . . . אזא אינגעלע, קיין עין הרע, זאל גאר זינגען פאר גויים, פאר שיקסעס . . .

חיימקע האָט געפילט, אַז זיי זיינען גערעכט. ער האָט שוין פון לאַנג געפילט, אַז ער באַגייט די גרעסטע זינד, פאַר וועלכער גאָט וועט אים ניט מוחל זיין, און מער ווי איין מאָל האָט ער זיך פאַרשוואָרן אין האַרצן מער ניט צו גיין אין סאַד, מער ניט צו זינגען פאַר די פּראָסטע גויים, אַז היטלען, די הייליקע תפילות. נאָר יעדער מאָל ווען ער פלעגט אַרויף אויף אַ בוים, פלעגן אַלע מחשבותן ווי אוועקפליען און עפּעס פלעגט אים אין האַרצן אַ צי טאָן און עס פלעגט אים אַרומכאַפּן אַ בענקשאַפט, און פון זיך אַליין פלעגט ער אָנהויבן ציען אַ ניגון, פריער פּיאַניסימאָ, שטיל, בלחש, און דערנאָך העכער און העכער, און ווען דאָס קול פלעגט זיך צעטראָגן איבער ביימער און בערג, טייכן און פעלדער, אַקאָמפּאַנירט פון הונדערטער פייגעלעך, אונ־טערגעהאַלטן "טערצאַ" פון די אַלטע זקנים, די הונדערט־יאָריקע דעמבעס — פלעגט זיך אים דוכטן, אַז ניט ער, חיימקע, זינגט עס, נאָר אַז אין אים איז אַריינגעבלאָזן געוואָרן די נשמה פון דוד המלך, און אַז צענדליקער מלאכים שושקען אים איין אין אויער:

— זינג, חיימקע, זינג! . .

נאָר יעצט, ווען די מומע שטייט פאַר אים מיט די אַרבל פאַרקאַשערט ביז די עלנבויגנס, מיטן פאַרשטעקטן פאַרטוך מיטן גראָבן פּאַק שליסלען ביים זייט און פרעגט אים: — ס'טייטש, היתכן? — וואָס קען ער איר ענט־פערן? . . .

און חיימקע זיצט ביים אָפענעם חומש, און זיינע תלמידים קוקן אויף אים מיט רחמנות. ער הערט און הערט ניט, וואָס די מומע טענהט צו אים. ביי אים אין האַרצן קומט פאָר אַ גאַנצע מלחמה, וועלכע האָט יאָ צו טאָן און האָט ניט צו טאָן מיט דעם, וואָס די מומע סלאָווע טענהט.

חיימקע דערמאָנט זיך אַז באַלד־באַלד קומט אָן חודש אלול, און דאָס גאַנצע לעבן פונעם היימישן שטעטל שטעלט זיך פאָר פאַר זיינע אויגן: באַלד וועט מען אָנפאַנגען זאָגן "לדוד ד' אורי", באַלד וועט מען פונעם בית־מדרש דערלאַנגען די ערשטע תקיעה, וועלכע וועט זיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל און אָנזאָגן, אַז מ'דאַרף זיך גרייטן צום יום־הדין, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל, וועלכער זעט אַלץ, פאַרשטייט אַלץ; וועלכער איז אַ בוחן לבבות, וויים וואָס ביי יעדערן אין האַרצן טוט זיך . . . און ער דערמאָנט זיך, אַז ביי יאַנטל דעם חזן זינגט מען שוין מסתמא נייע קאָמפּאָזיציעס אויף ימים־נוראים, און וואָלט ער דאָרטן געווען, וואָלט ער מסתמא געהאַט אַלע סאָלאָס . . . און ער שטעלט זיך פאָר דאָס בית־מדרש צו סליחות — אַלע ליכט ברענען, אין דרויסן איז נאָך פינצטער, אין שטעטל איז שטיל ווי אויף אַ בית־עלמין, נאָר דאָ, אין בית־מדרש, איז פול מיט אידן און ווייבער, אַלע זיינען זיי פאַרגליווערט געוואָרן: ער, חיימקע, האָט צום ערשטן מאָל זיין סאָלאָ געזאָגט — "הנשמה לך והגוף שלך" — און ער געדענקט דייטלעך, ווי צוערשט האָט זיך פון דער ווייבערשער שול אַ שלוכצן דערהערט, פריער שטיל, פון איינער און דערנאָך מער און מער פרויען, און אַלע ווייבער האָבן אין איין באַהאַלטן געוויין אויס־געבראָכן. — שאַט, שאַט! זאָל זיין שטיל דאָרטן! — האָט פּראָטעסטירט די מאַנסבילשע שול . . . און ער האָט געצויגן ווייטער: "חוסה ד' על עמלך" — און וואָס ווייטער ער האָט געזונגען, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער יאָמער, קיינער האָט שוין מער ניט געזוכט צו באַהאַלטן זיינע טרערן, זיינע געפילן.

און ער דערמאָנט זיך ווייטער, אז באלד ווערט ער בר־מצוה, נאָך א האלב יאָר, און דעם גאנצן זומער קיין גמרא ניט גענומען אין האנט, — און חיימקע גיט זיך דאָס וואָרט חוזר בתשובה צו זיין.

* * * * *

געקומען חודש אלול. די גאנצע נאטור האָט ווי דערמאָנט חיימקען, אז עס איז דאָ א יום־הדין אויף דער וועלט. נאקעט און פארלאָזן שטייט שוין דער וויינשל־סאָד, ערגעץ־וואו העננט נאָך א פארדארט וויינשעלע, וואָס בלישטשעט קעגן דער זון דורך די שיטערע צווייגן. די עפּל פאלן שוין פון די ביימער און ארום די ביימער וואלגערן זיך טרוקענע, פארדארטע בלעטער מיט האלב־פארפוילטע עפּל, וועלכע דער גערטנער קלייבט צונויף און צע־שניידט אויף שטיקלעך צו טריקענען זיי קעגן דער זון און דערנאָך פארקויפן צו קוואסניקעס אָדער די אָרימע פויערים אויף "זוואר". אויך די בארן־ביי־מער זיינען שוין הויל, די פערשקעס לאַנג פארלאָזן. דאָס דאָרף איז אָפּגעליי־דיקט. אויפן טאָג פאָרן ארוים די פויערים אויף זייערע פעלדער, אויף די לאנגע הארבעס, און שפּעט ביינאכט קומען זיי צוריק אָנגעלאָדן מיט ווייץ און קאָרן — אלץ און אלע פילן, אז דער ליבער זומער איז פארביי און די וועלט דאַרף זיך גרייטן צו א לאנגן ווינטער — "צו א יום־הדין" — לויפט דורך ביי חיימקען א מחשבה.

און חיימקע אנטלויפט פון די אינגלעך, מיידט אוים דעם טייך און קערט זיך אום אהיים און נעמט זיך פאר דער גמרא, און ער צעזינגט זיך מיט זיין הארציקן ניגון — "שנים אוחזין בטלית"...

זיין קאָפּ קאָן אָבער לאנג ניט בלייבן ביי דער גמרא. וואָס לענגער ער פארטיפט זיך אין לערנען, אלץ מער שטעלט זיך אים פאָר דאָס שטעטל און אלץ דייטלעכער דערמאָנט ער זיך אָן יאָנטל דעם חזנס שטוב, וואו מען רעפּעטירט אצינד; דאָס בית־מדרש מיטן עמוד, וואו ער פלעגט שטיין, — און א טיפע, הארציקע בענקעניש נעמט אים אָן, און עס פארשווינדט די גמרא פון זיינע אויגן און ער זעט נאָר דאָס בית־המדרש מיט די הונדערטער ליכט, מיט די אידן אין די טליתים מיט די זילבערנע עטרות, מיט די ווייבערשע קולות פון דער עזרת־נשים; יאָנטל דער הויכער, ברייט־ביינערדיקער חזן, מיט זיין שיינער באָרד און שיינע אויגן, ווי ער מאכט מיטן האנט, איינגעוויקלט אין טלית, צו אים, חיימקען: "נו, ... אם אשמתם גדלה עד שמי רום" — און חיימקע צעזינגט זיך — "שלוש עשרי מדות" — און פארגעסט זיך וואו ער איז. ער באמערקט גאָר ניט ווי די מומע סלאווע שטייט שוין לאנג ביי דער טיר א פארגאפטע; אז ביי די פענצטער האָבן זיך פארזאמלט גויעס מיט קינדער, אלטע פויערים פון ארום, און שטייען מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן און אָפענע מיילער, און שלינגען יעדן קלאנג.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס סלאווע האָט געהערט חיימקען זינגען אזוי. ווייל חיימקע איז בטבע א שעמעוודיקער געווען, און האָט פאר עלטערע גרויס אָפּשיי געהאט און קיינמאָל קיין מויל ניט געעפנט, סיידן ביי קבלת שבת, פלעגט ער זיך אביסל פארציען, מעשה חזן, אָדער לעצטן תשעה־באָב, ווען די אידן פון דאָרף זיינען זיך צוזאמענגעקומען זאָגן קינות אינ־איינעם, און חיימקע איז געווען דער בעל־קורא.

סלאווע איז בטבע געווען א פראָסטע דאָרפס־אידענע, אָבער א גוטע, ערלעכע נשמה. אויף חיימקען האָט זי געקוקט מיט באַזונדער יראת־הכבוד און שטאָלץ: ערשטנס, ווייל ער איז דאָך טאַקע איר פלייש און בלוט, און צווייטנס, אַזא למדן, און דריטנס, האָט נאָך ביי איר געטליעט א מחשבה, אַז אפשר גאָר א שידוך פאַר איר חנהצען . . .

דאָס וואָס ער איז געווען א משורר האָט זי קוים געקאָנט באַגרייפן. דאָס מיינט מסתם א קוויטשערל ביי א חזן. דאָס וואָס דאָס גאַנצע דאָרף האָט געקלונגען מיט חיימקען אלס ספיוואַקאַ, האָט ביי איר געהייסן — וואָס חזירים פאַרשטייען . . . א גוי, פאַר זינגען, וועט דאָך די נשמה אוועקגעבן . . . נאָר איצט, שטייענדיק דאָ אויף דער שוועל, מיט די פאַרקאַשערטע אַרבל ביז די עלנבויגנס, מיטן טיכל פאַרבונדן די עקן הינטער די אויערן, און זיך אייַנ־הערנדיק ווי ער זינגט, האָט זי אַליין ניט באַמערקט ווי טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן, ווי אינעווייניק אין האַרצן האָט זיך עפּעס געקייקלט אַזא זיסע ביטערקייט, וואָס האָט געגאַנגט און גענאַגט. עפּעס אַזוי זיס און אַזוי טייער, און דאָך אַזוי אומעטיק, אַז זי האָט אַליין ניט געפילט ווי לאַנג זי איז אַזוי געשטאַנען. איין זאַך האָט זי געוואוסט, אַז זי וואָלט וועלן עס זאָל דויערן לאַנג, אַז ער זאָל זינגען נאָך און נאָך, און זאָלן זיך גיסן די טרערן פון די אויגן, זאָל דאַרטן צופּן דאָס האַרץ — עס איז דאָך אַזוי גוט . . .

פון דעם מאָמענט אָן האָט סלאווע אָנגעהויבן קוקן גאָר מיט אַנדערע אויגן אויף איר פּלימעניק. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז גאָט האָט איר צוגעשיקט א טייערן אוצר, וועלכן זי מוז אָפּהיטן און מיט וועלכן מען דאַרף שטאָלצירן.

* * * * *

שבת־צו־נאַכט. ביי ר' אייזיקן אין הויז איז א גאַנצע איבערקערעניש. די גאַנצע משפחה איז אויף, קיינער טראַכט ניט פון שלאָפן. אין שטוב קומען אָן מענטשן, מען בינדט פּעק, מען פּאַקט אייער, מעל, אויבסן, קאַווענעס; מען טראָגט אין די וואָגנס. אין הויף שטייען שוין נאָך דריי פורן פון די איבעריקע טאַטאַריווקער אידן, וואָס זיינען געקומען צו ר' אייזיקן מיט זייער געפּעק און משפחות, כדי צוזאַמען צו פאָרן קיין זשאַלטע צו סליחות און אויף גאַנץ יום־טוב ביז איבער יום־כפור.

האַלבע נאַכט. אַלע זיצן שוין אויף די וועגן. שטיל שטייען די פערדלעך, א קיל, אָסיענדיק ווינטל בלאָזט. סלאווע באַמערקט, אַז מען דאַרף מיטנעמען די פּעלצן, די קינדער איז די שאַלן איינוויקלען. ר' אייזיק גיט די לעצטע קאָ־מאַנדעס צו די איבעריקע דינסטן: פאַרשליסן די קאַמערס, אַכטונג געבן אויף די קי.

די וועגענער מיט די אידן, ווייבער און קינדער, טראָגן זיך אויפן וועג קיין זשאַלטע צו סליחות. אַלע זיינען אויפגעלעבט, מען האָט ביי מלוה־מלכה גענומען צו ביסעלעך ניינציק־גראַדאָווע ספּירט און פון דעם צידה־לדרך, וואָס די ווייבער האָבן פאַר די לעצטע צוויי וואָכן געגרייט, כדי ניט פאַרשעמט צו ווערן פאַר די שטאָטישע ווייבער, פאַרזוכט. און בכלל איז ביים דאָרפס־אידן דאָס עולה־רגל זיין אין שטאָט אַריין א גאַנצע שמחה. דער געדאַנק פון אַראָפּ־וואַרפן פון זיך דאָס דאָרף, כאָטש אויף א וואָך צייט זיך מתדבק זיין מיט

אידן, דאָס איז אַ יום־טוב, וועלכן טאָקע נאָר אַ דאָרפס־מאַן קאָן פילן און באַגרייפן. און דערפאַר האָבן די ווייבער פריילעך זיך איבערגעשריען פון איין פור צו דער צווייטער, די מענער האָבן געשפּאַסט און די קינדער האָבן אונטער־געטאַנצט אויף זייערע ערטער, און פריילעכע צוגעשמאַטשקעט צו די פערד: „אַ טו, בולאַני", ס'איז גוט צו פאָרן צו סליחות ? . .

נאָר איין חיימקע האָט ניט גענומען קיין אַנטייל אין דער שמחה.

אין זשאַלטע, אויף יום־טוב, וואו מען וועט דאַווענען אין אַ קליין שולכל, וואָס איז כמעט גאָרניט ענלעך אויף אַ שול, נאָר להבדיל אויף אַ גויישער שטוב; וואו סך־הכל וועט דאַווענען עפּעס אַ איד, אַ שוחט, וואָס מען האָט באַשטעלט פון קרעמענטשוג פאַר פופציק קערבלעך. דאָס האָט ביי אים געהייסן אַ מין ירידה מגדולה, און טיף אין האַרצן האָט ער איצט געבענקט נאָך זיין ליסענעוויטש, וואו ער וואָלט איצט געווען מיט אַלע משוררים ביי יאַנטל דעם חזן, וואו עס שטייט דער סאַמאָוואַר און די חזנטע אַליין איז מכבד אַלעמען מיט זיסער טיי און וואוהין עס קומען זיך צונויף דער גבאי פון שול, דער שוחט און אַנדערע בעלי־בתּים; מען גרייט זיך צו סליחות און יאַנטל פּרואווט אַלעמאָל די „כלי" און זאָגט אָן צום הונדערטסטן מאָל: למען השם, קינדער, נאָר ניט אַראָפּ פון טאָן . . . נאָר ניט געשעמט זיך . . . אַ גו, טוט נאָר אומיסנע אַ פּרואוו נאָכאַמאָל דעם „לכו נרננה". . . און חברה סטראַיען זיך אָן און מען טוט אַ קלאַפּ, אַז עס קלינגען די שויבן, אַז די גאַס ווערט אָנגעפילט און די פענצטער באַלאַגערט.

געקומען איז מען קיין זשאַלטע אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג. פאַרפאָרן איז מען גלייך אויפן שול־הויף, וואו עס זייגען שוין געשטאַנען נאָך אַ סך פורן — אַלץ פון די אַרומיקע דערפער. דאָס שולכל איז געווען העל באַלויכטן און מיט זייער אָנקומען זיינען פון שול אַרויס עטלעכע אידן, טאָקע זשאַלטער, אָפּגעגעבן שלום־עליכם און אַגב אורחא אַ שמועס געטאָן מכוח אַ סטאַנציע אויף יום־טוב, אַ טאָפּ געטאָן וואָס עס הערט זיך מיטן פּריצס ווייץ און וועמען פאַרדינגט ער דעם סאָד אויף איבעראַיאָר, און וואָס וועט ער וועלן פאַר דער וואָל, און צי איז פאַראַן אויפן דאָרף עפּעס אַ סך „סקאָט" און נאָך און נאָך.

די אורחים ענטפערן, אויסשפּאַנענדיק די פערד און צובינדנדיק זיי פון הינטן צום וואָגן, און אונטעררוקנדיק זיי דאָס פרישע, שמעקעדיקע היי. מען טרייסלט אָפּ פון זיך די פּאַלאָווע, מ'ווישט זיך אָפּ מיט די פּאָלעס און מען לאָזט זיך אויפן גרויסן הויף צום שולכל, און אויפן וועג דערוויסט מען זיך, אַז דער שוחט פון קרעמענטשוג איז נאָך ניט געקומען, אַז מ'ווייסט גאָר־ניט. וואָס מיט אים האָט געקאָנט פּאַסירן. דאַרפן האָט ער געדאַרפט קומען אויף שבת נאָך, אַזוי איז בפירוש געווען אָפּגערעדט. נאָר מען האָט געמיינט, אַזאַ מהלך, מסתּמא האָט ער זיך פאַרשפּעטיקט און איז ערגעץ געבליבן שטעקן איבער שבת, און אַלץ געמיינט אַז אָט־אָט קומט ער און אָט קומט ער נאָך . . .

דאָס שולכל האָט זיך דערווייל געהאַלטן אין איין אָנפילן און דער עולם איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ מער אומגעדולדיקער. מען האָט געוואָלט וואָס גיכער אָפּפּטרן די סליחות, ווייל אינדערפרי שטעלט זיך דער מאַרק. דער עולם האָט אָנגעפאַנגען קוקן אין די פענצטער, לויפן אַלעמאָל אין הויף זיך צוהערן צי פאָרט ניט אַ פור ערגעץ און מיט איר דער שוחט־חזן.

ענדלעך האָט דער עולם אַנגעהויבן צו מורמלען, מען זאָל זאָגן אַליין. זאָל אימעצער גיין זאָגן סליחות, וועט זיין אַן א חזן. געוואָלט האָבן עס די זשאַלטער טאַקע, וועלכע האָבן מורא געהאַט צו פאַרשפּעטיקן דעם מאַרק. די דאָרפס־אידן האָבן אָבער געפילט אַ מין חילול הקודש. וואָס הייסט? עפּעס אַ קלייניקייט — סליחות! ווייניק אַ גאַנץ יאָר, אַז מ׳ווערט פאַרשוואַרצט און מ׳הערט ניט קיין אידיש וואָרט . . .

— אָבער, — האָבן געטענהט די זשאַלטער, — איין גאָט ווייס דעם אמת, אַז מיר זיינען ניט שולדיק, געהערט אַן עסק! גיי ריכט זיך ! . .

אין דער האַלב שול, וועלכע איז אָפּגעטיילט פאַר די ווייבער, האָט מען דערווייל אויך ניט געדרעמלט. ווייבער האָבן גענוג וואָס צו דערציילן זיך איינע די אַנדערע, און סלאַווע האָט אויך גענומען דערציילן פון איר פּלימעניק, פון זיין תורה, פון זיין לערנען און פון זיין זינגען, אַז עס נעמען איין די נכפּה צען חזנים פאַר זיין איינם אַ שטיקעלע; אַז עס איז דען אַפּצושאַצן? אַזוי ווי אַ פידעלע וואָלט געזעסן ביי אים אין האַלדז און געשפּילט.

די צייט איז דערווייל ניט געשטאַנען און אין די פענצטער האָבן זיך אַנגעהויבן באַווייזן סימנים פון פאַרטאָג — און קיין חזן איז נאָך אַלץ ניטאָ. דער עולם האָט אָנגעהויבן צו קוקן איינער אויפן צווייטן, זוכן עצות ותחבולות: אפשר וואָלט יחיאל געזאָגט סליחות, אפשר ר׳ אייזיק גאָר. וואָסי, אַן עלטערער איד . . . אָבער ניט יחיאל און ניט ר׳ אייזק האָבן געוואָלט הערן דערפון. און דער טומל איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ גרעסער, דער עולם אַלץ מער אומרואיקער, ביז עס איז דערגאַנגען צו דער ווייבערשער שול.

ווען סלאַווע האָט זיך דערוואוסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, וועגן וואָס די מאַנסבילן קריגן זיך, איז איר ווי אַ בליץ דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז גאָט אַליין וויל מסתמא, אַז זי זאָל נחת האָבן; אַז לייט זאָלן זען, וואָס זי פאַרמאָגט. און ניט פיל טראַכטנדיק, האָט זי זיך איבערגעבויגן ביים פענצטער, צוגערופן איר מאַן און געגעבן אים צו פאַרשטיין, אַז למען השם, אַזוי זאָל דאָס זיין, אַז עס איז פון גאָט אַליין . . .

ר׳ אייזיק האָט עפּעס יאָ געוואָלט, ניט געוואָלט. כ׳ווייס, פאַרט סליחות. און אַז אפילו אַ משורר, איז וואָס ? . . דאָך ניט מער ווי אַ אינגל, און ער האָט איבערגעגעבן דעם עולם זיין שמועס מיט דער ווייב. אַזוי ווי מיט זיי איז דאָ אַ פּלימעניקל, וואָס לערנט מיט זיינע קינדער, אַ וואויל אינגל, וואַקסט אַ "כלי", אַ למדן, געווען יאַנטלס אַ משורר, יאַנטל דעם חזן . . .

חיימקע איז דערווייל געזעסן אין אַ ווינקל איבער דער אָפענער סליחה, פאַרטיפט אין זיינע מחשבות. דער גאַנצער טומל האָט אים ווייניק וואָס געשטערט. מיט זיין גאַנצער נשמה איז ער איצט געווען אין ליסענעוויטשער בית־מדרש און געזען זיך ביים עמוד, אויפן ערשטן טרעפּל פון ארון־קודש, זיך אָנהאַלטנדיק אַן דער פּאַרענטשע, ווען ער זינגט זיינע סאָלאָס. ער פילט ווי דער גאַנצער עולם קוקט אויף אים, ווי דער טאַטע זיינער ציט זיך אויס פון זיין פּלאַץ און שטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער, כדי גוט צו זען זיין פּנים, ווען ער זינגט. און זיין פּנים שיינט פון נחת. און די מאַמע, פון דער ווייבערשער שול האַלט איין די טרערן מיט גוואַלד, כדי ניט צו שטערן איר בן־יחידל,

און די גאַנצע שול מענער קוקן אויף אים און אויף זיין טאַטן, און די גאַנצע שול ווייבער זיינען מקנא שׂרהן, — ס׳אַ גאַט בענטשונג! — זאָגן די ווייבער, און די מאַמע ווערט גרעבער ווי לענגער.

פּלוצלונג פאַלט אים איין אַ געדאַנק: וואָס טראַכט איצט די מאַמע? זי איז איצט צו סליחות, אַן אַנדערער זינגט מסתם אויף זיין אָרט, און די מאַמע מוז טראַכטן פון אים, פון איר חיימקען, און וויינען . . . און עס נעמט אים אָן אַ פאַרדראָס אויף יענעם אומבאַקאַנטן זינגערל, וועלכער וועט פאַרנעמען זיין פּלאַץ ביים עמוד; וועלכער וועט זינגען זיינע סאָלאָס, וועט גזלנען זיין כבוד, און דער עיקר, די מאַמע, ווי עלנט זי מוז זיך איצט פילן, ווי פאַרשטערט עס מוזן איר זיין די סליחות, און ווי פאַרשטערט וועט איר זיין דער גאַנצער יום־טוב.

און חיימקע פילט, אַז דאָס האַרץ ווערט אים פאַרקלעמט און טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן. ער האָט ניט באַמערקט ווי דער גאַנצער עולם קוקט איצט אויף אים. די גאַנצע שול האָט זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן: איין לאַגער זאָגט, אַז עס איז ניט כדאי, פאַרט אַ אינגל, און דער צווייטער לאַגער ברייעט פונקט פאַרקערט, אדרבא, ווייל אַ אינגל, נאָך פאַר בר־מצוה, ריין פון זינד און אַ רגיל איז ער דאָך. די ווייבער, וועלכע האָבן זיך אָנגעהערט פון סלאַוועס וועגן דעם שטאָטישן זינגערל, זיינען צוגעשטאַנען צום צווייטן צד און געפאָדערט ניט אַנדערש, אַז נאָר ער, חיימקע, זאָל זאָגן סליחות. און דער איבעריקער עולם האָט געמוזט מסכים זיין.

* * * * *

חיימקע האָט צוגעשט ווי ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון אים. וואָס הייסט, ער וועט זיין אַ חזן? אמת, ער האָט אָפּט געחלומט צו ווערן אַמאָל אַ חזן, אַזוי ווי פּיטשע, אַזוי ווי ניסי, וועגן וועלכן ער האָט אַזויפיל געהערט פון יאַנטלען און פון די איבעריקע משוררים, אָבער דאָס וואָלט זיין שפּעטער, ווען ער וועט אויפוואַקסן. אָבער איצט ? . . און ער האָט צעטומלט אָנגעקוקט דעם עולם און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— נו, גיי שוין גיי, וואָס לאָזטו זיך בעטן! — האָבן זיך דערהערט קולות פון די מענער. און ר׳ אייזיק האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און צוגעפירט צום עמוד.

דער עולם האָט געמאַכט פּלאַץ, זיך צעשטופּט אויף ביידע זייטן. אָבער ווען חיימקע איז שוין געשטאַנען ביים עמוד און דער פעטער האָט שוין געוואָלט אַרויפוואַרפן אויף אים דעם טלית, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז יאַנטל פלעגט אַנדערש ניט גיין צום עמוד צו סליחות, סיידן ער זאָל פריער האָבן טבילה.

— והייתם נקיים לד׳ אלוהיכם, — פלעגט ער דערקלערן, — אַ חזן איז גליך צו אַ כהן גדול. ער איז דער שליח־ציבור און ער מוז זיין געריייניקט הן בגופו והן ברוחו. — אַזוי פלעגט יאַנטל דערקלערן זיינע משוררים, — די טבילה נעמט אַראָפּ אַלע מחשבות זרות און דערמאָנט דעם שליח־ציבור ״לפני מי את עומד״.

און פאר חיימקעס גערדאנקען האבן אויפגעבליצט אלע זיינע מעשים־טובים פונם גאנצן זומער, אז ער האט זיך געשפילט מיט שקצים און מיט שיקסעס, געזונגען פאר זיי און מאריקא האט אים אפילו איין מאל א קוש געטאן אויך, און א ציטער איז דורכגעלאפן זיין גאנצן קערפער. ניין, ער איז ניט ראוי צו זיין דער שליח־צבור.

יעצט האט שוין דער גאנצער עולם געוואלט און ניט אנדערש. איצט, ווען חיימקע איז געשטאנען באוועגלאן, מיט אראפגעלאזטע, פארשעמטע אויגן און געזאגט, אז ניין, האט די נייגעריקייט אלעמען ארומגעכאפט און אלע האבן גענומען אים צורעדן, גלעטן, בעטן, אז ניט אנדערש, ווי דען? נישקשה, עס יועט ניט זיין אומזיסט, חלילה! קהל איז ניט קיין גזלן.

ווען חיימקע האט דערזען, אז עס איז אין ברירה, האט ער דערקלערט אז ניט אנדערש, ער מוז טבילה האבן.

און ר׳ אייזיק מיט נאך אידן האבן גענומען דעם יונגן שליח־צבור צום טייך טבילה אפריכטן.

* * * * *

איז דרויסן האט שוין געשאריעט אויף טאג און א קאלט אסיענדיק רעגנדל האט געמראקעט. א קאלט ווינטל האט געבלאזן פון מערב־צפון זייט און האט דורכגענומען ביז די ביינער. דער טייך איז געווען בארג־אראפ צו פון שול און חיימקע איז געגאנגען גיך, כמעט פאר אלעמען. פריער פון אלעמען האט ער זיך אויסגעטאן און אריין אין טייך, דריי מאל זיך טובל געווען, גע־מאכט די ברכה און ארויס. די אנדערע האבן זיך ערשט אויסגעטאן און חיימקע איז געבליבן ווארטןביים טייך אויף די איבעריקע אידן, ציטערנדיק פון קעלט.

גייענדיק צוריק פון טייך, מיטן וואסער רינענדיק פון זיינע פאות, מיט די פאלעס פון קאפאטקעלע צעבלאזן פון ווינט ווי צוויי פליגל, אביסל איינגעבויגן, האט ער דערפילט אין הארצן א מאדנע נודנעקייט, עפעס ענלעך צו יענעם געפיל, ווען ער פלעגט זיין קראנק אויף קדחת. אבער ער האט זיך געשטארקט. דער גערדאנק, אז ער וועט אליין דאווענען ביים עמוד, אליין זיין דער חזן, האט אים צוגעגעבן מוט, און ער האט געשפאנט פארויס בארג־ארויף און נאך אים די איבעריקע אידן, גלייך צום שול.

מיט דרייסטע טריט איז ער צו צום עמוד, גענומען דעם טלית, דריי מאל א קוש געטאן. דער טלית איז געווען א גרויסער, א לאנגער און ער האט זיך געפלאנטערט אין אים. אימעצער האט א קעסטל פון שוועבעלעך געבראכט, צום עמוד צוגעשטעלט און חיימקע איז ארויף און מיט זיין זילבערן קולכל אויסגעשריען מעלאדיש:

— אשרי יושבי ביתיך עוד יהללוך סלה ! . .

די שול איז איבערגעפילט געווארן מיט קולות פון די דאוונער, און חיימקע האט זיך דערמאנט, אז יאנטל פלעגט זאגן, אז עס איז אלעמאל דער חזן, וועלכער באשאפט די ימים־נוראימדיקע שטימונג, און באשאפן באשאפט

ער זי נאָר צו סליחות. אַפּגעהיט מוז זיין א חזן, אז דער ערשטער אקאָרד וואָס ער לאָזט ארויס פון מויל, זאָל זיין אזעלכער, וואָס זאָל דערמאָנען דעם אידן, אז עס קומט א יום־הדין, אז עס איז דאָ א דין ושופט, אז אפילו א פיש אין וואסער ציטערט היינט. דערום מוז א חזן דעם ערשטן סיגנאַל געבן אין זיין "צדיק ד׳ בכל דרכיו". און אז יאָנטל פלעגט זאָגן זיין "צדיק ד׳" איז דאָס שוין געווען איין מאָל געזאָגט. און חיימקע האָט באשלאָסן נאָכצו־פאָלגן אין אלץ יאָנטלען.

דער עולם איז ביסלעכווייז אנטשוויגן געוואָרן און אלץ און אלע האָבן ווי געוואַרט אויפן אָנפאנג. א טויטע שטילקייט האָט געהערשט אין שולכל. סלאַווע האָט פון דער ווייבערשער שול דעם קאָפּ ארויסגעשטעלט און די אויערן אָנגעשטעלט און מיט די אויגן אין חיימקען זיך איינגעגעסן. אלע וואַרטן. און חיימקע האָט אָנגעפאנגען שטיל, שטיל, כמעט ווי פאַר־שטאָרבן, אָבער אזוי הארציק־טרויעריק, אז אלע האָבן דערפילט עפּעס א באזונדער געפיל. א באזונדער לופט האָט אָנגעפילט דאָס גאנצע שולכל.

— צדיק ד׳ בכל דרכיו, — טענהט זיך אוים חיימקע מיט זיין עדה, וחסיד בכל מעשיו . . .

און דער עולם פילט, אז ער איז גערעכט, און א שטילער קרעכץ רייסט זיך פון הארצן ארוים.

— רצון יריאָיו יעשה, — שרייט אוים חיימקע אויף זיין העכסטער אָקטאַווע, וועלכע קלינגט אָפּ אָן די נידעריקע פענצטערלעך פון שול און טראָגט זיך צום סופיט און דרינגט אריין טיף־טיף אין יעדערנס הארץ, און אָט קלאָגט ער שוין ווייטער, — ואת שועתם ישמע ויושיעם, — און דער גאנ־צער עולם זיך פארגאַפט. אויף אזויגס האָבן זיי זיך גאָרניט געריכט, אבי ארומגעקריגט זיך. געזען אביסל, אזא צאצקע . . . היינט, גיי טרעף . . .

פון דער שטילקייט וואָס עס האָט געהערשט אין שול, פון דעם וואָס דער עולם האָט זיך גערדריקט אלץ נעענטער און גערדיכטער צו אים, פון די קרעכצן וואָס האָבן זיך געריסן פון די אידנס הערצער יעדער מאָל, האָט חיימקע פארשטאנען, אז ער האָט אָנגעקלאַפּט די ריכטיקע אָקטאַווע און געהאַפּט ערשט צו באווייזן דעם עולם וואָס ער קאָן.

צו קדיש האָט דער גאנצער עולם מיטגעהאָלפן זינגען דעם סקארבאָוועץ "בחייכון וביומיכון", און דער עולם האָט זיך ווייטער נאָך מיט מער התלהבות פארטאָן אין דעם "לך ד׳ הצדקה". אלע האָבן געפילט, אז דאָס איז ניט סתם סליחות, נאָר אז די גאָר גרויס־שטאָטיקע וואָלטן זיך געמעגט ווינטשן אזעלכע סליחות. און דער עולם האָט געזאָגט געשמאַק און מיט היץ, און אויסגעלאָזט מיט א מין שטאָלץ און זיכערקייט "וסלחת לעונינו כי רב הוא". און חיימקע האָט אָנגעפאנגען זיין "צדק ומשפט מכון כסאך", אָבער אזוי הארציק, אזוי טרויעריק האָט זיך געגאָסן זיין קול, אז אלע זיינען ווי פארגליווערט געוואָרן אויף די ערטער. די פּראָסטע דאָרפס־אידן, וועלכע האָבן אויף זייער לעבן קיין חזן ניט געהערט, האָבן דערפילט ווי עפּעס א כישוף־מאכער איז געקומען צווישן זיי און זיי איבערגעטראָגן אין א נייער וועלט און ניט איז די וועלט א נייע, אז אנדערע, נאָר זיי אליין זיינען עפּעס אויך אנדערע. זיי פילן ווי עפּעס

קייקלט זיך אראָפּ פון הארצן, עפּעס שווערס, און דאָס הארץ ווערט אלץ גרינ־גער און ווייכער, און עס ווייגט זיך אזוי געשמאַק, און עס פילט זיך אזוי גוט, און פונם עמוד טראָגן זיך אלץ די וויינענדיקע און בעטנדיקע, לאַשטשענדיקע און שטראָפנדיקע טענער: "הנשמה לך והגוף שלך"... און פון דער ווייבער־שער שול טראָגט זיך א יאָמער און די מענער קאָנען זיך שוין אויך מער ניט מענטשלען, און די גאַנצע שול ברעכט אויס אין א יאָמער, ביז חיימקע פאַר־ענדיקט מיט זיכערקייט און שטאָלץ: "וסלחת לעונינו כי רב הוא"...

און דער עולם, ווי אָפּגעטאָן דער כישוף פון אים, פאַרשטייט וואָס מען פאָדערט פון אים, כאַפּט אונטער: "סלח לנו אבינו"...

* * * * *

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען חיימקע האָט די לעצטע טענער פון "מכניסי רחמים" ארויסגעלאָזט. דער מארק איז שוין געווען פול צונויפ־געפאָרן. די אידן אָבער, וועלכע האָבן פריער מורא געהאַט דעם מארק צו פאַרשפּעטיקן, האָבן ווייניק וואָס געטראַכט דערפון. כאַפּט עס א גוטן יאָר, — האָבן זיי געזאָגט, — מ'שטיינס געזאָגט, וואָס איז דאָס לעבן... אלע האָבן זיך געפילט עפּעס אזוי מאָדנע־טרויעריק, און דאָך אזוי גוט... אלעמענס אויגן זיינען איצט געווען גערוכט צום קליינעם, צוועלף־יאָריקן אינגל, וועלכער האָט פאַר זיי אנטדעקט נייע וועלטן; וועלכער האָט אראָפּגעוואַשן פון זיי דעם שטויב פון דער נשמה און זי אזוי אָפּגעפרישט, אז עס פילט זיך אזוי גוט, אזוי מחיהדיק, אז קיינעם האָט זיך ניט געוואָלט פאַרלאָזן די שול און אלע האָבן זיך גענומען שטופּן אָנצוקוקן נעענטער דעם יונגן צויבערער, וועלכער האָט אזוי אזויפיל פאַרגעניגן פאַרשאַפט.

חיימקע איז שוין געזעסן אַן דעם טלית, לעבן אָרון־קודש, בלייך ווי די וואַנט. ער האָט גאָרניט געהערט, וואָס מען האָט גערעדט צו אים, גאָרניט פאַרשטאַנען וואָס ארום אים טוט זיך. אין די שלייפן האָט אים עפּעס האַמ־טיק געקלאַפּט, דער קאָפּ מאָדנע געגליט און אין הארצן האָט עפּעס אזוי מאָדנע גענודיעט...

די גאַנצע שול מיטן עולם האָבן זיך אים גענומען דרייען פאַר די אויגן. דרייען, דרייען און מיטאמאָל איז אלץ פאַרשוואונדן...

* * * * *

דער עולם האָט זיך גענומען טומלען, פּילדערן: "דער חזן האָט געחלשט... נעמט אים אין דרויסן"... פון דער ווייבערשער שול האָט זיך סלאָווע, ווי א דונער דורכגעריסן, און גלייך צו די מאַנסבילן, פאַרבראָכן מיט די הענט:

— א וויטיק איז מיר! געפּטרט דאָס קינד! אז עין־הרע געגעבן, אז ארויסקריכן זאָל עס זיי!..

ברידערלעך

ברידערלעך

צוויי זיינען זיי. צוויי שיינינקע, קליינינקע אינגעלעד — איציקל און שלמהלע.

איציקל איז א פול־געפּאקטער קאראפּוז, שטענדיק מיט רויטע בעקעלעד, מיט עטוואס גרויסע, גראבלעכע, אבער רויטע ווי קארשן ליפּן, וועלכע יואלטן זיך ווי געבעטן: "קושט אונדז"; מיט צוויי גרויע, אבער גרויסע און שיינע, ליכטיקע אויגן, וועלכע קוקן דורכדרינגענדיק אריין יעדערן אין די אויגן, מיט א הויכן, ווייסן שטערן, וועלכער פּארענדיקט זיך מיט צוויי טיפע ווינקלען, קוקנדיק אויף וועלכע אונדזערע אלטמאדישע מאמעס וואלטן נביאות נעזאגט, אז דאס קינד וואקסט א רב, אדער גאר א גאון, א תלמיד חכם. קורץ געשווירענע גלייכע ווי זייד קאשטאנגענע האר, וועט פּארענדיקן דאס אויסערלעכע אויסזען פון איציקלען, וועלכן מען דארף נאר איין מאל זען, א קוק טאן אויף אים און ליב באקומען. און איציקלען האט טאקע יעדער איינער ליב. יעדערער וואס קאן אים — חוץ זיין שטיף־פאטער, וועלכער וויל פון אים יעט וויסן.

איציקל איז פון דער נאטור א צוגעלאזענער, א רעדעוודיקער, כמעט ווי א פּלאפּלער. מיט יעדן א גוטער ברודער. דערזעט ער אייך לויפט ער אייך גלייך אנטקעגן און כאפּט ארום אייער קני (העכער קאן ער ניט דערלאנגען), און קוקט ארויף צו אייך גלייך אין די אויגן. און באגעגענען זיך אייערע אויגן מיט זיינע, פארכאפּט אייך ביים הארצן און איר דערפילט א מאדנע געפיל פון רחמנות צום קינד, וואס דורשט נאך א גלעט איבערן קעפּעלע, וואס דורשט און לעכצט נאך א צערטלעכער אומארמונג און איר דערפילט א באזונדער ליבע צום קינד.

איציקל וויים עס. ער דערפילט עס באלד, אז ער האט האט אייך געוואונען אויף זיין זייט. און באלד וויל ער ויסן, ווי אייער נאמען איז, און צי האט איר א קאר. איציקל האט ליב פריינט וואס האבן קארס, ד"ה, ער האט ליב אלעמען; נאר פונדעסטוועגן, אויב איינער וויל שטארק אויסנעמען ביי איציקלען, מוז ער האבן א קאר.

נעמען נעמט זיך עס דערפון, וואס זיין ערשטער, אמתער גוטער פריינט, נאך זיין פאטערס טויט, איז געוועזן מ. ה., וועלכער האט אים דעם ערשטן שפּאציר אין א קאר געגעבן, ווען ער האט אים פונם קריסטלעכן בית יתומים געבראכט, און פאר דער טובה רופט אים איציקל ניט אנדערש ווי פּאפּא, און באריכט זיך שטענדיק פארן קליינוואַרג:

— מיין פּאפּא וועט קומען זונטיק. פּאפּא האט א גרויסע קאר, א נייע, א שיינע קאר, און וועט מיך נעמען פאר א שפּאציר . . .

אָבער דאָס וואָלט געהייסן פאַרלויפן דעם וועג. מיר האַלטן נאָך ניט דערביי.

אין קעגנזאַץ צו איציקלען איז זיין ברודערל שלמהלע. אויך א קליי־נינקער, נאָך קלענער פון איציקלען, אַן איידעלער, מיט א ווייס־מאַט פּנימל, מיט צוויי גרויסע, בלויע אויגן, וועלכע לייכטן ארויס פון אונטער צוויי שווארצע ברעמען.

שלמהלע איז א שעמעוודיקער און א שווייגנדיקער. אָפּטמאָל א ברוגזדיקער; בכלל זייער א שטילער. טוט אים אמאָל עמיצער אַן עוולה, ווערט ער ניט לויפן פאַרמסרן, וועט ניט ליאַרעמען, ניט וויינען, נאָר וועט אוועקגיין אין א ווינקל זיך אָנבלאָזן, ברוגז ווערן און איבערשווייגן דעם ווייטיק, אי־בערשווייגן און איבערליידן, אָבער ניט פאַרגעסן.

שלמהלע געדענקט לאַנג אַן עוולה, סיי פון א גרויסן און סיי פון א קלענערן פון זיך, און ווארט אָפּ שטילערהייט די געלעגנהייט צו באַצאָלן. און זיין שטראָף איז אלעמאָל פון א באַזונדער מין. שלמהלע איז א מאַדים צו געפינען שפּילצייג אָדער גאָר אליין מאַכן א שפּילעריי. געפונען צוויי ליידיקע בלעכענע קעסטלעך, צומאַכן צו זיי שטריקלעך פון דריי זייטן און זיי אָנטאָן אויף ביידע פיס און מיט די הענט אָנציען די שטריקלעך, און קליינוואַרג איז מקנא און לויפט נאָך, און בעט זיך:

— לאָז מיך פּרוּוון, שלמהלע, דו קאָנסט מיך! איך בין דיין פריינט!

און שלמה דרייט זיך אוים האסטיק, — ווער איז זיין פריינט? — דו פּייוועקע, געדענקסט האָסט מיך געשלאָגן פאַר גאָרניט . . . נא, חיימקע, דו מעסט אַן מיינע שטאָלצן . . .

אָדער ווען אימעצער קומט צו אים פון זיינע פריינט און ברענגט אים צוקערקעס, שאָקאָלאַד אָדער באַנאַנעס, און חברה שטעלן זיך ארום און יעדערער שרייט:

— שלמהלע, שלמהלע, דו קענסט מיך? געדענקסט, איך האָב אמאָל געהאַט מאַראַנצן . . . שלמהלע, גיב מיר א שטיקעלע . . . איין ביס, אַט אזוי גרויס . . .

און שלמהלע באַטראַכט די קאָמאַנדע שטילערהייט מיט זיין שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן, דעם קאָפּ אביסל אראָפּגעלאָזט, אָנגעבויגן, ניט אראָפּ־געמענדיק קיין אויג פון זיין עשירות. און פון דער גאַנצער קאָמפּאַני קלייבט ער אוים יענע, צו וועלכע ער האָט קיין טענות ניט, וועלכע האָבן אים קיין־מאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן, אָדער וועלכע האָבן זיך געטיילט מיט אים מיט זייערע קאָנפעקטן און מאַראַנצן ווען זיי האָבן געהאַט. ער צעברעכט זיין גאַנץ פאַרמעגן אין גלייכע חלקים און מאַכט א סעודה פאַר אלע זיינע פריינט, די שונאים אויף צו להכעים.

און מעג פּייוועקע טרעלבאָך רייצן חברה און זיך קילן דאָס האַרץ מיט "וואַרט ווען איך וועל האָבן", אָדער "מאָרגן קומט מיין מאַ און וועט מיר ברענגען פינף הונדערט מיליאָן טריליאָן מאַראַנצן און צען הונדערט מיליאָן

טריליאַן צוקערקעס, און איך וועל אליין אַלץ אויפעסן, קיינעם ניט געבן אפילו
א לעק". — שלמהלע ווערט ניט נתפעל: ערשטנס, ווייס ער, אז פּיווקע האָט
גאָר קיין מאַמע ניט, קיין טאַטן אויך ניט, און צווייטנס, — און אז ער וועט
שוין יאָ עפּעס האָבן, וועט ער דאָך סיי ווי סיי קיינעם ניט געבן א לעק . . .
נאַרישקייטן! פּיווקע טרעלבאָך גיט סיי ווי סיי קיינעם ניט . . .

נאָך גרעסער און שאַרפער איז זיין נקמה צו גרויסע.

שלמהלע האָט בכלל ווייניק צוטרוי צו גרויסע. עפּעס שרעקן זיי אים
אָפּ מיט זייער גרויסקייט. שטענדיק זיינען זיי נאָר פאַרנומען. שטענדיק אַזעלכע
ערנסטע, ברוגזע, בייזע. קיינמאָל קאָן מען זיי ניט גאַווירן: דאָ שטיי ניט,
דאָרט ליג ניט, אַהין גיי ניט, דאָס טאָרסטו ניט, — אין שלמהלעס מוח האָט
זיך שוין פון לאַנג פאַרמירט א געדאַנק, אז די וועלט וואָלט גאָרניט געווען
אַזוי שלעכט, ווען ניט אָט די גרויסע, וועלכע לאָזן ניט.

קריכן אויפן פּלויט, למשל, ווען מען קען דאָס אַרן, אז ער, שלמהלע,
האָט ליב זיך אַרויפצודראַפּען אויפן סאַמע שפּיץ פון פּלויט, און גראָד דאָרט
אויפן שמאָלן באַלקנדל, שפּאַצירן פון איין סטוף צום צווייטן? עס איז דאָך
אַזוי גוט: ערשטנס, פּיווקע טרעלבאָך האָט שוין א סך מאָל געפּרואווט דאָס
נאָכטאָן און איז אַראָפּגעפאַלן און זיך צעקלאַפּט די נאָז; און צווייטנס, איז
סתם בעסער צו שפּאַצירן אויפן פּלויט איידער אַרומלויפן אויף דער ערד.

און דאָס זעלבע איז מיט די ביימער. א שטייגער, אויף וואָס האָט גאָט
באַשאַפן אַזעלכע שיינע, גרינע ביימער, אז ניט פאַר אינגלעך צו קריכן אויף
זיי? און קאַשטאַנעס אויף וואָס האָט גאָט באַשאַפן? און "טשאָוקטשערים",
און ווילדע וויינפּערלעך וואָס וואַקסן אינם וועלדל ניט ווייט פון דער היים,
וואָס, דאַכט זיך קיין בעסער מאכל איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ . . .

געפעלט דאָס אַלץ אָבער ניט די גרויסע. און רק זיי בייזערן זיך, און
רק זיי שטראָפן, און נאָר זיי רעדן אויס. און שלמהלע האָט פיינט, תכלית־
שנאה, אז מען רעדט אים אויס. ער האָט בכלל פיינט אז מען מישט זיך אין
זיינע ענינים. שלמהלע האָט ליב קיינער זאָל זיך צו אים ניט טשעפּען. ער
וויל זיך פּליעסקען אינם וואַסער, איידער זיך באָדן, בעסער איידער זיך וואַשן—
ווען מען אַרט עס? איז אָבער ניין, — קומט די נוירם און שרייט, און פאַנגט
אָן צו רייבן, און צו זייפן, און צו באָדן, און טונקען אים דעם קאָפּ אין וואַסער.
און שלמהלע וויינט ניט, לאָזט זיך דווקא, נאָר ברוגז איז ער, פאַרדריסן פאַר־
דריסט עס אים, און געדענקען געדענקט ער עס.

ער ווייס אז די זעלבע גרויסע נוירס דאַרף אַמאָל אָנקומען צו אים,
מער ווי ער צו איר. עס ווייס אז א קוש וועט זי בעטן ביי אים, און שאָקאָלאַד
אים אָנבאָטן, און צוקערקעס, און סענטן — אבי ער זאָל נאָר די אויגן אויפ־
הויבן און א שמייכל טאָן. אָ, ער ווייס זיין פּרייז, און נעמט אָפּ מיט פּראָ־
צענטן. ווייל ווי געשמאַק עס זאָל ניט זיין א שאָקאָלאַד, אָדער א הויפן גלאַנ־
צנדיקע רויטע ווייַנשל, איז נאָך געשמאַקער דעם פאַרגעניגן ניט נאָכצוגעבן
און נעמען נקמה פון זיינע שונאים, וועלכע פאַרגינען אים ניט דאָס לעבן.

פונדעסטוועגן האָט שלמהלע מאָמענטן, ווען ער חלשט צו טוליען זיך
גראָד צו איינעם פון די פאַרהאַסטע גרויסע און פאַרגעסן אַלע קריוודעס, אַזעל־

כע מאָמענטן קומען אַן אויף שלמהלען ניט פלוצים, נאָר ווען צו עמיצן פון זיינע חברים קומט א מוטער אָדער א פאָטער, צי אזוי א פריינד, און מען נעמט אים אויף די הענט, און מען קושט אים, און מען גיט אים מתנות, און שלמהלע שטייט פון דער וייטנס, כלומרשט א ברוגזער, און לאָזט קיין אויג ניט אראָפּ פון דעם גליקלעכן וואָס ווערט געקושט און געהאלדזט פון עמיצן.

און עס הויבט אים אָן דאָס הערצעלע צו פאַרקלעמען, און עס ווערן אים פייכט די אייגעלעך, ער וויינט ניט, נאָר ווען עמיצער פון די גרויסע גייט פארביי קוקט ער אריין אזוי בעטנדיק אין די אויגן. און אויב דער גרויסער פארשטייט אים, אויב ער איז ניט בייז, ניט פארטאָן, ניט פארהאַוועט, און באַנעגנט שלמהלעס אייגעלעך, און ציט זיין קעפעלע צו צו זיך און גיט אים א גלעט — דאן כאַפּט זיך שלמהלע צו מיט אלע כוחות און כאַפּט ארום די קני. און אויב מען נעמט אים אויף די הענט, כאַפּט ער ארום דעם האלדז, דעם קאָפּ און טוליעט זיין בעקעלע צום גרויסנס פנים, און ליב ווערט אים יעדערער, און ער קושט און ווערט געקושט, און שלמהלע איז גליקלעך און ווערט רעדעוודיקער.

און ער רעדט פון זיין פאָפּא (וועלכער איז שוין לאַנג טויט, און וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט), אַז ער וועט מאָרגן קומען; אַז זיין פאָפּא איז רייך, און וועט אים ברענגען א פאָני, און וועט אים נעמען אהיים, און די מאמע וועט צו אים קומען, אַגן שלמה צערעדט זיך און פארגעסט זיך . . .

ער זעט שוין זיין מוטער: זי קומט מיט די שוועסטערלעך און מיט גוטע זאכן. א סך ברענגט זי אים. ער שפרינגט צו איר אויף די הענט דער ערשטער — ער איז אלעמאָל דער ערשטער — און איציקל שטייט ביי דער זייט, האלט זיך אָן אין איר קליידל, און די מאמע שפּילט זיך מיט זיינע זיי־דענע הערעלעך, און ער שפּילט זיך מיט דער שוועסטערלס קארעלן. קיינער האָט ניט אזא שיינע מאמע ווי ער, קיינעמס שוועסטערל האָט ניט אזעלכע שיינע קארעלן ווי זיין שוועסטערל.

— דו קאָנסט מיין שוועסטערל? — פרעגט פלוצים שלמהלע, און באַרימט זיך, — זי האָט שיינע קארעלן . . . און א "דזשאָמפּינג דזשעק" וועט מיר מאמע ברענגען . . . ער מאכט האָפּ־האָפּ . . . דו האָסט א "דזשאָמ־פּינג דזשעק"? און מארבלס . . . א סך, א סך מיר מאמע ברענגען . . . האָסט מארבלס ? . . איך קאָן שפּילן מארבלס . . . פּייווקע מיר צוגענו־מען די . . .

און אויב איר געדענקט נאָך, ווען אפילו שוואכלעך, אייער אייגענע קינדהייט, און איר קוקט אריין אין שלמהלעס אייגעלעך, ווי זיי חלומען . . . און פארשטייט דעם קינדס נשמהלע, ווי עס גאַרט און ציט זיך נאָך א שטראַל פון ליכט און זונשיין, ווי א פריש בלימעלע נאָך א ליכטיקן שטראַל — וועט איר פארשטיין דאָס פרעמדע קינד, ווען עס טוליעט זיין בעקעלע צו אייער באַק, זיין טרער וואָס פינקלט אין די ליכטיקע אייגעלעך; און ליב וועט איר זיך דערפילן צו אים, און איר וועט וועלן וויסן ווער ער איז . . . ווי דאָס קינד קומט אהער . . .

— —

פרעגט ניט ביים קינד, רייצט ניט זיינע וואונדן. וואס ווייס א קינד? זיין ברודער, איציקל, וועלכער איז עלטער פון אים מיט צוויי יאר, ער געדענקט נאך עפעס ווי דורך א חלום. ער רעדט ניט וועגן דעם, נאר אין מינוטן פון איינזאמקייט פאררוקט ער זיך ערגעץ אין א ווינקל און לייגט אריין זיין גרויסן קאפ מיט די צוויי שלייפן אין זיינע ווייסע, קליינע הענטעלעך, אנגעשפארט אויףביידע קני, און חלומט זיין חלום פון אמאל.

אין אזוינע מאמענטן איז איציקל דער בעסטער מאדעל פאר א סקולפטאר, וועלכער וואלט וועלן אויסדריקן אין מראמאר אדער בראנז דעם געדאנק "פאריתומט", אדער "עלנט". און באמערקט איר ווי א טרער פינקלט אינם אייגעלע און קייקלט זיך אויף די ווייס־פוכקע בעקעלעך, זייט דאן פאר־זיכטיק מיטן קינד, רופט ניט ארויס קיין נייע טרערן, די וועלט האט גענוג.

יונג איז נאך איציקל, נאר אינגער איז שלמהלע. דאך פילט און ווייס איציקל, אז ער איז פארט דער עלטסטער. ביידע, איציקל און שלמהלע, האבן א סך, א סך חברים. איציקל ווייס אבער, אז שלמהלע איז זיין ברודערל און אז ער, איציקל, איז דער עלטערער און אז אויף אים ליגט דער חוב אים צו באשיצן.

און שלמהלע ווייס עס טאקע אויך. און אין מינוטן פון נויט, ווען אינגלעך דאקוטשען אים, ווען מען לאזט אים ניט אליין אין זיין איינזאמקייט, אדער מען טוט אים שלעכטס, לויפט ער און געפינט איציקלען: "אוואמקע דענעמט מיין באל און אדאפדעסטופט פון סווייד"... און איציקל פאר־שטייט אז אברהמקע פעפערל האט ביי זיין ברודערל צוגענומען דעם באל און אים אראפגעשטופט פון סלייד (גליטשעלקע). און ער כאפט זיין ברודערל ביים הענטל און לאזט זיך אוועק זוכן גערעכטיקייט. ער שטעלט אפ יעדער גרוים אינגל (די ערשטע אינסטאנץ) און דערציילט זיין קריוודע: צוגענומען ביי אים דעם באל און פון סלייד אראפגעשטופט. און איציקל דערציילט עס מיט א טאן פון אנטריסונג און רחמנות, און צו דער זעלבער צייט וועלנדיק איבערצייגן דאס גרויסע אינגל אין דער גאנצער גרויסקייט פון דער עוולה וואס איז באגאנגען געווארן קעגן זיין ברודערל.

העלפט ניט די ערשטע אינסטאנץ (אינגלעך, אפילו גרויסע, האבן אמאל זייערע אייגענע צרות), לאזט זיך איציקל צו דער נוירס (די צווייטע אינסטאנץ). און העלפט ניט די נוירס, שטעלט זיך איציקל ניט אפ. ער ווייס דעם וועג צו אפיס און מיטן סופעראינטענדענט איז ער גאר א גוטער־ברודער. און איציקל און שלמהלע שלייכן זיך אריין אין אפיס. שלמהלע — א שווייגנ־דיקער, א ברוגזער; איציקל — זיין פארטיידיקער — רעדט און דערציילט מיט אלע פישטשעווקעס און פארגרעסערט די עוולה ביז זי צעוואקסט זיך אין א פארזוך פון מארד כמעט. און ווען ער באקומט צוריק דעם באל פאר זיין ברו־דערל, לאזט ער זיך אראפ צו אים אויף די קני און קוקט אים אריין אין די אייגעלעך, גלעט אים איבערן קעפעלע, קושט אים און טרייסט אים.

— זעסט, אט האסטו צוריק דעם באל! ..

און עס מיינט אזויפיל ווי: "דו זעסט, דו האסט ניט צו זארגן ... איך בין דיין ברודערל און וועל ניט דערלאזן דיר שלעכטס צו טאן"...

אין דער גרויסער היים פון אַזויפיל היימלאָזע קינדער, איז די בעסטע טעמע צווישן קינדער צו רעדן — די היים. ד"ה, די אַלטע היים, וועלכע איז ניט געווען אַזוי גרוים, אפשר אפילו ניט אַזוי שיין, ניט אַזוי אין אָרדענונג — עס איז אָבער געווען דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטערלעך און ברידערלעך, און אַלץ איז געווען אַנדערש.

איז עס געווען בעסער? ווען קינדער פאַנגען אָן צו וועבן פאַנטאַזיעס פון דער היים, ענטפערן זיי אויף דער פראַגע זייער שטייגער. אַלץ און אַלע ווערן אידעאַליזירט און לעגענדאַריזירט: די מאַמע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ צויבער־פייע פון די וואונדער־מעשהלעך; און דער טאַטע, מעג זיין ווער עס איז — אינם העלדישן, גוטן פּרינץ; און די מאכלים פון דער היים — מעדני־מלך; און זיי אַליין, די קינדער — דער צענטער פון אַלץ און אַלעמען, פאַר וועלכע די פייע האָט שיינע לידעלעך געזונגען און צויבער־מעשהלעך דערציילט, און דער פּרינץ האָט מיט וועלטן געקעמפט און פאַר זיי פון פויגל־מילך געבראַכט.

און אַז קינדער פאַנגען אָן צו וועבן פאַנטאַזיעס, גלויבן זיי באמונה שלימה יעדער וואָרט. און אַלץ ווערט ביי זיי רעאַליזירט, אַלץ זען זיי ווי אין דער ווירקלעכקייט. און ווייל די פאַנטאַזיע איז אַזוי — פיל שענער ווי די גרויע ווירקלעכקייט, — איז ניט זעלטן צו געפינען אַ קינד וואָס פאַררוקט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל און וועבט זיין חלום מיט אָנגעשטרענגטע אויגן און חושים, — אָפּטמאָל אַ פאַרווײנטער און אַ פאַרצאַרנטער.

איציקל איז איינער פון אַזעלכע טיפּן קינדער. אין דער ווירקלעכקייט אַ רעדעוודיקער, אַ שטיקל באַרימער. ווען אַליין, מיט זיך, איז ער אַן אמתער טרוימער — און איציקל האָט פון וואָס צו טרוימען, וועגן וואָס צו קלערן.

ווי דורך אַ נעפּל געדענקט ער זיין היים, אַ שיינע, קליינע היים, וואו ער, זיין פאָטער, זיין מוטער, זיין שוועסטערל און שלמהלע האָבן געלעבט. זיין פאָטער פלעגט קומען יעדן אָוונט, ברענגען אים באַנאַנעס, אַמאָל קענדיס אָדער שאָקאָלאַד; זיין שוועסטערל פלעגט זיך שפּילן מיט אים, די מאַמע פלעגט אים האַלטן אויף די הענט, ווען זי האָט שלמהלען ניט געהאַלטן . . . שלמהלע איז נאָך גאָר אַ קלייניטשקער געווען, פלעגט נאָך זויגן דער מאַמעס ברוסט און ער פלעגט משונה הנאה האָבן צו זען ווי דאָס ברודערל ציט, ציט דער מאַמעס לייב . . . ער האָט דערפון הנאה געהאַט און די מאַמע איז אויך גליקלעך געווען, וואָס שלמהלע עסט מיט אַזאַ הנאה די מילך פון איר אייגן לייב.

איציקל פלעגט שטאַרק ליב האָבן צו שטיין ביי דער מאַמעס זייט און אַרויפקוקן צוביידן: צו דער מאַמעס פּנים, וואָס איז דאַכט זיך אַזוי שיין און איידל, און צו שלמהלען, וועלכן ער האָט אַזוי ליב . . . און ווען שלמהלע עסט אָפּ, בעט ער זיך ביי דער מאַמען זי זאָל אים לאָזן אַביסעלע האַלטן דאָס ברודערל, און ער נעמט אים אין ביידע הענט. און די מאַמע האַלט זיי, ער זאָל אים ניט אַראָפּוואַרפן, און ער קושט, קושט האַרציק און ליב זיין ברודערל שלמהלען.

— —

ווען איציקל האט זיך אויפגעכאפט אין איינעם א פרימארגן, האט ער דערפילט, אז עפעס איז געשען. באגריפן וואס עס איז געשען האט ער נאך נישט געקאנט אבער. שוין פון א צייט, אז דער פאפא האט אויפגעהערט אוועקגיין יעדן אינדערפרי, נאר ליגט אין בעט. און אים לאזט מען נישט צו צו אים. און די מאמע גייט ארום תמיד א פארוויינטע און א פארזארגטע, און פרעמדע מענטשן קומען אמאל. אלע רעדן אזוי מיסטעריעז, פארשטעלט. א מומע גייט אמאל צו צו אים און גיט אים א קוש און א גלעט איבערן בעקל און גייט אוועק אזוי גיך . . .

דעם אינדערפרי איז אבער אלץ אנדערש — אלע זיינען דא: דער זיידע, די באבע, די מומעס — און אלע וויינען, און ווען זיי וויינען נישט, רעדן זיי אזוי שטיל, אזוי פארשטעלט. דאס בעט איז ליידיק, עמיצער ליגט אויף דער ערד מיט שווארצן איבערגעדעקט. ליכט ברענען, מענטשן קומען און גייען אוועק . . . אנדערע קומען . . .

און מיטאמאל הערט ער ווי די מאמע שרייט און וויינט. ער וויל לויפן צו דער מאמען, זי נישט לאזן וויינען, כאפט אים א מומע אויף די הענט, און וויינענדיק אליין, הייסט זי אים נישט וויינען:

— שא, איציקל! וויין נישט, וויין נישט . . . און אפשר דארפסטו יא וויינען, אומגליקלעך יתומל ? . .

פון יענעם טאג אן פאנגען זיך אן איציקלס און שלמהלעס צרות. איינמאל וואוינען זיי ביי דער באבען, אן אנדערש מאל ביי א מומען, דערנאך ביי א צווייטער מומען. איצט איז עס שוין די מאמע וואס גייט אוועק אינדער־פרי און קומט ביינאכט, און ברענגט שוין נישט קיין באנאנעס און קיין קענ־דיס, נאר קומט א מידע, א צעבראכענע, א בייזע, און די מומע איז אויך בייז. אלע קוקן אויף אים און אויף שלמהלען, עפעס זיינען זיי אלעמען אין וועג, אלעמען צו גרויס אין די אויגן.

איינמאל אין אן אוונט זיינען ווידער פרעמדע מענטשן געקומען צו זיי אין הויז. דאס מאל האט קיינער נישט געוויינט, נאר ווידער האבן עפעס אלע מיסטעריעז גערעדט. די מאמע, אנגעטאן אין א שיין, זיידן קלייד — שוין לאנג אז זי האט עס נישט געטראגן. די באבע האט עפעס מיט איר איינגע־טענהט, געסטראשעט, געבעטן. די מאמע האט געשוויגן און געוויינט. נאר ווידער האבן אלע געקוקט אויף אים און אויף שלמהלען.

עפעס א פרעמדער מאן איז דא. א שווארצער, מיט שווארצע וואנצעס — אפנים א בייזער. ער גייט אפט צו צו דער מאמען, הערט מיט איר, טענהט איין עפעס, פון וואס די מאמע ווערט אט־רויט, אט־בלייך . . . עס קומען נאך א פאר פרעמדע אידן, און אלע איילן זיך, אלע רעדן. ביז עס קומט די זעלבע מומע וואס האט אמאל גענומען איציקלען אויף די הענט און נישט געהייסן וויינען, און פירט די קינדער צו זיך אהיים.

אויף מארגן זיינען איציקל און שלמהלע שוין געווען אין א נייער היים, וואו עס זיינען געווען א סך, א סך קינדער, אבער עפעס אלע אזעלכע פרעמדע און מאדנע — א סך מאמעס, אבער קיין איינע נישט ווי זיין מאמע . . . און איציקל האט פראטעסטירט, שטארק פראטעסטירט, גערופן זיין מאמע און

זי איז ניט געקומען; גערופן זיין מומע, די באָבע — קיינער איז ניט געקומען. אַנשטאָט זיי איז געקומען עפּעס א פרעמדע, וועלכע האָט גערעדט צו אים און ער האָט זי ניט פארשטאַנען. ער האָט דאָ בכלל קיינעם ניט געקאָנט פארשטיין.

דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן זיך דערוואוסט, אז עס איז דאָ אויף דער וועלט אזא זאַך ווי איד און ניט־איד, ווייל די קליינע חברימלעך האָבן באלד אויסגעפונען, אז ער, איציקל, און זיין ברודערל, שלמהלע, זיינען ניט ווי זיי. זיי זיינען אידן — און מען האָט זיי א נאָמען געגעבן "קליינע אידעלעך" — און איציקל האָט געהאַט א שווער פּראָבלעם צו לייזן: וואָס איז עס אזוינס, וואָס די קינדער רייצן אים? אז זיי האָבן אים ניט ליב, איז ער זיכער געווען, נאָר פארוואָס ? . . וואָס זאָל ער טאָן ? . .

און ווען איציקל לאָזט אראָפּ זיין גרויסן קאָפּ צווישן זיינע ווייסע, קליינע הענטלעך, אַנגעשפּארט אויףביידע קני, און גייט איבער די קורץ־לאַנגע טעג פון זיין לעבן, און שטעלט זיך אָפּ אויף יענע טעג, אין יענעם פרעמדן, גרויסן הויז — דערשיינט פאר אים ווי א מלאך־הגואל דאָס גע־שטאַלט פון זיין גרויסן פריינד, מ. ה., וועלכער איז צו אים געקומען, אויף די הענט געגומען און דאָס ערשטע מאָל אין זיין לאַנגן גלות אין יענעם הויז א קוש געטאָן, אין א שיינער גרויסער קאר א "רייד" געגעבן, און אים ווידער אין א נייער היים געבראַכט.

די נייע היים האָט איציקלען ווי פארשיכורט. אלץ איז דאָ געווען אנדערש ווי דאָרט. אין איין טאָג האָט ער באַקומען אזויפיל פריינט. אלע האָבן אים געלאַשטשעט, געקושט, גוטע זאַכן געגעבן — אז איציקל האָט אזש פארגעסן זיין בענקעניש נאָך דער מאַמען, נאָכן טאַטן, נאָך דער היים . . .

באלד האָט איציקל באגריפן דעם שווערן פּרייז וואָס ער דאַרף צאָלן פאר זיין נייער דירה, פאר דער נייער היים, פאר דער נייער פריינדשאַפט. אין דער נייער, גרויסער היים האָט געפעלט זיין ברודערל שלמהלע, וועלכן מען האָט דאָרט געלאָזן (איציקל איז נאָך ניט געווען געלערנט אין חכמת "הרולס און ביילאָוס"). און איציקלס שמחה איז באלד צוריק צעשטערט געוואָרן. מיט אלע פיבערן פון זיין קליין, ריין נשמהלע האָט איציקל געבענקט נאָך זיין קליין ברודערל, מיט וועלכן ער האָט אזויפיל צוזאַמען געליטן. און זיין בענקשאַפט איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג אלץ טיפער און שטאַרקער, ביז ער האָט אויפגע־הערט צו נעמען שפּייז. אראָפּ איז די רויטלעכקייט פון זיינע בעקעלעך, פאַר־שוואונדן איז דאָס פריילעכקייט, דער קינדערשער געלעכטער — נאָר א פאַר־וואָלקנטער, א פארצאַרנטער בלאָנקעט בלאָנקעט ער זיך ארום און זוכט אין יעדן ווינ־קעלע פונם גרויסן הויז, און רופט רחמנותדיק "שלמהלע ! . . שלמהלע"! . .

צוויי מאָל האָט שוין איציקל א שפּאציר אין האָספּיטאַל געמאַכט, וואו ער איז פארבליבן איין מאָל זעקס וואָכן און איין מאָל ניין וואָכן, און יעדער מאָל האָפט איציקל צו געפינען ערגעץ זיין ברודערל. איציקל גלויבט און האָפט אויף א נס, אז מיטאמאָל וועט ער זיין ברודערל געפינען. און די דאָזיקע טונקעלע האָפענונג אויף איבערנאַטירלעכעם האַלט אין אים אויף דעם פונק.

די האָפענונג האָט אין אים אַנגעצונדן דער זעלבער מ. ה., וועלכער האָט אים צוגעזאָגט:

— אמאָל . . . אמאָל . . . וועל איך דיר שלמהלעז ברענגען . . . וואַרט נאָר . . .

און איציקל וואַרט . . . וואַרט ביז ער ווערט קראַנק און ווידער געזונט, און וואַרט ווידער . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און איציקל האָט זיך דערוואַרט. אין א שיינעם טאָג, ווען איציקל איז נאָך אויף זיין געלעגער געלעגן, האָבן אים חברה פון זיין בעט אראָפּגעשלעפּט:

— דיין ברודערל איז דאָ ! . .

און איציקל איז אראָפּ פון בעט א באָרוועסער, אלע שטיגן אראָפּגע־פלויגן און אין אָפּיס אריין, וואו זיין ברודערל איז געשטאַנען א שמייכלענ־דיקער, א שעמעוודיקער, און באַקוקט די ווענט פון אָפּיס.

ווי א בליץ איז איציקל צו זיין ברודערל צוגעלאָפן און אויף זיין העלדזל זיך געוואָרפן:

— מיין ברודערל ! . . מיין ברודערל ! . .

א פּאָר טעג האָט ער אים פון די הענט ניט ארויסגעלאָזט און געפירט אים פון איינעם צום צווייטן, אנגעזאָגט יעדערן די גרויסע בשורה פון זיין קליין הערצעלע:

— דאָס איז מיין ברודערל ! . . דאָס איז מיין ברודערל ! . .

די בלאָנדע דריי

די בלאָנדע דריי

א שווערער שטיין אראָפּ פון הארצן. איך רעכן היינטיקן טאָג פאר א גרויסן יום־טוב. כאָטש ווען איך זאָל עמיצן זאָגן פון מיין פרייד, וואָס פילט אָן דאָס הארץ, וואָלט מיר קוים עמיצער געגלויבט. און דאָך, פיל איך ווי א זוניקע פריידיקייט פארפלייצט די נשמה און עס ווילט זיך מיט עמיצן טיילן די געפילן.

מאָו האָט אינדערפרי שטילערהייד געעפנט די טיר פון אָפּיס, אריינ־געשיקט פריער א זשמוט בלאָנדע האר, דערנאָך דעם שטערן, די אויגן, דעם גאנצן קאָפּ און ענדלעך זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך אינגאנצן אריינגע־שארט — בפּועל ממש אריינגעשארט זיך, פריער איין פוס, דערנאָך דעם צווייטן; פריער איין זייט, דערנאָך די צווייטע, און געבליבן שטיין ביי דער וואנט ווי א דערשראָקן פייגעלע, וואָס פארלאָזט צום ערשטן מאָל דער מאמעס נעסט און לאָזט זיך אוועק אויף דער ערשטער אוואנטיורע, און פּאקט זיך אריין אין א נארע פון שרעקלעכע קעץ אָדער גאר לייבן.

מיין שמייכל האָט אים אביסל בארואיקט און צו זיך געבראכט.

שוין עטלעכע טעג ווי איך מערק די ווירקונג פון א שמייכל אויף זיין ליכטיק פּנים. ארעם קינד! ער האָט נאָך ניט, וו עס זעט אויס, אין זיין לעבן קיין שמייכל ניט געהאט.

און ווען איך האָב צו אים אויסגעשטרעקט די האנט פול מיט קאָנ־פעקטן און ניס (די אורזאַך נאָך וואָס ער איז אייגנטלעך געקומען), האָט ער עס, ווי אלעמאָל, געוואָלט א כאַפּ טאָן און אנטלויפן. איך האָב אים אָבער פארהאלטן, צו זיך צוגעצויגן, אים איינציקווייז די זיסע קאָנפעקטן געלייגט אין מויל, די ניסלעך צעקנאקט פאר אים און די יאָדערן אים פּארטיקע אין מויל אריין געלייגט.

ווען מיין זאַפּאָס אין האנט האָט זיך אויסגעלאָזט, האָב איך אים געפרעגט צי וואָלט ער וועלן נאָך. א שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ, קוקנדיק דערביי די גאנצע צייט צו דער פארמאכטער טיר, ווינטשנדיק ער זאָל שוין וואָס גיכער זיין פון יענער זייט, — איז זיין ענטפער געווען.

איך האָב אָנגענומען א נייעם הויפן קאָנפעקטן און עס אויסגע־שטרעקט צו אים:

— עס איז דיינס, בלאָנדין ! — האָב איך א זאָג געטאָן, — פאר דיר און פאר דיינע ברידערלעך . . .

ביים וואָרט "ברידערלעך" האָבן זיינע אויגן באקומען א נייעם גלאַנץ און ער האָט נאָכאמאָל אומרואיק צו דער טיר א קוק געטאָן און זיין בליק

צוריק צו די קאָנפעקטן געווענדעט. זיין מוח האָט קענטיק שווער געאַרבעט איבער עפּעס. זיינע צוויי קלענערע ברידערלעך ליגן ערגעץ פאַרשטעקט אין א ווינקל און וואַרטן אויף אים, זייער פאַרזאָרגער און באַשיצער, ער זאָל זיי עפּעס ברענגען, און דאָ האָט ער אליין אַלץ אויפגעגעסן . . .

— זאָג: ביטע, גיב מיר קאָנפעקטן פאַר מיינע ברידערלעך, און דו האָסט דעם גאַנצן הויפן, — האָב איך אים דיקטירט, — דו זעסט וויפל ! . .

ער האָט נאָכאַמאָל געוואָרפן אַ זשעדנעם קוק אויף די קאָנפעקטן, און צום ערשטן מאָל זיינע אויגן צו מיר אויפגעהויבן. אויף איין אויגנבליק האָבן זיך אונדזערע בליקן באַגעגנט. מיין בליק איז געווען אַנטשלאָסן, אָבער ווייך, ווי איך בין נאָר אימשטאַנד געווען אויסצודריקן. זיין מוט מיט וועלכן ער האָט זיך אָנגענומען מיט אַ מינוט פריער, האָט אים ווייזט אויס פאַרלאָזן, און ער האָט זיך צו דער טיר געלאָזט און פאַר די הענטלעך זיך אָנגעכאַפּט. איך האָב אים מיט רחמנות אָנגעקוקט, פאַרן הענטעלע אָנגענומען און צו זיך צוגעטוליעט.

די דערפאַרונג איז פאַר אים, זעט אויס, גאַנץ ניי געווען, און ער איז אַ ווײַלע שטיין געבליבן. איך האָב אים נענטער צו זיך צוגעפּרעסט און זיין בעקל צו מיינער צוגעטוליעט.

— נו? וועסטו זאָגן: ביטע, גיב מיר קאָנפעקטן פאַר מיינע ברידער־לעך?

נאָכאַמאָל האָט ער זיך מיט מוט אָנגענומען און דאָס מיילעכל גע־עפנט, ווי צום רעדן, און ווידער האָט אים דער מוט פאַרלאָזט.

— דו ווייסט, — האָב איך זיך צו אים געווענדעט, — די קינדער לאַכן פון דיר. זיי מיינען, אַז דו ביסט אַ שטומער און קאָנסט ניט רעדן. אַ יאָ, דו קאָנסט רעדן ? . . דו קאָנסט . . .

אַ שאָקל מיטן קאָפּ איז געווען זיין ענטפער.

— טו דאָס ניט, — האָב איך אים פריינדלעך געראָטן, — "כאַץ" וועט עס דערזען, וועט ער דערציילן די אינגלעך און זיי וועלן לאַכן. דו קאָנסט דאָך רעדן, נו, זאָג־זשע: ביטע גיב מיר קאָנפעקטן.

אַ נייער בליק, וועלכן איך האָב נאָך ביי אים ביז איצט קיינמאָל ניט געזען האָט באַלויכטן זיין פּנים, וואָס האָט באַקומען אַ מער מענטשלעך אויסזען. דער דאָזיקער בליק האָט מיר צוגעגעבן מוט.

— אָט האָסטו נאָך אַ קאָנפעקט פאַר דיר . . .

ער האָט עס צוגענומען און פאַרקוועטשט אין האַנט. איך האָב פאַר־שטאַנען זיין כוונה.

— איך דאַנק שיין, און גיב נאָך איינעם פאַרן אַנדערן ברודערל, — האָב איך אים נאָכאַמאָל דיקטירט.

— איך . . . דאַנק . . . שיין . . . — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט אין האַלב־שרעק אָבער דייטלעך.

אָ, וויפל צויבער ליגט אין די דריי ווערטער, די ערשטע דריי ווערטער פון דער דריי בלאָנדין פאמיליע פאר גאנצע זעקס וואכן! דאָס אייז איז געווען געבראָכן, בלאָנדין נומער איינס האָט גערעדט, א סימן אז די ארבעט איז ניט געווען ארויסגעוואָרפן.

— דו ביסט א "גוד באָי", בלאָנדין. נאדיר דערפאר נאָך א קענדי און זאָג: איך דאנק שיין . . .

— דו האָסט געזאָגט וועסט מיר געבן אלע . . .

אָט די איינפאכע ווערטער זיינען עס געווען די אורזאך פון מיין גרויסער פרייד, און איך האָב געכאפט דאָס קינד קושן . . . איך ווייס, אז יוען אימעצער וואָלט מיך געזען דאָס טאָן, וואָלט ער געמאכט א זויערע גרימאסע, געמישט מיט רחמנות און עקל, און א גרויסער פרעג־צייכן וואָלט זיך אָפגעשפיגלט אויף זיין פנים. ווייל מיין בלאָנדין איז ניט געבענטשט געווען פון דער נאטור מיט קיין שיין פנימל, אפילו ניט קיין שיינע אייגעלעך, נאר פארקערט, מיט א לאנגיק־קאָלירלאָז פנים, מיט גרויע, קליינינקע, אָבער אויך לאנגיקע — ווי ניט פארענדיקטע מאנדלען אויגן; מיט א ברייט מויל, וואָס שניידט דורך כמעט צוויי־דריטל פונם פנים; מיט גרויסע אויסגעבויגענע אויף פאָרנט, אויערן — און כאָטש נאָך אזוי יונג — מיט צעפוילטע, פאַדערשטע ציין אין מויל.

דערצו האָט ער נאָך די טבע צו זויגן דעם מיטלסטן גליד פון זיין גראָבן פינגער, וואָס מאכט נאָך זיין מויל גרעסער און זיינע ליפּן שטענדיק פארקאַטשעט און רינענדיק־נאס מיט סליונע; זיין גאנצער אויסזען איז אזא, וואָס דריקט אויס טעמפּקייט. אויב ניט גאָר אינגאנצן אָפּשטויסנדיק, איז אלנפאלס ניט צוציענדיק.

אויך די עטלעכע ווערטער וואָס ער האָט ארויסגערעדט זיינען ניט געווען פון דעם מין קינדערשע חכמות, וועלעע איבערראשן אייך און פאנגען אייער הארץ. און דאָך, האָב איך זיך ניט געקאָנט איינהאלטן און האָב דאָס קינד צו מיין הארצן געפּרעסט און געקושט. ווייל . . .

עס איז אָבער נויטיק איר זאָלט וויסן ווער די בלאָנדינס זיינען, און אז די ווערטער זיינען געווען די ערשטע ווערטער, וואָס דאָס קינד האָט ארויס־געבראכט נאָך א דריי חדשימדיקן, אומבאוואוסטן, אָבער דאָך פארעקשנטן סטרייק.

ווער זיינען די בלאָנדינס?

אין א זייער קאלטן פרימאָרגן, — ווען עס האָט נאָך ניט רעכט געשאריעט אויף טאָג; ווען דאָס גאנצע הויז האָט נאָר־וואָס אויפגעוואכט צו דער גייער אקטיוויטעט און יעדער ווינקל האָט געקאָכט און געזאָדן מיט לעבן און טעטיקייט, יעדער האנט איז געווען פארנומען מיט אן אנדער ארבעט, אָפטמאָל צוויי־דריי ארבעטן אויף אמאָל; ווען דאָס געלויף ארויף און אראָפּ די טרעפּ, דאָס אויסרופן פון געוויסע פאראָרדענונגען און דאָס ארומלויפן פון די נוירסעס און סאניטארן דערמאָנט אָפט אָן דער דעק פון א שיף, ווען

דער באפעל ווערט געגעבן צו רייניקן די דעק פאר אקציע, — אט אין אזא פריי־מארגן האט זיך דערהערט א קלונג פון דער פאדערשטער טיר. ווען די טיר האט זיך געעפנט איז אריינגעקומען א יונגערמאן מיט א קינד אויף די הענט און מיט נאך צוויי קינדער ביי ביידע זייטן, און א טשעמאדאנטשיק אין דער אנדערער האנט, און אן פארערדעס, האט ער קוים ארויסגערעדט:

— נעמט צו פון מיר די קינדער . . . גאט צו דאנקען, פטור געווארן. איך בין א שליח פון . . . די "קאמיוניטי" האט מיך געשיקט צו אייך מיט די דאזיקע קינדער. קיינער האט ניט געוואלט פארן, האט מען מיך געבעטן . . . איך וואלט קיין טויזנט דאלאר פאר דעם "דזשאב" ניט גענומען ! . .

נאך אייניקע פראגן און ענטפערס, האט זיך ארויסגעוויזן, אז אין שטעטל ביי זיי וואוינט עפעס א איד, וועלכער איז יא ביים זינען, און ניט ביים זינען, און כאטש ער האנדלט און וואנדלט ווי אלע אידן, דאך האלט מען אים פאר א שטיקל חסר־דעה. די ווייב זיינע — נאך ערגער פון אים.

עפעס א קריסטלעכע, בארמהערציקע געזעלשאפט וואס זוכט מצוות פאר דעם הייליקן יום־טוב קריסמעס, האט זיך אנגעשטויסן אויף דער פאמי־ליע, וואס האט געוואוינט ערגעץ אין א לאך, טעג־ווייז ניט באהייצט, און די קינדער זיינען אלע געווען מוטער־נאקעט, פאר וואכן ניט געוואשן, ניט גע־שוירן, פארוואקסן מיט האר, הונגעריקע ווי קליינע וועלפלעך און ווי חיות, ווילד, דערשראקן. ווען די בארמהערציקע שוועסטער איז צוערשט געקומען און די קינדער האבן זי דערזען, האבן זיי זיך אלע פארשטעקט, יעדערער אין אן אנדער לאך. איינער האט זיך אפילו געקליגט אריינצושטעקן דעם קאפ אין אפענעם לאך פונם קאלטן קיך־אויוון, און ווען מען האט אים פון דארט ארויסגענומען, איז ער געווען א בילד אנצוקוקן און אויסצומאלן.

דאס זעלבע האט פאסירט ווען די אידישע אונטערזוכערס זיינען גע־קומען, ווייל די קריסטלעכע געזעלשאפט האט דעם פאל באריכטעט צו די אידן. דער זעלבער מאן האט זיך פארשטעקט אין א ווינקל, הינטערן בעט, זיך איבערגעדעקט מיט די שמאטעס וואס ער האט דארט געפונען, און יעדער פארזוך אים פון דארטן ארויסצונעמען איז באגעגנט געווארן מיט ווילדע געשרייען, דריגען מיט די פיס און בייסן די הענט.

ווי עס איז האט מען די קינדער פארנומען אין קאלדרעס, איבערגע־פירט אין א הויז, ארומגעוואשן און ארומגעשארן, און צום בית־יתומים מיט א ספעציעלן שליח איבערגעשיקט.

די פאמיליע איז באשטאנען פון דריי אינגעלעך: מאו, פינף יאר אלט; בארי, דריי יאר, און לייבקע, צוויי יאר. אלע כשמם כן הם . . . מיט ווייסע, פלאקסענע, שיטערע האר; בלייכע, דארע, אויסגעצערטע פנימלעך; ברייטע מיילער, גרויסע אויערן — איינער ענלעך צום צווייטן.

ווען זיי זיינען באפרייט געווארן פון זייערע ווארימע קליידער, זיינען זיי ווי צעטומלטע געבליבן שטיין, ווילד זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטן, און ווי צונויפגערעדט זיך, ארויסגעלאזן א ווילד געוויין און זיך געלאזט צו דער טיר, נעמענדיק זי רייסן אלע דריי צוזאמען, צונויפגעקודלטע, צוגעטוליעט

איינער צום צווייטן. עס איז געווען א ווילדע, אבער אין דער זעלבער צייט, הארצרייסנדיקע סצענע.

נאך ווילדער און אומבאשרייבלעכער איז געווען די ערשטע באד, וואס מען האט די קינדער געגעבן. די גאנצע אומגעבונג האט געררייצט די באגרעניצטע און פארטעמפטע קינדערשע פאנטאזיע: די נוירס, אין ווייסן; דאס באד־צימער מיט די שאוערס און ווייסע סינקס, די פיל קינדער און די פרעמדע מענטשן — דאס אלץ איז געווען גענוג אז זייער אינסטינקט פון זעלבסט־דערהאלטונג זאל זיי אונטערזאגן, אז א פארשווערונג אויף זייערע לעבנס איז דא געמאכט געווארן, און אז דאס פירט מען זיי צו א זיכערן טויט.

דאס עקשנות וואס אלע דריי האבן ארויסגעוויזן ניט אריינצוגיין אין באד־טאפ — איז אומבאשרייבלעך. זיי האבן ארויסגערופן אלע רעזערוון פון זייערע באגרעניצטע כוחות און געקעמפט מיט אזא סטאיציזם קעגן בארירן דאס וואסער, אז עס האט זיך געפאדערט צו צוויי מענטשן פאר יעדער קינד פאר דער ערשטער באד.

אויסגעמאטערט פון א נאכט ניט שלאפן, פונם שווערן קאמף מיט די נוירסעס און אפשר אויך פון דער באד, זיינען די קינדער איינגעשלאפן, צום ערשטן מאל אין זייער קורץ לעבן אין ריינע בעטן, באוואכט פון א נוירס. זייער שלאף איז געווען אומרואיק. אן צווייפל, די קינדער האבן איבערגעלעבט די דראמע פון זייער לעבן, חלומענדיק פון א מחנה שלעכטע באשעפענישן, וועלכע האבן זיך פארנומען אויף זייערע לעבנס.

זייער ערשטער מאלצייט איז געווען פונקט אזוי ווילד ווי די ערשטע באד. ווען זיי האבן דערזען דאס גרויסע צימער פול מיט קינדער; ווען די נוירס האט זיי ביים טיש געזעצט און די סערעוועטן ארום האלדז פארבונדן, האבן זיי מיט אלע כוחות גענומען די סערעוועטן רייסן פון האלדז, רייסן און שרייען, שרייען און לויפן פון טיש, פון צימער צו דער דרויסנדיקער טיר.

אייניקע מאל, אין פארלויף פון די ערשטע פאר וואכן, איז געלונגען די עלטערע צוויי צו עפענען די דרויסן טיר און זיך ארויסכאפן אויפן גאס, און אננעמענדיק זיך פאר די הענטלעך — לויפן . . .

ווער קאן אזוי קלוג זיין צו לייענען די מחשבות פון קינדער, אויפגע־וואקסן אין שמוץ און אין דלות, מיט א טאטן, וועלכער איז פאר זיי שטענדיק געווען א שרעק; מיט א מוטער, וועלכע פלעגט פארפאלן ווערן אויף טעג, איבערלאזנדיק זיי צו זייער שיקזאל. האבן זיי דאך געבענקט אפשר נאך יענעם ווינקל, וואו די מוטער פלעגט זיי באגעגענען נאך אירע וואנדערונגען און זיי ברענגען ביליקע "קענדים". און אפשר עקזיסטירט פארט ערגעץ אין די טיפע־נישן פון יעדער לעבעדיק וועזן דער געפיל, וואס בינדט מוטער צו קינד און קינד צו מוטער. און ווען בארויבט פון איר ווירקונג און נאענטקייט, ציט עס זיי צו איר, און זי שטעלט זיך זיי פאר, ווי זיי האבן זי געקאנט אין די בעסטע מינוטן פון זייערע טרויעריקע לעבנס. און אט רייסן זיי זיך צו איר פון דער פרעמד. זאל זיין עס ברענט דער פראסט אין דרויסן; זאל זיין דער שניי איז טיף, און זייערע פיסעלעך שוואך און קאלט — דער ווילן איז אבער

שטארק. זיי װילן צו דער מאמען, און זיי לויפן מיט אימפעט פון דעם הויז אהין, צו דער גאס. זיי װייסן, זיי זיינען זיכער, אז ס'איז ניט װייט. ערגעץ אָט־דאָרט װאו די קאַר לויפט. ניט װייט דאָרטן װעלן זיי דאָס הויז געפינען און די מאמע װאַרט דאָך דאָרט אויף זיי . . .

אָרימע קינדער . . . װי טרויעריק עס איז, װען אזוי יונג נאָך און שוין פארלוירענע אילוזיעס צו האָבן . . . װאָס פאַר א גרויזאמע װעלט ! . .

דער ערשטער מיטאָג איז פאַריבער אין געװיין, און קיין איינער האָט זיך ניט געװאָלט צורירן צום שפייז. און װען מען האָט זיי צוגעטראָגן שפייז צו די מיילער, האָבן זיי פארשטשעמעט די ציין פארן לעפל און געשריען, װי עס טוען געװיינלעך קינדער װאָס האָבן פחד און איבל פאַר רפואות.

עס איז געװען דייטלעך, אז די קינדער שטעלן מיט זיך פאָר א שװער פראָבלעם, װאָס װעט מוזן געלייזט װערן. און דאָס ערשטע װאָס איך האָב געטאָן, איז צו געבן זיי פולשטענדיקע פרייהייט, זיי זאָלן ניט פילן און ניט חושד זיין, אז מען פאסט אויף זיי אויף.

די קינדער האָבן זיך געהאַלטן מערקווירדיק צוזאמען, אויף קיין איין מינוט ניט אָפּטרעטנדיק איינער פונם צװייטן, אנערקענענדיק אינסטינקטיװ די פירערשאפט פונם עלטערן מאָו. עס האָט ניט גענומען לאַנג און זיי האָבן אויסגעפונען דעם װעג צום מיסט־קאסטן, און פון דאָרט ארויסבאקומען שטיקלעך ברויט, קאשע, פלייש — אלץ װאָס זיי האָבן געקאָנט געפינען — און זיך גענומען מאכן א סעודה.

דער מיסט־קאסטן איז באַלד פארזיגלט געװאָרן אונטער א שלאָס און א באפעל איז געגעבן געװאָרן, אז קיין שפייז זאָל ניט ארויסגעװאָרפן װערן, װאו א קינד קאָן עס געפינען. דריי מאָל דורכן טאָג האָט מען זיי געפּרואװט געבן מילך, שפייז, אפילו פרוכט און קענדי, און יעדער מאָל אָן דערפאָלג. עס איז געװען א צער צו קוקן װי די קינדער קוקן מיט הונגעריקע בליקן אויפן שפייז און שלינגען עס מיט די אויגן, און עפּעס װי א חיהשער פחד זאָגט זיי אונטער: ״באריר ניט! — אויב איר נעמט שטארבט איר!״ — און זיי האָבן ניט גענומען . . .

אלע פארזוכן צו צװינגען זיי צו עסן אָדער רעדן, אָדער אפילו אויפ־הויבן די אויגן — זיינען ניט געלונגען דעם ערשטן טאָג.

פיר אזייגער פארטאָג זיינען די קינדער שוין געװען װאַך און האָבן זיך אלע פיר ארומגעבלאָנקעט צוזאמען איבער די פיל חדרים פונם הויז, זוכנדיק װי עס זעט אויס, א װעג צו אנטלויפן אָדער עפּעס צו עסן. מען האָט זיי געלאָזט ארומגיין, ניט אראָפּנעמענדיק דאָס אויג פון זיי.

אויסגעהונגערטע און פארמאטערטע, זיינען זיי ארום זעקס אזייגער אינדערפרי צוגעפאַלן מידע אויפן הארטן דיל, אלע צוזאמען אין איין קנויל, טוליענדיק זיך איינער צום צװייטן, איין קעפּל אויפן צװייטנס קערפּער, און מאָו האַלטנדיק די אנדערע צװיי מיט זיינע הענטלעך.

מען האָט זיי צוריק אין די בעטן געלייגט, און אָפּשלאָפנדיק א שעה, האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט, ווען די איבעריקע קינדער זיינען שוין אויפגעשטאַנען. עס מוז דערמאָנט ווערן, אז פאר די פיר־און־צוואַנציק שעה האָט קיין איינער פון זיי נאָך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, און אַלע באַמיאונגען ארויסצובאַקומען פון איינעם א וואָרט, זיינען געווען ארויסגעוואָרפן.

אכט אזייגער, דעם צווייטן טאָג, איז דער אינסטינקטיווער הונגער־סטרייק געווען געבראָכן. דאָס מאָל איז עס געווען דאָס קלענסטע קינד, וואָס האָט גענומען די פירערשאַפט. אזוי גיך ווי מען האָט אים צום טיש געזעצט, האָט ער געכאַפּט דאָס שיסעלע "פּאַרידזש" און גענומען עסן, גלייך פון שיסל, דאָ שלעפּנדיק מיט די הענט די געדיכטע קאַשע אין מויל, און דאָ טרינקען פון שיסל די מילך. די אנדערע צוויי האָבן זיך באַלד מתקנא געווען אין אים און האָבן גענומען נאָכטאָן זייער קלענערן ברודערל.

טעג נאָך טעג, וואָכן נאָך וואָכן, זיינען פאַריבער, און די בלאָנדין־גרופּע האַלט זיך נאָך אַלץ אינאייגעם, הארט איינער לעבן צווייטן, פאַרשטאַרנדיק זיך אָפּט אין א ווינקל אונטער די טרעפּ, צונויפגעקודלט אין א קנויל, אויסמיידנדיק יעדער באַרירונג מיט א פרעמדן אָדער מיט אן אנדער קינד. יעדער פאַרזוך פון א דערוואַקסענעם צו געווינען זייער אויפמערקזאַמקייט איז באַגעגנט געוואָרן מיט חשד און שרעק.

איינמאָל, ווען איך האָב ארויסגעטיילט די קינדער קענדי, זיינען אַלע דריי צוגעקומען און געשטעלט זיך אָן א זייט, ווייט פון אַלע איבעריקע קינדער. די מורא צו צוקומען איז געווען גרויס, אָבער דער חשק צו קענדי איז געווען נאָך גרעסער, און זיי האָבן געלייזט דאָס פּראָבלעם אויף האַלב־וועג. איך האָב זיי צוגעטראָגן די קענדי, יעדערן איינגעטיילט. זיי האָבן עס צוגעכאַפּט און זיינען אַלע צוזאַמען אנטלאָפן, נאָכקוקנדיק צי מען לויפט זיי ניט נאָך.

איך האָב אָנגעהויבן צוצוקומען צו זיי יעדן טאָג מיט קענדי, ביז זיי האָבן זיך אויפגעהערט צו שרעקן פאר מיר און אפילו אָנגעהויבן צו וואַרטן אויף מיין קומען.

אַלע באַמיאונגען ארויסצוקריגן א וואָרט פון זיי, זיינען נאָך אַלץ געבליבן אָן דערפאָלג. אָבער היימישער האָבן זיי זיך גענומען פילן, אזוי אז איך האָב איינעם, ד"ה, מאָון, דעם עלטערן, אפילו אויסגעלערנט צו קומען אין אָפּיס אריין נאָך קענדי. און אזוי קומט ער יעדן טאָג, אין א באַשטימטער צייט, שטעקט אריין פריער דעם שפּיץ־קאָפּ, קוקנדיק הארט צום ציל, אויסמיידנדיק יעדן מענטשלעכן בליק. דערנאָך נעמט ער זיך רוקן פּאָרזיכטיק און בלייבט שטיין מיט די הענט אהינטער, ווי ער וואָלט זוכן שטיצע און אָנהאַלט ביי דער שטומער וואַנט.

רעזולטאַט

צוויי יאָר זיינען פאַריבער זייט איך האָב די לעצטע פאַרצייכענונג געמאַכט פון די בלאָנדין דריי. פון אַלע פאַרצייכענונגען וואָלט געקאָנט א גאַנץ בוך געדרוקט ווערן, ווייל יעדערער פון די דריי איז א קאָמפּליצירטער כאַראַקטער פאר זיך און פאַרדינט א באַזונדער שטודיע.

זאָל דאָ בלויז פאַרצייכנט ווערן, אַז מאָו און לייבקע גייען שוין אין שול. מאָו איז אפילו דער לערערינס "פּעט". ער זוינט נאָך אַלץ דעם מיטעלן גליד פון דעם גראָבן פינגער, עס רינט אים נאָך אַלץ די סלינע פון מויל, ער גייט נאָך אַלץ דאָס היטל מיטן דאַשעק אַז א זייט און די שנירלעך פון די שיך ווילן זיך נאָך אַלץ ניט האַלטן פאַרקנופּט; ער האָט שוין אָבער צוויי מאָל "געפּעסט" און איז געלאָפן אַז אַן אָטעם דעם גאַנצן וועג פון סקול, און מיר די בשורה געבראַכט. ער קומט יעדער וואָך מיט זיין "מחברת" פון חדר און באַרימט זיך מיט זיינע קענטעניש אין העברייאיש.

לייבקען איז גאַרניט צו דערקאָנען: געוואָרן רעדעוודיק, איז דער ערש־טער צו געווינען א "רייס" אין לויפן, שטייגט אריבער פּיל אין געוואַגטע קלע־טערונגען אויף ביימער. און די "ביבי" איז שוין אויך צו א פיין אינגל אויס־געוואַקסן — אַלע האָבן שוין פריינט און חברים צווישן דעם קליינוואַרג.

איין שמערצלעכע טראַגעדיע פּאַראָוולקנט אָבער נאָך אַלץ דאָס לעבן פון די קינדער און דריקט זיך אָפּ אויף זייער נשמה מיט אומפאַרגעסלעכע שפּורן — זיי זיינען איינזאַם און אַליין אין דער גאַנצער וועלט . . .

ווי יעדער קינד, האָבן זיי זיך זייער פאַנטאַזיע־וועלט; ווי יעדער קינד, באַזיצן זיי דאָס געפיל פון קנאה, און ווי יעדער קינד, לעכצן זיי נאָך צע־שטרייאונג, נאָך א גלעט, א לאַסקע, א קוש, און דער עיקר — צו פילן, אַז מען האָט עמיצן, אַז עמיצער אינטערעסירט זיך מיט זיי.

און ווען יעדער שבת נאָכמיטאָג רינגלען מיך די קינדער ארום, אָנגע־טאָן אין בגדי־שבת, און פאַרשיטן מיך מיט פראַגן: מעג איך ארויסגיין? קאָן איך גיין צו מיין אָנקל? צו מיין מאַמע? צו מיין פאַפּאַ? — שטייט מאָו מיט זיינע צוויי ברידערלעך איןביידע הענט און הויבט גלייך מיט אַלעמען די האַנט:

— וואָס איז מאָו?

— מעג איך ארויסגיין?

— וואוהין ווילסטו דען גיין, מאָו?

און דאָס קינד לאָזט עלנט אראָפּ דאָס קעפּעלע און טרעט לאַנגזאַם אָפּ, מיט זיינע ברידערלעך פון ביידע זייטן — זיי האָבן קיינעם ניט . . .

די פּרינצעסין

די פרינצעסין

איך אייל זיך צו מאכן די פארצייכענונג, כדי ניט צו פארגעסן די איינדרוקן פון רחלעס לעצטן באזוך.

זי איז אריינגעקומען (גלייך פון שול) מיט איר ביכער־זאק אין האנט, מיט איר רויט מיצעלע אזוי בריהש אויפן שפיץ־קעפל. פון אונטערן מיצל האבן זיך צעשאטן גארבן — גארבן גאלדענע לאקן, וועלכע פארמירן תמיד א נאטירלעכע, גאלדענע ראם פאר איר פנימל. זי האט מיט זיך פארגע־שטעלט א פרעכטיקן מאדעל פאר א מלאך־בילד.

דער לייכטער מארט־פראסט האט קונציק פארפארבט אירע בעקעלעך און די אייגעלעך האבן מיט באזונדערן חן געגלאנצט, ווען זי האט אירע צרות דערציילט, אז עס האט זיך אויסגעדאכט, ווי א פרעכטיקע רויז איז פון צויבער־גארטן ארויסגעריסן געווארן און דא שטייט זי א לעבעדיקע רויז און וויגט זיך אויף איר שטאם פון א לייכטן ווינטל קעגן דער פרימארגנדיקער זון.

געקומען איז זי מיט א קלאגע:

— פעסקע און מלכה רייצן זיך מיט איר און רופן זי "פרינצעסין".

און דערציילנדיק אירע צרות, האט זי אזוי קונציק אראפגעלאזט די אויגן, פארפרעסט די ברעמען און אנגעבלאזן די ליפעלעך, אז עס האט זיך געוואלט כאפן אויף די הענט דאס מלאך־קינד און אויסקושן איר יעדן אבר. מערקווירדיק אבער, יעדער מאל ווען עס באהערשט מיך אזא געפיל, קומט מיר אויפן זינען אן אנדער מחשבה: די מחשבה פון איר געוועזענער היים, וועגן אירע יונגע פאטער און מוטער, וועלכע זיינען אויף א טראגישן אופן פאר דער צייט פונם לעבנס־בוים אפגעפליקט געווארן. און איך וויל זיך פארשטעלן וואס פאר א קוואל פון נחת און פרייד דאס קינד וואלט געווען פאר די יונגע עלטערן . . .

איך שטעל זיך פאר די יונגע מוטער אירע, א צארטע, פול מיט לעבן, פול מיט האפענונג, באגעגנט דאס קינד פון שול. דאס קינד אטעמט אויך פול מיט יוגנט, פרישקייט, לעבן און פרייד, און דאס קינד שטייט פאר דער מוטער מיט די זעלביקע, פלאמענדיקע בעקעלעך, ווי צוויי רויזן־שיין, מיט די זעלבע שיינענדיקע אייגעלעך, מיט די צעלאזטע אויף די פלייצעס און אקסל גאלדענע לאקן. דאס קינד דערציילט איר מיט איר קינדערשן ליעפעט — מען רופט זי פרינצעסין — און די מוטער טרעט אפ א פאר שריט אויף צוריק, כדי בעסער א קוק צו טאן אויף איר קינד, וואס מען רופן "פרינצעסין", און כאפט זי ארום קושן און האלדזן:

— קינד מיינס! צירונג מיינס! דו ביסט דאך א פרינצעסין! אויב די קינדער וואלטן עס דיך ניט גערופן, וואלט איך עס באדארפט דיר א נאמען געבען ! . .

און די גליקלעכע מוטער כאַפּט דאָס קינד אויף די הענט און דערציילט איר א צויבער־מעשהלע פון א בן־מלך מיט זיין שיינער פּרינצעסין . . .

אַ, וואָס פאַר א גרויזאַמע שטראָף פון גאָט! באַרויבט צו זיין פונם נחת צו האָלטן דיין קינד אין דיין שויס, צו גענידן פון אזא נחת? וויפל גליק, וויפל לעבן, וויפל נחת־רוח, וויפל שטאָלץ וואָלט אזא סצענע צוגעגעבן על־טערן? עס וואָלט דאָך פאַרזיסט זייער לעבן, פאַרענטפערט אַלע קשיות, פאַרגרינגערט דעם שווערן יאָך און פאַרזיסט די טעג אזוי אָנגעפּילט מיט סם און ביטערקייט . . .

און גאַנץ אָפט, ווען איך קום אַרויס אין הויף, אָדער קום אַרויף צו די שלאָף־צימערן, אָדער קום אַראָפּ אין די שפּיל־זאַלן, און דאָס קליינוואַרג באַפאַלט מיך, יעדערער מיט אן אנדער פראַגע, יעדערער מיט אן אנדער גע־שיכטע; און זייערע אייגעלעך שיינען פאַר גליק, און זייערע קולכלעך, ווי זיל־בערנע גלעקעלעך, דערציילן פון קינדער־וועלטן, פון קינדער־חלומות, קינדער־באַגערן, און עס אָטעמט פון זיי מיט אזויפיל לעבן, אזויפיל נחת, מיט אזויפיל אומשולד — אז דאָס האַרץ פאַרכאַפּט אזש פון גליקלעכער אַנרעגונג — קאָן איך זיך ניט באַפרייען פון דעם זעלבן געדאַנק, און אין מוח פּיקט די זעלבע פראַגע: פאַרוואָס אזא שטראָף? פאַרוואָס זיינען די עלטערן ניט געבענטשט צו גענידן דאָס גליק וואָס איז פאַרבאָרגן אין די קינדערשע נשמהלעך?

און אָט די זעלבע פראַגע האָב איך זיך אויך איצט געשטעלט, ווען רחלע איז דאָ געשטאַנען פאַר מיר א פאַררויטלטע, אָטעמענדיק מיט געזונטער פרישקייט און קינדהייט, דערציילנדיק מיר אירע קינדערשע צרות.

וואָס פאַר א מערקווירדיקע איראָניע פונם שיקזאַל: שיינקייט, דער העכסטער אויסדרוק פון נאַטורס פּולקאָמענהייט, דער אידעאַל פון קינסטלער, דאָס פאַרגעניגן פון דער מענטשהייט, דער חלום פון מיליאָנען — אָט־די זעלבע שיינקייט איז אָפטמאָל א שווערע לאַסט, א טראַגעדיע פאַר דעם אָדער דער, ווען די נאַטור האָט אויסדערוויילט אַלס איר טרעגערין.

מעג עס קלינגען פאַר א סך אַלס פּאַראַדאָקס אָדער שפּאַס — אין לעבן איז עס א ביטערער אמת. און באַזונדערס בולט איז דער אמת צווישן קינדער.

ווער עס האָט אַמאָל געפּרואווט אריינקוקן אינם לעבן פון קינדער און זיך צוהערן און צוזען דעם צער און אָפּגעזונדערטקייט פון דעם, ווען די קינדער קרויינען מיטן נאָמען "סיסי" — איינער אן אויסגעפּוצטער, א פאַר־קעמטער, מיט א ווייסן קאָלנער, געפּוצטע שיכעלעך, געפּרעסטע הייזעלעך, וואָס אַלץ זינגט אויף אים, אן אמתער נחת פאַר דער מאַמען . . . די קינדער, אָבער, צעשטערן באַלד די אילוזיע מיט דעם איינעם וואָרט — "סיסי". אָט־דאָס קינד בלייבט אן איינזאַמער, א פאַרשפּאָטער, א באַטריבטער, און וויגט זיך צווישן צוויי וועלטן, צוויי פייערן:

די מאַמע פאָדערט: דער קאָלנער זאָל בלייבן ריין, די בלוזקע ניט צעקנייטשט, די הערעלעך גלאַט, די שיכעלעך חלילה ניט אויסגעשמירט — און דאָ איז א וועלט מיט קינדער אין "אָוועראָלס" און דווקא צעריסענע, און קעפּ־לעך האָר צעשויבערטע, וואָס פליען אין אַלע ריכטונגען, מיט פּנימער צע־

פליקטע, צעדראפעטע און פארשמירטע, און ווי גליקלעך זיי זיינען, ווי פריי זיי שפילן זיך, לויפן, שפרינגען; ווי וואונדערבאר זיי לעבן צוזאמען סאלידאר; וואס פאר א וועלט מיט אינטערעסן, מיט פלענער ! . . און ער, דער "סיסי" — עס ציט אים צו זיי (צו די וועמען די מאמע רופט מיט אזא פאראכטונג — "טרעמפס"), צו זיין איינער פון זיי, מיטפילן מיט זיי, שפילן, לויפן ווי זיי . . . אבער ווי קאן ער? ער וועט דאך פארשמירן די שיך, צעקנייטשן נאך די בלוזקע!

און דאס קינדערשע הערצעלע ווערט צעריסן און געפלאגט צווישן צוויי פייערן: פון איין זייט די מאמע מיט איר געקראכמאלעטער מאראל, און פון דער צווייטער זייט — די גאס מיט איר וואונדערבארן רייץ פון פרייהייט און לעבן.

רחלע איז ניט קיין "סיסי" אינם אלגעמיינעם זין פון ווארט, נאר א געבוירענע שיינהייט, פון דער נאטור געצייכנט געווארן אלס אריסטאקראט־קע, און אלץ וואס זי זאל ניט אנטאן אויף זיך, זינגט אויף איר. יעדער קליי־ניקייט וואס זי זאל אויף זיך ניט אנטשעפען, ווען אפילו גאנץ אומגערן, גיט איר צו א באזונדער חן. קומט אריין אין אירע הענט א רויטע שמאטקע, גלעט זי עס און פרעסט עס מיט אירע פינגערלעך, ביז עס ווערט ביי איר פארוואנדלט אין א האלדז־באנד, און זי קוקט זיך אן אין שפיגל — עס הארמאנירט אזוי שיין מיט איר ראזיק פנימל. די גריבעלעך אין ביידע בעקעלעך ווערן דערפון נאך שענער, מער שאטנדיקער; דער קאליר פון די ליפעלעך נאך מער פורפור און זי האט הנאה. הינטער אירע פלייצעס אבער שטייען שוין א האלב טוץ חברטעס און צעשטערן איר גאנצע אילוזיע:

— די פרינצעסין פוצט זיך שוין! טשעפעט אן אויף זיך א גאנצן "סמיטניק".

און באלד וואקסט אויס אן אנדערע מיט א טענה: די רויטע שמאטקע איז גאר אירע. זי האט עס ביי איר צוגענבעט. און באלד זאגט א צווייטע עדות, אז ס'איז טאקע אמת. זי געדענקט אליין אז יענע האט עס אמאל געפונען.

און באלד ווערט א גאנצע פארשווערונג קעגן דער "פרינצעסין", און די "פרינצעסין" ווערט זיך מיט וואס זי קאן: אמאל מיט ווערטער, אמאל מיט די שארפע נעגל אויף די רעבעלירנדיקע פנימער. זי איז אבער איינע און אירע שונאים פיל, און זי קומט אין אפים מיט טענות, זי פאדערט גערעכטיקייט . . .

אַ, אָרים קינד! ווי גערן וואלט איך מיט דיר געגאנגען נאך העכער ווי אין אפים און פאדערן "גערעכטיקייט" פאר דיר און פאר פיל אנדערע ווי דו. ווער ווייס אבער וואס איז גערעכטיקייט? ווער קאן זאגן, אז פעסקע און מלכה און אלע יענע וואס לײַדן ניט דיין שיינקייט, דיין באזונדערקייט, אז זיי זיינען ניט גערעכט? און אפשר איז רעכט וואס דו ביסט דא? ווער קאן וויסן די וועגן פון שיקזאל, די וועגן פון דער העכסטער גערעכטיקייט ? . .

ווער איז די פרינצעסין?

רחלע איז איינע פון א פאמיליע פון דריי. א טרויעריקער זכרון פון דער אינפלוענציע מגפה, אן מערב קאנאדע.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט רחלען איז פאָרגעקומען אויף א מערקווירדיקן אופן: זי, רחלע, איז נאָך געווען א נייע אין דער היים, האָט זיך נאָך געפילט פרעמד און געהאלטן זיך אָפּגעזונדערט. איך האָב זי געטראָפן אין הויף, הינטער א בוים, צוזאמען מיט אירע צוויי קליינע ברידערלעך.

די אינגעלעך זיינען א פולשטענדיקער קאָנטראַסט פון איר, און דאָך איז אין זייערע פּנימלעך געווען עפּעס אַלגעמיינעס, פון וואָס עס איז גלייך געווען צו דערקענען, אז עס איז איין משפּחה. ביידע אינגעלעך, איינער פון פינף און דער צווייטער פון דריי יאָר (רחלע אליין איז אלט געווען זיבן יאָר), ביידע מיט פּעך־שוואַרצע "קודרעס", אזוי ווי ביי יונגע שעפּעלעך, מיט קליינע רונדע, שוואַרצע אייגעלעך, וואָס בלישטשען ווי דימענטן; קליינע, רונדע פּנימלעך מיט א שמייכל וואָס פאַרשווינדט קיינמאָל ניט פון זייערע פּנימער.

רחלע, פאַרקערט, א בלאָנדע, א ווייסע ווי מראַמאָר, מיט בלויע אייגעלעך, מיט א שטענדיק ליכט פאַרטרויערט פּנימל, וואָס גיט צו דעם קינד אזא שיין און נאָבל, און דאָך טראַגישן אויסזען.

זיי זיינען אלע דריי געזעסן הינטער א בוים, דאָס קלענערע קינד אָנגעלײנט זיין קעפּעלע ביי איר אויפן שויס, דער עלטערער האָט איר אריינגעקוקט אין די אויגן, בעת זי האָט זיי ביידן עפּעס דערציילט. אליין האָט זי אין ביידע הענט געהאלטן א "פּופּע", וועלכער זי האָט געמאָסטן א ניי קלייד, וואָס זי האָט אליין ערשט אויפגענייט. איר אויפמערקזאמקייט האָט זי גלייך געטיילט צווישן דער "פּופּע" און ביידע ברידערלעך, אריבערטראָגנדיק די אויגן דאָ פון דער "פּופּע" צו די קינדער און פון די קינדער צו דער "פּופּע".

עס איז געווען א מערקווירדיקע אידיליע, וואָס וואָלט זיכער צוגעצויגן דאָס אויג פון יעדער מאלער אָדער סקולפּטאָר, אויב ער וואָלט זוכן א מאָדעל פאַר א ווערק באַטיטלט "קינד־מוטער".

עס איז געווען אזויפיל טרויער און דאָך אזויפיל גראַציע אין דער דאָזיקער גרופּע, אז ניט זייענדיק קיין קינסטלער, איז מיין אויג צוגעצויגן געוואָרן מאָמענטאַל, און איך בין געבליבן שטיין ווי א פאַרגליווערטער פאַר דעם בילד, פאַר איניקע מינוט מורא האָבנדיק צו צעשטערן די קינדערשע רו.

איך בין נאָך געווען אינגאַנצן א פרעמדער אין "דער היים", און גאַנץ אומבאַקאַנט צו די קינדער, גראָד ווי די קינדער צו מיר. איך האָב אָבער באַשלאָסן צו מאַכן זייער באַקאַנטשאַפט און איך בין צוגעגאַנגען צו זיי.

— זייער א שיינע "פּופּע" ביי דיר, — האָב איך זיך געווענדעט צו איר.

— אָ, יאָ! — האָט זי אויפהויבנדיק די אייגעלעך צו מיר, גלייך באַשטעטיקט מיין קאָמפּלימענט צו איר "פּופּע", — א יאָ, זי איז שיין? — האָט זי מיך ווידער געפרעגט און ניט אראָפּגעלאָזט די אויגן פון דער "פּופּע", — הלוואַי וואָלט איך אזוי שיין געווען! . .

— פאַרוואָס, קינדעלע! — האָב איך אויסגערופן, — איך דענק אז דו ביסט פיל שענער פון דיין "פּופּע", כאָטש די "פּופּע" איז אויך שיין גענוג.

— דענקסטו אזוי? . . — האָט זי מיך נאַאיוו געפרעגט און זיך צעלאַכט מיט אן אומשולדיק, קינדערש געלעכטערל, ניט אויפהערנדיק דערביי צו גלעטן דער "פּופּעס" ניי קליידעלע.

איך בין געווען נייגעריק צו וויסן אביסל מער וועגן די קינדערלעך. איך האָב געזוכט זייער באַקאַנטשאַפט. און דאַך, האָב איך מורא געהאַט צו פרעגן די פראַגע וואָס האָט געבערנט מיין מוח: זיינען זיי יתומימלעך? אזוי יונג נאָך — און שוין אזוי ביטער געשטראָפט? און איך בין געווען אין א פארלעגנהייט ווי אָנצופאנגען.

— שוין לאַנג דאָ? — האָב איך ענדלעך געפרעגט.

— ניין, ערשט צוויי וואָכן.

— און וואו איז די מאַמע? — האָב איך זיך ענדלעך אָנגענומען מיט מוט און געפרעגט, זיך שרעקנדיק פארן ענטפער.

— מיין מאַמע איז טויט! — האָט דאָס קינד געענטפערט מיט אזא נאַאיוויטעט, און דאָך מיט אזויפיל צער אין קול, אז איך האָב זיך ניט געקאָנט פארגעבן די זינד פון מיין נייגעריקייט.

— און פאַפּאַ איז אויך געשטאָרבן, — האָט זי שוין ניט געוואַרט אויף מיין ווייטערדיקער פראַגע און מיר דערציילט, — מיר וואָלטן אַלע געווען טויט, ווען ניט מר. ל. פון סק.

— ווי אזוי איז דאָס געשען, טייער קינד? — האָב איך זיך געבעטן רחמנותדיק.

און דאָס קינד האָט דערציילט:

רחלעס געשיכטע

„מיר האָבן פריער געוואוינט אין ס.ק. פאַפּאַ האָט דאָרט געהאַט א סטאָר און מיר האָבן געהאַט א סך גוטע־פריינט. אין די אָוונטן, ווען פאַפּאַ פלעגט פארשליסן די סטאָר, פלעגן זיי קומען צו אונדז פארברענגען. מאַמע פלעגט זינגען אזוי שיין! איך האָב אזוי ליב געהאַט צו הערן מיין מאַמען זינגען. פאַפּאַ פלעגט זי רופן ‚מיין סאָלאָוויטשיקל‘, און אַלע געסט פלעגן זי בעטן זי זאָל זינגען נאָך און נאָך . . .

„געווען איינער א מר. ל., פלעגט ער ברענגען ביכער און לייענען, און אַלע פלעגן אזוי לאַכן . . . מר. ל. האָט געהאַט אזא ‚פאָני‘ פנים, און אז ער האָט געלייענט, פלעגט ער זיך מאַכן אָט ווי א מאַן און באַלד ווי א אידענע, און דאָ גאָר ווי א קליין אינגעלע, און מיר פלעגן אזוי לאַכן . . . יאָסעלע איז נאָך דאַן געווען א בייבי — מאַמע האָט אים געזויגן.

„דערנאָך האָט פאַפּאַ פארקויפט די סטאָר און דאָס הויז, און מיר זיינען אוועקגעפאָרן קיין נ., און פאַפּאַ האָט געבויט א סטאָר און א הויז, און ‚פּוירניטשור‘ נייע געקויפט, . . אָ, וואָס פאַר ‚פּוירניטשור‘ ! . . איך האָב געהאַט א בעטעלע, און מאַרסעל א בעטעלע, און יאָסעלע א בעטעלע — אזעלכע שייינינקע . . . און א פּיאַנאָ האָט מיר פאַפּאַ געקויפט, און ‚דאָלס‘, און א בעטעלע פאַר דער ‚דאָל‘, און מאַרסעל האָט געהאַט א ‚ראָקינג פּאָני‘, און א גרויסן, גרויסן באָל — אָ, ס'איז געווען אזוי גוט ! . .

"פּאפּא פלעגט זיך שפּילן מיט אונדז אין 'זשמורקעס' ביינאכט, ווען ער פלעגט צומאכן די סטאָר. ער האָט מיך קיינמאָל ניט געקאָנט כאַפּן . . . איך פלעג אים באלד כאַפּן — מא פלעגט מיר העלפן . . .

" דערנאָך איז מא קראַנק געוואָרן". . .

און דעם קינדס פריילעכער טאָן איז מיטאמאָל אומגעביטן געוואָרן. איר שיין פּנימל און מיטאמאָל ווי מיט א וואָלקן פארצויגן געוואָרן. קענטיק, אז דאָס קינד האָט נאָכאמאָל איבערגעלעבט די גאַנצע טראַגעדיע פון יענער צייט. איך וועל אייביק ניט פארגעסן דעם שמערצלעכן איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאכט דעם קינדס פּנימל, ווען אירע שיינע אייגעלעך זיינען אָנגע־פילט געוואָרן מיט טרערן. איך האָב דאָן פארשטאנען, פון וואנען עס האָט זיך גענומען דער מאָדנער טרויער, וואָס האָט ארויסגעקוקט פונם זיבן־יאָריקן קינד.

— עס איז דיר שווער צו דערציילן? — האָב איך זיך צו איר געווענ־דעט, — מיר וועלן עס בעסער לאָזן אויף אַ אנדערש מאָל.

— ניין, איך בין שוין געוואוינט, עס מאכט ניט אויס. איך טראכט סיי ווי פון דעם כסדר, איז מיר בעסער ווען איך דערצייל עס. איך קאָן דערווייל טראכטן פון אלץ וואָס ס'איז געווען, און ווען איך טראכט, אָדער איך דערצייל, ווייזט זיך מיר אויס אז איך בין ווידער אין נ., אין אונדזער הויז און זע פּא און מא, און די פּיאנאָ און . . .

— האָסט געזאָגט, אז דו ווילסט דערציילן, — האָב איך איר איבער־געשלאָגן אין מיטן, ווייל דער ווייטיק וואָס האָט אָנגעפילט דאָס קינדערשע הערצעלע, ווען זי האָט זיך פאָרגעשטעלט איר היים; איר געפיל פון עלנט און דאָס פארשטענדעניש פונם גרויסן חילוק פון וואָס עס איז געווען און עס איז איצט, האָט געריסן דאָס הארץ, און איך האָב זיך שטארק געטאדלט פאר מיין נייגעריקייט.

און רחלע האָט ווייטער דערציילט:

"און אלץ איז געוואָרן אנדערש: דער פּאפּא איז געוואָרן פארזאָרגט און איז תמיד געווען לעבן מאמאן. אין דארף זיינען כמעט אלע קראַנק געווען, און מען האָט ניט געקאָנט קריגן קיין דאָקטאָר און קיין נוירס. און פּא האָט פארמאכט די סטאָר און גענוירסט מא: געווארימט פלעשער, געזאָדן וואסער, געקאָכט סופּ. דערנאָך איז ער אויך קראַנק געוואָרן. איז שטוב איז געוואָרן קאלט, ניט געווען קיין האָלץ; יאָסעלע האָט געוויינט, געוואָלט עסן, ניט געווען וואָס צו געבן; מאמען איז געוואָרן ערגער און מיר האָבן אלע געוויינט . . . און פּאפּא איז אראָפּ פון בעט, גענאנגען אין הויף, געבראכט מילך פאר יאסעלע און עסן פאר מיר מיט סאלין . . . מאמע זיך געבייזערט, ער וועט זיך פארקילן. געבעטן אים: — לייג זיך בעסער אַנידער, מ'טאָר ניט . . .

"פּאפּא האָט ניט געפאָלגט, ארומגעגאנגען, געווארימט וואסער . . . ביינאכט מאמען געוואָרן ערגער און פּאפּא געלאָפן צום טעלעפאָן, גערופן א דאָקטאָר פון ס.ק., און א נוירס, צוגעזאָגט הונדערט דאָלאר . . . ביינאכט מאמע געשטאָרבן, און פּאפּא שוין אויך ניט געקאָנט אויפשטיין . . . מיך

גערופן, געהייסן גיין זאָגן דעם דאָקטאָר. איך האָב זיך אָנגעטאָן, אין דרויסן געווען א טיפער שניי. עס איז געווען אזוי קאַלט ! . . איך בין אָבער געלאָפן איבערן דאָרף. דער דאָקטאָר האָט געוואוינט ווייט — אפשר א מייל . . . איך בין געקומען צום דאָקטאָר און ער איז ניט געווען אין דער היים, און דעם דאָקטאָרס פרוי איז אויך קראַנק געווען . . . האָט זי געשיקט די נוירס, און זי האָט ניט געוואָלט לאָזן די דאָקטאָרשע אליין . . . און איך בין צוריק־געלאָפן אהיים און געקומען אין שטוב . . .

"פּאַ געווען שטיל . . . איך האָב געמיינט ער שלאָפט, האָב איך צוגע־רופן מאַרסעלן, אים אַרומגענומען און מיר זיינען ביידע אַנטשלאָפן געוואָרן. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, פּאַפּאַ נאָך געשלאָפן . . . איך האָב מורא געהאַט צו וועקן. און עס איז מיר געוואָרן אזוי שרעקלעך . . . און איך האָב אָנגע־פאַנגען וויינען, און מאַרסעל האָט אויך געוויינט, און סאַלי האָט געוויינט . . . און מיר האָבן געוויינט און געוויינט.

"אויף מאָרגן איז געקומען דער דאָקטאָר און געזאָגט אַז פּאַפּאַ איז אויך טויט, און מען האָט אונדז צוגענומען. איך בין באַלד אויך קראַנק געוואָרן . . . מר. ל. איז געקומען פון ס. ק. אונדז אַלעמען צוגענומען . . . ווען ניט מר. ל. וואָלט איך אויך געווען געשטאָרבן" . . .

און דאָס קינד האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּעלע. הערא־איש פאַרשטעמט די ליפּעלעך כדי ניט צו צעוויינען זיך. מאַרסעל האָט אויפ־געהויבן זיינע קודרעס, אַרויפגעקוקט צו איר מיט זיינע שוואַרצע אייגעלעך און איז אזוי פאַרגליווערט געוואָרן אויף א רגע. דער קליינער יאָסעלע האָט צוגעשפּאַרט דאָס געקרייזלטע קעפּעלע צו איר הערצעלע, און מיט זיין הענטעלע געזוכט צו גלעטן איר בעקל, ווי ער וואָלט זי וועלן טרייסטן. די גרויסע "דאָל" (דער זכר פון די אַלטע, גוטע צייטן), איז אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט און איז געבליבן ליגן גולמדיק אין איר שויס . . .

"צער און טרויער" וואָלט געווען א באַזונדערס פּאַסיקער נאָמען פאַר דער גרופּע עלנטע קינדער־קעפּלעך, וואָס זיינען געלעגן צונויפגעטוליעט איינס אינם צווייטן הינטער דעם גרינעם בוים, וועלכער האָט מיסטיש צוגע־שאָקלט מיט זיין אַלטן קרוין־קאָפּ, ווי ער וואָלט געשעפּטשעט: אזוי איז די וועלט, אזוי איז זי געווען און אזוי וועט זי בלייבן, און וועמען עס געפעלט נישט קאָן זיך האָבן טענות — העלפן אָבער וועט עס ניט . . .

טעג, וואָכן און חדשים זיינען אוועק זייט מיין ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט רחלען און אירע ברידערלעך. רחלע איז פאַר דער צייט אונטערגעוואַקסן און איז נאָך פון דעם פיל שענער געוואָרן.

די צייט, וואָס פאַרהיילט אַלע וואונדן, האָט פאַרגלעט און פאַרהיילט אויך די טיפסטע וואונד אין רחלעס נשמה, און א לוסטיקע, א פריילעכע, פלעג איך זי יעדן טאָג באַגעגענען. יעדן מאָל אָבער וואָס איך האָב זי געטראָפן, פלעגט פאַר מיר אויפשטיין דאָס בילד פון דאָרט, פון הינטערן בוים, ווען איך האָט זי צום ערשטן מאָל געטראָפן, און דאָס גאַנצע בילד פון איר טראַגישער היים אין יענע ווינטער־נעכט און ווינטער־טעג, ווען זי, דאָס 6־יאָריקע קינד, איז געווען דער טרויעריקער עדות פון אירע עלטערנס טויט, און פאַר מער ווי

א מעת־לעת איז זי געווען אליין מיט די צוויי טויטע קערפּערס אונטער איין דאַך.

און א הייסע תפלה ווערט באַשאַפן, אַז דער מלאך פון שכחה זאָל שולט זיין און אָפּמעקן פונם קינדס זכרון די דאָזיקע שוידערלעכע טראַגעדיע און ניט פאַרביטערן אירע יאָרן ווען זי וועט אויסוואַקסן און גרעסער ווערן.

* * * * *

תשעה־באָב, תרפ"ד. דער קאַשמאַר פון אַמאָל האָט זיך ווידער דער־וועקט אינם לעבן פון רחלען, און דורך מיין אייגענער שולד. איך ווייס ניט צי וועל איך זיך אַמאָל קאָנען פאַרגעבן דעם פעלער:

איך האָב איינגעלאַדן די עלטערע קינדער מיטצוגיין מיט מיר צום בית־עלמין. זאָלן עלטערע קינדער איין מאָל אין יאָר זיך דערמאָנען אויף זייערע פאַרשטאָרבענע עלטערן, זאָלן זיי האָבן א באַגריף פונם אייביקן ראָד פון לעבן, וואו עס ענדיקט זיך אַלץ . . . וואוהין עס פירן אַלע וועגן . . .

צווישן אַלע איבעריקע קינדער, וועלכע זיינען מיטגעגאַנגען, האָט זיך אויך רחלע אריינגעפּלאָנטן, אומבאַמערקט, און בעת די אַלע איבעריקע קינדער האָבן זיך צעשאָטן אין קליינע גרופּעס און זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן די שורות מצבות, און מער מיט נייגעריקייט ווי מיט אינטערעס געלייענט און באַטראַכט די פאַרשיידענע אויפשריפטן, האָט זיך איבערן גאַנצן פעלד צעטראָגן א האַרצרייסנדיקער יאָמער פון א קינד:

— טייערער פּאַפּעלע ! . . מאַמעלע, טייערינקע ! . . זעט, איך האָב אייך ניט פאַרגעסן . . . איך בין צו אייך צו גאַסט געקומען . . . איך בין אייך געקומען זאָגן, אַז מאַרסעל איז וואויל . . . אַז יאַסעלע איז געזונט . . . פּאַפּעלע ! . . דו זעסט מיך, מאַמעלע טייערינקע ! . .

— —

מיט גרויס מי איז מיר געלונגען אָפּצורייסן רחלען פונם דאָפּלטן קבר, וואו עס ליגן באַהאַלטן מער ווי איין קינדהייט און קינדהייט־גליק . . .

חנהלע

חנהלע

געבראכט האָט זי א מומע, א יורדת, געבעד. איין בליק אויףביידן (אויף דער מומען און אויפן קינד), איז געווען גענוג צו איבערציינגן זיך, אז פיינלעכע שיידונג וועט דאָ ניט זיין.

די מומע, א טיפּיש־קינדערלאָזע אידענע אין די מיטעלע יאָרן; אן אויסגעפּוצטע, א הארטע, מיט פארשנורעוועטע ליפּעלעך, מיט א קאלטן, פארגליווערטן, גלעזערנעם בליק אין די אויגן, מיט א פארשנורעוועט הארץ, וואָס הויבט זיך אָן צאפּלען נאָר דאן, ווען עס ווייזט זיך איר אויס, אז אימעצער וועט וועגן איר א שלעכטע מיינונג האָבן . . .

דאן עפנט זיך עס ברייט, און די שנורן־ליפּעלעך פאנגען אָן צו מאָלן די צרות, וואָס דאָס באלײדיקטע הארץ אירס איז אויסגעשטאנען פון אָטדעם קינד, און זיי שיטן, די ליפּעלעך, שווארצן מאָן אויף איר שוועסטער (דעם קינדס מוטער), וועלכע האָט איר קינד אוועקגעוואָרפן, וואָס קיין זאך איז ביי דעם קינד ניט אָנגעלייגט . . .

— ווײ, וואָס זי האָט פאר דעם קינד ניט געטאָן . . . וואָס זי איז ניט אויסגעשטאנען פארן קינד . . . און צום סוף ווערט מען נאָך באלײדיקט . . .

הײנט די שכנים און שכנות, וואָס נאָר זיי דארפן וויסן וואָס ביי יענעם אין טעפּל קאָכט זיך — אָבער וואָס ביי יענעם אין הארצן טוט זיך וויסן זיי? אז הײנטיקע מענער, אז אָך און ווײ . . . די ווייבער ליגן דאָך ביי זיי אין דער ערד לעבעדיקערהייד . . . זי וואָלט זיך שוין יאקאָס געמוטשעט מיטן קינד, פאָרט אייגן פלייש און בלוט . . . איז ער, האָט זיך איינגעשפּארט נאָר איינמאָל גיין און נײן . . . אָדער דאָס קינד, אָדער זי . . . נו, זאָל זי זיך גטן מיטן מאן ? . .

איין בליק אויפן מײדעלע וואָלט איבערצייגט אפילו ניט קיין פּסיכאָלאָג און נאטור־קענער, אז וואָס־וואָס, געפּעסטשעט האָט זי געוויס נאָך קיינער ניט, און אז שטארק וויינען נאָך דער מומעס טובות, וועט זי אויך ניט. דאָס האָט עדות געזאָגט איר מארטירער־אויסזען, איר פארצאָרנטער בליק, אירע אויסגעסטארטשטע, מאָגערע קינבאקן און דער באזונדערער צער וואָס האָט ארויסגעקוקט פון אירע אויגן.

פאראן ערגעץ ביי א. שאפּיראָן א דערציילונג וואָס דערמאָנט אָן א אידן וועלכער האָט דורכגעלעבט אלע שרעק פון א שוידערלעכן פּאָגראָם און איז געווען א לעבעדיקער עדות פון זיין פרויס פייניקונגען, און א פארצווייפלט געשריי איז פארגליווערט געוואָרן אין זיינע אויגן, און איז דאָרט אזוי פארבליבן, און ווען דער זעלבער איד צעקריגט זיך מיט א גוי אויפן וועג קיין אמעריקע און ער טוט א קוק אויפן גוי מיט דער מוראדיקער שרעק

וואָס איז פאַרגליווערט געוואָרן אין זיינע אויגן, צלמט זיך דער גוי איבער און טרעט אָפּ אַן אַ זייט אין טויט־שרעק.

עפּעס ענלעכעס האָט איינער געמוזט פילן, אריינקוקנדיק אין דעם קינדס אויגן, ווען זי איז געשטאַנען דאָ, אין דעם פרעמדן פאַר איר צימער, פאַר פרעמדע מענטשן, אין א פרעמדער אומגעבונג. אלץ האָט זי געשראָקן. אי די גרויסקייט פונם הויז, די פרעמדקייט פון די מענטשן, די ניט־זיכערקייט וואָס מען וועט דאָ טאָן מיט איר, ווי אזוי מען וועט זיך דאָ פאַרהאַלטן צו איר — און דאַך האָט זי ווי געוואַרט מיט אומגעדולד, דער מומעס ליפּעלעך זאָלן שוין וואָס גיכער ענדיקן און זי זאָל שוין וויסן איר שיקזאַל, איר צו־קונפט, ווי איינער וואָס האָט ביי זיך געפּועלט, אז ערגער פון ערגער קאָן שוין ניט זיין.

— וועסט זיין א גוט מיידל און פאָלגן? — האָט מען זי געפרעגט.

— יעס, מר . . .

און די אויגן האָבן אויפן פרעגנדיקן א קוק געטאָן אויף איין אויגנ־בליק נאָר, אפשר ווייניקער ווי א פערטל סעקונדע. דעם פרעגער איז אָבער געוואָרן אזוי אומהיימלעך פון דעם בליק, אז ער איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. אזויפיל מאַרטירערשאַפט, אזויפיל פאַראַכטלעכער שטאָלץ איז געלעגן אין דעם בליק, אז עס האָט זיך דערפילט די שוואַרצע טיפקייט פון א שוידערלע־כער קינדער־טראַגעדיע וואָס פרעסט א קינדערש האַרץ און פילט עס אָן מיט גאַל און סם, און מאַכט עס טראַציק צו אלץ און אלעמען, זיך אָפּקערן פון איינענע און פרעמדע, און זיך פאַרקלייבן אין דער איינענער הויט, זיך פאַר־פעסטיקן אינם איינענעם האַרצן קעגן דער גאַנצער וועלט. נאָר די אויגן, ווי לייכט־טורעמס, ווי צוויי זשאַנדאַרמען, מוזן שטיין אויף דער וואַך, דורכ־שפּיזן יעדערן, וועלכער וועט זיך דערנענטערן, אויספאָרשן און אויספּרו־בירן דעם שונא, דעם פרעמדן.

א נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט חנהלעס לעבן אנדעקט דעם טיפן סוד וואָס בליקט ארוים פון אירע אויגן.

עס איז געווען איר ביטער מזל געבוירן צו ווערן פּונקט אין א צייט ווען טאַטע־מאַמע האָבן זיך צווישן זיך געקריגט.

דער פאָטער האָט זיך ארומגעקוקט, אז ער האָט זיך גענאַרט מיטן שידוך, און אז פאַר אזא יונגנמאַן ווי ער, איז בכלל קיין פּלאַן ניט צו זיין פאַרבונדן מיט א ווייב און נאָך א קינד דערצו . . . פאַר דעם געבורט פונם קינד אליין האָט ער באַשולדיקט די מוטער:

— אזא פּליאַגע ! . . לייטישע פרויען האָבן שכל, און דאָס . . . עך, בעסער וואָלסטו א . . . — און דאָ האָט געפאָלגט אַן עצה־טובה מיט אַן אדרעס, וואָס ווען דאָס ווייבל וואָלט אים געפאָלגט, וואָלט ער געווען א גליקלעכער און א פרייער.

דאָס ווייבל אָבער האָט גאָר קיין חשק ניט געהאַט צו פאָלגן די אומ־זיסטע עצה פון איר מאַן, ווייל פּונקט ווי דער מאַן האָט זיך ארומגעקוקט,

אז ער האָט זיך געגאַרט מיטן שידוך, האָט דער שפּיגל עדות געזאָגט, אז זי האָט נאָך מער אורזאַכן פאַר חרטה, ווי ער, ווייל דער שפּיגל האָט איר דערציילט, אז זי האָט אַ גאַנץ שיין פּנימל נאָך, און אז מיט אַזאַ פּנימל ווי אירס, ווערט מען אין אַמעריקע ניט פאַרפאַלן. די איינציקע "טראָבל" איז נאָר אָט־דער שלימזל (ד"ה, חנהלע). אין דעם הינזיכט איז זי געווען פולשטענדיק איינשטימיק מיט איר מאַן. צו וואָס האָט זי געדאַרפט אָט־דעם אומגליק? . .

און צווישן דעם אַרומקריגן זיך צווישן מאַן און ווייב, און צווישן די אָפטע קאָנפערענצן מיטן שפּיגל, איז חנהלע געווען דאָס כפרה הינדל, וואָס איז איבערגעלאָזן געוואָרן צו איר אייגענעם שיקזאַל פאַר שעהן און אָפט לאַנגע טעג.

אין אָנפאַנג האָט חנהלע, ווי יעדער קינד, פּראָטעסטירט, און שטאַרק פּראָטעסטירט — ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס מען גיט איר ניט קיין עסן. מילא, פון דער מאַמעס ברוסט, וואָס איז אַזוי וואַרים און זיס, אַ מחיה, ווייסט זי שוין פון לאַנג, אז זי האָט ניט וואָס צו חלומען. פון דעם לוקסוס האָט מען זי אָפּגעוואוינט נאָך איידער זי איז אַ חודש אַלט געווען. אָבער אַן איינפאַך פלעשעלע מיט מילך? . . זאָל זיין וואַרימע צי קאַלטע, דאָס מוז מען דאָך איר געבן — זי איז דאָך אַזוי הונגעריק . . .

און חנהלע האָט געשריען אויפן קול, איינגעלייגט די וועלט, גע־פּרואווט זיך צעשרייען אויף פאַרשיידענע אופנים, אי כסדר דורכאַנאַנד און אַן אַן אויפהער, טרויעריק פון האַרצן, ווי זי וואָלט זיך בעטן: "זעט, האָט רחמנות, איך בין הונגעריק. גיט מיר עסן, איך בין איינגאַנצן נאַס, עס בריט מיך, נעמט מיך אַרויס, טריקנט מיך אָפּ. אָבער עסן וויל איך, איך גיי אויס".

עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז חנהלע האָט זיך איבערצייגט, אז אירע געשרייען העלפן ניט, איר שרייען און וויינען פאַלט אויף טויבע ווענט און קיינער קימערט זיך ניט איבער איר. זי מאַכט זיך נאָר אומזיסט קרעמפּן אין בייכעלע, און אין האַלדז ווערט ביטער, און אין מיילעכל טרוקן . . . האָט זי געשריען, געליאַרעמט ביז זי איז מיד געוואָרן און אויפגעהערט . . .

און ווען חנהלע האָט זיך אויפגעהערט פאַרלאָזן אויף אַנדערע, האָט זי אָנגעהויבן זוכן שפּייז אַרום זיך. צוערשט האָט זיך פאַרזוכט איר אייגן הענ־טעלע. אַריינגערוקט אַלע פינגער אין מויל און גענומען ציען, ציען, אָן אָטעם, ווי אַ דורשטיקער ס'וואַסער. דערנאָך האָט זי אויסגעפונען אז איר אייגן העמדעלע קאָן אויך זיין אַ שטיקל מאכל אין אַ נויט. אויף די אַרבל איז נאָך געווען איבערבלייבעכצן פון אַלטער, פאַרגאָסענער מילך, און עס האָט געהאַט אַ שטיקל טעם, און חנהלע האָט זיך גענומען פאַרן אַרבל קייען און זויגן; און זוכנדיק ווייטער מיט די הענטעלעך אַרום זיך, האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אָן עפּעס וואַרימעס, וואָס עס וואָלט ניט שאַדן צו פאַרזוכן. זי האָט פאַרזוכט און אויסגעפונען, אז כאָטש עס קומט ניט צו קיין מילך, דאָך, אין אַ נויט, איז דאָס אויך אַ מאכל. אַ, זי וועט זיך ניט אונטערגעבן, זי וויל לעבן, און לעבן מיינט עסן. זי וועט שוין איר שטעטל באַשטיין.

גראָד אין דער צייט איז חנהלעס מוטער געווען שטאַרק פאַרנומען, אַרומיאָגנדיק זיך זוכן איר מאַן, וועלכער איז שוין פאַר צוויי טעג אַהיים ניט געקומען.

און ווען דאָס ווייבל איז אהיימגעקומען און דערזען דאָס קינד: דאָס פּנימל איינגאַנצן פאַרשמירט און פאַרדאַרט, די אייגעלעך פאַרקלעפּט, אַז עס איז שווער געווען צו דערקענען צי עס איז אַ מענטשלעך קינד צי עפּעס אַנ־דערש — האָט זי זיך מיט עקל און שרעק אָפּגעקערט פון דעם. אַ רוח, אַ טייוול איז עס, ניט קיין קינד . . .

חנהלע, פאַרקערט, דערזעענדיק די מאַמען, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו איר, האַפּנדיק, אַז ענדלעך וועט מען איר דאָך ברענגען מילך. און ווען זי האָט געזען אַז די מוטער גייט ניט צו צו איר, האָט זי זיך גענומען פאַר איר אַלט געוואָר — שרייען. און דאָ האָט זי אַנטדעקט אַ נייעם סוד, אַז איר קול, וואָס איז שטענדיק געווען אַזוי הילכיק, דינט איר ניט מער, און כאָטש זי האָט אָנגעשטרענגט אירע לעצטע כוחות צו לאָזן זיך הערן, איז מער ווי אַן אומ־גליקלעך פּישטשען, ווי פון אַ קעצל, ניט אַרויסגעקומען. אָט־דאָס פּישטשען האָט צונעצויגן דער מוטערס אויפמערקזאַמקייט, און מיט אַ געשריי — "אַ וויטיק איז מיר, דאָס קינד איז קראַנק!" — איז זי אַרויסגעלאָפן פון שטוב און איז צוריקגעקומען מיט עטלעכע שכנות.

מען האָט זיך גענומען פּאָרען אַרום חנהלען, געבן עצות דער מוטער. עמיצער האָט גערופן אַ דאָקטאָר, און חנהלע איז מגולגל געוואָרן אין שפּיטאָל.

דאָ האָט זיך חנהלע אַביסל אָפּגערוט פון אירע צרות. על־כל־פּנים אַ פלעשל מילך האָט זי געהאַט צו דער צייט און אַ באָד יעדן טאָג, און אַ ריין בעטעלע, און אַן עמיצן אין ווייסן וואָס האָט געשמאַטשקעט צו איר מיט די ליפּן, וואָס קיצלט איר אונטער דער מאָרדעטשקע און קוקט איר אַריין אין די אייגעלעך, פון וואָס עס ווערט איר אַזוי פריילעך, אַז חנהלע מאַכט אָפּ ביי זיך צו זיין צופרידן מיט דער אין ווייסן און לאַכט. יענע רופט אַריין נאָך אַנדערע אין ווייסן; מ'לאַכט, מען נעמט זי אויף די הענט, מען טאַנצט מיט איר, און עס איז אַזוי גוט, אַז זי מאַכט אָפּ ביי זיך צו זיין צופרידן מיטן בייט.

זאָל שוין זיין אַזוי, די "עמיצער" אין ווייסן וועט איר מאַמע זיין, און דאָס גרויסע, שיינע צימער מיט די ווייסע בעטעלעך — איר היים . . . איר געפעלט דאָ סיי ווי בעסער ווי אין דער היים. דאָרט איז ניטאָ קיין צאַצקעס אויף די ווענט, אויף דער סטעליע, איבער איר קעפּל; דאָרט איז שוין גאָר־ניט שיין — שוואַרץ און פאַררויכערט, און שטיקלעך פּאַפּיר הענגען אַראָפּ, און קיין שיין, גלאַנציק, ווייס־רויט קלאַפּערל האָט זי דאָרט אויך ניט; איר וויגעלע — זי האָט עס פיינט — תמיד נאַס און עס בריט איר און קוועטשט איר דאָס ליב . . . דאָס בעטעלע דאָ איז אַזויפיל בעסער. יאָ, זי וועט בלייבן דאָ. און זי ציט זיך מיט די דאַרע הענטעלעך צו דער אין ווייסן און טוליעט איר בעקעלע צו איר באַק און פלעכט אירע הענטעלעך אַרום דעם פרעמדן מיידלס האַלדז, ווי זי וואָלט זיך בעטן: "לאָז מיך ניט אָפּ פון דאַנען, באַשיץ מיך פון מיין מאַמען, פון מיין היים . . . איך בין דאָרט אַן איבעריקע" . . .

* * * * *

עס איז באַשערט געווען, אַז חנהלעס וואונטש זאָל מקוים ווערן אויף אַ זייער טראַגישן אופן.

אירע באזוכן אין האָספּיטאָל זיינען געוואָרן אַלץ אָפטער און אָפטער. עס איז שוין ניט געווען קיין איין האָספּיטאָל אין שטאָט, וואו חנהלע איז ניט געווען היימיש. זי איז באַקאַנט געוואָרן צו אַלע דאָקטוירים און נוירסעס, און צו אַנדערהאַלבן יאָר פון איר לעבן, האָט זי שוין איבערגעקרענקט מיט ווינט־פּאָקן און מאָזלען, סקאַרלאַטין און דיפטעריע, דייאַריע און טיפוס, קרופּ, בראָנכיטיס און קייך־הוסט . . .

יעדער מאָל ווען חנהלע איז קראַנק געוואָרן האָט די מוטער איינגעלייגט די וועלט, זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, געשאָלטן איר פינצטער מזל, ארומגע־לאָפן צו שכנים, געפרעגט עצות, געלאָפן צו דאָקטוירים, ארומגעפּאַדיעט ארום די פענצטער פון שפּיטאָל . . . און יעדער מאָל ווען חנהלע איז צוריקגעקומען אהיים, האָט זיך אָנגעפאַנגען די זעלבע, אַלטע, געשיכטע פון פאַרנאַכלעסי־קונג, פון איבערלאָזן דאָס קינד אַליין פאַר שטונדן אומגעגעסן, ניט איבער־געבעטן און ניט איבערגעטריקנט.

איין מאָל, אין אַן אָוונט, ווען חנהלעס מוטער האָט זיך צוריקגעקערט פון אירע וואַנדערונגען איבער דער שטאָט און איז צוגעקומען צום וויגעלע, איז זי אָפּגעשפּרונגען מיט אַ קוויטש, ווי געביסן פון אַ שלאַנג: דאָס קינד האָט אויף איר געקוקט מיט משונה־מאָדנע, פאַרגלייזטע אייגעלעך, וואָס האָבן זיך באַוועגט בליץ־שנעל ארויף און אַראָפּ, אויף רעכטס און לינקס, פּונקט ווי די שוואַרצאַפּעל וואָלטן געזוכט אַ וועג פון וואַנען צו אַנטלויפן פונעם קינדס קעפּעלע. דאָס קינד האָט זיך געוואָרפן קאָנוואולסיוו, און יעדער מאָל ארויסגעלאָזט אַזעלכע מאָדנע קלאַנגען, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען אין דער ברוסט פון דער זיך שולדיק־פילנדיקער מוטער, ווי שווערע האַמער־קלעפּ.

איז דאָס דער סוף ? . . איז עס מעגלעך אַז איר קינד שטאַרבט ? . . און דער געדאַנק אַז זי איז דער עדות פונעם קינדס טויט — און אפשר האָט ערגעץ אַ געהיימע שטימע איר אונטערגעזאָגט שטיל, אָבער דייטלעך, אַז זי אַליין איז שולדיק אין דעם — האָט זי געטריבן צום וויגעלע, און אין שרעק איז זי אָפּגעשפּרונגען צוריק. דאָס קול פון אַ דיבוק האָט ארויסגערעוועט פונעם קינדס ברוסט. יעדער מוסקול אויפן פּנים איז געווען אָנגעשטרענגט און זיך געביטן אין קאָליר, פון בלוי צו ברוין, פון ברוין צו רויט, און צוריק צו טויטלעכער געלקייט.

— דאָס איז טויט! — האָט איר אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַ געדאַנק. און דער געדאַנק פון טויט האָט זי געטריבן צו משוגעת. די האָר האָבן איר גענומען שטעכן אין שאַרבן און דאָס גאַנצע בלוט איז איר ווי פאַרגליווערט געוואָרן.

מיט אַלע כוחות האָט זי זיך פון טיר ארויסגעריסן און איז צו אַ שכנס פענצטער צוגעלאָפן, אָנגעקלאַפּט, עפּעס אויסגעשריען און דאָרט, ביים פענצטער אין חלשות געפאַלן.

עס זיינען אָנגעלאָפן מענטשן, מען האָט געבראַכט פּאָליציי, דאָק־טוירים, און עס האָט גענומען אַ היבשע צייט ביז מען האָט אויסגעפונען די אורזאַך פונעם גאַנצן אומגליק.

דאָס קינד האָט מען צוגענומען אין שפּיטאָל און דאָס מאָל אויף אַ גאַנץ לאַנגער צייט . . . חנהלע, וועלכע האָט שוין איבערגעקרענקט אויף אַלע מחלהס האָט איצט פאַרענדיקט איר קורס מיט קינדער פּאַראַליז . . .

אַ לאַנגע צייט האָט מען פון איר לעבן ניט געהאַלטן און געריכט זיך, אַז זי זאָל איבערלאָזן די וועלט פאַר אַ מער גליקלעכער. דאָס לעבן האָט אָבער, ווי עס ווייזט אויס, זי נויטיק געדאַרפט האָבן פאַר גרעסערע צרות, און חנהלע האָט, צו אַלעמענס איבעראַשונג, נאָך אַ משך פון אַנדערהאַלבן יאָר, זיך אויסגעדרייט פונם טויט.

* * * * *

יאָ, אויסגעדרייט זיך פונם טויט. אָבער ווער עס איז איינמאָל געווען אין די נעגל פונם טויט; ווער עס האָט איינמאָל געפילט אויף זיך זיין קאַלטן אָטעם, דער קאָן שוין קיינמאָל ניט זיין דער זעלביקער; דער מוז אייביק טראָגן אויף זיך די סימנים פון קאַמף, די פלעקן איבערגעלאָזט פונם טויטס הויך . . .

חנהלע האָט זיך צוריקגעקערט פונם שפּיטאָל אַ צעקריפּלטע, אַ פאַר־וואונדעטע, מיט אויסגעדרייטע הענט און פיס, אַן אומבאַהאָלפן נפשל, וואָס קאָן זיך פון אָרט ניט רירן, מיט אַ פּנימל אָבער, וואָס צופּט ביים האַרצן אַ קוק טוענדיק אויף דעם, גראַד ווי אַלע איובס לײַדן וואָלטן זיך אויסגעקריצט אויף דעם; מיט אויגן וואָס קוקן אויף אייך מיט אַזויפיל געבעט און רחמנות, ווי זיי וואָלטן זאָגן: "זעט ווי איך לייד — און לעבן ווילט זיך דאָך . . . העלפט מיר לעבן!"

אויב די מאַס פון חנהלעס צרות איז נאָך ניט געווען פאַרפילט, איז זי איצט פאַרפילט געוואָרן, מיט איר צוריקקומען פונם האָספּיטאַל: איר פאָטער האָט דערווייל פאַר דער צייט באַוויזן צו מאַכן פליטה און מען האָט ניט געוואוסט וואו זיי געביין איז אהינגעקומען . . .

די מוטער האָט זיך געמוטשעט אַ שטיק צייט און באַשלאָסן צו פאָרן אים זוכן. און אַזוי ווי זי האָט אים ניט געפונען, איז זי שוין דאָרטן פאַרבליבן. חנהלע איז אַזוי געוואָרן אַ לעבעדיק יתומהלע — אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַ־מען, אָן אַ האַנט און אָן אַ פוס.

גענומען צו זיך האָט זי אַ מומע (דער מוטערס אַ שוועסטער), האָפנ־דיק אויסצוהיילן זי און מאַכן זי פאַר אַן אייגן קינד. און עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַר חנהלען איבער אַ נייעס אַ סדרה צרות, מיט דאָקטוירים, אָפּע־ראַציעס, אונטערזוכונגען, פאָטאָגראַפירן יעדער אבר, עקספּערימענטירן, און דער עיקר — ליגן אין האָספּיטאַל.

ניטאָ די צרות אויף דער וועלט, צו וועלכע אַ מענטש זאָל זיך ניט קאָנען צוגעוואוינען. אַ סימן — חנהלע. זיבן לאַנגע יאָר איז זי אָפּגעלעגן אין האָספּיטאַל. פאַר דער צייט האָט מען זי זעקס מאָל אָפּערירט, גענומען הויט פון איין אָרט און געלאַטעט אויף אַ צווייטן, געזעגט די ביינער מיט אַ זעג און געבראָכן גלידער, געצויגן און געשניטן . . . נאָך יעדער אָפּעראַ־

ציע פלעגן די וואונדן ברענען ווי מיט העליש פייער, אפטמאל אויף דריי־פיר ערטער מיטאמאל. דאס בלוט אין די אדערן פלעגט ציפן און זידן, און זי פלעגט שרייען, פונקט ווי אמאל, ווען מען פלעגט איר ניט געבן דאס פלעשל צו זויגן — ביז זי האט זיך אויסגעלערנט צו ליידן און שווייגן, פארשטשעמען די ציין און פארציען אלע מוסקולן פון פנים, פארזשמורען די אויגן און ליידן — שווייגנדיק.

— די קליינע העלדין, — פלעגן די דאקטוירים זאגן אויף איר, און זי ארויסשטעלן אלס ביישפיל צו אנדערע חולאים.

די זיבן יאר אין שפיטאל זיינען ניט אוועק אומזיסט פאר חנהלען. פאר דער צייט האט זי געשלאסן באקאנטשאפט מיט די גבאיטעס פון אלע "טשאריטיס", וועלכע פלעגן איר ברענגען ביכעלעך מיט בילדער, נאשערייען און איר דערציילן וואונדער־שיינע מעשהלעך פונם וואונדער־גאט וועלכער אליין קאן היילן און וויזן וואונדער . . . און חנהלע האט זיך אנגעהערט און אנגעקאפט אן די שיינע מעשהלעך, און ליגנדיק דורך די נעכט אויף איר געלעגער, פלעגט זיך איר אויסדאכטן, אז דאס צימער איז אנגעפילט מיט רויטע, בלויע און געלע מלאכים, פונקט אזעלכע ווי אויף די טאוולען פון די ביכעלעך, וואס פליען ארום אין דער שטיל און פאכען מיט די פליגל; און צווישן אלע מלאכים שוועבט איינער גרעסער פון אלעמען, איינגאנצן אין ווייסן, מיט געלע, לאנגע האר, ווי גאלד־פאסן, און אלע לאזן זיך אראפ צו איר, בלייבן שטיין ביי איר בעט, וואו חנהלע ליגט אויסגעצויגן, יעדער מוסקול אנגע־שטרענגט, און ציטערט צו עפענען די אויגן, ציטערט אין שרעקלעכן פיבער.

זי האט זיך אויך באקענט מיט די שוועסטער פון דער "סאלוויישאן" ארמיי, וועלכע פלעגן קומען צו איר יעדן שבת, און פונקט ווי יענע גבאיטעס, ברענגען איר נאשערייען און ביכעלעך, נאר אנדערע, מיט אנדערע צאצקעס, אזוי אז ווען חנהלע איז ארויס פונם האספיטאל איז זי שוין אלט געווען ארום ניין יאר און האט שוין געהאט א גוטע ידיעה פונם גיהנום און גן־עדן, פון אלע רוחות און קליפהס, פון שטן און זיינע ארויסהעלפער, און וואס מען דארף טאן כדי געהאלפן צו ווערן . . .

יארן פון ליידן, איבערהויפט אזעלכע ווי חנהלע האט איבערגעליטן, קאנען אמאל אויסקריסטאליזירן א מענטשלעכן כאראקטער. זיי קאנען אבער אפט אויך אפטויטן יעדער געפיל, פארהארטעווען דאס הארץ, פארטעמפן די נשמה.

חנהלעס ליידן האבן איבערגעלאזט ניט נאר טיפע שראמען אויף איר לייב, נאר אויך פיל טיפערע שראמען אין איר נשמה. אין איר האט זיך אנט־וויקלט א חוש פון צו להכעיס, פון טראציקייט, פון וויי טאן. עס איז דערום קיין וואונדער ניט, וואס איר לעבן אין דער מומעס הויז איז ניט געווען קיין רויזן־גארטן פארביידן.

די מומע האט געפילט, אז זי האט געטאן מער ווי איר פליכט צו איר: געפארן מיט איר צו אלע דאקטוירים, געקלאפט אין אלע טירן, געריסן פון זיך און געצאלט דאקטאר־בילס און האספיטאל־בילס, און האט נאטירלעך געפא־דערט געהארכזאמקייט און דאנקבארקייט. ווי יעדער קינדערלאזע פרוי, האט

זי געגאַרט נאָך א קינדערשער לאַסקע, נאָך א פריינדלעכן בליק, האָט געוואָלט פילן, אז זי האָט עמיצן וואָס איז אייגן צו איר . . .

חנהלעס מוח איז אָבער געווען פאַרסמט מיט דער פיינדלעכער לערע פון די גבאיטעס, וועלכע זי האָט פאַרשטאַנען אזוי, אז איר מומע איז א פאַרפאַלענע נשמה, פון וועלכער מען דאַרף זיך דערווייטערן . . . און ווען חנהלע פלעגט דערהערן דאָס פייקל פון דער "סאַלוויישאַן" שוועסטער קלאַפּן אויפן גאַס, פלעגט זי אַרויסלויפן פון שטוב און מיטלויפן, און אויך צו להכעיס דער מומען זינגען מיט זיי און זיך אַרומכאַפּן מיט זיי. די מומע פלעגט פּראָטעסטירן, נאָכלויפן, פאַרווערן, פון וואָס עס פלעגן אַרויסקומען סקאַנדאַלן, רכילות, שנאה פון די קריסטן צו איר, און דער עיקר — רייד פון מיסבאַהאַנדלונג, מיסברויכונג, און נאָך א פּאָר יאָר — אין בית־יתומים.

אהער האָט חנהלע געפּרוּווט מיטברענגען צידה־לדרך פון אירע אַלטע פריינט און געוואָלט מזכה זיין אירע נייע חברטעס. יענע האָבן זי אָבער באַלד אויסגעלאַכט און געמאַכט זי אויסצודרייען, און געבראַכט זי אין אָפּיס.

נאָך א קורצן געשפּרעך האָט חנהלע צוגעזאָגט מער ניט צו נוצן די ביכלעך און פאַרגעסן אירע אַלטע תורה.

* * * * *

דער ערשטער פרייטיק צו נאַכט. אַלע קינדער זיינען אָנגעטאָן אין ווייסן און שטעלן זיך אוים אין גלייכע רייען צו קבלת־שבת. איין מיידעלע בענטשט ליכט און אַלע ענטפערן אין כאָר מיט געזאַנג. דערנאָך דער קבלת־שבת, דאָס זינגען פון כאָר, דער קידוש, די גאַנצע פירונג ביים טיש — אַלץ האָט געמאַכט אויף חנהלעס מאַרטירער־נשמה א געוואַלדיקן רושם. זי האָט מקנא געווען די מיידלעך וואָס זינגען אזוי שיין; מקנא געווען, וואָס זיי קאָנען לייענען פונם סידור און זי קאָן ניט . . . א נייע וועלט האָט זיך געעפנט פאַר איר און זי האָט זיך געוואונדערט, צי וועט זי אַמאָל קאָנען זיין גלייך מיט זיי.

אויף מאָרגן איז זי געקומען אין אָפּיס הכנעהדיק בעטן דערלויבעניש אריינצוטרעטן אין כאָר. מען האָט איר געזאָגט, אז כדי אריינצוטרעטן אין כאָר מוז מען קאָנען העברייאיש לייענען, זיין א אידיש קינד מיטן גאַנצן האַרצן און נשמה.

— איך וועל זיך אויסלערנען גיך, — איז געווען איר דרייסטער ענטפער, — איך בין א אידיש קינד . . . איך וועל זיין א גוט מיידעלע, א אידיש מיידעלע.

— און מער ניט טראַכטן פון יענע מעשהס?

— ניין ! . .

און זי האָט געהאַלטן וואָרט.

מיט באַזונדער פליים האָט זי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר נייעם לימוד און אין ווייניקער ווי דריי חדשים איז זי שוין געשטאַנען באַגלייך מיט אַלע מיידלעך אין כאָר און געזונגען מיט א שטאָלץ, הויך אויפגעהויבענעם קאָפּ, איינלאַדנדיק די גאַנצע וועלט מקנא צו זיין איר אויף איר גליק.

ניט באשערט איז אָבער געווען דעם קינד צו געניסן דאָס ביסעלע גליק פאַר א לאַנגער צייט. דער שיקזאַל האָט פאַר איר צוגעגרייט א נייע קייט פון צרות און פּייניקונגען: נאָך צוויי יאָר זוכעניש און שרייבעניש, איז דער מומען געלונגען צו געפינען חנהלעס מוטער, א לעבעדיקע, געזונטע און רייכע.

עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז עמיצער האָט געזאָגט חנהלעס מוטער, אז דאָס קינד איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און איצט, אז זי לעבט, וויל זי דאָס קינד צוריק. זי שיקט געלט און קליידער, און מתנות, און דער עיקר, בריוו געווייקט אין טרערן, בריוו פול מיט ליבע און חרטה, פול מיט הבטחות, אז זי וועט איר פארגיטיקן פאר אלע צרות.

און חנהלע גייט מער ניט אויף גאָטס ערד, נאָר זי שוועבט אין דער לופטן. זי האָט א מאמע . . . און ווען זי באַגעגנט לויפט זי אנטקעגן מיט דער בשורה:

— איך האָב א מאמע ! . . מיין מאמע לעבט, זי איז רייך . . . זע, וואָס זי האָט מיר געשיקט ! . . — און זי נעמט ארויס פון בוזים די בריוו און ציייגט אירע מתנות, און דערציילט וויפל געלט עס איז דאָ אין אָפּיס פאר איר, און דער עיקר, אז זי פאָרט צו איר מאמען.

און דאָס מארטירעריש פּנים ווערט אינגאַנצן פארענדערט: א גליקלעך־כער שמייכל צעגיסט זיך און באשיינט איר גאַנץ וועזן — זי פאָרט צו איר מאמען . . . זי וועט זי ארומנעמען, זי וועט זיך צוטוליען צו איר, אָנשפּארן איר קאָפּ אויף דער מאמעס ברוסט און וויינען און קושן איר פּנים, און גלעטן אירע האָר און איר מאמעס הענט וועלן ליגן אויף איר קאָפּ און קרייזן אירע האָר . . . אָ, וואָס פאר א גליק ! . . עס איז כדאי געווען אלע צרות . . . זי איז אויף קיינעם ניט בייז. זי איז אלץ מקבל באהבה, אלעמען וועט זי פארגעבן, אלעמען ליב האָבן.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א סדרה מיט פּאַפּירן, וויזעס, נאָכפראַגעס און עמיגראַציע־אָפּיס, און פארציעגנישן פון וואָך אויף וואָך, פון חודש אויף חודש. עפּעס האָט זיך וואָס ערגעץ־וואו פארהאַלטן, און "אַנקל סעם" האָט נעפּסקנט, אז חנהלע האָט נאָך ניט גענוג געליטן, אז חנהלע איז אן אומגע־ווינטשטער אימיגראַנט אין קאָלאַמבוסעס מדינה, אז חנהלע מוז בלייבן א קיילעכדיקע יתומה . . .

פארוואָס ? . . פארווען ? . . פאר וועלכע זינד ? . . — פרעגט ניט קיין קשיות, מען וועט אייך ניט ענטפערן . . .

טאָג־איין, טאָג־אויס איז מען מיט חנהלען געגאַנגען אין אימיגראַציע אָפּיס און יעדער מאָל איז חנהלע געקומען צוריק מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ און פארצווייפלטן בליק, מיט א ווייטיק אין הארצן.

ווען דער לעצטער אורטייל איז ארויסגעגעבן געווארן, האָט זיך אין איר דערוועקט דאָס אַלטע טראַציקייט געפיל:

— איך ווייס פארוואָס מען לאָזט מיך ניט צו מיין מאמען, ווייל איך בין א קריפּל . . . זייער גוט, איך וועל זיך לאָזן מאכן א נייע אָפּעראַציע.

און נאָכאַמאָל האָט מען געזעגט ביינער און איבערגעפירט הויט פון פלאַץ אויף פלאַץ, געגייט אָדערן און געצויגן גלידער, און די וואונדן האָבן געשמארצט און געברענט, און חנהלע איז געלעגן מיט פארשטשעמטע ציין און פארביסענע ליפּן, דאָס פּנים איינגאַנצן צונויפגעצויגן אין פאַלדן, און דורך אַלע גיהנום־שמערצן האָט זי געצויגן איר איינציקע ליכטיקע האָפענונג, וואָס איז קאָנצענטרירט ביי איר אין איין פראַגע:

— אָבער איצט וועט מען מיך שוין לאָזן צו מיין מאַמען ? . .

ווער קאָן ענטפערן חנהלען? ווער קאָן זי טרייסטן? איז דאָ גערעכטיקייט און גליק פאַר חנהלען? — ענטפערט ווער עס וויים ! . .

שרהלע

שרהלע

שרהלע האָט פאר דער לעצטער צייט ניט געקאָנט פארשטיין די מאמע אירע. עפּעס רק זי גייט ארום מיט פארוויינטע אויגן, קוקט אויף איר און אויף אירע ברידערלעך — און וויינט. נו, און אז דער טאטע איז געשטאָרבן, איז וואָס ? . .

זי האָט בכלל ניט געקאָנט פארשטיין צו וואָס מען מאכט אזא וועזן פון א טאטן . . . ער איז סיי ווי תמיד געווען א קראנקער, א בייזער, זעלטן ווען געווען אין דער היים, און ווען ער איז שוין יאָ געווען אין דער היים, איז ער אָדער געלעגן אין בעט, אָדער געזעסן אין דרויסן, ארומגעשפּארט מיט קישנס, און די מאמע האָט אים אונטערגעטראָגן פרישע מילך, א פריש־אָפּגעקאָכט יאיכעלע, און ער האָט אביסל געגעסן און געהוסט א סך. שטענדיק געהוסט. און ווען ער פלעגט זיך פארהוסטן, פלעגט די מאמע זיך צעוויינען:

— שוין ווידעראמאָל . . . ווי איז צו מיינע יונגע יאָר . . . הער שוין אויף הוסטן, הער אויף . . . נא, טרינק אויס א גלאָז הייסע מילך ! . .

אמאָל, געדענקט שרהלע, שוין גאנץ לאנג, איז דער טאטע געווען אן אנדערער. ניט געהוסט און ניט געלעגן בייטאָג אין בעט, נאָר געשפּאנט די פערד אין אקער און געאקערט די ערד, געמאָלקן די קי און געבראכט די מילך אין הויז; פלעגט אמאָל איינשפּאנען די פערד אין טאראנטאס און אויפנעמען זי מיט אירע ברידערלעך, און געבן זיי א "ראיד" און אָפּלאָזן זיי אין עק פעלד פון וואנען זיי פלעגן לויפן אהיים, און ווען ער, דער טאטע, האָט זיך צוריקגעקערט פון שטאָט, פלעגט ער זיי ברענגען "קענדי". אָבער דאָס איז געווען אמאָל . . . ווען ער האָט נאָך ניט געהוסט . . . דאן פלעגט ער נאָך שרהלען נעמען אמאָל אויף די הענט, קושן זי און זיך שפּילן מיט איר אין באהעלטעניש, ארויפזעצן זי אויף די אקסל און ארומלויפן מיט איר איבערן הויז, אָדער גאָר זי ארויפזעצן אויפן קליינעם לאָשעקל און דאָס לאָשעקל פלעגט לויפן, און דער פּאפּא פלעגט זי צוהאלטן און לויפן מיטן לאָשעקל. זי האָט טאקע א קליין ביסעלע מורא געהאט, אָבער אז דער טאטע האלט צו און לאָשיקלס רוקן איז אזוי גלאט און ווארים, און דער טאטעלע אזוי פריילעך — איז געווען אזוי גוט, א מחיה.

אָבער דאָס איז אלץ געווען אמאָל, נאָך איידער מ'האָט דעם טאטן ערגעץ־וואו אוועקגעפירט און נאָך איידער ער האָט געהוסט און איז געלעגן קראנק . . . זייט דאן איז עפּעס אלץ אנדערש געוואָרן: דער טאטע אן אנדערער, די מאמע שטענדיק פארזאָרגט, פארוויינט, פארהאָרעוועט . . . האָט קיינמאָל קיין צייט ניט, און האָט זי אמאָל צייט, איז רק זי ווישט זיך די אויגן און וויינט. און אפילו די מענטשן וואָס קומען אריין אין שטוב זיינען אנדערע. דאכט זיך, די זעלביקע, און דאָך אנדערע . . . אמאָל, אז מאָטל דער גרויסער פלעגט קומען, פלעגט באלד ווערן פריילעך אין שטוב: די מאמע פלעגט

דערלאַנגען טיי, דער טאַטע פלעגט מיט מאַטלען שפּילן א דאַמינאָ און זיך דערביי קריגן, און די מאַמע פלעגט זיי צענעמען, אויסגלייכן. דערנאָך האָט מען געדערדט פון די פערד, פון די בהמות, וואו מען וועט שניידן היי היינטיקס יאָר, פונם ווייץ וואָס וועט דאַכט זיך געראָטן און מען וועט קאָנען אָפּצאָלן דעם קרעמער און אביסל פאַרשטאָפּן דאָס מויל דער "איקא".

שרהלע האָט א סך זאַכן שוין דאַן געוואוסט. וואָס איז ווייץ און וואָס איז גערשטן אָדער קאָרן; וועלכע קי זיינען ביי זיי גוטע, און אז די ראבע טויג אויף כפּרות און מען דאַרף זי פאַרקויפן; וואָס איז א בראַנקע און וואָס איז "מער" — נאָר איין זאַך האָט זי ניט געקאָנט פאַרשטיין: וואָס איז אזוינס די "איקא", פון וועלכער אַלע פאַרמערס רעדן, און זי האָט זי קיינמאָל ניט געזען. אין איר פאַנטאַזיע האָט זי זיך אויסגעמאָלן די "איקא" אַלס געלט־דורשטיקע חיה, וועלכע וואַרפט זיך אויף די פאַרמערס און מען מוז איר פאַרשטופּן דאָס מויל . . .

די לעצטע צייט האָט שרהלע אויפגעהערט הערן דעם נאָמען "איקא". דערפאַר האָט שטענדיק געהערט א ניי וואָרט: "קינדער־היים", "בית־יתומים". דאָס פלעגט די מאַמע רעדן מיטן אָנקל און דער מומען, און מיט אַנדערע וואָס פלעגן קומען צו זיי, און ווען אימעצער פלעגט דערמאָנען דאָס וואָרט, פלעגט די מאַמע כאַפּן א קוק אויף איר מיט אירע ברידערלעך און זיך באַוואַשן מיט טרערן. און די "ענטי" פלעגט אויך וויינען, און דער אָנקל מאָטל פלעגט זיך ווישן די אויגן מיטן אַרבל און כלומרשט שרייען:

— וואָס איז דאָ צו וויינען, ווייניק קינדער זיינען דאָרטן ? . . וואָס דען זאָל מען טאָן . . . — און זיך אליין צעוויינען.

און שרהלע האָט זיך געוואָלט פאַרשטעלן וואָס עס איז אזוינס "קינ־דער־היים", פּונקט ווי זי האָט זיך אַמאָל געוואָלט אויסמאָלן, וואָס עס איז אזוינס "איקא" — און ניט געקאָנט. היים, האָט זי געוואוסט, איז דאָרט וואו די מאַמע איז, וואו אירע ברידערלעך זיינען, וואו זיי עסן און שלאָפן, וואו מאַמע קאָכט און אַרבעט, און זיי שפּילן זיך; היים, דאָס איז זייער הילצערן שטיבעלע אויפן ברעג פעלד, וואו עס גייען אַרום זייערע קי און פערד, וואו ביי דער טיר ליגט שטענדיק "דזשעק", דער שוואַרצער הונט, וואָס לויפט איר אַנטקעגן און שפּרינגט פאַר איר און דרייט פריילעך מיטן עק, און טראָגט זי אים א ביין אַרויס, אָדער א שטיקל ברויט, שפּרינגט ער איז דער לופטן און רייסט עס פון אירע הענט און קוקט איר אין די אויגן.

איר חברטע, רבקה, פון דער צווייטער פאַרם, און הערשעלע לאַק־שאַנער, האָבן אויך היימען. אַרום הערשעלעס היים גייט אַרום א בול מיט א גלאָק אויפן האַלדז און אויגן זיינען ביי אים אזעלכע גרויסע און נאַסע, און ער קוקט אזוי בייז.

זי ווייסט אויך וואָס קינדער זיינען. זי ווייסט, אז זי און ראובעלע און הערשעלע זיינען קינדער. רבקהלע איז נאָך אויך א קינד — אָבער וואָס איז א קינדער־היים, וואָס די מאַמע קלאָגט שטענדיק ווען אימעצער דערמאָנט עס, האָט זי קיינמאָל ניט געקאָנט וויסן. איינס האָט זי געוואוסט, אז א קינדער־היים מוז זיין זייער א שלעכטע זאַך, אפשר א פּלאַץ וואו מען שמייסט קינדער,

אָדער מען הרגעט זיי, און אפשר מוטשעט מען זיי דאָרטן, ווי די אַלטע מכשפה האָט געמוטשעט די שיינע פּרינצעסין סווינגאַליע, אין דער מעשה וואָס די מאַמע האָט איר אַמאָל דערציילט?..

און שרהלעס מוח איז שטאַרק פאַרנומען געוואָרן מיט דער "קינדער־היים" און אין איר פאַנטאַזיע האָט זי זיך געמאָלן אַ "קינדער־היים" ענלעך צום איינגעפאַלן שטיבעלע, וואָס שטייט אין וואַלד אויף צוויי הינערשע פיס־לעך, וואו עס וואוינט די אַלטע מכשפה. אהין פאַרנאַרט מען מסתמא קינדער און מען מוטשעט זיי אַזוי לאַנג ביז זיי שטאַרבן. און וואָס מער די מאַמע האָט געוויינט, ווען זי האָט גערעדט פון דער "קינדער־היים", און וואָס מער דער אָנקל האָט איינגערעדט דער מאַמען, — אַלץ זיכערער איז זי געוואָרן, אַז עפּעס אַ גרויזאַמע חיה, וואָס הייסט "קינדער־היים", האָט אויסגעשטרעקט איר לאַפּע און וויל פאַרכאַפּן זי מיט אירע ברידערלעך. די מאַמע וויל ניט געבן, דער אָנקל אויך ניט, נאָר די חיה בייזערט זיך, שטשירעט מיט די ציין און סטראַשעט דער מאַמען און דעם אָנקל — אַלעמען, אַז מען מוז... אַז ניט...

ווייטער פון דעם קאָן שוין שרהלע ניט גיין. זי קאָן ניט וויסן וואָס עס וועט זיין אַז ניט... שרהלע ווייס בכלל ניט, אַז איר מאַמע אַליין האָט שוין קיין היים ניט, אַז זייער הויז און פאַרם איז שוין ניט זייערס, אַז ניט היינט איז מאָרגן, וועלן זיי מוזן גיין — און וואוהין?..

שרהלע ווייס ניט, אַז די מאַמע האָט שוין אַלץ פאַרקויפט צו באַצאָלן פאַרן טאַטנס רפואות, דאָקטוירים, אַרומפאָרן און לוויה, און אַז יעדער ביסן וואָס די מאַמע עסט נעצט זי איין מיט אירע טרערן, ווייל זי עסט פּיצל ביי פּיצל איר היים, איר באַלעבאַטישקייט, און מיט יעדן טאָג ווערט אַלץ ווייניקער. פון וואַנעט זאָל דאָס אַלץ שרהלע וויסן, אַז קיינער זאָגט איר ניט?..

און פּלוצים, אין אַ פרימאָרגן, האָט זיך שרהלע אויפגעכאַפּט און געפונען אַלץ אַנדערש אין הויז: מען האָט געפּאַקט און געבונדן זאַכן, און געלייגט אויפן אָנקלס פור. עפּעס פרעמדע פערד און וואָגן זיינען פאַר דער טיר געשטאַנען, פרעמדע מענטשן זיינען אין זייער הויף געווען, מיט פרעמדע קי און פרעמדע פערד. דאָס זיינען די נייע באַלעבאַטים געקומען זייער פאַרם פאַרנעמען און אין זייער היים זיך באַזעצן. און זי, שרהלע, מיט אירע ברי־דערלעך, וועלן אין "קינדער־היים" פאָרן.

און די מאַמע? וואָס וועט זיין מיט דער מאַמען?.. און שרהלע קוקט אויף דער מאַמען, און שטאַרק ליב און זייער טייער ווערט איר דאָס אַלט־באַקאַנטע פּנים, די פון זון פאַרברוינטע באַקן. עפּעס אַזוי ווי דאָס הערצעלע וואָלט איר געזאָגט, אַז עס וועט איר שטענדיק פעלן אָט־דער ליבער בליק פון דער מאַמען... די גוטע, געטרייע אויגן, וואָס האָבן געוואַכט איבער איר קעפּעלע פון געבורט אָן; אָט־די פאַרהאַרטעוועטע און פאַרמאָזאָ־ליעטע הענט וואָס האָבן שטענדיק געגלעט אירע הערעלעך, געגלעט זיי און געקרויזט... וואָס וועט זיין מיט איר?... וואוהין וועט אהינקומען די מאַמע אירע? ווי איז עס בכלל מעגלעך, אַז זי זאָל לעבן אָן דער מאַמען?..

קיינער, קיינער ענטפערט ניט אויף שרהלעס פראגן. אלע זיינען פארנומען מיט עפּעס. מ׳פּאַקט זאכן, מען בינדט באַנדלס, מען טראָגט אין וואָגן, מען גרייט זיך צו פאָרן, מען געזעגנט זיך — און ווידער וויינט די מאמע, פאַלט צו מיטן קאָפּ צום ביישטידל פון טיר און כאַפּט זי ארום מיט בײדע, אויסגעשטרעקטע הענט, און עס הויבן זיך קאַנוואולסיוו אירע אקסלען, און פון הארצן רייסט זיך א הארציק שלוכצן און געוויין. דאָס געזעגנט זיך אפּנים די מאמע אירע מיט דער טיר, וואָס געדענקט נאָך מסתמא ווי זי האָט זיך אמאָל געעפנט פאר איר מיט גרויס פּאראד, ווען זי איז אהער אלס יונגע כלה געקומען . . . ער איז דאן געשטאַנען ביי דער טיר, א יונגער, א קרעפּטיקער, פארפּוצט אין זיינע בעסטע קליידער צוליב איר, זיין כלה . . . און דערנאָך האָט זיך די זעלבע טיר פאר זיי בײדן געעפנט, ווען זיי זיינען אהער פון זייער חתונה געקומען, און די טיר האָט זיך פארמאכט און געלאָזן זיי בײדע מיט זייערע יונגע, קלאַפּנדיקע הערצער; מיט זייער יוגנט־סוד און יוגנט־האָפענונג. שפּעטער איז די זעלבע טיר איר שוץ־טורעם געוואָרן. צו איר האָט זי געקוקט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט, וואַרטנדיק אויף אים, ווען ער פלעגט פון פרנסה וועגן אין שטאָט אריין פאָרן מיט האַלץ אָדער מיט בהמות.

פון דער זייט טיר האָט שטענדיק געאָטעמט מיט זיכערקייט, וואַרימקייט און האָפענונג פאר איר און אירע קינדערלעך, דורך די גרויסע שניי־שטורעמס און פרעסט פון די קאנאדער סטעפּעס — און איצט פארמאכט זיך פאר איר די טיר אויף אייביק . . . זי מוז גיין אין דער פרעמד מיט אירע קינדער, קלאַפּן אין פרעמדע טירן . . . און זי קאָן זיך ניט אוועקרייסן. זי קאָן ביי זיך ניט פועלן אריבערצוטרעטן די שוועל. די פיס האקן זיך איר אונטער.

אַנקל מאַטל כאַפּט זי אונטער די אָרעמס, רייסט זי אוועק פון דער טיר און זיי פאָרן אלע . . .

* * * * *

צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט שרהלע א גרויסע שטאָט דערזען. די גרויסע, ראַשיקע גאסן; די הויכע מויערן, די רייכע קלייטן מיט די פארפּוצטע פענצטער; די אויטאָמאָבילן און פורן וואָס האָבן זיך געטראָגן פארביי איר, האָבן זי צעטומלט און איבערראַשט. זי האָט זיך גאָר קיין רעכענונג ניט געקאָנט אָפּגעבן, צי געפעלט עס איר, צי ניט. אין יעדער אנדער צייט וואָלט זי, דאכט זיך, געשפּרונגען פאר שמחה פון די אלע נייאיקייטן, נאָר אז זי דערמאָנט זיך, אז אין דער שטאָט לויערט אויף איר און אויף אירע ברידערלעך, פון ערגעץ א ווינקל, די ״קינדער־היים״, האָט זי פיינט געקראָגן די שטאָט מיט די אלע מענטשן, מיט דער שלעכטער ״קינדער־היים״. און שרהלע טוליעט זיך נעענטער און שטאַרקער צו דער מאמען, האַלט זיך אָן מיט בײדע הענטעלעך ביי איר קלייד, ווי זי וואָלט דערמיט זיך שטעלן קעגן דער גאַנצער וועלט — זאָל די שלעכטע וועלט פּרואוון זי אָפּרייסן פון איר מאמען ! . . און זי קוקט נאָכאַמאָל ארויף צו דער מוטער, ווי זי וואָלט וועלן פון אירע אויגן א לייזונג צו איר פראגע ארויסבאַקומען: וואָס איז עס אזוינס א ״קינדער־היים״? און פארוואָס פירסטו אונדז אהער?

אבער דער מאמעס ליפּן רעדן צו איר עפּעס נייע ווערטער:

— זע זשע, שרהלע, דו ביסט שוין א גרויס מיידעלע, באלד אכט יאר . . . דו זאָלסט אכטונג געבן אויף דיינע ברידערלעך, קיינער זאָל זיי ניט זאטשעפּען . . . דו ביסט דאָך זייער עלטערע שוועסטער . . .

און שרהלע פאַרשטייט, אויף איר אייגענעם וועג, אז פון איצט אָן און ווייטער, מוז זי עס זיין די אַפּהיטעריןאון באַשיצערין פון אירע ברידערלעך. זי דערפילט אויף זיך די גרויסע משא וואָס די מאמע לייגט אויף איר ארויף, און זי וואַקסט אויס ביי זיך אין די אויגן . . . אנו, זאָל אימעצער אָנרירן איר ראובעלען, אָדער הערשעלען — זי וועט . . .

די קאַר וואָס האָט זיי געפירט איבער די גאַסן פון שטאָט, האָט זיך פאַרקירעוועט אין א גרויסן הויף פאַרפלאַנצט מיט ביימער און אויסגעלייגט מיט גרינעם גראָז און בלומען־בייטן. עס איז געווען אָנפאַנג פרילינג. די ביי־מער האָבן זיך ערשט צעעפנט און באדעקט מיט גרינס, און די בלומען־בייטן האָבן זיך צעבליט; די פיל קאָלירנדיקע טולפּאַנען און אירׅיסן האָבן געצויגן צו זיך די קינדערשע הערצעלעך און אייגעלעך.

— זע, מאמע, ווי שיין דאָרט איז ? . . וואָס איז עס ? . .

— דאָס איז דאָך די קינדער־היים, שרהלע, — האָט די מוטער, א צופרידענע געענטפערט, — א יאָ, שיין?

— וואַרט, זע! אָט־דאָ! וואָס איז דאָס, מאמע? — האָט דאָס קינד ניט געקאָנט איבערטראַגן די אינערלעכע התפעלות פון א פריש צעבליטן קוסט "פלַיימינג האַרט", — זע, וואָס פאַר א שיינע אוירינגלעך . . . רויט און ווייס.

און שרהלע האָט חרטה אויף איר פריערדיקער מיינונג וועגן דער "קינדער־היים". דאָ איז דאָך אזוי שיין. וועט מען לאָזן זיך שפּילן דאָ ? . . שא, וואָס האָט זי מורא צו האָבן, די מאמע איז דאָך אויך דאָ? און די מאמע וועט דאָך קיינעם ניט לאָזן איר שלעכטס טאָן ! . . און ווען די מוטער נעמט זי אָן פאַרן הענטל און פירט זי אין אַפּיס, גייט זי מיט דרייסטע טריט און פירט נאָך זיך די ברידערלעך.

שרהלע האָט געפּועלט ביי זיך אז עס איז ניטאָ קיין געפאַר, א סימן, די מאמע וויינט ניט. דער מאַן אין די ברילן רעדט שטיל און פריינטלעך, גלעט זי איבער די הערעלעך, פרעגט זי ווי זי הייסט, האָט אפילו גענומען הערשעלען אויף די הענט און אים געגעבן שאָקאָלאַד — אפילו קיין סימן ניט פון א מכשפה . . . ער פרעגט עפּעס דער מאמען און שרייבט מיטן קאָפּ איינגעבויגן. וואָס שרייבט ער אזוי לאַנג? ווייסט ער דען ניט אז זי וויל אויך שאָקאָלאַד? נאָר אפשר טאָר זי גאָר ניט וועלן? די מאמע האָט געזאָגט אז זי איז שוין א גרויסע, שוין באלד אכט יאָר . . . אוואדע טאָר זי ניט וועלן, און זי כאַפּט א קוק אויף שלמהלען, ווי ער קייט דעם שאָקאָלאַד אויף ביידע באַקן. ס'ארא מין זולל וסובאניק ער איז. מען דאַרף עסן צו שטיקעלעך. און זי קלייבט צונויף די ברעקלעך וואָס פאַלן אויף שלמהלעס בוזים און לייגט זיי אים אין מויל אריין. איין ברעקל האַלט זי אביסל לענגער צווישן די פינגער.

עס נאָגט זי צו פאַרזוכן, און אַן אינערלעך מאָראַליש געפיל פאַרהאַלט זי און זאָגט איר אונטער: מען טאָר ניט . . . ס'איז ניט שיין . . .

— און איר, קינדער, ווילט גאָר ניט קיין שאָקאָלאַד? — האָט, ווי געטראָפן אירע געדאַנקען דער אין די ברילן, און ער האָט פון ערגעץ ארויס־באַקומען צוויי לאַנגע שטיקלעך שאָקאָלאַד און האָט דערלאַנגט איר איינס און ראובעלען איינס.

א וואוילער מענטש, האָט זיך געטראַכט שרהלע, און אויס צייכן פון דאַנקבאַרקייט געשמייכלט צום פרעמדן מאַן אין די ברילן און געפּועלט ביי זיך, אַז ס'איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

דזשינג . . . דזשינג . . . האָט זיך ערגעץ ווייט א קלונג דערהערט אלס ענטפער צום קוועטש מיט א פינגער פונם מאַן אין די ברילן. צוויי מיידלעך זיינען אריינגעקומען. דער מאַן אין די ברילן האָט גערעדט צו זיי:

— אָט דאָס איז שרהלע, א ניי טעכטערל פאַר אייך — א יאָ, א שיינע? און דאָס איז ראובעלע און הערשעלע, — האָט ער זיך צו דער צווייטער גע־ווענדעט, — מיר האָבן שוין צוויי ראובנס, וועט זיין א דריטער . . .

און די מיידלעך אין ווייסן ווילן זיי פון זייער מאַמען צונעמען . . . אהא, איצט פאַרשטייט זי שוין, מען האָט געוואָלט אריינגנאַרן זיי מיט א שאָקאָלאַד! זיי זיינען טאַקע מכשפות, מען וועט זי דאָ דערהרגענען אוואדע מיט אירע ברידערלעך . . . דערפאַר הייסט עס "קינדער־היים" אָדער ווי די מאַמע רופט עס אמאָל "בייז יסוימים". . . און זי שרייט אריבער צום ברודערל ראובעלע:

— לאָז זיך ניט ! . . און מיט אלע כוחות שטעמעט זי זיך איין מיטביידע הענט ארום דער מוטערס פוס, — איך וועל ניט גיין ! . . מיין מאַמעלע! מאַמע ! . .

און פון דער אנדערער זייט שרייט ראובעלע מיט אלע כוחות: — איך וויל ניט ! . . איך וויל מיין מאַמען ! . .

* * * * *

שוין באַלד צוויי וואָכן, אַז שרהלע איז אין בית־יתומים. פאַר דער צייט האָט זי זיך שוין אויסגעלערנט א סך זאַכן וואָס זי האָט פריער ניט געוואוסט. זי קאָן שוין זיך אַליין וואַשן און אפילו וואַשן די ציין; זי קאָן שוין זיך אַליין אָנטאָן; זי קאָן שוין אפילו עטלעכע ווערטער ענגליש, און דער עיקר, זי ווייסט שוין אַז פריילין ש. איז ניט קיין מכשפה, און אַז מען שלאָגט ניט קיין קינדער, נאָר אַז עס זיינען דאָ א סך אזעלכע ווי זי, און זי האָט שוין חרטה. נאָר איין זאַך קאָן זי ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס דאַרף זי דאָ זיין ? . . פאַרוואָס איז די מאַמע דאָ ניטאָ? און נאָך עפּעס וויל זי וויסן: ווי לאַנג דאַרף זי דאָ זיין? און ווען אלע מיידעלעך קלייבן זיך צונויף שפּילן, שאַרט זי זיך צו צו דער נוירס און פרעגט זי הכנעדיק:

— אז איך וועל אויסוואקסן, וועל איך דאָ אויך מוזן זיין ? . .

— וואָס־זשע, עס געפעלט דיר דען ניט צו זיין דאָ? — וויל וויסן די נוירס.

— עס געפעלט מיר יאָ, נאָר איך וויל אהיים, דאָרטן איז מיין מאמע.
— נו, האָסט דאָך דאָ די מייטראָן, — וויל איר די נוירס איינרעדן, — דו האָסט זי דאָך ליב ? . .

— יאָ, איך האָב זי טאקע ליב, אָבער איך וויל מיין מאמען . . .

און שרהלע לאָזט זיך אוועק אין א לאנגן, קינדערשן שמועס וועגן איר מאמען, איר היים. אלץ געדענקט זי, אלץ לעבט ביי איר אין זכרון — אפילו דאָס שווארצע הינטל "דזשעק", וועלכער פלעגט לעקן אירע הענט און באקן, און קיינמאָל ניט געביסן; דעם ברונעם וואָס אין הויף, געדענקט זי, און יעדער שטיינדעלע ווייס זי און באלעבט עס. אלץ איז איר טייער, נאָך אלץ בענקט און רייסט זיך איר יונג, קינדערש הערצעלע. און רעדט מען איר איין ווי שיין דאָ איז, ווי גוט עס איז איר, הערט זי זיך איין, פארטראכט זיך, מעשה פילאָזאָף, און ענטפערט:

— ע . . . אין דער היים איז בעסער . . . איך וויל אהיים ! . .

מוניע

מוניע

ערגעץ אין א שטעטל ליגט דער טאטע אין האָספּיטאַל. שוין לאַנג אַז ער איז קראַנק. די קלענערע קינדער געדענקען כמעט ניט דעם טאַטן אַנדערש ווי קראַנק. בלויז די צוויי עלטערע, מוניעלע און שרהלע, דערמאָנען זיך אָפּט, אַז ווען זיי זיינען נאָך געווען גאָר קליינינקע איז זייער פאָטער געווען געזונט, ווי אַלע מענטשן. עס דאַכט זיך זיי אַפילו, אַז ער איז געווען געזינטער פון אַלע פאַרמערס אַרום, ווייל ביי זיי איז געווען דאָס שענסטע הויז, און א גרויסער, גרויסער "באַרן", וואָס דער טאַטע אַליין האָט געבויט און אַליין גע־פאַרבט. מוניעלע האָט ליב צו דערציילן, ווי אַזוי פּאַפּאַ האָט געבויט דעם באַרן מיטן הויכן, הויכן דאַך, מיט א היי־לאָפט, וואו ער פלעגט ליב האָבן זיך צו באַהאַלטן און שפּילן דאָרט, קיינער זאָל ניט וויסן.

און פערד האָבן זיי געהאַט גרויסע, געזונטע, און מוניעלע וויל ווייזן ווי גרויס און געזונט זיי זיינען געווען און קוקט אַרום זיך פאַר א ביישפּיל און געפינט ניט. באַלד אָבער כאַפּט ער זיך — "צען מאָל אַזוי גרויס ווי דעם ברויט־פירערס. ער פלעגט גיין מיט פּאַפּאַ אין פעלד. פּאַפּאַ פלעגט האָבן א שטריק, וועלכע ער פלעגט דרייען, א וואָרף טאָן — און אָט איז שוין דאָס פערד לעבן זיי. קיינער האָט ניט געקאָנט אַזוי גיך כאַפּן פערד ווי פּאַפּאַ. און 'בראָנקעס' האָבן זיי געהאַט און פּאַפּאַ פלעגט איינברעכן די 'בראָנקעס' און פאַרקויפן צו די פאַרמערס. און א קליין לאָשיקל איך געהאַט מיט דינע פּי־סעלעך . . . אָ, האָט ער געקאָנט לויפן ! . .

"דערנאָך איז דער טאַטע קראַנק געוואָרן, געלעגן אין בעט. מאַמע געדאַרפט אַלץ אַליין טאָן און פּאַפּאַן 'טענדן' איז שווער געווען פאַר מא . . . זי איז אויך קראַנק געוואָרן און מערילע קראַנק געוואָרן. די שכנים געקומען, געבראַכט א דאָקטאָר. מערי אין שטאָט צוגענומען, מאַמי אַזוי געוויינט . . . געקרעכצט און געוויינט . . . ניט געווען ווער ס'זאָל די בהמות מעלקן, האָלץ ברענגען, די אויוונס הייצן", — און מוניעלעס אויגן פאַרציען זיך מיט א פייכטן גלאַנץ. עס איז צו זען ווי ער לעבט איבער נאָכאַמאָל די דראַמע פון זיין ניט־ווייטן אַמאָל — די טראַגעדיע פון זיין היים.

און איצט ליגט פּאַפּאַ אין האָספּיטאַל. שוין אַזוי לאַנג, אַז ער ליגט . . . די קינדער ווייסן אַליין ניט ווי לאַנג עס איז שוין. זיי ווייסן נאָר, אַז זינט דער פּאַפּאַ איז קראַנק איז אַלץ אַנדערש געוואָרן. אַלץ ערגער. ניטאָ שוין מער קיין פאַרם. די קאָמפּאַני האָט צוגענומען אַלץ. און ווען מוניע דערציילט ווי אַזוי מען האָט צוגענומען די פאַרם, ציטערן זיך זיינע אייגעלעך אָן מיט א כעס, וואָס פאַרכאַפּט דאָס האַרץ מיט אַנגסט און פּחד. נאָך אַזוי יונג, אינגאַנצן אַכט יאָר אַלט, און שוין אַזוי פאַרביטערט קעגן דער וועלט . . .

מוניע האָט אָבער פּארוואָס צו זיין אזוי ברוגז: „קאָמפּאני צוגענומען זיין לאָשיקל". . . ער האָט עס אזוי ליב געהאט, עס איז געווען אזא שיינס. אויך צוגענומען זיינע צוויי „פּאפּס" (הינטעלעך). ער האָט זיי אליין געהאָדע־וועט, געהאלטן פאר ווינטער, ווען ער וועט זיי שפּאנען אין זיין שליטעלע און פאָרן מיט זיי אין שול אריין, אין וואלד און צום טייך.

אין מוניעס קליין מוחל איז א קאָמפּאני פּערזאָניפיצירט אין איינעם א הויכן ענגלענדער, וואָס איז געקומען צו זיי איינמאָל אינדערפרי מיט נאָך צוויי מענטשן, דערלאנגט דער מאמען עפּעס א פּאפּיר און גענומען וואַרפן דאָס מעבל פון שטוב.

— די מאמע האָט אזוי געוויינט, געפאלן אים צו די פיס, די הענט אים געקושט, און ער האָט געצויגן זיין גראָבן ציגאַר און נאָר געטריבן די אנדערע צוויי: „האַרי אַפּ, גאָל דעם איט . . . בי אָווער וויט איט" . . .

„ווען זיי האָבן אַלץ ארויסגעוואָרפן פון הויז, האָבן זיי אַלע דריי גענומען פּאַפּאַן טראָגן אין דרויסן ארויס, און ארויפגעלייגט אויף א וואָגן. מאמא האָט געשריען, געריסן זיך די האָר, זיך געשטעלט אין טיר און ניט געוואָלט דורכלאָזן.

„— נעמט מיך, — האָט זי געשריען, — וואָס האָט איר צו אים? . . מערדער, איר וועט אים הרגענען! . .

„און מר. קאָמפּאני האָט זי געכאפּט ביי דער האנט, אָפּגעריסן פון דער טיר, א וואָרף געטאָן און מאמא געפאלן . . . אין מיטן שטוב געפאלן און געבליבן ליגן. שרהקע האָט אזוי געשריען:

„— מאמע! . . געקושט זי און געשלעפּט פון דיל". . .

— נו, און מוניעלע האָט ניט געשריען?

— ניין, איך האָב געוואָלט זיין א גרויסער . . . אָ, ווען איך וואָלט זיין א גרויסער! . . ווען איך וואָלט זיין ווי פּאפּא געווען ווען ער איז געזונט געווען. איך וואָלט גענומען א שטריק, אָדער גאָר א ביקס . . .

און מוניע פאַרקלעמט די יונגע ציינדלעך און די דאַרע הענטעלעך פאַרמאַכן זיך אין פויסטלעך, און צוזאמען מיטן קינד ווילט זיך אייך שיקן א שרייענדיקן פּראָטעסט צו דער וועלט, צו די מענטשן, וועלכע זיינען שולדיק אינם סם, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אינם קינדס נשמה, און ווער ווייס וואָס פאַר א שאָדן דער דאָזיקער גיפט וועט פאַראורזאכן אינם צאַרטן הערצל פונם קינד.

און אין האָספּיטאל, ערגעץ אין א שטעטל, ליגט דער קראנקער און ציילט די חדשים, די וואָכן און טעג, וואָס אים איז נאָך געבליבן צו לעבן . . .

ער איז ביי זיך ניט גענאַרט. קיינער האָט זיך ניט געגעבן די מי צו נאַרן אים און צו באַהאַלטן פון אים דעם אמת. ער ווייס, אז דער מלאך־המות שפּילט מיט אים א טייוולישע שפּיל. ווי א כיטרע קאַץ האָט ער זיך פון ערגעץ פאַרגנבעט און אָטעמט אויף זיין לייב מיט זיין פאַרגיפטעטן אָטעם, און וואו

עס באַרירט דעם אָטעם פול מיט סם־המות — דאָרט שטאַרבט אַפּ אַ גליד. ער האָט צייט, דער מלאך־המות. צו זיכער איז ער מיט זיין קרבן. איז שפּילט ער זיך מיט אים, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז . . . סענטימעטערוויז טויט ער אים אָפּ דעם גוף, פּאַמעלעך און געלאַסן, אָבער אומאויפהערלעך, בלאָזט ער אויף אים מיט סם־המותדיקן אָטעם און רייסט און ציפּעט פון אים גליד נאָך גליד.

אָבער ניט פאַר זיך אַרט אים איצט. ניט וועגן זיין לעבן און ניט וועגן זיינע ליידן ברענט איצט און שרפהט זיין מוח. זיין האַרץ גייט אויס פון שמאַרץ, ווען ער טראַכט וועגן זיינע פינף עופהלעך, זיינע שיינע קינדערלעך. וואָס וועט זיין פון זיי ? . . און ער רופט זיי אַן יעדערן ביים נאָמען, כדי אַרויסצורופן זייערע געשטאַלטן פאַר זיינע גייסטיקע אויגן. אָט איז מוניעלע. ער דערמאָנט זיך ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן. זייער ערשט קינד און אַ נאָמען האָט ער אים געגעבן עמנואל (מיט אונדז איז גאָט). און אַ שרעקלע־כער כעס כאַפּט אים אַרום און אַ שטומע פּראַגע שיסט ער אַרויף דורך דעם האָספּיטאַל "סילינג", אַרויף צו די הימלען: פאַרוואָס ? . . . פאַרוואָס קומט עס אים ? . . וואָס וועט ווערן פון זיינע קינדער איצט ? . . זיי זיינען נאָך אַזוי יונג ! . . ער פילט די טרערן, וואָס קייקלען זיך אַרונטער פון זיינע אויגן און רינען אַראָפּ פון זיין פאַרמעטן־פּנים, אַרונטער זיין קאַלנער און פאַרגנבענען זיך אונטערן כאַלאַט צום נאַקעטן האַלדז און ברוסט.

ער ווייס אַז זיין פרוי מיט אַלע קינדער טוליען זיך ערגעץ אין אַן איינ־ציקן צימער. דאָרט איז דער אויוון, דאָרט איז דאָס איינציקע בעט, דאָרט איז דער טיש; ער ווייס, אַז אָפט, גאַנץ אָפט איז ניטאָ קיין פּשוט שטיקל ברויט פאַר אַלע זעקס נפשות, די נשמות צו דערהאַלטן. אַ וואונדער אַביסל וואָס די קליינע מרימל איז ווידער קראַנק געוואָרן און ליגט איצט אין האָספּיטאַל ? . . און וואָס וועט זיין ווען אַלע וועלן קראַנק ווערן ? . . עס מוז דאָך קומען דערצו, זיי זיינען דאָך אַזוי קליין . . . און דער מוח גליט און ברענט, און עס וואָלט זיך אים געוואָלט עפּעס אויסטראַכטן צו געפינען אַן עצה. ער איז דאָך עפּעס דער פאָטער . . . ער מוז דאָך, ווער דען?

איין פּלאַן ווילדער פונם צווייטן קומט אין זיין מוח און פאַרלאָזט אים. און ער שטרענגט זיך אָן עפּעס צו טראַכטן. ער מוז ראַטעווען זיינע קינדערלעך. וואָס זיינען זיי דען שולדיק ? . . זיי מוזן לעבן ! . . זיי מוזן האָבן די געלעגנהייט צו ווערן גרויס, צו לערנען זיך, ווערן מענטשן. און פּלוצלונג שיינט עפּעס אויף אין זיינע געדאַנקען. ער קלערט עס איבער נאָכ־אַמאָל און ווידעראַמאָל. יאָ, דאָס איז עס. ער מוז דאָס איר נאָך היינט זאָגן.

אָבער וואָרום קומט זי שוין ניט. שוין אַזוי שפּעט. אַלע טאָג איז זי שוין דאָ אין דער צייט. אפשר, חלילה, די קינדער זיינען קראַנק? ניין, ניין! דאָס טאָר ניט זיין! זיי מוזן לעבן. אָבער וואו איז זי? ער פרעגט זיך נאָך וויפל ס'איז דער זייגער. נאָך צוויי שעה צו וואַרטן. וואַרפט ער זיך אין בעט, קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. ער פילט ווי עס פיבערט דאָס גאַנצע לייב, די ציין קלאַפּן אין מויל; ער זוכט זיך צו באַרואיקן און קאָן ניט. ווי קאָן זי דאָרט איינזיצן אַזוי שפּעט?

ווען ער דערזעט זי אין טיר, דערפרייט ער זיך אויף אַ רגע. באַלד אָבער פאַרציט זיך זיין פּנים מיט אַ וואָלקן פון טרויער. ער ווייס וואָס ער וויל

זאָגן, ער באַגרייפט ערשט איצט וואָס דאָס מיינט פאַר זייביידן. ניט דאָס האָבן זיי געפּלאַנט, ווען ער האָט זי געבעטן צו ווערן זיינע און פאָרן מיט אים פאַרמעוועז . . . ניט אויף דעם האָבן זיי געהאָפט, ניט דערפאַר האָבן זיי ביידע געהאָרעוועט, געבויט, געקעמפט מיט ווילדע וועלף אין פעלד און אין וואַלד; מיט די פּריירי פייערן, מיט די קעלטן און מיט דער איינזאַמקייט . . . ניט דערפאַר האָבן זיי געליטן עלנט און נויט . . . און עס פאַרקלעמט אים דאָס האַרץ — ווי אַזוי זאָל ער דאָס איר זאָגן?

און אָט רעדט ער צו איר שטיל און געלאַסן. ער טרייסט זי און שטאַרקט זי און זעענדיק די טרערן אין אירע אויגן גלעט ער אירע באַקן מיט זיין האַנט:

— מען מוז, קינדעלע! מען מוז די קינדער ראַטעווען ! . .

— שאול, וואָס רעדסטו ? . . — קוקט זי אָן שטאַר און צעשראָקן, — אונדזערע קינדער זיינען דאָך ניט קיין יתומים. ווער וועט זיי נעמען? דאָרט נעמט מען דאָך נאָר יתומים.

דאַ צינדן זיך אָן זיינע אויגן מיט כעס:

— זאָג זיי, אַז אונדזערע קינדער איז ערגער פון יתומים. זיי זיינען — לעבעדיקע יתומים ! . .

מישא עלמאן

מישא עלמאן

כמעט אלע גערענקען נאָך ווי אזוי מישא האָט זיך צום ערשטן מאָל אריינגעקייקלט אין בית־יתומים. ער איז געווען די "פּעט בייבי" פון א פּארטיע פון פערצן יתומים, וועלכע דער "אוקראַינער יתומים פּארבאנד" האָט געבראַכט אהער. פון דער באן־סטאנציע איז ער געפאָרן מיט מאקס שטיינקאָפּ און מאקס מיטשל אין זייער קאר, און דעם גאנצן וועג האָט ער זיי אמוזירט מיט זיין קינדערשן פּלאַפּלען און לעבעדיקייט און געוואונען זייערע הערצער פאר זיך.

אין הויז האָט אים אריינגעבראָכט מאקס מיטשל אויף די הענט, און מאקס שטיינקאָפּ האָט נאָכגעטראָגן זיין פּעקל.

— "געט אקוואוינטעד, די פיוטשור סיטי־מעיאָר אָף וויניפּעג" (ווערט באקאַנט, דער צוקונפטיקער שטאָט־מעיאָר פון וויניפּעג), — האָט מאקס שטיינקאָפּ אים פּאָרגעשטעלט, בעת מאקס מיטשל האָט אים אראָפּגעלאָזט צום דיל, וואו ער האָט זיך באלד אוועקגעלאָזט קייקלען זיך פון איין עק זאל צום צווייטן, אריינקוקנדיק אין יעדער צימער.

— "סאָם בייבי", — האָט מיט ליבשאַפט אים נאָכגעשריען מאקס שטיינקאָפּ.

— "הי שור איז," — האָט באשטעטיקט מאקס מיטשל.

קיינער האָט ניט געוואוסט זיינע יאָרן. נאָר אז מען האָט אים אָפּגעמאָסטן האָט ער געהאלטן צוויי פוס מיט צוויי און א האלב אינטשעס די הויך. דערפאר אָבער האָט ער געוואויגן פיר־און־דרייסיק פונט — א פונט זעקס איבער דער נאָרמע.

פון זיין וואָג און מאָס האָט מען באשלאָסן, אז דאָס קינד דארף אלט זיין צווישן דריי און פיר יאָר.

די עלטערע קינדער פון דער היים האָבן אָפט ליב צו דערמאָנען זיך ווי קאָמיש עס איז געווען מישאס אויסזען, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געקומען. זיין הלבשה, זיין הילוך, זיין פּלאַפּלען, זיין קאטשען זיך פון איין פיסל אויפן צווייטן, ווי אז אָפּגעהאַדעוועט ענטל, האָט גערייצט די קינדער צו באשעפטיקן זיך מיט אים, איינאָרדנען לויף רייסעס צווישן בייביס, און ווען אלע קינדער זיינען שוין לאַנג געווען ביים שטריקל האָט זיך נאָך מישא געקאטשעט אינמיטן וועג, אָבער ניט אויפגעגעבן דאָס לויפן, געמאַכט זיך ניט ווויסנדיק פונם געלעכטער ארום, פון די קינדערשע געשרייען.

מישאס ערשטע נאַכט אין דער היים איז געווען פול מיט איבעררא־שונגען. די גרויסע שלאָפצימערן, מיט די ווייסע בעטן באגאָסן פול מיט ליכט

פון די עלעקטרישע לאָמפּן; די נוירסעס אין ווייסן, וועלכע האָבן גערעדט צו אים אידיש; די ערשטע באָד, וואָס ער האָט באַקומען; די נאַכט־קליידער וואָס מ'האָט אים אָנגעטאָן; דאָס ציין־בערשטל מיט וועלכן מען האָט אים געלערנט צו באַנוצן זיך, און ענדלעך דאָס ווייסע געלעגער — אַלץ האָט אין אים געוועקט באַזונדער נייגעריקייט און שטוינונג. אַזוי, ליגנדיק אויף זיין געלעגער האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אַ קינדערש לידל און זיך צעזונגען אויפן קול. די פּיצעלעך האָב אים אַרומגערינגלט און ער איז באַלד געוואָרן דער צענטער פון דער גאַנצער דאָרמיטאָרי. אַראָפּ פון בעט האָט ער באַלד פאַרזאַמלט אַרום זיך אַלע קינדער און געוומען זיי לערנען עפּעס אַ שפּיל. די קינדערשע געשרייען און געלעכטער האָבן באַלד צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער נוירס, וועלכע האָט באַלד געמאַכט אַ סוף צו מישאַס פּאָפּולאַריטעט פאַר דעם אָוונט. פאַר מישאַן אָבער האָט זיך נאָך דער אָוונט ניט געענדיקט, נאָר ערשט אָנגעפאַנגען.

ליגנדיק איצט שטיל, ווי אַ מייזעלע, אין זיין בעטל; וועלנדיק מיט אַלע כוחות זיין אַ גוט אינגעלע, ווי די נוירס האָט אים פאַרזאָגט, האָט זיין קליין אויערל פאַרנומען עפּעס נייע קלאַנגען, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פון ערגעץ, און זיין הערצל האָט גענומען זיך צאַפּלען:

— איי מע פּילט ! . . — האָט ער אין דער שטיל געפּליסטערט, און זיך נאָך מער אָנגעשטרענגט צו הערן.

באַלד איז די אָנשטרענגונג שוין אויך געווען איבעריק. גאַנץ דייטלעך האָבן זיך גענומען הערן די טענער פון שפּילנדיקער מוזיק, וואָס האָבן גערייצט און געצויגן מישאַס הערצעלע. ער האָט געוואָלט טרעפן וואו מען שפּילט עס. לכתחילה האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז עס איז אין דרויסן, און ער האָט שטיל, פאַרגנבעטערהייט אויפגעהויבן דאָס קעפּל, אַריינגעקוקט בגנבה דורכן פענצטער, און ער האָט קיין זאַך ניט געזען. שטיל איז ער אַראָפּ פון בעטל — ער מוז זען: וואו שפּילט מען עס? ווער שפּילט עס?

אימעצנס אַ שוואַרץ קעפּל טוט זיך אַ הויב פון אונטער דער קאָלדרע אַרויס און טוט אַ זאָג:

— דאָס שפּילט די בענד!

די בענד? מישא האָט נאָך קיינמאָל ניט געהערט אַזאַ וואָרט, און עס וואָלט זיך אים וועלן וויסן וואָס עס מיינט. ער טראַכט אַ מינוט, הערט זיך ווידער איין. דאָס שפּילן ווערט וואָס אַמאָל שטאַרקער, און ער קאָן ניט איינליגן.

— זאָגסט ליגן, — זאָגט ער אין דער ריכטונג פונם אינגעלע וואָס זאָגט אַז עס שפּילט אַ בענד . . .

— ס'אי גאָר קלעזמער פּילן . . . וויל הערן, לאָמיר גיין ! . .

סעמעלע, ביי וועמען די בענד איז קיין נייעס ניט, וואָלט פונדעסטוועגן אויך געוועזן אַ בעלן זיך אַרויסצוכאַפּן פון בעט און מאַכן אַ שפּאַציר אַרויף צו דער בענד. ער דערמאָנט זיך אָבער אַז די נוירס וועט זיך בייזערן, און ער וואָרנט מישאַן:

— מים ראַוז וועט שרייען.

מים ראַוז? דאָס איז נאָך עפּעס, וואָס ער הויבט ניט אָן צו פאַרשטיין. מאָדנע קינדער דאָ. רעדן עפּעס אַזוי מאָדנע, מען קאָן גאָר ניט פאַרשטיין ... און ער באַשטייט אויף זיינס: ער וויל זען וואו מען שפּילט. ווער שפּילט? — און ביידע קינדער נעמען זיך אָן פאַר די הענטעלעך און שאַרן זיך שטילערהייט פאַרביי דער נוירסעס טיר. אָט שפּאַצירן זיי שוין אַרויף איבער די טרעפּ. וואָס העכער זיי קלעטערן אַלץ דייטלעכער ווערט דאָס שפּילן און אַלץ שטאַרקער קלאַפּט מישאָס הערצעלע. ער האָט אַזוי ליב הערן קלעזמער.

אָט איז שוין דאָס לעצטע טרעפּל. ער זעט שוין דייטלעך די גרויסע, שיינענדיקע קעפּ פון די מעשענע כּלים. עס טוט אים אַ בליאַסק אין די אייגעלעך. עס פאַרכאַפּט אים דער אָטעם פון איבערראַשונג, לאָזט ער זיך אַראָפּ אויף אַלע פיר און קריכט אַרויף צו די טרעפּ. פּאַמעלעך עפנט ער די טיר און שאַרט זיך אַריין אומבאַמערקט, און נאָך אים שאַרט זיך נאָך דער קליינער סעמעלע. ביידע קינדער בלייבן שטיין מיט זייערע ווייסע נאַכט־העמדלעך; מישאַ די הענט אַהינטער, מעשה מבין, אַדער שטאָט־באַלעבאָס, שלינגט די רוישיקע טענער, וואָס רייסן זיך פון די כּלים. די אייגעלעך לייכטן און לויפן איבער פון איין קינד צום צווייטן, און פון די קינדער צום קאַפּעלמייסטער, וואָס שטייט אינמיטן און מאַכט מיטן שטעקעלע. אָט־אָזאַ שטעקעלע וואָלט ער באַדאַרפט האָבן. ניין, בעסער אָט־יענע, גאָלדענע טרובע ... אוי, וואָלט ער וועלן זיין אַ טרובאַטש ווי פראַים דער קלעזמער! .. אָדער אפשר גאָר אַ פידלער? ..

דאָ ווערן זיינע געדאַנקען איבערגעשלאָגן. די נוירס באַווייזט זיך אין טיר, אַ האַלב־שמייכלענדיקע און האַלב־בייזע. דאָ ערשט באַמערקן די שפּילנדיקע זייער "פּובליקום", ווי מישאַ שטייט מיטן קעפּל פאַרריסן, די אויערלעך אָנגעשטרענגט און אַ הילכיקער געלעכטער ברעכט אויס צווישן די קינדער.

דער קאַפּעלמייסטער בייזערט זיך, באַפעלט מען זאָל זיי אַוועקנעמען. מים ראַוז כאַפּט מישאַן אויף די הענט און מיט דער אַנדערער האַנט פירט זי צו דער טיר סעמעלען. מישאַ פּילט ווי מען וויל אים אַרויסטרייבן פון גן־עדן און ער פּראָטעסטירט, בייזערט זיך און לאָזט זיך ניט נעמען.

— וויל ניט, וויל ניט סלאַפּן ... וויל דאָ זיין ... לאָזט מיך, איכל פּילן ... כ'קאָן ... ווי' כ'בין אַ איד, כ'קאָן פּילן ... לאָזט מיך! ..

* * * * *

פון יענעם מאָמענט אָן, האָבן אַלע פאַרגעסן דעם נאָמען מישאַ טויבמאַן און אים פאַרביטן אויף מישאַ עלמאַן. פון יענעם אָוונט אָן האָט די נוירס און אַלע אין הויז געוואוסט, אַז אויב מישאַ עלמאַן איז פון הינטער די הענט ערגעץ נעלם געוואָרן, דאַרף מען אים זוכן אויפן אויבערשטן שטאָק, וואו מישאַ פּלעגט קעניגן איבער אַ האַלבן טוץ קינדערלעך, אַלע מיט טרובעס אין די הענט, און ער פּלעגט שטיין אין מיטן, מאַכן מיט די הענט און חברה האָט געפּילדערט און געליאַרעמט אויף אַלערליי טענער.

פון דאַן אָן האָבן אַלע געוווּסט, אַז אויב עפּעס אַ שאָדן איז געשען צו אַ מוזיקאַלישן אינסטרומענט, איז עס די אַרבעט פון "מישאַ עלמאַן".

* * * * *

ווער איז מישאַ? — אַ קינד פונם בלוטיקן שטורעם, וואָס האָט זיך פאַרבייגעטראָגן איבער די קעפּ פון די רוסישע אידן.

מישאַס לעבנסגעשיכטע איז דעריבער די געשיכטע פון צענדליקער־טויזנטער אידישע קינדער, וואָס זיינען געטראָפן געוואָרן פון דעם גרויסן אומ־גליק, און וועלכע עס איז באַשערט געווען געבוירן צו ווערן פאַר אַזאַ בלוטיקער צייט פון מלחמה, פּאָגראָמען, רעוואָלוציע און באַנדיטיזם. אין יענע צייטן, ווען מענטשלעכע לעבנס, מענטשלעכע טרערן זיינען געווען מער הפקר ווי דאָס ווילדע גראָז אין פעלד.

אין יענע צייטן פון האס און נקמה, פון בלוטדורשטיקייט און מאָרד, פון הפקירות און גוואַלדטאַטן, איז געבוירן געוואָרן מישאַ עלמאַן אַלס דער פערטער זון צו זיינע עלטערן, וועלכע האָבן ניט אויפגעהערט צו דאגהן איבער דעם, וואָס עס וועט זיין מיט די דריי קינדער וואָס זיינען שוין דאָ.

מישאַ איז נאָך קיין זעקס חדשים ניט אַלט געווען, ווען ער האָט גע־מוזט זיין דער שטומער און ניט ווילנדיקער עדות צום ערשטן אַקט פון זיין לעבנס־דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי זיינע עלטערן אין הויז.

אין מיטן פון זיין זיסטן שלאָף, נאָך אַ געשמאַקער הייסער באָד און גוטן איבערבייסן ביי דער מוטערס ברוסט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט ניט טויט ניט לעבעדיק. דאָס הויז איז געווען פול מיט מענטשן, פרעמדע און אייגענע. אַלע האָבן עפּעס געוויינט, געשריען און געליאַרעמט. העכער אָבער פון אַלע און יאָמערלעכער פון אַלעמען, האָט געוויינט און געקלאָגט טאַטע זיין אייגענע מאַמע. ער האָט באַלד דערקאָנט איר קול און זי פון אַלע מענטשן אויסגעטיילט. ער האָט גוט געזען ווי זי האָט זיך יעדער מינוט געוואָרפן צו זיין פאָטער אויפן האַלדז און ביטער געקלאָגט; ווי מען האָט זי מיט גוואַלד געמוזט אָפּרייסן, און זי האָט זיך צוריק געוואָרפן מיט נאָך אַ העכערן געוויין. און ווייל מישאַ האָט ליב געהאַט זיין איינציקע מאַמע און האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן אַז זי זאָל וויינען, האָט ער זיך נאָך העכער פון איר צעוויינט אויפן קול, אַזוי אַז דער פאָטער איז צו אים צוגעלאָפן, געכאַפּט אים אויף די הענט און גענומען אים קושן, קושן, היים און גיך. און אויך ער, זיין גרויסער טאַטע, האָט געוויינט. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער זעט אַ טאַטע זאָל וויינען.

די מאַמע האָט ער אָפט געזען וויינען. ניט אַזוי שטאַרק ווי איצט, נאָר אין דער שטיל, קיינער זאָל ניט הערן, באַהאַלטענערהייט פון אַלעמען אויסער אים. ער, מישאַ, האָט אַלעמאָל געזען, ווען מאַמאַ פלעגט וויינען, און אָפט פלעגט ער אָפּרייסן זיין קעפּל פון דער מוטערס בוזים און קוקן איר שטיל אין די ווייגענדיקע אויגן און עס פלעגט אים אַליין פאַרקלעמען ביים הערצעלע און ער פלעגט זיך צעוויינען פלוצים אויף אַ קול. מאַמאַ פלעגט אים דאַן נאָך שטאַרקער צודריקן צו זיך און שטופּן אים מיט גוואַלד די ברוסט אין מויל אריין . . . אָבער אַז אַ טאַטע זאָל וויינען? דאָס האָט ער גאָר קיינמאָל ניט געזען.

וואָלט מישאַ ניט געווען אַזוי יונג און נאָך אַזאַ קלייניטשקער, וואָלט ער פילייכט געזען, אַז זיין טאַטע גייט איצט אָנגעטאָן אין סאָלדאַטסקע קליידער,

און אז א ביקס שטייט אין א ווינקל, און אז מאמעס טרערן די גאנצע צייט און אירע תפילות, האָבן ניט געהאָלפן צו פּארהיטן די דאָזיקע טראַגישע מינוט; אז זיין פּאָטער גייט איצט אוועק אין מלחמה . . . און אז פּיליכט וועט ער אים שוין מער ניט זען. קיינמאָל וועט אים קיינער ניט קושן אזוי האַרציק, אזוי טריי און ליב ווי זיין פּאָטער . . .

מישא איז אָבער געווען א קליינינקער און האָט ניט געוואוסט אקוראט וואָס עס דריקט אויפן האַרצן די אַלע גרויסע מענטשן אַרום אים. און ווייל ער האָט ניט געוואוסט, און ווייל ער איז געווען בייז וואָס מען האָט אים אויפגעוועקט פון זיין זיסן שלאָף, און ווייל ער האָט בכלל ניט געוואָלט און ניט געקאָנט ליידן, אז מען זאָל אַרום אים אזוי שטאַרק שרייען און פּילדערן, ווער שמועסט נאָך ווײנען — האָט ער זיך ניט געלאָזט איינגעמען פונם טאַטנס קושן און ניט אפילו ווען די מוטער האָט אים גענומען מיט רוגזה און בייזקייט:

— וואָס ווילסטו נאָך, אומגליק מיינער? ס'איז מיר ווייניק אָן דיר ? . .

האָט ער זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט, נאָך העפטיקער פּראָטעסטירט, למאי מען האָט זיך אריינגעריסן אין זיין גבול. למאי לאָזט מען אים ניט צורו? וואָס וויל מען פון אים? וואָס איז ער שולדיק?

קיינער האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען זיינע פּראָטעסטן און קיינעם איז ער איצט ניט געלעגן אין זינען, ווייל יעדנס האַרץ איז געווען איבערגעפילט מיט אייגענע צרות.

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעפאַנגען א ניי־לעבן פאַר מישאַן. עפּעס מיט אַמאָל האָט ער דערפילט, אז ער איז געוואָרן אן איבעריקער אין שטוב.אן אומגעוואונטשענער עלעמענט פאַר יעדן איינעם, אָנפאַנגענדיק פון זיין אייגענער מוטער, און ענדיקנדיק מיט זיין קלענסטן ברודערל; עפּעס פּלוצים זיינען אַלע געוואָרן שטאַרק באַשעפטיקט און קיינער האָט מער קיין צייט ניט געהאַט פאַר אים.

צוערשט האָט די מוטער אליין צוגענומען פון אים די ברוסט און אָנגעהויבן צו פאַרפּאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג. וויפל ער האָט ניט געשריען, איז קיינעם ניט אָנגעגאַנגען זיין געוויין, קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט אים; אָנשטאָט דער מוטערס ברוסט וואָס איז אזוי ווייך, וואַרים און גלאַט, און די מילך אזוי זיס — א מחיה, האָט מען אים פאַרשטופּט דאָס מויל מיט א פלעשל, מיט עפּעס א שוואַרצער פּיפּקע פון וועלכער עס האָט אים געאיבלט אויפן האַרצן, אזוי אז ער האָט אפילו געמיאוסט זיך צוצורירן צו דעם און טאַקע גלייך אויפן אָרט דערקלערט א סטרייק קעגן פלעשל, און בשום אופן ניט געוואָלט עס פאַרבייטן אויף זיין מאַמעס ברוסט.

עס האָט אים געהונגערט, דאָס האַרצעלע האָט גענאָגט, געטאָטשעט, פון לאַנגן וויינען האָט ער באַקומען קרעמפּס אין בייכעלע, אָבער צום פלעשל האָט ער זיך ניט געוואָלט צורירן.

זיין קליין קינדערש מוחל האָט באַזו אופן ניט געקאָנט באַנעמען ווי אזוי קאָן דאָס זיין אייגענע מוטער זיין אזוי שלעכט צו אים. זי מוז דאָך

וויסן, אַז ער הונגערט. פאַרוואָס האָט זי אויף אים קיין רחמנות ניט? און נאָכאַמאָל פּרואווט ער וויינען, נאָכאַמאָל פּראָטעסטירט ער און רופט מען זאָל אים געבן עסן, ניט דאָס פלעשל, אָבער ווידער אַמאָל טראָגט מען אים אונטער דאָס פאַרהאַסטע פלעשל מיט דער שוואַרצער פּיפּקע און נאָכאַמאָל פאַרקלעמט ער די יאַסלעס, פאַרשנורעוועט דאָס מיילעכל און קערט אָפּ דאָס קעפּעלע.

און ווי אומדערפאַרן מישא איז געווען אין די כּללים פון לעבן, האָט ער דאָך באַלד איינגעזען, אַז ניט קיין גלייכן קאַמף האָט ער אויפגענומען, און דערפאַר האָט ער גאָר אינגיכן געמוזט אויפגעבן זיין פּראָטעסט און שלום מאַכן מיטן פלעשל, און ניט נאָר מיטן פלעשל, גאָר מיט א סך ערגערע זאַכן.

גאַנץ פרי פלעגט די מוטער פאַרשווינדן פון הויז און איבערלאָזן אים אויף די הענט פון זיינע דריי קליינע ברידערלעך. יענע פלעגן אים אַרויסטראָגן אין דרויסן, אים אַוועקזעצן אויפן זאַמד, אונטערשפּאַרן מיט קישנס, אַלטע שמאַטעס פון אַלע זייטן און אַליין זיך אַוועקלאָזן זוכן חיונה. איינער פלעגט אַוועק, רייסן באַרלעד און שאַלקאָוויצעס, א צווייטער גאָר זיך ערגעץ שפּילן, און אין מישאן פלעגן זיי אינגאַנצן פאַרגעסן.

אַזוי פלעגט גיין די צייט. די זון פלעגט בראָטן זיין קעפּעלע, די ליפּע־לעד פלעגן פאַרדאַרט ווערן פון שמאַד און דאַרשט, דער געזעס פלעגט אים אָנהויבן בריען פונם נאַסן זאַמד אונטער אים, און ער פלעגט רופן, שרייען און ווידער זיך געמוזט אונטערגעבן און איינשלאָפן, ביז א פאַרבייגייענדיקע שכנה פלעגט זיך אויף אים דערבאַרימען, אים אַריינגעמען אין הויז, אַרומ־וואַשן, אָנהאָדעווען און אַוועקלייגן שלאָפן ערגעץ אין א קילן צימער אויף א ווייך געלעגער.

לויט אַלע געשריבענע כּללים פון דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, וואָלט מישאס נשמה שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס קליינע, אָפּגע־צערטע, און אויסגעמאַטערטע עופהלע, און פאַראייניקן זיך מיט זיין טאַטנס נשמה, וועלכע איז שוין פון לאַנג געווען אין הימל. וואו ערגעץ א מגיפה האָט עס מישאן ניט אויסגעמידן. מען קאָן זאָגן, אַז ער איז געווען דער פּיאָנער אין זיין שטעטל פון אַלע קינדערשע קראַנקהייטן. אַזוי אַז צום צווייטן גע־בורטסטאָג פון זיין לעבן (וועלכן קיינער האָט ניט געדענקט און קיינער האָט ניט געפייערט) האָט ער שוין אויף זיך געהאַט איבערגעטראָגן א זון־שטיך, א בלוט־דייאַריע, טיפוס, סקאַרלאַטין, קרופּ, דיפטעריע, קייך־הוסט, מאָזלען און מאַמפּס. פון ראַכיטיס האָבן זיך ביי אים אויסגעדרייט די פיסלעך, אַזוי אַז ווען ער איז געגאַנגען האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער גייט אויף צוויי דוגעס. פון זיינע ברידערלעכס האַרעוואַניע האָט זיך ביי אים דאָס בייכעלע אָנגעבלאָזן ווי א גרויסער פּענכער, וועלכן ער האָט שטענדיק געטראָגן פאָרויס אויסבוי־גנדיק דערביי זיין רוקן. נאָר פונדעסטוועגן האָט מישא ניט אויפגעגעבן דעם קאַמף פאַרן לעבן, און זיך אויסגעלאַכט סיי פונם מלאך־המות, און סיי פון אַלע מגיפות און קראַנקהייטן.

פאַרקערט, זיין קראַנק זיין איז גאָר פאַר אים געווען א שטיקל יום־טוב: ערשטנס, פלעגט אים אין האָספּיטאַל זיין פיל בעסער ווי אין דער היים.

דאָרט איז ריין, דאָרט איז שטיל, דאָרט איז וואַרים, דאָרט גיט מען מילך און זופּ, און די גוטע שוועסטער באָדט אים אַלע טאָג. זי שפּילט זיך אויך אַמאָל מיט אים. און דער עיקר, אין האָספּיטאַל קומט די מאַמע אַלע טאָג און זיצט ביי זיין בעטעלע, טאַפּט אים דאָס קעפּעלע, גלעט אים, קושט אים — און ער האָט אַזוי ליב ווען די מאַמע קושט אים . . . אַז אַנדערש מאָל לאָזט מען ניט צו זיין מאַמע צו אים, נאָר מען ווייזט זי אים דורכן פענצטער און ער שטרעקט אויס זיינע דאַרע הענטעלעך דורך די שויבן און רופט זי:

— קום אהער, איך וויל דיך! . .

און ער זעט, אַז זיין מאַמע וויל צו אים גיין, וויל צו אים קומען, נאָר מען לאָזט איר ניט.

* * * * *

ס'איז געווען נאָך גאָר פרי, ווען מישא האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף יענעם פרימאָרגן אין האָספּיטאַל. דאָס גרויסע האָספּיטאַל־צימער איז געווען שטיל און באַוועגלאָז. אַלע חולאים זיינען געלעגן אויף די בעטלעך, קיינער האָט ניט גערירט קיין אבר, פון ערגעץ האָט זיך ניט געהערט קיין שאָרך. די זון האָט געשאָטן אירע פייערדיקע שטראַלן דורך די פענצטער שויבן און אָפּגעשאָטן מיט הייסן פריסעק די אייזערנע בעטלעך און די בלייבע, פאַר־געלטע פנימער פון די קראַנקע.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן בעטל און אַרויסגעקוקט דורכן פענצ־טער. שוין פון א צייט, אַז דאָס פענצטער איז געוואָרן זיין טייערסטער פריינד. דאָ וואַרט ער אָפּ זיין מאַמע, וועלכע באַווייזט זיך צו אים א פּאָר מאָל אין טאָג; פון דאַנען קאָן ער זען דאָס גאַנצע שטעטל, וואָס ליגט דאָרט אונטן, באַרג־אַראָפּ; דעם ברייטן שטיק גרינס, וואָס פון יענער זייט וועג, די דורכלויפנדיקע דאָקטוירים און שוועסטער . . . דאָ איז בכלל אַלעמאָל לעבעדיק, די לופט פריי־שער ווי אין שפּיטאָל; די מענטשן געזונטע, לאַכנדיקע און פריילעכע.

איצט איז אַלץ געלעגן פּוסט און ליידיק. די שטילקייט און רואיקייט האָט זיך געלייגט עפּעס שווער אויף זיין הערצעלע און ער האָט זיך דערמאָנט אין זיין מאַמען, אין זיינע ברידערלעך — יאַשא, סיאָמי און באָרי — ער וואָלט זיך איצט מיט זיי שפּילן. און עס פאַלט אים איין צו געפינען דאָרט אונטן, אין שטעטל, זיין הויז. ער וואָלט עס דערקאָנט, אפשר וועט ער זען די מאַמע אַרויסגיין פון טיר וועט ער זי אָנפאַנגען רופן. ער וועט שרייען: מאַמע! וועט זי קומען צו אים, און אפשר וועט ער זען יאַשאַן, ווען ער גייט אין חדר אַריין, באָרין ווי ער שפּילט זיך מיט סיאָמען . . .

בום — בום — דלין — בום . . . צעטראָגט זיך פּלוצים א קול פון די קלויסטער־גלעקער. מישא ציטערט אויף און באַהאַלט זיך אונטער דער קאָלדרע. דאָס קלינגען שרעקט אים. ער קאָן ניט ליידן, ער האָט מורא. ער דערפילט אַ איבל אַרום הערצעלע.

און די גלעקער ווערן חוצפּהדיקער און שטאַרקער. איצט קלינגט שוין ניט איין קלויסטער, נאָר אַלע. און די גאַנצע לופט איז פול געוואָרן מיטן מעטאַלענעם בום — בום. און צום בום — בום פון די קלויסטער־גלעקער

זיינען איצט צוגעקומען אנדערע קולות, וואָס האָבן זיך געריסן פון מענטש־לעכע העלדזער.

די חולאים האָבן זיך מיט שרעק אויפגעכאַפּט פון די בעטן, געוואָרפן זיך צו די פענצטער און מיט שרעק געקוקט איינע אויף די אנדערע, אַז ווערטער. דער אַלטער לייבקע נאַר, וואָס איז געלעגן אין ווינקל, האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ און גענומען זיך שאָקלען אין פאַרצווייפלונג ווי א זייגער־אומרו, הין און צוריק, און געקרעכצט עפּעס א תפילה.

די קולות זיינען געוואָרן וואָס א מינוט אַלץ שטאַרקער און חוצפּה־דיקער, און ווי א וואַסער־כוואַליע זיך געקייקלט פון איין פּלאַץ צום צווייטן, אָנזאַמלענדיק נייע כוחות בעת זי קייקלט זיך, כדי צו ברעכן זיך מיט א גערויש און דונער.

מישא האָט גאָרניט פאַרשטאַנען וואָס עס טוט זיך דאָ. וואָס קלינגען עפּעס די גלעקער, ווער שרייט עס דאָרט אזוי, גאַנץ פרי? וואו דונערט עס? די אַלגעמיינע שרעק, וואָס האָט אַלעמען ארומגענומען, האָט אים פאַרכאַפּט און געהאַלטן ווי אין א צוואַנג. ער האָט געציטערט מיט אַלע גלידער. דער שטור־רעם, וואָס האָט געבושעוועט דאָרט אונטערן באַרג איבער די קעפּ פון די אידן אין שטעטל און האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג דאָ, צווישן די חולאים, האָט געצונדן זיין קליין מוחל און גערייצט זיין פאַנטאַזיע.

ער האָט געוואָלט און ניט געקאָנט זיך פאַרשטעלן וואָס דאָרט קומט פאָר. פאַרוואָס שרעקן זיך אזוי אַלע דאָ? וואָס קלאָגט אזוי דער אַלטער ר׳ לייבקע?

דער דאָקטאָר מיטן אויפזעער און א פּאָר שוועסטער מיט א סאַניטאַר זיינען אריינגעקומען. אַלע, אויסער דעם סאַניטאַר זיינען געווען ווייס ווי קאַלך, דערשראָקן און אויפגערעגט; אַלע האָבן גערעדט אזוי שטיל, ערנסט, אז די שרעק און צער האָט נאָך מער געדריקט די שטימונג ארום. מען האָט זיך גענומען רוקן די בעטן, אריינטראָגן נייע בעטן, ארויספירן חולאים און מאכן נייעם פּלאַץ.

— מען וועט מוזן נוצן יעדער שפּאַן פּלאַץ, — האָט שטיל גערעדט דער אויפזעער, — ליבערמאַן טעלעפאָנירט, אז עס זיינען שוין דאָ מאַסן פאַרוואונדעטע, פיל טויטע . . .

— שרעקלעך, שרעקלעך, — האָט קריצנדיק מיט די ציין און איינ־האַלטנדיק דעם כעס ארויסגעשטאַמלט דער אַלטער דאָקטאָר, — גאָר אַז גאָט אין הארצן . . . בעסטיאַליש, מערדערלעך ! . .

— נחשבנו כצאן לטבח יובל, — האָט זיך צעקלאָגט דער אַלטער לייבקע, און היסטעריש זיך גענומען קלאַפּן אין הארצן, — פאַרוואָס? פאַר־וואָס באַשיצט ניט גאָט זיינע קינדער ? . .

די קולות פון טאָל האָבן זיך געקייקלט און געטראָגן אַלץ שטאַרקער און ווילדער, ווי זיי וואָלטן באַקומען אַלץ נייע כוחות. אַלע אין צימער האָבן זיך א וואָרף געטאָן צו די פענצטער.

— עס ברענט ! . . — האָבן אַלע ווי אין איין קול אויסגעשריען פאַרצווייפלט און דערשראָקן.

— זיי צינדן דאָס שטעטל, — האָט דער אַלטער לייבקע געקרעכצט אין אַנגסטן און ביטער געבראָכן די הענט. — גאָטעניו, פאַרוואָס שטראָפסטו אונדז אַזוי שטאַרק ? . . — האָט זיך געריסן פון זיין ברוסט אַ פּראָטעסט צו גאָט.

איצט האָט מישאַ זיך אויך אָנגענומען מיט מוט און האָט אַריינגעקוקט אין פענצטער. פון צענדליקער פלעצער, אומעטום אין שטעטל, האָבן זיך געהויבן צו די הימלען שוואַרצע זיילן געדיכטער רויך און צווישן דעם רויך האָבן זיך געריסן גרויסע, פייערדיקע צונגען. דער ווינט האָט געטראָגן דאָס פייער און רויך אין דער ריכטונג פונם שפּיטאָל, און עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, ווי אַ שוואַרץ־רויטע פייער־וואָנט קייקלט זיך אין דער לופטן און וועט באַלד איינשלינגען אים און אַלע וואָס ליגן דאָ.

יענער טאָג איז געבליבן איינגעקריצט מיט פייער און בלוט אין מישאַס קליין מוחל; יענער בלוטיקער טאָג איז געוואָרן דער צווייטער ווענדפּונקט אין זיין יונג לעבן.

קיינער האָט אים גאָרניט געזאָגט. נאָר פון די בליקן פון די מענטשן אַרום אים, פון די אָפּגעהאַקטע רייד, פון די שמועסן צווישן די חולאים, ווען זיי האָבן געמיינט אַז ער שלאָפט, אָדער ער הערט ניט, האָט ער שוין געוואוסט, אַז זיין מוטער איז טויט, אַז ער איז יתום, אַז קיינמאָל מער וועט שוין זיין מאַמעלע ניט קומען צו אים צום פענצטער, שמייכלען צו אים, רופן אים מישעניו! טייערינקער זונעלע! קיינמאָל וועט ער זי שוין ניט זען; קיינמאָל וועט ער ניט קריכן אויף איר שויס, פאַרוואָרפן זיינע קליינע הענטעלעך אַרום איר האַלדז און צוטוליען זיך צו איר באַק. אַ שרעקלעכער ווייטיק האָט פאַרקלעמט זיין האַרץ און ער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול, אַז אַלע חולאים דערשרעקן זיך און לאָזן זיך צו אים. אימעצער ברענגט צו די שוועסטער וועלכע בייזערט זיך אויף אַלע, און אויף קיינעם ניט . . . שיקט אַ פרעגנדיקע בליק צו די קראַנקע, וואָס רערט אָן ווערטער:

— ווער האָט אייך געבעטן צו פּלאַפּלען ? . .

די חולאים שווערן זיך, אַז קיינער האָט גאָרניט געזאָגט. מישאַ פאַרשטייט שוין אפילו אָט־די שפּראַך און שרייט דורך טרערן:

— מיין מאַמעלע ! . . כ'וויל מיין מאַמעלע ! . .

ווען עס איז געקומען די צייט פאַר מישאַן צו פאַרלאָזן דעם האָספּיטאַל און די שוועסטער האָט אים אָפּגעבאָדן, אָנגעטאָן אַ נייעם אָנצוג און אַריינגעפירט אין קאַנטאָר, האָט ער צו זיין גרויס פרייד דאָרט געטראָפן זיינע ברידערלעך צוזאַמען מיט עפּעס אַ פרעמדער דאַמע, וועלכע האָט זיך צעשריבן פאַר אים אין אַ בוך, גענומען אים אויף די הענט און אַרויסגעטראָגן פון שפּיטאָל.

מען איז געפאָרן אין א דראָזשקע אלע פינף. ער ביי דער דאמע אויף די הענט, באַרי ביי דער זייט און מאַשיע און סיאָמע אנטקעגן. דערנאָך איז מען געפאָרן מיט דער באַן. לאַנג געפאָרן . . . און ענדלעך איז מישא מיט זיינע ברידער מגולגל געוואָרן אין איינער פון די צייטווייליקע קינדער־היימען, וועלכע זיינען אויף גיך אָרגאַניזירט געוואָרן כדי אָפּצוראַטעווען כאָטש א טייל פון די יתומים, וואָס זיינען פארבליבן נאָך די גרויסע אומגליקן.

* * * * *

מישאס ערשטע און גרויסע אנטוישונג מיט קאנאדע איז געקומען באַלד נאָך זיין אָנקומען אין לאַנד. ס'איז געווען אין מאָנטרעאַל, וואוהין מען האָט זיי געבראַכט פון דער שיף. פון דאָרט האָט מען זיי געדארפט צע־שיקן איבערן גאַנצן לאַנד, און עס איז געווען דאָ, ווען ער האָט זיך געדארפט צעשיידן מיט זיין אינגסטן ברודערל — באַרי.

פאַר די אנדערהאַלבן יאָר, וואָס די קינדער זיינען געווען צוזאַמען אין דער קינדער־היים, זיינען זיי צוגעבונדן געוואָרן אייגער צום צווייטן מיט א ליבע, וואָס איז נאָר מעגלעך און פארשטענדלעך צו קינדער פון אנשטאַלטן. אין ערגעץ איז די שטימע פון בלוט ניט אזוי שטאַרק, און דאָס געפיל פון קרובהשאפט ניט אזוי בולט, ווי צווישן יתומים אין איין אנשטאַלט.

אין א נאַטירלעכער היים קאָן טרעפן, אז ברידערלעך זאָלן צווישן זיך כסדר מלחמה האַלטן, רק זוכן איינער דעם צווייטן צו להכעיס טאָן; אז איין שוועסטערל זאָל דער צווייטער דאָס לעבן ניט פארגינען. אין אן אנשטאַלט אָבער, וואו אַלץ ארום איז פרעמד, וואו עס פעלט די העכסטע באַשיצנדיקע מאַכט — דער טאַטע, די מאַמע — דאָרט טוליעט זיך נעענטער ברודער צו ברודער, און שוועסטער צו שוועסטער — יעדערער צו זיינס, קעגן אַלע . . . ווייל ס'איז שווער צו זיין אַליין אויף דער וועלט. עס ווערט אביסל גרינגער צו פילן, אז ס'איז דאָ אויף דער וועלט, און טאַקע אָט־דאָ, ניט ווייט פון דיר, דיין אייגן בלוט, דיין ברודער, דיין שוועסטערל. און דערפאַר ווערט איר אין ערגעץ אין דער וועלט ניט הערן דאָס וואָרט "מיין ברודערל", אָדער "מיין שוועסטערל" ארויסגערעדט מיט אזויפיל צערטלעכקייט און ליבע ווי אין אן אנשטאַלט.

עס איז דערפאַר געווען העכסט נאַטירלעך פאַר מישאן, וועלכער האָט צו זעקס חדשים פון זיין לעבן פאַרלאָרן זיין פאָטער, און צו צוויי יאָר, זיין מוטער, צו ווערן צוגעבונדן צו זיינע ברידערלעך מיט לייב און לעבן. באַרין אָבער האָט ער ליבער געהאַט פון אַלע. ערשטנס, איז באַרי געווען דער קלענסטער און דערפאַר האָט ער זיך געשפּילט מיט אים, געווען נעענטער, פארשטאַנען אים מער פון די איבעריקע ברידערלעך; צווייטנס, איז באַרי סתם געווען א גוטער, געטיילט זיך מיט אים מיטן ביסן . . . זייערע בעטלעך זיינען תמיד געווען איינס לעבן דאָס אנדערע.

אין וועג איז דער בונד צווישן אים און באַרין נאָך מער פארשטאַרקט געוואָרן. דאָ זיינען זיי געשלאָפן צוזאַמען אויף איין בעטל, אונטער איין קאָלדרע. באַרי האָט געקאָנט א סך שיינע מעשהלעך, וועלכע ער פלעגט אים דערציילן ביינאַכט, פארן שלאָפן גיין. און לידער האָט באַרי געקאָנט א סך

און מישא האָט ליב געהאַט צו הערן באַרין זינגען. און דערפאַר איז ער טאַקע קיינמאָל פון אים ניט אָפּגעטראָטן און שטענדיק זיך געקלעפּט לעבן אים.

אויפן צווייטן טאָג, נאָכדעם ווי זיי זיינען אַראָפּ פון שיף, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס "איינקוקעניש". עס זיינען געקומען מענער און פרויען און מען איז אַרומגעגאַנגען צווישן די קינדער, ווי צווישן מעבל, ווי צווישן סחורה, אָנקוקן און אויסקלייבן קינדער. און איין פּאָרל האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אים און באַרין, און בעת די פרוי האָט געוואָלט דווקא אים, מישאָן, איז דער מאַן באַשטאַנען, אַז ער וויל "אַן עלטערס" — און באַרי איז אויסגעקליבן געוואָרן.

מיט זיינע אייגענע אויגן האָט ער געזען ווי מען האָט באַרין אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל, ווי דער אויטאָמאָביל האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און איז פאַרשוואונדן געוואָרן פונם אויג. מיט אַלע זיינע חושים האָט ער דערפילט, אַז פון אַלע עוולות, וואָס די וועלט איז באַגאַנגען קעגן אים, איז די דאָזיקע עוולה די גרעסטע; אַז ס׳איז ליידיק געוואָרן עפּעס אין הארצן, און עס ציט די נשמה, דאָס האַרץ, אַלע חושים, אַהינצו — דאָרט, וואוהין דער אויטאָמאָביל האָט פאַרפירט פון אים אויף אייביק זיין ברודער באַרין.

אויפן דריטן טאָג נאָך מישאס אָנקומען קיין וויניפּעג, האָט ער זיך שוין געדאַרפט שיידן מיט נאָך אַ ברודערל, און ווידעראַמאָל מיטן קלענסטן. דאָס מאָל איז סיאָמע געווען דער וואָס איז געפעלן געוואָרן. נאָר סיאָמע איז ניט אוועקגעפאָרן אין קיין אויטאָמאָביל, נאָר אַ נידעריקער יונגערמאַן און אַ בלייכלעכע פרוי, האָבן אים אוועקגעפירט פאַר די הענט, און מישא איז געשטאַנען אויף די טרעפּ און האָט לאַנג נאָכגעקוקט ווי זיין צווייט ברודערל גייט אוועק פון אים.

ווער קאָן טרעפן די מחשבות פון אַ קינד, אָדער די איבערלעבונגען און צרות וואָס אַ קינד פילט ווען איין אומגליק נאָכן צווייטן מאַכט אים אַלץ עלנטער, איינזאַמער און הילפלאָזער, און ער מוז שטיין און צוקוקן און ניט אימשטאַנד זיין אפילו צו פּראָטעסטירן ? . .

* * * * *

מישאס נייגונג צו מוזיק, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין דער ערשטער נאַכט פון זיין אָנקומען אין בית־יתומים, האָט געשפּילט ניט קיין קליינע ראָל אין דער באַשטימונג פון זיין גורל. עפּעס איז מיטאַמאָל פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז דאָס קינד וואַקסט באַשטימט אַ מוזיקאַלישער גאון, און טאָמער ניט קיין גאון, איז אַ מוזיקאַלישער טאַלאַנט, וועלכן מען טאָר יעדנפאַלס ניט פאַרנאַכלעסיקן.

אָט־די דאָזיקע פעסטע איבערצייגונג האָט גורם געווען, וואָס פיל אַפּליקאַנטן, וועלכע האָבן זיך געריסן פאַרן קינד, זיינען אַלע צוריקגעוויזן געוואָרן און דער פאָרצוג איז געגעבן געוואָרן צו איינעם אַ מוזיקער, וועלכן מען האָט געקאָנט אַלס קליינעם גביר, און אַ מטופל מיט אייגענע קינדער.

נאָר פונדעסטוועגן אַז אָרנטלעכער מענטש, און דער עיקר — מישא מוז אויסוואַקסן אין אַ מוזיקאַלישער אַטמאָספערע.

* * * * *

די ערשטע געבורטסטאָג פּאַרטי, וואָס מישא האָט אויף זיין לעבן געהאַט איז געווען ווען ער איז אַלט געוואָרן פיר יאָר. כאָטש קיינער ווייס נאָך ביז היינטיקן טאָג נִיט ווען ער איז געבאָרן געוואָרן. דער נייער "דעדי" האָט אים געקויפט אַ "טרייסיקל". די נייע קרובים האָבן אים באַשאָנקען מיט פאַרשיידענע מתנות און מישא האָט באַקומען אַ פּאַפּאַ און אַ מאַמאַ, נייע ברידערלעך און שוועסטערלעך, אַנשטאָט באַרין און סיאָמען, און אַ ניי לעבן האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַרן קינד. אויפן פינפטן יאָר פון זיין לעבן, האָט מישא באַקומען זיין ערשטע פידל און זיין ערשטע לעקציע. צו זעקס יאָר האָט ער שוין געשפּילט "בערעזן", און צו זיבן יאָר — שומאַנס טרוימעריי . . . און צו אַכט יאָר, האָט ער דערפילט מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים דעם גרויסן אמת, וואָס עס ליגט אינם פאָלקס שפּריכוואָרט: "פון פרעמדס מאַך ניט קיין אייגנס". די פרוי, וועלכע ער האָט גערופן מאַמע איז טאַקע געווען אַ גוטע מאַמע, נאָר צו אירע אייגענע קינדער. דערצו האָט זיך נאָך דאָס רעדל אַ דריי געטאָן, פּרנסה איז געוואָרן שלעכט און דער ביסן ברויט חשובער, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קריג אין הויז פאַר אים, מישאן, און ער האָט אָנגעהויבן פילן דעם טעם פון גלות.

מיט אויגן רויט פון טרערן, איז מישאס "דעדי" געקומען אין אָפּיס פון בית יתומים, בעטן אַז מען זאָל אים באַפרייען פון זיין וואָרט און מען זאָל מישאן ביי אים צונעמען.

— איין גאָט ווייס דעם אמת, ווי שווער עס איז פאַר אים צו שיידן זיך מיטן קינד . . . ער איז ביי אים טייערער ווי דאָס לעבן . . . ער מוז אָבער, עס קאָן אַנדערש ניט זיין . . . ער וואָלט ליבערשט אַ האַנט אָדער אַ פוס פאַרלאָרן, איידער אויפגעבן דאָס קינד . . . אָבער אומשטענדן . . .

* * * * *

דער פאָרהאַנג האָט זיך פאַרוויקלט און דער פערטער אַקט פון מישאס לעבנס דראַמע האָט זיך אָנגעפאַנגען, מיט מישאן באַטרעטנדיק די טרעפּ פונם בית-יתומים. מיט זיין קלומעקל אין איין האַנט און זיין פידל אין דער צווייטער.

דאָס פלאָפּלענדיקע קינד פון אַמאָל האָט זיך אין דער פרעמד אויסגעלערנט די גרויסע חכמה פון שווייגן. שווייגן, ווען אפילו דאָס האַרץ באַגיסט זיך מיט בלוט, און די נשמה צאַפּלט זיך פון ווייטיק. און פרעגט איר אים עפּעס, קוקן אויף אייך צוויי גרויסע, פאַרשנדיקע אויגן, און דרינגען אַריין טיף אין האַרצן, בעת די ליפּן פאַרשנורעווען זיך פאַר אייך. הערט, אויב איר קאָנט, די ווערטער און קולות, טענות און פּראָטעסטן, וואָס בושעווען ערגעץ טיף אין האַרצן פון דעם יינגל — די ליפּן קאָנען אָבער נאָר שווייגן . . .

ס'האָט זיך געמאַכט אַמאָל ווען דער שוויגער האָט גערעדט. עס איז געווען ערב יום־כּפּור. באַלד נאָכן בענטשן, איידער מען האָט געדאַרפט צו כּל נדרי אַרויפגיין. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו מיר און זיינע שאַרפע אויגן האָבן זיך אין מיינע איינגעשניטן.

— ווילסטו עפּעס פרעגן, מישא ? . .

— יאָ, — האָט ער געענטפערט אַנטשלאָסן, — אויב איך בין מוחל פון גאַנצן האַרצן, וועט גאָט נאָך אַלץ שטראָפן ? . . — האָט ער געפרעגט.

די פראַגע איז געקומען פון די טיפסטע טיפענישן פון זיין האַרצן. טרערן פון סימפּאַטיע, רחמנות און צער האָבן געפינקלט אין זיינע לויטערע, גרויע אויגן . . . ער, וואָס האָט אַזויפיל געליטן; ער, וואָס איז אַזוי שווער געשטראָפט געוואָרן, האָט ניט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן איבער אים באַ־שטראָפט ווערן . . .

— איך גלויב באַשטימט, אַז ניין ! . . — האָט איך געענטפערט.

זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן און מיט אַ פריילעכן געמיט איז ער אַרויפגעלאָפן די שטיגן צו דער שול . . .

דניאל

דניאל

דניאל איז אינגאנצן זעקס יאר אלט, און ווייסט נאך גארניט פון דניאל הנביא, וועלכער האט געהאט געברענטע ליידן פאר זיין גאט און זיין תורה. אבער צרות האט דער קליינער דניאל אפשר ניט וויניקער פון יענעם גרויסן דניאל, וועלכן מען האט געווארפן צו די לייבן.

זיין ערשטע און גרעסטע צרה איז, וואס פלוצים, פון דער העלער הויט איז ער געווארן זעקס יאר אלט. ווי אימעצער וואלט אים אפגעטאן צו להכעיס, פונקט דאן, ווען ער האט ערשט אנגעהויבן הנאה צו האבן פונם לעבן. אקוראט, ווען ער האט אויסגעפונען א סך נייע "טריקס", וועלכע ער קאן ווייזן פארן קליינווארג פון דער היים און זיך פארשטעלן פאר א גרויסן און בריה און האבן א סך "פאן".

אט, למשל, האט ער ביז איצט אפילו זיך ניט פארגעשטעלט, אז ער, אזא קליינער וועוריק — ווי שייקע רופט אים — זאל קאנען זיך שטעלן מיטן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף, און שטיין גלייך ווי א סטרונע, און נאך פאטשן דערביי מיט די הענט פון הינטן און פון פארנט, און ציילן ביז צוואנציק אין איין אטעם. אזא "טריק" האבן געקאנט נאר שייקע און מייק דער גרויסער, אבער ער האט זיך עס אויסגעלערנט און קאן עס אויך. אויך האט ער ערשט אויסגעפונען דעם אמתן טעם פון גליטשען זיך אויפן אייז, אט טאקע ווי די גרויסע, מיטן לינקן פוס פארויס, דעם רעכטן פארבויגן ארויף, צעלאזט זיך אין געלויף איינס, צוויי; איינס, צוויי — דער אטעם פארכאפט אזש.

גליטשן זיך קאן ער שוין פון לאנג, זייער לאנג. אבער "דזשי", פריער איז ער געווען א בייבי, וואס האט ער געוואוסט? איצט קאן ער פארזאגן סיי וועמען . . . אבער גליטשן זיך ווערט אויך נמאס. אט "טאבאגענען", דאס איז טאקע נאר פאר גרויסע קינדער. "בייבים" וואלטן זיך באלד פארדרייט די קעפלעך און זיי וואלטן זיך איבערגעקוליעט און פארקייקלט זיך ערגעץ אין שניי. טאבאגענען זיך אויף א שליטעלע פון סאמע שפיץ־בארג אראפ און פראווען מיטן שטריק ווי א "דרייווער" מיטן ראד, א, דאס דארף מען קאנען, און "דעני" קאן פראווען מיט א טאבאגען ניט ערגער ווי די גרויסע . . . אזוי, יעדנפאלס איז ער זיכער.

און פונקט דאן, ווען ער האט אנטדעקט אין זיך אזויפיל מעלות; פונקט דאן ווען ער האט ערשט אנגעהויבן צו פארשטיין דעם אמתן טעם פון הנאה האבן פון שפילן זיך — דארף אים ווערן זעקס יאר און מען שיקט אים גאר אין סקול, און ער מוז דארטן זיצן לאנגע שעהן מיט "נאטינג באט בייבים" און זיך שפילן גאר מיט קאלירטע העלצעלעך, און שניידן פארשיידענע פאפירלעך, און טאן זאכן, וואס פאסן טאקע נאר פאר בייבים.

— ״אַ, שי מייקס מי סיק וויט דעט בייבי סטאָף!״ — קלאָגט זיך דעני פאר זיין איינציקן גרויסן חבר ״ביג מייק״, וועלכער איז דער איינציקער וואָס סימפּאַטיזירט מיט אים, ווייל ער אליין — מייק, הייסט עס — געדענקט נאָך גאַנץ גוט ווי אזוי ער האָט פיינט געהאַט די לערעריז (ער האָט זי נאָך איצט אויך ניט איבעריקס ליב), ווען ער איז געווען קלענער.

ערגער נאָך פון דער סקול איז דאָס גרייטן זיך אין סקול. דאָס איז שוין גאָר אַן אָנשיקעניש. דניאל געדענקט גאַנץ גוט יענע גוטע און זיסע יאָרן, ווען ער האָט ניט באַדאַרפט גיין אין סקול, ווען קיינער האָט אים ניט נאָכגעקוקט ווי אזוי ער האָט זיך געוואַשן, וואָס ער האָט אָנגעטאָן . . . דאָס זיינען געווען יאָרן ! . . היינט מוז ער אַלץ טראָגן אויף זיין קאָפּ: אויף זיין בלאָנז טאָר חלילה קיין שפּרינקעלע ניט זיין, אז ניט בייזערט זיך די נוירס. וואָס זאָל טאָן א אינגעלע, אז די בלוזע וויל פּאָרט ניט זיין ריין? בלוזעס האָבן בכלל א מיאוסע נאַטור — דוקא נאָר זיי ווילן זיך שמירן און פּאַטש־קען זיך, און נעמען אויף זיך שטויב, פלעקן און טאַקע בלאָטע אויך . . . וואָס איז ער שולדיק ? . . און די נוירס, רק זי וויל ניט ליידן; נאָר זי רופט אים ״סלאָפּי״. . .

היינט די שיך־בענדלעך . . . דניאל וואָלט א בעלן געווען צו באַגע־גענען יענעם ״גאַי״ (חברה־מאַן) וואָס האָט געהאַט די חוצפה אויסצו־טראַכטן די שיך־בענדלעך . . . צו וואָסערע כפּרות דאַרף מען זיי? און וואָס איז ער א שטייגער שולדיק, אז די שיך־בענדלעך האָבן אזא פאַרשאָלטענע טבע, אז כאָטש גיב זיי צען קרענק, ווילן זיי ניט בלייבן פאַרבונדן? דען האָט שוין געפּרוּווט אַלערליי מיטלען און וועגן, ווי צו פאַרבינדן די שיך, אז די בענדלעך זאָלן זיך ניט נאָכשלעפּן; אז זיי זאָלן זיך האַלטן פאַרבונדן — ס'האָט אָבער גאָרנישט ניט געהאָלפן. זיי צעבינדן זיך — כאָטש שריי גוואַלד.

אָט זעט איר, ביינאַכט, ווען מ'דאַרף גיין שלאָפן, אָט־פּונקט דאָ־מאָלסט זיינען די שנירלעך אזוי פאַרקניפּט און פאַרפּלאָנטערט, אז ער קאָן זיי באַין אופן ניט צעקניפּן און אויספּלאָנטערן. און דאָ שטייט די נוירס און שרייט נאָך למאי עס נעמט אים אזוי לאַנג אויסצוטאָן די שיך; למאי די שנירלעך זיינען אזוי פאַרפּלאָנטערט . . . פריער בייזערט זי זיך און נאָכדעם שרייט זי.

ווען וואָלט א שטייגער געאַרט, ווען אינגלישע שיך וואָלטן געווען אָן שנירלעך? ווער דאַרף זיי?

טויזנט מאָל ערגער פון די שיך־שנירלעך און די בלוזעס מיט די הויזן, זיינען די הענט און דאָס פּנים.

אוי, די הענט ! . . דאַכט זיך אז ער טוט מיט זיי גאָרניט. ער היט זיי שוין דאַכט זיך ווי א קאַרגער די פּענים . . . א סך בעסער ווי מאָרים זיינע שול־ביכער — און ווי אויף צו להכעיס, אָט גראָד דאַן ווען ער דאַרף גיין אין שול, קומט די נוירס:

— דעני, אנו ווייז נאָר דיינע הענט ! . . זע נאָר דיין פּנים, וואו האָסטו זיך אזוי פאַרשמירט, אזוי פאַרחזירט ? . . .

הערסט ? . . אַט דאָס וואָלט ער דאָך טאַקע אַליין אויך אַ בעלן געווען צו וויסן . . . אדרבא, זאָל זי אים זאָגן . . . אַז פון וואַנען זאָל ער וויסן? ער האָט דאַכט זיך אַזוי געהיט די הענט . . . סיידן ווען ער איז געגאַנגען אָנקוקן מייקס "אוצר", וואָס איז באַהאַלטן דרייצן שפּאַן פונם דרייצנטן סטויפּ, וועסט פונם גאַראַזש. אָבער דאַן האָט ער זיך ניט געקאָנט העלפן. ער האָט דאָך געמוזט עס צוריק פאַרשאַרן, כדי "פּוסי פּוטס גענג" זאָל זיך חלילה ניט דערוויסן פון דעם און אַלץ צונעמען.

דעני האָט פיינט זיך צו קריגן מיט עלטערע פון זיך. מען הייסט גיין וואַשן די הענט, דאָס פּנים — גייט ער און טוט צוליב. "באַט, דזשי וויס־קערס", ווער אין אַל־די גוטע יאָר קאָן זיי (דער נוירס און דעם אויפזעער) אַמאָל צופרידנשטעלן? נאָר מען קוקט. רק מען איז ניט צופרידן. אַט האָט ער זיך אָפּגעוואַשן, דאַכט זיך גוט געוואַשן — קומען זיי צוגיין און געפינען באַלד אויס, אַז עס טויג ניט. אין די אויערן איז בלאָטע, זאָגן זיי; דער האַלדז — שוואַרץ ווי די ערד. וואָס אַרט עס זיי? און וואָס איז דער אונטערשייד? עס וועט דאָך סיי ווי סיי צוריק ווערן קויטיק — "דזשי דעי אַר פאַני!".

היינט וויפל צרות האָט דער קליינער דעני פון די האָר, וואָס די נוירס וויל דווקא אַז זיי זאָלן שטענדיק זיין פאַרקעמט און גלאַט, און מיט אַ שרונט אויף דער זייט ? . . דעני האָט ניט דאַקעגן. אדרבא, ער וואָלט געוואָלט צוליב טאָן . . . "באַט האָלי מעקעראָל", וואָס זאָל ער טאָן אַז זיי (די האָר, הייסט עס) האַלטן זיך ניט? ער קאָן זיי ניט צונעגלען . . .

היינט די קנעפּלעך פונם קאָוט. נאָר מען האַלט אים אין איין פרעגן: "וואו זיינען די קנעפּלעך דיינע פונם קאָוט?" ער עסט ניט קיין קנעפּלעך . . . אַז זיי ווערן פאַרט ניט, וואָס איז ער שולדיק?

אַמאָל, אַמאָל מאַכט זיך אַז מען קאָן זיך ניט אויסדרייען און מען דאַרף באַצאָלן פאַר "דיבס" אַ פּאָר קנעפּלעך; אַן אַנדערש מאָל געפעלט גאָר אַ באַי גראָד זיינס אַ קנעפּל און ער פרעגט אים אפילו ניט: טוט אַ דריי און אַ צי — און דאָס קנעפּל איז שוין ביי יענעם, און ער כאַפּט נאָך אַ שנעל אין נאָז אַלס צוגאָב. איז איידער אַנדערע זאָלן שפּילן מיט זיינע קנעפּלעך, איז דאָך פיל גלייכער, אַז ער זאָל פון זיי הנאה האָבן . . . דערנאָך מאַכט מען אים שולדיק. "דזשי" פאַר אַלץ דאַרף ער ליידן.

היינט די הענטשקעס אין ווינטער. ווי אַזוי קאָן אַ אינגל, אָדער ווער עס איז, גאָר געדענקען, וואו עס קומען אַהין די הענטשקעס ? . .

ער היט זיי, דאַכט זיך, אַזוי שטאַרק, און נאָר זיי ווערן ניט. אַט געדענקט ער דייטלעך, אַז נעכטן האָט ער אוועקגעלייגט זיין ביכל מיט די הענטשקעס ביים "טאָבאַגען סלייד" — ער האָט געמוזט ווייזן מייקן אַ נייעם "טריק", ווי אַזוי מען קאָן זיך אַראָפּלאָזן מיטן שליטעלע און אויסדרייען זיך דריי מאָל אַרום און אַרום. מען דאַרף נאָר וויסן ווי צו פּראָווען מיטן שטריקל, איז ווי אַזוי האָט ער געקאָנט געדענקען נאָכדעם וואו די הענטש־קעס מיטן ביכל זיינען אַהינגעקומען ? . .

ס'איז אַזוי שווער צו זיין אַ אינגל און אַלעמען צופרידנצושטעלן . . .

קאַפּיטאַל קיד

"קאַפּיטאַן קיד"

איר וועט אים דערקאָנען פאַר א מייל. עס איז אים לייכט אויסצוקליבן צווישן הונדערט קינדער. א געבאָרענער פירער, מיט אייגנשאפטן צו הערשן און באפעלן, ניט דורך מאכט, ניט דורך גרויזאמקייטן, אפילו ניט דורך פיזישער סופּעריאָריטעט (ווייל קיד איז סך־הכל א קליינגעוויקסיקער, א דארינקער), נאָר מיט עפּעס וואָס איז אינגאנצן זיינס, און וואָס מאכט אים פאַר דעם צענטער פון אלץ און אלעמען.

מוט און געוואגטקייט איז אויסגעקריצט אויף זיין פּנים. ליבלעכקייט און גוטסקייט שיינט ארויס פון זיינע צוויי, שווארצע ווי קויל, קליינע אויגן. זיינע שארפסטע וואָפן קעגן פריינט און פיינט (און קאַפּיטאַן קיד האָט זיי אָן א שיעור), איז זיין שמייכל און ברייטהארציקייט. מיטן צויבער פון זיין שמייכל וועט ער צונעמען ביי יענעם דאָס לעצטע און טייערסטע, אזוי אז יענער, ביי וועמען ער נעמט אוועק די לעצטע קענדי, אָדער ניקל, אָדער דעם טייערסטן פאַר אים חפץ, זאָל גאָר זיין צופרידן וואָס קיד נעמט ביי אים. ווייל ער האָט דאָך דערביי אזוי זיס גערעדט און געשמייכלט, און געהאלטן זיין האנט אויף זיין אקסל — דאָס הייסט דאָך שוין גאָר אמתע "טשאָמס" מיט קיד און דאָס איז שוין גאָר קיין קלייניקייט ניט.

"קיד" ווייס ווי צו קליבן חברים און ווי אזוי אָנצוהאלטן גוטפריינטשאפט; "קיד" ווייס ווי אָפּצורעכענען זיך מיט א שונא און ווי צו האלטן אין מורא אלע די וואָס זיינען ניט מיט אים. עס מאכט זיך אמאָל, אז "קיד" באגייט אן עוולה קעגן אימעצן פון די אינגלעך, און עס קאָכט זיך צווישן חברה. מען גרייט זיך צו אטאקירן אים, אָפּצורעכענען זיך מיט אים; מען סודעט זיך, קאָנספּירירט; עס שאפן זיך צדדים, אָנהענגער וואָס זיינען גרייט צו העלפן ביזן בלוט. "קיד" פאסט אויף אויף אלץ, און פּונקט אינם רעכטן מאָמענט, זאָל ער צוגיין צום באעוולהטן, ארויפלייגן זיין האנט צו אים אויפן אקסל, רעדן צו אים מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל, און אין א סעקונדע ארום זעט מען זיי שוין בײדע שפּאצירן האנט אין האנט צום "קאַפּיטאַן קידס" מלוכה, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין א ווינקל פון הויף, באוואכט פון געטרייע, וואוהין נאָר "אייגענע" ווערן אריינגעלאָזן, און די גאנצע חברה בלייבט נעבעך אָן א שטאָך ארבעט.

"קידס" מלוכה איז ניט אלעמאָל די זעלבע. "קיד" האָט פיינט צו שטיין אויף איין אָרט. ער בייט זיי לויט די ביכער וואָס ער לייענט און לויט דעם איינדרוק וואָס געוויסע העלדן מאכן אויף אים. אמאָל איז ער אן אינדיאנער הויפּט־מאן און אלע זיינע חברה זיינען אינדיאנער, און מען גייט ארום מיט פעדערן אין די קעפּ, מיט גארטלען פול מיט בלעכענע קנעפּ, און "טאָמאהאקס" פאַר געווער, און אטאקירט מען דעם שונא, לאָזט מען

ארויס דעם אמתן אינדיאַנישן "וואָר־קריי", אַז עס ציטערן די ווענט און עס פּלאַטערן די הערצער.

אַן אַנדערש מאָל איז "קאַפּיטאַן קיד" אַ "קאָו־באָי" מיט לאַנגע, ציגפעל פּלודערן (פון אַן אַלטער קאָלדרע געמאַכט) מיט אַ ברייטן גאַרטל, מיט צוויי "פּיסטאָלס" (פון אמתע האָלץ) און שפּיציקע היטלען פון פּאַפּיר, און מען גייט מיטן שווערן קאָו־באָי טראָט פון איין פוס אויף דער צווייטער, אויפהויבנדיק פריער איין אַקסל און דערנאָך דעם צווייטן, מיט אַ צי די פּלודערן אַרויף, מען קייט טאַבעקאַ (טשואינג גאַם) און מען שפּייט דורך די ציין, אַז מען איז קאָו־באָיס העלפט דאָך ניט.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז עס ווערט אים נמאס צו זיין בלויז קאַפּיטאַן און באַשטימט זיך אַליין פאַר גענעראַל — פאַרוואָס ניט — אַלץ וואָס אַ גענעראַל דאַרף איז עפּאָלעטן און אַ רויטן לאַמפּאַס אויף די הויזן. אָבער דאָס איז אַ קליי־ניקייט. דער עיקר איז צו האָבן אַ פעסטונג וועלכע מען זאָל קאָנען פאַרטיידיקן. און ער לאָזט זיך מיט זיינע נאָכפאָלגער בויען אַ פעסטונג מיט אַלע פישטשעוועס. ווינטער איז גאָר אַ מחיה. ווינטער בויט מען די פעסטונג פון שניי און מען מאַכט די ווענט אפשר זעקס פוס הויך, מיט וואַך־טורעמס, מיט "מענהאָלס" פאַר די האַרמאַטן . . . מען נעמט אַ קיילעכדיקע קלאָץ, מען שמירט זי אויס מיט סאַזשע און מען שטעלט זי אַריין אין פענצטער — איז עס אַן אמתער האַרמאַט.

און אין פעסטונג גופא. וואָס געפינט זיך דען דאָרט ניט? אַלץ וואָס אַ אינגלש האַרץ קאָן נאָר גלוסטן, און וואָס אַ אינגלש מויל קאָן נאָר דיכטן. אַ וואונדער אַביסל וואָס יעדער אינגל פון בית־יתומים וועט גיין אין פייער און אין וואַסער פאַרן "קאַפּיטאַן קיד"? . .

פאַרלויפט זיך אַמאָל, אַז "קיד" האָט ערגעץ געלעזן פון אַן "אָטאָ־מאַן" וואָס האָט געהאַט זיין מלוכה אונטער דער ערד. און גאַנץ פרי, "קיד" האַלט אָפּ אַ פאַרזאַמלונג ביי זיך אין פעסטונג, מיט אַלע זיינע מקורבים, און ער דערקלערט זיי:

— ע, וואָס איז עס פאַר אַ געשעפט אַ פעסטונג, וואו יעדער "וואָוור־ריק", יעדער "פּוּכירקע" קאָן אַריינקומען? לאָמיר בויען אַן אונטערערדישן פּאַלאַץ, וואו מיר, און נאָר מיר וועלן קאָנען אַריינקומען, דורך אַ געהיימער טיר, וואָס וועט זיך עפענען ווען מען וועט געבן דריי קלאַפּ און זאָגן: "הור־דוס פּערוּנדוס לאַ־זשי קונדוס. עפן".

פאַר טעג מיט אָוונטן איז חברה געווען פאַרטאָן מיט לייב און לעבן אין דורכפירן דעם געניאַלן פּלאַן פון "קאַפּיטאַן קיד". ווי אמתע קראָטן איז מען געלעגן אונטער דער ערד און געגראָבן און געטראָגן די ערד, דערביי איז מען אַרומגעגאַנגען פאַרסודעט און געהיט זיך פון יעדן קינד און פון די אויפזעער. וואו ערגעץ אַ ברעטל, אַ שטיק האָלץ, אַ שמאַטע — איז אַוועק אויף דעם "פּאַלאַץ", און האָבן שמאַטעס אויסגעפעלט, האָט מען פאַר־שלעפּט גאַנצע קאָלדרעס, ליילעכער, פאָרהאַנגען — אַלץ וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, וואָס איינער האָט נאָר געקאָנט קריגן, האָט ער געבראַכט צום "קאַפּיטאַן", וועלכער האָט פון אַלץ געמאַכט נוצן.

און אז דער פּאַלאַץ איז פאַרטיק געוואָרן איז עס געווען שוין איינמאָל אַ פּאַלאַץ. די טיר האָט מען פאַרמאַסקירט אַזוי, אַז מען וואָלט קיינמאָל אין לעבן עס ניט געקאָנט דערקענען. אינוועניק איז געווען אַ לאָזשע פאַרן "קאַפּיטאַן", פּאָליצעס פאַר ביכער און אַ טישל צום לייענען. פונם עמוד אין שול האָט מען פאַרנומען די ליכט און זיי באַנוצט פאַר באַלייכטונג. פון דער ביבליאָטעק האָט מען געשלעפּט ביכער, פון האָספּיטאַל פלעשער און פלעש־לעך, פון קיך טעפּ מיט סקאָוורעדעס, פון טיש האָט מען געליגט ברויט און פלייש אין די קעשענעס, כדי דאָרט שפּעטער, אין פּאַלאַץ, צו פּראַווען אַ סעודה...

און אין יענעם פּאַלאַץ איז "קיד" געווען דער זעלבסטהערשער. דאָרט זיינען אויסגעטיילט געוואָרן כיבודים און ראַנגען, חסדים און אור־טיילן מיט דער גרעסטער פּאָמפּ און צערעמאָניע. "קידס" אַ באַפעל איז אָפּגעהיט געוואָרן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט.

מאַכט זיך אַ פאַל: די גרעסערע אינגלעך הויבט אָן פאַרדריסן, וואָס איינער, וואָס איז אַ סך אינגער פון זיי, זאָל גאָר האָבן די ממשלה איבער אַזויפיל קינדער און מען זאָל אים גאָרניט קאָנען טאָן... און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאָנספּיראַציע — אַן אמתע פאַרשווערונג — צו שטורעמען דעם "פּאַלאַץ" און פאַרניכטן די "גענג".

"קיד" מאַכט זיך כלומרשט ניט ווויסנדיק פון דער גאַנצער פאַרשווע־רונג. פאַרקערט, איז גאָר אדרבא ואדרבא מיט יעדן פון די פאַרשווערער, גאָר אין דער זעלבער צייט גרייט ער זיין אַרמיי, דאָס מאָל אַ פאַרשטאַרקטע, מיט אַלע קליינע אינגעלעך. בסוד סודות האָט ער זיי איינציקווייז פאַררופן אין פּאַלאַץ, גערעדט צו זיי און געגעבן צו דערקלערן. און דער עיקר האָט ער זיי באַוויזן זיין געווער און אוניפאָרמס, זיינען זיי אַלע גלייך אַריבער אויף זיין זייט און ווען די "גרויסע" זיינען אַרויסגעקומען צו אַטאַקירן האָט מען זיי באַגעגנט מיט אַן אמתן "וואָר־קריי", אַז די לופט האָט געציטערט, און באַוואָרפן זיי מיט פוילע קאַרטאָפל, שטיינדלעך, שטיקער האָלץ, אַז דער שונא האָט געמוזט אָפּטרעטן מיט גרוים בזיון.

און ווער איז "קאַפּיטאַן קיד"?

ווי דורך אַ נעדיכטן נעפּל געדענקט ער זיין פאָטער, וועלכער האָט אים אַמאָל אין שול מיטגענומען און אָנגעזאָגט:

— זונעניו, מיר גייען אין שול. עס איז ראש־השנה ביי אונדז. זאָלסט וויסן, אַז מיר זיינען אידן!...

דאָס איז כמעט אַלץ וואָס ער געדענקט פון זיין פאָטער. אַט די איינ־ציקע ווערטער האָבן אים דערנאָך, אין שפּעטערע יאָרן, געבראַכט אין מערב קאַנאַדער בית יתומים.

עפּעס מער ווי זיין פאָטער, געדענקט ער זיין מוטער, וועלכע האָט עפּעס ניט געהויזט מיטן פאָטער — מיט זיינעם. ער געדענקט פון אָפטע קריגערייען און געשרייען אין שטוב, און איינמאָל, נאָך אַ לאַנג דויערנדיקער קריג צווישן דעם פאָטער און דער מוטער, איז דער פאָטער אַוועק און די מוטער האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ פּריוואַטן פּאַנסיאָן. ער געדענקט דאָס

פלאַץ. עס איז געווען אַ גרויסע, ציגלנע געביידע אין דערמיט פון אַ גרויסן הויף ארומגערינגלט מיט אַ סך ביימער. אַ פּאָר מאָגערע בלומען־בייטן און עטלעכע דאַרע רויזן קוסטן ביי די פענצטער. די געביידע, אַן אַלטע, אָן אָפּ־געקראָכענע; די פענצטער און טירן, אָפּגעבליאַקעוועט פון זון און רעגן, און האָבן זיך שטאַרק געגוויטיקט אין פרישער פאַרב.

דער פּרינציפּאַל פון שול וואָס האָט זיי באַגעגנט, איז געווען אַן אַלטער ענגלענדער, גלאַט ראַזירט זיין צעקנייטשט פנים, מיט אַ פּאָר גרויסע ברילן אויפן שפּיץ־נאָז, מיט קליינע אייגעלעך הינטער די ברילן, וועלכע זיינען שטענדיק ארומגעלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן; מיט דינע, ווי שנירלעך ווייסע און בלוטלאָזע ליפּן, וועלכע זיינען געווען ווי פאַרשנירעוועט כסדר.

ער האָט אים דערלאַנגט צוויי דאַרע פינגער פון זיין האַנט און גע־זאָגט מיט אַ געמאַכטן שמייכל:

— איך האָף, אַז מיר וועלן זיין פריינט.

דערנאָך האָט די מאַמע געצאָלט געלט, עפּעס געחתמעט, געווישט זיך די אויגן און זיך צעקושט מיט אים, צוזאָגנדיק באַלד, איינגיכן צוריקצו־קומען און אים איבערגעלאָזט דאָרט אַליין. אַליין, אַ איינגעלע פון פינף יאָר; אַליין צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן און אַזויפיל פרעמדע איינגלעך, וועלכע האָבן אים באַגעגנט מיט אַ זאַלפּ פון געלעכטער און חוזק:

— זע נאָר דעם שטשור ! . . "העי, קיד, וועהער איז יור ניפּל"? (העי, חברה־מאַן, וואו איז דיין סאָסקע?).

און ניט צופרידן מיט רייד אַליין, האָט מען זיך גענומען פאַר אים. דער אַ צופּ, אַן אַנדערע אַ ריס; איינער האָט זיך אונטערגעלייגט הינטער אים און אַ צווייטער האָט אים אַ שטופּ געטאָן אין האַרצן, אַז ער האָט זיך איבער־געקערט איבערן איינגל און פאַרריסן די פיס ארויף, צום גרויסן געלעכטער פון אַלע איינגלעך. אַזאַ באַליידיקונג איז געווען אוממעגלעך איבערצוטראָגן. אַן אַנדערער וואָלט זיך צעוויינט, אפשר אַנטלאָפן, אָבער ניט ער. ווי אַ קליין טיגערל איז ער אויפגעשפּרונגען אויף זיינע שוואַכע פיסלעך, מיט אויגן, וואָס האָבן געשפּריצט מיט פייער און מיט פאַרקלעמטע פויסטן איז ער מיט איין שפּרונג געווען אין יענעמס אויגן.

דער איינגל וואָס האָט אים אַ שטופּ געטאָן איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון אים און פיל עלטער. אָבער דער אימפּעט מיט וועלכן ער האָט אַטאַקירט, דאָס אומדערוואַרטקייט פון דער אַטאַקע זעלבסט, האָט אים אַזוי צעמישט, אַז ער האָט פאַרלאָרן זיין גלייכגעוויכט און איז אומגעפאַלן. דאָס האָט ארויסגערופן אַן אויסגעשריי פון באַוואונדערונג פאַרן זיגער. ער איז באַלד אויפגעשפּרונגען אויף זיינע פיס און חברה האָבן געמאַכט פּלאַץ, דערוואַרטנדיק אַ סך "פאַן". דאָס קינד אָבער, איז געווען אַנטשלאָסן זיך אָפּצורעכענען, און ניט וואַרטנדיק ביז יענער וועט זיך מכין זיין, איז ער צוגעשפּרונגען צו אים און גענומען זעצן מיט די פאַרמאַכטע פויסטן אין די אויגן, אין די ציין און אין דער נאָז, טאַנצנדיק ארום זיין שונא ווי אַ מאַל־פּע. עס האָט זיך באַוויזן בלוט פונם מויל און פון נאָז ביים שונא. דאָס האָט אים נאָך מער פאַרשיכורט און אָפּשפּרינגענדיק פון אים אויף אַ פּאָר שפּאַן,

איז ער מיט זיין גאַנצן אימפּעט אַרויף אויף אים און מיט איין פּויסט אים דערלאַנגט אין אויער און מיטן אַנדערן אין נאָז, אַז יענער האָט זיך נאָכאַמאָל פּאַרדרייט און איז אומגעפאַלן אַ צעממיתטער.

די גאַנצע סקול וואָס האָט ערשט געלאַכט פון אים, האָט אים איצט אַרומגערינגלט און באַגריסט מיט דרך־ארץ ווי אַן אמתן זיגער.

* * * * *

— מאַסטער דעניסאָן ! . . מאַסטער דעניסאָן ! . . קומט גלייך אַהער ! . . — האָט זיך פון אַן אויבערשטן פענצטער פון דער ציגלנער געביידע דערהערט דאָס גרילציק־דינינק קולכל פונם פּרינציפּאַל, וועלכן מען האָט שוין אָפּגעטראָגן די נייעס, אַז דער נייער אינגל האָט שיר ניט דערהרגעט אויף טויט מאַסטער סקווימפּס, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר איינעם פון די געציילטע מיוחסים אין פּאַנסיאָן.

— "פּור קיד", — האָבן אים גענומען באַדויערן אַלע איבעריקע קינדער, — "הי שור וויל געט איט אין די נעק" (ער וועט שוין געווים קריגן האַלדז און נאַקן).

הייראַם דעניסאָן, וואָס איז דער אמתער נאָמען פון אונדזער העלד, איז געשטאַנען מיט צעשויבערטע האָר און פאַרפלאַמט פּנים, וואָס איז געווען צעבלוטיקט און פאַרשמירט. דאָס העמד אַרויסגעשלעפּט פון די הויזן און צעריסן . . . אַ האַלבער אַרבל איז נאָכגעהאַנגען צעפליקט אויף פענדלעד; די הויזן פאַרשמירט און צעטשעפּעט אין עטלעכע פלעצער.

ער איז געשטאַנען און שווער געאָטעמט פון אויפרעגונג און דערשעפּונג, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

— איך האָב עס ניט אָנגעפאַנגען, — האָט ער האַלב־טראַכטנדיק און האַלב־באַקלאָגנדיק זיך אַרויסגערעדט אין דער לופט.
— איך האָב עס ניט געוואָלט, — האָט ער פאַרגעזעצט, ווי פאַרענטפערנדיק זיך פאַר עמיצן.

— "הייראַם דעניסאָן, קאַם רייט היר!" — האָט זיך נאָך בייזער דערטראָגן דעם פּרינציפּאַלס קולכל.

הייראַם האָט שטאָלץ פאַרהויבן דאָס צעשויבערטע קעפּל און נאָך מוטיקער אַרויסגעשטעלט זיין ברוסט פאָרויס, און מיט זיכערע טריט און אַ פאַרטראַכטער מינע, אַוועקגעשפּאַנט אין דער ריכטונג פונם פּרינציפּאַלס אָפּיס, די הענט איןביידע קעשענעס.

— "סאָם ווייַלד קיד!" — האָבן אים נאָכגעזאָגט אַ שבח די איבערגעבליבענע אינגלעך, וואָס האָבן אים באַגלייט מיט סימפּאַטישע בליקן.

פאַר גאַנצע דריי מעת־לעת האָט מען הייראַמען אין ערגעץ ניט געזען.

דאָס איז ניט געווען קיין נייעס אין דער "אָלד ענגליש פּרייוועט באָרדינג סקול פאַר באָיעס" און קיינער האָט זיך ניט געוואונדערט ווען אַזאַ זאַך

האָט פּאַסירט מיט איינעם פון דער שול באַפעלקערונג. אָבער אין דעם דאָזיקן פאַל האָט עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכער פאַרדרוס ארומגעכאַפּט אַלע איבעריקע קינדער און פאַר דער גאַנצער צייט איז "דהי ווייַלד קיד" (דאָס ווילדע ציגע־לע), ווי מען האָט אים איצט גערופן, געווען די טעמע פון אַלע געשפּרעכן. סיי ביים שפּילן זיך, סיי ביים עסן, און באַזונדערס ביים שלאָפן גיין, האָט מען מיט באַזונדער חשק דיסקוטירט אַלע איינצלהייטן פון דעם מערקווירדיקן געשלעג:

— "סאָטש איי קיד, טהינק אָף היז סייז ! . . (וואָס וואָלט מיינען אין אידיש: אזא חברה־מאַן, אזא פּיסקליא . . . און ווי עס איז געשפּרונגען ווי אַ גומענער באַל). "דהי נוירוו אָף הים"! . .

אויפן פערטן טאָג, גאַנץ פרי, פאַר פרישטיק, ווען אַלע קינדער זיינען געווען פאַרזאַמלט אין הויף פאַר גימנאַסטישע איבונגען, האָבן אים חברה פלוצים דערזען און באַגעגנט מיט אַ גוואַלדיקער אָוואַציע. פון אַלע זייטן איז ער ארומגערינגלט געוואָרן פון שטראַלנדיקע פּנימער, וואָס האָבן אין אים געזען מער ווי אַן אַלטן חבר — אַן אייגענעם, אַ פריינט אויף וועלכן מען האָט לאַנג געוואַרט.

הייראַם, פון זיין זייט, האָט זיך מאָמענטאַל דערפילט ווי אין דער היים, צווישן אייגענע, און ער האָט געענטפערט אויף פראַגן, געדריקט אויס־געשטרעקטע הענט און געשמייכלט מיט זיין זיסן שמייכעלע.

— "עט־אַ־קיד!" — האָבן אַלע פריידיק אויסגעשריען, ווען הייראַם, דערזעענדיק פון דער ווייטנס, מאַסטער סקווימפּס, איז צו אים גלייך צוגע־גאַנגען מיט זיינע אויסגעשטרעקטע הענט און שמייכלענדיקע אויגן.

סקווימפּס, וועלכער איז נאָך געווען באַצירט מיטן בלויען אויג און פאַרלאַטעט פּנים, איז געשטאַנען אַן אַנגעבלאָזענער און כלומרשט אַ בייזער. אָבער גיי זיי אַ בריה און זיי בייז, ווען אויף דיר קוקן אזוינע שמייכלענדיקע אויגן, און הייראַם זאָגט:

— "דעיר איז נאָ יוז סקרעפּינג, לעט אַס בי פרענדס" (עס איז קיין פּעולה ניט צו קריגן זיך, לאָמיר זיין פריינט), — און הייראַם לייגט אַ האַנט אויף יענעמס אַקסל און די בייזקייט פאַרשווינדט, דער כעס פאַרגעסן, דאָס האַרץ צעווייקט זיך פון זיך אַליין און ווערט ווייך, און מען שפּאַצירט אָוועק צוזאַמען . . . און אין אַ מינוט אַרום דערציילט מען זיך שוין אויס איינער דעם צווייטנס סודות.

דער גלאָק קלינגט פאַר גימנאַסטישע איבונגען, און סקווימפּ לייגט פאָר:

— לאָמיר שטיין צוזאַמען ! . .

און מען שטעלט זיך איינער הינטערן צווייטן אין דער רייע.

נאָך די איבונגען גייט מען צום טיש — ווידער צוזאַמען. און די פריינטשאַפט ווערט פאַרקניפּט נאָך שטאַרקער. אין קלאַס־צימער, ווען הייראַם באַוויזט זיינע מערקווירדיקע פעאיקייט נאָכצומאַכן דער לערערין — אַן אַלטע, אויסגעדאַרטע און טרוקענע מויד, מיט אַ פויגלשן פּנים — און טוט איר

אַפּ פאַרשיידענע שפּיצלעך אינמיטן לערנען, פון וועלכע חברה קייכן פון געלעכטער — ווערט הייראַם דער העלד פון קלאַס.

די אַלטע מויד (די לערערין), קאַכט און זידט. וויל כאַפּן דעם שולדיקן און איז טאַקע אַ פּאָר מאָל חושד הייראַמען, אָבער ווען זי ווענדט זיך צו אים, מאַכט ער אַזאַ אומשולדיק פּנימל און קוקט אויף איר מיט אַזאַ אומשולדי־קער מינע, אַז זי באַשליסט, אַז עס קאָן ניט זיין ער . . . "ער קוקט אויס אַזוי זיס, די טייערע נשמה". . . קלערט זי.

הייראַמס מוטער, וועלכע האָט צוגעזאָגט באַלד צוריק צו קומען, איז ניט געקומען. ניט באַלד און ניט שפּעטער . . . הייראַם האָט געוואַרט און געוואַרט אויף איר, און איז מיד געוואָרן וואַרטנדיק.

יעדער טאָג פלעגן די קינדער גיין צום בולעטין־באָרד, וואו עס פלעגט זיין אָנגעשריבן די נעמען פון די, פאַר וועמען עס איז דאָ בריוו. הייראַם איז געגאַנגען באַגלייך מיט אַלע, און גייענדיק האָט געקלאַפּט זיין האַרץ צווישן האָפענונג און צווייפל. אָבער אַ באַטריבטער און אַפּגענאַרטער פלעגט ער בלייבן שטיין פאַר דער ברעט, און מיט אויגן פול מיט קנאה, קוקן אויף יענע קינדער, וואָס פלעגן אַרויסקומען פון אָפיס מיט אָפענע בריוו און פּעקלעך קליידער, גוטע זאַכן, נאַשערייען און שפּילצייג.

זיין האַרץ האָט געבלוטיקט יעדער מאָל ווען אַ קינד פלעגט אים פרעגן:

— שרייבן דיר דיינע עלטערן קיינמאָל ניט ? . .

— פאַר געוויס שרייבן זיי, — פלעגט ער פּרובירן פאַרענטפערן זיין מוטער, — עס איז דער אַלטער תרח . . . ער מוז זיין בייז אויף מיר פאַר סקווימפּס, און ער טוט מיר צו להכעיס און פאַרהאַלט מיינע בריוו . . . אָבער איך וועל זיך אָפּרעכענען מיט אים . . . איכ'ל אָנשרייבן מיין מאַמען אַ בריוו. זי וועט אים שוין באַצאָלן". . .

אָבער דער אַלטער תרח — דער פּרינציפּאַל — האָט אַליין אויך אַרויסגעקוקט אויף אַ בריוו פון מרס. דעניסאָן, וועלכע האָט צוגעזאָגט צו שיקן יעדער חודש די באַשטימטע סומע. און אַט איז שוין צוויי חדשים פאַריבער און מען הערט ניט פון איר און מען זעט ניט קיין זאַך. ער האָט שוין זיינע פינגער אָפּגעשריבן און ס'איז אַלץ קיין ענטפער ניטאָ. און ער האָט אָנגעהויבן חושד זיין, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, אַז מען האָט אים דאָ אָפּגעטאָן אַ מיאוס שפּיצל — און ווער ווייס וואָס פאַר אַ קינד ער האַלט דאָ ביי זיך ? . .

זיין גאַנצן כעס און ביטער האַרץ האָט ער אויסגעלאָזט צו הייראַמען, וועמען ער האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרפאָלגן מיט זיין קליינלעכער נקמה: פאַר־שטעלט אים צו טאָן די נידעריקסטע אַרבעטן פון הויז און שול; באַליידיקט אים אָפן, פאַר אַלע קינדער; אויסגעשפּאָט און אָפּגעלאַכט פון אים ביי יעדער געלעגנהייט . . .

ענדלעך איז אים אויך דאָס נמאס געוואָרן, און — כדי ניט צו ליידן קיין ווייטערדיקן היזק — האָט ער געמאָלדן דעם פאַל צו דער פּאָליציי,

וועלכע האָט געמאכט אַן אויספאָרשונג וואָס האָט באַוויזן, אַז מרס. דעניסאָן האָט געוואוינט אויף דעם אָנגעגעבענעם אדרעס. זי איז אָבער מיט דריי חדשים צוריק פארשוואונדן געוואָרן און קיינער ווייס ניט וואוהין.

באַלד נאָכדעם האָבן זיך באַוויזן אין שול צוויי מענער אין אוניפאָרם פון "סאַלוויישאַן ארמי" אָפיצערן, און זיי האָבן אוועקגעפירט הייראמען מיט זיך אין א נייער היים. פון דעם מאָמענט אָן פאנגט זיך אָן פאר הייראמען א סדרה פון וואנדערונגען און וואנדלונגען. דער שיקזאַל שפּילט זיך מיט אים ווי מיט א פוס־באַל, שטויסנדיק אים פון פּלאַץ צו פּלאַץ.

די היים פון דער סאַלוויישאַן ארמיי, וואוהין די באאמטע האָבן אים געבראכט און איבערגעגעבן צו דער אויפפאסערין, א מיטליאריקע פרוי מיט א ברייט פּנים ווי ביי א קו, איינגאנצן באדעקט מיט א דינעם וואוקס פון רויטע האָר און א סך זומער־שפּרענקעלעך — איז געווען פיל ערגער און אָפּגעלאָזענער פון דער "ענגליש סקול פאָר באָיעס". די געביידע דאָ איז געווען אַן אַלטע, א הילצערנע, געזעצט אין א סך פּלעצער, אזוי אַז צווישן די ווענט און די דילן זיינען געווען גרויסע שפּאַלטן.

די גאנצע געביידע פּלעגט זיך טרייסלען פון די קינדערס באוועגונגען. און דערפאר פּלעגן די אויפזעער שטרענג באשטראָפן פארן קלענסטן פארזוך א שטיפ צו טאָן, אָדער א לויף טאָן. די דיסציפּלין איז געווען ניט צו דער־טראָגן. דאָס אייביקע דאווענען און תפילה טאָן, האָט זיך יעדערן איינגעגעסן אין די ביינער. דערצו איז דאָס עסן דאָ געווען אזוי שלעכט און די גאנצע פירונג אזוי אָרים און קאַרג, אַז הייראם האָט עס באַיין אופן ניט געקאָנט פארטראָגן.

די גרויסע, ליימענע, טיפע שיסלען, פון וועלכע מען האָט אים געגעבן עסן, האָבן אים אָפּגעעקלט; צו די שווארצע צינערנע לעפל האָט ער זיך ניט געקאָנט צוגעוואוינען. היינט די קינדער זיינען דאָ עפּעס געווען אינגאנצן אנדערע — אַז ער האָט זיך באַיין אופן ניט געקאָנט צופּאסן און אריינלעבן זיך.

טיפער ווי אַלעמאָל איז געוואָרן זיין בענקשאפט נאָך זיין היים, נאָך דער מוטער און נאָכן פאָטער. ערשט איצט איז אים געוואָרן קלאָר, ווי ליב ער האָט געהאט זיין מוטער. פארוואָס האָט זי אים איבערגעלאָזט און פאר־געסן? ער האָט עס באַיין אופן ניט געקאָנט פארשטיין. אפשר האָט ער עפּעס אזוינס געטאָן ? . . ער שטרענגט אָן זיין קליין מוחל און גייט דורך אַלע עפּיזאָדן פון זיין קורץ לעבן מיט זיינע עלטערן. ער דערמאָנט זיך: איינמאָל, שפּילנדיק זיך, האָט ער צעבראָכן א גלעזערנע וואזע. זאָל עס זיין דערפאר? ער איז אַמאָל נעגאנגען צום טייך, כאפּן פיש, און פארלאָרן די שיך . . . יאָ, ער האָט א סך, א סך זאכן געטאָן. דייטלעך, אַז ער איז א שלעכט אינגל. און מאַמעס האָבן פיינט שלעכטע קינדער. ער וועט שוין אָבער מער ניט זיין שלעכט, ער וועט שווערן ביי צען חומשים, ער וועט שוין איצט זיין גוט, זאָל נאָר די מאַמע קומען און אים פון דאנען צונעמען . . .

אין די פארוואָרפענע ווינקעלעך פון הויז געפינט מען הייראמען פארשטעקט. זיצנדיק מיט זיין קאָפּ ארונטערגעלאָזט אויף די קני, האַלט ער א ביינעלע פּאפּיר און ער שרייבט א בריוו צו זיין מאַמען:

— קום צו מיר, מאמע . . . איך בעט דיך, איך וועל שוין זיין גוט . . .
איך שווער דיר . . .

פון בענקעניש און הארצווייטיק איז דאָס קינד גאָר איינגיכן ערנסט קראַנק געוואָרן און מען האָט אים געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל. אומענדלעך האָבן זיך געצויגן פאַר אים די טעג און וואָכן אין שפּיטאָל. די פראַגן וואָס האָבן זיך פאַרקליבן צו אים אין מוח, און אויף וועלכע קיינער האָט אים ניט געקאָנט ענטפערן, זיינען געווען: פאַרוואָס האָט אים די מאַמע איבערגעלאָזט? וואו איז די מאַמע? פאַרוואָס קומט זי ניט אים צונעמען פון דאַנען? ער וועט דאָך באַלד שטאַרבן, ער איז דאָך אַזוי קראַנק . . .

אין צייט פון גרויס היץ, פלעגט ער תמיד רעדן צו דער מוטער, שווערן זיך פאַר איר, אז ער וועט שוין שטענדיק זיין גוט, וועט זיך ניט אריינמישן, ווען פרעמדע מענטשן וועלן רעדן; וועט ניט בעטן קיין "קעיק", ווען עס וועלן זיין פאַרטים:

— דו וועסט זען, מאַמע, ווי גוט איך וועל זיין ! . .

אַן אנדערש מאָל פלעגט ער זיך אויפכאַפּן פון בעט, צולויפן צום פענצטער און רופן:

— אָט איז זי ! . . עס איז מיין מאַמע, רופט זי אהער ! . . זי ווייסט ניט, אז איך בין דאָ ! . . מאַמע, עס איז איך, הייראַם ! . .

בלייך און אָפּגעצערט, מיט אַ קרענקלעכן גלאַנץ אין די אויגן, איז הייראַם דעניסאָן געלעגן אויף זיין בעטל און האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם פענצטער צום ברייטן פעלד וואָס האָט זיך געשפּרייט פון יענער זייט טויער, צום ווייסן אַשפאַלטענעם וועג, צו די גרינעביימער וואָסביים טייך — אַלץ האָט אים געררייצט און גערופן; אַלץ האָט אין אים געוועקט אַן אומגעהייערע בענקעניש נאָך עפּעס.

ער האָט שוין לאַנג פאַרלאָרן די רעכענונג ווי לאַנג עס איז שוין אַז ער ליגט דאָ; ער האָט זיך איינגאַנצן שוין מיאש געווען פון זיינע האָפענונגען, אַז די מוטער וועט דאָך האַלטן וואָרט און קומען צו אים, אים מוחל זיין אַלע זיינע זינד און אַוועקפירן מיט זיך. דאָס געשטאַלט פון זיין פאָטער איז אַלץ בלייכער און בלייכער געוואָרן אין זיין זכרון, אַזוי אז ער האָט זיך קוים געקאָנט דערמאָנען ווי ער זעט אויס. די וועלט פון יענער זייט פענצטער, האָט אים גערייצט און גערופן צו זיך.

אין דער מאָס וואָס ער האָט צוריקגעוואונען זיין געזונט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן זיין בענקשאַפט נאָך דער פרייהייט און זיין ווידערווילן צום שפּיטאָל מיט די חולאים און נוירסעס, רפואות און דאָקטוירים, און דער עיקר צום בעט, וואָס ער האָט איצט געהאַסט.

עס איז געווען אין אַ זונטיק, באַלד נאָכמיטאָג. די נוירס האָט נאָר־וואָס איינגעלייגט די חולאים שלאָפן, און זי האָט פאַרלאָזט דאָס צימער. הייראַם דעניסאָן האָט ניט געוואָלט און ניט געקאָנט שלאָפן. אַזוי גיך ווי די נוירס האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך, האָט ער זיך אויפגעזעצט אויפן

בעטל און גענומען ארויסקוקן דורכן פענצטער. ער האָט געוואוסט, אז באלד דארפן זיך אָנהויבן די באזוך־שעהן, מענטשן וועלן אָנהויבן קומען, ווער אין אויטאָמאָבילן, ווער מיט טראַמווייען און ווער גאָר צופוס; אייניקע מיט בלומען אין די הענט, אַנדערע מיט פּעקלעך, שאַכטלעך מיט קאָנפעקטן און שאָקאָלאַד . . .

הייראַם האָט ליב צו באַאָבאַכטן די מענטשן וואָס קומען אין שפּיטאָל. עס איז אזויפיל ״פאָן״. הייראַם האָט באַזונדער הנאה צו באַמערקן די פאַר־שיידענע מענטשלעכע תנועות און נייגונגען, ווען זיי קומען אין שפּיטאָל. באַזונדערס פאַרכאַפּט אים די קאָמישע זייט פון די פאַרשיידענע מענטשן, וואָס ער איז אזא גרויסע בריה אויסצוגעפינען אין יעדן אייניציקן, און זיך אַמוזירן מיט זיי.

פאָרט צו צום גאַניק א לאַנגער, דאַרער מאַן, אין א קליינעם אויטאָ־טאָמאָביל. ער קריכט ארויס פון דער מאַשין, און ארויסקריכנדיק שלאָגט ער זיך אָן מיטן קאָפּ אין טירל און צעקנייטשט דערביי זיין הוט, אז זי זעט אויס ווי א געבראָטענע קאַרטאָפל. הייראַם שרייט אויס אויפן קול צו אלע חולאים:

— זעט, זעט! קוקט נאָר אָן! ״גאָמפּ״ איז דאָ ! . . ״לוק עט הים״, זעט נאָר זיין הוט ! . . כאַ־כאַ־כאַ ! . .

אלע קינדער צעשפּרייטן זיך איבער דער געביידע. די געזונטע קינדער קלייבן זיך ארום דעם פענצטער, שפּאַרן זיך צו די שויבן, פריילעכע, און פאַרגעסן זייער קרענק.

אָדער אָט באַווייזט זיך א דיקע פרוי, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן טראָ־טואר ווען זי גייט. אירע גראָבע, ווי קלעצער, פיס, זעען זיך ארויס פון איר קורץ קליידל; אין האַנט טראָגט זי א גרויסן פּאַק, איינגעבונדן אין א רויטער פאַטשיילע. זי גייט, קוים וואָס זי רירט זיך, און בלאָזט פון זיך. סאָפּעט ווי א פראַכט־צוג, ווען זי קאַטשעט זיך פון איין פוס אויפן צווייטן. הייראַם באַ־מערקט זי באלד און שרייט צו די קינדער:

— זעט! ״גאַלילעים קאָמעט״ קומט ! . .

דאָס האָט ער פון א ביכל ערשט ארויסגעלייענט דאָס וואָרט און געפינט גלייך א נוץ פאַר דעם. און לאַכט. אלע קינדער לאַכן פונם מיסטעריעזן נאָמען ״גאַלילעים קאָמעט״, עס רייצט זייער פאַנטאַזיע. און די דיקע פרוי מיט פיס ווי קלעצלעך, פאַרוואַנדלט זיך אין זייערע אויגן ווי עפּעס א בריאה פון אן אַנדער וועלט.

דאָס מאָל האָט עפּעס אַנדערש צוגעצויגן הייראַמס אויפמערקזאַמקייט. אויפן גרינעם פעלד פון יענער זייט וועג, וואָס איז קעגנאיבער דעם שפּיטאָל, איז אָנגעקומען א גרופּע אינגלעך און האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך א גרוס פון גאָר א וועלט. נאָר וועלכער זיין אינגלש האָרץ האָט אזוי שטאַרק געבענקט, פרייד, זאָרגלאָזיקייט, געלעכטער, פרייהייט און יוגנטלעכקייט, האָט אָנגע־פילט די לופט ארום זיי.

חברה האָבן זיך גענומען אויסטאָן און איבערטאָן זיך אין קורצע ספּאָרט הויזלעך מיט קאָלירטע לייבלעך און היטעלעך. מען האָט זיך געגרייט

צו אַ "בייס־באָל" שפּיל — די שפּיל, וואָס הייראַם האָט אַזוי שטאַרק ליב. ער האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אינם פֿעלד דאָרט. די גרופּע האָט זיך צעטיילט אין צווייען. די שפּילער האָבן פֿאַרנומען זייערע פּלעצער. דער "כאַפּער" מיט זיין דראָטענער מאַסקע אויפֿן פּנים, דער מיט דער "בעט" אין האַנט — פֿאַרטיק פֿאַר דער אַטאַקע.

די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן. דער "פּיטשער" דרייט דעם באָל אין דער לופֿטן מיט דער האַנט, פֿאַרהויבט אַ פֿוס אין דער לופֿט, טוט זיך אַ הויב אין דער הויך אַביסל און דער באָל איז אין איין הרף־עין פֿון יענער זייט, ביים כאַפּער אין האַנט. אומזיסט האָט זיך דער "בעטמען" געצילט אָפּצוקלאַפּן. דער "פּיטשער" האָט איבערגעכיטרעוועט. הייראַם קאָן ניט איינזיצן. ער שילט און זידלט דעם שלימזלניק, דעם "בעטמאַן", וועלכער האָט געקאָנט געוועזן מאַכן אַ "האָום ראָן" און פֿאַרשלאָפֿן . . .

וואָס לענגער די שפּיל האָט זיך געצויגן אַלץ מער איז ער געוועזן זיכער, אַז וואָלט מען אים נאָר צוגעלאָזן, וואָלט ער שוין געמאַכט ניט איין "האָום ראָן", נאָר עטלעכע. עס האָט אים גענומען ציען אַהינצו ווי מיט אַ מאַגנעט. דאָס בעטגעוואַנט, אונטער אים, האָט אים גענומען בריען ווי מיט פֿייער, ער האָט ניט געקאָנט איינזיצן.

דאָס אָרט, וואו הייראַם איז געלעגן, האָט זיך געפֿונען אויפֿן דריטן שטאָק. די אונטערשטע צוויי שטאָק זיינען געוועזן אַרומגערינגלט מיט באַלקאָנען. הייראַם האָט גענומען אויסרעכענען, אַז ווען איינער זאָל זיך אַראָפּלאָזן צום דאַך פֿונם באַלקאָן דורכן פֿענצטער, איז פֿון דאָרט די קלענסטע־קלייניקייט אַראָפּצולאָזן זיך אויף די זיילן אָדער רינוועס גלייך אַראָפּ צו דער ערד.

ער האָט אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער, זיך טיף אַריבערגעבויגן און אַרונטערגעקוקט צום דאַך. עס איז געווען אַ צען פֿוס די הויך.

— ווען איינער זאָל זיין פֿאַרזיכטיק, איז עס גאָרניט מיט גאָרניט, — האָט ער צו זיך געטראַכט.

די שפּיל איז אָנגעגאַנגען. דער "בעטמען" האָט געפּרואווט איינמאָל, אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל טרעפֿן דעם באָל, ער האָט אָבער פֿאַרפֿעלט און אַ צווייטער האָט פֿאַרנומען זיין פּלאַץ. דער צווייטער האָט אויך ניט געטויגט.

— איי, ווען מען זאָל מיך נאָר צולאָזן ! . . — ער מוז זיי ווייזן ווי אַזוי מען שפּילט באָל . . .

פּאַמעלעך איז ער אַראָפּ פֿון בעט און איז צוגעלאָפֿן צו דער טיר, זי אויפֿגעעפֿנט און אַרויסגעקוקט אין קאָרידאָר, וועלכער איז געווען אינגאַנצן ליידיק און פֿאַרלאָזן. עס איז אין ערגעץ ניט געווען צו זען קיין נוירס. גיך האָט ער צוריק פֿאַרמאַכט די טיר, און איז צוריק אַרויף אויפֿן בעטל. דאָס ווייטע, גרינע פֿעלד מיט די אינגלעך אין וויים, בלוי, רויט און געל, האָט אים געריצט און גערופֿן. ווי אַ בליץ האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפֿן פֿון יענער זייט פֿענצטער, אָנהאַלטדיק זיך שטאַרק, וויפֿל זיינע כוחות האָבן אים געלאָזט, מיט די פֿינגער ביים ברעטל פֿון פֿענצטער, אָפּגעמאָסטן נאָכאַמאָל מיטן אויג

דעם שטח צווישן אים און דעם דאַך; אויף אַז אויגנבליק האָט אים אַ שרעק אַרומגעכאַפּט. עס האָט אים אויסגעזען אַזוי ווייט ווי אַ תהום. באַלד אָבער האָט ער אָפּגעוואָרפן פון זיך די שרעק. די אַנטשלאָסנהייט, וואָס איז אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר אים, האָט אים ניט דערלאָזט צו ישובן זיך לאַנג, און אין איין אויגנבליק איז ער געווען אויפן דאַך.

גיך, ווי אַ קעצל, איז ער אַריבערגעלאָפן צום בריג פון דאַך, דאָרט, וואו די רינוועס פאַראייניקט זיך מיטן ווינקל זייל. אַ נײַ פּראָבלעם איז פאַר אים אַנטשטאַנען: דער זייט פון דער וועראַנדע און דער גאַנצער ווינקל, איז געווען געדיכט באַוואַקסן און פאַרפלאָכטן מיט קריכנדיקע פלאַנצן, וואָס זײַנען זייער פאַרדעטעריש. ערשטנס, מיטן גערויש וואָס דאָס וועט אָנמאַכן, און, צווייטנס, קאָן עס זיך אָפּרייסן און אָפּברעכן צו יעדער מינוט.

ער האָט זיך געלייגט אויפן בויך און באַטראַכט די לאַגע. אויפן טראָ־טואַר האָבן זיך דערהערט טריט. ער איז ווי פאַרשטאַרבן געוואָרן. וואָס אויב מען זאָל אים באַמערקן?

פון פעלד, קעגנאיבער, האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער, פרײדיקער אויסגעשריי. אימעצער האָט געמאַכט אַ "האָום ראַן". ער האָט אַריבערגעקוקט. די אינגלעך האָבן געשריען, געפּילדערט, געשפּרונגען אין דער לופטן, געוואָרפן די היטלען אין דער הויך. זייער פרייד האָט אים פאַרכאַפּט, ער קאָן לענגער ניט וואַרטן.

די טריט אויפן טראָטואַר זײַנען פאַרשטאָרבן געוואָרן. די נוירס, וואָס איז אָנגעקומען פון ערגעץ, איז אַריין אין אָפּיס און האָט אים ניט באַמערקט.

— איצט איז די צייט, — האָט ער זיך געקלערט, — באַלד וועלן אָנהויבן קומען באַזוכער, וועט זײַן שפּעט.

פאָרזיכטיק האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט, מאַנעוורירנדיק צווישן די בלע־טער און האַרטע צווייגן, וועלכע ער האָט נאָר באַנוצט אַלס אָנהאַלט פאַר די הענט, אָבער ניט די פיס. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך פאַרטשעפּעט און פאַרפלאָנ־טערט אין די פאַרדרייטע צווייגן. איינמאָל האָט זײַן כאַלאַט זיך פאַרטשע־טשעפּעט און איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

מיט באַזונדער געדולד האָט ער מיט די ציין געביסן די צווייגן און זיך דאַך אַרויסגעדרייט און געקראָכן ווײַטער, געקראָכן אַלץ נידעריקער אַראָפּ, ביז ער האָט דערגרייכט זײַן ציל. אָט איז ער שוין אויף דער ערד. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע אײַנצוזאַפּן אין זיך דעם גאַנצן טעם פון פרייהייט. ער שטייט אויף דער זעלבער ערד וואָס אַלע מענטשן. אָט אָטעמט ער מיט דער פולער ברוסט פרייע לופט און בלומען־דופט. איבער זײַן קאָפּ זעט ער אַ לויטערן הימל, אַ וואַרימע, שײַנענדיקע זון, און דאָרט, איבערן וועג, אויפן פעלד, גייט אָן די שפּיל. אין אַ רגע איז ער געווען לעבן זיי, זיך אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזט לעבן פערטן "בייס" און גענומען מיטשפּילן מיט די אויגן, מיטן מוח און מיט אַלע אברים.

— אַך, ווען מען לאָזט אים צו צום "בייס"! . . ער וואָלט זיי געוויזן!

אַז זעט ער ווי ס׳איז צוגעקומען אַ ניי אינגל צום "בייס".

— דזשי, ער קאָן אפילו דעם "בעט" רעכט ניט האַלטן! . .

ער פּרובירט איבערלויפן צו אַן אַנדער פּלאַץ, וואו עס שטייען די "ספּיירס". ער קוקט אויף זיי מיט זיינע שמייכלענדיקע אויגן. עמיצער פון די אינגלעך באַמערקט אים און וואונדערט זיך — וואָס טוט ער דאָ מיטן נאַכט־העמד?

— "סעי, יאַנגסטער", — ווענדעט ער זיך צו אים, — ביסטו פון דאַרטן? — ציינט ער אָן אויפן שפּיטאָל, — גיי בעסער צוריק, אויב דו ווילסט ניט קיין צרות . . .

הייראַם פאַרלירט זיך ניט און דערקלערט אים, אַז ער איז שוין געזונט. מאָרגן גייט ער שוין אַרויס, מען האָט אים דערלויבט צו גיין באַטראַכטן די שפּיל. . . ער זעט אַז ער האָט זיי געוואונען פאַר זיך, ווייל עטלעכע אינגלעך רינגלען אים אַרום און פרעגן זיך ביי אים ווער ער איז. און זיין קול קלינגט שוין ווידער, אַט לאַכנדיק פון אַ וויץ וואָס ער האָט דערציילט; אַט טויט־ערנסט, ווי ביי אַן אַלטן, ווען ער דערציילט זיי פון זיינע אַוואַנטיורעס, ניט אַראָפּנעמענדיק דערביי קיין אויג פון דער שפּיל. פּלוצים טוט ער אַ זאָג:

— וואָס פאַר אַ געלעגנהייט איז דאָ פאַר מיר צו שפּילן פאַר אייך אַ פּאָר "ראַונדס"? . .

די קינדער קוקן זיך איבער, מען באַראַט זיך. אימעצער לויפט אַוועק צום "קעפּטן", יענער קומט צוגיין, פרעגט זיך נאָך און מען באַראַט זיך ווידער. זייער זייט האָט סיי ווי סיי שוין כמעט ווי פאַרשפּילט, אפשר נעמען אַ שאַנס . . . באַלד ווערט באַשאָפן אַן אוניפאָרם פאַר אים און אַט שטייט ער מיטן "בעט" און מעסט אָפּ מיטן אויג דעם "פּיטשער". יענער באַטראַכט דעם נייעם שפּילער, מיט אַ כיטרען שמייכל, ווי ער וואָלט זיך רייצן מיט אים.

אַ מינוט דרייט ער דעם באַל און נעמט ניט אַראָפּ קיין אויג פון הייראַמען, וועלכער שטייט גרייט. דער באַל איז אַוועק און הייראַם האָט פּונקט אין צייט פאַרוואָרפן דעם "בעט" אויף צוריק און געגעבן אַ שטויס דעם באַל הויך און ווייט, אַרויס פון די גרעניצן פונם פעלד. עס איז געוואָרן אַ יובל־געשריי, בעת הייראַם איז געלאָפן ווי אַ יונגער הירש פון איין "בייס" צום צווייטן. דער פרייידיקער געשריי פון די קינדער האָט אים דערמוטיקט צו לויפן ווייטער, מאַכן דעם דריטן "בייס". זיין זיג האָט אים ווי פאַרשיכורט, און ער האָט געוואָלט נאָך שטאַרקער זיך אָנשטרענגען, ציינגן זיי ווי מען שפּילט באַל. אַ פּאָר יאַרדס פון דריטן "בייס" האָט ער געגעבן אַ פלינקן שפּרונג און אויף אַלע פיר אַ פּראַל געטאָן צום "בייס".

די געשרייען האָבן זיך פאַרדאַפּלט פון דעם איינפאַל. אים האָט עס אָבער טייער געקאָסט. דער שפּרונג און דאָס לויפן איז געווען אַביסל צופיל אָנשטרענגונג פאַר אים, ווייל פּלוצים איז אים ווי פינצטער געוואָרן אין די אויגן און ער האָט דערפילט אַ שאַרפן ווייטיק אין זייט און אונטערן האַרצן.

די שפּילער זיינען געוואָרן אומגעדולדיק צו זיין צעגערן, באַלד וועט דער באַל צוריקקומען. מען מוז מאַכן דעם "האָום־ראָן".

— קאם־אָן ! . . האַרי־אַפּ ! . . געט־אַפּ, קיד ! . . — האָט ער דער־הערט קולות.

ער מוז! ער וועט ! . . און מיט אַלע כוחות האָט ער זיך אויפגעהויבן מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג און זיך געלאָזט לויפן צום פּערטן ״בייס״. דער באַל איז שוין צוריק געווען אין רינג און ער האָט זיך געמוזט איילן. די קני האָבן זיך געבויגן, די פיס ווי אונטערגעהאַקט, אין די שלייפן האָט עפּעס ווי מעכטיק געקלאַפּט, ווי מיט האַמערס, און ער האָט זיך געשמיסן אין געדאַנק צו לויפן וואָס גיכער פאָרויס. נאָך אַ סעקונדע און אַלץ וועט זיין פאַרלאָרן . . .

— נאָו סער, זיי וועלן דאָס ניט דערלעבן ! . .

מיט אַ האַסטיקן שפּרונג פאָרויס האָט ער דערגרייכט דעם פערטן ״בייס״. דער ״האָום־ראָן״ איז געווען פאַרענדיקט פּונקט אין צייט. די קינדער פון זיין צד האָבן גענומען יובלען און שרייען. עס איז געוואָרן אַן אַלגעמיי־נער טומל. די ״בייסעס״ האָבן זיך געביטן, די ״בעט״ איז איבער־געגעבן געוואָרן צו אַ נייעם שפּילער. דער צד שכנגד האָט פּראָטעסטירט — אַ פּרעמדער שפּילער! און הייראַם איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ, בלייך ווי קאַלך, שווער געאָטעמט און ביטער געקרעכצט.

דער ווייטיק ״הינטערן לעפעלע״ האָט זיך פאַרשטאַרקט און געשניטן ווי מיט מעסערס. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט ווי מיט האַמערס. אַ שווערער שווייס האָט אים באַדעקט און ווי אָפּגעבאַקן.

אין דער אַלגעמיינער אויפרעגונג האָט קיינער ניט באַמערקט זיין לאַגע און קיינער איז אים ניט געקומען צו הילף. עס האָט גענומען אייניקע מינוט ביז איינער פון די ״ספּיירס״, האָט באַמערקט אַז דער נייער שפּילער רירט זיך ניט פון אָרט, און האָט געגעבן דעם אַלאַרם. די שפּיל האָט מאָמענ־טאַל אויפגעהערט, אַלע זיינען זיך צונויפגעלאָפן און אים אַרומגערינגלט. יעדערער האָט געגעבן אַן אַנדער עצה.

הייראַם, זעענדיק די פאַרלאָרנקייט פון די קינדער, האָט זיי גענומען באַרואיקן:

— ״נעווער מיינד מי, קידס. געט אַן ווייט דהי פּלעי . . . איי וויל בי אָל־רייט״. . .

אין אייניקע מינוטן אַרום האָבן אים עטלעכע אינגלעך גענומען אויף די הענט און באַגלייט פון אַלע איבעריקע שפּילער, האָבן זיי אים אַוועקגעטראָגן אין דער ריכטונג פונם שפּיטאָל.

* * * * *

די געוואָגטע אַוואַנטיורע, צו אַנטלויפן פון שפּיטאָל, כדי צו שפּילן ״בייס־באָל״ האָט הייראַמען געקאָסט אַ היבש ביסל אומזיסטע ווייטיקן און אַן איבעריקע פּאָר וואָכן אין שפּיטאָל. עס האָט אים אָבער אויך געבראַכט ניט ווייניק פּאָפּולאַריטעט. אין די אויגן פון אַלע נוירסעס איז ער דערהויבן

געוואָרן צו אַ העלד און איטלעכע האָט אים געבראַכט מתנות און פריינטשאַפט. ער איז מער ניט געווען דער עלנטער און איינזאַמער אינגל, וואָס האָט געבעטן און געלעכצט נאָך אַ מענטשלעך וואָרט, נאָך אַ פריינטלעכן בליק און צערטלעכן גלעט. גלייך מיט אַלע אַנדערע קינדער פון זיין "וואָרד" האָט ער געהאַט באַזוכער, וואָס פלעגן קומען צו אים, זיך אינטערעסירן מיט אים, זיך אויסגעפרעגט אויף זיין לעבן, זיין היים און זיינע עלטערן.

צווישן די אַלע פריינט וואָס ער האָט דאָ באַקומען איז געווען איינע, אַ פרייליין סמיטין, וועלכע האָט געלייענט פון זיין אַוואַנטיורע אין די צייטונגען און האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אים. אירע באַזוכן זיינען געוואָרן אַלץ אָפטער און לענגער. פאַר שעהן גאַנצע, פלעגט זי בלייבן ביי זיין בעט, זיך צוהערן צו זיין קינדערשן פּלאַפּל, צו זיינע אַנעקדאָטן און מעשהלעך; אָפט אים אַליין דערציילט פאַרשיידענע צויבער־מעשהלעך, וועלכע היראַם האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

פון זיינע דערציילונגען האָט זי אויסגעפונען, אַז ער ציטערט אויף פונם געדאַנק זיך אומצוקערן צוריק אין דער "סאַלוויישאָן אַרמי" היים. און זיך האָט אַראַנזשירט אַז דער לאָקאַלער קינדער־אונטערשטיצונג פאַריין זאָל אים נעמען אונטער זיין שוץ און דאַך. מיט יעדן טאָג האָט זי זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער צוגעבונדן צום קינד, וועלכער איז איר געוואָרן זייער נאָענט און טייער, און געזען אַז עס זאָל אים אין האָספּיטאַל קיין זאַך ניט פעלן. ענדלעך איז געקומען די צייט ווען היראַם האָט באַדאַרפט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. נאָך אינדערפרי האָט אים דער דאָקטאָר באַזוכט און אויסגעהערט, און דערקלערט, אַז ער וועט אים היינט אויסשרייבן.

דער אידעאַל פון יעדער חולה אין אַ האָספּיטאַל איז — וואָס גיכער אויסגעלייזט צו ווערן פונם שפּיטאָל מיט דער ספּעציפישער שפּיטאָל אַטמאָספערע, שפּיטאָל־רוטין, דיעטע און רפואות. ביי די קראַנקע קינדער איז דער דאָזיקער פאַרלאַנג פיל מאָל שטאַרקער ווי ביי די גרויסע. יעדער קינד איז, בטבע אַ רעבעל, וועלכער קאָן ניט פאַרטראָגן קיין אַרויפגעצוואונגנקייט, קיין דיסציפּלין, נאָר רייסט זיך שטענדיק צו באַפרייען זיך פון יעדן צוואַנג, יעדער געזעצטקייט, און דערפאַר זיינען אָפטמאָל קינדער, די ערגסטע פּאַציענטן; יעדער קינד אין אַ שפּיטאָל וויל תמיד וויסן ווי לאַנג ער דאַרף נאָך זיין דאָרטן און ציילט די טעג, שעהן און מינוטן ווען ער וועט שוין קאָנען גיין אַהיים.

היראַם האָט ניט ווייניקער פון אַנדערע קינדער געהאָפט אויפן טאָג און דער שעה, ווען ער וועט געזונט ווערן און קאָנען אַרויס פונם שפּיטאָל. נאָר ווען דער דאָקטאָר האָט אים געזאָגט, אַז ער קאָן שוין היינט גיין אַהיים, איז אים איינגעפאַלן דאָס האַרץ. דאָס וואָרט "היים" האָט אין אים דערוועקט זיין שטענדיקע בענקשאַפט נאָך זיין היים, זיין אייגענער היים, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן. איצט האָט דאָס וואָרט אָפּגעקלונגען אין זיין האַרצן מיט אַ שאַרפן ווייטיק. ער האָט געגומען פאַרגלייכן די אַלע איבעריקע קינדער פונם "וואָרד" מיט זיך. יעדערער פון זיי האָט אַ היים, עלטערן, שוועסטערלעך, ברידערלעך, פריינט, קאָזינס — נאָר ער האָט קיינעם ניט. פאַר אים זיינען אַלע ווערטער און באַגריפן פרעמד.

ווער וועט קומען נאָך אים ? . . ווער וועט וואַרטן אויף אים ? . .

וואָס נעענטער עס איז געקומען די צייט פון אויסשרייבן זיך, אין דער צייט וואָס די איבעריקע קינדער זיינען געוואָרן פריילעכער, אויפגע־לייגטער און געפלאַפּלט, אַלץ מער האָט יעדערער פאַנטאַזירט וואָס עס וועט באַלד זיין: דער פון זיין פּאַפּאַ, וועלכער וועט באַלד קומען אים נעמען מיט דער קאַר; יענער פון זיין מוטער, וועלכע וועט אים ברענגען אַ "ראָקינג האָרס" — איז הייראַם געוואָרן אַלץ טרויעריקער און פאַרזאָרגטער. ער האָט ניט געוואוסט פון פריילין סמיטינס אַראַנזשמענטס, און ער האָט געציטערט צו גיין צוריק צו דער "סאַלוויישאָן אַרמי" היים, וועלכע ער האָט געהאַסט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. פאַרשיידענע געדאַנקען האָבן זיך געראַיעט אין זיין מוח. ער האָט געוואָלט געפינען אַ וועג, אַז ער זאָל זיך ניט דאַרפן אומקערן צום גיהנום פון וועלכן עס האָט אים געשווידערט, ווען ער האָט נאָר געטראַכט דערפון.

אַנטלויפן, איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק. יאָ, פּשוט אַוועקלויפן. ער קאָן די פרוי, וועלכע קומט אָפּנעמען די קינדער פון שפּיטאָל. ער וועט זיך אויסדרייען פון אירע הענט ערגעץ אינמיטן וועג, און אַנטלויפן וויט־ווייט. אפשר אין אַן אַנדער שטאָט, און אַזוי אַרום פּטור ווערן פון דער היים. אַ מאָמענטאַלע פאַרלייכטערונג איז געקומען אויף זיין געמיט אַזוי גיך ווי ער האָט געפּאַסט דעם באַשלוס צו אַנטלויפן. אַמווייניקסטנס ווייס ער איצט, וואָס צו טאָן. אָבער וואָס לענגער ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ שווע־רער איז אים געוואָרן אויפן האַרצן.

— וואָס וועט זיין אַז מען וועט אים כאַפּן ? . . און וואָס וועט ער טאָן ביינאַכט, וואו וועט ער שלאָפן ? . .

אויף זיין קינדערשן שטייגער, האָט ער געזוכט אַן ענטפער אויף די דאָזיקע פראַגן. ער וועט אַנטלויפן אַזוי גיך, אַז קיינער וועט אים ניט קאָנען כאַפּן. ער וועט געפינען ערגעץ אַ ליידיקן "באַרן" און דאָרטן שלאָפן. ער האָט געהערט, אַנדערע קינדער טוען דאָס ווען זיי אַנטלויפן פון דער היים.

אָבער וואו וועט ער נעמען עסן ? . . אויף דער פראַגע האָט לאַנג־לאַנג געאַרבעט זיין קליין מוחל. און וואָס לענגער ער האָט געאַרבעט, אַלץ ערגער איז אים געוואָרן אויפן האַרצן. ער האָט באַיין אופן ניט געקאָנט גע־פינען קיין אויסוועג פון דער לאַגע און ער איז געבליבן זיצן פאַרזונקען דעם קאָפּ, איןביידע הענט אָנגעשפּאַרט אויף די קני. די אַריינקומענדיקע נוירס האָט איבערגעשלאָגן זיינע טיפע מחשבות:

— פון וואָס טראַכטן מיר אַזוי שווער, מאַסטער דעניסאָן? — האָט זי אים האַלב־שפּאַטיש און האַלב־ערנסט געפרעגט, — זע נאָר, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט פאַר דיר? — האָט זי אים אָנגעוויזן אויף אַ היבשן פּאַק און טאַקע באַלד פון דאָרט אַרויסבאַקומען איין אַרטיקל נאָכן צווייטן: אַ נייעם אָנצוג, אַ שיין העמד, אונטערוועש, זאָקן, אַ ניי היטל, אַ שאַכטל שאָקאָלאַד און אַ גרויס, אילוסטרירט בילדער־בוך.

הייראַם האָט ברייט צעעפנט זיינע אויגן:

— עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז דאָס אַלץ איז פאַר מיר! . . — האָט ער געפרעגט מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

— פאַר דיר, געוויס פאַר דיר, טייער אינגל. טרעף פון וועמען? . .

הייראַמס אויגן און דאָס גאַנצע פּנים האָט אויף אַ מינוט אויפגעלויכטן. זיין פּנים האָט אויפגעשיינט מיט אַ גליקלעכן שמייכל. ער האָט זיך איינגעקוקט אין־דער נוירס. זי האָט געשיינט פרייליך און גליקלעך. קאָן דאָס זיין, אַז זי ברענגט אים דעם סוד פון זיין בענקעניש?

— איז עס . . . איז עס . . . פון מיין מאַ—מאַ? . . — האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, האַלב־שטאַמלענדיק, און זיין פּנים איז מאָמענטאַל פאַרגליווערט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען די פאַרענדערונג אין דער נוירסעס געזיכט.

— ס׳איז ניט פון מאַ? . . — האָט ער מיט אַ צעבראָכן האַרץ געפרעגט און צוריק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און באַגראָבן אים אין זיינע הענט, און זיך ביטער צעוויינט.

זאָרגפעליק האָט אים די נוירס גענומען אויף די הענט און אוועקגעטראָגן אין באָד־צימער, זוכנדיק אים צו טרייסטן די גאַנצע צייט. זי האָט אים אַרומגעוואַשן, אויסגעבאָדן און אויסגעקעמט, און איבערגעטאָן אין אַלץ ניי, ריידנדיק די גאַנצע צייט וועגן פריילין סמיטין, וועלכע האָט אים אַזוי ליב.

— דאָס האָט זי דיר אַלץ געבראַכט. וועסט זען, וואָס זי וועט נאָך טאָן פאַר דיר . . .

דאָס אָפּגענאַרטע געפיל, וואָס האָט אויפגעבליצט אין אים מיטן געדאַנק, אַז זיין מוטער איז געקומען, האָט אָפּגעסמט זיין שטימונג און איז געבליבן ליגן ווי שווערער בליי אויף זיין נשמה, און האָט פאַרשטערט די פרייד פון זיין פרייהייט נאָך וועלכער ער האָט אַזוי לאַנג געהאָפט און געבענקט.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז הייראַם דעניסאָן שוין געווען אין אַ נייער היים. אין דער היים פון דער קינדער אונטערשטיצונג געזעלשאַפט. מיס סמיטין האָט אים אַליין אַהין געבראַכט און איז דאָרט פאַרבליבן מיט אים פאַר אַ פּאָר שעה. דאָ האָט ער געפונען מערסטנס אינגלעך פון זיין אייגענעם עלטער. דאָס עסן איז געווען ניט שלעכט און דער רעזשים האָט זיך ווייניקער געפילט ווי אין דער "סאַלוויישאָן אַרמי" היים. מיס סמיטין פלעגט אָפט קומען אים באַזוכן און אים אַרויסנעמען אויף לאַנגע שפּאַצירן. אויף איינעם פון אַזעלכע שפּאַצירן, האָט פּאַסירט עפּעס וואָס האָט געהאַט אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג אויף זיין גאַנץ לעבן.

אַרומגייענדיק מיט איר, זיינען זיי פאַרגאַנגען אין אַ גאַס וואָס איז געווען מער באַלעבט ווי אַלע אַנדערע. אויפן ראָג פון גאַס איז געשטאַנען אַ גרויסע, ווייסע, שטיינערנע געביידע. פיל מענטשן זיינען דאָרט געשטאַנען און גערעדט. פון די פענצטער האָבן זיך געזען צענדליקער ברענענדיקע ליכט. אַ געזאַנג פון פיל שטימען האָט זיך געטראָגן פון אינעווייניק.

— וואָס איז דאָרטן? — האָט ער געפרעגט זיין באַגלייטעריז, און איז געבליבן שטיין אויפן אָרט א פאַרענדערטער, ניט קאָנענדיק אַפּרייסן זיינע אויגן פון די מענטשן און פון דער מיסטעריעזער געביידע.

— איך בין זיכער, אז איך ווייס ניט. לאָז מיך זען . . . אַ, יאָ, עס איז דאָך די אידישע סינאַגאָגע, און די דאָזיקע מענטשן זיינען אידן. אָ, יאָ, איך האָב טאקע געליינעט, אז היינט איז ביי זיי ניי־יאָר.

— ניי־יאָר! — האָט ער פּלוצים אויסגעשריען און איז געבליבן שטיין.

מיס סמיטין האָט זיך דערשראָקן פאַר זיין אויסגעשריי און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן, אָדער וואָס צו זאָגן.

— לאָמיר אריינגיין, — האָט ער זיך געבעטן, — איך וויל אריינגיין.

— וואָס פאַלט דיר איין, נאַריש אינגל. וואָס ווילסטו דאָרטן טאָן? — האָט זי אים גענומען אָפּשלאָגן פונם געדאנק, און אים כמעט ווי מיט גוואַלד אוועקגעפירט צום צווייטן ראַנג, וואו זיי האָבן גענומען א טראַמוויי אהיים.

יענע גאַנצע נאַכט האָט הייראם ניט געקאָנט איינשלאָפן. אַלץ איז פאַר אים איצט געוואָרן קלאָר. מיט באַזונדער דייטלעכקייט זיינען פאַר אים אויפ־געטראָטן פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון זיין קינדערשן לעבן, אין דער היים, ביי זיינע עלטערן: די מוטער, א הויכע, א בלאָנדע, מיט ברייטע פּלייצעס און א הויכן ביוסט, וואָס האָט קיינמאָל ניט אויסגעטאָן דאָס גאָלדענע צלמל פונם האַלדז; דער פאָטער, א מאַן פון מיטעלן וואוקס, מיט שווארצע, געקרויזטע האָר און שווארצע אויגן. אמאָל פלעגט ער ברענגען א סך געלט, דאַן פלעגט די מוטער זיין צופרידן און האָט אים גערופן "דעדי" און "האָני".

אָפטמאָל פלעגט טרעפן, אז דער פאָטער פלעגט אוועקפאָרן פאַר לאַנג, לאַנג. ער פלעגט אזוי בענקען נאָך אים, און ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער זיין אזוי טרויעריק און אָפּגעצערט, און מאַמע פלעגט שרייען און בייזערן זיך אויף אים; זידלען אים, רופן אים "שיני". איצט פאַרשטייט ער ווארום פּאַפּאַ האָט געוויינט און געשריען:

— "יעס, איי עם עי שיני! וואַט אַבאַוט איט?"

און הייראם דערמאָנט זיך ווי זיין פאָטער האָט אים אמאָל גענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט צו אים:

— זוניניו, מיר גייען אין שול אריין. דו זאָלסט וויסן מיר זיינען אידן. וואָס עס זאָל ניט זיין מיט מיר, אָדער מיט דיר — געדענק, אז איך בין א איד און דו א אידיש קינד . . .

אויף מאָרגן, ווען מיס סמיטין איז געקומען, ווי געוויינלעך, האָט זי געטראָפן הייראמען זייער בלייך און פאַרזאָרגט.

— וואָס האָט געטראָפן? — האָט זי אים געפרעגט.

הייראם האָט זי אוועקגעפירט אין ווינקל פון הויז, וואו עס זיינען גע־שטאַנען בענק, און זיי האָבן זיך ביידע אוועקגעזעצט, און הייראם האָט זי געפרעגט:

— מים סמיטין, דו האָסט פּיינט, אז מען זאָגט ליגן?

— געוויס.

— וועל, איך דענק, אז דו דאַרפסט מיך ניט ליב האָבן.

— וואָרום?

— ווייל איך בין א ליגנער.

— ניט ווען דו זאָגסט אליין אויף זיך.

— יאָ, איך בין א ליגנער, — האָט ער עקשנותדיק פאַרגעזעצט, — דו דענקסט, אז איך בין א קריסטלעך אינגל און דערפאַר האָסטו מיך ליב, און איך בין עס ניט . . . איך בין א אידיש אינגל . . . מיין טאַטע איז געווען א איד, און איך וויל אויך זיין א איד . . . דו טאַרסט מיך ניט ליב האָבן . . . מיין מאַמע האָט פּאַפּאַן קיינמאָל ניט ליב געהאַט, דערפאַר וואָס ער איז געווען א איד.

פאַר א לאַנגער צייט האָט מים סמיטין געמוזט רעדן, אַרגומענטירן מיט אים, אז דער פאַקט וואָס ער איז א איד בייט קיין זאַך ניט איבער, אוי־סער דעם, וואָס זי וועט זען, אז מען זאָל אים אָפּשיקן אין א אידישער היים.

אין א קורצער צייט אַרום איז הייראַם דעניסאָן אַנגעקומען אין מערב קאַנאַדער אידישן בית יתומים. מיט באַזונדער פלייס האָט ער זיך גענומען צום לערנען העברייאיש, דאַווענען און בענטשן. דעם ערשטן שבת וואָס ער איז געווען אין בית יתומים, איז געווען א בר־מצוה פון א אינגל, וועלכער האָט געדאַווענט פאַרן עמוד, געלייענט די ספר תורה און געהאַלטן א דרשה. ער האָט פון קיין זאַך ניט פאַרשטאַנען א וואָרט. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו א אינגל און געפרעגט, ווי לאַנג עס האָט אים גענומען דאָס אַלץ אויסצולערנען.

— זעקס יאָר, — האָט אים יענער געענטפערט.

— איך וועל דאָס אַלץ מאַכן אין דריי יאָר, — האָט ער מיט א פעסטן טאָן דערקלערט.

און ער האָט געהאַלטן וואָרט. "קאַפּיטאַן קיד" איז ניט נאָר דער ערשטער אין די "פּלעיגראַונדס", נאָר אייגער פון די ערשטע אין שול און אין חדר, דער בעסטער חזן פאַרן עמוד און דער בעסטער בעל־קורא, דער בעסטער זינגער אין כאָר און דער בעסטער חבר וואָס גאָט האָט ווען באַשאַפן.

צווייטע טייל

אלגעמיינע דערציילונגען

סאָפי איזנער

סאָפיע אייזנער

ביים אָפענעם פענצטער פון איר ענגן צימער אויפן דריטן שטאָק, איז געזעסן סאָפיע אייזנער, א קורסיסטין פון דער פעלדשער שול.

מיטן קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט, די עלנבויגנס ווי צוגע־נאָגלט צום ברעטל פון פענצטער, איז זי געזעסן ווי א פאַרגליווערטע און ציללאָז געקוקט פאר זיך אין דעם חושך פון דער נאכט.

א קיל זומער ווינטל האָט געבלאָזן איר גלייך אין פּנים, געשפּילט זיך מיט אירע האָר, געוואָרפן זיי ארויף און אראָפּ, דאָס אויף איין זייט, און אָט אויף דער צווייטער, און אָט, גאָר ארויסגעכאַפּט א פּאַסמע און גענומען זי דרייען ארויף, פאַרמירנדיק א שטייענדיקן זייל, און גלייך ווי עס וואָלט אים נמאס געוואָרן די שפּיל, א פלאָפּ טאָן די האָר צוריק, א בלאָז טאָן ארום און ארום, און ווי פון דעם הויך פון א געהיימער צויבעריִן, גייען אוועק די שיינע האָר פון דעם מיידלשן קאָפּ אין א ווילדן קאַראַהאָד און פליעסקען אין טאַנץ איינע נאָך די אנדערע ווי א לעבעדיקער ־ימפען כאָר טאַנץ. דאָ פאַר־ריסן די שפּיצן ארויף, און אָט איינגעבויגן זיך אָן א זייט, און אָט גאָר פאַרויס אָדער זיך אראָפּלאָזן נאָענט צום מיידלשן פּנים און גלעטן אירע באַקן, ווי זיי וואָלטן זי וועלן טרייסטן: ניט געזאָרגט זיך, מיידעלע, זע, מיר זיינען שיין.

דאָס מיידעלע איז געזעסן מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן און געקוקט פאר זיך, ניט פילנדיק קיין זאַך, ניט געדע־קענדיק ווי לאַנג זי זיצט שוין אָט אזוי און צוליב וואָס.

ווי פון אן אַ־דער וועלט האָבן צו איר אָפּגעקלונגען אין די אויערן זיינע לעצטע ווערטער: „צווישן אונדז איז אלץ געענדיקט". א האסטיקער קלאַפּ מיט דער טיר, און איר אייגענער פאַרצווייפלטער געשריי „סאל" . . . מער האָט זי ניט געקאָנט אויסריידן . . . איר הארץ איז ווי פון צוואַנגען פאַרקרעמפּט געוואָרן, איר גאַנץ וועזן האָט זיך געריסן אין פּראָטעסט. ווערטער האָבן זיך פאַרמירט אין איר מוח, זיך געריסן פון איר הארצן, פון האַלדז ארויס. א פּאַראַליזירטע איז זי אָבער געבליבן שטיין און איז ניט גע־ווען אימשטאַנד ארויסצוברענגען קיין איי־ציק וואָרט. און ווען זיינע האס־טיקע טריט האָבן זיך דערהערט אראָפּ פון די טרעפּ, האָט זי פּרובירט נאָכ־לויפן, נאָכשרייען אים „סאלאמאן! דו פאַרשטייסט מיך ניט". עס איז אָבער א גרויזאַמער טעות אפילו בעטן זיך ביי אים צו פאַרשטיין זי. זי האָט אָבער קיין איינציקע זילבע ניט געקאָנט ארויסברענגען. א פאַרשטאַרטע איז זי געבליבן שטיין ביי דער טיר, צוקוקנדיק ווי ער לויפט אראָפּ פון די טרעפּ, ווי עס ווערט אלץ גרעסער דער שטח צווישן זיי. און ווען זיינע טריט האָבן זיך דערהערט אין דרויסן, איז זי האסטיק צום פענצטער צוגעלאָפן, נאָכאמאָל געוואָלט רופן, און דערפילט ווי אלץ ווערט ביי איר אָפּגעשטאָרבן, פאַרגלי־ווערט. מאַכטלאָז האָט זי זיך אויף א שטול ביים פענצטער אראָפּגעלאָזט, און געזען ווי ער גייט אוועק אלץ ווייטער און ווייטער פון איר, ווי אן עכאָ

פֿון אַן אַנדער וועלט האָט זיך צו איר דערטראָגן אַ קול פֿון פֿאַרשטאָרבענע טריט וועלכע האָבן מאַנאַטאָן אָפּגעקלונגען ביי איר אין האַרצן און זיך איינגעקריצט אין מוח — "צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט"...

אונטערן פענצטער, אויפֿן שטיינערנעם טראָטואַר, האָבן זיך דערהערט שווערע פּוילע טריט פֿונם נאַכט־וועכטער וועלכן די אָנגעקומענע גרויקייט פֿון פֿאַרטאָג האָט פֿון זיין צוקער־פּאַס אַרויסגעטריבן, און, צי פֿון געוויינהייט, צי צוליב שלום מיט זיין וועכטערשן געוויסן, האָט ער פּויל און מיט געמאַכטן מוט איבערגערופֿן צו דער פֿינצטערניש: "ווער דאָרט", און געקלאַפּט מאָנאָטאָן מיט זיין "קאַלאַמושקע".

מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן האָט ער געקוקט פֿאַר זיך ווייט צום מזרח הימל און באַמערקנדיק דעם מאָרגן שטערן, האָט ער פֿריילעכער אויפֿגעאָטעמט און איז זיך געטראַכט: "באַלד וועט שוין טאָג זיין", וואָס פֿאַר אים האָט דאָס געמיינט אַ סוף פֿון וואַלגערן זיך ווי אַ הונט אין צוקער־פּאַס וואָס שטייט דאָרט ביים ברעג גאַס; אַ סוף פֿון ציילאָזן אַרומוואַנדערן אין דער פֿינצטער, בעת דאָרט, אין דער היים, וואַרט אויף אים אַ זודיקער "טשאַיניק" וואַסער מיט טיי, און אַ ווייכע פֿראַנזעלע וואָס ער קריגט ביים בעקער יעדן פֿרימאָרגן. און דערנאָך — זיין ווייבס בעטל "עכ־מאַ"... און שנעלער שפּאַנט ער איבערן טראָטואַר, און פֿריילעכער ווערן זיינע טריט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן מיט זיינע שנעלן טריט ברענגען נעענטער דעם טאָג.

פֿון עק גאַס האָט זיך דערהערט דאָס האַסטיקע קלאַפּן פֿון פֿערדישע פּאַדקאָוועס איבער די שטיינער פֿון גאַס און דער גערויש פֿון אַ ליידיק פֿעסל. אַ יונגער רוסאַק איז, אַ פֿאַרשלאָפֿענער, געזעסן אויפֿן זיץ פֿון וואָגן און זיך געריבן די אויגן מיט אַ קולאַק און פֿויל געצויגן זיך און געבענקט נאָך דעם ווייכן און וואַרימען געלעגער וועלכן ער האָט נאָר וואָס פֿאַרלאָזן, געשאָלטן דעם "אַכזר", דעם "אַרטעלשטשיק", וועלכער האָט אים מיט אַ "סטוסאַק" אין זייט אויפֿגעוועקט פֿון זיין געשמאַקן שלאָף, און ער וויל זיך דערמאָנען די לעצטע מינוטן פֿון שלאָף, פֿאַרן קלאַפּ אין דער זייט, און די אויגן פֿאַרמאַכן זיך אים, די לייצעס לאָזן זיך נאָך, דאָס פֿערדל, גלייך ווי עס וואָלט פֿאַרשטאַנען דעם נשמה צושטאַנד פֿונם אָנטרייבער, לאָזט זיך גיין פּאַמעלעך, — "צו וואָס דאָס איילעניש... יאָ, דאָס איז עס — סעינקאַ מיט דער האַרמאָניקע... אַך ווי ער טאַנצט עס... אָט אַ כוואַט! אָט אויף די קני צוגעזעצט, אָט ביי דער ערד, דאָ אין דער לופֿטן... און מאַרינקע ביי דער זייט, מיט די עלנבויגנס און מיט די אויגן... ווי די אויגן טאַנצן עס ביי איר... נו, אַ ווייבל טאַנצט ווי אַ "וועדמאַ"... און דאָס פֿעסל אונטן, אַנשלאָגנדיק זיך אין די אַרויסשטעקנדיקע שטיינער פֿון דער "מאָסטאָוואַיִ", טאַנצט אונטער און שפּרינגט ווי ברוגז אויף די חלומות פֿונם אָנטרייבער און אויף דעם פֿאַרשלאָפֿענעם גאַנג פֿונם פֿערדל, און פּראָטעסטירט אויף אַ קול וואָס רייסט זיך פֿון דער אָפֿענער "וואָראָנקע", אויבן.

— אַ וויסטער שלאָף אויף אייך דאָרט, געזען? ניט אויסגעשלאָפֿן זיך. די נאַכט איז זיי קליין... באַלד גרויסער טאָג שוין. ביים טייך שוין אַוואַדע אַלע וואַסער־פֿירער. לייטישע פֿעסער זיינען שוין געווים לאַנג אָנגעפֿילט. גוטע באַלעבאָסטישקעס קוקן אויף וואַסער אַרויס, דעם סאַמאָוואַר שטעלן, וואַרימעס צוגרייטן.

דער פּלוצימדיקער רוגז פונם פאס, ווי עס שפּרינגט אונטער אין דער לופטן, טרייבט אוועק די לעצטע באַכט־חלומות פונם יונגן רוסאַק, און דער־מאָנענדיק זיך אין זיין חוב, ציט ער שטאַרקער די לייצעס. דאָס פערדל פאַר־שטייט זיין עובדה לאָזט עס זיך אוועק גאַלאָפּירן, און דאָס פעסל אונטן טאַנצט שוין פריילעכער, „אָט אַזוי, אָט אַזוי, גיכער".

דאָס קלאַפּן פון די רעדער איבער די שטיינער, דער הילך פונם פעסל, האָט ווי אויפגעוועקט דאָס פאַרצאַרנטע און פאַרזאָרגטע מיידל, און זי האָט לאַנג מיט די אויגן באַגלייט די פאַרשוואונדענע פאַס און פערדל. איין ווינקל פון איר מויל האָט זיך ווי אַ קרים געטאָן אין אַ סאַרקאַסטישן שמייכל, און צום ערשטן מאָל פאַר לאַנגע שטונדן, האָט זיך אין איר מוח אַ מחשבה אַ ריר געטאָן, „אַ העסלעכע פּאַראָדיע אויף דעם מענטשנס לעבן".

די גרויקייט פונם פאַרטאָג איז אַלץ העלער געוואָרן. פון דער פינצ־טערניש האָבן זיך אָנגעפאַנגען אויספאָרמירן ביסלעכווייז אייניקע העכערע געביידעס. פריער די קוימענס פון די מילן, פון די האַלץ פאַבריקן, דערנאָך דער טייך פון דער זייט בריק, ווי אַ ברייטער גאַרטל פון גערונצלטן זייד, דערנאָך די דעכער — ביז די גאַנצע שטאָט האָט זיך ווי ארויסגעוויקלט פון אַ געדיכטן שוואַרצן שלייער און געבליבן ווי הענגען אין האלבן נעבל ווי אַ מיסטעריעזער, פיל־פאַרביקער און פיל קרעפטיקער גיגאַנט.

— באַלד, באַלד, וועט שוין טאָג זיין, — איז אַ צווייטע מחשבה ביי איר געבאָרן געוואָרן, און איר נשמה צושטאַנד, און באַשלוס פונם לעצטן מאָמענט ווען זי האָט זיך דאָ אוועקגעזעצט, איז, ווי די שטאָט דאָרט, פאַר אירע אויגן, פון נעבל אַרויס, און זי האָט אויפגעציטערט.

— באַלד וועט שוין טאָג זיין, און מען וועט ניט קאָנען.

האַסטיק האָט זי זיך פון אָרט אויפגעכאַפּט, פון דער וואַנט איר הוט און מאַנטל אַראָפּגענומען, זיך אָנגעטאָן און אַ לאָז געטאָן זיך צו דער טיר. נאָר איידער זי האָט באַוויזן די טיר צו עפענען, האָט זיך ערגעץ אין הויז אַ טיר געעפנט און צוריק פאַרמאַכט. אימעצנס האַסטיקע טריט איבער די טרעפּ אַראָפּ האָבן זיך דערהערט. די דאָזיקע טריט האָבן אין איר האַרצן פון דאָס ניי דעם שמערץ דערוועקט. עס איז געווען אַזוי ענלעך צו זיינע טריט, נעכטן, ווען ער האָט מיט דער טיר אַ קלאַפּ געטאָן און פון די טרעפּ אַראָפּגעלאָפן. זי איז צוגעלאָפן מיט איר רוקן צו דער פאַרמאַכטער טיר און מיט די הענט ביי דער טיר שטיצע געזוכט, זי זאָל ניט אומפאַלן. די טריט, אונטן, האָבן איינטאָניק געקלאַפּט, די טרעפּ האָבן געציטערט, און דאָס קרעכצן פון די טרעפּ, און די מענטשלעכע טריט האָבן זיך צעטראָגן מיט אַ משונה ווילדן קול איבערן גאַנצן הויז. „ווי אַזוי שלאָפן דאָס מענטשן און הערן ניט דעם ווילדן קול?" האָט זי אַ טראַכט געטאָן. די דרויסנדיקע טיר האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט צוריק מיט אַ סקריפּ און אַ קלאַפּ, אַז די גאַנצע געביידע האָט אַ ציטער געטאָן.

די טריט האָבן שוין איצט געקלאַפּט אין דרויסן איבער די שטיינער און ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן. „איצט איז די צייט", האָט זי אַ טראַכט גע־טאָן, און געכאַפּט דעם לעצטן בליק אויף איר צימער, אויף די ביכער וואָס אויפן טישל, אויף איר דיפּלאָם, וואָס אויפן וואַנט. וויפל חלומות, וואָס פאַר

האָפענונגען האָט זי ניט אריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן פּאַפּיר דאָרט. וויפל שלאָפלאָזע נעכט, וויפל מאַטערניש, און ענדלעך, וויפל גליק האָט צו איר געשמייכלט, ווען זי האָט דעם דאָזיקן דיפּלאָם געקראָגן. און עס ציט איר, כאָטש נאָך איין לעצטן קוק טאָן אויף אירע ביכער, אויף דעם דיפּלאָם, און זי מאַכט א פּאָר טריט צום טיש צו און איר בליק פאלט אויף א בילד וואָס אויפן טיש. זיין בילד . . . זי האָט זיך א ריס געטאָן צום בילד, עס פון טישל אראָפּגעכאַפּט, און מיט ביידע הענט פאר אירע אויגן געהאַלטן. עס האָט איר געצויגן ווי מיט טויזנט מאַגנעטן זיך איינעסן מיט די ליפּן צום בילד, נאָר עפּעס א שטימע האָט גערופן און דערמאָנט: "דו האָסט קיין רעכט ניט, ער איז ניט דיינער, האָסט געהאַט דיין צייט".

דאָס בילד האָט זיך ארויסגעגליטשט פון אירע הענט און איז אראָפּגעפאלן אויף דער ערד. דאָס גלאָז האָט זיך צעבראָכן מיט א קראַך, פון וועלכן זי האָט, א דערשראָקענע, אויפגעציטערט. עפּעס געהיימעס און אבערגלויבישעס האָט זי ארומגעכאַפּט. "אזוי איז מיין לעבן צעבראָכן", האָט איר א שטימע פון אינווייניק אונטערגעזאָגט, און מעכאַניש האָט זי זיך צו דער ערד אראָפּגעלאָזט, ארויסגענומען פאָרזיכטיק דאָס בילד פון די שטיקלאך גלאָז, האָט זי עס צום הארצן געטוליעט. "מיין אינגעלע, מיין טייער אינגעלע". . . עס האָט זי געצויגן צו קושן דאָס בילד פון וועלכן עס האָבן צו איר ארויסגעקוקט צוויי באַקאַנטע און ליבע אויגן, זיין קאָפּ האָר, זיין ווייסער מאַטאָווער פּנים, האָט איר אזויפיל דערמאָנט, אז זי האָט אויפגעשווידערט פון דעם געדאַנק אז אלץ איז פאַראיבער, אז זי וועט שוין קיינמאָל ניט מער קאָנען גלעטן אָט די קודרעס פון זיין קאָפּ; אז זיין קאָפּ וועט שוין קיינמאָל ניט קאָנען אָפּרוען ביי איר אויפן אקסל, אויף איר הארצן. "אלץ איז פאַרביי". . .

קאָנוואולסיוו האָט זי דעם קאָפּ ארונטערגעלאָזט און צוגעטוליעט דאָס בילד צום פּנים און זיך פאַנאַנדערגעוויינט, — "זיי ניט ברוגז אויף מיר, מיין אינגעלע, זיי ניט ברוגז. פאַרגיב דיין מיידל, איך האָב אנדערש ניט געקאָנט. עס איז געווען שטאַרקער פון מיר. זעסט, עס ברעכט מיך. האָסט געמיינט איך בין שטאָל, — וועסט באַלד זען". . . .

פון דערווייטנס האָט זיך דערהערט דער גערויש פון רעדער איבער רעלסן און באַלד נאָכדעם, א לאַנגער פייף פון א לאָקאָמאָטיוו.

דער גערויש איז געוואָרן אלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און איז אריינגעדרונגען אין מיידלס הארצן אריין. זי האָט זיך האַסטיק א הויב געטאָן פון אָרט, ווי צו אויספאָלגן א ווילכטיקן באַפעל, און צום פענצטער צוגעלאָפן. א נייע פּאַנאָראַמע האָט זיך איצט אנטדעקט פאר איר. די גרויקייט פונם פאַרטאָג איז אין א העלער ווייסקייט פאַרוואַנדלט געוואָרן. לינקס פון איר פענצטער איז ווי א שלאָפנדער גיגאַנט געלעגן אויסגעצויגן דער בלויער דניעפּר, ארומרינגלענדיק די שטאָט ווי מיט א גרויסער "פּאָדקאָווע". ביי די ברעגעס פון טייך זיינען געלעגן אין אומאָרדענונג פישער שיפלאך פון פאַרשיידענער גרויס, איינגעצוירעט אין זאַמד, אין אייניקע פלעצער זיינען געווען אויסגעשטעלט די פישער נעצן און אין אייניקע פלעצער, אין גרויסער אומאָרדענונג, זיינען געווען אָנגעוואָרפן פאַרשיידענע סאָרטן געהילצן. דאָ האָבן זיך אויך געטוליעט די, פון צייט שוואַרץ געוואָרענע זעג פאַבריקן, וועלכע,

כאַטש זיי ווארפן ארוים יעדן יאָר צענדליקער טויזנטער קלאפטער נייע האָלץ און באַנייען שטעט און דערפער, בלייבן זיי דאָך אליין די זעלבע אַלטע שווארצע כאַלופּעס און בילדן א טרויעריקן קאָנטראַסט צו די ווייסע נייע ברעטער וואָס קומען ארויס פון זייערע געדערים.

איבער דער גאנצערברייט פון דניעפּר איז געלעגן איבערגעוואָרפן דער שטאָלץ פון צוויי שטעט — די שטאָלענע בריק וועלכע האָט איר איצט אויסגעזען ווי א שווארצע שלאַנג וואָס דרייט זיך און שיפּעט. די באַן האָט זיך איצט געטראָגן מיט האַסט און אימפּעט איבער דער בריק, און די בריק, גלייך ווי זי וואָלט פּראָטעסטירן צום אָנקומענדיקן פרימאָרגן, לֹמאי מען שטערט איר רו, האָט געקרעכצט און ווי געשריען: "וואָס איז דאָס פאר א הוצפּה? וואָס איז דאָס פאר א גאַנג? עס איז מיר שווער, מיין גבול איז עס, איך וועל מער ניט לײדן. אָט נעם איך און ווארף אראָפּ". און די בריק הוידעט זיך און סקריפּעט און שרייט, און דער לאָקאָמאָטיוו שיפּעט און קרעכצט, אָטעמענדיק שווער ענטפערט ער אָפּ, און די רעדער באַמקען צו: "שווייג! שווייג! זעסט דאָך, מיר האָבן קיין צייט ניט, מיר איילן!" און מיט אימפּעט און רעש טראָגט זיך דער שווארצער טייוול איבער דער שווארצער שלאַנג, און אונטן פּאַטשט זיינע שטילע כוואַליעס אין אוניסאָן, דער "דניעפּר" וועלכער רינצלט זיך און פּיעסטשעט זיך ווי א געבאַלעוועט קינד און לעקט די זאַמדיקע ברעגעס, און ברענגט א גרוס פון ווייטע, ווייטע פעלדער, בערג און טאָלן.

סאָפיע איז געשטאַנען ביים אָפענעם פענצטער און זיך איינגעגעסן מיט די בליקן אין דער ווייטקייט פונם פּאַרטאָג.

שנעל און רוישיק האָט זיך געטראָגן דער צוג איבערן בריק. די פייערלעך פון די וואַגאָנען פענצטער האָבן געפינקלט און געוואָרפן שיינענדע פּאַסן ליכט אויפן גלאַטן וואַסער אונטן, וועלכע האָבן זיך געשפּילט איינע מיט די אַנדערע אין א האַפענונגסלאָזן געיעג איבער דער גאַנצער וואַסער פלאַך.

"דער ערשטער צוג", האָט סאָפיע א טראַכט געטאָן. באַלד דאַרף דער "קוריערסקי" דורכגיין. און עס איז איר אַלץ קלאָר געוואָרן. דערויף האָט זי דאָך געוואַרט די גאַנצע נאַכט; דאָס איז דאָך וואָס זי האָט באַשלאָסן. אין יענער ערשטער מינוט ווען זיינע טריט זיינען פאַרשטאָרבן געוואָרן אין דעם ווייטן חושך פון דער נאַכט און געבראַכט די עכאָ צו איר הארצן, "צווישן אונדז איז אַלץ פאַרענדיקט", ווען זי האָט צום ערשטן מאָל געפּרובירט איבערזעצן פאַר זיך די באַדייטונג פון די ווערטער, און האָט דערפילט ווי א קאַלטע פּוסטקייט פילט אָן איר הארצן, אַז אַלץ שטאַרבט אָפּ, יעדע זאַך ארום איר: אירע ביכער, איר שטודיום, איר חלומות און שטרעבונגען, אירע שטונדן, אירע באַקאַנטע, — אַלץ האָט אָנגעוואָרן יעדן זין פאַר איר.

"צו וואָס דאָס אַלץ, ווען "ער" איז אַוועק פון מיר און וועט שוין מער ניט צוריקקומען". ווען קיינמאָל וועט זי שוין ניט קאָנען זיצן און וואַרטן ביים פענצטער און צוהערן זיך צו די טריט פון די פאַרבייגייער אונטן אין גאַס, און ארומגעכאַפּט ווערן פון א זעליגער פרייד, ווען זי האָט צווישן צענדליקער אַנדערע טריט זיינע דערקענט. דאָס גייט ער צו איר. ער קומט . . .

קיינמאָל וועט איר האַרץ מער ניט אַרומגעכאַפּט ווערן פון יענעם צושטאַנד פון עקסטאַז און איבערגעבנהייט, ווען ער פלעגט צו איר קומען און זי אויף זיין שוים זעצן, און שפּיגלען זיך אין אירע אויגן, און איינעסן זיך אין אירע ליפּן. און אירע פינגער וועלן שוין קיינמאָל ניט בלאָנדזשען צווישן זיינע שוואַרצע קרויזן, און קיינמאָל וועט זי מער ניט הערן זיינע האַרציקע און קלוגע רייד וועלכע פלעגן מאַלן זייער צוקונפט. איינע אַליין איז זי איצט געבליבן, און פאַרוואָס? ווייל . . .

ניין, זי קאָן ניט דערטראַכטן ביזן סוף, זי דערפילט אַ שמערצנדיקע וואונד אין האַרצן ווי פון דעם שניט פון אַ שאַרפן מעסער. זי קאָן מער ניט. און ווי געיאָגט פון אימעצן, רייסט זי ווילד אויף די טיר און לויפט מיט אימפּעט און האַסט איבער די טרעפּ אַראָפּ צום גאַס, צו דער ריכטונג פון דער בריק.

אַ קילער ווינט בלאָזט איר גלייך אין פּנים און קילט אָפּ אַביסעלע אירע צעהיצטע שלייפן. דער ווינט פאַרגנבעט זיך צווישן די פאַלדן פון איר קלייד, אונטער איר פּעלערינע, און צעבלאָזט זיי ביידן. דאָס קליידל בלאָזט זיך אָן ווי אַ באַלון און פּלאָנטערט זיך אונטער אירע פיס און פאַרהאַלט איר גאַנג. דער מאַנטל פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּאָר שוואַרצע פליגל וועלכע ווילן זי הויבן אין דער הויך און קאָנען ניט. זי באַמיט זיך איינהאַלטן איר הוט אויפן קאָפּ וועלכע דעם ווינט ווילט זיך ניט אַנדערש ווי אַרונטעררייסן, און וואָס נעענטער דער וועג גייט באַרג אַראָפּ צום בריק צו, אַלץ שווערער און שווערער ווערט איר גאַנג, איר קאַמף מיטן ווינט.

אָט איז ענדלאַך דער בריק. זי שפּאַנט זיך אָן אין איינער פון די שוואַרצע זיילן צו אָפּכאַפּן דעם אָטעם. דאָ איז דער ווינט אַביסל שטילער. זי אָטעמט שווער פון גרויס אָנשטרענגונג און איר בליק פאַלט ניט ווילנדיק אויפן וואַסער אַראָפּ. און אַ נייע כוואַליע פון דעראינערונגען פאַרפלייצט איר מוח און פילט אָן איר מיידלשע האַרץ מיט פיינלעך פאַרגעניגנדיקע געדאַנקען.

אָט דאָ אויף דעם דאָזיקן בריק האָט זי זיך מיט אים דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט.

זי איז געשטאַנען ביים אייזערנעם באַריער און אַראָפּגעקוקט צום וואַסער, ווי אַ שיף מיט פריילעכע פּאַסאַזשירן האָט זיך דערנעענטערט צום בריק. דאָרט, אויפן שיף, האָט מוזיק געשפּילט, פּאָרלעך האָבן פריילעך גע־טאַנצט און געשפּאַצירט אויף די באַצירטע דעקן. זי האָט אין וואַסער פון דער הויך געקוקט, און פון דאָרט האָבן צו איר גליקלעך געשמייכלט אירע זיבעצן יאָר, איר שיינער מיידלשער יונגער פּנים מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן און נאָך שוואַרצערע ברעמען און האָר. איר גימנאַזיסטישע יוניפאָרם פון גרינעם צייג האָט איר אַזוי שיין געפּאַסט. איר ווייסער שירץ האָט אַזוי בולט אויסגעטיילט די איידלקייט פון איר טאַליע . . .

יאָ! דער וואַסער־שפּיגל אונטן האָט איר אַ ליבן סוד איינגערוימט, און זי האָט הנאה געהאַט צו קוקן אַראָפּ.

האַרט לעבן איר איז ער דאַן געשטאַנען און זיינע אויגן האָבן אין וואַסער דעם זעלבן סוד וואָס זי געלעזן, און זייערע אויגן האָבן זיך אין

וואסער באַגעגנט, דערנאָך, אויבן, אויפן בריק. ער — אזוי פארשעמט, און זי אזוי נאאיוו. ער, אזוי שטאמלענדיק און פלאָנטערנדיק, ניט זיכער, און זי — אזוי דערוואַרטנדיק, גליקלעכע סעקונדן, הייליקע מינוטן.

און זי גייט איבער נאָכאמאָל אלע באגעגענישן מיט אים אָט דאָ, אויף דעם דאָזיקן בריק, יעדן פארנאכט. דערנאָך, איר ערשטער שפאציר מיט אים אויפן בולוואר. זייערע לאנגע רייזעס אין א שיפל איבערן טייך, ווען ער פלעגט רודערן דאָס שיפל און אָנשטרענגען זיינע יונגע מוסקולן, אויסשטעלן זיין ברוסט, און זי פלעגט זיך איינעסן מיט די אויגן אין זיין ווייסן פנים, און זיינע שטארקע מענער ארעמס וועלכע האָבן איר אזויפיל פארשפראָכן, און זי דערמאָנט זיך ווי אויף איינער פון אזעלכע רייזעס האָט ער פלוצלונג צוגערודערט דאָס שיפל צו א פארוואקסענעם מיט וואלד ברעג, און זיי ביידע האָבן ארויסגעשטיגן. איר הארץ האָט געפלאטערט, געשפרונגען פאר פרייד — זי האָט זיין כונה פארשטאנען, און זיך אביסעלע בלויז גע־וואָלט זיך רייצן מיט אים, און ניט אויסגעהאלטן, זיך געוואָרפן אים אויפן האַלדז: „יאָ, איך האָב דיך ליב!" און א לאנג פארגעסענע ווארימקייט כאפט ארום איר מיידלשע הארץ פון די דערמאָנונגען, און פלוצלונג, דער שנייי־דנדער פיין אין הארצן, „צווישן אונדז איז אלץ געענדיקט".

פון ווייטן הערט זיך דאָס רוישן פון דעם אָנקומענדיקן צוג. די בריק אונטער איר פאנגט אָן צו טרייסלען און ציטערן. איר הארץ פאנגט אָן צו קלאפן האסטיקער און שטארקער, דער אָטעם פארכאפט. — עס וועט, דאכט זיך, ניט אויסהאלטן דאָס אָרימע הארץ אירס . . .

אָט זעט זיך שוין דאָס גרויסע פייער אויג פונם לאָקאָמאָטיוו. ער קומט! ער קומט, דער מלאך פון טויט, מיט אימפעט און רעש. זי טוט שנעל א טריט צום אייזערנעם באריער, קריכט אריבער צו די רעלסן אונטן. דאָס פייער־אויג ווארפט אויף איר א ברייטן פאס ליכט און פארבלענדט איר די אויגן. זי קארטשעט זיך אין דרייען. אָט זעט זי שוין ווי דער הייסער דאמף שלאָגט פון ביידע זייטן ווי דער בייזער אָטעם, פון די נאָזלעכער פון א חיה רעה. ער קומט נעענטער און נעענטער. זי דערפילט ווי די כוחות פארלאָזן איר, אין מוח נעמט ביי איר שווינדלען. א געפערלעכע שרעק כאפט זי פלוצים ארום, זי וואָלט וועלן כאפן צוריק . . . עס איז צופיל פאר איר אָט די ווילדע חיה וואָס רוקט זיך אויף איר מיט אזא גוואלד און האסט. פארוואָס קומט עס איר? רייסט זיך ביי איר פון הארצן א געשריי פול מיט פראָטעסט, וועלכער ווערט פארטויבט פון דעם גערויש פון די רעדער און די אייזערנע שינען. נאָך איין מינוט, נאָך איין סעקונדע, און אלץ וועט זיין פארפאלן . . .

ניין! איך קאָן ניט, איך קאָן ניט! . . .

זי ווארפט זיך מיט אימפעט צוריק צום באריער און דערפילט, אז די כוחות פארלאָזן איר . . . פארפאלן! . . . אלץ פארפאלן . . .

שטארקער קלאפן די רעדער און שיפעט דער דאמף. אָט קומט ער, דער טויט . . . ער איז דאָ! . . . א כוואליע היץ האָט א שלאָג געטאָן גלייך אין פנים אריין, און פלוצלונג האָט זי דערפילט ווי עפעס קרעפטיקעס האָט זי א הויב געטאָן אין דער לופטן און אלץ איז געוואָרן פינצטער מיטאמאָל.

— גיכער, מוטערל! זאָג סיענקעו ער זאָל וואָס שנעלער לויפן נאָך א דאָקטאָר! ברענג דערווייל די שמעקעדיקע זאַלץ, עסיק, צי גאָר קאַלטע וואַסער . . . זע וואָס איך האָב געבראַכט. נאָך גאָר א קינד, און פון סאַמע אונטערן צוג אַרויסגענומען. נאָך איין מינוט און אירע ביינדלאַך וואָלטן אויף מאָן צעריבן געוואָרן. נו, גיכער זשע, וואַסער. צעשפיליע איר, צו וואָס . . . אך, מיין גאָט! אַזעלכע שנעקעס, דער מאַמעס מילך נאָך אויף די ליפן ניט פאַרטריקנט, און ס׳האָט שוין קיין צייט ניט, ס׳לויפט דעם טויט אַנטקעגן . . . ניין! דו פייגעלע, וואַרט אויס א ביסעלע. נו, ווען זשע וועט שוין דער דאָקטאָר קומען? אָט אַזוי, רייב די שלייפן מיט עסיק . . . ניין, דו גיב מיר, איך טויג זיך אויס אויף די זאַכן . . . געזען אביסעלע, — בלוט און מילך און ס׳קריכט דווקא אויף די רעלסן. ווי עס נעמט זיך ביי זיי די געוואַגטקייט . . . ניין, איך זאָג, אין אונדזערע יאָרן וואָלט אַזעלכעס גאָר מורא געהאַט פון שטוב אַרויסגיין אַליין פאַרטאָג, און דאָס, ס׳האָט גאָר קיין פחד ניט, אַליין אויפן בריק, און אינמיטן וועג . . . אך, דו גאָט מיינער . . . איך זאָג, מוטערל, מען דאַרף זי אפשר גאָר אויסטאָן, ביז דער דאָקטאָר וועט קומען. דו מאַך נאָר דאָס בעט אין פרייען צימער. זעסט, זי אָטעמט שוין . . . זי קומט צו זיך. נאָך אביסעלע ספּירט צווישן די ציין. אָט אַזוי, נאָך א טראָפּן . . . מסתמא עפּעס א אינגל, א פאַדליעץ, אָפּגענאַרט, איז מיינט זי שוין אַז דער נארישער לאָקאָמאָטיוו וועט אים אָנלערנען, אַז איר מאָרד וועט די שינעס פאַרשמירן. ניין, מיידעלע, דו בעסער לעב און זאָל ער זיך זיין מוח צעשפּאַלטן, אויב ער איז א ״מערזאַוועץ״. אָט פאָרט שוין דער דאָקטאָר. נו, געלויבט איז גאָט . . .

די ווערטער האָט גערעדט, אַרבעטנדיק די גאַנצע צייט איבער סאָפיען, באַמיענדיק צו ברענגען זי צו זיך, אַפאַנאַסי יעגאָראָוויטש כאָלאָפּאָוו, אַן אָטסטאַווגאָי פּאָלקאָווניק. אַפאַנאַסי יעגאָראָוויטש, אָדער וועלכער איז באַוואוסט אין גאַנצן געגנט אַלס דער אַלטער פּאָלקאָווניק, איז א מענטש וואָס האָט שוין געזען א וועלט, איינגעשטילט אַמאָל די פּאָליאַקן, מלחמה געהאַלטן מיטן טערק אונטער סקאָבעלעווען און געבראַכט צוריק זיין ברוסט מיט מעדאַלן באַצירט און א ניכטערן, כמעט פילאָזאָפישן בליק אויפן לעבן און מענטשן.

איצט, אין זיינע זיבעציקער, וואוינט ער זיך מיט זיין פּאָלקאָווניצע אין זיין הויף וואָס ביים ברעג פון טייך און האָט אויפגעשטיין פאַרטאָג צו מאַכן א מאָציאָן, ערשטנס, ווייל דער דאָקטאָר האָט געהייסן, און צווייטנס, האָט ער סתם ליב גאָטס וועלטל, און ווען די מענטשן שלאָפן נאָך און שטערן ניט די רו.

זיין ליבלינגס פּלאַץ איז שטענדיק זיך אַראָפּצולאָזן באַרג אַראָפּ צום בולוואַר צו דאָרטן באַטראַכטן די הונדערט יאָריקע דעמבעס, דורכגיין די אַלייען מיט די הויכע טאָפּאָליען, איינזאַפּן אין זיך דעם פרישן ריח פון די בליענדיקע אַקאַציעס און דערנאָך זיך אַראָפּלאָזן, צו די ״קופּאַלניעס״ (באָד־פּלעצער). דאָרט איז ער אַלעמאָל דער ערשטער און דער איינציקער אין דער שטונדע. שווימט ער אַרום און לאָזט זיך אַוועק שניידן דעם טייך פּאַמעלאַך, ניט געכאַפּט. ער קאָן אים, דעם דניעפּר, גוט, און ווען ער שפּרינגט פון אויבערשטן בריקל און טוקט זיך איין אין טייך און לאָזט זיך אַראָפּ ביז צום סאַמע דעק און ברענגט פון דאָרט אַרויס א הויפן געלע זאַמד, לאָזט ער

זיך אַוועק פֿוס־טריט איבער דער גאַנצער ברייט פֿון טײַך און פֿילט גלײַך ווי אַ טײַערע געליבטע וואָלט אים האַלטן אין אירע אָרעמס און גלעטן זײַן אַלטן קאָפּ און זײַן פֿאַרהאַרטעוועט לײַב.

זעסט! דורך און דורך זעט זי זיך דורך, ווײַל ער אָפּלויבן צו זיך אַליין דעם לויטערן טײַך און פֿאַרוואָרפֿט, מעשה יונגערמאַנטשיק, זײַן גרויע לײַבן־גריווע, און שפּאַלט די גרוי־בלויע וואַסער, וואָרפֿנדיק מיט די האָר, דאָ אויף רעכטס, און אָט אויף לינקס, און ווערט פֿאַרמאַטערט, ציט ער זיך אויס אין זײַן גאַנצער לענג אויפֿן רוקן, און די צוויי גרויע באַקן־בערד צעמישן זיך פֿון בײדע זײַטן און עס מישט זיך די ווײַסקייט פֿון זײַן לײַב מיט דער ווײַסקייט פֿונם פֿאַרטאָג אויפֿן טײַך. די גרויקייט פֿון וואַסער מיט די גרויע קודרעס פֿון זײַן קאָפּ און ער קוויקט זיך און האָט הנאה פֿון דער לופֿט וואָס איז אַזוי פֿריש, פֿונם וואַסער וואָס איז אַזוי קאַלט און אָנגענעם, אַ מחיה, און פֿון זײַן אייגענער גבֿורה, וואָס מיט זײַנע זיבעציק יאָר, שנײַדט ער דעם טײַך פֿאַר הונדערטער קלאַפֿטער און ער דריקט אויס זײַן צופֿרידנהייט הויך, אויפֿן קול, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן אָפּדאַנקען, באַצאָלן דעם טײַך פֿאַר דעם פֿאַרגעניגן.

אָפּגעשוואומען זײַן פּאָרציע, הייבט ער זיך צום בריק אַרויף, כּדי פֿון דאָרט די נײַע זון באַגעגענען און באַגריסן, ווי זי טונקט זיך אַרויס, אַ רויטע ווי פֿײַער פֿון דניעפּר אַרויס.

„עד, קראַסאַוויצאַ, וויקופּאַלסיאַ” (עך, דו שיינהייט, אויסגעבאָדן זיך). און ער שפּאַצירט אַרויף צום באַרג צו, פֿון וואַנען דער טײַך און בײדע שטעט וואָס ליגן פֿון בײדע ברעגן, אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אים, און ער באַטראַכט, מעשה־באַלעבאָס יעדע געבײדע וואָס בויט זיך, און דריקט דערבײַ אויס זײַן פֿאַרגעניגן וואָס עס וואַקסט זײַן אוקראַינע, זײַן „מאַטושקאַ ראָסיאַ”.

דאָס מאָל, ווי אַלע מאָל, האָט ער געשפּאַצירט איבערן בריק, ערשט פֿון וואַסער אַרויס און זיך אָפּגעשטעלט דעם טײַך צו באַוואונדערן. אים אין פּנים האָט געבלאָזן אַ קילער ווינט און צעבלאָזן זײַנע באַקנבערד אויף בײדע זײַטן. ער האָט ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט זײַנע נאָזלעכער צו אָנשעפּן פֿולע לונגען מיט דער פֿרימאָרגן־לופֿט.

פֿון דערווײַטנס האָט זיך דערטראָגן דער גערויש פֿון דעם אָנקומענדיקן צוג, וועלכן ער האָט ניט ליב געהאַט, ריכטיקער, געהאַסט אַלס אַן אָנשיקעניש וואָס מען דאַרף ניט, און וואָס שטערט די מענטשלעכע רו. און ער האָט געוואָלט גיכער איבערקרײַצן דעם בריק. ער האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פֿון דעם אָנקומענדיקן צוג מיטן געדאַנק צו אויסמײַדן אים אפֿשר אויבן, אויפֿן באַרג. ער האָט געהאַפּט קעגן האָפֿענונג, אפֿשר וועט ער זיך ערגעץ פֿאַרהאַלטן, זיך אָפּשטעלן. דער צוג האָט זיך אָבער ניט פֿאַרהאַלטן, זיך מיט אָפּגעשטעלט, נאָר שנעלער ווי דעם אַלטנס געדאַנקען האָט ער זיך אָנגערוקט מיט זײַן גאַנצער משא אויפֿן בריק און זיך גענומען טראָגן קעגן אים מיט אַן אימפּעט, קלאַפּערײַ און הוזשערײַ. דער גאַנצער חלל איז פֿול געוואָרן מיט דעם ליאַרם און געפּילדער וואָס דער אָנקומענדיקער צוג האָט געבראַכט מיט זיך און געשטערט אַפֿאַנאַסי יעגאָראָוויטשעס רואיקע שטימונג. „אָט אַן אָקאַזי”, האָט ער אומצופֿרידן געבורטשעט זיך אין בוזים אַרײַן, און ווײַטער געשפּאַנט.

פון צווישן דעם גאנצן ליאַרם האָט פּלוצלונג זיין געאיבטער אויער פארנומען עטוואָס פרעמדעס און זאנדערבאַרעס. אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער האָט געהערט ערגעץ א מענטשלעכע שטימע. ער וואָלט שווערן ער האָט געהערט א געוויין, א קרעכץ. עטוואָס אַלטעס, לאַנג פאַרגעסענעס האָט זיך פּלוצלונג א ריר געטאָן ביי אים אין האַרצן, און ווי א וויכער זיך דורכגעטראָגן אין זיינע געדאַנקען: ביי די ברעגעס פון אַן אנדער טייך (ביים דונאַי) האָט ער דאַן שפּאַצירט אין אַ פאַרטאָג, ווי איצט. אַנגעטאָן אין פולער אוניפאָרם פון א יונגן אָפיצער, אויבן הינטער אים אויפן באַרג, איז זיין פּאָלק געלעגן אויסגעלייגט און גערוט נאָך א דריי טאָגיקער שלאַכט. ער האָט א וויכטיקע אויפגאַבע דאַן געהאַט אויסצופירן און עס האָט אים ניט געלאָזט שלאָפן. ער האָט געמוזט האָבן איינזאַמקייט די לאַגע צו באַטראַכטן, צו אָריענטירן זיך אין זיין מיסיע. פון דעם, ווי ער וועט דורכפירן די אַטאַקע, האָט זיך געוואַנדעט זיין גאַנצע קאַריערע, זיין צוקונפט. זיין האַרץ האָט זיך געריסן פאַרויס צו זיג און טריאומף און געוואָלט זיך זען אין דער הויכער געזעלשאַפט אלס אנערקענטער העלד, ווען פּלוצלונג איז זיין בליק געפאַלן אויף א פעלז ניט ווייט פון אים. דאָרטן איז א יונגע פרוי געשטאַנען, איינגאַנצן אין שווארצן געקליידעט, אירע צעשויבערטע האָר, איר בלייכער פּנים, וועלכער האָט זיך אויסגעטיילט קעגן דעם מאָרגן שיין, האָט אים באַלד עדות געזאָגט וועגן א טיפער טראַגעדיע, און נאָך איידער ער האָט צייט געהאַט א טראַכט צו טאָן, האָט זיך א שווערער פּליעסק אין וואַסער דערהערט. ער האָט דייטלעך געזען ווי די פרוי איז צוערשט געזונקען, ווי א שטיין אַראָפּ צום גרונט. איז אָבער באַלד צוריק אַרויף, און עס האָט זיך אָנגעהויבן א פאַרביטערטער קאַמף צווישן די כוואַליעס פון דונאַי און דער אומגליקלעכער פרוי. אין איין מאָמענט האָט זיך געזען דער שווארצער סילועט און די נאַסע שווארצע האָר וואָס האָבן באַדעקט דעם פּנים און געקלעפּט זיך צום האַלדז איבערן וואַסער, אין א צווייטן אויגנבליק האָט דאָס וואַסער פאַרדעקט אַלץ און געשלעפּט דעם קרבן צום אָפּגרונט.

שפּרינגען אין טייך! ראַטעווען! האָט צו אים די שטימע פון זיין געוויסן געשריען. און ער האָט האַסטיק גענומען לויפן, אויסטוענדיק זיך אויפן וועג, און וואָס נעענטער ער איז צום ציל געקומען, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן זיין באַשלוס, אנדערע שטימען אין זיין נשמה האָבן די ערשטע שטימע פאַרטויבט:

"האָסט פליכטן צום פאָטערלאַנד וועלכע זיינען גרעסער ווי די פליכטן צו עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פרוי . . . שפּילסט זיך מיטן דונאַי! ער לאָזט זעלטן וועמען לעבעדיק אַרויס . . . דו ביסט נאָך יונג און דיין קאַריערע אין לעבן וואַרט אויף דיר. און דער אַלטער דערפילט אַן איבל אין האַרצן פון די אַלטע מחשבות וועלכע האָבן אים ניט אָפּגעלאָזן זיין גאַנצן לעבן, און ער שטרענגט זיין אויער אַן שאַרפער: "וואָלט מען נאָר קאָנען דאָס לעבן נאָכאַמאָל איבערלעבן, דאָס פאַרפאַלענע אומקערן". . .

האַסטיקער קלאַפּן די רעדער פון צוג, דער בריק וויגט זיך און סקריפּעט. יאָ, ער נאַרט אים ניט אָפּ. ערגעץ האָט זיך א מענטשלעכער קרעכץ געהערט, עס מוז זיין ערגעץ אָט דאָ נאָענט.

א ברייטער פּאַס ליכט פון דעם לאָקאָמאָטיוו האָט אונטער דעם וועג באַלויכטן און די שפּאַלטן האָבן זיך איינציקווייז אויסגעטיילט פון דעם

שווארצן שטאָל. די רעלסן האָבן געבליאסקעט אין דעם ליכט, ווי שניידנדער זילבער. פּלוצלונג איז זיין אַלטע פאַרהאַרטעוועטע סאָלדאַטסקע האַרץ מיט אַמאָל ווי אָפּגעשטעלט געוואָרן. צווישן די רעלסן און באַריער איז אַ פרויען פיגור געלעגן . . .

"איז זי שוין טויט?" האָט אַ פראַגע אין זיין מוח דורכגעבליצט. "ביז איך אויך דאָ צו שפּעט?" און שנעל, ווי נאָר זיין אַלטער קערפּער האָט אים דערלויבט, איז ער דעם אייזערנעם פּלויט אַריבער און די פרוי פון דעם האַרטן שטאָל אויפגעהויבן. דער צוג האָט זיך געטראָגן גלייך אויף אים. מיט זיינע אַלע קרעפטן האָט ער זיין משא אויפגעהויבן איבער זיין קאָפּ און צום באַריער צוגעטראָגן. עס האָט זיך געפאָדערט איבערמענטשלעכע קרעפטן זיך אויפהויבן מיט איר איבערן פּלויט, און ער האָט געמוזט זיין שנעל, ווייל נאָך איין סעקונדע אָדער צוויי און דער צוג וועט זיי ביידן צע־מאָלן. ער האָט זי אַרויפגעזעצט אויף זיינע אַקסלען, איר קאָפּ און די הענט זיינען ווי טויטע אַראָפּגעפאַלן צוריק, מיט איין האַנט צוהאַלטנדיק איר קער־פּער, האָט ער מיט דער אַנדערער האַנט זיך גענומען קריכן אַרויף צום טראָטואַר.

אַ קנויל שווארצער רויך פונעם לאָקאָמאָטיוו, צוזאַמען מיט אַ שטראָם הייסן דאַמף, האָט זיי ביידן פאַרוויקלט און געבריט, און שווערער געמאַכט דאָס קלעטערן איבערן די אייזערנע שטאַכעטן. ער האָט געמוזט אין דער פינצטער טאַפּן מיט די פיס יעדן אָנהאַלט, ביז עס איז אים ענדלעך געלונגען איין פוס איבערן פּלויט אַריבערוואַרפן און זיין משא צום טראָטואַר אַראָפּ־לאָזן.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן איר און זיין אויער צו איר האַרץ צוגעלייגט. דער צוג האָט זיך האַסטיק געטראָגן פאַרביי זיי און פאַרהילכט די לופט, און צווישן דער הוזשעריי און קלאַפּן פון צוג, האָט זיין אויער דייטלעך פאַרנומען דאָס קוים הערבאַרע טיק טאַק פון אַ מענטשלעך האַרץ.

"פּאָטערל, הימלישער!" האָט זיך ביי אים פון האַרצן אַ תפלה אַרויס־געריסן, ווען ער האָט דאָס יונגע בלייכע פּנים פון דער פאַרחלשטער מיידל דערזען. "אַ קינד נאָך, און שוין דאָס לעבן נמאס. וואָס פאַר אַ וועלט איז עס?" . . .

* * * * *

עס איז געווען שפּעט נאָך האַלבן טאָג. אין געוויינלעכע צייטן, רוט אַפּאַנאַסי יעגאָראָוויטש אין די דאָזיקע שטונדן, איצט האָט אים קיין שלאָף ניט גענומען. מיט האַסטיקע נערוועזע טריט האָט ער געשפּאַנט הין און צוריק איבער דער זאַמדיקער אַלייע פון זיין אַלטן גאָרטן, און מעכאַניש געפּיפּקעט דעם לאַנגן ציבעק פון זיין ליולקע. אויף דעם גראָז ביי דער זייט פון דער אַלייע, צווישן צוויי רויזן קלומבעס, איז געזעסן סאָפיע אייזנער, אַ ווייסע ווי קאַלך, און אויפמערקזאַם, מיט אַ בליק פול מיט יסורים, נאָכגע־קוקט דעם אַלטן. זיין נערוועזיטעט און אומרואיקייט האָט זיך מעכאַניש איבערגעטראָגן אויף איר און געוועקט אין איר פון דאָס ניי די יסורים פון דער לעצטער נאַכט, די שמערצן פון דעם פאַרטאָג אויפן בריק.

"צו וואָס האָט ער דאָס געטאָן? וואָס וועט זי איצט טאָן מיט איר לעבן? \

זי האָט געפילט, אז זי וועט שוין מער קיינמאָל קיין מוט ניט האָבן דאָס זעלבע נאָכאמאָל דורכצומאכן. זי האָט זיך אפילו מודה געווען, אז טיף באהאלטן, ערגעץ אין א ווינקל פון איר נשמה, איז זי דאנקבאר דעם אלטן וועלכער האָט איר לעבן געראטעוועט מיט אזויפיל מסירת נפש. זי האָט עס דערפילט אין דעם ערשטן מאָמענט, אפילו ווען זי האָט צום ערשטן מאָל די אויגן געעפנט, און דערזען זיך אין א ווייכער ווייסער בעט, און די צוויי אלטע, ער און זיין פרוי, איינגעבויגן איבער איר. די זון איז נאָר וואָס אויפגעגאנגען, א רויטע, א ווארימע, און באגאָסן דאָס גאנצע צימער מיט א בלענדנדער ליכטיקייט. פון די פענצטער האָט זיך געטראָגן דער ריח פון פרישע רויזן, אקאציעס און סירען, און זי האָט איינגעזאפט אין זיך דעם געשמאקן ריח פון די בלומען און מיט די אויגן באגריסט די זון, וועלכע האָט אזוי מחיהדיק געלאסטשעט און געווארימט. זי האָט נאָר ניט געקענט פארשטיין, וואָס עס טוט זיך מיט איר. זי איז געווען זיכער אז זי מוז זיין טויט. ווי קאָן דען אנדערש זיין? דאָס פייערדיקע אויג, דער הייסער דאמף און די שרעקלעכע היץ פון קעסל וועלכע האָט זיך דערנענטערט. זי האָט זיך גאָרניט געקאָנט דערמאָנען יענעם פיזישן ווייטיק וועלכער האָט זי אזוי געשראָקן. און זי האָט גענומען באטראכטן אירע הענט, אירע גלידער, די פים. דאכט זיך אלץ אומבאשעדיקט. און וואו איז זי עס איצט? און ווער זיינען עס די דאָזיקע אלטע לייט וואָס קוקן אויף איר אזוי צערטלעך? און דער אלטער, גלייך ווי ער וואָלט פארשטאנען איר פראגע, גיט איר אָפ העפלעך דעם "גוט מאָרגן, פריילין. שרעקט אייך ניט, איר זייט צווישן גוטע פריינט, איך פארזיכער אייך, אז איך בין ניט דער מלאך גבריאל און האָב מיט די אָפטיילונגען פון גן־עדן קיין מגע ומשא ניט, איך בין אן איינפאכער "אָטסטאוונאָי פאָלקאָווניק", און דאָס איז מיין ווירדיקע פרוי, קסעניע דמיטראָוונא, און איר, פריילין, ברויכט זיך ניט פארשטעלן, מיר וועלן ווארטן, בישקשה, אלטע לייט קאָנען צוואווארטן. דער דאָקטאָר האָט אייך אומבאדינגט פארבאָטן צו ריידן, טאָ רוט זיך אוים א ווײַלע, ביז פרישטיק קאָן מען נאָך כאפן א גוטן דרעמל".

און זי האָט כמעט מאכטלאָז איינגענורעט דעם קאָפּ אין קישן און געפילט ווי א מחיהדיקער דרעמל נעמט ארום אלע אירע גלידער. פון דרויסן האָט די זון געשיינט, א פויגל האָט ערגעץ אין דער הויך זיך צעגאָסן ליידנשאפטלעך אין א ליד, און אלע אירע גלידער האָבן זיך אָנגעגאָסן ווי מיט בליי, און זי האָט שטיל, אין זיך, מודה געווען, אז עס איז אזוי גוט צו לעבן, אז אלץ איז אזוי זיס און אנגענעם, און זי איז איינגעשלאָפן מיט דעם גליקלעכן שמייכל פון אן אומשולדיק קינד.

שפעטער, ביים אָנבייסן, האָט ער איר אלץ דערציילט, און שטארק געוויצלט זיך:

"איך פארשטיי, איר זייט אודאי געגאנגען בלומען קלייבן, און דער ווינט האָט די נייע הוט אייערע פארבלאָזן. א שיינע הוט, א שאד געווען צו פארלירן . . . ניין, וועל איך אָנזאָגן סעניקען ער זאָל אייך לאָזן קלייבן ביי מיר אין גאָרטן וויפל דאָס הארץ אייערם גלוסט. ניין, ניין, מיידעלע, ווען

איר ווילט בלומען קלייבן, איר דארפט זיך ניט פארעגטפערן. דער דאָקטאָר האָט אייך בכלל פארווערט צו ריידן, עס קאָן אייך נאָך שאַדן. איך ווייס וואָס איר ווילט זאָגן; ניט בלומען נאָר שוועמלעך זייט איר גאָר געגאַנגען קלייבן. אָבער טייערינקע שוועסטערל! ווער האָט עס געהערט אַז שוועמלעך זאָלן וואַקסן צווישן שפּאָלן. נייז, מיידעלע, איר ווילט שוועמלעך, קומט מיט מיר אין וואַלד, דערויף בין איך אַן עקספּערט . . . ניין אפשר, מוטערל?

זיין גוטמוטיקייט האָט געוועקט אין איר צוטרויען און האָפענונג, און ווען זיי זיינען נאָכן עסן אין גאָרטן אַרויס, האָט זי אים אָפנהאַרציק איר טרויעריקע געשיכטע דערציילט, פון איר הייסער ליבע צו סאָלאָמאָנען. פון זייערע ביידנס חלומות און האָפענונגען. פון זייער גרעניצלאָזן גלויבן איינער אין דעם צווייטן. ביז מיט איינקע מאָנאַטן צוריק, ווען זי האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט איינעם, אַדאָלף קוואַסמאַן, דער היפוך פון איר סאָלאָמאָן, עלטער אין יאָרן און אינגאַנצן אַנדערש ניט נאָר אין אויסזען, נאָר אויך אין זיין דערציאונג, מאַניערן, דענקען און ריידן. עפּעס איז געווען אין אים וואָס האָט זי פאַרכשופט, געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט, און זי האָט זיך אָנגע־פאַנגען צו באַוועגן אין זיין קרייז. נייע וועלטן, נייע אידעאַלן האָט ער פאַר איר אַנטפּלעקט. אַ ניי לעבן האָט ער פאַר איר אַנטוויקלט אין איר אייגענעם לעבן. איר ביז איצטיקע עקזיסטענץ האָט איר אויסגעזען אַזוי קליין, אַזוי נישטיק, אַז זי האָט זיך געשעמט מיט איר ענגהאַרציקייט, מיט אירע ביז איצטיקע באַגריפן פון לעבן. אין איר נייעם באַקאַנטן האָט זי דערפילט אַ קראַפט וואָס רופט צו באַנייאונג, צו רעווידירונג און איבערשעצונג, און זי האָט רעווידירט אירע באַגריפן, אַנאַליזירט אירע צילן אין לעבן און געפונען זיי זעלבסטזיכטיק שמאָל, אייגננוציק, און זי איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער נייער שטימע, געוואָלט פאַרשטיין, און גענומען זיך לערנען, און אַנדערע לערנען. סאָלאָמאָן האָט ניט געטאָרט וויסן, ער וואָלט דאָס קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען. קיינמאָל איר ניט פאַרגעבן. אָ! זי קאָן אים צו גוט. זי האָט געמוזט באַהאַלטן פון אים אירע ביכער, לייקענען פאַר אים וואוהין זי גייט. ער האָט זי גענומען נאָכשפּיאָנירן און אויסגעפונען אירע נייע באַקאַנטע, און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ קאַמף צווישן זיי. ער האָט זי באַשולדיקט אין אומטרייהייט, איר פאַרגעוואָרפן קוואַסמאַנען. אומזיסט געווען איר פּראָטעסט. זי האָט געוואָלט דערקלערן, געבן אים צו פאַרשטיין, פאַרטייטשן אים וואָס עס באַדייט פאַר איר, פאַר זיי ביידן, דאָס נייע לעבן אירס. זיין השד איז אָבער געווען צו טיף. פאַרבלענדעט פון אייפערזוכט, האָט ער זי ניט אויפגעהערט צו באַליידיקן, דערנידעריקן. זי האָט עס ניט געקאָנט אַריבער־טראָגן. אַזעלכע ציניש באַמערקונגען האָט זי זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשטעלן, און ער איז איר פאַרגעקומען עפּעס קליין און ווי אומבאַקאַנט, און אין אַ מינוט פון אויפרעגונג און ערגערניש האָט זי אים געוואָרפן אין פּנים: "יאָ! ס'איז אַלץ אמת, אָבער". . .

ער האָט איר מער ניט געלאָזט רעדן. אַהאַ! האָט ער אויסגעשריען, איך האָב געוואוסט, מיין האַרץ האָט עס דערפילט, — נאַריש אינגעלע — און מיט אַ הייזעריקער שטימע, כמעט באַרכלעגדיק ווי אַ גוסס, געוואָרפן איר אין פּנים צוריק: "צווישן אונדז איז אַלץ געענדיקט", און מיט אַ האַס־טיקן קלאַפּ אין טיר האָט ער פאַרלאָזט דאָס צימער.

און זי פֿאָלגט נאָך מיט די אויגן די פּיס־טריט פֿון דעם גוטן אַלטיטשקן וואָס שפּאַנט דאָרט אַזוי נערוועז מיט איר טיפֿן סוד אין זיין האַרצן.

צו וואָס האָט זי אים דאָס דערציילט? וועט נאָך אפֿשר אומגליקלעך מאַכן אי זי, איר קוואַסמאַנען, און ווער ווייס נאָך וויפֿל? און אַ שרעקלעכער פֿאַרדראָס נעמט זי אַרום אויף איר שוואַכקייט און זי וויל אַרויסלערנען פֿון זיינע טריט, פֿון דעם ווי ער פּאַפּט זיין ליולקע, ווי ער קלאַפּט איין האַנט אין דער אַנדערער וועלכע ער האַלט פֿאַרלייגט אַרונטער אויפֿן רוקן — וואָס ער טראַכט, וואָס וועט ער טאָן מיט איר, מיט זיי אַלעמען, און אַ ביטערער פֿאַרדרוס גנבֿעט זיך אַריין אין האַרצן, למאַי האָט זיך אַלץ ניט געענדיקט דאָרט, פֿאַרטאָג, אויפֿן בריק. וואָס זאָל זי איצט טאָן? ווי אַזוי זאָל זי געבן אַ סיגנאַל צו היטן זיך? פֿאַרוואָס זיצט זי דאָ, זי וועט גיין. ער האָט קיין רעכט ניט צו פֿאַרהאַלטן זי . . . און זי הויבט זיך אויף פֿון באַנק און רופֿט: "אַפֿאַנאַסי יעגאָראָוויטש!" און דערשרעקט זיך אַליין פֿאַר איר שטימע. עפּעס ניט איר קול. די פּיס עפּעס אַזעלכע מאָדנע ביי איר, עפּעס בויגן זיך די קני און זי קאָן ניט אָנשטיין, דער קאָפּ, ווי אימעצער וואָלט אים וויגן הין און צוריק.

ער האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט צו איר: "וואָס איז מיט אייך, פֿריילין?"

גאָרניט, גאָרניט . . . עפּעס אַזוי אַביסל, אַ שוואַכקייט. איך מיין אַז מיר איז צייט צו גיין. איך וויל אייך אָפּדאַנקען און גיין.

"וואָס רעדט איר, קינדעלע, גאָט איז מיט אייך! ווייסט איר וואָס איר רעדט? איר גיט בעסער אַ קוק אויף זיך און איר וועט וויסן צי איר מעגט גיין. איר, פֿייגעלע, קומט בעסער אַריין אין הויז צוריק און מאַרש אין בעט אַריין. דעם דאָקטאָר דאַרף מען צו אייך, אָט וואָס מען דאַרף. און דעם "מאַלטשישקאַ" אייערן, ווי ער הייסט דאָרטן, שליאַמקע, אויסשמייסן דאַרף מען אים, אָט וואָס ס'איז נויטיק. און אייך טאַקע אויך אַביסעלע. געזען אַביסל אַ גאַנג? דער איינגל האָט געזאָגט ער וועט מער ניט קומען און זי — אונטער די רעדער דעם קאָפּ טראָגט. וואָלט איר נאָר אַביסעלע צוגעוואַרט, מיין טייערינקע, וואָלט איר זען ווי ער וואָלט נאָר קומען "פּאָקלאָנעס" שלאָגן, בעטן זיך. עד־מאַ! נו, יונגנט! מאַרש אין שטוב אַריין, און גלייך אין בעט. סעינקע וועט מסתּמא אייער שליאַמקען פֿאַרן קאָלנער ברענגען. איך האָב אים אָנגעזאָגט — טויט אָדער לעבעדיק, און ברענגען, דעם "נעקריסט". טאָ דאַרף מען אים כאָטש גוט אָנשרעקן. לאָזט עס שוין צו מיר, שוועסטערל, עס וועט שוין זיין אַ חתונה. — נו, דערלויבט מיר דערווייל פּראַקטיצירן ביי אייך אונטערפֿירער זיין.

און מיט אַ צאַרטקייט אויף וועלכע אַ פֿאָטער בלויז איז מסוגל, האָט דער אַלטער פֿרעמדער גענומען דאָס מיידל אונטער די אָרעמס און אין זיין הויז אַריינגעפֿירט, צו אומקערן זי צוריק צו דעם לעבן פֿון וועלכן זי האָט געוואָלט אַנטלויפֿן, און אומקערן צו איר צוריק דאָס גליק, וואָס זי האָט געמיינט זי האָט פֿאַרלאָרן.

דורכן פענצטער

דורכן פענצטער

צוויי זיינען זיי געווען אין צימער אין יענער שרעקלעכער אומפאר־געסלעכער נאכט. און ניט ווי צוויי באזונדערע מענטשן, נאָר ווי באשטימטע צוויי באזונדערע וועלטן. איין וועלט א פארגייענדע און אָפּשטארבנדע, און איין וועלט אין עכטן מיטן פון לעבן.

און ווען דער מזרח האָט זיך אָנגעצונדן יענעם פרימאָרגן און די ערשטע שטראַלן פון דער פרילינגס זון האָבן דורכן ברייטן פענצטער זיך אריינגעריסן און דעם צימער באלויכטן, האָט ביי ביידן איין מחשבה אויפ־געבליצט און באלד פארלאָשן געוואָרן: ווי שיין איז די וועלט!

* * * * *

צוויי זיינען זיי געווען אין צימער. יעקב בליצשטיין, א קראנקער אין די לעצטע טעג און אפשר שטונדן פון זיין לעבן, אָפּגעזאָגט און פאר־אורטיילט צום טויט, גענארט און געטרייסט פון אלע פריינט און ארומיקע אז "ס'וועט איבערגיין", איז ער געלעגן מיט אָפענע אויגן, מיט א בלייך פארקרימט געזיכט, און געראנגלט זיך מיט אלע קרעפטן, אָנגעשטרענגט אלע נערוון נאָך אביסל לופט. ניטאָ קיין לופט. כאָרכלט ער ארויס מיט אלע קרעפטן, כאָטש דער פענצטער איז ברייט אָפן און אין צימער פליסט אומ־אויפהערלעך א שטראָם פון פרישער קאלטער פרילינגס־לופט, פון וועלכער דער קראנקער באשיצט זיך אינסטינקטיוו. מיט זיינע דארע דורכלויכטנדע הענט ציט ער ארויף די קאָלדרע, פארדעקט זיך און פארטוליעט די ברוסט, דעם קערפער, ער זאָל זיך ניט פארקילן.

וואו נעמט מען אביסל לופט? כאָטש איין ביסל צו מחיה זיך זיין! בעט ער זיך ווי ביי עמיצן דורך טרערן. און ער ציט אויס דעם האלדז, עפנט ברייט פאנאנדער דאָס מויל, שפּאַרט זיך אָן מיט די דארע הענט אין קישן און פרוווט איינזאַפּן די מאָרגן־לופט אין זיך. די לופט שפּאַרט זיך אין דעם ברייט פאנאנדערגעעפנטן מויל, געפינט אָבער ניט קיין פרייען דורכ־גאנג צו די לונגען און שפּאַרט זיך צוריק, ווי וואסער פון א שמאָלן ארויס־גאנג, און א מוראדיקע כארכלעניש טראָגט זיך פון קראנקנס ברוסט וועלכעס פילט אָן דעם גאנצן צימער מיט א מאָדנער אימה, און וועלכע צעטראָגט זיך אין די דערבייאיקן צימערן וואו עס שלאָפן אין די קליידער די פריי און קינדער און א פּאָר נאָענטע קרובים.

אלע כאַפּן זיי זיך אויף פון די שרעקלעכע טענער וועלכע טראָגן זיך פון קראנקנס צימער, און אלעמענס אויגן באגעגענען זיך ווי אינסטינקטיוו, אלעמענס געזיכטער דריקן אויס איין שרעק, און יעדנס בליק איז פול מיט איין און דער זעלבער פראגע: דער אָנהויב פון דעם ענד, שוין? און אלע בלייבן ווי פארגליווערט אויף זייערע ערטער. א געהיימע שרעק באהערשט

זיי. די קינדער הויבן אויף זייערע דערשראָקענע קעפלאך פון אונטער די קאָלדרעס, שטרענגען אָן זייערע אויערלעך און הערן זיך איין צו דעם שרעקלעכן כאָרכל וואָס טראָגט זיך אין דער לופט, כאַפּן א קוק אויף אַלעמען ווי זיי שטייען דערשראָקן און פאַרלאָרן, אויף דער מוטער וואָס זיצט אויפן ראַנד פון בעט א צעטומלטע, און זיי נעמען זיך אָן מיט דעם שרעק וואָס האָט דאָ אַלעמען באַהערשט און ברעכן אויס אין א שטילן געוויין, טוליענדיק זיך איינע צום צווייטן ווי עס טוליען זיך צעשראָקענע שעפעלאך אין פעלד פאַר דעם אָנקומענדן שטורעם. די מוטער פּרובירט זיך די קינדערלעך טרייסטן, אייַנשטילן, און איין געדאַנק שרעקלעכער פון אַנדערן בליצן אויף ביי איר אין מוח: "ביטערע יתומימלאך מיינע", ברענט איר ווי מיט פייערצוואַנגען אויפן האַרצן און זי דערשרעקט זיך סיי פאַר אירע אייגענע געדאַנקען און נאָך מער פאַר דעם פינצטערן שיקזאַל וואָס דערוואַרטעט אירע קינדערלעך. "וואָס וועט זיין פון אייך?" לאָזט איר ניט אָפּ א פראַגע וועלכע ברענט אין מוח און פּרעסט אויפן האַרצן, בעת אירע דינע פינגער גלעטן און קעמען די קינדערשע העריעלעך. "ווער וועט אייך שפּייזן? ווער וועט אייך באַשיצן? וואו וועט אייער היים זיין?" און בילדער איינס שרעקלעכער פון צווייטן טראָגן זיך פאַרביי איר מוח מיט דער שנעלקייט פון א בליץ. זי וויל אַריינקוקן אין דער צוקונפט פון אירע קינדערלעך אָן אים, און צוויי פייערצוואַנגען פּרעסן איר האַרץ צונויף. א פינצטערער שוואַרצער פּאַס פאַרציט זיך פאַר די אויגן און זי ברעכט צוזאַמען אין א יאָמערלעכן געוויין. די קינדער כאַפּן אויף דער מאַמעס קולות און וואַרפן זיך שוין דער מאַמען צו טרייסטן, און דאָס ביטערע יאָמער־געוויין פון מאַמע און קינד גיסט זיך צוזאַמען מיט דעם כאָרכלען פון קראַנקן, ווי ער קעמפט פאַר א טראָפּן לופט.

און ווי ניט זי מיינט מען, גיסט די זון אירע גאָלדענע שטראַלן דורך די ברייטע פענצטער־שויבן און עס מישט זיך צוזאַמען זונען־גאָלד מיט דעם גאָלד פון קינדערשע העריעלעך, באַצירט פון בריליאַנטענע מוטער־טרערן.

* * * * *

צוויי זיינען זיי געווען אין צימער.

דער צווייטער איז דוד אייזנער. א פריינד און חבר פון יעקב בליצשטיין.

ביים אָפענעם פענצטער איז ער איצט געזעסן און מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן אַרויסגעקוקט אין גאַס אַריין ווי די גרויסע שטאָט האָט צום לעבן דערוואַכט, ווי די זון שוועבט מאַיעסטעטיש פון פייערדיקן האָריזאָנט אַרויס, ווי די פויגעלעך טאַנצן מיט א פריילעכן צוויטשער פון איין בוים צום צווייטן, פון איין פאַרקען צום אַנדערן, רופן זיך עפּעס איבער ווי זיי וואָלטן זיך פריילעכע בשורות אָנזאָגן, קומען זיך צונויף אויף א ווייַלע, סודן זיך עפּעס מיסטעריעז וועגן וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן און צעפליִען זיך צוריק, אייניקע אַרויף צוריק צו די ביימער, אַנדערע אַראָפּ צו דער ערד. נאָך אַנדערע צעשפּרייטן די פליגעלאך, הויבן זיך אויף אין דער הויך און לאָזן זיך אַוועק ווייט־ווייט, אין דער בלויער מאָרגן־לופט.

וואָס פאַרען זיי? וואָס פליען זיי? — האָט זיך ביי דוד אייזנערן ערגעץ פויל א געדאַנק אין מוח געריירט קוקנדיק אויף דער גרופּע אַרבעטנדע

באשעפּטיקטע פליגעלעך. ווער טרייבט זיי? ווער שיקט זיי? וואָס צוויגנט זיי. און ערגעץ רירט זיך אַ אַנדער געדאַנק און ענטפערט: דאָס לעבן, דאָס לעבן! און דער ערשטער נאָכגעדער געדאַנק לאָזט ניט אָפּ, און ציט ווייטער: צו וואָס לעבן זיי? וואָס איז זייער ציל? און ער דערמאָנט זיך: ער האָט אַמאָל ערגעץ אַ לעקציע געהערט איבער דער נוצלעכקייט פון אָט דעם סאָרט פייגעלעך, און יענער לעקטאָר האָט באַוויזן מיט ראיות וויפל מיליאָנען ווערים, יעדעס פייגעלע פאַרניכטעט אין פאַרלויף פון איר לעבן. יענער לעקטאָר האָט אונטער זיין שוץ די פייגעלעך גענומען, ווייל זיי באַפרייען די וועלט פון די ווערים.

נו, און די ווערים? — עקשנט זיך דער ערשטער געדאַנק און לאָזט ניט אָפּ. ציט זיך דען דאָס ווערימל אונטער דער ערד ניט צו דער זון? אַרבעט עס דען ניט פאַר זיין חיונה גראַד ווי דאָס פייגעלע? ווילֿ עס דען ניט לעבן גראַד ווי דאָס פייגעלע? און ווער, האָט געפּרעגט דעם ווערימל צי וויל ער געבוירן ווערן כדי צו האָבן דעם כבוד פאַרניכטעט צו ווערן פון פייגעלע כדי עס זאָל האָבן דאָס רעכט צו לעבן? און אייזנער דערפילט עפּעס אַ מין קרענקלעכן פאַרגעניגן ווי ער וואָלט עמיצן געכאַפּט ביי דער האַנט, ביי אַ שווינדל.

אביסל לופט, גוואַלד וואו נעמט מען אביסל לופט — טראָגט זיך דער כאַרכלענדער און פאַרצווייפלטער קלאָגן פון קראַנקן.

אייזנער כאַפּט זיך אויף און גייט צום קראַנקן צו, פאַרריכט אים דאָס קישן צוקאָפּנס, דעקט אים איין זאָרגפעליק, גלייכט אוים די קנייטשן פון דעם ליילעך און שטעלט דעם זויערשטאָף אַפּאַראַט אָן. די וואַסער־שטאָף פאַנגט אָן צו זידן און קאָכן, דאַן נעמט ער דאָס גלעזערנע טרייבל און ווישט עס און באַטראַכט עס אויב עס איז ריין גענוג און גיט עס דעם חולה אין מויל אַריין.

דער קראַנקער באַרואיקט זיך גלייך. די ברוסט פאַנגט אָן צו אָטעמען גרינגער. די אויגן שליסן זיך ווי צום שלאָפן. די ליניעס פון פּנים גלייכן זיך באַלד אוים, און זיין גאַנצער אויסזען נעמט אָן אַ רואיקן, כמעט געזונטן אויסדרוק. אייזנער בלייבט שטיין ביים בעט און זיינע געדאַנקען שוועבן דאָ פון דעם אייזערנעם צילינדער וואָס שטייט דאָ ביים בעט מיט זיינע מיס־טעריעזע טרייבלעך וואָס ציען זיך ווי אָדערן צו דער וואַסער שטאָף און פון דאָרט צום קראַנקן אין מויל וועלכער ליגט אין האַלבן דרימל מיט דעם רער אין מויל, דערלייכטערט און צופרידן.

וואָס איז דיין קראַפט? וואָס איז דער שכל? — נאָיעט ווידער דער קרענקלעכער להכעים געדאַנק וועלכער לאָזט אים ניט אָפּ די גאַנצע נאַכט. וואָס איז דיין קראַפט? — פרעגט זיין בליק, ווי ער וואָלט פון דעם אייזער־נעם צילינדער אַן ענטפער דערוואַרטעט.

"אַן אָנגעשטעלטע כלי", דערמאָנט ער זיך רייזינס אַ סטראָפע פון "מאי קא משמע לן". און ער וויל וויסן דעם סוף פון צילינדער. עס וועט קומען אַ צייט, די לעצטע טראָפּנס לופט וועלן אויסגעצויגן ווערן פון דיר, ווי פונם קראַנקן הילפלאָזן מענטשן, און דאַן וועסטו ווי אָט דער מענטש,

אָנפאנגען צו כריפען און כארכלען און מיט א סוויסטש און קרעכץ דעם לעצטן טראָפּן אויסבלאָזן און וואָס דאַן? א שטיק פארראָסטעט אייזן.

און ווי עמיצער וואָלט מיט אים א וכוח פירן, ענטפערט אים א צווייטער געדאנק: דאַן וועט א געזונטער יונג קומען, די כלי צו אן אנדער כלי צושטעלן, און נייעם זאפט אריינבלאָזן, נייעם איבהאלט אריינגעבן. און אלץ ווי פריער, אָז אן עק און אָן א ציל — עסט זיך דער געדאנק אלץ טיפער. און ער דערפילט אז ער געפינט זיך ווידער אין יענעם פארכשופטן קרייז וואו ער האָט די גאנצע נאכט געוואנדלט, און ער לאָזט זיך מוטלאָז צום ראנד פון בעט אראָפּ און גלייכט די טרייבלאך אויס און הערט זיך איין צום מאָנאָטאָנעם זידן פון וואסער־שטאָף, ווי עס פליסט דער זויערשטאָף פון אפּאראט דורכן מויל פון קראנקן און קלינגט דאָרט אָפּ ווי עס וואָלט פאלן אין א פוסטן חלל.

נאָך אין אָוונט איז אייזנער צום קראנקן געקומען כדי די גאנצע נאכט איבער אים צו וואכן און אויפפּאסן, די פאמיליע צו איבערבייטן, און פארלייכטערן. אלס אלטער הויז פריינד, האָט ער געפילט אז עס איז זיין חוב עס צו טאָן, און זיך כמעט אלס העלד און "בענעפאקטאָר" באטראכט. באלד ווי ער איז געקומען, האָט ער פון דער נוירס אלע אינסטרוקציעס איבערגענומען: ווי ארום אפּאראט צו גיין, וויפל וואָס צו געבן, וואָס צו טאָן און וואָס ניט טאָן. ער האָט באלד זיינע אָרדערס צו דער פאמיליע געגעבן: דער זאָל שלאָפן גיין; יענער זאָל זיך צוליגן אפריער. פאר די קינדער האָט ער שאָקאלאד געבראכט און צעטיילט, יעדן באזונדער א מעשהלע דערציילט, מיט א צוגאב דעם א קניפ פארן שלאָף; דעם א פּעטשל אין בעקל; דעם אָנגעשראָקן מיט א "בוגי־ניגער" און בכלל זיך געמאכט אזוי היימיש און פרייגדלעד, ווי א מענטש וואָס פילט זיך אז ער גייט דאָ עמיצן א געפערלעכע טובה טאָן, א גרויסע העלדנטאט באגיין.

אריינקומענדיק צוריק אין צימער וואו ער האָט באדארפט די גאנצע נאכט פארברענגען ביים קראנקנס בעט, איז ער מיטאמאָל געבליבן שטיין ווי פארשטאַרט. דער צימער איז געווען א גרויסער און א לאנגער, אינגאנצן פוכט, אן מעבל. א בלאסע טונקעלע שיין האָט זיך געגאָסן פון א קליין עלעקטריש לעמפל וועלכער האָט זיך ווי פאריתומט אויסגעטיילט פון אלע איבעריקע אין דעם שאנדאלער. די צוויי פענצטער פון צימער האָבן עפּעס אויסגעוויזן ווי צוויי שווארצע אויגן־לעכער וועלכע קוקן אויף אים און ווייען מיט שרעק. אין צימער איז געווען קאלט וויל דער קראנקער האָט ניט געקאָנט פארטראָגן די קלענסטע ווארימקייט. א מאָדנער אומבאקאנטער און העכסט אומאנגענעמער ריח האָט אים געקיצלט אין די נאָזלעכער און ארויס־גערופן א מין איבל אויפן הארצן. די מאָדנע שטילקייט וועלכע האָט פלוצ־לונג ארומגענומען דאָס גאנצע הויז, די זאָנדערבארע באלייכטונג פון צימער, די לופט דורכגעזאפט פון מעדיקאמענטן צוזאמען מיט דעם שרעקלעכן אויסזען פון חולה וועלכער איז געלעגן אינמיטן צימער אויף א גרויסער בעט, איינגעדעקט און ארומגעוויקלט מיט עטלעכע קאָלדרעס, שאלן, און קיילעכער און ארומגעשטעקט מיט קישנס פון אלע זייטן, האָט אים פלוצלונג דערמאָנט אָן דעם גאנצן ערנסט פון זיין אויפגאבע וועלכע ער האָט אויף זיך פרייוויליק גענומען.

און טאָמער . . . און ער האָט זיך אליין דערשראָקן פארן געדאנק און האָט מורא געהאט צו דערטראכטן דאָס וואָרט ביזן סוף, וועלכעס איז מיט גוואלד געקראָכן צו אים איצט אין מוח און פאָרגעשטעלט פארשיידענע בילדער.

וואָס וועט ער טאָן טאָמער טאקע יע? דער קראנקער איז אין א לאנגע וואו יעדער מאָמענט קאָן ברענגען ערנסטע, קאָמפליצירטע אומוואנדלונגען און מען מוז זיין גרייט פאר אלעס און ניט פארלירן דעם קאָפּ — דערמאָנט ער זיך די שעפּטשנדע געהיימע ווערטער פון דער נוירס וועלכע האָט אים די לעצטע אינסטרוקציעס פאר דער נאכט געגעבן. דאן האָט ער צו די ווערטער קיין שום באדייטונג ניט צוגעגעבן. וואָס איז ער עפּעס א אינגעלע? ער וועט שוין . . . ער איז געווען זיכער אז ער איז דער ריכטיקער מאן אויפן ריכטיקן פּלאץ געווען. ער האָט אפילו געהאט פּלענער ווי ער וועט די נאכט פארברענגען, ער האָט אפילו מיט זיך זיין "זאראטוסטרא" מיטגעבראכט. ער וועט אים שוין האלטן וואך. איצט אָבער האָבן זיינע מחשבות א גאנץ אנדער ווענדונג אנגענומען.

ווי קומט ער אהער? ווער האָט אים געשלעפּט ביי דער צונג? אינמיטן דערינען א בארמהארציקע שוועסטער ווערן. וואָס איז ער פאר א וועכטער איבער א קראנקן? און וואָס וועט ער טאָן ווען עס וועט טאקע קומען צו אן ערנסטן מאָמענט וועלכעס קאָן געשען יעדע מינוט? און שטעלט זיך פאָר ווי דער קראנקער הויבט אָן צו לײדן, שטרעקט אויס די הענט נאָך הילף, רעדט עפּעס. ער גייט צו אים, וויל אים העלפן. יענער כאפּט אים אָן ביי דער האנט, שצעמעט זיך איין מיט די נעגל אין זיין לייב. צוויי גלעזערנע אויגן קוקן אויף אים, בעטן עפּעס, שטראָפן אים. דאָס מויל עפנט זיך עפּעס צו רעדן, די ליפּן ווערן מיט אמאָל ווייס ווי קאַלך. דאָס פּנים פארקרימט זיך, און דער קראנקער ווערט פארגליווערט ביי אים אויף די הענט מיט די נעגל אין זיין לייב, מיט אָפענע פארגלייזטע אויגן וועלכע קוקן אויף אים, און ער וויל שרייען און קאָן ניט. דער פארגליווערטער קוק פון דעם טויטן פּאראליזירט זיין צונג, זיין שטים איז ביי אים פארשטאָרבן, אפילו זיין הארץ איז עפּעס שטיין געבליבן און קלאפּט ניט מער, נאָר דער מוח ארבעט אָן אויפהער און טראָגט אים אונטער בילדער, איינס שרעקלעכער, שוידערהאפטער פון דעם צווייטן. און אלץ מישט זיך צוזאמען און טראָגט זיך אין א ווירוואר. פון א ווייטער גאס דערטראָגט זיך דער גערויש פון א דורכלויפנדיקן טראמווײ. פון ערגעץ א דערבייאיקן הויף האָט זיך דערהערט דאָס קרייען פון א האָן, וועלכער איז באלד אונטערגעכאפּט געוואָרן פון נאָך איינעם פון אן אנדער פּלאץ, און באלד איז דער גאנצער אויער פול געוואָרן מיט די מאָדנע קולות. און ערגעץ פון ווייט, פון ווייט ענטפערט אָפּ איינער צום לעצטן מיט אן אויסגעצויגענעם קוק־ורי־קו, ווי ער וואָלט וועלן טרייסטן זיינע ברידער די הענער: איך בין אויך מיט אייך, פון ווייטן, אָבער מיט אייך.

ניין! איך טאָר דאָ ניט בלייבן. איך קאָן דאָ ניט זיין. איך וועל עפענען די טיר פון קלאראס שלאָפצימער, און איר זאָגן פּראָסט און איינפאך אז איך מוז אוועקגיין, אז איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט אז איך מוז זיין אין דער היים. אזוי באשליסט ביי זיך אייזנער באלד ווי דער ערשטער געפיל

פון שרעק איז פאַריבער. און א צעשרויפטער און אויפגערעגטער האָט ער זיך אויף דעם איינציקן שטול פון צימער אַראָפּגעלאָזן.

א געפיל פון שאנד און זעלבסטווירדע דערוועקט זיך אָבער באַלד אין אים. ניין, ווי קאָן ער דאָס טאָן? וואָס וועט קלארא טראַכטן וועגן אים? און וואָס וועלן אלע זאָגן דערויף? א העלד? א שטרויענער העלד? פילט ער שוין די סאַרקאַסטישע באַמערקונגען פון קלאַראַן, פון זיינע באַקאַנטע. ניין! ער וועט דאָס ניט טאָן. צוגיין צום טעלעפאָן אָפּרופן א נוירס, ער וועט צאָלן וויפל זי וויל נאָר אליין. ווי איז ער דאָס באַלד ניט געפאַלן אויפן שכל? ער וועט קענען זאָגן אז אין אזא לאַגע איז א געלערנטע נוירס נוצלעכער ווי ער. ניין! ער וועט דאַ אויך בלייבן, צוזאַמען מיט דער נוירס . . .

א פּלוצלונגער אויסגעצייכנטער, הייזעריקער קרעכץ פון קראַנקן האָט איבערגעשלאָגן מיטאַמאָל זייער מחשבות און צעשטערט זיינע פּלענער.

דער קראַנקער האָט זיך געוואָרפן אין שרעקלעכע קאָנוואולסיעס, א געפערלעכער ווייטיק האָט פאַרשמערצט זיין ברוסט און זי געפּרעסט ווי מיט א צוואַנג. דער קראַנקער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים האַרצן, מיט ביידע הענט צעעפנט דאָס מויל ווי א הון וועלכע דער שוחט וואַרפט אוועק נאָך דעם ווי ער האָט איר איבערגעשניטן דעם האַלדז. זי פרוווט נאָך איר קול און עס רייסט זיך איבער און זי פרוווט נאָכאַמאָל, צעעפנט דאָס מויל. דאַכט זיך אזוי פלעגט זי טאָן אַלעמאָל בעת זי האָט געוואָלט שרייען, ווען עמיצער האָט איר וויי געטאָן און אַנשטאָט איר קול הערט זי עפּעס א מאָדנע כאָרכ־לען.

דער קראַנקער האָט באַקומען איינע פון יענע שמערצהאַפטע ספּאַז־מען.

זאָמען זיך לענגער האָט מען ניט געקענט. ער האָט געפילט אז ער האָט צוויי וועגן, אָדער עפענען די טיר און אָנפאַנגען שרייען צי גאָר אַרויסלויפן אויפן גאַס, אָדער אויספירן וואָס די נוירס האָט אים אָנגעזאָגט און צוליב וועלכער ער איז אייגנטלעך אַהער געקומען. און כאָטש זיין גאַנצער ווען האָט אים אָנגערעדט צום ערשטן איז ער דאָך צום קראַנקן געגאַנגען, די הענט אונטערן קאָלדרע אַרונטערגעלייגט, פון דאָרט די קאַלט געוואָרענע וואַסער פלעשער אַרויסבאַקומען, זיי מיט הייסע וואַסער צוריק אָנגעפילט און צוריק צום חולה געקומען.

איינאָרדענענדיק די פלעשער, האָט זיין האַנט אומגערן דאָס קאַלטע, נאַקעטע לייב פון חולה באַרירט און אַן אומבאַגרייפלעכער עקל און שוידער איז איבער זיין גאַנצן וועזן דורכגעלאָפן.

ער האָט געפילט אז דער הויך פון טויט אָטעמט אויף אים פון אונטער דער קאָלדרע אַרויס, אז פון זיין האַנט וועט ער שטענדיק פילן יענע מיסטעריעזע, שוידערלעכע קעלט, וועלכע וועט שטענדיק יאָגן אויף אים אַן אומבאַגרייפלעכע אימה. אז קיינמאָל, קיינמאָל וועט אָט דער פראָסט פון זיין האַנט ניט אַראָפּ. און אפשר איז דאָס גאָר אַנשטעקנד? לויפט אים א געדאַנק אָן און אים ווייזט זיך אויס אז ער פילט שוין ווי פון זיין האַנט

פארשפרייט זיך די טויטע קעלט ארויף צו זיין ארעם און פון דארט צו זיין קערפער. און בעת ער ריכטעט איין די קאלדרעס פארן קראנקן, דעקט אים איין, גיט אים די מעדיצין, בייט אים איבער די טיכער, אנטדעקט ער פלוצלונג אז ניט נאר איז עס דער חולה וואס קרעכצט אזוי שמערצהאפטיק, נאר אז צוויי זיינען דא אין צימער וואס קרעכצן און לײדן און אז דער צווייטער איז טאקע ער אליין, דוד אייזנער. און ער וויל וויסן ווי לאנג איז שוין אז ער איז קראנק. און ער קאן זיך באין אופן ניט דערמאנען. ער וויל וויסן וואס עס טוט אים וויי. ער טאפט זיין דופק. דאכט זיך ער קלאפט, זיין קאפ איז הייס! ער האט היץ. אצינד וואלט מען באדארפט ארייגרופן קלאראן. די איבעריקע, זיי זיינען שוין גענוג געשלאפן, אז ער איז פארט קראנק. ער לאזט זיך אבער אראפ הילפלאז אין שטול און פאררוקט זיך אין צווייטן עק צימער.

אזוי ווי פון ערגעץ ווייט, ווייט, דערטראגט זיך צו אים דאס אכצען און קרעכצן פון עמיצן. ער הערט זיך איין אין די מאדנע קולות. ער ווייס אז עס זיינען פארשיידענע צוויי. די קרעכצן פון איינעם זיינען הייזעריק צעבראכן און צופן זיין הארץ. די קרעכצן פון אנדערן אבער, ווער איז דער אנדערער? און ער וויל זיך עפעס דערמאנען און שטרענגט אן זיין דענקונגס־קראפט: וואס טוט ער דא?

פלוצלונג האט זיך דורך דעם פרייען פענצטער זיך דורכגעריסן א בלאסער גרינלעכער שיין פון דער לבנה און באלויכטן דאס צימער מיט א מאדנער בלאסער ליכטיקייט. און אייזנער האט פלוצלונג אויפגעשוידערט און ווי פארשטארט געווארן אויף זיין פלאץ. די אויגן האבן זיך ביי אים ברייט פאנאנדערגעעפנט, דאס פנים אויסגעצויגן און פארגליווערט געווארן. אויף דער צווייטער וואנט וואס קעגן אים האט ער דייטלעך דערזען א מענטשן אנגעטאן אין א שווארצן ראק מיט ווייסע הענטשעקעס. איין האנט פארלייגט אויפן הארצן; די צווייטע איז אראפגעהאנגען פריי. א שווארצן קאפ האר פארקאמט ארויף, אלא פאמפאדור.

דער מאן איז ווי ארויסגעשוואומען פון א שווארצן אפגרונט פון געקוקט גלייך אויף אים, געקוקט און געשמייכלט ווי צו אן אלטן באקאנטן.

אייזנער האט געוואלט אויסשרייען: ווער איז עס? ער האט צונויפגעקליבן אלע זיינע כוחות, דעם גאנצן מוט. ער האט אבער ניט געקאנט. אלע זיינע חושים זיינען געווען פאראליזירט. נאר דער מוח האט עפעס מאדנע געארבעט און אלץ געדרייט און געפלאנטערט: מען דארף אויפשטיין און צוגיין צו אים. ווער איז ער? וואס וויל ער? ווי קומט ער אהער? און א מאדנער געדאנק בליצט אויף ביי אים אין מוח: אפשר איז עס ער . . . דער בעל דבר . . . געקומען נאך אים . . . און ער צעלאכט זיך אליין וואס פאר א מאדנער געדאנק. וואס איז ער עפעס, אן אלטע אידענע, צי וואס, און ער שטרענגט אן זיין בליק קעגנאיבער צו דער וואנט, פון וואנען עס קוקט צו אים מיט אזעלכע מאדנע אויגן דער פרעמדער אין שווארצן, און מערקווירדיק, אים שיינט איצט אז ער קאן אים. ער האט אים ערגעץ געזען פריער, און ער קאן זיך ניט דערמאנען . . .

דוד—דוד איי—ז—נער! הערט ער פּלוצלונג דייטלעך זיין נאָמען ווי עמיצער כריפּעט פאַרצווייפלט: העלף אי—אָך! טראָגט זיך איבערן צימער דער פאַרצווייפלטער הילפס געשריי פון קראַנקן.

יע, פון קראַנקן. דאָס רופט ער אים. אָבער יענער דאָרט שטייט און קוקט צו אים מיט דעם זעלבן שמייכל און דער זעלבער פּאָזע מיט איין האַנט אין בוזים, די צווייטע פריי ביי דער זייט, וואַרט ער אויף אים ער זאָל גאָר פרואוון צוגיין?

איר זייט איינגעשלאָפן, אייזנער — הערט ער דייטלעך עמיצנס ווייכע בעטנדע שטים. ווער? ער געשלאָפן? אָ, עס איז איר, קלאַרא. חלילה? געשלאָפן גאָר!

מען דאַרף דעם אַפּאַראַט אָנשטעלן . . . אַט שוין. — כאַפּט ער זיך דרייסט אויף ניט דערוועגנדיק זיך א קוק טאָן אהין אויף דער וואַנט און גייט גלייך צום אַפּאַראַט און טוט וואָס ער דאַרף, גיט דעם קראַנקן דאָס טרייבל אין מויל. קלאַרא האָט דערווייל דעם צימער ליכטיקער געמאַכט און אייזנער האָט זיך מיט מער מוט אָנגענומען און צו דער מיסטעריעזער וואַנט א קוק געכאַפּט און האָט זיך שיר צעלאַכט. אין א סאַמעטענער ראַם איז געווען דעקאָרירט יעקב בליצשטיינס בילד וועלכע איז געהאַנגען דאָ אויף דער וואַנט. ער דערמאָנט זיך איצט אז דאָס איז דאָס בילד וואָס קלאַרא האָט געלאָזט מאַכן צו בליצשטיינס געבורטסטאָג. עס איז געווען דאַן א סורפּריז. ער איז געלאַדן געוואָרן און נאָך א סך באַקאַנטע גוטע פריינט, און ער געדענקט ווי איצט די גליקלעכע יונגע שיינע קלאַרא, דעם צופרידע־נעם אומגליקלעכן חבר זיינעם יעקב בליצשטיין, און ער מאַכט ניט ווילנדיק א פאַרגלייך צווישן דעם חבר זיינעם דאָרט אויפן בילד, און דעם וואָס ליגט אַט דאָ, א געלער, אויסגעדאַרטער, פאַרקרימטער און פאַרקריפּלטער, און ער הערט זיך אומיסטנע איין צו דעם כאָרכלען וואָס טראָגט זיך פון קראַנקנס ברוסט און צו דעם פּוסטן קלאַנג וועלכער הילכט אָפּ פון אינווייניק פון זיין גוף ווען די טראָפּנס פון דער פליסיקייט פאַלן דאָרט. און פון אים צו דער יונגער, נאָך גאַנץ שיינער פרוי וואָס זיצט דאָ לעבן אים אויפן ראַנד פון בעט א פאַרצאַרנטע, באַטריבטע מיט געשוואָלענע אויגן פון שטענדיקן וויינען און ניט דערשלאָפן. און ער דערמאָנט זיך דעם אכזריותדיקן פּסק־דין פון דאָקטאָר, ווען ער האָט אים געפרעגט אויפן צושטאַנד פון זיין קראַנקן פריינט: „עס איז א פראַגע פון טעג און אפשר פון שטונדן און יעדע מינוט קען מען דערוואַרטן”. און דער גאַנצער טרויעריקער ערנסט פון דער לאַגע ווערט פאַר אים קלאָר און א געפיל פון שאַנד און עקל צו זיין נאָר וואָס איבערגעלעבטן שרעק, צו זיינע קליינלעכע עגאָאיסטישע איבערטראַכטונגען, און איבערלעבונגען, צו זיין פּחדנות און זעלבסטזיכט, דערוועקט זיך אין אים, און אים ווילט זיך מיט עפּעס טרייסטן די אומגליקלעכע קלאַרא, די אמתע פריינדין פון זיין פריסטער יוגנט מיט עפּעס העלפן.

איר זייט מידי, הער אייזנער. גייט לייגט זיך צו אביסל. איך וועל דאָ זיצן, — הערט ער קלאַראַן רעדן. ניין! ניין! ער וועט עס ניט טאָן. ניין. איך פאַרזיכער אייך. גייט. לייגט איר זיך צו, איך בין ניט שלעפעריק. איך וועל דאָ זיצן, זיצן די גאַנצע נאַכט. וועל אויך מאָרגן קומען, כסדר, ביז ער וועט געזונט ווערן. און אים פאַרדריסט אויף זיין היפּאָ־

קריסוואַ אין אזא ערנסטן מאָמענט. און ער כאַפּט א זייטיקן בליק אויף דער יונגער פרוי און באַמערקט ווי די ווינקלען פון מויל האָבן זיך ביי איר עפּעס ווי מאָדנע פארקרימט ביי די ווערטער. אויך זי פילט און ווייס דעם גאַנצן ביטערן אמת: "עס איז א פראַגע פון טעג און אפשר פון שעהן".

און א מאָדנע שטילקייט דרינגט אריין אין צימער. עס הערט זיך נאָר דער שווערער הייזעריקער אָטעם פון קראַנקן און דאָס שטענדיקע זידן פון וואַסער־שטאַף אין פלאַש אויפן טישל.

ווען די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון האָבן אויף מאָרגן דעם קראַנקן צימער באַלויכטן, זיינען זיי געפאַלן אויף צוויי מענטשן: יעקב בליצשטיין, א קראַנקער, א פארקרימטער און אויסגעדאַרטער אין די לעצטע טעג, און פיליכט שטונדן פון זיין לעבן, איז געלעגן און געקעמפט מיט די לעצטע קרעפטן פאַר א טראָפּן לופט, וועלכע ער האָט געזוכט איינצוזאַפּן אין זיך, נאָר וועלכע האָט זיך געשפּאַנט צוריק ניט געפינענדיק קיין פרייען צוטריט צו די לונגען. און דוד אייזנער איז געזעסן ביים אָפענעם פענצטער איינגעוויקלט אין א וואַרימען ראָק און מיטן פולן האַרצן איינגעזאַפּט די פרישע מאָרגן לופט. עפּעס ווי א נייע וועלט וואָלט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט, איז ער איצט געזעסן ביים פענצטער און באַטראַכט יעדע דערשיינונג און געוואָלט עס צעגלידערן און אויסגעפינען דעם אמת תוך און אמתן זין.

דריי פארשיידענע געדאַנקען האָבן זיך איצט געפלאָנטערט אין זיין מוח ווי דריי פארשיידענע שנירלעך וואָלט עמיצער דאָרט געצויגן. און אָט זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען און אַלץ איז געוואָרן איינס. און אָט זיינען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען און אַלץ איז געוואָרן פארשיידן. דאָס לעבן, דער טויט, און דער זינען פון דעם אַלעמען.

פון זיינע אַלע ביינאַכטיקע איבערלעבונגען זיינען פארבליבן ביי אים נאָר צוויי אין זיין זכרון וועלכע ווירקן נאָך און באַהערשן זיין געמיט. דער ערשטער, ווי ער האָט קוים איינגעבעטן קלאַראַן זי זאָל שלאָפן גיין, ווי ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט וועלכע איז געווען אַזוי וואַרים, העלפנדיק איר אויפשטיין פון בעט האָט ער באַרירט איר טאַליע, און ער האָט איר געהאָלפן צו דער טיר גיין. און א מאָדנע וואַרימקייט האָט זיך צעגאָסן פון איר לייב און דורכגעדרונגען זיין גאַנצן קערפּער. ער איז א צייט לאַנג געשטאַנען נאָך ביי דער פאַרמאַכטער טיר דורך וועלכער זי איז נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען און אים האָט זיך געדוכט אַז ער זעט זי נאָך אַלץ, אָט אַזוי ווי מען זעט די ליכטיקייט פון דער זון נאָכדעם ווי זי איז שוין לאַנג פארגאַנגען.

דער קראַנקער האָט איבערגעלעבט איינע פון יענע אָנפאַלן ווען עס דוכט זיך אַז עס איז דער לעצטער פארצווייפלטער קאַמף צווישן לעבן און טויט. מיט זיינע לעצטע קרעפטן האָט ער זיך געהויבן פון אָרט, זיך איינגעריסן מיט די נעגל אין קישן, זיך געריסן און געמאַטערט. א שווערער שווייס האָט געדעקט דאָס פּנים. די אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן און ווי פארגלייזט געוואָרן, אין האַרצן האָט געכריפּעט און געכאַרכלט.

ער האָט אים געהאָלפן מיט אַלץ ווי מען האָט אים אָנגעזאָגט. גע־וואַרימט פלעשער, געריבן מיט אַלקאָהאָל, געגעבן מעדיצין און די גאַנצע צייט האָט אַ ווילדע מחשבה געזעגבערט אין מוח: צו וואָס דאָס אַלץ? און אַ בילד וועלכע ער האָט אַמאָל ביי גאָרקין געלעזן קריכט אומאויפהערלעך אין קאָפּ: אין אַ טיפן גרוב אין אַ דאָרף איז אַ פערד אריינגעפאַלן און דעם רוקן איבערגעבראָכן. דאָס גאַנצע דאָרף איז זיך צוזאַמענגעקומען און גע־קוקט ווי עס מוטשעט זיך אין שווערע מאַטערנישן די אומגליקלעכע חיה. אַלע קרעכצן. אַלע באַדויערן. אַלע האָבן רחמנות. נאָר אָט גייט מיט זיין גרויסן האַמער מיקיטאַ דער שמיד. ער גייט גלייך אין גרוב, פאַרמעסט זיך מיטן האַמער: איינס־צוויי. דער פערד ליגט שוין אויסגעצויגן פריי פון יסורים: אָט דאָס איז אמתע רחמנות, אמתע הילף! און ער שרעקט זיך פאַר דעם שרעקלעכן בילד, און דאָך טיף אין האַרצן גראָבט און עגבערט דער געדאַנק: אָט דאָס איז אמתע רחמנות, אמתע הילף! און ער דערמאָנט זיך ווי אין די מינוטן, ווען דער חולה פלעגט באַפרייט ווערן פון די שמערצן פון ליידן, פלעגט ער אומיסנע פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך וועגן זיינע פּלע־נער אויף דער צוקונפט און מערקווירדיק, ווי אויף קיין איין מינוט האָט ער ניט באַוויזן אַז ער דענקט אַז אַלץ איז געענדיקט. פאַרקערט: ער איז געווען פולשטענדיק זיכער, אַז אַלץ וועט איבערגיין. דער עיקר ער זאָל נאָר האָבן כוח דאָס אַלץ איבערטראָגן. אָט דאָס שטיקעלע דאַרף זיך נאָר אָפּרייניקן (ער פלעגט ווייזן אויפן האַרצן) וועט אַלץ זיין גוט. וועל קענען עסן, וועל זיך פיקסן, און זיך נעמען אַ וואַקיישאָן. נעמען קלאַראַ, פאָרן אין די וואַרימע לענדער.

אָט אַזוי האָט עס געפּלאַנעוועט, דער חולה, אין די מינוטן, פריי פון ווייטיק.

און אייזנער, זיצנדיק איצט ביים פענצטער, איינזאַפּנדיק מיטן פולן האַרצן די פרישע מאַרגן־לופט, באַטראַכטנדיק די שטאָט וואָס האָט אויפסניי צום לעבן דערוואַכט נאָך אַ נאַכט פון שלאָף; באַטראַכטנדיק די מענטשן וואָס לויפן, פאָרן, פאָרן דאָ פאַרביי פאַר אים; באַטראַכטנדיק די פייגעלעך וועלכע פליען אַרויף און אַראָפּ און פאַרהילכן די וועלט מיט זייער סווים־טשעריי, — האָט ער געוואָלט אַלץ אין איין פּאַקום צוזאַמענברענגען.

"עס איז אַ פראַגע פון טעג און אפשר פון שטונדן, און יעדע מינוט קען דער סוף קומען".

און ערגעץ טיף אין האַרצן צעגיסט זיך אַ באַקאַנטע מחיהדיקע וואַ־רימקייט און וועקט, שאַפט און וועקט נייע געדאַנקען, נייע פאַרלאַנגען. ער דערקאָנט די וואַרימקייט. עס איז פון קלאַראַס ווייכער האַנט, פון איר וואַרימער צערטלעכער טאַליע. און אַלץ ווערט דוכט זיך קלאָר און פאַר־שטענדלעך.

און ווען די כאַרכלענדע טענער פון חולה וועקן אים פון זיינע מחשבות, גייט ער מעכאַניש צום בעט און טוט וואָס מען דאַרף.

טרערן

טרערן

ער האָט זיך אַליין ניט געגלויבט אַז דאָס איז זיין שטימע געווען וואָס האָט זיך געריסן ווי פון אַ פאַרשפּאַרטער תּפיסה; די לופט געשניטן און אָפּגעקלונגען אַזוי מאָדנע אין די אויערן, אַז ער האָט ניט געוואוסט פאַר זיכער צי אַזוי ליאַרימט, ברומט און באַקלאָגט זיך אַליין אַן אָקס געפירט צו דער שחיטה; צי דאָס איז דער לעצטער ברום און כאָרכלען פון אַן אָקס וועמעס האַלדז איז שוין איבערגעשניטן און דאָס בלוט שטראָמט שוין פון דער אָפענער וואונד, און די אויגן פאַרגלייזן זיך און קוקן צום לעצטן מאָל אויף דער מערדערישער וועלט.

ער האָט אַליין ניט געוואוסט צי דאָס איז זיין האַרץ טאַקע, וואָס פּרעסט זיך צוזאַמען ווי פון אייזערנע צוואַנגען געדריקט, און ברענט און שמערצט מיט צענדליקע אָפענע וואונדן, — צי עמיצן אַנדערש האַרץ ווי עס איז זיין אייגן לייב איבערגעגאַנגען און ברענט און גליט און צופּט.

ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָרום אַלע אַרום אים קוקן מיט אַזעלכע פאַרקרימטע רחמנות־פּנימער. וועמען בעט זייער רחמנות, וועמען בעט זיי מיטוויינען? זיין ווייטיק איז עס. און ווי אַזוי קומט זי אַהער? פאַרוואָס רייסט זי זיין האַרץ אויף צוויי מיט איר פאַרזוך צו טרייסטן אים, מיט אירע ציטערנדע ליפּן און רויט געשוואָלענע אויגן?

ער האָט ניט פאַרשטאַנען. ביז דער שוואַרצער נעבל וואָס האָט איינגעהילט זיין מוח האָט זיך אָפּגעוויקלט, און ער האָט זיך דערזען ליגנדיק מיט אָפענע אויגן ביים אָפענעם פענצטער, פון וואַנען אַ קילער האַרבסטווינטל האָט געבלאָזן אים גלייך אין געזיכט.

אין דרויסן איז געווען פאַרוואָלקנט. דער הויף האָט געטראָגן סימנים פון אַ שטאַרקן שלאַגס־רעגן. אומעטום זיינען געשטאַנען קאַליזשעס מיט וואַסער. די ביימער האָבן אומויפהערלעך געזשומעט און געוויגט זיך. דער ווינט האָט אומרחמנותדיק געריסן די פאַרגעלטע בלעטער פון די ביימער, זיי געדרייט אין דער לופט און צעטראָגן אין אַלע עקן פון דער וועלט. פיל בלעטער זיינען טאַקע באַלד אויפן אָרט צוריקגעפאַלן און אין דער שוואַרצער בלאָטע פאַרזונקען געוואָרן; אַנדערע, אָבער, זיינען מיטן ווינט אַוועק. ער האָט מעכאַניש נאָכגעפאָלגט די פליענדיקע בלעטער, ווי זיי טראָגן זיך פיל אין דער הויך, אַנדערע צפון, דרום, מזרח און מערב. און יעדן מאָל ווען אַ בלאַט איז צו דער ערד געפאַלן אין וואַסער אָדער בלאָטע פאַרזונקען, האָט זיך זיין שמערצנדע וואונד אין האַרצן אַ צאַפּל געטאָן, און ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען.

ווי אין אַ קאַלעידאָסקאָפּ זיינען פאַרבייגעגאַנגען אין זיין מוח אַלע זיינע איבערלעבונגען פאַר די לעצטע ניין חדשים, — זינט זיין בחור איז

מיטן אידישן לעגיאָן קיין ארץ ישראל אוועק. ער געדענקט אזוי קלאָר און דייטלעך זיין צוווייענדיקן געפּיל ווען זיין 16 יאָריק בחורל האָט אים אין א שיינעם פרימאָרגן ביים פרישטיק־טיש דערקלערט, אין פשוטע ווערטער, אז ער האָט זיך פארשריבן און גייט העלפן אין דער מלחמה צו דעראָבערן ארץ־ישראל.

ער האָט ניט פּראָטעסטירט: ווי האָט ער עס דען געקאָנט טאָן? אז טיף אין זיין הארצן איז ער געווען שטאָלץ וואָס זיין זון באגרייפט די לאגע ווי ער: טיף אין הארצן האָט ער געוואונטשן אז ער אליין וואָלט קאָנען מיטגיין מיט אים און זיין ביי זיין זייט אין אלע צייטן, אָבער, אין אן אנדער ווינקל פון זיין הארץ האָט זיך א וואונד געעפנט און מיט יעדער מינוט אליץ גרעסער און ברייטער געוואָרן. ער האָט קיינעם פון זיין וואונד און שמערץ ניט דערציילט; מיט דער קלענסטער באוועגונג ניט פאר זיין פרוי, ניט פאר קיינעם זיך ארויסגעגעבן ווי טיף און שמערצלעך זיין ווייטיק איז. ער האָט אפילו פאר זיך אליין מורא געהאט זיך מודה זיין אין זיין ווייטיק. איז וואָס פאר א רעכט האָט ער אויף זיין קינד, אויף זיין זיכערהייט און פרידן ווען א האלבע וועלט פארגיסט בלוט? א האלבע וועלט איז עלנד געשטירצט! ווען צענדליקע טויזנטער זיינען אבלים? אָבער יעדן מאָל וואָס זיינע אויגן האָבן זיך מיט די אויגן פון זיין זון באגעגנט, פלעגט ער פילן ווי די וואונד אין זיין הארצן ווערט טיפער און ברייטער.

זיין הויז איז פאר אים א גיהנום געוואָרן. דאָרט גייט זי, די פרוי זיינע, ארום מיט פארשוואָלענע אויגן און ציטערנדע ליפּן, און אירע אויגן ווען זיי קוקן אויף אים ווערט אים דאָס הארץ פארשטאָרבן. אירע שטילע פּראָטעסטירנדע מוטערשע בליקן, ווי זיי וואָלטןריידן: "גזלן, וואָס שוויגסטו? מיין קינד! מיין בלוט גייט צו דער שחיטה"! אָט דער בליק פון איר, פלעגט אים שרעקן, און אין כעס ארייגברענגען, און פון הויז פארטרייבן. זיין הארץ אָבער איז דערפון ניט געשטילט געוואָרן; זיין וואונד ניט גע־היילט און זיין מיינונג ניט געביטן.

ער האָט דערפילט ווי זיין לעבן איז מיט איינמאָל אויף צווייען פאנאנדערגעטיילט געוואָרן! אויף דאָס לעבן פון זיין הארץ און דאָס לעבן פון זיין קאָפּ.

זיין מוח האָט אים דיקטירט אז וואָס זיין זון טוט איז רעכט; אז אזוי און ניט אנדערש דארף האנדלען א שטאָלצער איד און מענטש; אזוי און ניט אנדערש דארף האנדלען זיינס א קינד. — אזוי וואָלטן אלע באַ־דארפט האנדלען, וואָלטן זיי אזוי געהאנדלט וואָלט גאנץ אנדערש געווען דער אידישער נאָמען אין דער וועלט! זיין הארץ אָבער האָט אים צום בילד פון זיין זון געטריבן און פאר שעהן פלעגט ער זיך איינעסן מיט די אויגן אין דעם פאפירענעם בילד פון זיין קינד, ווי ער קוקט אויף אים מיט זיינע שמייכלענדיקע אויגן, קינדערשער נאאיוויטעט, ווי יונג ער איז נאָך, און ווי שיין, ווי בליענד! און שטייענדיק ביי זיין בילד, פלעגט ער זיך פאָרשטעלן זיין קינד אין כאַלדאַטסקע קליידער, ווי ער מאַרשירט אונטער דער גליענדער טראָפּישער זון פון די אראבישע סטעפּעס: דער שווייס רינט איבער זיין פּנים, די פיס געשוואָלן און צעטרעסקעט, דאָס בלוט רינט פון דער צע־שפּאָלטענער הויט און קייקלט זיך אראָפּ צו די שיך. ער פאלט צו דער

גליענדער זאמד און דער סארדזשענט שלאָגט אים מיט דער לינקער זייט פון ביקס און טרייבט אים: "שטיי אויף פוילענדער!" — און ער שטייט אויף און פאלט ווייטער. און ער כאפט דעם בילד און פרעסט עס צו די ליפן און רייסט זיך אָפּ מיט גוואלד פון דעם און אנטלויפט פון הויז, פון זיך, פון זיין הארץ. ער אנטלויפט און באַהאלט זיך אין זיין מוח, דאָרט איז ער געזיכערט. אין דעם קעניגרייך פון זיין מארך איז ער א גאנצער דעספּאָט, און העלד; דאָרטן ווערט ער א גאנצער פילאָזאָף!

דערזעט ער זי מיט די פארוויינטע אויגן, מיט די ציטער־דיקע ליפן, וועלכע שעפּטשען אין דער שטיל "מיין קינד! גזלנים, פארוואָס קומט עס מיר?" ברענגט עס אים אריין אין עכטן כעס:

"א מיוחסת ביסטו ביי דער וועלט. א האלבע וועלט מאמעס קלאָגן שוין אויף די קברים פון זייערע קינדער און דו ווילסט דיינעם אונטערן פארטוך באהאלטן? און וואָס איז בכלל דאָ צו קלאָגן? קלאָגן דארף מען אויף די וועלכע ווערן ווי מייז אין די נאָרעס פארטרונקען און דערשטיקט; וויינען און גיסן טרערן דארף מען אויף די וועלכע פאלן ווי די פליגן אויף פרעמדע שלאכטפעלדער. אונדזער קינד גייט פאר זיין לאנד, פאר זיין פאָלק קעמפן".

ער ווייס אז זיינע רייד איבערצייגן זי ניט. אָבער ער קומט אריין וואָס ווייטער אין גרעסערן צאָרן און ער דעבאטירט שוין ניט מיט איר נאָר מיט דער גאנצער וועלט, מיט דער גאנצער אידישער סביבה, וועלכע איז אזוי פארדאמט פחדנותדיק און עגאָאיסטיש. רק זיי וואָלטן מציאות גע־כאפט די טארגאשעס און דערפאר טאקע כאפן זיין אלעמאָל די פארפוילטע סחורה און צאָלן און צאָלן.

פון א מאקאבייער פאָלק, פלעגט ער טענהן מיט כעס, זיינען מיר א וואנצן פאָלק געוואָרן, מיט א וואנצן פסיכאָלאָגיע. זיך לאָזן אויסראטן אָן פּראָטעסט, אָן ווידערשטאנד. און קומט די באלעבאָסטע מיטן טאָפּ אָקריפּ, צעלויפט מען זיך און מען צעקריכט אין נייע שפּאלטן און נייע לעכער כדי די הייליקע וואנצן־עקזיסטענץ פאָרטזעצן; קינדער צו דער חופה פירן און נייע וואנצן דורות דערלעבן. ביז א נייער טאָפּ אָקריפּ וועט קומען און אָפּבריען אייך . . . און מיט כעס און עקל זיך אָפּקערן פון אלץ און אלעמען, און אוועק.

נאָך אזעלכע שמועסן פלעגט לעווין דערפילן אז גערעכט איז פאָרט דער קאָפּ, און אז זיין הארץ מוז זיך בויגן פארן קעניג קאָפּ.

די פאָר וואָכן צייט וועלכע זיינען פארבליבן ביז דעם אָפּפאָרן פון דער פּארטיע אין קאמף אריין, זיינען געווען פאר לעווינען טעג פון אומאויפהער־לעכע פייניקונגען.

די גאנצע הויז איז געווען צעטיילט אין צוויי פיינדלעכע לאגערן. ער און די קינדער וועלכע זיינען אין אלץ מסכים געווען מיט אים און גע־האלטן פאר אים, און זי, די מוטער, וועמענס פּראָטעסטן און קלאָגן זיינען שארפער און שמערצלעכער געוואָרן מיט יעדן טאָג, אירע טרערן האָבן אים צוערשט געערגערט, אין כעס אריינגעבראכט, האָט זי אויפגעהערט וויינען

אַפּן, נאָר באַהאַלטענערהייט, אין זיך. די נעכט זיינען געוואָרן אמתע גיהנומס. פּייניקונגען פאַר אים. פון זיין געלעגער פלעגט ער דייטלעך הערן אירע מאַטערנישן; פאַר שטונדן פלעגט זי אָפּליגן אין דער פּינצטער, זיך וואַרפן פון איין זייט אויף דער צווייטער, זיפצן שווער און אויסברעכן אין אַ שטילן באַהאַלטענעם געוויין, פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און פּרובירן פאַרשטיקן די טרערן כדי ער זאָל ניט דערהערן. אמאָל, ווען פאַרמאַטערט פון וויינען פלעגט זי בלייבן ליגן האַלב באַוואוסטלאָז מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן, קוקן אין דער ווייטער פינצטערניש און עס פלעגט זיך איר פאָרשטעלן פאַרשיידענע בילדער. דאָ ווען איר בענטשיק איז נאָך אַ קינד געווען, מיט די שוואַרצע געקרייזלטע לאָקענעס און שוואַרצע גליענדיקע אויגעלעך, רונדעם געזיכט, ווי ער איז געווען אַלעמענס ליבלינג, ווי ער האָט געשטיפט און אַרומגעלאָפן; זיינע חכמות און קינדישע בריהשאַפט, און פלוצלונג בייט זיך דאָס בילד: עס שטייען מענטשן ביי די פענצטער, זיי רייסן זיך אין הויז, די שטוב איז פול מיט מענטשן נאָר אַלע שווייגן; עפּעס אַזוי מאָדנע נאָר ער, איר מאַן, שפּאַנט אום פון איין עק צימער צום צווייטן, צווישן אַלע פרעמדע. אַ בריוו האַלט ער און קנייטשט אים אין די פינגער און צענעמט אים און קנייטשט אים ווידער. זי ווייס וואָס דער בריוו איז: פון שלאַכטפעלד פון איר קינד, מען דאַרף קריעה . . . און זי שרייט אויס מיט אַלע כוחות: "אוי! מיין קינד!" און ער כאַפּט זיך אויף, גייט צו צו איר, ווייל זי טרייסטן, זי גראָבט זיך מיטן קאָפּ אין זיינע אַקסלען איין און באַנעצט זיי מיט טרערן. ער פילט אַז עס פעלן אים ווערטער זי צו טרייסטן; מיט אַ מוטערס האַרץ קען מען ניט פילאָזאָפירן. און ער בלייבט זיצן שטיל, ביים ראַנד פון איר בעט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. די קעלט פון דער נאַכט נעמט אים אַלע גלידער דורך, זיינע פיס ווערן פאַרגליווערט, עס טרייסלען אים די ציין אין מויל — און ער זיצט מיט איר האַנט אין זיינער און בליקט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט און וויל פון דאָרט אַן ענטפער באַקומען ביז זי שיקט אים אָפּ זיך איינצודעקן. און ער בלייבט ווידער אַליין מיט זיינע צוויי וועלטן: די וועלט פון קאָפּ און די וועלט פון האַרץ. דער קאָפּ פילאָזאָפירט, ברענגט הונדערטער ראיות און גיט אים אָפּ גערעכט; דאָס האַרץ שרייט צו אים, מערדער! דו וועסט זי הרגענען! איר טויט וועט אויף דיין קאָפּ פאַלן. בעל גאוה וואָס דו ביסט! וואָס גייט דיר אָן די וועלט? דיין קינד איז עס, דיין בלוט, וואָס ביסטו אברהם אבינו? אַ נייע עקידה ווילסטו מאַכן?

ניט בעסער פון די נעכט זיינען געווען די טעג. אַליין מיט זיך און מיט זיין אַרבעט, ווייט פון אירע טרערן און שטילן קומער פלעגט ער וועלן פאַריאָגן יעדער מחשבה פון דעם קומענדן טאָג פון אָפּשייד און פון דער גאַנצער נאָענטסטער צוקונפט; דורך פאַרשיידענע מיטלען האָט ער געוואָלט צווינגען זיין מוח צו טראַכטן, וועגן אַלץ אין דער וועלט נאָר ניט פון דעם. ער גייט איבער אין זיין מוח אַלע זיינע ביכער וואָס ער האָט אַמאָל געלעזן און וויל פון דאָרט אַ שטיץ פונקט פאַר זיך געפינען. ער וויל צווינגען דעם מוח זיין משרת, זיין רעטער ווערן. און ער העלפט אים אפילו אונטער, צו קומען אים צו הילף. ער גייט דורך אין געדאַנק גאַנצע פּאָעמען וואָס ער האָט אַמאָל אויף אויסווייניק געקאָנט און אַנטדעקט פלוצלונג אַז דער מוח טוט אים אָפּ אַ שפּיצל און טראָגט אים אונטער גאַנץ אַנדערע בילדער: בילדער פון איר, ווי זי גייט אַרום אין הויז און נעמט צונויף אַלע זיינע,

בענים, זאכן און באנעצט יעדעס פיצעלע מיט טרערן. ווי זי זיצט ביים טיש, און דאָס עסן אומבאַרירט, און גייט דורך דאָס לעבן פון איר בענילען, פון זיין געבורט ביז איצט. יעדער קלענסטער עפיזאָד פון זיין קינדיש לעבן לעבט אויף אין איר זכרון און ער ווערט איר אזוי טייער, אזוי נאָענט און אין געדאַנק טוליעט זי אים צו איר ברוסט דאָ אלס זויג קינד און אָט אלס צוויי יאָריקן שטיפער, און דאָ אלס שול קינד, און פלוצלונג בייט זיך די פּאנאראמע. זי זעט אים מיט נאָך הונדערטער טויזנטער ווי זיי גייען און גייען אָן א שיר, אָן א ברעג. אלע ארויף, ארויף איבער דער בריק צו דער גרויסער שיף וואָס דארף זיי אוועקפירן איבערן גרויסן פינצטערן ים. און זי שטעלט זיך פאר די שיף ביינאכט, שטיל גליטשט זיך די שיף איבערן וואסער, אלע פייערן אויסגעלאָשן ווי א שאָטן פון א גרוויזאמער חיה וואָלט זיך איבערן וואסער געגליטשט. אונטן אין די קאיוטעס ליגן זיי, די אידישע זין צווישן זיי. אויך איר בעני, וואָס טראכט ער איצט? טראכט אודאי פון זיין מוטער? און אפשר האָט ער אנדערע חלומות? אפשר חלומט ער א גרויסער העלד צו ווערן און מיט גרוים כבוד און ערע זיך אומקערן, מיט טיטולן און מע־דאלן באצירט? אפשר חלומט ער איצט ווי ער וועט דאָרט גרוים און בארימט ווערן. און וועט א שיינעם גליקלעכן זיווג טרעפן, און מיט איר, דער שענ־סטער בלום פון ציון צוריק צו זיין מוטער זיך אומקערן איר די טרערן אָפּ־ווישן און טרייסטן פאר אירע צרות, מיט נחת אָפּצאָלן . . . און עס צאַפּלט זיך די מוטער־הארץ צווישן האָפענונג און צווייפל. פלוצלונג ווערט אלץ טונקל. א שרעקלעכער פייף שניידט די לופט דורך. עס פאָלגט א קראַך און א צווייטער. א וואָלקן רויך און פייער רייסט זיך אויף פון דער מיט שיף און עס ווערט א געלויף פון טויזנטער פיס. די כוואליעס רוישן אויפן שיף און שווענקען אלץ אראָפּ און זי זעט אים, בענין, אין א העמד ביים ראנד פון שיף מיט אויסגעשטרעקטע הענט, מיט בעטנדע אויגן, מאמע ראטעווע מיך! און עס פרעסט זיך צוזאמען איר הארץ . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָך אזעלכע מאָמענטן דערפילט לעווין אז ער איז אן אנדער מענטש געוואָרן. אז ער איז מער ניט ער; אז ער, וועלכער האָט אויף זיין מוטערס טויט קיין טרער ניט פארגאָסן; ער, וועלכער האָט אלץ אזוי פילאָזאָפיש ארומגעגומען; ער, וועלכער האָט געהאט די רעפּוטאציע פון א מענטשן מיט א שטאָלענע הארץ; ער, וואָס האָט מסכים געווען צו זיין זונס שריט; ער דארף און מוז זיך אין די הענט נעמען . . . און נאָכאמאָל פארזאָגט ער זיין הארץ צו שטומען, זיין מוח ניט צו דענקען.

ער דערמאָנט זיך דעם לעצטן טאָג פאר זיין אָפּפאָרן. ער האָט שוין מיט זיך אָפּגעמאכט אז פאר אים איז עס א גרעסערער יום טוב ווי צו פירן א קינד צו דער חופה, ראיות האָט ער געהאט צענדליקער, אז עס איז בפירוש אזוי. דער לעצטער מאָלצייט צוזאמען איז אראָפּ שטיל, אָן באזונדערע טרערן. ער (בעני) האָט זיך געהאלטן ווי אלעמאָל. דרייסט, מוגטער און פריילעך, מיטן שטענדיקן שמייכל אויף די ליפּן. די אנדערע קינדער, די עלטערע, האָבן אונטערגעהאָלפן צו אָנהאלטן די זאָרגלאָזע און טרויערלאָזע אטמאָספערע. די מוטער האָט געהאט צו פיל צו טראכטן וועגן צוגרייטן פאר אים אלץ אין וועג אריין און אָנזאָגן אים אזויפיל: ערשטנס, וועגן בריות,

למעה״ש אַלע טאָג אַ בריוו. דערנאָך, ווי אַזוי ער זאָל זיך אָפּהיטן דאָס געזונט, זיך ניט פאַרקילן חלילה, ניט קאַליע מאַכן דעם מאָגן, אַזוי אַז דער מאָלצייט איז אַריבער אָן באַזונדערע טרערן.

צום סטאַנציע באַגלייטן אים, האָט ער אָפּגעמאַכט, וועט ער קומען אַליין אָן טאַראַראַם.

ער האָט זיך אומעטום געלאָזט גיין צו דער סטאַנציע מיט אַ האַלבער שטונדע פריער ער זאָל קאָנען אויף דער פּלאַטפאָרמע אַרויף און דאָרט אויף אים וואַרטן. אין מיטן וועג האָט ער אויף דער הויפּט גאַס דאָס שפּילן פון מיליטערישער מוזיק דערהערט. דאָס האַרץ איז ביי אים מאָמענטאַל ווי אָפּגעשטאָרבן, כּמעט קוקנדיק האָט ער געוואוסט אַז דאָס גייען זיי, די יונגע לעגיאָנערן: ער האָט זיך האַסטיק אַ וואָרף געטאָן דורך אַ הינטער־געסל און אין אייניקע מינוט צוזאַמען מיט די פּאַראַדירנדע געווען, אין איין אויגנבליק האָט ער אַלע געשלאָסענע רייען דורכגעקוקט און אים באַלד געפונען. ער געדענקט דייטלעך אַז זיין ערשטער געפיל איז געווען פאַרדרוס פאַרוואָס ניט ער אָבער זיין זון גייט עם פאַרויס מיט דער פאָן. דער קליינ־לעכער געפיל איז אָבער באַלד פאַרשוואונדן. ער האָט זיך געוואָלט אין דער רייע אַריינרייסן, ביי זיין זייט מאַרשירן. אַ קאָרפּאָראַל האָט אים אָבער באַלד אָפּגעשטויסן און אים די לינקע זייט פון דער ביקס באַוויזן, אויב ער וועט ניט פאָלגן.

דער אינצידענט איז אים שפּעטער שטענדיק אויפן געדאַנק געקומען. דאָס איז געווען דער ערשטער ווירקלעכער צוזאַמענשטויס מיט דער ווירק־לעכער סאָלדאַטשינע, וועלכער האָט אין אים אַרויסגערופן אַ באַזונדערן עקל צו איר גרויקייט און ברוטאַליטעט.

ווען ער האָט אים ביי דער סטאַנציע נאָכדעם דערזען, איז געווען איין מאָמענט וואָס ער האָט זיך שיר ניט פאַרלאָרן, — ווען ער איז אים אויפן האַלדז געפאַלן. ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט און זיך ווידער אין די הענט גענומען. העכער פון אַלעמען האָט ער די התקוה געזונגען. און איז איין ליד געענדיקט געוואָרן און עס איז שטיל געוואָרן, האָט ער באַלד אַ ניי ליד פאַרצויגן און די אָנוועזנדע האָבן עס אויפגעכאַפּט און צום ערשטן מאָל האָט אַ קאַנאַדער סטאַנציע פּלאַטפאָרם דאָס אַלטע העברייאישע ליד געהערט.

אין איינעם פון די פענצטער איז ער, זיין בעני, געשטאַנען מיט די לאַנגע שוואַרצע קרויזן, ברענענדע, ברוינע אויגן און שיינענדעם געזיכט. די ראַם פון פענצטער האָט אַרומגענומען זיין געזיכט, ווי אַן איינגעראַמ־טעם בילד. ער האָט מיטן אויג די גאַנצע לענג פון וואַגאָן באַקוקט, פון יעדן פענצטער האָבן יונגע געזיכטער אַרויסגעקוקט. ער האָט מיט באַזונדערן פאָטער שטאָלץ באַמערקט אַז זיין זון איז דער שענסטער פון אַלע. אַזוי זעט אַ בן־מלך, אַ געבוירענער פּרינץ און העלד אויס. און נאָך העכער האָט ער געצויגן דאָס ליד, און שטאָלצער געקוקט אויף דער וועלט: אַ נייער דור מכבים שטייט אויף, פּנו, פּנו דרך!

* * * * *

עס זיינען אַוועק די יום־טוב טעג פון מיטינגען און פּאַראַדן, באַנקעטן און דעמאָנסטראַציעס, און עס האָבן זיך אָנגעפאַנגען די מאָנאָטאָנע טעג פון דער גרויער ווירקלעכקייט. פון שרייבן בריוו און וואַרטן אויף בריוו; אַרויסקוקן אויף בריוו; פאַרטייטשן אַ בריוו. זיינע בריוו זיינען תמיד געווען קורץ און איינטאָניק, כמעט אויפן קאַזיאָנעם נוסח: "גאָט צו דאַנקען געזונט און פיל מיר זייער גוט", און לעווין האָט זיך אַליין געכאַפּט אַז אַלץ אָפטער און אָפטער ציט עס אים צו זיין בילד, און אַלץ לענגער און לענגער בלייבט ער דאָרט שטיין. דאָס בילד איז ביי אים ווי אַ מין רעליגיע געוואָרן; אַ מעדאַליאָן האָט ער דערפון געוואָלט מאַכן, ער זאָל עס כסדר מיט זיך מיטטראָגן; אַ צווייטעס פאַרגרעסערטעס בילד האָט ער געלאָזט מאַכן ביים ערשטן אַגענט וואָס איז צום טיר געקומען, און פון יענער צייט גענומען וואַרטן אַלע טאָג, ווען מען וועט עס שוין ברענגען.

די מלחמה נייעס וועלכע האָבן אים פריער גאַנץ ווייניק אינטערעסירט, האָבן איצט אַרומגעכאַפּט זיין גאַנץ וועזן. ער האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט יעדער צוג פון יעדער אַרמיי; ספּעקולירן אויף יעדער באַוועגונג פון דער אָדער אַן אַנדער אַרמיי. דער פאַרביטערטער קאַמף ביי ווערדון, די זיגן פון גענעראַל בינג, דעם הערויִשן ווידערשטאַנד פון די אַליִירטע אַרמייען אין איטאַליע, האָבן אים פאַרכאַפּט און ער האָט ווי אַ פעלד־מאַרשאַל גענומען ספּעקולירן מיט אַרמייען און לאַנד־שטרעקעס: טויזנט געפאַלן, טויזנטער פאַרוואונדעט. צען טויזנט מענטשן מוז מען אַהערשיקן, אַ צען דיוויזיעס אַהין. ער איז געוואָרן אַ שטילער מיטהעלפער פון פאָש גענעראַל שטאַב און האָט אָפטמאָל אויסגעגעבן אָרדערס נאָך איידער פאָש האָט געטראַכט פון זיי. ביז . . . ביז עס איז אָנגעקומען די לעצטע בריוו אַז אין גיכן ווערן זיי טראַנספּערירט צום שלאַכטפעלד.

דער גאַנצער באַגאַזש פון מיליטערישער קענטעניש האָט זיך איצט אויף זיינע אָרימע פּלייצעס אַראָפּגעלאָזט. אמת, פאַר אַלעמען און די אויגן, באַזונדערס פאַר איר, איז ער געבליבן דער זעלביקער סטאָיקער וואָס געווען און מיט קיין באַוועגונג, וואָרט אָדער מינע, ניט אַרויסגעגעבן זיין אויפרעגונג; דערפאַר אָבער, ווען אַליין מיט זיך, באַזונדערס ווען ער פלעגט לעזן די צייטונגען, האָט ער אָנגעפאַנגען איבערצולעבן די מאַטערנישן פון גיהנום. זיין גאַנצע באַקאַנטשאַפט מיט די שלאַכט פעלדער איז איצט אויפגעשטאַנען אויף אים און מער האָט ער קיין זאַך ניט געזען. די טרענטשעס מיט די זאַמד זעק אַרום, ווי מענטשן בראָדיען ביז די קני אין וואַסער און פון די קנעכל אין קויט און אין שמוץ; די מאַרשן מיט די אַטאַקעס; די אַרבעט ביי די קאַנאָנען און די אַרבעט ביי די מאַשין־ביקסן; די טויזנטער געפאַלן פון אונטן און פון אויבן האָבן איצט מאָנאָפּאָליזירט זיין מוח. און בילדער, איינע שרעקלעכער פון דער צווייטער, האָבן געשראָקן זיין געמיט און געהאַלטן דאָס איז שטענדיקער אָנשטרענגונג.

אומזיסט האָט ער געזוכט צעשטרייאונג; אומזיסט האָט ער געזוכט שטיצע ביי זיין מוח, ביים קאַלטן פאַרשטאַנד. די באַקאַנטע בילדער פון שלאַכטפעלד; ווי מענטשן וואַרפן זיך איינע אויף די צווייטע ווי ווילדע חיות; מיט שווערד, שפּיזן, ביקסן און עס ציטערן פייער עקספּלאָדירנדע באָמבעס, ווען גיגאַנטישע גראַנאַטן ווערן אַריינגעשליידערט אינמיטן פון אַ לאַגער

און הויבן אויף צוזאַמען מיט דער ערד אויף וועלכע זיי ליגן הונדערטער מענטשן און צערייסן זיי אויף שטיקער און צעטראָגן זיי און צעשליידערן זיי אין דער לופט, האָט אים פאַרפאָלגט אויף יעדן שריט און טריט.

באַדאַרפט געוועזן זיך איינבעטן אָדער אַריינגנבענען און מיטגיין מיט אים, האָט ער וואָס אָפטער זיך גענומען פאַרוואָרפן מאַכן. וואָס פאַר א רעכט האָט ער געהאַט אים צו לאָזן אַליין, א קינד נאָך. ניין, ער האָט קיין רעכט געהאַט צו זאָגן, גיי. ער האָט באַדאַרפט זאָגן קום. אפילו אברהם איז מיט זיין זון צו דער עקידה מיטגעגאַנגען, און ער האָט אַוועקגעשיקט א קינד אַליין . . .

אַזוי ווי ער האָט אויסגערעכנט האָבן זיי געדאַרפט אַרום ראש השנה אין די טרענטשעס אַריין און פאַרנעמען די פּאָזיציעס אין שלאַכט פעלד.

לעווין איז ווייט קיין פרומער ניט געווען נאָר עפּעס ווי א געהיימע קראַפט וואָלט אים געיאָגט און געטריבן איז ער גאַנץ פרי ראש השנה אין שול אוועק. ער האָט מיטגענומען דעם מחזור, דעם תהלים און טלית ווי אַז אַ מתער פרומער איד, ווי זיין טאַטע פלעגט טאָן, און זיך אויף זיין געדונגע־נעם פּלאַץ אַוועקגעזעצט.

זיין פּלאַץ איז ביים פענצטער געווען. אין דרויסן איז געווען פאַר־וואָלקנט. א האַרבסט רעגן איז געפאַלן צו דער ערד. א שטאַרקער ווינט האָט געהוזשעט אויבן און די דראָטן איבערן דאַך געוויגט; די ביימער הין און צוריק; א פויגל נעסט איז פון א בוים אַראָפּגעטראָגן געוואָרן און אין א דערבייאיקער קאַליוזשע פאַרשטעקט געבליבן. דער ווינט האָט די פעדערן פון נעסט איינציקווייז אויפגעהויבן און צעטראָגן. א שטאַרקערער ווינט האָט די נעסט אינמיטן פון קאַליוזשע צוגעטריבן און זיך גענומען שפּילן מיט איר: דאָ צו איין ברעג, דאָ צום צווייטן געטריבן. די נעסט האָט זיך געשיפט און געבויגן וואָס ווייטער אַלץ נאַסער און נאַסער געוואָרן ביז זי איז אויף שטיקלעך צעפאַלן און די קאַליוזשע איז מיט די דיקע היי באַדעקט געוואָרן.

מערדער! האָט זיך ביי אים א כריפּיקער געשריי פון ברוסט אַרויס־געריסן. אַלע אַרום אים האָבן גענומען קוקן אויף אים, מען האָט זיך גענומען הויבן פון די ערטער. אין עולם איז געוואָרן א געטומל. שאַ־שאַ . . . ער האָט איינגעגראָבן זיין פּנים אין פענצטער, זיין הייסן שטערן צו די קאַלטע שויבן צוגעפּרעסט און זיך איינגעהערט צו די קולות פון ווינט אין דרויסן און צו די קולות וואָס האָבן זיך פון עמוד געטראָגן׳ און צו דער שטימע פון זיין איינגענעם הארצן.

אַלע דריי האָבן אין פאַרשיידענע טענער געקלונגען און זיך אין איין האַרמאָנישער טריאָ צונויפגעגאָסן.

דער ווינט האָט די ביימער געבויגן אין אַלע זייטן און דער זשומע׃ פון די ביימער האָט זיך מיט קולות פון די מתפללים צונויפגעגאָסן. דער חזן האָט איצט מיט א פעסטער שטימע געקלאָגט מי יחיה (ווער עס זאָל לעבן) און מי ימות (ווער עס זאָל שטאַרבן) און מי בקיצו, ווער מיט זיין סוף און ווער ניט מיט זיין סוף, און עס קלאָגט דער חזן ווייטער מי במים! ווער דורך וואַסער און ווער דורך פייער, ווער דורך שווערד . . .

דער ווינט האָט אַ זשמוט טרוקענע בלעטער פון בוים אָפּגעפּליקט און זיי אין אַ ווירוואַר אין דער לופט געטומלט נעבן דרייען. מי בחרב האָט גענומען אין זיינע אויערן ווי מיט טויזנט גלעקער קלינגען. פאַר זיינע אויגן האָבן גענומען שוועבן די בילדער פון שלאַכטפעלד. די גאַנצע מלחמה איז צו אים ווי אַ ריזיקער געשפּענסט פון אַ פאַרקערפּערטן ווינט פאַרגעקומען אַ בייזע מערדערישע חיה וועלכע רייסט ביימער מיטן וואָרצל, וועלכע שפּילט זיך מיט די אומשולדיקע נעסטן, וואָס האָט ער צו מיינע פייגעלעך? וואָס וויל ער פון די בלעטער האָבן?

און דער חזן זעצט פאָר כצל עובד וכענן יעלה וכעלה נרדף, ווי אַ געיאָגטעם בלאַט . . . און דאָן איז עס געשען, מיט פאַרקלעמטע פויסטן האָט ער עמיצן גענומען דראָען אויפן קול, וואו איז דער שכל? וואו איז די רחמים? וואָס איז דער צוועק? מיין נעסט! מיין פייגעלע" און ער האָט אליין ניט געוואוסט און פאַרשטאַנען צי אַזוי ברומט אַן אָקס געפירט צו דער שחיטה אָדער אַן אָקס וועמעס האלדז איז שוין איבערגעשניטן און דאָס בלוט שטראָמט פון דער אָפּעגער וואונד.

דאָרי

"דאַדי"

פונקט ווי יעדער שטעטל האָט זיך איר משוגענעם, אזוי מוז יעדער שאָפּ האָבן זיין קרבן, פון וועמען מען זאָל קענען אָפּלאכן, חוזק מאכן, אָפּטאָן כל מיני שפּיצלעך, ארויסציען די פעדים פון מאשין, באהאלטן אלע לינקע ארבל פון די "באנדלס", אָנשטעקן "פּינס" אין בענקל, ווען יענער גייט ארויס אויף א מינוט און זיך קאטשען פאר געלעכטער, ווען יענער קארטשעט זיך אין דרייען פאר ווייטיק, האָבן "פאָן", ווען יענער שטייט דערשלאָגן און פארלאָרן זוכנדיק די ארבל. און כמעט אין אלע פאלן איז דער שאָפּ קרבן א שוואכער, אן אומגליקלעכער, א דערשלאָגענער, וועלכער טראָגט הונדערטער ווייטיקן אין הארצן, וועמעס מוח עס שפּאַלט זיך פון הונדערטער מחשבות איבער דער פארווּיסטער היים, פארלאָרענער יוגנט, צעבראָכענע האָפענונגען און וועלכער שטייט אָפּט מיט צען קעפּ העכער פון זיינע פּייניקער.

אין שאָפּ פון "דהי מאָדערן שוירט קאָ." איז דער קרבן געווען איינער א "דאָדי", א הויכער בלייכער יונגערמאַן, מיט איינגעפאלענע באקן, און דארער ברוסט, מיט א קאָפּ צעשויבערטע בלאָנדע האָר, און שטענדיק פארטראכטע, ווייט בליקנדע אויגן. דאָדי איז ניט געווען זיין נאָמען און אויך ניט דער איינציקער צונאָמען. אמאָל האָט מען אים גערופן "דודיאק", אז אנדערשמאָל "דודל", "יענקי דודל", אָדער גאָר "דאָד". עס האָט זיך געווענדעט אין וואָס פאר א פאל, ביי וועלכער געלעגנהייט. האָט זיך געמאכט, אז ער האָט זיך פארטראכט און געלאָזט לויפן די מאשין און פארפלאָנטערט די פאָדים האָט ער געהייסן: "דודיאק" האָט שוין אָנגעארבעט א "חתונה". האָט זיך א מיידל אויסגעדאכט, אז ער האָט באקומען א בעסערן "באָנדל" פון איר און זי וואָלט א בעלן זיין צו בייטן זיך מיט אים, האָט ער געהייסן "דאָד" — מיין באָנדל וועט זיין בעסער פאר אייך, א יאָ? היר יו אר, כא־כא־כא — און אוועקלויפן מיט א געלעכטער נאָך איידער "דאָדי" האָט צייט געהאט א וואָרט זאָגן. האָט מען אים אָפּגעשרויפט די נאָדל, ארויסגעצויגן די פאָדים, צוגעגנבעט די "קאפּס" און ער האָט געזוכט, ארומגעגאנגען פארלאָרן, צעטומלט, האָט ער דאן געהייסן: "דודל, יענקי דודל". קיינער האָט ניט געקאָנט דאָדין פון דער היים און נאָך ווייניקער האָט עמיצער פון שאָפּ געוואוסט עטוואָס וועגן דאָדין דאָ. קיינער האָט זיך ניט גענומען די קלענסטע מי ארייננצוקוקן אין דער נשמה פון דעם עלנדן, פאריאָגטן און פארהאסטן דודיאק, וועלכער שלעפּט אויף זיך איובס צרות. און וואָלט עמיצער געפּרוּווט ארייננקוקן בלויז אין זיינע אויגן אין מאָמענטן, ווען זיי פארטראכטן זיך, ווען זיי רייסן דורך די לופט און די ווענט פון שאָפּ און קוקן ווייט־ווייט איבער שטרעקעס און ימים און טראָגן אים איבער צו זיין היים, וואו ער האָט ניט געהייסן, ניט דאָדי און ניט דודיאק, נאָר דאוויד באריסאָוויטש, וואו ער האָט געהאט א ליבע טייערע היים מיט א קלוגן בכבודיקן טאטן און א שטענדיק שמייכלענדע און צערטלענדע מאמע, מיט פריינט, וועלכע האָבן אים געאכטעט, מיט פארערער, וועלכע האָבן אים געשעצט און א גליקלעכע

צוקונפט אים פאַרויסגעזאָגט, וואו ער האָט געחלומט, געהאַפט, געפּלאַנט און געבויט. וואָלט עמיצער אין אַזעלכע מאָמענטן אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן און געזען די פינקלענדע טרערן, ווי זיי בלישטשען אין די שוואַרצאַפּל און קייקלען זיך פון די אויגן און פאַלן אויפן קאַלטן מאַשין, אויף דער אַרבעט און אַרויפליינען אַ פריינדלעכע האַנט אויפן אַקסל און אַ פרעג טאָן פאַרטרויענסווערט: ״ברודער, דו וויינסט? דו טראַכסט? וואָס איז מיט דיר?״ — וואָלט ער דערהערט אַ געשיכטע פון אַ בן יחיד, פון בעלי־בתּישע עלטערן, וועלכע האָבן אין אים דעם גאַנצן זין פון זייער לעבן געזען, ווי מען האָט אים פון קינדווייז אָן געצערטלט, געהיט, געלערנט און דערצויגן, די גרעסטע קרבנות געבראַכט און איז גימנאַזיע געשיקט, דאָס העמד פון זיך געצויגן און די בעסטע רעפּעטיטאָרן און לערערס געהאַלטן, און ווען ביי אים האָט זיך אַ שטימע באַוויזן און אַ טאַלאַנט צו מוזיק אַנטדעקט, און דער פּראָפעסאָר האָט אים אַ גאָלדענע צוקונפט פאַרויסגעזאָגט, ווי גליקלעך אַלע זיינען געווען. וואָס פאַר אַ גאָלדענע חלומות האָט די קליינע גליקלעכע פאַמיליע געוועבט. און ווי אַ שטורעם אינמיטן אַ זומער טאָג איז געקומען די פּאָגראָמען כוואַליע און אַלעם חרוב געמאַכט, אַלע פּלענער צעבראָכן, אַלע חלומות צעריסן, אַלע אילוזיעס, אַלע האָפענונגען צעשטערט. אין אַ פרעמדן אַלקער וואַוינט איצט זיין מוטער און באַקלאָגט דעם טויט פון זיין פאָטער, דעם חורבן פון איר לעבן און פאַרגיסט טרערן אויף איר זון, איר איינציקע טרייסט, וואָס איז אַזוי ווייט פאַרפלויגן פון איר. זי וואַרט אויף אַ בריוועלע, זי וואַרט אויף אַ פּאָר רובל, איר איינציקער קוואַל דאָס לעבן צו דערהאַלטן. זי בעט ניט מער ביי גאָט ווי איין זאַך: כאָטש פאַרן טויט איין קוק טאָן אויף איר בן־יחיד, איר טרייסט, איר נשמה. קיינער איז אָבער מיט אַ פריינדלעכער האַנט ניט געקומען! קיינער האָט קיין צייט געהאַט אַריינקוקן דאָרטן אין פּנים אַריין . . . אַ שאַפּ, און אַ שניידער שאַפּ דערצו, איז אַ מין אָפּטיילונג פון גיהנום. יעדער אַרבעטער איז אַ פאַרשלאָסענע וועלט. יעדערער לעבט פאַר זיך. דאָרט הערשן אָפּט האַס, פאַראַכטונג, קאַמף פון איינעם מיטן צווייטן. און דאַרום איז געשען דאָס: הגם דאָרטן האָט שוין געאַרבעט אַ האַלב יאָר אין שאַפּ, האָט אים דאָך כמעט קיינער ניט געקאָנט. קיינער האָט זיך מיט אים ניט אינטערעסירט און קיינער האָט ניט חושד געווען, אַז ער איז עטוואָס מער ווי אַ געוויינלעכער שלימזל, וואָס איז פון גאָט אַליין באַשאַפן צו זיין אַ שאַפּ קרבן. ביז עס איז געשען אַ זאַנדערבאַרער צופאַל, וועלכער האָט מיטאַמאָל דאָרטן, דודיאַקן און יענקי־דודלען, פאַרוואַנדלט אין אַ דייוויד, אָדער מר. נאַטנזאָן, און אים אויפגעהויבן פון אַ שאַפּ קרבן צו אַ שאַפּ אָפּגאָט, פאַר וועלכן אַלע בוקן זיך, וועמען אַלע רעספּעקטירן, מיט וועמען אַלע ווילן זיך חברן, לעבן וועמען אַלע ווילן זיצן, מיט וועמען אַלע זוכן אַ געלעגנהייט צו רעדן און וועמען אַלע האַלטן פאַר אַ גליק מיט עפּעס צו העלפן, מיט עפּעס צו דינען.

עס איז געווען אין אַ נאָכמיטאָג שטונדע, ווען אַלע רעדער אין שאַפּ האָבן גערוישט, געריסן און געשיפּעט, ווען אַלע אַרבעטער וואַרפן זיך מיט אַלע אברים ווי פאַרצווייפלטע, ווי פאַרמשפּטע צו דעריאָגן, ווייל זיי האָבן, ווי עס דוכט זיך זיי, עפּעס היינט פאַרפוילט זיך און עס וועט חלילה פעלן צום צאָל. זיי טרייבן די נשמה, אַרבעטן מיט אַלע אברים, ניט אַכטנדיק אויפן שווייס וואָס רינט טייכנווייז פון די געזיכטער. זיי פאַרגעסן די מידקייט, אַלעם אין דער וועלט, אויסער איין זאַך, — דעריאָגן די צאָל. פּלוצ־

לונג האָבן זיך אַלע רעדער אָפּגעשטעלט, פון דעם מאָטאָר צימער האָט זיך עפּעס א שנײַדנדער סווישטש דערהערט. אַלע מאשינען האָבן גענומען לויפן בלויז מיטן כוח פון אינערציע, און זיך אָפּגעשטעלט. דער פאָרמאַן איז דורכגעלאָפן אהין צום ענדע שאָפּ, וואו דער מאָטאָר געפינט זיך. אַלע זיינען געבליבן זיצן אין א וואַרטנדיקער פּאָזע, אייניקע האָבן דערווייל דעם שוויים פון די געזיכטער געווישט, אנדערע די ארבעט צונויפגעלייגט און אין אָרד־נונג געבראַכט. אנדערע האָבן זיך גענומען וויצלען איבערן מאָטאָר, וועל־כער לויפט, לויפט און פּלוצלונג בלייבט ער ווי א נאַר. קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט, דערקוויקנדיק, אז עס איז א קליינער עקסידענט און באַלד וועט די מאשין אָנפאַנגען גיין. נאָר אָט האָט זיך באוויזן דער פאָרמאַן, לויפנדיק צום טעלעפאָן, דערקלערנדיק, אז עס וועט אפשר נעמען א שטונדע און א האַלב, ווייל מען מוז ארויסרופן א מאשיניסט. די זעלבע ארבעטער, וועלכע האָבן נאָר וואָס פון זיך אַזוי געיאָגט די נשמה און ניט פארגונען צו פארלירן א סעקונדע אויף א טרונק וואסער צו טאָן, דערהערנדיק פון אָנדערהאַלבן שטונדן פרייהייט, האָבן זיי זיך א הויב געטאָן פון די ערטער ווי נײַ־געבוירענע און גענומען לויפן אין „לאָנטש־רום״, שטופּנדיק און איבעריאָגנדיק איינער דעם אנדערן, ווי קינדער, וועלכע זיינען נאָר וואָס פון חדר אָדער געפענגעניש באפרייט געוואָרן, פארגעסנדיק אין די „באַנ־דלם״, אין דער צאָל און אין דער לאָד, וואָס די אָנדערהאַלבן שטונדן וועלן מאכן אין „פּיי ענוועלאָפּ״. ווי אויף צולהכעיס, איז אין דרויסן געגאנגען א שלאָגב רעגן, און קיינער האָט ניט געקאָנט טראכטן פון ארויסגיין. אַלע זיינען פארבליבן אין „לאָנטש רום״ און אין שאָפּ. יעדערער האָט גענומען פארווײַלן אויף זיין שטייגער די צייט. פון ערגעץ האָט זיך א טאַש קאָרטן ארויסבאוויזן. חברה האָבן גענומען שפּילן וויסט און זעקס־און־זעכציק. מיידלעך האָבן גענומען טאנצן, צוזינגענדיק זיך אַליין: „סימפּאטיע א סימ־פּאטיע״. איז א באזונדער ווינקל פון צימער האָבן זיך פארזאמלט די גע־וועזענע אין דער באוועגונג. די אינטעליגענץ פון שאָפּ, וועלכע האָט אמאָל געבונטעוועט, געקערט וועלטן און היינט איז מען יוניאָן־לייט. די גרופּע האָט גענומען זינגען לידער. מען האָט זיך דערמאָנט אין די אַלטע לידער פון די אמאָליקע גוטע צייטן און עס האָט זיך א צי געטאָן דער טרויעריקער נגון פון „זשערטוואיו פּאַלי״, טשאָרני וואָראָן״, מארסאַלעיז און אנדערע. עס זיינען דאָ געוועזן מיידלאך מיט קוויטשנדע שטימלעך, און גאָר אָן שטימען, וואָס האָבן געמיינט, אז זיי זיינען גאָר גרויסע זינגערינס. דאָס זעלבע, די מענער. מ'האָט גענומען מישן רעפּערטואַר, אַלעס אָנגעפאנגען, קיין זאך ניט געענדיקט, אראָפּ פון טאָן, זיך איבערהאקן, אינמיטן בלייבן שטיין ווי דערוואָרגן, און ווי געווײַנלעך אין אַזעלכע פאלן, ארויסרופן געלעכטער און סארקאסטישע באמערקונגען. נאָר אָט האָט זיך איינער דערמאָנט, ווער קאָן זינגען: „טשייקא״? — ווער האָט עס ניט געהערט „טשייקא״, עפּעס א קלייניקייט „טשייקא״! עס בלייבט בהסכם כלם: אַלע צוזאמען זאָלן זינגען „טשייקא״. קיינער האָט ניט באמערקט ווי ביי דעם וואָרט „טשייקא״ האָט דאָדי, וועלכער איז געזעסן אין א ווינקל, אינגאנצן ווי איבערגעביטן זיך און אָנגעשטרענגט אַלע זיינע חושים. דאָס וואָרט און די באַקאַנטע טענער געזונגען צעבראָכן און צעקאַליעטשעט פון אומוויסנדע און ניט מוזיקאַלישע מענטשן, האָט אים מאָמענטאַל איבערגעטראָגן אין אן אנדער וועלט. ער האָט זיך דערמאָנט אין יענעם אָוונט פון זיין ערשטן ארויסטריט אויף א וואויל־

טעטיקן קאָנצערט אלס זינגער. ווי ער האָט זיך פארבארייטעט צו יענעם צוונט, מיט וואָס פאר א הארצקלאפעניש ער האָט געווארט דעם גאנצן טאָג און דערנאָד דעם אָוונט. דער גרויסער זאל, מיט די באגילטע קאלאנאדן, געפאקט מיט מענטשן, באגאָסן מיט ליכט. דער אָרקעסטער שפּילט, עס זינגט דער כאָר, עפּעס פון קאוואלעריאַ רוסטיקאנא, און ער שטייט מיט זיינע נאָטן הינטער די קוליסן און ענדלעך טרעט ער ארויס. אָט איז געקומען זיין צייט. דער פּראָפעסאָר אקאָמפּאנירט אים. אין האל הערשט א טויט שטילקייט, אלע זיצן אָנגעשטרענגט און ער זינגט: "טשייקא", פון אָנפאנג שטיל, ווי דערציילענדיק א היילקן סוד, און וואָס ווייטער גייט ער איבער העכער. דאָס ליד דערציילט שוין פון ליידן, פון אומרעכט און גייט איבער אין פּראָטעסט. דאָדי פארגעסט דעם שאָפּ, פארגעסט וואו ער איז, ווער עס איז ארום אים, ער הערט די צעקאליעטשעטע טענער פון זיין ליבלינגס ליד און זעט דערין א פארשוועכונג פון זיין היילקטום, און ער פילט, אז ער איז גערופן צו פארטיידיקן. ווען חברה האָט איין כאָר גענומען זינגען "טשייקא", האָט זיך מיטאמאָל פון יענעם ווינקל, וואו דאָדי איז געזעסן, דערהערט א קלינגענדיקע טענאָרן שטימע, וועלכע האָט געצויגן די טענער פון "טשייקא" מיט אזא זיסקייט, מיט אזא הארציקייט, אז אלע האָבן מיטאמאָל איבערגעריסן און זיך צוגעהערט צו יענעם ווינקל. אָנפאנגענדיק דאָס ליד, האָט דאָדי שוין ניט געזען פאר זיך ניט דעם שאָפּ, ניט די מענטשן. ער האָט געזונגען פאר יענעם האָל, ווי אין דער נאכט פון זיין ערשטן ארויסטריט. ווי דאָמאָלסט איז ער געשטאנען און באכישופט אלע מיט דער הארציקייט פון זיין שטימע, מיט דער זיסקייט פון די טענער. די מיידלעך האָבן מיטאמאָל אויפגעהערט זייער טאנץ און געבליבן ווי פארשטיינערטע אויף זייערע פּלעצער. די קאָרטן שפּילער האָבן די קאָרטן אוועקגעוואָרפן און געבליבן זיצן מיט ברייט צעעפנטע מיילער. פון דער אנדער עק שאָפּ, וואו די מאשיניסטן האָבן געארבעט, האָט דאָס קלאפּן פון די האמערס און אייזן אויפגעהערט, עס האָט זיך דערהערט א לויפעניש. א שטול איז ערגעץ אומגעפאלן און צוויי פארשמאלטשעוועטע היטלען האָבן זיך אין טיר באוויזן און געבליבן שטיין. די טייפּרייטערקע אין אָפיס האָט די מאשין אינמיטן געלאָזט און צום טיר פון "לאָנטש רום" זיך א לאָז געטאָן, אונטער דער האנט פון מאשיניסט זיך דורכגעגליטשט און איז ביים וואנט, ווי פאר א תפלה, פארגליווערט געוואָרן. דער פאָרמאן האָט זיך אין טיר באוויזן און לכתחילה געוואָלט א בייזע מינע מאכן, האָט אָבער ניט געוואגט און איז אליין פארכאפּט געוואָרן. א ברייטער שמייכל האָט פּלייכט צום ערשטן מאָל זיין ברייט פעט פּנים באלויכטן און ער איז געבליבן שטיין מיט איבערגעקרייצטע הענט אויפן הארצן. און דאָדי? היינגעריסן פון זיינע דעראינערונגען פון זיינע אייגענע טענער, איז זיין גאנץ וועזן ווי איבערגעשאפן געוואָרן, און מיט יעדער נייער נאָטע, מיט יעדער נייער ווענדונג און מאָטיוו, איז ער אלס מער אין עקסטאז אריין! אין די איבערגאנגען פון צווייטן פערז, האָט אין זיין שטימע זיך דערהערט א טרער, פריער עטוואָס, ווי די ערשטע טראָפּנס פון א רעגן: א טראָפּן און אויפגעהערט, צוויי טראָפּנס און אויפגעהערט. נאָר וואָס ווייטער ער האָט געזונגען, האָבן אָפטער און שטארקער די טרערן אן אויסברוך געפונען און ווען ער איז צום פינאל געקומען, האָט ער ווי אָפּגעריסן. אין דעם איבעררייס, אין דעם פארענדיקן, איז געווען אזוי פיל הארץ, אזוי פיל נשמה, אז אלע אָנוועזנדע, וועלכע זיינען די גאנצע צייט געשטאנען פארכישופטע, אויף זייערע

ערטער. האָבן יעדער פאַר זיך חשבון הנפש אָפּגענומען, יעדערער האָט זיך גענומען דערמאָנען די באַליידיקונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, די דערנידעריקונגען מיט וועלכע מ׳האָט אים באַטיילט, און גענומען זיך איינקוקן אין דעם זינגערס געזיכט, אין זיינע אויגן, אין וועלכע עס בלישטשען די טרערן, אין זיין בלאַסן געזיכט.

ער איז דאָך גאָר אַן אַנדערער. ״וואו איז דאָדי־דיודאַלע אהינגעקומען? איז דאָס בלויז א קאַשמאַר געווען? אָדער איז דאָס זינגען א מין פאַרשטעלעניש?״ איצט, ווען דאָדי האָט געענדיקט און איז זעלבסט ווי פאַרשטיינערט אויף זיין פּלאַץ געבליבן, האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל צו אים א לאָז געטאָן. יעדערער האָט זיך געשטופּט, ווי צו א נייעם ליבן גאַסט מקבל פּנים זיין, יישר כוח אָפּגעבן, א פריינדלעכער וואָרט זאָגן. יעדערער האָט דערפילט אז א ברייטער טיפער תהום, וואָס האָט מענטש פון מענטש דערווייטערט איז ווי א כשוף אויסגעגליכט געוואָרן און מענטש האָט מענטש דערקענט און האַרץ האָט האַרץ דערפילט.

דבורהלע

דבורהלע

גאנץ פרי ווען די הייזעריקע און בייזע „פייפערס" פון די פאבריקן וועקן די גרויסע שטאט פון איר קורצן שלאף, ווען די גאסן פילן זיך אן מיט לויפנדיקע, יאגנדיקע, האלב פארשלאפענע ארבעטער און ארבעטערינס, ווען עס באנייט זיך מיט נייעם אימפעט דער רעש, געיעג, געפילדער און טומל פון דער פארהאוועטער שטאט, און ווען איך יאג זיך גלייך מיט אלע און שטופ זיך צווישן די פארהארעוועטע ניט אויסגערוטע מעגער און פרויען צום געפאקטן טראמוויי, — דאן טרעף איך זי, מיין יונג־אלט באקאנטע דבורהלע, שטענדיק אין דער זעלבער צייט, כמעט אויפן זעלבן פלאץ, און שטענדיק אנדערש ווי אלע. אין זומער ווי אין ווינטער מיט דער געקינסלטער בלום אויפן הארצן, שיין איז איר ניט שיינקייט, פארנעם און שטאלץ אין איר ארימקייט, שטענדיק נעט, זויבער, אפילו מיט גרויסע פרעטענזיעס אויף פוץ, גלייך ווי זי וואלט דאס איצט געפארן זייער חשובע געסט באגעגענען, און ניט צו א שווערן טאג ארבעט אין א פארשטיקטן „שאפ" ביי דער שיפנדיקער, צוקנדיקער, רייסנדיקער און שטענדיק זיך בייזערנדיקער מאשין.

און ווען איך זע זי אויף איר שטענדיקן פלאץ אין וואגן מיטן בלום פון געפארבטע שמאטעס אויף איר ברוסט, און קוק זיך איין אין איר בלאס אפגעצערט געזיכט, אין אירע אויגן מיט דעם פארלוירענעם גלאנץ, דערציילן מיר די בלום, די אויגן, איר בלאס געזיכט, איר פלאץ אין וואגן פון א טיפער לעבנס דראמע, פון א אידישער טאכטער, פון א צעשטערטן חלום, א פארלארענעם גן עדן, צעשמעטערטע האפענונגען פון א פארוויקלטער און פארלארענער יוגנט.

איך געדענק די זעלבע דבורהלע אלס קליין בארוויס מיידעלע, — דעם מזיק פון אונדזער שטעטל. א געפעסטשעטע און געליבטע מוזינקע פון אונדזער שכן ר' הערש בער, וועלכער פלעגט קיינמאל ניט קומען אהיים, ער זאל ניט ברענגען דבורהלען א גרויסן רויטן עפל, אדער א לאנגן שמעקעדיקן „בערגאמאט", א שטיינגל טרויבן אדער אן אנדער נאשעריי, מיט וועלכע דבורהלע פלעגט זיך שטענדיק טיילן מיט מיר, ווי גלייכע שותפים.

איך געדענק זי מיט אירע טונקל רויטע באקן, שטענדיק פארברענט פון זון מיט אירע לאנגע קאשטאנען האר, צעלאזט אין כוואליעס, צעפאטלטע. א קורץ סיצן קליידעלע ביז איבער די קני, גאנץ אפט צעטשעפעט, צעריסן. מיר שפילן זיך ביידע אויף אונדזער גרויסן בארג, וואס זיין גלייכן, ווי מיר דאכט זיך נאך איצט, איז גאר ניטא אויף דער גאנצער וועלט.

איך געדענק, אט ווי עס וואלט ערשט נעכטן זיין, ווי מיר שפילן אין איר ליבלינג שפיל: אין קייסער און קייסערינע. זי לויפט און שפרינגט איבערן גרינעם בארג, רייסט די געלע שמעקעדיקע „ראמאשקעס", די גרינע „קאלאטשיקעס" און פלעכט א קראנץ, א קרוין פאר זיך, דער קייסערינע.

זי ברעכט די יונגע צווייגלעך פון די אַלטע דעמבעס ,וואָס זיינען פול מיט די ברוינע "זשאַלודיעס" און פלעכט אַ קרוין פאַרן קייסער׳ פאַר מיר. זי קלייבט אויס דעם גרעסטן שטיין, וואָס ליגט ביים טייך, באַדעקט מיט גרינעם מאָך, און דאָרט מאַכט זי אונדזער טראָן און אַלעם ווערט פאַר איר באַלעבט. די גרעסערע ביימלעך זיינען אונדזערע גענעראַלן, די נאָך קלענערע וואָס שטייען דאָרט מיט די גרינע היטלען, די פּאָלקאָווניקעס׳ די נאָך קלענערע — די סאָלדאַטן, גאָר די קלייניקע וואָס זיינען אָנגעשאָטן און פאַרדעקן דעם גאַנצן ברעג טייך, זיינען די "מוזשיקעס". אפילו פאַר די זשאַבעס אין טייך האָט זי אַן אָרט געפונען אין אונדזער קעניגרייך. דאָס זיינען די פאַרשיקטע, די פאַרשאָלטענע אַרעסטאַנטן, וואָס רייסן זיך שטענדיק פון טייך און ווילן אַנטלויפן׳ און דערפאַר שרייען זיי, מען זאָל זיי דערהערן (דבורהלע האָט שוין דאַמאָלסט געוואוסט פון פאַרשיקטע, פון אַנטלאָפענע). איך געדענק זי דבורהלען, ווי שטונדן גאַנצע האָט זי געקאָנט ניט מיד ווערן יאָגן זיך נאָך פאַרשיידענע בלומען, און אַלע האָט זי זיי געוואוסט ביי די נעמען, און וואו אויף וואָס פאַר אַ פּלאַץ יעדע בלום וואַקסט. מיט דער גרעסטער מסירת נפש פלעגט זי קריכן אין די געפערלעכסטע שפּאַלטן פון די פעלזן און קלייבן די "איוואַן דאַ מאַריעס", די געקרייזלטע געאָרגינעס, "פאַרגעס מיך ניט". פאַר איר קלעטערן ווי אַ קאַץ אויף די ביימער נאָך אַקאַציע בליטן און נאָך ליפּאָווע בליטן האָט זי דאָס באַקומען דעם נאָמען מזיק. קיינמאָל האָט זי זיך ניט געקאָנט אָנזעטיקן מיט בלומען, און גאַרבן גאַנצע פלעגט זי זיי אָנקלייבן און זיך אַרומטראָגן מיט זיי, זיי אויסשטעלן אָדער אויסלייגן אַרום זיך, רעדן צו זיי, ווי צו לעבעדיקע, ווי צו חברים און ענטפערן זיי׳ גלייך ווי זי וואָלט זייער שפּראַך פאַרשטאַנען.

איך געדענק איינמאָל, ווי זי כאַפּט מיך פאַרן האַנט און לויפט מיט מיר, שלעפּט מיך נאָך זיך, שפּרינגט פאַרויס. דער ווינט צעבלאָזט אירע האָר, שטעלט זיי אויף, שפּילט זיך מיט איר צעריסן קליידעלע, פּאַטשט זיך מיט דעם איבער איר לייב, פּלאָנטערט עס צווישן אירע פיס, און זי לויפט און שלעפּט מיך נאָך זיך. זי האָט אַ ניי שפּיל אויסגעפונען. מיר קומען צום סאַמע ראַנד פון באַרג, ווי ער לאָזט זיך אַראָפּ ווי אַ גרינער טעפּיך אויס־געשפּרייט ביז צום עכטן ברעג פון טייך, וואו עס ליגן אין פאַרשיידענע פאָזן די גרויסע גרויע שטיינער, באַוואַקסן מיט מאָך.

זי לייגט זיך אוועק ביים סאַמע ראַנד פון באַרג, די הענט אויפן האַרצן. קוק! — שרייט זי צו מיר: און ווייזט מיר, אַז זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. אַ יאָ, פאַרמאַכט? און איידער איך האָב נאָך צייט אַ פּיפּס טאָן קאָט־שעט זי זיך באַרג אַראָפּ ווי אַ קייקלעכדיקער סנאָפּ, אָט מיטן פּנים אַרויף און אָט מיטן פּנים אַראָפּ. אירע קליינע הענטלעך באַוועגן זיך אין דער לופט, ווי די פליגל פון אַ ווינט מיל, אַרויף און אַראָפּ. איך בלייב שטיין אָן לשון, אַ דערשראָקענער. אָט אָט און זי ברעכט האַלדז און נאַקן, קלאַפּט זיך אָן אין אַ שטיין, אָדער פאַלט גאָר חלילה אַריין דאָרט צווישן די שטיינער אין וואַסער, ווי משה יאָסלס וויב עליה השלום האָט אַמאָל געוואַשן גרעט און אַריינגעפאַלן.מען ווייס עד היום ניט וואו איר געביין איז אהינגעקומען. און איך לאָז זיך לויפן אָן אַז אָטעם זי ראַטעווען און שריי מיטן גאַנצן כוח: דבורהלע! ניט! דבורהלע׳ מען טאָר ניט! אָבער ווען איך בין ערשט האַלב באַרג כאַפּט זי זיך אויף פון זאַמד ביים ברעג און צעלאַכט זיך מיט

א הילכיקן געלעכטער. און עס קלינגט אַפּ איר געלעכטער איבערן גאנצן טאָל און צעשיט זיך ווי זילבערנע גלעקעלעך איבער די קלאָרע וואסער פון לויפנ־דיקן טייך, און עס ענטפערט אַפּ מיט א געלעכטער אויבן דאָרט פון ביידע בערג צווישן, און עס צעטראָגט זיך דער געלעכטער ארויף צו די אלטע גרויע פעלזן. און טאָל און בארג, טייך און וואלד, ווערן פול מיט א גליקלעכן קינדערשן געלעכטער. דבורהלע וויים און פילט, אז דאָ איז די אמתע קעניגין, די זעלבסטהערשערין און אלס אזעלכע איז זי זיך נוהג.

די זשאבעס וואָס וואגן ארויסצושטעקן זייערע גרינע אויגן פון טייך, שיקט זי זיי אַפּ צוריק מיט א שטיינדל. ער ליגט דער שטיין אויף איר וועג, ער דארף גאָר זיין אין טייך, און מיט אלע אירע קליינע כוחות נעמט זי אים קאטשען צום וואסער און קוועלט פון דעם טומל, וואָס ווערט אין טייך, ווען זי וואַרפט אים אריין. דאָס וואסער איז צו שטיל, צו רואיק און זי וואַרפט שטייגדלעך, מאכט קאטשקעלעך, און דער גאנצער טייך באדעקט זיך מיט קליינע, גרעסערע, גאָר גרויסע רעדער.

איר געפעלט, וואָס טאָל און בארג קרימען נאָך איר געלעכטער. איך אָבער שטיי א צעשראָקענער, א צעטומלטער און בעט זיך ביי איר: דבורהלע, זאָלסט עס מער ניט טאָן, איך וועל דערציילן. אלס ענטפער אנטלויפט זי פון מיר, קלעטערט ארויף אויף א גרויסן שטיין וואָס איז אמאָל אונדזער ביידנס טראָן, און מיט איר גאנצער שטימע שרייט זי אוים וועל־וועל, קאָ—פעל, בע—ל לאָ—ק—שע—ן טר—ע—לבע—לי און טייך און טאָל, בארג און וואלד ענטפערן אַפּ וע—לוול, קאָ—פעל—בעל לאק—שן, טרעלבל.

"דבורה, קאפּוירע" — רייסט זיך ביי מיר פון מויל. עס ווילט זיך מיר איר אַפּצאָלן, איך האָב אָבער מורא, אז זי וועט נאָך ברוגז ווערן, און איידער איך באשלים עפּעס לויפט זי מיר שוין נאָך, האלטנדיק א גרינע זשאבע פאר איין פיסל און וויל מיר נאָר אין בוזים אריינוואַרפן. איך לויף, האָב מורא, בין ברוגז, איך לאָך אָבער ווייל זי לאכט אזוי הארציק און איך וויים אז אפילו די זשאבע וועל איך זיך לאָזן אריינוואַרפן ווייל אזוי וויל זי. זי פירט אַלץ אוים, וואָס זי וויל. אלע גיבן איר נאָך.

* * * * *

דאָס וואָס מיר האָבן גערופן אונדזער בארג האָט געהייסן קאמענקא, מחמת די גרויסע שטיינער, וואָס ארום טייך. פון דער אנדער זייט טייך איז אויך געווען פונקט אזא בארג, מיט פונקט אזעלכע שטיינער און עס האָט געהייסן רעקא־קאמענקא. דאָרט אין רעקא־קאמענקא האָבן געוואוינט נאָר גויים, דאָ ביי אונדז אין קאמענקא נאָר אידן.

רעקא־קאמענקא איז געווען באַרימט מיט אירע "פּראטשקעס" (וועש־ערינס). דאָס גאנצע שטעטל האָט געלעבט פון וואשן גרעט, געווייגלעך ביי אידן, טאקע פון קאמענקא גופא, אָבער הויפּטזאכלעך פון די אידן פון דער גרויסער שטאָט, וואָס דערביי, אזוי אז דעם גאנצן טאָג האָט מען אויף יענער זייט בארג כמעט קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געזען.

דערפאַר אין די בלויע זומער פאַרנאכטן, ווען די זון לאָזט זיך אראָפּ א גרויסע, א פייערדיקע פון יענער זייט רעקא־קאמענקא און לאָזט איבער

אויפן הימל אזעלכע פייער געלדענע פאסן, וועלכע צעציען זיך און צעשווימען זיך איבערן גאנצן הימל און ווי לאנגע שמשים צינדן זיי אן די חנוכה ליכטעלעך דארט אויבן; און עס הויבן אן צו פינקלען די פייער פינטעלעך און טאנצן אנטקעגן דער זילבערנער מאיעסטעטישער לבנה, וועלכע באוויזט זיך ארויס פון די שפיציקע סקאלעס און שוועבט אין בלויען לאזור, און דער קילער ווינטעלע טראגט זיך פון טייך און שוועבט איבער די בערג און ברענגט מיט זיך צוטראגן די ריחות פון פריש געשניטן היי אין פעלד, פון גרינער טריפנדער "סאסנע" אין וואלד, פון פארטיק ווערנדיקע עפל אין די ארומיקע סעדער,—דאן קערן זיך אום די וועשערינס פון זייער שווערן טאג ארבעט, זעצן זיך אוים אויף די "פריזבעס". באוויזן זיך די בחורים אין זייערע אויסגעגייטע העמדלעך, אין די הויכע שטיוול, טוען זיך אן די מיידלעך אין די רויטע אויסגענייטע פארטוכער מיט די פיל קאלירנדיקע שטענגעס אין די האר. ברענגט מען פון ערגעץ א הארמאניקע, קומט ארויס דער אלטער קוזמא מיט זיין פידעלע, דער געלער "טשאבאן" אסטאפ מיט זיין באנדורא, יאקים דער פישער מיט זיין סופילקע, און עס ווערט פול דער גאנצער בארג מיט געזאנג און טענץ. מען פארציט דעם טרויעריקן ניגון פון "אי פא לוזי אי דא פא דאראזי" וואו מען באקלאגט דעם טרויעריקן גורל פון אן עלנדער "קאלינע", וואס שטייט אין א גריבל ערגעץ ביים ברעג וועג, אן עלנדע, פארלאזענע, דער ווינט ווארפט זי אהין און אהער, דער רעגן שמייסט עס. אדער מען לאזט זיך אוועק אין א ווילדן פריילעכן טאנץ "האפ קאסארושקי ווי האפ באיארושקי מאי".

און פון דער זייט בארג זיצן די אידישע ווייבער אויף די פריזבעס און מען גלעט די קעפעלעך פון די הייקעלעך און שלוימקעלעך, מען רעדט פון פרנסה, מען דערציילט די מעלות פון קינדער, מען באקלאגט זיך, מען רעדט זיך אוים די הערצער. און פון בית המדרש, וואס אינמיטן בארג, טראגט זיך דער טרויעריקער הארצרייסנדער ניגון פון "והוא רחום יכפר עון" און עס באגעגענען זיך ביידערליי נגונים אין בלויען חלל אויבן איבער די גרויע פעלזן, צעמישן זיך און ווערן פארטראגן מיטן ווינט אין דער ברייטער וועלט.

אין אזעלכע אוונטן פלעג איך טרעפן דבורהלע א גאנץ אנדערע, ווי א גאנצן טאג. ביים סאמע ראנד פון ברעג פלעגט זי ליגן מיט אירע בלומען ארום זיך, מיטן פנים ארויף, די פיסלעך פארפרעסט און פארשטשעמעט, פארריסן ארויף. מיט די עלנבויגן אנגעשפארט אין ווייכן גראז, דעם קאפ אויף די הענט, איז זי געלעגן מיט די אויגן און אלע אירע חושים געווענדעט אהין צו יענעם זייט בארג, פון וואנען עס האבן זיך געטראגן די קולות פון די טרויעריקע און אט פריילעכע לידער.

שפעטער אין אוונט, ווען די עלטערע פארהארעוועטע וועשערינס פלעגן זיך צעגיין אויף זייערע געלעגערס און די אינגערע זיך צעשפרייטן איבערן גאנצן בארג אין די פארחלומטע וועלדלעך דערביי, און די בעלי בתים פון קאמענקא פלעגן זיך שוין אויך גרייטן מאכן זייערע געלעגערס אונטערן פרייען הימל, און די קולות פלעגן איינשטילן זיך צוביסלעך, פלעגט נאך דבורהלע אלץ ליגן אין איר פאזע און ווארטן, ווארטן א פארחלומטע, א פארטיפטע אין אירע קינדישע פאנטאזיעס. מיט איינגעהאלטענעם אטעם, מיט אויגעלעך פייכטע פון טרערן און אויפרעגונג פלעגט זי זיך רייסן אין

שטילער דערוואַרטונג אַהין אין דעם פאַרכשופֿטן חושך, וואו עס געפינט זיך רעקאַ־קאַמענקאַ.

דאָרט, האָט דבורהלע געוואוסט, וואוינט איינע אַ פּאַלאַשאַ, אַ וועשערין, וואָס איר מאַן איז פאַרשיקט. זי ווייס ניט, דבורהלע, וואָס דאָס איז פאַרשיקט, און וואוהין פאַרשיקט. זי האָט זיך אָבער אַזוי פיל מאָל אָנגעהערט פון דעם שרעקלעכן וואָרט "פאַרשיקט", אַז ביי איר האָט זיך אויסגעאַרבעט איר אייגענער קינדישער באַגריף וועגן דעם.

זי האָט בלויז איינציקע מאָל געזען פּאַלאַשאַן, אַ יונגע, אַ שיינע, מיט צוויי שוואַרצע צעפּ האָר, שטענדיק אָנגעטאָן אין ווייסן, מיט אַ ווייס געפּרעסטן פאַרטוך מיט צוויי ברייטע פּאַסן איבערגעקרייציקט איבער אירע אַקסלען. זי האָט זי ליב באַקומען, די פּאַלאַשאַן, פון דעם ערשטן טאָג וואָס זי האָט זי געזען, און איינמאָל האָט איר פּאַלאַשע מיט זיך גענומען, דעם טייך אַריבערגעפירט און צו זיך אין שטיבל געבראַכט, זי אויף די הענט גענומען, זי לאַנג לאַנג געקושט און דערנאָך אַ לידעלע געזונגען, געזונגען און גע־וויינט, געוויינט און זי געקושט, דערנאָך זי צוריק דעם טייך איבערגעפירט און אַהיים אָפּגעשיקט.

פון דאַן אָן הערט זי דאָ פּאַלאַשאַן יעדן אָוונט. זי דערקענט איר קול פון וויטנס און ווען אַלץ און אַלע ווערן שטיל, וואַרט נאָך דבורהלע טאַמער וועט פּאַלאַשאַ זינגען אַליין.

איך זיץ לעבן איר אַ שווייגנדיקער. איך ווייס אַז זי וואָלט מיר די אויגן אויסגעדראַפּעט, ווען איך זאָל זיך דערוואַגן די שטילקייט צו שטערן. אונטער אונדז אונטן פּליעסקעט דער טייך זיינע כוואַליעס אָן די שטיינער. פון וויט דערטראָגט זיך דער טשיריקען פון "טשירקון", אויבן אין די סקאַלעס רופן זיך איבער אויפן קול די "דיאַטעלס" אונטער דעם אַקאָמפּאַ־נימענט פון דעם אומויפהערלעכן קוואַ־קוואַ פון די זשאַבעס פון טייך.

דבורהלע ליגט אומבאַוועגלעך מיט די אויגן געווענדעט אַהין, פון וואַנעט זי וואַרט אויף פּאַלאַשאַס ליד.

נאָר אָט האָט זי אויפגעציטערט און זיך נאָך מער אָנגעשטרענגט מיט אַלע אירע חושים אין דער ברייטער וויטקייט. פון דער וויטן האָט זיך דערהערט אַ האַרציקער קול פון אַ פרוי, וועלכע באַקלאָגט איר פינצטער מזל. דאָס האָט געזונגען פּאַלאַשאַ. דאָס ליד האָט באַקלאָגט אַ געליבטן, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן איבער ימים, און די געליבטע בעט זיך ביים ווינט, ער זאָל מיטנעמען אַ גערוס פון איר ביטער האַרץ צו אים, איר "סאָקאָל", און דערציילן אים ווי עס בענקט און ציט נאָך אים איר האַרץ. ווען זי לייגט זיך און שטייט אויף, פאַרגיסט זי ביטערע טרערן.

און עס ציט זיך דאָס טרויעריקע ליד, און צעגיסט זיך איבער די בערג פון ביידע קאַמינקעס, און וואָס ווייטער עס ציט זיך דאָס ליד, אַלץ אומרואיקער ווערט דבורהלע. זי קלאָגט שוין גלייך מיט איר, מיט פּאַלאַשאַן. איר קינדיש הערצעלע ווערט פול מיט דעם גאַנצן טרויער און שמערץ פון פּאַלאַשאַס פינצטער מזל, און זי לאָזט זיך לויפן באַרג אַראָפּ צום טייך. אויף די שפּיץ פינגער קלעטערט זי, איבער די גליטשיקע שטיינער, וואָס ליגן אין

דער גאַנצער ברייט פון טייך. דאָס ליד ווערט שטילער, וואָס טיפער זי קומט אין טאָל, און טראָגט זי ווי פון גאָר אן אנדער וועלט. ווען דבורהלע דראַפּעט זיך איבער די שטיינער און ציט זיך אויס אין איר גאַנצער לענג כדי חלילה קיין זילבע פאַרלירן. עס ציט זי אהין צו פּאַלאַשאַן, זיין לעבן איר, וויינען מיט איר, הערן איר ליד ביי איר אויפן שויס, ווי דאַן, ווי אַמאָל.

דבו—רה—לע וואו ביסטו? — רופט א אידענעס קול פון שטעטל. דבורה־לע וואו ביסטו? ענטפערט אָפּ דער בארג און טאָל.

דאָס רופט דבורהלעס מאמע זי שלאָפן און זי קומט, די מאמע, און שלעפּט אוועק דבורהלע פון טייך.

דבורהלע גייט נאָך א ברוגזע, אן אומצופרידענע, דרייט אויס אַלע ווייַלע דאָס קעפּל אהין, פון וואַנען עס טראָגט זיך נאָך פּאַלאַשאַס קול.

„טאָג און נאכט (בייזערט זיך די מאמע), נאָר עס וואַלט געבאַליעט אַט דאָ. דער טאָג איז פאָר דעם צו קליין". דבורהלע צעוויינט זיך אויפן קול, און ס'ווייס ניט איר מאמע פאַרוואָס דבורהלע וויינט, וואָס זי וויל. איך אבער — ווייס.

* * * * *

מיר זיינען שוין ביידע קיין קינדער ניט געווען, ווען נאָך לאַנגע יאָרן ארומוואַנדערן איבער די גרויסע שטעט פון אידישן תחום אין רוסלאַנד זוכנדיק א תכלית, בין איך צוריק קיין קאַמענקא געקומען.

אין שטעטל האָב איך א גאַנצע איבערקערעניש געטראָפן. קאַמענקא האָט פאַר דער צייט זוכה געווען א היבשן פּאָגראָם פאַרזוכן, א סך בעלי בתים זיינען פאַראַרימט געוואָרן, א סך זייגן צעלאָפן אין דער וועלט אריין. כמעט אין יעדער פאַמיליע האָט אימיצער געפעלט, דאָ א זון, דאָרט דער פאָטער, דאָ א ברודער. מען איז זיך צעפאָרן קיין אמעריקע, קאַנאַדע, אויס־טראַליע — איבער דער גאַנצער וועלט.

דבורהלעס צוויי ברידער האָבן זיך אויך אין אמעריקע געפונען און האָבן שוין שיפסקאַרטן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע צוגעשיקט. דבורהלעס עלטערן האָבן זיך שוין געקליבן אין וועג.

די שטוב איז שוין געווען פאַרקויפט, דאָס מעבל פאַרקויפט, אַלע נויטיקע חפצים איינגעפּאַקט, אין גרויסע לייוונטענע קלומקעס פאַרנייט און גראָבע רעדנעס, איבערגעבונדן מיט שטריק. אַלץ פאַרטיק צו דער רייזע.

דער לעצטער טאָג יום טוב איז עס געווען און דאָס גאַנצע שטעטל איז זיך געגאַנגען געזעגענען. די שטוב איז געווען פול מיט אידן און אידענעס. מען איז געזעסן ווער אויף די קלומקעס, ווער אויף די קאַסטנס, און ווער עס האָט קיין פּלאַץ ניט געהאַט איז געשטאַנען.

יעדער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן: דער אן עצה, דער א גרוס אי־בערגעבן, א טובה בעטן, זיך זען מיט דעם, איבערשמועסן מיט יענעם. אנ־דערע לאָזן זיך אויס דערציילן זייער ביטער האַרץ, אנדערע קוקן מיט קנאה אויף די גליקלעכע, וואָס פאָרן שוין אוועק, ניט אנקוקן מער די פינצטערע צרות.

דאָן האָב איך אַ נייע דבורהלע דערזען, און אין דער נייער, מיין אַלטע קינדהייט חברטע "די קעניגין פון טאָל" דערקענט. אַ הויכע, אַ שטאָלצע, ווי די סאָסנעס פון באַרג, וועמעס לופט זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט. מיט אירע לאַנגע קאַשטאַנען האָר פאַרפלאָכטן אין אַ דיקן צאָפּ, וועלכער איז אַרונטערגעהאַנגען ביז נאָך איר טאַליע; מיט צוויי גרויסע ליכטיקע גרויע אויגן וועלכע האָבן אָפּגעשפּיגלט איר גאַנצע נשמה. אַט אַ טאַנצנדיקע, אַט אַ פרייליכע, אַט אַ פאַרטראַכטע, אַ פאַרחלומטע, פול מיט יוגנט, פול מיט לעבן.

צווישן די אַלע פאַרזאָרגטע, פאַרחושכטע פּנימער; צווישן די פאַר־דאגהטע און פאַרדאַרטע נשמות, וועלכע האָבן אָנגעפילט די שטוב, האָט זי אויסגעזען אויך דאָ ווי אַ קעניגין צווישן קנעכט, אַ לעבעדיקער קאָנטראַסט פון אַן אָנפאַנגענדיקעם לעבן צו אַן אָנפאַנגענדיקער גסיסה. אַ פרייליכע, כמעט אַ טאַנצנדיקע, איז זי אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן, און וואו זי איז געגאַנגען האָט זי איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שפּור פון פרישער יוגנט, פון פריש לעבן. מיט וועמען זי האָט גערעדט האָבן זיך געמוזט אויסגלייכן די קנייטשן פון פּנים, פאַרטריבן ווערן די מרה שחורה, און אַ לעבעדיקער שמייכל באַלייכטן דאָס געזיכט. ווי אַמאָל אין טאָל איז זי אויך דאָ גע־שפּרונגען פון איינעם צום צווייטן מיט איר זילבערנעם קלינגענדיקן געלעכ־טער, פאַר יעדן האָט זי עפּעס געהאַט, יעדן עפּעס געזאָגט, און די יוגנט, ווי די עלטערע, מענער ווי פרויען, האָבן איר נאָכגעקוקט און באַוואונדערט.

איר פרייליכקייט האָב איך ניט געקאָנט פאַרשטיין און האָב זיך געקליבן פרעגן ביי אַ פּאַסנדיקער געלעגנהייט. נאָר אַט האָט אימיצער פאַר־געשלאָגן, אַז דבורהלע זאָל עפּעס זינגען, "נאַפּראַשטשאַניע" (צום אָנדענקען) און אַלע האָבן כמעט אונטערגעכאַפּט מיט אַ טאָן פון געבעט און הכנעה: טאַקע, טאַקע, אַ יושר, ווען נאָך? גאָט ווייס צי מען וועט זיך זען? . . .

פאַר מיר איז דאָס גאָר אַ נייעס געווען, דבורהלע — זינגען? אַלע זייַנען שטיל געוואָרן. דבורהלע האָט זיך נאָך געלאָזט בעטן און אונטער פאַרשיידענע אויסריידן זיך געפּרובירט אַרויסדרייען. דער עולם האָט אָבער ניט אָפּגעלאָזט און זיך געבעטן. נאָר אַט האָט זי זיך אויסגעגלייכט, זיך צוגעשפּאַרט צום וואַנט, איר שיינעם קאָפּ שטאָלץ פאַרהויבן אין דער הויך, אַ הייליקע שטילקייט איז אַריינגעטראָטן. יעדער האַלט דעם אָטעם איין, מען שפּאַרט זיך צו, ווי ניט איז.

אַ באַזונדערע טרויעריקייט האָט זיך ווי צעגאָסן איבער איר געזיכט, די אויגן זיינען ווי אין אַ נעבל פאַרהילט געוואָרן, און גאָר אַ נייע דבורה איז איצט פאַר מיר געשטאַנען, און מיט יעדן אויגנבליק געוואַקסן פאַר מיינע אויגן און צעוואַקסן זיך אין אַ גרויס, פאַר וועלכער איך האָב קיין מאָס ניט געהאַט. מיט אַ שטאַרקער סאָפּראַנאָ שטימע, וואָס האָט געקלונגען הילכיק און זיס, פול מיט האַרציקער דראַמאַטישקייט, וואָס וועקט די נשמה און מאַכט ציטערן דאָס האַרץ, האָט זי געזונגען דאָס דאָן טרויעריק באַוואוסטע ליד פון אליקום צונזער.

"אויף דיין רייזע, אידעלע, מיין קינד
"אזוי ווי דו נעמסט זיך איצט פאר . . .
"א פאר ווערטער זאג איך דיר אצינד,
"דו זאלסט זיי גוט געדענקען נאר . . .
"דו פארסט אוועק אין א ווייט לאנד,
"דו ווייסט ניט זייער פירונג, זייערע זיטן,
"איז גאט זאל האלטן מיט דיר זיין רעכטע האנט . . .
"פון אל־דאס בייז זאל ער דיך אויסהיטן". . .

דאס גאנצע הויז איז פול געווארן מיט געוויין, און דבורהלע איז געשטאנען א באגייסטערטע און געזונגען פערז נאך פערז, ארייגלייגנדיק איר גאנצע נשמה אין די איינפאכע ווערטער און אין דער הארציקער מעלאדיע. זי האט געענדיקט דאס ליד און באלד איבערגעגאנגען אין דעם פריילעכן מאטיוו פון שולמית "פלאקער פייערל פלאקער". אלע זיינען ווי לעבעדיקער געווארן, ווי א שווערער שטיין וואלט זיך פון אלעמענס הערצער אראפגעגליטשט, און דבורהלע זינגט, און די הויז, די ווענט און די פענצטער, די שטראלן פון דער זון וואס שפילן זיך אויף די ווענט, דאכט זיך, זינגען און טאנצן מיט איר.

א לעבעדיקער פריילעכער שמייכל צעגיסט זיך איבער אלעמענס גע־זיכטער און אלע ווערן ווי באנייט. מען קאן ניט איינזיצן אויף איין ארט, עס הויבט פון דעם פלאץ, ווי זי קנאקט אויס אזוי בריהדיק דעם פריילעכן ניגון. ווי א פייע פון די צויבער מעשהלאך איז זי מיר דאן פארגעקומען. רירט אן מיט איר צויבער שטעקעלע, און עס לעבט אויף דער פארשאלטענער פרינץ, עס שטייט אויף תחית המתים די שלאפנדיקע בת־מלכה.

יענעם אווגט האב איך מיט איר ביים ראנד פון בארג שפאצירט, צום טייך זיך אראפגעלאזט. נאכאמאל די אלע פלעצער, וואו מיר האבן זיך אמאל אין אונדזער קינדהייט געשפילט, באטראכט.

— טוט דיר ניט באנג די פלעצער צו פארלאזן? — האב איך זי גע־פרעגט. זע, אט איז אונדזער טראן, געדענקסט דעם שטיין?

אויף איין רגע האט זי אירע ברעמען אראפגעלאזט, זיך פארטראכט, באלד אבער האט זי זיך דערהאלט און מיט א זיכערער און פריילעכער שטימע — מיר געגומען אירע פלענער דערציילן.

זי וועט נאך צוריקקומען אהער און דעם טאטן מיט דער מאמען אויך ברענגען. א נייע הויז וועט זי בויען. א שלאס, א גאנצן זומער פאלאץ וועט זי זיך דא מאכן, און דא האט זי מיר איר סוד דערקלערט. זי פארט קיין אמעריקע א גרויסע אקטריסע ווערן, ווי פאטי, ווי טעטראזיני, ווי שומאן. זי איז זיכער אז זי וועט עס ווערן. פראפעסאר פאפאוו פון זשיטאמיר האט עס איר געזאגט, וווינאגראדאוו האט זי פארהערט, זיגגערם האבן איר אזוי געזאגט. זי דארף נאר א גרויסע שטאט האבן, גרויסע פראפעסארן, און דו וועסט זען — האט זי מיר פארזיכערט — וואס איך וועל זיין. און דו ווייסט? האט זי זיך פלוצלונג עפעס דערמאנט. געדענקסט פאלאשאן? זי איז אין

אַמעריקע. איר מאַן איז אַנטלאָפן פון סיביר, זי אַרויסגענומען אַהין. איצט זי אויפזוכן און אויך צו זיך נעמען. אַזוי האָט זי מיר דאַן אַ באַגייסטערטע פול מיט קינדערשע התפעלות אירע פּלענער און סודות, אירע האָפענונגען און דערוואַרטונגען ביז האַלבע נאַכט דערציילט, און אַ פרייליכע און אַ גליקלעכע האָט זי פון מיר אָפּשייד גענומען, פריילעך און גליקלעך, וואָס זי פאָרט אין אַמעריקע, וואו עס זיינען דאָ גרויסע שטעט מיט גרויסע פּראָ־פּעסאָרן.

* * * * *

ווען דער שיקזאַל האָט אויך מיך אין איציקע יאָרן אַרום קיין אַמעריקע פאַרוואָרפן, האָב איך מיין אַלטע באַקאַנטע דבורהלע אויפגעזוכט. אין אַן ענגן פינצטערן צימער פון פערטן פלאָר האָב איך זי געטראָפן. איר משפחה האָט קיין קאַנאַדע עמיגרירט און אויך זי האָט זיך געקליבן צו פאָרן אַהין.

אַ פאַרמאַטערטע, אַ בלייכע, אַן איינגעצערטע, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט אויסגעלאָשענע אויגן איז זי געזעסן ביי איר קליין טישל און געקוקט פאַר זיך אַזוי האָפנונגסלאָז, פאַריאַושט, צעבראָכן און פאַרוועלקט. דאָס האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט און איך האָב מיט אַלע קרעפטן זיך אָנגעשטרענגט כדי ניט צעוויינען זיך.

— וואָס איז געוואָרן מיט דיינע פּלענער צו גיין אויף דער בינע? — האָב איך זי נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע געפרעגט.

אַ . . . האָט זי מיר מיט אַ מאַך פון דער האַנט געענטפערט. פרעג ניט, עס זיינען דאָ בעסערע און רייכערע פון מיר. און דאָ האָט זי מיר דערציילט די גאַנצע טראַגעדיע פון אַ מיידל, וואָס זוכט אַ קאַריערע אויף דער בינע.

מען מוז האָבן אָדער זעק מיט גאָלד, אָדער צאָלן דעם פּרייז, וואָס איז נאָך טייערער פון גאָלד . . .

און דבורהלע האָט קיין זעק גאָלד ניט געהאַט, און דבורהלע איז אַ אידישע טאָכטער . . .

און יעדן פרימאָרגן זע איך דבורהלען אויף איר שטענדיקן פּלאַץ אין וואַגאָן, זיך טראָגנדיק צו דעם ענגן פינצטערן שאַפּ, צו דער שיפנדיקער, צוקנדיקער, שטענדיק בייזערנדיקער זיך מאַשין . . .

פריינטשאפט (דיאלאג)

פריינטשאפט

(א דיאלאָג)

זי: — וואָרום קוקסטו מיך אַן אַזוי שטרענג און אַזוי מאָדנע?

ער: — דיינע אויגן דערציילן מיר פון עפּעס נייעס, וועלכעס שרעקט מיך. דו האָסט זיך אויסגעלערנט צו שמייכלען אַזוי אַז עס מאַכט מיך שווינדלען.

זי: — האָסט מורא פאַר זיך? דענקסטו פון דיין חלק?

ער: — אָה, ניין! וועגן דיר האָב איך געדענקט, דו ביסט אַזאַ שוואַכע און איידעלע, און דער שטראָם איז אַזוי שטאַרק און ברוינזנד. עס וועט דיך פאַרטראָגן אָדער פאַרטרינקען.

זי: — איך האָב ליב דעם שטראָם, ווייל ער איז שטאַרקער פון מיר און איך ווייס אַז ווערן זיך איז נאַריש און אומנוצלעך.

ער: — דער שטראָם פליסט קיינמאָל ניט באַרג אַרויף, און דו האָסט דאָך פון הויכקייטן געחלומט, פון הייליקייטן גערעדט.

זי: — אויך הייליק איז דער שטראָם ווייל ער איז שיין ווען ער פינקלט קעגן דער זון מיט אַלערליי פאַרבן. איך האָב ליב דאָס ברויזן פון די כוואַליעס, די שפּריצנדיקע פונקן ווי מיריאַדן בלישצן און שפּילן אין טויזנטערליי קאָלירן. עס איז דאָך אַזוי רייצנד און שיין און איך וויל דאָך לעבן. דער שטראָם גיט מיר דאָס וואָס איך האָב ניט געפונען אין דער הויך.

ער: — קינד, ווייסטו וואָס דו רעדסט? דו קענסט ניט דעם שטראָם, דיר איז באַקאַנט בלויז זיין אויבערפלעך ווען עס שפּריצט און פינקלט קעגן דער זון, זיינע פאַרבן זייַנען אָבער פאַלשע, פון אַן אַנדער וועלט אַנטליענע, כדי מיט זיי די לייכטזיניקע צו פאַרנאַרן. אונטער דער בלישצנדיקער אויבערפלעך איז קאַלט און פינצטער, דער גרונט איז פון אַ קלעפּנדיקער, זינקנדיקער בלאָטע אין וועלכער עס קישעט מיט גליטשיקע ברואימלעך.

זי: — דו שרעקסט מיך?

ער: — ניין, איך האָב דיר בלויז געזאָגט דעם אמת, ווייל איך וויל זיין דיין פריינט.

זי: — אַלטע פראַזן, אַזוי זאָגן אַלע און איך בין אַליין אַליין אין דער גאַנצער וועלט. פאַרשטייסטו אַז איך וויל לעבן און געניסן? קורץ גערעדט, איך וויל אויך זיין גליקלעך כאָטש אַביסעלע, איך האָב דאָך דערויף רעכט.

ער: — גליקלעך? זייער אַ ברייטער באַגריף. עס איז ניטאָ קיין גליק, עס איז נאָר דאָ לעבן.

זי: — וואָס איז דאָס אזעלכעס לעבן?

ער: — דאָס וואָס דער מענטש מאכט פון דעם.

זי: — איז דאָס לעבן בלויז א מאַנאָפאָל פון דעם מענטשן? מיט וואָס בין איך ערגער פון יעדער אנדער באשעפעניש אויף דער וועלט וואָס קאָן און מעג לעבן ווי זיין באשעפער האָט עס באשאפן.

ער: — א פייגן בלאָט טעאָריע געשאפן פון שוואכע נשמהלעך. עס ליגט דער שיכור אין זיין זומפּ באזויפן און פארעיפושט און שילט די גאנצע וועלט וועלכע וויל ניט אנערקענען זיין בארוף, זיין נאטור. עס ליגט אונטער דעם פארקן, דער אויסוואורף, דער טרעמפּ, און חלומט זיינע גאָלדענע חלומות פון א פלאש שנאפּס און א געגנבעטן מאָלצייט און פארשפּאָטעט די גאנצע וועלט און אלעמען וועלכע רעכענען זיך ניט מיט זיין נאטור אז ער איז א פּראָדוקט פון זיין שעפער, ניט די נאטור נאָר די פארגוואַלדיקונג פון דער נאטור, דאָס וואָס דו רופסט אָן לעבן איז א פארשוועכונג פון דעם באגריף.

זי: — דו פילאָזאָפירסט, צי דו שפּאַסט?

ער: — דאָס לעבן איז ערנסט און מאכט קיין אויסנאַמען מיט קיינעם, עס וועט אויך ניט שוינען דיך.

זי: — עס אַרט מיך ניט. איך לעב מיט דער מינוט.

ער: — אויף דיין שטערן באמערק איך דינינקע רינצעלעך, ביי די ווינקלען פון דיין מויל באווייזן זיך סימנים פון קנייטשן, ווייסטו וואָס דאָס באדייט?

זי: — (איז שרעק קוקנדיק אין שפּיגל) ווירקלעך? דו האָסט באַ־מערקט? מ'וועט מוזן פרעגן מים ליוסי אָדער א דאָקטאָר.

ער: — עס וועט ניט העלפן, די עלטער שטייט הינטער דיינע פּליי־צעס, קלאַפּט אין דיין טיר, און צי דו ווילסט אָדער ווילסט ניט, דיין יוגנט, דיין שיינהייט, וועט פארשווינדן, און דו ווערסט אוים העלדין. דיינע פּאַלשע פריינט און כלומרשטע פארערער וועלכע זוכן בלויז דיין לייכטזין אויסצור־נוצן פאַר זייערע צוועקן, באמערקן עס שוין אויך און לאַכן נאָך לעת עתה הינטער דיינע פּלייצעס. באלד וועלן זיי אויך דיר אין די אויגן אָנפאנגען זייער געלעכטער, דו וועסט זוכן אומזיסט רעטונג ביי ליוסין, ביי דאָקטוירים, מאסאזשיסטן. געקינצלטע יוגנט איז קיין יוגנט, מענער לאָזן זיך זעלטן נארן און ווען יאָ באצאָלט מען טייער. מיט וואָס וועסטו אויספילן דיין לעבן דאַן? פארשטויסן און פארלאָזן וועסטו זוכן סימפּאַטיע און מיטגעפיל, עס וועט ניט זיין קיין האנט וועלכע זאָל זיך אויסשטרעקן צו דיר נאָך הילף, איינזאַם און עלנט וועסטו בלייבן אין לעבן.

זי: — דאָס איז די תוכחה, אזוי רעדט ניט קיין פריינט.

ער: — און איך בין דיר נאָר א פריינט?

זי: — אָבער פארשטיי מיך. איך פיל אז אין מיר שלאָגט א קוואַל אומויפהערלעך און טרייבט מיך אויף דעם וועג אויף וועלכן איך גיי. פאַר־

שטייסטו וואס עס הייסט ווען עס שטיקט דיך די אטמאספערע, ווען עס ווערגט דיך דער ביסן אין מויל, ווען די ווענט פון דיין צימער ווערן דיר נמאס און זען אויס ווי א געפענגעניש, ווען די מענטשן ארום דיר ווערן דיר עקלהאפט ווי קליינע ווערימלעך און עס ווילט זיך דיר צעטרעטן זיי מיט דיינע פיס און ארויסרייסן זיך אין דער גרויסער פרייער וועלט, איינאטעמען פרישע לופט, קומען אין בארירונג מיט נייע מענטשן, און . . .

ער: — האסטיק איבערשלאגנדיק — און וואוהין גייסטו דאן אין אזא פאל?

זי: — אראפגעלאזט די אויגן און שטאמלענדיק איז דער שטיל — איך וויים ניט.

ער: — און איך ווייס יא, און דערפאר בין איך היינט דא ביי דיר און פאדער דו זאלסט זיך, ניט מיר, א חשבון אפגעבן וואוהין דו גייסט. אויב די מענטשן ארום דיר, וועלכע ליבן דיך און צערטלען דיך זיינען ווערים, דאן זיינען יענע וואמפירן, גיפטיקע שלאנגען וועלכע זויגן אויס דיין בלוט, פארגיפטן דיין קערפער מיט דיין נשמה צוזאמען.

זי: — לאז מיך צורו! דיר אלנפאלס פאסט ניט די ראלע פון א מוסר זאגער און פרעדיקער. קענסטו אנווענדן דיין לערע אויף זיך זעלבסט?

ער: — די פראגע איז ניט וועגן מיר נאר וועגן דיר.

זי: — לאז מיך צופרידן.

ער: — ביסטו צופרידן?

זי: יעדערער זוכט באפרידיקונג אין לעבן אויף זיין שטייגער. איך זוך אזוי ווי מיר געפעלט, איך וויל באלאנגען צו זיך זעלבסט.

ער: — ניט פון באפרידיקונג האב איך גערעדט נאר פון פרידן. דו דארפסט מיר ניט דערציילן אזביידע זאכן געפינסטו ניט, וואו נאר א געשפענסט יאגסטו זיך נאך ביידע און וואו א שאטן פארשווינדן זיי פון דיר אזוי גיך ווי דו דערנעענטערסט זיך.

זי: — קענסטו מיר געבן די צופרידנהייט? באזיצסטו דעם שליסל צו דעם סוד? ווייסטו דעם וועג צו זעלבסט באפרידיקונג?

ער: — איך וויים דעם וועג צו פרידן.

זי: — זאל זיין אזוי. קענסטו מיר עס געבן?

ער: — מען מוז עס זיך נעמען אליין. דו האסט געזאגט אז דו באזיצסט א קוואל וועלכער שטויסט דיך ארוים פון דיין הויז, פון דיין ליבע און טרייבט דיך פארוים, און אליין ביסטו נאך אלץ דורשטיק ווי געווען. דיין נשמה לעכצט נאך אן אינהאלט אין לעבן און דו יאגסט זיך נאך שאטנס פון גליק, נאך פאלשע קלאנגען און קאלירן. דאס אפשפיגלונג פון לעבן נעמסטו פארן ווירקלעכן לעבן אן, צו וואס איז דאס געגליכן? צו א דורשטיקן וועלכער זוכט צו שטילן זיין דורשט מיט געזאלצענער ים וואסער, וואס מער

ער טרינקט אַלץ דורשטיקער איז ער. דער סוף פון אזא אומדערפארענעם איז זייער א ביטערער און דערפאַר בין איך היינט דאָ.

זי: — אין שטילן געוויין — וואָס זשע זאָל איך טאָן מיט זיך? גיב מיר אן עצה אויב דו קענסט.

ער: — דו האָסט א קינד, עס ברויכט א מוטער.

זי: — מיין קינד פעלט גאָרניט. די ניאַניע פאַסט עס אויף צערט־לעך, איך האָב עס אויך אַזוי ליב.

ער: — דאָס איז ניט גענוג. דערוויל קען נאָך פּיליכט א ניאַניע פארנעמען דעם פּלאַץ פון א מוטער, דערוויל קען מען נאָך דאָס קינד אויסנאַרן, אָפּקויפן זיך, ארויסגנבענען. עס וועט אָבער קומען א צייט ווען דאָס קינד וועט דארפן די מוטער און די מוטער וועט זיין אוועקגעגאַנגען צו ווייט. קענסטו זיך פאָרשטעלן א גרעסערע טראַגעדיע ווען א קינד פלוכט, פארהאסט זיין מוטער?

זי: — גענוג, איך בעט דיך, מיך שווידערט, איך וויל עס ניט דער־לעבן. גיב מיר אן עצה.

ער: — גיב מיר דיין האַנט, בליק מיר איין אין די אויגן . . . ווארום באהאַלטסטו דיין געזיכט, קוק מיר גלייך אין די אויגן.

זי: — אָפּוועגדנדיק זיך — איך קאָן ניט, איך בין שולדיק קעגן דיר.

ער: — מער קעגן זיך. בליק מיר אין די אויגן, אין דיר גליט נאָך א פונק, מען קען עס נאָך צעבלאָזן אין א ווארימען געטלעכן פייער, וועלכער וועט דערוואַרימען דיין נשמה.

זי: — איך האָב פארשוועכט די געטלעכקייט אין מיר.

ער: — ניין, אין דיינע אויגן זע איך איצט פינקלט א טרער, א סימן אז דיין נשמה איז בלויז פאַרטראַגן מיט שטויב וועלכער האָט זיך אריינ־געריסן מיטן ווינט פון דער גאַס. די געטלעכקייט איגם מענטשן בלייבט אלעמאָל ריין, בכדר הייליק; גיב מיר דיין האַנט, איך וועל דיר העלפן צו געפינען דיין וועג צו דיין איך, צו דיין פרידן.

זי: — דאָ האָסטו מיין האַנט, וואוהין וועסטו מיך פירן? . . .

ער: — צוריק צו דיין היים, צו דיין מאַן וועלכער ליבט דיך, צו דיין קינד וועלכעס רופט דיך.

זי: — ביסט צו נאַאיוו. דעם וועג האָב איך אויך אָן דיר געזען.

ער: — יאָ, האָסט געזען אָבער דורך א פאַלשער פּריזמא און א פארשטעלטן ליכט. איך וועל דיר ציינן אן אינהאַלט, דאָרט וואו דיר האָט זיך פּוסטקייט געדאַכט: איך וועל דיר לערנען דאָס גרויסקייט פון מאַכן גרוים: איך וועל דיר געבן צו פארזוכן דעם זיסן טעם פון שאַפן ליכט און גליק און פרידן פאַר צווייטן, און דו וועסט זיין גליקלעך, דו וועסט האָבן פרידן.

פון טויט לעבעדיק

פון טויט לעבעדיק

ס'איז געווען א זונטיק, פונקט צוויי וואָכן פאר פסח, ווען פּיני איז אויפגעשטאַנען כאור הבוקר, אויף גיך אָפּגעוואַשן נעגל־וואסער, צוגעשטעלט א בענקל צו דער פּאָליצע, אראָפּגענומען פון דאָרט דעם טלית־זאק, ארויסגענומען דעם תהילים מיט מעמדות און זיך געזעצט זאָגן זיין קאַפּיטל תהילים.

נאָר וויפל ער האָט זיך ניט באמיט צו זאָגן דעם תהילים מיט כוונה און ניט טראַכטן פון קיין אנדער זאַך, האָבן זיך ביי אים אין קאָפּ פּאָרט געדרייט שטיקלעך פונם נעכטיקן שמועס זיינעם מיט סאָסיען וועגן ארויספירן מאָרגן מאַנקען אויפן יאַריד, אפשר וועט מען עפּעס פארדינען צו באַצאָלן שכר־לימוד און צוגרייטן דעם פּסח . . .

סאָסיע האָט זיך געהאַלטן ביי אירס, אז מאַנקען וועט זי ניט לאָזן פאַר־קויפן פאר קיין געלט:

— וואָס הייסט? אויסגעכאָוועט, קיין עין הרע אזא טעלעצע, א קראַ־סאַוויצע, גאָט און לייט זיינען דאָך איר מקנא און אין מיטן דרינען פארקויפן גאָר ! . . געהאָרעוועט אויפן רוח . . . אז ניט דערלעבן זאָלן אירע שונאים. איי, מ'דאַרף אויף פּסח? — וועט גאָט העלפן. ווי אזוי מאַכן אַנדערע אידן פּסח, וואָס האָבן ניט קיין טעליצעס, וואָס דאַרף אָט אויף שבועות "מירצעשעם" לויפן ? . .

אז מ'וויל זאָגן איז זי טאַקע גערעכט אויך. אים אליין איז די טעליצע אויך געווען א שאָד. ער האָט זי פּשוט ליב געהאַט, ווי להבדיל, א קינד. אז וואָס איז דער חידוש, אויפגעוואַקסן כמעט ווי אויף די הענט, קאָן מען זאָגן. האָט פארשטאַנען יעדער וואָרט כמעט ווי א מענטש. אמאָל אז עס פלעגט זיך אים פארוועלן זיך באַרימען פאר שכנים מיט זיין טעליצע, פלעגט ער נעמען אין האַנט אביסל קאַרטאָפל שאָלעכץ און האָט נאָר געדאַרפט א רוף טאָן: "מאַנקע, מאַנקע", און מאַנקע האָט שוין פאַרריסן מזיקיש דעם קאָפּ, דעם עק אביסל אונטערגעהויבן און אונטערטאַנצנדיק, גלייך געקומען צו לויפן פון סטאַדאָלע און גענומען עסן די שאָלעכץ פון האַנט.

ביי די מחשבותן כאַפּט ער זיך אז ס'איז ניט כדאי וועגן אזעלכע זאַכן צו טראַכטן ביים תהילים און נעמט מיט מער ערנסט זיך זאָגן דעם תהילים און מעמדות.

עס טאָגט שוין אָבער און עס איז נאָך ניט צייט צו דאַווענען. וועט ער דער בהמה גיין געבן עפּעס עסן. אָנגעטאָן דעם פּעלץ און פארשטעלט זיך מיט א קרייקע, האָט ער גענומען פון פלעקל די שליסלען, שטיל צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר, ניט אויפצואוועקן סאָסיען מיט די קינדער. זאָלן זיי נאָך שלאָפן.

אויף האַלב וועגן צווישן הויז און שטאַל, האָט פּיניען ווי אָפּגעריסן זיך אין האַרצן. ער איז געבליבן שטיין א צוגעקאָוועטער צום אָרט: פון ווייטן,

דורך דער נעפּלדיקער פינצטערניש, האָט ער באַמערקט, אַז די טיר פון שטאַל איז אָפן. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז אַן אומגליק האָט געטראָפן.

מיט אַלע כוחות האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו דער שטאַל. דאָס האַרץ האָט אים ניט אָפּגענאַרט: דער שלאָס איז געווען אויפגעבראָכן און די שטאַל — ליידיק . . .

ווי פון אַ דונער געטראָפן איז ער אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט אַ גע־שריי: — סאָסיע מ׳האָט צוגענבעט די טעליצע ! . .

סאָסיע איז דאַמאָלסט נאָך געלעגן מיט אָפענע אויגן און נאָך באַטראַכט דעם ענין וועגן פאַרקויפן אָדער ניט פאַרקויפן "מאַנקען". ביי איר האָט זיך געפונען אַ פּלאַן אַז זי וועט האָבן פאַר שכר־לימוד, אויף פּסח און מאַנקען אויך ניט פאַרקויפן. דערהערט זי פיניעס געשריי אַז מ׳האָט צוגענבעט די בהמה. לכתחילה איז זי ווי פאַראַליזירט געבליבן. אינסטינקטיוו האָט זי אין אַ יאָמער אויסגעבראָכן:

— אוי, אַ דונער, אַ שלאַק, האָט מיך געטראָפן! — און אויף גיך אויף זיך אַ קליידל אַרויפגעכאַפּט, געכאַפּט די טוך און אַרויס צום שטאַל. פון שטאַל איז זי געלאָפן אין הויף, פון הויף אויף דער גאַס. אַזוי איז זי געלאָפן גאַס־איין, גאַס־אויס מיט עקשנות: די וועלט זאָל זיך אַפילו איבערקערן מוז זי דעם שאָדן געפינען . . .

— וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם! — האָט זי אויפן מאַן זיך צעשריען, — אַוואַדע, ביי דיר איז עס דאָך גאָרניט . . . מ׳דאַרף לויפן אויפן יאַריד . . . אויפן מאַרק . . . מען מוז זוכן ! . . — און מיט די ווערטער האָט זי געכאַפּט אַן אַלטן בורנוס און אַ שטעקן אין האַנט און איז אַרויס פון שטוב.

צוריקגעקומען איז זי ערשט שפּעט אין דער נאַכט, אַ מידע, אַ הונגע־ריקע, אַ נאַסע, אַן אויסגעמוטשעטע. דעם גאַנצן טאָג האָט אַ דריבנע רעגנדל געגאָסן און זי דורכגענעצט ביזן לייב. מיט גרויס מי איז איר געלונגען אַראָפּ־צושלעפּן די שיך פון די פיס, וועלכע זיינען אָנגעשוואָלן געוואָרן פון אַ גאַנצן טאָג קנעטן די בלאָטע, די שיך זיינען געווען נאַס און פול מיט בלאָטע.

מיד און דערשלאָגן האָט זי זיך אין בעט אַריינגעוואָרפן. עס האָט זי געפיבערט פון קעלט, עס האָט זי צונויפגעדרייט אין דרייען און מ׳האָט גע־קאָנט הערן איבער דער גאַנצער שטוב ווי עס טרייסלען זיך ביי איר די ציין אין מויל.

— נעם עפּעס אין מויל אַריין, — האָט פיני געפּרואווט איר איינרעדן, — אַ גאַנצן טאָג אין מויל ניט געהאַט.

— שפּעטער אביסעלע, — האָט זיך סאָסיע געבעטן, — ס׳איז מיר קאַלט.

מאָרגן, ווען סאָסיע האָט געוואָלט אויפשטיין פון בעט, האָט זי דער־פילט, אַז אירע גלידער זיינען ווי אָנגעפילט מיט בליי. באַזונדערס דער קאָפּ.

עפּעס ווי מ׳וואָלט איר אָנגעטשעפּעט א פרעמדן קאָפּ, א שווערן, אן אומגע־לומפּערטן, וועלכער ציט דעם גאנצן קערפּער אראָפּ . . .

— איך בין קראנק, — האָט זי א טראכט געטאָן, — מער פעלט מיר אצינד ניט. פאר פּסח: קיין מצה נאָך ניטאָ, קיין זאך ניט געטאָן, קיין עין הרע אזא הויז־געזינד —זעקס פּיצעלעך — ווער וועט מאכן פּסח? און דאָ די טעליצע — מען מוז זי דאָך געפינען . . . און זי האָט באשלאָסן שפּעטער אביסל אויפצושטיין. מ׳טאָר זיך ניט צוהערן. עס וועט באלד איבערגיין. ווען זי האָט אָבער געפּרוּאווט דאָס צווייטע מאָל זיך אויפהויבן פון בעט און זיך אָנטאָן, האָט זי דערפילט, אז עס איז קיין קאַטאָווּעס ניט — זי איז קראנק, זי קען א פוס ניט שטעלן . . . קראנק, יאָ, קראנק . . .

— —

ערב פּסח . . .

ווי ס׳איז האָט זיך פּיני אויסגעבריהט אריינצונעמען דעם פּסח אין שטוב. דאָס צוועלף־יאָריקע מיידל איז געווען די גאנצע באלעבאָסטע, האָט געכשרט און געשאָבן, געריבן די כלים און געשייערט דאָס מעש; א גוטע שכנה פלעגט זיך אריינכאפּן אויף א ווײַלע העלפן און דערווייל א טאָפּ טאָן סאָסיעס קאָפּ, א פרעג טאָן וואָס דער דאָקטאָר זאָגט און אוועקגיין זיפצנדיק.

און סאָסיען ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. עס איז שוין דער דריטער טאָג אז זי ליגט אין א באוואוסטלאָזן צושטאנד. דער דאָקטאָר גיט שוין ניט קיין רעצעפּטן, נאָר אייז צום קאָפּ. די קליינע אסתר באמיט זיך מיט אלע כוחות נאָכצוטאָן די גרויסע ווייטער און גרייט צו דעם פּסח ווי ביי אלע אידן. זי האָט שוין כשר געמאכט די עופות, אָנגעפילט די פיש און אין שטוב שמעקט שוין דער פּסח.

אויפדערנאכט, ווען פּיני איז אוועק אין שול, האָט די קליינע אסתר נאָכאמאָל פארזוכט די מאכלים און גענומען גרייטן צום סדר: האָט געמאכט א היסב־בעט, פארשפּרייט מיט א ווייס ליילעך, אָנגעטאָן די קינדערלעך די שבתדיקע קליידלעך, אוועקגעשטעלט דעם ווײַן, די כוסות און ליבלעך באַ־קוקט איר ארבעט. זי איז געווען צופרידן.

פּיני ווידער איז געקומען פון שול ניט אליין, נאָר מיטן דאָקטאָר. א פּאָר ווייבער האָבן דערזען דורכן פענצטער פּיניען גיין מיטן דאָקטאָר, האָבן זיי ארויפגעכאפּט אויף זיך די יום־טובדיקע פאטשיילעס און נאָכגעגאנגען פּיניען מיטן דאָקטאָר, און געבליבן שטיין ביי דער טיר.

דער דאָקטאָר האָט געמאָסטן די טעמפּעראַטור און איז געבליבן זיצן א ווײַלע פארטראכט. עס איז געווען קענטיק, אז ס׳איז אים שווער צו זאָגן דעם אמת . . . דער טויט האָט זיך געגנבעט מיט שנעלע און זיכערע טריט אין דעם פארפּוצטן, יום־טובדיקן שטיבל. די ווייבער האָבן שטיל גענומען כליפּען און פּיני איז געבליבן שטיין ווי דערשלאָגן. ער האָט נאָך אליין ניט באגריפן וואָס דאָ טוט זיך.

די גאנצע צייט פון איר קראנקהייט האָט ער זיך ניט געקאָנט פאר־שטעלן אז עס זאָל זיין געפערלעך. ער האָט זיך גאָרניט געקענט פארשטעלן

ווי אַזוי ער וועט אויסקומען אַז איר, אַז סאַסיען, אַז בסך־הכל איז זי דאָך געווען דער גאַנצער קאָפּ אין שטוב. אַז איר איז ער געווען גאַרנ׳ט, ממש ווי אַ קינד.

זעענדיק דעם דאָקטאָרס פאַרלעגנהייט און ווי די ווייבער כליפּען, האָט ער באַגריפן דעם גאַנצן אמת און האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ מאָדנעם ברום, אַז די גאַנצע שטוב האָט אויפגעציטערט. די ווייבער זיינען צוגעלאָפן צו אים:

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ פּיני! פאַרגעסט ניט ס׳איז יום־טוב. מיר האָבן נאָך אַ גרויסן גאָט. נישקשה ער איז אַ גוטער דאָקטאָר . . .

די קינדער וואָס זיינען שוין געזעסן ביים טיש, גרייט צום סדר, האָבן פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר, דעם טאַטן און די ווייבער. וואָס, וואָס ווילן זיי דאָ ? . . .פאַרוואָס זעצט מען זיך ניט צום סדר? נאָר די עלטערע, אסתר, דערהערנדיק די ווייבער וויינען, האָט שטיל, נאָר באַהאַרצט אָנגע־הויבן צו כליפּען און זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיטן פאַרטוך.

דער דאָקטאָר האָט צונויפגענומען זיינע אינסטרומענטן און גענומען טרייסטן פּיניען, אַז מען קען נאָך ניט וויסן. אויף היינטיקער נאַכט שטייט די וועלט. אין אייניקע שעה אַרום דאַרף קומען דער קריזיס, אויב עס וועט איר ניט ווערן בעסער זאָל מען אים קומען זאָגן.

דער דאָקטאָר איז אַוועק. נאָך אים האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן די ווייבער. איינע איז נאָך צוגעגאַנגען צו פּיניען, אים אָנגעזאָגט ער זאָל ניט פאַרגעסן, אַז ס׳איז יום־טוב, און אַז יום־טוב טאָר מען ניט פאַרשטערן, און אַז גאָט איז אַ גוטער פאָטער און דער בעסטער דאָקטאָר . . . אַ, מ׳האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן.

פּיני האָט געוואוסט אַז די אידענע איז גערעכט. יום־טוב איז יום־טוב און דעם סדר מוז מען ריכטן. אין האַרצן האָבן ביי אים צוויי געפילן געקעמפט איינער מיטן צווייטן: איינער פון פּראָטעסט, פון ווייטיק אויף זיין אומפאַרדינטן אומגליק. פאַרוואָס שטראָפט עס אים גאָט אַזוי? האָט ער ניט געטאָן אַלץ פאַר גאָט, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט און וואָס אַ איד, ווי ער, דאַרף טאָן? פאַרוואָס אַזאַ אומגליק? פריער די גנבה, נאָכדעם צוגענומען די מוטער פון זיינע קינדער, סאַמע פאַר פּסח . . . אַז איר, וואָס וועט ער טאָן מיט די זעקס פּיצעלע קינדער? ווי אַזוי וועט ער גאָר לעבן אָן איר? און אין האַרצן האָט געגאָגט און געטאַטשעט און דער מוח האָט געברענט און טרערן האָבן אים גענומען ווערגן.

אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט אַז אַ איד טאָר ניט זינדיקן, אַז דער רבונו של עולם ווייס וואָס ער טוט, און אַז אַ איד טאָר ניט זיין ביי זיך זיכער: ״אין צדיק בארץ שלא יחטא״, דער גרעסטער צדיק איז ניט זיכער פון זינד. ער האָט זיך גענומען מאַכן פאַרוואורפן פאַר זיינע שלעכטע מחשבות און מיט די געדאַנקען איז ער אַרויף אויף דער היסב־בעט, אָנגעגאָסן די כוסות און גענומען דעם בעכער אין האַנט צו מאַכן קידוש.

פאַרשיידענע בילדער פון זיינע פריערדיקע פּסחים האָבן גענומען טאַנצן פאַר זיינע אויגן: סאָסי, אַ געזונטע, אַן אויסגעפּוצטע, אַ בליענדיקע,

אין איר ווייס־זיידן טיכל, הערט זיך צו צו זיין קידוש מאכן — און איצט... און וואס וועט זיין איבעראיאר? .. א שוידער לויפט דורך זיין לייב. ער טרייבט פון זיך דעם געדאנק מיט אלע כוחות און מאכט זיך הארץ, און פאנגט מיט א טרויעריקן ניגון:

— סברי מרנן ורבנן ורבותי! ..

ס'איז שוין נאכן סדר. די קלענערע קינדער זיינען שוין איינגעשלאפן. פיני עסט דאס לעצטע שטיקל אפיקומן און נעמט ניט אראפ דאס אויג פון בעט, וואו עס ליגט זיין קראנקע פרוי. דער דאקטאר האט געזאגט, אז אויף היינט שטייט די וועלט... אין צוויי אדער דריי שעה ארום קומט אן דער קריזיס...

ער גייט אלע ווײַלע צו צום בעט, הערט זיך איין צו איר שווערן, הייסן אטעם, בייט איבער דאס זעקעלע מיט אייז און קוקט זיך איין אין דער קראנקערס פנים, ווי ער וואלט פון דארט געוואלט ארויסליינען דעם טיפן סוד, אז וועלכן עס הענגט אפ זיין גאנץ לעבן.

ער קערט זיך צוריק צום טיש, גלעט די קינדערס קעפעלעך — "ווער וועט זיי באשיצן?" — גיט ער א טראכט און דערשרעקט זיך באלד פאר זיין אייגענעם געדאנק... שיר־שיר האט ער געוואלט זאגן יתומימלעך מיינע... טרערן ווערגן אים. ער הויבט אן וויינען. פריער שטילער, דערנאך העכער און העכער... די קינדער כאפן זיך איינציקווייז אויף פונם געוויין.

— העלפט מיר, קינדער, אויסבעטן ביי גאט די מאמע. איר זאלט ניט פאריתומט ווערן... העלפט מיר קינדער בעטן, קלאגן! ..

דאס קליינע שטיבל איז מיט געוויין אנגעפילט געווארן, די קולות האבן זיך דורך די פענצטער און טירן אויפן גאס ארויסגעטראגן. שכנים זיינען אריין און געוואלט איינשטילן, אבער זיי האבן ניט געקאנט — זייער הארץ איז צעבראכן געווארן פון צער... עס איז געווארן א יללה.

פארטיפט אין דעם ביטערן צער האט קיינער ניט באמערקט, ווי פונם בעט האט זיך אויסגעשטרעקט דער קראנקערס האנט און זיך געבעטן עפעס מיט א שוואך קול. אסתרקע איז געוועזן די ערשטע צו דערזען, אז די מאמע האט אויסגעצויגן די האנט, איז זי צוגעלאפן מיט א געשריי:

— מאמע! .. מאמעניו! ..

ערשט דאן האבן זיך אלע אומגעקוקט. עס איז באלד געווארן שטיל, נאר דאס כליפען פון די קינדער האט זיך געטראגן איבער דער שטוב.

— וואס־זשע וויינט איר? — האט זיך דערהערט א שוואך קול, — וויינט ניט, גאט האט שוין געהאלפן... ס'איז דאך פסח...

אויף מארגן האט דאס גאנצע שטעטל געקלונגען מיט דער נייעס, אז סאסי פיניעס איז שוין געוועזן געשטארבן, נאר די קינדער האבן זי ביי גאט אויסגעבעטן און איצט איז זי שוין בעסער...

אין די לעצטע מינוטן

אין די לעצטע מינוטן

די גאנצע משפחה האט געוואוסט אז די טעג זיינען געציילטע, און אפשר די שטונדן אפילו. אלע שכנים און אלע קרובים האבן פארשטאנען, אז יעדער טאג, יעדער שטונדע וואס בת־שבע לעבט איבער איז א געשענקטער, איז וואס זאל מען זיך נארן? שוין פארט ניט קיין יונגע, אין די זיבעציקער אודאי.

פונדעסטוועגן האבן די זין און די טעכטער און די אייניקלעך אפילו, זיך נאכגעפרעגט יעדן טאג ביים דאקטאר וואס הערט זיך? וואס דענקט איר? אריינגעקוקט אים דערביי אין די אויגן, געוואלט לייענען פון זיין געזיכט, פון זיינע מינעס אפשר פארט עפעס א האפענונג.

און דער דאקטאר? ווי אלע דאקטוירים. פרעגט זיך פאנאנדער, הערט אגים אלעס, פארשרייבט א רעצעפט און אמאל דאס אויך ניט, גיט פארער־דעגונגען, און אויף אלע פראגן האט ער איין ענטפער: מיר וועלן זען. מיר וועלן זען. נאר פון זיין מינע און פון זיין טאן האט מען דייטלעך געקענט לעזן: וואס פרעגט איר שאלות? אז ניט זעט איר ניט אז דאס לידעלע ענדיקט זיך? דאס ליכט צאנקט און אט, אט, און עס וועט זיך אויפהויבן מיט א פלאם, א צאנק טאן און ווייטער זיך אראפלאזן, נאך א צאנק — און געענדיקט די קאמעדיע! אוים פייער, אוים ליכט, אוים לעבנזאפט! ווער קאן דא העלפן? —

און אלע אין שטוב האבן געשפירט אז דער טויט פאכעט מיט זיינע שווארצע פליגל, ארום דעם הויז, ארום דעם צימער וואו עס ליגט די אלטע בת־שבע און פילט אז די גאנצע אטמאספערע עפעס מיט א מאדנער גע־היימנים וועלכע ליגט זיך ווי שווערע שטיינער אויף יעדנס הארצן, אויף יעדן געמיט און פרעסט און שטיקט אלץ און אלעמען. מיט שטילע באהאל־טענע טריט טרעט יעדער אין הויז. מיט שטילע פארוואָרגענע טענער רעדט איינער צום צווייטן. אפילו די אויגן ביי אלעמען קוקן מיט א מאדנעם שרעק און געהיימען אויסדרוק גלייך ווי יעדער וואלט זען בחוש די געהיימע קראפט וועלכע ווירקט דא, ארום און האט מורא זיך צו באווייזן, זיך לאזן הערן, כדי ניט אויפצוואועקן דעם שרעקנס גייסט וועלכער האווערט דא ארום.

אלע פון שטוב פילן דעם שווערן אטעם פון טויט און שרעקן זיך. מער פון אלע פילט אים בת־שבע אליין, און זי קאן ניט פארשטיין אירע קינדער: וואס שרעקן זיי זיך, די נארן וואס האבן זיי וואס מורא צו האבן? וואס גייען זיי ארום מיט פארצארנטע און פארזארגטע? ווער זאגט עס זיי אז דאס איז דאס ערגסטע, דאס שרעקלעכסטע פון לעבן? א, ווען זיי וואלטן וויסן איר לעבן, ביין, זאל זיי בעסער גאט אפהיטן צו וויסן דעם טעם פון אזא לעבן . . .

ארום דער בעט פון דער קראַנקער בת שבע האָט זיך פאַרזאַמלט די גאַנצע משפחה. מיט נערוועזע טריט שפּאַנט פון איין ווינקל צום צווייטן איינער פון אירע זין מאיר. אויף א שטול קעגן איר זיצט איר צווייטער זון פּנחס א בלייכער, א מידער און צעשראָקענער; ביי איר צופוסנס זיצט איר שנור און קוקט איר גלייך אין די אויגן, לאָזט אראָפּ די ברעמען, זיפצט אָפּ שווער און קוקט ווייטער פרעגנדיק: טוט ווי? געבן עפּעס?

צוקאָפּנס ביי איר זיצט א מיידעלע פון א יאָר זעקס, אן אייניקל אויסגעוואקסן ביי דער באָבע אויף דער הענט. קאָן זי ניט באַגרייפן וואָס דאָ טוט זיך און זי וואַרט אז די באָבע זאָל ארויפלייגן איר דאַרע האַנט אויף אירע האָר און גלעטן זיי און קעמען זיי מיט אירע פינגער.

גלייך קעגן איר זיצן אירע צוויי טעכטער מיט פאַרוויינטע אויגן. אלע און אלץ איז שטיל. פון צייט צו צייט הערט זיך נאָר א שווערער זיפץ און די שטילע טריט פון מאירן וועלכער שפּאַנט פון ווינקל צו ווינקל און בייסט די פינגער.

דאָס קינד וואָס האָט ניט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דער קראַנקער האָט פּלוצלונג געמאַכט א זאָנדערבאַרע אנטדעקונג: די באָבע לאַכט! און אלע האָבן זיך דערשראָקן און פאַרוואונדערט זיך אומגעקוקט אויפן קינד און אויף דער קראַנקער.

די קראַנקע איז געלעגן א בלאַסע, אן אויסגעדאַרטע, די הויט פון פּנים האָט זיך צונויפגעצויגן אין געדיכטע פאַלדן. די קינבאַקן האָבן ארויסגע־שטעקט אין צוויי שפּיצן ביינער און האָבן צוגעגעבן דער קראַנקער א שרעק־לעכן אויסזען. די אויגן זיינען געווען פאַרצויגן און האָבן געקוקט אין איין פּינטל איבער דער וואַנט וואָס קעגן איר. און אויף איר גאַנצן פּנים האָט זיך ווי צעגאָסן א שמייכל. עס איז שווער געווען צו זאָגן, צי דאָס איז אן אויס־דרוק פון פאַרגעניגן אָדער טיפן שמאַרץ אָדערביידע צוזאַמען. אלע אין צימער האָבן פאַרוואונדערט באַטראַכט דעם אויסזען פון חולה און ניט ווילנדיק האָבן זייערע אויגן זיך געווענדעט צו דעם פּינטל וואו זי האָט גע־קוקט. אויף דער וואַנט, אנטקעגן דער קראַנקערס בעט, איז געהאַנגען אין א געגילטער גרויסער ראַם מיט פאַרשיידענע פאָטאָגראַפישע בילדער. דאָרט זיינען געווען אלע אירע קינדער, די לעבעדיקע ווי די טויטע, סיי די וואָס זיינען לעבן איר, סיי די וואָס זיינען פאַרפלויגן פון איר ווייט ווייט איבער אלע ימים.

ווען די אלטע איז געווען געזונט, איז ביי איר די ראַם מיט בילדער געווען דאָס טייערסטע אין איר לעבן. אליין פלעגט זי די ראַם פּוצן, אָפּ־טרייסלען דעם שטויב, אראָפּנעמען, איבערשטעלן די בילדער, אויסגלייכן זיי. און קוקן האָט זי געקאָנט שטונדנלאַנג אויף יעדן אייניציקן בילד. די גאַנצע ראַם איז געווען איר גאַנץ לעבן. די בילדער דערינען — יעדער פון זיי א באַזונדער קאַפּיטל, א באַזונדער עפּאָכע אין איר לעבן. איין בילד האָט דאָרט געפעלט און קיינער האָט דערפון ניט געוואוסט. דעם בילד האָט זי אין הארצן געטראָגן אלס אן אייביקן סוד פון דער גאַנצער וועלט. זי אליין האָט זיך געשראָקן פאַר דעם סוד וואָס זי טראָגט אין הארצן. צי מעג זי דאָס? זי, א אידישע טאָכטער, א מאַמע פון קינדער, און אויסרייסן האָט זי

געפּרואווט דעם שרעקלעכן און דאָך הייליקן סוד און האָט ניט געקאָנט. קענן איר אייגענעם ווילן האָט זי געפילט אז דער סוד איז אירער און וועט גיין מיט איר דאָס גאנצע לעבן און קיינער, קיינער וועט ניט אימשטאנד זיין דעם סוד פון איר הארצן ארויסצורייסן, סיידן מיטן הארצן צוזאמען.

און יעדעס מאָל ווען אויף איר משפחה איז אן אומגליק אנגעפאלן; יעדעס מאָל ווען א קינד איז ביי איר אוועק, האָט זי איר אייגן הארץ אין שטיקער געריסן. ערגעץ א שטים האָט אין איר געדונערט: מרשעת! איבער דיינע זינד! א אידישע טאָכטער ביסטו! און זי פלעגט זיך צוהערן צו דער שטים און איר הארץ פלעגט זיך שפּאלטן אין שטיקער. זי האָט געוואוסט אז זי איז שולדיק און האָט אנדערש ניט געקענט. זי האָט געפאסט תעניתים, זיך געפּייניקט טעג מיט נעכט, אָפּגעקלאָגט, אירע אויגן אויסגעוויינט, און ווען איר האָט זיך געדאכט אז זי האָט זיך שוין אויף אייביק באפרייט פון דעם סוד, אז זי האָט אים פארטריבן, ארויסגעריסן פון הארץ צוזאמען מיט א שטיק פון איר אייגן לייב, פלעגט ער קומען צוריק צו איר. אומגעריכט, אמאָל אין העלן טאָג ווען זי פלעגט זיצן ביים וויגעלע פון קינד און זינגען פאר דעם א טרויעריק וויינענדיק לידעלע, און ער פלעגט ווי אויסוואקסן פאר איר אין דער לופט, אָט ווי דאן ווען ער איז צום לעצטן מאָל פון איר אוועק, ווי ער האָט געקוקט אויף איר מיט זיינע שיינע טרויעריקע אויגן, די הענט אויסגעשטרעקט צו איר: זיי מיר מוחל, בת־שבע, איך בין ניט שולדיק. איך האָב דיך ליב געהאט! איך האָב דיך ליב! און זי פאלט צו צום קינדס וויגל און צעוויינט זיך ביטערלעך און זי קאָן זיך אליין קיין חשבון ניט אָפּגעבן וואָס זי וויינט. צי אויף דעם וואָס זי קען אים ניט פארגעסן צי אויף דעם וואָס איר לעבן איז א לאנגער טעות, א ביטערער ליגן?

די קראנקע איז געלעגן מיט אָפענע אויגן געווענדעט צו די בילדער, אין דער גרויסער ראם, און איר גאנץ לעבן איז פאר איר ווי א פּאַנאָראמע פארביי. אָט זעט זי זיך אלס מיידל פון זעכצן יאָר. מען רעדט איר שדוכים. עס קומען מענטשן. מען גיט איר אָפּ מזל־טוב. זי כאפּט א גנבישן בליק אהין צום טיש וואו ער זיצט א הויכער, א שיינער, מיט שווארצע אויגן, א קליין שווארץ בערדל, מיט א זיידענער קאפּאָטע און א ברייטער ווייסער קאָלנער רינגלט ארום זיין ווייסן האלדז. זיין פּנים איז בלאס. אלע זיצן און שווייגן. מען הערט זיך איין ווי ער זאָגט תורה און וואָס ווייטער ער זאָגט אלץ מער צעברענען זיך ביי אים די אויגן. זיין פּנים ווערט ווי באלויכטן . . . די מענער גאפן . . . "א למדן" — הערט זי ווי זיי רעדן צווישן זיך . . . "אן אתרוגל" — כאפּט אונטער דער שדכן. און איר מיידלשער הארץ שלאָגט האסטיק . . .

אָט איז שוין די חתונה. דער חתן אן עלנדער. דער רב פארנעמט חתנס צד. איר פאָטער שיינט פאר פרייד.

די מאַמע וויינט פאר נחת. מזל טוב דיר טאָכטער! זאָלסט זיך עלטערן מיט אים אין נחת און אין פריידן! גאָט און לייט זיינען אונדז מקנא.

און זי לעבט מיט איר ברוכן דעם עלוי. ער איז אזא קלוגער. אז ער רעדט פילט זי ווי הימל און ערד אנטפּלעקן זיך פאר איר. און אלץ ווייס ער. און אלץ קען ער אזוי קלוג דערקלערן. און זי פילט אז איר הארץ איז אין

זיינס געקניפּט, אַז איר לעבן איז אין זיין לעבן געבונדן, און זי טוליעט זיך צו אים און ער גלעט אירע ווייסע באַקן, קושט איר אויף די ליפּן און רופט זי "מיין קרוין", "מיין לעבן", און זיי זיינען אַזוי גליקלעך.

מיטאַמאָל ווערט איר זון פאַרלאָשן, איר גליק פאַרשוואונדן. עס איז געווען פּונקט אַ יאָר נאָך איר חתונה און זיי זיינען ביידע, זי און ער, אין זייער צימער געזעסן. ער ביי דער גמרא און זי קעגן אים, האָט אַ גאַרדעראָב פאַרן נפשל וואָס זי טראָגט אונטער איר האַרצן געניייט. און זי איז אַזוי גליקלעך געווען ווען זי האָט געקוקט אויף אים. ווי שיין ער איז. ווי זיסע מוזיק האָט זיין שטימע געקלונגען. און האָט אין האַרצן צוויי תפלות געבעטן: עס זאָל אַ איינגל זיין און עס זאָל ווי ער שיין און גראָטן זיין. איז דער פאָטער מיט נאָך צוויי אידן אַן אַ גוט מאָרגן אריינגעקומען. איר פאָטער, בלייך און אין כעס, האָט אויסגעשריען: רשע! וואָס האָסטו געהאַט צו מיין קינד? דאָ איז אַ בריוו פון דיין ווייב! און אים אַ בריוו דערלאַנגט. ער איז אויך ווי דער פאָטער בלייך געוואָרן, און מער געדענקט זי ניט.

מען האָט זי פון אים אוועקגענומען. דערנאָך זיינען זיי ביים רב געווען. ווידער מענטש . . . מען האָט עפּעס געשריבן . . . מען האָט זי עפּעס געפרעגט, און זי האָט דאָס וואָרט "גט" געהערט. גט? פאַרוואָס? און זי זעט אים ווידער ווי ער שטייט פאַר איר מיט זיינע צוויי שוואַרצע אויגן. און זיינע ליפּן שעפּטשען אַ געבעט: זיי מיר מוחל, בת־שבע! איך בין ניט שולדיק! איך האָב דיך ליב געהאַט! איך האָב דיך ליב.

און ווידער איז פאַר איר אַלץ פינצטער געוואָרן. אַ שאַרפער ווייטיק האָט איר ערגעץ ווי מיט פייער געבערנט. מען האָט זי אויף די הענט אהיימ־געטראָגן. ווען זי איז צו זיך געקומען, האָט זי געוואוסט אַז זי האָט מפּיל געווען אַז זי איז געווען פאַרביי. מען האָט קוים פון איר לעבן געהאַלטן.

און אַ פייערדיקער לעבעדיקער גיהנום ווערט איר לעבן. די מוטער שילט אים דעם הולטיי, וואָס האָט איר קינד דעם קאָפּ פאַרדרייט, שילט דעם שדכן, די גאַנצע וועלט און זי פילט אַז יעדער קללה שניידט איר ווי מיט מעסערס. זי איז אים אַלץ מוחל, און זי בעט ביי גאָט דער מאַמעס קללות זאָלן ניט מקוים ווערן . . . און זי וויל וויסן וואָס מיט אים איז געוואָרן. זי וויל עפּעס הערן און וואַגט ניט צו פרעגן. און ער שטייט פאַר איר ווי אַ לעבעדיקער מיט די הענט אויסגעשטרעקט צו איר. די אויגן ברענען און רעדן און די ליפּן שעפּטשען אַ שטיל געבעט: זיי מיר מוחל, בת־שבע! איך האָב דיך ליב. און זיין בילד און די ווערטער שניידן זיך איר איין אין האַרצן און אין מוח און זי טראָגט זיי דאָ בשוגג, דאָ במזיד.

איר בליק וואַנדערט איצט איבער דער גרויסער ראַם און שוועבט פון בילד צו בילד ווי זי וואָלט וועלן פון זיי אָפּשייד נעמען. זי שטעלט זיך אָפּ אויף דעם מיטלסטן בילד, איר מאַן. און אַ שאַרפער ווייטיק פאַרפּרעסט איר דאָס האַרץ. זי געדענקט דעם טאָג, ווען מען האָט אים אין איר פאָטערס הויז געבראַכט. די מאַמע האָט געצייינט איבער איר. דער פאָטער האָט זיך געבייזערט און געשריען: אַ אידיש טאָכטער דאַרף ניט קלייבן; שוין פאַרט ניט קיין בתולה! און זי ווייס אַז זי וואָלט זיי קענען זאָגן וואָס זי פילט, קענען אויפדעקן איר האַרץ . . . ווער אָבער וועט זי פאַרשטיין? און זי גייט

צו דער חופּה מיט דעם בחור פון דער ארעגדע. און באלד נאָך דער חתונה א קרעטשמע מיט שכורע גויים, א געדרויד פון בראנפן, מאכארקע און דיאָהעט. זי דאַרף אמאָל העלפן דעם מאן אין קרעטשמע און א שכורער גוי פּארקוקט זיך אויף איר און גלעט איר איבער דער באַק: "הארנע זשידאָווקע" (א שיינע אידישקע) און עס צינדט זיך אָן איר בלוט. איר ווילט זיך ארויסלאָזן דעם בראנפן פון די פּעסער, צעברעכן די גלעזלעך, צעטרייבן אלעמען און אנט־לויפן, אנטלויפן. און אַפּשיילעכער עקל כאַפּט זי ארום און זי דערמאָנט זיך איר לעבן מיט אים אין יענעם יאָר. ווי גליקלעך זי איז געווען! אלעס איז געווען אזוי רואיק, אזוי שיין, ווי זיין שטימע האָט הילכיק געקלונגען איבער דער שטוב בעת ער האָט געלערנט מיט דעם הארציקן גמרא־ניגון. ווי איידל איז געווען זיין באנעמונג צו איר.

"בת־שבע, מיין קרוין" — קלינגט אין אירע אויערן זיין זיסע שטימע און עס ווילט זיך איר אז אלץ זאָל געשען און די הויז מיט דעם בראנפן מיט די גויים זאָלן פארשווינדן און אויף זייער אָרט זאָל אויסוואקסן ער, ברוך, כאָטש אויף איין מינוט, אויף איין רגע! . . .

"א פּערטל בראנפן!" — שלאָגט איר איבער די מחשבות דער באַפעל פון א גוי. זי גייט אָן חשק און איז כעס אויספירן דעם באפעל.

"יע, גאָסי, הארנע זשינקע או טעבע, אלי ני ווזדאנע (הער, נתן, א שיין ווייבל האָסטו, אָבער ניט קיין געראָטענע). הערט זי ווי דער גוי זאָגט אויף איר מבינות, און זי אנטלויפט צו זיך אין הויז, באהאלט דעם קאָפּ אין קישן און וויינט . . .

איר בליק גליטשט זיך פון איין בילד צום צווייטן, אין יעדן פון זיי האָט זי א שטיק פון איר הארצן אריינגעלייגט, א שטיק פון איר לעבן. וואָס מער זי האָט געוואָלט פארשרייען, דעם קול פון איר אייגענעם הארץ געוואָלט פארשטיקן, אלץ מער האָט זיך דאָס הארץ געוועדט, אלץ שטארקער האָט איר נשמה דעם חלק געפאָדערט. זי דערמאָנט זיך א שטעלע פון א תחינה וואָס זי פלעגט אָפט זען: דער מענטש איז געגליכן צו א בוים, די קינדער — דאָס זיינען צווייגן; די פרוכטן — דאָס זיינען זיינע מעשים טובים. און זי דער־פילט זיך פּלוצלונג אז זי איז טאקע דער בוים אליין. יענע דאָרט אויף דער וואנט.

דאָס זיינען אירע צווייגן וועלכע זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פון איר איינע נאָך די אנדערע. אייניקע זיינען פארטריבן געוואָרן פון בייזע ווינטן איבער ימים און מדבריות אין פרעמדע לענדער. מיט גוואלד האָט דער שטורעם זי געבויגן און געבראָכן אָן רחמנות און יעדער צווייג וואָס ס'איז פון איר אָפּגעבראָכן געוואָרן, יעדער צווייג וואָס דער מלאך־המות האָט אָפּגעשניטן פון איר האָט א שטיק פון איר נשמה געשניטן. און א טיפע, ניט פארהיילנדיקע וואונד איז איר הארצן געלאָזן. און זי פילט ווי זי וואָלט איר אייגן הארץ אין די הענט געהאלטן און מיט די אויגן באטראכט און זי זעט איר הארץ פול מיט פרישע וואונדן. אלע טריפן זיי בלוט און אייטער. קיין איין גאנץ שטיקל הארץ איז ניטאָ. און זי ציילט די וואונדן און זי קאָן די געשיכטע פון יעדער איינער פון זיי. דאָ איז זיין וואונד און א שאר־פער ווייטיק נעמט איר דורך און א ציטער גייט אריבער איר קערפּער דורך. און די קראנקע פארשצעמעט די ציינער און פארקארטשעט זיך פון ווייטיק.

— מאמע! — שרייט אוים די טאָכטער וואָס האָט דער מוטערס פנים באטראכט.

מאמע, וואָס איז דיר?

און די קראנקע ענטפערט ניט. זי איילט זיך צוריק צו יענע פינטעלעך קעגנאיבער. זי זעט זיי ניט, נאָר זי איז געגיט אין דער פּאָזיציע פון יעדן פינטל דאָרט און יעדער פינטעלע פון דאָרט הארמאָנירט מיט איר הארצן דאָ.

דאָ איז די וואונד פון איר הארצן, פון איר לעבעדיקן בחור בערעלע, אויסגעוואקסן אין דאָרף. אין פרייען פעלד צווישן פויערים האָט ער פרייען ווילן פארמאָגט, אויף ווילדע פערד זיך ליב געהאט צו יאָגן, דעם טייך אין זיין גאנצער ברייט איבערשווימען, מיט אלע גויים פון דאָרף זיך איבער־בּאָרען. און ווי האָט געוויטיקט איר מוטערס הארץ איר קינד אין שטענדיקע סכנות זען. און זי לויפט צום טייך וואו בערעלע ווייזט קונצן און וויינט און בעט זיך: בערעלע, קום אהיים! גענוג, מיין טייערס! און בערעלע לאכט אויפן קול און זיינע שווארצע האָר גלאנצן אנטקעגנאיבער דער זון און ער קערט זיך איבער, מיטן קאָפּ אראָפּ און שווימט קאטשקע־טריט מיט די פיס ארויף. זי ברעכט די הענט און בעט זיך, און די גויים לאכן . . .

אין אן אוונט האָט מען בערעלען א טויטן, צעהרגעטן און פארבלו־טיקטן געבראכט. בערעלע האָט קונצן אויף א ווילדן פערד געמאכט און מיט זיין לעבן באצאָלט . . .

און די קראנקע פארשצעמעט די דארע בלאסע ליפּן, פארריינצלט דעם שטערן. א לאנג־פארגעסענער ווייטיק פרישט־אויף אין איר זכרון און שניידט דאָס הארץ און צינדט דעם מות.

שווינגער, וואָס איז מיט אייך? רופט דעם דאָקטאָר! מאמע, ווי פילסטו? ס'איז דיר ניט גוט? שאַ, נארישע קינדער, ווער זאָגט אייך? וואָס דאכט זיך אייך אוים?

און זי גייט איבער די וואונדן פון איר הארץ, איינע ביי איינע, און לעבט דורך — אין זכרון — אלע שרעקן פון איר לעבן, אלע ווייטיקן און פייניקונגען . . .

דאָ איז א פרישע וואונד. וואָס צאַפּלסטו זיך אזוי, מיין הארץ? איר מעזיניק הערשעלע, איר קרוין פון קאָפּ, דער טרייסט פון איר עלטער, שטייט פאר איר, א הויכער, א שלאנקער, ווי א סאסנע, מיט זיינע שווארצע אויגן און איידעלן פנים. גאָט און לייט זיינען איר מקנא. הערשעלע איז א סטודענט, הערשעלע האָט חברים. הערשעלע איז עפּעס א כל־ולד', אן אָנפירער, א רעדנער. אלע פרעגן זיך ביי אים עצות. אלע נעמען פון אים באפעלן און אז הערשעלע רעדט, טריפט האָניק פון זיינע ליפּן . . .

נאָר וואָס קלאַפּן עס די פּושקעס אזוי שטארק? וואוהין גייען עס די אלע מענטשן? א שווארצע כמארע פון מענטשן פלייצט איבערן גאָס. זיי פלייצן פון אלע זייטן און קומען זיך צוזאמען. און אלע גייען, ציען זיך אין איין זייט. אהין, אהין וואו עס ליגן שוין פיר פון אירע קינדער. א לויה איז עס. ארונות טראָגט מען. ניט איין ארון, נאָר א סך. דאָס גייט די שטאָט

מקבר זיין די אידישע העלדן וואָס האָבן פאַר דעם אידישן כבוד זיך איינ־געשטעלט. אידישע האָב און גוטס ניט געלאָזט הפקר פלינדערן . . .

שאַ! וואָס קלאָגט אַזוי דער עולם? וואָס זינגט דאָרט דער חזן? וואָס רייסט עס אזוי דאָס האַרץ? עס טראָגן זיך די האַרציקע טענער פון חזן:

— מזהירים את נשמת החתן צבי בר׳ נתן שנהרג על קדוש השם . . .

וואו איז די זון? ווארום איז אַלץ אזוי שוואַרץ? א געהיימע האַנט גנבעט זיך צו איר האַרץ און פרעסט און קוועטשט די פרישע וואונדן פון איר האַרץ. עס פאַרשווינדן די פינטעלעך פון אנטקעגן. זי זעט שוין גאָרניט. זי פילט נאָר אַז זי איז א בוים, אַן עלנד בוים אָן צווייגן, נאָר מיט א סך וואונדן דאָרט וואו צווייגן זייַנען אמאָל געווען און פון אַלע וואונדן טריפט בלוט, פריש בלוט. א קאַלטער ווינט בלאָזט אין אירע אָדערן און די פאַר־באָרגענע האַנט פרעסט און דריקט איר האַרץ . . .

מאַמע! מוטער! שוויגער! באָבע! אַלץ פאַרשווינדט.
ווער זאָגט עס אַז דאָס איז דאָס ערגסטע אין לעבן? נארישע קינדער!

א פארשטערטער סדר

א פארשטערטער סדר

יענעם יאָר איז געווען א לאנגער און קאלטער ווינטער, וועלכער האָט זיך געצויגן ווי אן אייביקייט פאר די אָרימע לייט פון לישענעוויטש.

צוויי וואָכן צו פסח. פון די פאדראדן האָט זיך שוין געטראָגן דער ריח פון פריש געבאקענע מצה, און ס'האָט זיך שוין געהערט דאָס קלאפּן פון די קאטשעלקעס אָן די ברעטער, און דאָס ליאזגען פון די ריגלען איבער די בלעכן . . . מלמדים זיינען שוין ארומגעלאָפן נייע קנעלוגנען צוזאמענ־שטעלן און די אלטע חובות אויפמאָנען. שרה די אלמנה איז שוין פון א וואָך ארומגעגאנגען מיט דער פסחדיקער זיפּ און ווייסן ליילעך אין די נגידישע הייזער דאָס פסחדיקע מעל זיפּן. אין די הייזער האָט מען שוין געשמירט און געכשרט אויף פסח! דאָס אלעס האָט שוין באדארפט זיין א קלאָרער און אמתער סימן, אז דער ליבער זומער קומט אָן. דער ווינטער אָבער האָט זיך אויסגעלאכט פון די אלע סמנים, און זיך געהאלטן שטארק ביי זיי חזקה, און ניט געוואָלט אָפּטרעטן זיין מלוכה.

אויסגעצויגן און פארקאָוועט, ווי א שלאָפנדיקער ריז, איז געלעגן דער טייך ארום שטעטל א פארשאָטענער און פארשנייטער. פארשאָטן אין שניי איז געלעגן דאָס שטעטל פאריתומט און מרה־שחורהדיק.

אזא ווינטער געדענקען ניט אפילו די זקנים. עס האָבן געאכצעט און געקרעכצעט די בעלי בתים, ביי וועמען דער לאנגער ווינטער האָט שוין ארויסגעצויגן די קליי פון די ביינער, אויף בוריאן און קירפּיטש. עס האָבן געזיפצט די סוחרימלעך, וועלכע קאָנען זיך ניט רירן פון אָרט אין אזעלכע וועטערן. עס האָבן געקלאָגט די מיידלעך וועלכע האָבן געזען א פּראָספּעקטיוו פון א קאלטן פּסח, ווען מען וועט ניט קאָנען אפילו ארויסגיין אין גאס זיך באווייזן מיט די נייע מלבושים, און מער פון אלע זיינען אויף זייער שטיי־גער געווען באזאָרגט דאָס קליינוואַרג. מען וועט ניט קענען, ווי אלע יאָר, ארויסגיין בהרחבהדיק מיט די נייע קנאקנדיקע קאפּאָטקעלעך און קאש־קעטלעך, די הענט אין די קעשענעס, און שפּילן אין ניס אונטערן פרייען הימל, וואו די זון שיינט אזוי ווארים און ליבלעך. א פּראָספּעקטיוו פון א פארשטערטן פּסח האָט זיך אנטוויקלט פאר אלע איינוואוינער פון לישע־נעוויטש פון גרוים ביז קליין, פון אָרים ביז רייך.

פאר אלע, אָבער ניט פאר סאָסי פּינים. זי איז געווען די גליקלעכסטע מאמע אין דער וועלט דעם פאר־פּסח. זי האָט ווי געטראָצט דעם ווינטער מיט זיין אייז ממשלה, דעם ברענענדיקן פראָסט און ווינט. זי האָט מיט א באַ־זונדערן פלייס זיך געגרייט צום פּסח. נאָך ארום פורים צייט האָט זי באקומען א בריוו, אז איר חיימקע קומט אויף פּסח, אז ער וועט ארויספאָרן דריי טעג פאר פּסח כדי ער זאָל אָנקומען קיין לישענעוויטש פונקט ערב־פּסח ארום האלבן טאָג. פון דאן אָן האָט זי שוין געציילט די טעג און די שטונדן.

פריער פון אלע יאָר האָט זי אָנגעפאַנגען די ערב־פּסחדיקע אַרבעט. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס יאָר איז ניט גלייך צו אַלע ערב פּסחן, אַז דער פּסח וועט זיין אַ באַזונדער ליבער און טייערער ביי איר און דער־פאַר דאַרף מען זיך צו אים מער גרייטן. וואָס זי האָט געטאָן און וואָס זי האָט געמאַכט איז איר כונה געווען, אַז ס'וועט חיימקען הנאה טאָן, ס'וועט חיימקען געפעלן, אַז ס'איז צוליב דעם טייערן גאַסט.

שוין באַלד אַ יאָר, אַז סאָסי האָט זיך געזעגנט מיט איר עלטערן זון, חיימקען, וועלכער איז בסך הכל אַ פּיסקליא פון צוועלף יאָר און אים צו פרעמדע מענטשן איז אַ פרעמדן דאַרף אוועקגעשיקט. די וויסטע פּרנסה, דאָס פינצטערע שטיקל ברויט האָט זי געצוואונגען צו לאָזן אַ קינד צו פרעמדע מענטשן, אַ ברירה האָט זי געהאַט? . . . נאָר ווער קען ציילן אַ מאַמעס טרערן, ווער קען פילן אַ מאַמעס האַרץ און אויסמעסטן איר צער, ווען זי איז געצוואונגען צו אָפּרייסן, צו שיידן זיך מיט אַ קינד.

ווען חיימקע איז געווען אין דער היים איז ער געווען אַ קינד, גלייך מיט אַלע קינדער, האָט אַמאָל געכאַפּט אַ סטוסאַק, אַ קללה. נאָר זינט חיימקע איז אוועקגעפאָרן, האָט סאָסי דערפילט, אַזוי ווי אַ שטיק האַרץ פון איר וואָלט אָפּגעריסן ווערן און אַז איר האַרץ וועט שוין קיינמאָל גאַנץ ניט ווערן און איר ווייטיק זיך ניט פאַרהיילן ביז זי וועט ניט זען חיימקען מיט אירע אויגן.

דעם גאַנצן קיילעכדיקן יאָר האָט זי ניט געקאָנט אפילו אויף איין טאָג אַרויסלאָזן חיימקען פון קאָפּ. ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי דערמאָנט חיימקען: האָט זיך איר געשלוקערט, איז דאָס געווען אַ סימן, אַז חיימקע דערמאָנט איר. איז איר ביסן אַרויסגעפאַלן פון מויל, איז ווי צו דער מאַמען, חיימקע איז מסתמא הונגעריק; איז איר געפאַלן די אַרבעט פון דער האַנט, איז געווען אַ סימן, אַז חיימקע בענקט נעבעך; די שכנים אַלע האָבן שוין געוואוסט סאָסיס שוואַכקייט צו דערמאָנען ביי אַלעם איר חיימקען, צו דעם האָט זיך שוין אויך צוגעוואוינט איר מאַן פּיני, וועלכער פלעגט פליער לאַכן פון אירע ווייבערישע זאַבאַבאָנעס, נאָר מער פון אַלע האָבן מיטגעפילט סאָסען די קליינע קינדער, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן דער מאַמען אין איר צער.

אין די לאַנגע ווינטער אָוונטן ווען סאָסי פלעגט זיצן ביי אַן אַרבעט, פליקנדיק פעדערן אָדער אַרבעטן אַ זאָק, פלעגט זי מיט אַ באַזונדער פאַרגע־ניגן ליב האָבן זיך אַריינלאָזן מיט די קינדער אין אַ געשפּרעך וועגן חיימקען. זי פלעגט ליב האָבן זיך פאַרצושטעלן, וואָס ער קען איצט טאָן, וואָס ער קען איצט רעדן, און באַזונדערס ווי ער טראַכט איצט וועגן דער היים, וועגן דער מאַמען. און פּלוצלונג פאַלט איר איין אַ מחשבה, אפשר איז ער גאָר הונגעריק, ווייַ איז דער מאַמע זיינער, ווער ווייס, פרעמדע מענטשן. עס טוט זיי דען דאָס האַרץ ווי פאַר אַ פרעמד קינד? און סאָסי פילט אַז דאָס האַרץ ביי איר ווערט צעריסן, פאַרקלעמט און עס שטשעמעט . . .

און אַ צווייטע מחשבה פאַרבייט די ערשטע: טאָמער איז ער חלילה קראַנק? גאָט ווייס! דאָן קען זי זיך שוין ניט באַרויקן און פרעגט פּינין, וועלכער זיצט ביים תהילים: ווי מיינסטו, פּיני, אפשר האָט זיך חלילה מיטן קינד עפּעס געטראָפן, טאָמער איז עס חלילה קראַנק?

פיני, וועלכער האט שוין געוואוסט פון זיין ווייבס שוואכקייט נאר צו טראכטן און איבערטראכטן, פלעגט געוויינלעך אנשרייען אויף איר: "וואס דיר קען איינפאלן! קראנק גאר אינמיטן דערינען! וואס איז עפעס? האט אודאי ניט וואס צו עסן דארט? דאגה ניט, ס'איז אים נאך בעסער דארט פון דיר!"

סאסין פלעגן אבער די רייד ניט בארואיקן. אודאי, א טאטן ארט עפעס פאר א קינד? ער האט דען עפעס בלוט פארגאסן? ביי אים א קינד און א הונט איז אלצאיינס. א מאמעס הארץ פילט . . .

אוי, פיני, מיר זאגט עפעס דאס הארץ . . . און דא פלעגט סאסי שוין ניט קענען אויסהאלטן און אויסברעכן אין א געוויין. נאך אזעלכע שמועסן פלעגט שוין סאסי די גאנצע נאכט ניט שלאפן, און אייניקע טעג ארומגיין צעטראגן און פאריאמערט.

דער גרעסטער יום טוב איז געווען ביי איר, ווען זי פלעגט זיך דערוויסן אז עמיצער איז געקומען פון טאטאראווקע, האט עס געמעגט זיין א פראסטער גוי, צי דער פאסטמייסטער, צי להבדיל א איד, סאסי פלעגט שוין אוועקווארפן אלע ארבעטן און לויפן אפנעמען א גרוס פון איר חיימקע. אפטמאל פלעגט איר אזא גרוס אפקאסטן א טאג ארומלויפעניש אין די גרעסטע פרעסט און די ביטערסטע קעלטן.

איינמאל האט זיך געמאכט, אז א טאטאראווקער גוי וועלכער האט געבראכט צו איר א בריוועלע, האט זיך פארשכורט אין שענק. סאסי האט אים דארט אפגעזוכט צווישן אלע גויים. דער גוי האט זיך אבער איינגעשפארט: "קופי הארילקע אטא ניע אדאם" (קויף בראנפן, אז ניט וועל איך ניט אפגעבן). וואס זי האט זיך ניט דערבעטן, דערחלשט ביים גוי, עס האט גאר ניט געהאלפן. דעם גאנצן טאג איז זי אפגעשטאנען אין שרעק באכגייענדיק דעם גוים פוס טריט, ביז דער שענקער האט זיך מרחם געווען און אויסגעקויפט דאס בריוול פאר אן "אסמושקע" בראנפן.

* * * * *

א וואך פאר פסח האט אפגעלאזט דער פראסט, און דער שניי האט זיך גענומען רירן אונטער די ווארימע שטראלן פון דער זון. דאס גאנצע שטעטל האט ווי אויפגעלעבט פון א נייער האפענונג ענדלעך פטור צו ווערן פון די ביטערע קעלטן און וועלן האבן אן אמת פסחדיקן וועטער.

די נייע האפענונג אבער איז געקומען באגלייט פון נייע דאגות. דער צעגאנגענער שניי האט פארטרונקען דאס שטעטל מיט בלאטע, פארפלייצט אלע וועגן און ס'איז געווארן אין יוצא ואין בא, ניט ארויספארן און ניט אריינפארן. דאס גאנצע שטעטל איז איזאלירט געווארן פון דער גאנצער ארומיקער וועלט.

די צרות פון הייצונג און קאלטן פסח זיינען פארביטן געווארן מיט נייע צרות פון ס'טניט זיין קיין פיש אויף פסח, עס וועט זיין א יקרות אויף פסח, מען וועט זיך ניט קאנען צורירן צו קיין זאך, און נאך אזעלכע מינים דאגות.

פאַר סאָסין איז די צייט געווען אַן אמתער גיהנום. יעדער טאָג האָט זי געטריבן פון האָפענונג צו פאַרצווייפלונג און ווידער צו האָפענונג. פריער האָט זי גאָר ניט געטראַכט פון דעם וועג, זי האָט געוואוסט, אַז מסתמא וועט ער ארויספאָרן זונטיק, איה״ש, באַלד נאָכן דאַווענען, וועט נעכטיקן אין האַניוווקע, פון האַניוווקע וועט ער ארויספאָרן מאָנטיק און וועט נעכטיקן אין פעטראַווקע, מסתמא ביי לייזער דעם בעלעזיערקער, און פון פעטראַווקע איז אינגאַנצן אַכצן ווירסט, איז אָדער ער וועט נאָכקומען צו חמץ פאַרברענען, אָדער נאָך האַלבן טאָג.

אין מחשבה האָט זי שוין אָפגעפלאַנט, אַז זי וועט שוין ביז דאַן האָבן אַלעס אָפגעקאָכט, אַלעס אָפגעבאַקן, די שטוב אויפגעראַמט און פאַר־פוצט, די קינדערלעך אָנגעטאָן, און אפילו א סקאָווערדקע הייסע לאַטקעלעך פאַר אים צוגעגרייט, כדי אַז ער וועט קומען, זאָל זי זיך קאָנען ביזן סדר געננוג אָנקוקן אויף אים. דעם פּלאַן איז זי שוין אַמאָל הונדערט דורכגעגאַנגען אין קאָפּ.

אָבער איצט, ווען ס׳האָט מיטאַמאָל א לאָז געטאָן איז זי געבליבן ווי געפּלעפט. זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואָס זי זאָל זיך ווינטשן, און פאַר־וואָס זי זאָל זיך שרעקן. אודאי, ווען זי וואָלט ביי גאָט געהאַט די דעה, וואָלט זי געמאַכט, אַז עס זאָל אין איין טאָג ווערן טרוקן און ניט פּלאַגן א מוטער אומזיסט און אומנישט.

אָבער פונדעסטוועגן האָט זי געוואוסט, אַז זי וועט חלילה צו גאָט קיין תרעומות ניט האָבן, און פאַרזינדיקן זיך די יאָרן מיט זינדיקע מחשבות, אודאי ניט. און זי האָט געציטערט טאָמער חלילה פאַרט ער ארוים און בלייבט אינמיטן וועג ערגעץ, ניט אהין און ניט אהער. אין אזא פאַל, האָט זי דייטלעך אין מחשבה איבערגעלעבט דעם קינדס צער און יסורים, ווי ער נעכטיקט ערגעץ ביי א מוזשיק אין א שטיבעלע, שלאָפט אויף שטרוי, ווי ער ליידט הונגער, ווי ער דערמאָנט זיך אַן דער היים, וואו אַלע זיצן ביים סדר, און דאָס האַרץ פאַרגייט איר פון יסורים און זי בעט גאָט, ער זאָל בעסער ניט ארויספאָרן.

שטייט זי אויף אין דער פרי און דערזעט ווי די זון גייט אויף א רויטע, א גרויסע, און ווי עס פילט זיך א מחיהדיקע וואַרימקייט, דערשיינט ביי איר נאָך א האָפענונג, אַז ביי גאָט איז נאָך אַלעס מעגלעך און זי קוקט זיך איין ווייט באַרג ארויף, ווי עס שוואַרצט זיך דער וועג פון ווייטנס, פון וואַנען עס דאַרף אָנקומען איר קינד, און זי וויל אָפּמעסטן מיטן אויג, וויפל עס דאַרף נאָך נעמען, אַז יענער שוואַרצער וועג זאָל זיך צעטריקענען, אַזוי אַז מען זאָל קענען פאָרן.

* * * * *

שבת הגדול איז סאָסי געקומען פון שול א ניי אָפּגעלעבטע. ערשטנס, איז אין שטעטל גופא די בלאָטע גאַנץ פיין צוגעטריקנט, אַזוי אַז מען קאָן שוין גיין און ניט אויסשמירן די שיך, און צווייטנס, האָט זי אין שול געהערט נייעס, אַז ניט נאָר אין שטעטל, נאָר אין פעלד איז שוין דער וועג גאַנץ צו דערליידן, און אַז גאָט זאָל נאָר האַלטן זיין רעכטע האַנט, און דאָס וועטער זאָל האַלטן, וועלן מיר נאָך מאָרגן האָבן א פיינעם מאַרק.

מילא דער מארק האָט איר געאַרט ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי. סאָסי איז ניט ווי אַנדערע ווייבער, זי וועט זיך ניט פאַרלאָזן אויף דער לעצטער מינוט. ביי איר איז שוין לאַנג דאָ אי קאַרטאָפל, אי אייער, אי ציבעלעס, אי כריין, און טעפלעך און טעלער שטייען ביי איר, גאָט צו דאַנקען, פון יאָר צו יאָר, נאָר וואָס איר טוט הנאה איז, אַז אויב מאָרגן וועט זיך שטעלן אַ גרויסער מאַרק, איז אַ סימן, אַז חיימקע וועט אַרויספאָרן, ווי ער האָט געשריבן. אין דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָט סאָסי געהאַלטן אין אַרייַנקוקן אין פענצטער אויף דעם שליאַך אַרויס פאַרביי איר הויז, אַ פאָר מאָל אַפילו איז זי אַרויסגעגאַנגען, אַ פּרוואו געטאָן מיטן פוס ווי ווייט דאָס פאַרטרי־קנטע כאַפּט. ס'איז געווען נאָך גוט בלאָטיק, דאָס טרוקענע איז געווען עט־וואָס, בלויז פון אויבן. סאָסי האָט זיך אָבער געטרייסט: ערשטנס, לישענע־וויטשער בלאָטעס האָבן דאָך אַ שם, אַפילו אינמיטן זומער טריקענען זיי רעכט ניט אויס; צווייטנס, ביז נאַכט און פאַר אַ גאַנצער נאַכט קאָן זיך נאָך אויסטריקענען.

ביינאַכט האָט זיך סאָסיע אויפגעכאַפּט ווי אַן אָפּגעבריטע, זיך אויפ־געזעצט אויפן בעט און זיך איינגעהערט מיט אַלע חושים אירע אין דעם גערויש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דרויסן. דאָס האָט דער רעגן געקלאַפּט אין די פענצטער. זי האָט אויף גיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ שאַל, אַרויס־געלאָפן אין דרויסן, און באַלד אַריין צוריק. דאָס האַרץ איז אין איר ווי פאַרשטאָרבן געוואָרן און ניט מיט איר קול האָט זי אויסגעשריען: "פיני! עס רעגנט! אַ שלאַק האָט מיך געטראָפן!"

— טאַקע? האָט פיני זיך נאָכגעפרעגט פון שלאָף און געקליבן זיך אַרויסוויזן מיטלייד, האָט אָבער נאָר געזאָגט: נו־נו! און איז צוריק אַנט־שלאָפן געוואָרן.

סאָסי האָט זיך פאַר כעס און ערגערניש צעוויינט און באַקלאָגט איר ביטער מזל. די גאַנצע נאַכט האָט זי שוין ניט געקאָנט איינשלאָפן. דער רעגן האָט אַפילו באַלד אויפגעהערט, איר האַרץ אָבער האָט ניט געקאָנט איינגע־שטילט ווערן אַזוי גיך. און איר אויפגערעגטער מוח האָט געאַרבעט אָן אַן אויפהער, מאָלנדיק בילדער איינס שרעקלעכער פאַר דעם צווייטן.

* * * * *

עס איז געקומען ערב פסח, ביי סאָסין איז מען אויפגעשטאַנען פריער ווי ביי אַלעמען. די לעצטע 2 טעג איז ביי איר פון האָפענונג גע־וואָרן אַ זיכערהייט, אַז חיים איז אַרויסגעפאָרן, און אַז ער וועט קומען. סימנים האָט זי געהאַט גענוג: ערשטנס, האָט די גאַנצע צייט די זון ליבלעך געשיינט, און די וועגן זיינען שוין גאַנץ טרוקן. צווייטנס, האָט זי נאָך זונטיק אויפן מאַרק באַגעגנט האַניוונקער און אַפילו פעטראַווקער גויים, וואָס דאָס איז אוודאי דער בעסטער סימן אַז אויך דאָרטן זיינען די וועגן ניט שלעכט. און ועל כלם איר האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז ער פאָרט. אַ מאַמעס האַרץ וועט ניט אָפּנאַרן . . .

פאַר די לאַנגע צוויי טעג איז זי אין די געדאַנקען געווען אינגאַנצן מיט אים, דאָרטן אויפן וועג. זי האָט אים געזען זיך זעצן אויף דער פור, זיך

געזעגענען מיט זייערע בעלי־בתים, ווי די פור האָט זיך גערירט, ווי די פור האָט זיך געשטעלט איבער צו פּאַשען די פערד און דעם וואָגן שמירן, און נאָכדעם אויף נאַכט לעגער. וואָס הייסט א מאַמעס האַרץ איז עפּעס פון שטיין? און וואָלט זי א מאָגלעך זיין, וואָלט זי געקאָנט זיך ווערן, אַז זי וואָלט זיך אויפגעזעצט אויף א פערד רייטנדיק און געפאָרן אים אנטקעגן און פּונקט טרעפן אים אויף דעם אָרט, וואו נאָך איר מיינונג חיימקע דאַרף זיך איצט געפינען.

און נאָך איר חשבון האָט חיימקע באַדאַרפט קומען אַרום האַלבן טאָג, זי האָט דאַרום געוואָלט איר אַלטן געליבטן פּלאַן דורכפירן ביז צום סוף. אויפגעוועקט אַלעמען פאַרטאָג, האָט זי זיך גענומען אויסראַמען דעם חמץ, אַזוי אַז ביז טאָג האָט מען שוין אָפּגעגעסן דעם לעצטן חמצדיקן אָנבייסן, די כלים איבערגעשייערט און אַרויפגעטראָגן אויפן בוידעם, און זיך גענומען פאַרן פּסח.

די אַרבעט האָט געברענט אונטער אירע הענט. די עלטערע קינדער האָבן איר מיטגעהאָלפן: איינס, האָט מצה מעל געקלאַפּט, א צווייטס האָט די כוסות געוואַשט, א דריטס איז צום טייך געגאַנגען, די נייע כלים טובל זיין, און אַליין האָט זי זיך געפּאָרעט אַרום אויוון, פאַרבאַרייטנדיק די פּסח־דיקע מאכלים.

יעדער פור וואָס פלעגט דורכפאָרן פלעגט ביי איר אין האַרצן עפּעס אָפּרייסן — טאָמער איז עס ער?

אַרום האַלבן טאָג האָט זי די קינדער מצה־ברא געמאַכט און זיך אויף א ווײַלע אין דרויסן אַרויסגעכאַפּט א קוק טאָן אויפן שליאַך פון יענעם זייט טייך אַרויף צום באַרג. אויפן באַרג האָט איצט ניט גערוט. פורן זיינען געפאָרן אַרויף און אַראָפּ, פון שטעטל און אין שטעטל. דער וועג האָט זיך געצויגן א ווייסער, א גלאַנציקער קעגן דער זון, און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט סאָסים זיכערהייט אַז ער וועט קומען. אָנגשטרענגענ־דיק אירע אויגן ווייט צום שליאַך, האָט זי ווי געוואָלט דורכדרינגען דעם שטח און טרעפן אויב אויף איינער פון די פורן, וואָס ציען זיך אין שטעטל אַריין, זיצט ניט איר חיימקע.

אָט האָט זי פון די פורן אויסגעקליבן איין פור, מיט איין איינציק פערדל מיט בלויז 2 פּינטעלעך אויפן וואָגן, און ביי זיך געפּועלט, אַז דאָס דאַרף זיין ער, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי געפילט, אַז זי נאַרט, זוכט זיך אַליין צו נאַרן, אַז פון איר שטוב ביזן וועג אויפן באַרג איז א קימאַ־לן פון א האַלב וויאָרסט, און מען קאָן זען טאַקע נאָר די פורן אָבער ניט די מענטשן.

דער אַנדערער האַלבער טאָג האָט זיך פאַר סאָסין געצויגן ווי אַן אייביקייט. זי האָט ניט געקאָנט איינשטיין אויף איין אָרט און יעדן מאָל זיך אָפּגעריסן פון דער אַרבעט און אין דרויסן געלאָפן. די קינדער האָבן מיטגעפילט און פאַרשטאַנען דער מוטערס וואָונטש און זיינען אַלע אין דרויסן געלעגן. אַנדערע אַפילו פאַרלאָפן ווייט אין גאַס פאַרויס און יעדן מאָל, וואָס א פור האָט זיך אין גאַס באַוויזן, געלאָפן אָנזאָגן דער מאַמען, אַז דאַכט זיך ער פאָרט.

ביי סאסין פלעגט זיך יעדן מאל אפרייסן אין הארצן. זי פלעגט ארויסלויפן מיט אימפעט, מיט די אויגן איינעסן זיך אין דער קומענדיקער פור, דאס הארץ פלעגט ביי איר ווי פארשטארבן ווערן און זיך אפשטעלן, די אויגן זיך צעברענען און דאס פנים זיך בייטן אין קאליר פון שיין־רויטלעך ביז טויט־בלאס, ביז די פור פלעגט ווידער זיך פארדרייען אין אן אנדער גאס, אדער זיך פארבייטראגן פארביי דער הויז, איבערלאזנדיק סאסין מיט די קינדער אנטוישטע און באטריגעגע.

פארנאכט, אלץ איז שוין אין שטוב אפגעטאן. עס פינקלט און בלישטשעט אין יעדן ווינקעלע. סאסי אליין פארפוצט אין די שענסטע בגדים, די קינדערלעך אויסגעצוואגן, אפגעוואשן און פארפוצט, די היסב־בעט גרייט, דער טיש געדעקט מיט א שניי־ווייסן טישטוך מיט קאלירטע כוסות. ביים טיש אלץ פארטיק פאר די צוויי געסט: פארן ליבן פסח און פאר חיימקען. חיימקע אבער איז נאך ניטא. דער מוטערס הארץ ווערט ווי מיט שטיינער באלאדן. שוין מער ווי איינמאל האט זי זיך שוין ביטער אויסגעוויינט און נאכדעם זיך ווייטער געטרייסט, אז ער קען נאך קומען. וואלט איר כאטש עמיצער געקאנט זאגן, אז ער איז ניט ארויסגעפארן, וואלט איר שוין אזוי ניט געארט, נאר דער געדאנק, אז ער קען ערגעץ אין וועג פארבלייבן אויף פסח און נאך חלילה פון הונגער אויסגיין, האט זי אויפגעשווידערט און געבראכן איר הארץ. ענדלעך האט זי באשלאסן גיין צו דער בריק אים מקבל פנים זיין. דאס הארץ האט איר פארט געזאגט, אז ער פארט.

מיטן שאל אויף די פלייצעס, מיטן עלטערן מיידל ביי דער האנט האט זי זיך אוועקגעלאזט אין אנדערן עק שטעטל, צו דער בריק וואס איז אונטערן בארג. דער וועג אויפן בארג איז געשטאנען א נידעריקער און פרייער. די לעצטע פורן פונם מארק זיינען שוין לאנג אוועקגעפארן, און אין שטעטל איז שוין קיינער ניט געפארן. סאסי איז אבער געשטאנען אויפן פלאץ מיט די אויגן זיך איינגעגעסן אין ווייטן שטיק בארג ארויף.

די זון האט שוין געהאלטן ביים אונטערגיין, אין טייך האט גערוישט פון די לויפנדיקע וואסערן פון בארג און קאנאוועס, דער אייז האט זיך שוין גערירט, און גרויסע קריעס, ווי שווארצע סטאדעס שאף, האבן זיך גערוקט איינער אויפן צווייטן און זיך געטראגן מיט אימפעט און צעפאלן געווארן און ווידער זיך געטראגן און געשפארט.

קאן נאך ביינאכט די בריק צערייסן, איז ביי סאסין דורכגעפלויגן א געדאנק און פון דעם געדאנק איז באלד א צווייטער געבוירן געווארן: ווער ווייס, — טאמער איז ערגעץ אויפן וועג שוין צעריסן א בריק, און חיימקע שטייט פון יענער זייט טייך.

מאמע, ער פארט! — האט אירע טרויעריקע געדאנקען דאס מיידעלע איבערגעשלאגן, און סאסי האט זיך ווידער איינגעגעסן מיט די אויגן אין שליאך, וואו עס האט זיך געטראגן א שווארץ פינטל. דאס פינטל איז געווארן אלץ גרעסער און גרעסער און דערנענטערט צום שפיץ בארג און זיך אראפגעלאזט בארג אראפ צום בריק צו. מיט א געפיל פון שרעק און דערווארטונג האט זי זיך געלאזט אנטקעגן. די פור האט זיך פון דער ווייטנס געשלעפט איבער דער געדיכטער בלאטע פון בריק און פאמעלעך זיך דער־

געענטפערט: גיין אַנטקעגן איז געווען אוממעגלעך איבער דער גרויסער בלאָטע וואו מען האָט געקאָנט פאַרזונקען ווערן.

ענדלעך, נאָך אַ לאַנגן וואַרטן, האָט זיך די פור באַוויזן. ס'איז געווען אידל דער ליוועראַנט מיט זיין גרויסן וואָגן פול מיט היי מיט אַ צען פערד אַרום דעם וואָגן. אידל האָט זיך געאיילט צום סדר און געווען אין כעס אויף די פערד און אויף דער בלאָטע, און געשאָלטן: "אַ כאָליערע אויף אייך פגירות!"

סאָסי האָט אים אָפּגעשטעלט, געפרעגט צי האָט ער ניט באַגעגנט דאָרט איר איינגל. פון פּעטראָווקע דאַרף ער אָנקומען.

— פון פּעטראָווקע? — האָט אידל איבערגעפרעגט און אַ שמייך געגעבן איבערן "איינגל", "די קריעס גייען!" — האָט ער געענטפערט שוין פאַרנדיק.

ווי דערשלאָגן פון אַ דונער איז סאָסי געבליבן אויפן אָרט, ניט קענענדיק אַ וואָרט אויסרעדן און ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן. דער פּראָם צעריסן, קריעס גייען, פּאָלאָוואַדיע, דאָס זיינען אַלץ באַקאַנטע ווערטער, און זי ווייס גוט, וואָס עס באַדייטעט, און זי דערמאָנט זיך, ווי אַמאָל, אויך אין אַן ערב פּסח, איז דאָס געווען, האָט די פּאָלאָוואַדיע פאַרטראָגן סענדערן מיטן וואָגן מיט די פערד און אויף היינטיקן טאָג. זי דערמאָנט זיך ווי אַמאָל איז דאָס גאַנצע שטעטל צום טייך געלאָפן, אויך אין ערב פּסח צייט געווען. אַ גוי האָט זיך געלאָזט דעם טייך איבערגיין איבער די קריעס, און די קריע איז אויף שטיקלעך צעפאַלן. ווי ער האָט זיך געראַנגלט, געכאַפּט זיך דאָ פאַר איין קריע, דאָ, פאַר דער צווייטער און געשריען: ראַטעוועט! מענטשן גוטע! און דאָ דאָס גאַנצע שטעטל שטייען און קאָנען גאָר ניט טאָן. דאָס לעבן איינשטעלן וויל קיינער ניט.

און עס קומט איר אַ געדאַנק, ווען חיימקע איז דאָרט אויף די קריעס, וואָלט זי ניט געקוקט אויף קיין זאַך און אים געלאָפן ראַטעווען, זי וואָלט די וועלט אַפּילו איבערגעקערט.

און פּלוצלונג פאַלט איר איין אַ מחשבה, טאָמער שטייט דאָרטן ערגעץ חיימקע איבמיטן טייך און שרייט: העלפט! און ס'איז קיינער ניטאָ. ניין, זי מוז עפּעס טאָן, מען מוז דינגען רייטער צי אַ פּאָטשט וואָגן, זי וועט אַפּילו דאָס העמד פאַרזעצן.

אירע אויגן האָבן זיך מיטאַמאָל איינגעגעסן אין אַ פּינטעלע. פון דער זייט טייךביים ברעג, וואו עס וואוינט נחמה די טיקעריון, האָט מען ליכט אָנגעצונדן. יום־טוב! איז איר אין קאָפּ דאָס וואָרט דורכגעפלויגן. נחמה האָט שוין ליכט געבענטשט. דאָס וואָרט נחמה די טיקעריון האָט איר דערמאָנט נאָך עפּעס, אַז זי דאַרף נאָך ערגעץ גיין עפּעס טאָן. יום טוב, פּסח, מען טאָר ניט פאַרשטערן. און אַ קראַנקע, אַ מידע, מיט אַ צעבראָכן האַרץ און פאַר־לאָרענער האָפענונג, האָט זי געשלעפּט אירע מידע פיס.

* * * * *

אַ פאַרקלאָגטע און צעבראָכענע איז זי אויפגעשטאַנען פון סדר און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. זי האָט שוין קיין זאַך ניט געקאָנט טראַכטן,

קיין זאך פילן, נאָר ווי עפּעס אַ שווערער שטיין איז געלעגן אויף איר האַרצן און געפּרעסט מיט זיין משא.

זי האָט ניט געוואוסט, וויפל זי איז אָפּגעלעגן, אָפּטמאָל האָט זיך איר אויסגעדאַכט אַז ס׳איז געווען בלויז אַ מאָמענט, אַז זי האָט זיך נאָר וואָס אוועקגעלייגט און אַן אַנדערש מאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס איז געווען אַ גאַנצע אייביקייט, אַזוי ווי הונדערט נעכט וואָלטן זיך ציען צוזאַמען איינע נאָך איינער פון פּרעסן איר האַרץ מיט זייער חושך. אַזוי ווי דורך אַ חלום האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז מען קלאַפּט אין פענצטער, אַז עמיצער רופט: ״מאַמע!״ זי האָט זיך האַלב אויפגעזעצט אויפן בעט, זיך איינגעהערט מיט אַ פאַרשטאַרבן האַרץ און איינגעגראָבן די אויגן אין דעם גרוי בלאַסן שיין, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פענצטער.

אימעצער איז דאָרט געשטאַנען, מען האָט גערעדט.

״פּיני״ — האָט זי אויסגעשריין ניט מיט איר קול: ״ער איז געקומען!״. . .

* * * * *

אויף מאָרגן איז סאָסי געגאַנגען אין שול אַ שיינענדיקע און אויס־געפּוצטע, געגאַנגען מיט היימקען און פאַר די ווייבער דערציילט פון אירע איבערלעבונגען און פון זיינע צרות אויפן וועג און אַז נאָר אירע טרערן האָבן אים אויסגעוויינט: איר מוטערס האַרץ האָט איר ניט אָפּגענאַרט . . .

צדוק בעל-תשובה

צדוק בעל־תשובה

(מײַן זון, נפתלי, צו זײַן בר־מצוה)

ווער האָט געזאָגט היפּאָקריט? — וואָרט, ניט געכאַפּט זיך. ס'איז א הארב וואָרט, א שווערע באַשולדיקונג, און אײדער איר גײט מלשין זײַן אויף א אידן אין אזעלכע פּורכטיקע טעג, ערב א יום הדין, וויל איך אײַך עפּעס דערציילן.

א אידישע נשמה טאָר מען אזוי גרינג ניט שאַצן. מיר האָבן אלע געדענקט ניט אנדערש אז צדוק איז אָדער א היפּאָקריט, אָדער גאָר א קאַמענדיאַנשטשיק. אנדערע האָבן געלאַכט פון אים און אים גערופן שאַר־לאַטאַן (געוויינלעך אונטער די אויגן), אָבער זײַנען מיר גערעכט געווען?

אין דער שמאָלער גאַסט פון דער שטאָט נ. איז קירילאָווס טראַקטיר, וואו עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען יעדן אָוונט און באַזונדערס יעדן שבת די בעקער פון דער שטאָט, צו טרינקען א פּאָרציע טיי מיט לימענע, פאַר־בײַסן מיט פראַנזעלן און זדאָבנע, אָדער גאָר נעמען אביסל בראַנפן און פאַרגעסן די צרות, די בעקערײַ מיטן בייזן בעל־הבית.

אין יענער גאַס, איז יענעם טראַקטיר, אין יענער וועלט פון אייביק קלאַפּנדיקע דעקלעך פון טשייניקעס, אין יענעם טומל פון טרינקנדיקע און באַטרונקענע בעקערס, קאַנדידאַטאָרס, לעקאַד־מאַכערס איז צדוק געווען א שם דבר, פון וועלכן יעדער האָט גערעדט, אייניקע מיט מורא, אַנדערע מיט ערפורכט, נאָך אנדערע מיט קנאה און כעס; יעדערער אָבער האָט אים געקענט און אנערקענט אלס דעם אומגעקרוינטן קעניג פון דער בעקער וועלט און בעקער־צעך.

דאָרט אין יענער גאַס, אין יענעם טראַקטיר, אין יענעם הו־הא פון בור־פּעטשיקעס, שעסטיאַרקעס, ריח פון געברענטע פליישן און וואָלקנס רויך פון פּאַפּיראָסן, דאָרט איז צדוק געווען דער קעניג, וועמעס וואָרט איז געווען א געזעץ. פאַר וועמען די שעסטיאַרקעס האָבן זיך אין דרייען געבוקט און גערופן באַרין, פאַר וועמען דער בעל־הבית אליין, ניקיטאַ איוואַנאָוויטש קירילאָוו, האָט דרך ארץ געהאַט, און אים דעם "גוט אָוונט" אנטקעגנגע־טראָגן, מיט גרויס הכנעה, און אויף זײַן באַפעל האָט מען שטענדיק פאַר צדוקן א ווייסן טישטוך געלייגט און באַזונדער געשיר דערלאַנגט. דאָרטן איז צדוק געווען דער צענטער פון אלץ און אלעמען.

און זײַן קראַפט איז געווען איינעם עולה לגדולה מאַכן, מאַכן פאַר מייסטער, פאַר בעקער, אָדער איינעם צעטרעטן ווי א וואָרים, ער זאָל קיין תחית המתים ניט אויפשטיין.

האָט צדוק געוואָרפן אַן אויג אויף א בעקער יונג, איז דאָס בעסטע פאַר יענעם געווען צו אַנטלויפן, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, און זיך ניט ווייזן פאַר חברה אין די אויגן.

האָט ער איינעם געגעבן א צונעמעניש, האָט זיך עס שוין צו יענעם צוגעקלעפּט, און מיטגעגאַנגען מיט אים אין קבר. צדוק האָט נאָר באַדאַרפט א קוק טאָן אויף א "נאָוויטשאָק", אים אָפּמעסטן מיט זיינע כיטרע לויפנ־דיקע אויגעלעך פון קאָפּ ביז די פיס, און אַזוי זיך, בדרך אגב, דורכמרומלען דורך די ציין: "פליאַסקאַ טרעבלאַ, אָדער קיזיאַק", און באַלד האָט שוין דער גאַנצער צעך געוואוסט, אַז בערל שרויפּמאַן איז באַגראָבן, און וואַנקאַ בעזבאַראָדקע איז פאַרפאַלן. פליאַסקאַ און קיזיאַק פאַרנעמען זייערע פּלע־צער, און אַז דעם פליאַסקאַ און דעם קיזיאַק וועט מען פאַר יאָרן ניט צולאָזן צום וואַרשטאַט, אָדער אַיוון, אַז זיי וועלן דאַרפן שטענדיק וויסן זייערע פּלעצער אין קאָמפּאַני, ניט זיין קיין עזות פּנימער, געדענקען ווער זיי זיינען, און טאָן וואָס מען וועט זיין הייסן, גיין וואו חברה וועט שיקן, צאָלן, ווען צדוק וועט הייסן.

ווי אַן אמתער קעניג האָט ער געהאַט זיין סוויטע, זיינע יוצר משרתים ואשר משרתיו, וועלכע פלעגן אים קוקן אין די אויגן, צוטראָגן ספּליעטנים, אַנריידן אויף דעם, אויף יענעם, טראַקטירן שטענדיק מיט טיי און בראַנפן, אַבי אַנצוהאַלטן דעם חסד פון זיין נאָענטקייט, די פּריווילעגיע פון זיין שמייכל אָדער גוט וואָרט.

צו זיצן ביי זיין טיש איז געווען ניט פון די קליינע חסדים. ניט יעדער איז דערצו זוכה געווען, און ניט יעדער האָט אַזא לוקסוס זיך גע־קענט דערלויבן, ווייל צו צדוקס טיש, ווי צו א פּאַרציייטיקן כהן גדול האָט מען ניט געקאָנט קומען מיט ליידיקע הענט, ווייל ביי זיין טיש זיינען נאָר געזעסן, אָדער אימעגיניקעס, וואָס פייערן זייער געבורטסטאָג מיט א פלאַש בראַנפן און מיט די שענסטע פּאַרציעס פון "טייבל ד'אָט", אָדער אַזעלכע מקורבים, וואָס קאָנען זיך פאַרגינען אָנהאַלטן ליטישע קאָמפּאַניע.

פונדעסטוועגן האָט דאָס ניט געמיינט אַז זיין ממשלה איז געווען באַגרעניצט מיט זיין טיש בלויז. פּאַרקערט, אדרבה, ערשטנס, איז יעדער וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל באַלד צעטראָגן געוואָרן איבערן גאַנצן טראַקטיר, צו אַלע טישן, און ביי יעדן טיש האָט מען עס באַלד צעקייט, און איבערגעלייגט און צעגלידערט. פאַר דעם האָט שוין די סוויטע געזאָרגט. און צווייטנס, האָט צדוק גאַנץ גוט פאַרשטאַנען ווי אַנצוהאַלטן זיין ממשלה און פון צייט צו צייט זיך אויפהויבן פון זיין טראָן, און אָפּגעשטאַט א באַזוך דאָ צו איין טיש, דאָ און א צווייטן. דעם געגעבן א סיגאַר, ביי דעם גענומען, אַן אַנדערן א טובה געטאָן, זיך צוגעזעצט און גענומען צוזאַמען א קאַפּיטשקע: מיט איינעם א שמועס פאַרפירט, מיט אַן אַנדערן א שפּאַס געמאַכט.

דער כוח, מיט וועלכן צדוק האָט געקעניגט אין דער וועלט, האָט געשטאַמט פון דריי הויפּט קוואַלן: ערשטנס, האָט צדוק געקאָנט דערציילן מעשיות פון דער וועלט. זיינע מעשיות האָבן געהאַט א שם, און בעקער־יונגען האָבן ליב מעשיות. פאַר א גוטער מעשה וועלן זיי אייך פאַרקויפן

דאָס לייב מיט דער נשמה, און צדוק האָט זיי דערציילט מיט א טאַלק, גע־לאַסן, שטענדיק צוגעפּאַסט צום ענין. אַמאָל איז דאָס געווען אויסגעלאַסענע מעשהלעך, פון וועלכע א קאָזאַק האָט געקענט רויט ווערן; אַמאָל זיינען דאָס געווען שפּאַסן, כלומרשט פון זיין אייגן לעבן; אַן אַנדערש מאָל מעשיות פון גבירישע טעכטער, רבנישע מיידלעך, ווי זיי האָבן זיך פאַרליבט אין אים. זיינע מעשיות האָבן געהאַט א שם און זיינען געלערנט געוואָרן אויף אויסווייניק און זיינען איבערדערציילט געוואָרן.

זיין צווייטע קראַפט איז באַשטאַנען אין זיין אַמאָליקער גבורה. צדוק האָט געשמט פאַר א גבור, וועלכער האָט געקאָנט שלאָגן א גאַנצן טראַקטיר קאַצאַפּעס. צדוק האָט געקאָנט האַלטן אין מורא די גאַנצע הינטער וועלט. אַז ער פלעגט אַריינקומען אין א פלאַץ פון יענע פלעצער, פלעגט פאַלן א אימה אויף די מיידלעך מיט דער באַלעבאָסטע, און אַלע געסט.

אַלץ האָט מען אים נאָכגעגעבן, און טאָמער ניט, זיינען געווען אַלע שפּיגלען צעבראָכן, אַלע פענצטער אויסגעזעצט, און צעביילטע קעפּ, צע־שפּאָלטענע שטערנס, און צעבראָכענע ביינער, אַז א שיר.

דער עיקר כוח פון צדוקן אָבער איז באַשטאַנען אין זיין העכערן איני־טעלעקט פון אַלע זיינע אונטערטאַנען. פון וואַנען קומט צו צדוקן אינטעלעקט? למאי, פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ גבורה? — צו אים, א קינד פון גלות, א קינד פון דלות און נויט, ווי מיר וועלן זיך באַלד באַקענען. למאי, וועט איר פרעגן, פון וואַנען האָט זיך צו צדוקן גענומען צו קאָנען א פרשה חומש מיט רש״י, צו קענען נאָכזאָגן אַלע חזנישע שטיקלעך, און אָפּגעבן דאָס חיות פאַר א ניגון, א אידיש לידל? — אַזעלכע קשיות זיינען פאַראַן אין לעבן א סך, און דאָס לעבן איז נאָך אַלץ א תירוץ שולדיק.

צדוקס קרייז איז געווען דער קרייז פון אַרבעטער פון דעם ערגסטן באַצאָלטן צעך אין גאַנץ רוסלאַנד, בעקערס, קאָנדיטאָרס, לעקעך בעקער און בייגל מאַכערס. ווער עס ווייס די רוסישע בעקעריי, און פיליכט טאָקע יעדער בעקעריי, דער ווייס, אַז עס דאַרף נאָך קומען א צווייטער אָפּטאָן סינקלער, וועלכער זאָל אָנשרייבן א צווייטן ״דזשאַנגל״ צו דערווייזן דער וועלט וויפל שווייס, בלוט, טרערן און מאַרך עס ווערט איינגעקנאָטן אין די טייג און אין די ברויט וואָס מיר עסן; וויפל לעבנס צאַנקען אויס דאָרט, ביי די גהינום אויוונס און ווערן פאַרדאַרבן, פאַרטריקנט און אָפּגעשווענקט אין דעם רינ־שטאָק פון לעבן, פון קיינעם ניט באַמערקט — פון קיינעם ניט באַקלאָגט און באַדויערט.

וויפל נשמות עס ווערן דערטרונקען אין די טיפע זויער שמעקנדיקע אומזויבערע טייג מולטערס. דאָס אידישע פאַראַרימטע קליין שטעטל פון דער טרויעריק באַוואוסטער ״טשערטאַ אָסעדלאָסטי״ און דאָס נאָך מער פאַר־אַרימטע דאָרף פון טיף רוסלאַנד ליפערן די קרבנות פאַר דער בעקעריי. יאָר איין, יאָר אויס, קומען זיי אין די שטעט פאַרהונגערטע, פאַרשמאַכטע, באַרוויסע און נאַקעטע, אָבער מיט דעם הויך פון סטעפּ אין זייערע אויגן. מיט דער נאַאיוויטעט פון קליינשטעטעלע און דאָרף אין זייערע הערצער. גלויבנדיק דעם הייליקן גלויבן פון שטאָט, אַז דאָ וועט די שטאָט א מאַמע ווערן. און זיי קומען אין זייער פריסטער יוגנט, פיל בלויז צען אָדער

עלף יאָר אַלט, אַנדערע עלטער. מערסטנס זיינען דאָ יתומים, וועלכע אַנטלויפן פון אַ גרויזאַמער שטיף־מוטער, אָדער פון דער רחמנות פון גוטהאַרציקע פריינט. פיל מאָל זיינען דאָס קינדער פון דלות און נויט, וועלכע מוזן זיך זוכן אַ דאַך און אַ שטיקל ברויט, און דער וואַרימער הויך פון בעקעריי און דער געשמאַקער ריח פון פריש געבאַקענע ברויט אָדער לעקאַך פאַרשלאָגט אין זייערע נאָזלעכער, רייצט זייערע הונגעריקע אַפּעטיטן, און מאָלט זיי די בעקעריי אַלס ערדישן גן עדן וואו עס איז אַזוי ליבלעך וואַרים, וואו עס איז דאָ אַזוי פיל ברויט, מיט אַ וואַרימען אויפן אויוון צו שלאָפן.

צדוק איז געווען בלויז איינער פון פיל. ווען ער איז אַלט געווען צען יאָר איז ער געבליבן אַ יתום, אָן אַ פאָטער, און פאַר אַנדערהאַלבן יאָר האָט ער געטראָגן דעם יאָך פון שפּייזן די משפחה פון באַך פינף קינדער צוזאַמען מיט דער מוטער. געאַרבעט אויף פרעמדע גערטנער, געלאָפן אין די נגידישע הייזער, די קויטיקע וועש צונויפנעמען און די ריינע אָפּטראָגן; געהאָלפן דער מאַמען אין דער אַרבעט ביים טייך, אין די גרעסטע פרעסט, דאָס וועש געהאָלפן הענגען אויף די שטריק מיט די קליינע, רויטע, פאַרפרוירענע הענטלעך. און פאַר אַלע אַרבעטן איז זעלטן געווען ברויט צו זאַט פאַר אַלעמען, און זעלטן וואַרים געווען, די פאַרפרוירענע גלידער צו דערוואַרימען.

בעסער אָבער פון אַלע אַרבעטן האָט ער ליב געהאַט יאַריד צייט. דאַמאָלט פלעגט די מוטער באַקן בולקעלעך און ברויטן לעבלעך, און ער פלעגט עס טראָגן צווישן די גויים פאַרקויפן. אָט ביי דער מלאכה האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ סך, אַ סך נוצלעכע זאַכן: דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל זיך אויסגעלערנט די רוסישע קללות, וועלכע האָבן אויף אים אַ באַזונדערן איינדרוק געמאַכט, און גייענדיק אַהיים מיטן ליידיקן קויש, האָט ער עס עטלעכע מאָל אין דער הויך צו זיך אַליין איבערגעחזרט צו זיין זיכער, אַז ער האָט גאָרניט פאַרגעסן.

דאָרט האָט ער זיינע ערשטע לעקציעס אין גוייש ריידן באַקומען, און אויך דאָרט האָט ער צום ערשטן מאָל דעם כוח פון זיינע פויסטן געפּרואווט מיט די גויישע אינגלעך פון די וועגן, וועלכע האָבן אים גענומען נאָכקרימען, און רופן "זשיד, זשיד פּאַרכאַטי". ניט לאַנג אָבער האָט געדויערט זיין שול־צייט אין דער אַטמאָספערע. דער שיקזאַל האָט פאַר אים עפּעס אַנדערש געהאַט צוגעגרייט.

דער זומער מיט די יאַרידים איז אַוועק און דער ווינטער איז געקומען (דער צווייטער ווינטער נאָך זיין פאָטערס טויט), און די מוטער האָט זיך ווידער פאַר וועש גענומען, אָבער אויך ניט אויף לאַנג. דאָס וואַשן ביים טייך און דאָס הענגען אין דרויסן, דער ניט־עסן און ניט דערשלאָפן האָבן זייער אַרבעט געטאָן: און אין איין אָוונט, ווען זי איז פון טייך מיט וועש געקומען, האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אין בעט, אָפּגעקרענקט אַ פּאָר וואָכן און איבערגעלאָזט צדוקן מיט די איבעריקע פינף קינדער, אויף גאָטס באַראָט.

עס זיינען געקומען פריינט, קרובים, קהל, מען האָט גענומען מאַכן אַ תכלית פון די קינדער, צעטיילט דעם אַהין, דעם אַהער, און צדוק איז אָנגעקומען צו אַ בייזן פעטער, וועלכער האָט זיך גענומען פאַר אים, ערשטנס, אַרויסצוקלאַפּן די גויישע גענג פון אים און צווייטנס, אַריינקלאַפּן אַביסל אידישקייט.

זעלבסטפארשטענדלעך, אז כדי צו לייטערן זיין גוף און צו ראטעווען זיין נשמה, האט מען דערוויילע פארגעסן צו געבן עסן, און צדוק האט זיך גענומען שפייזן אליין, ווי ער האט געקאנט. אויפשטיין ביינאכט, ווען אלע שלאפן און אפברעכן א שטיק ברויט און טאקע באלד אויפעסן, ארייננכאפן זיך אין קיך און אנמאכן א חורבן; און אמאל זיך גאר ארױסכאפן אין מארק, זיך צושארן צו די גוישע פארקויפערינס פון ברויט און בייגל, ביז מען האט אים געכאפט און אוועקגעפירט צום פעטער. דער פעטער, דער כעסן, האט זיך גענומען נוקם זיין פאר דער בושה און חרפה פאר זיין באפלעקטן נאמען, און האט באשלאסן צו מאכן פון אים א מענטש.

און אזוי לאנג און אזוי ווירקזאם האט ער אים געמענטשלט, ביז צדוק האט זיך געלייגט שלאפן מיט א שארפן ווייטיק אין אלע ביינער, מיט ברענענדיקע אויערן און א קלעמענדעם הארץ, פאר ווייטיק און הונגער . . . ער האט ניט געוויינט, נאר א כעס א שארפער, פראטעסטירנדיקער כעס האט געשטורעמט אין זיין יונג הערצעלע, אויף גאט, אויף זיין פאטער, וואס האט אים פארלאזן, אויף זיין פעטער און אויף דער גאנצער וועלט.

אין דעם מאמענט האט צדוק געוואוסט וואס ער וועט טאן.

אפגעווארט ביז אלע זיינען אנטשלאפן געווארן, איז ער שטיל אויפגעשטאנען, צונויפגענומען זיינע קליידער זיך ארייננגעכאפט אין קיך און ארױפגענומען פון פאליצע א גאנצע בולקע, געפונען אין דער פענצטער א פאר ציבעלעס, פון שאפע ארויסגענומען א גאמלקע צו וועלכער ער האט קיינמאל ניט געהאט די זכיה צוצורירן זיך. אלעס פארבונדן אין א טיכל און אוועק צופוס אין שטאט אריין.

געקומען אין שטאט איז ער אויף דער צווייטער וואך, א הונגעריקער, א פארחלשטער, מיט געשוואלענע פיס. ס'איז אבער אלץ געווען כדאי. די גרויסע שטאט מיט די הויכע מויערן, מיט די מענגעס מענטשן יום־טובדיק געקליידעט, די גרויסע שילדן מיט די גרויסע קלייטן, דאס האט דעם קליינעם יתום ווי פארכשופט און האפענונג געגעבן.

ארומבלאנקענדיק זיך איז די גאסן א הונגעריקער, שלעפערדיקער און מידער, האט ער זיך אנגעשלאגן אויף א גרויסן פענצטער אנגעלאדן מיט הייסע בולקעס, זדאבנע בייגל, פיראזשנעס, קרענדעלים און נאך פילע זאכן פון וועלכע ער האט ניט געוואוסט דעם נאמען, נאר וועלכע ער האט זיך אנגעשטויסן, אז זיי מוזן זיין זיס און געשמאק, און אז נאר גרויסע פריצים קאנען דאס קויפן.

די אויגעלעך האבן זיך ביי אים אנגעצונדן מיט א הונגעריקן פלאם, און פארגאסן געווארן מיט טרערן. דאס הארץ האט אים פארקלעמט און זיין בויך האט זיך צוזאמענגעצויגן פאר ווייטיק, און ער האט זיך ניט געקענט אפרייסן פון פענצטער.

ער האט ניט געקענט פארשטיין, ווי אזוי א וועלט מיט מענטשן גייען פארביי דעם פענצטער און שטעלן זיך ניט אפ. ווי אזוי ארט עס זיי ניט? אזא אוצר! זיינען זיי גארניט הונגעריק?

דורכן פענצטער האט ער געזען ווי א טיר עפנט זיך, אונטן אין קלייט, און א יאט פון א יאר צוועלף קומט ארויס פון דארט מיט בעקנס

געבעקס און נעמט צוריק לײדיקע בעקנס. מעג ער פֿאַרזוכן? האָט ער זיך אַלײן אַ פֿראַגע געשטעלט און אַלײן פֿאַרענטפֿערט. װי דען! און ער האָט האַרציק מקנא געװען דעם גליקלעכן אינגל דאָרט פֿון יענער זײַט טיר װאָס דרײט זיך אַרום אַלײן צװישן אַזױ פֿיל בולקעס און גוטע זאַכן, און ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַ שטיקל שײכות מיט באַקן, אַז ער האָט דער מאַמען געהאָלפֿן קנעטן און באַקן, און זײַן בליק פֿאַלט אױף דער טיר און פֿון דאָרט צום בעל־הבית, װאָס שטײט בײַם קעסטל, אונטער דער סטאָיקע, און נעמט געלט און גיט אױסגאַב, און קוקט צו די מײדלעך װאָס װעגן דאָס ברױט און שנײַדן דעם לעקעך, און זײַן הונגער טרײַבט אים צו גײן און פֿרעגן אפֿשר דאַרף מען אים, מען זאָל אים אַרײַננעמען נאָר אױפֿן עסן. ער װעט אַלץ טאָן, אַלעמען פֿאָלגן, װעט צוזאָגן ניט צו גנבֿענען. ניט נאַשן, אַפֿילו ניט פֿאַרזוכן, און אין האַרצן שװערט ער זיך מיט טױזנט שבֿועות, אַז אױב גאָט װעט אים העלפֿן און מען װעט אים צונעמען, װעט ער זײַן אַן ערלעך קינד: ניט נעמען קײן זאַך אַלײן, אָבער עפּעס אַ כּוח, װעלכער איז שטאַרקער פֿון זײַן הונגער, האַלט אים צוריק פֿון דער טיר, האַלט אים צוגעשמידט צום פֿענצטער, צום געבעקס, און לאָזט אים ניט גײן. דער כּוח רעדט אים אײַן ער זאָל זיך ניט שטופּן אַז ס'איז דאָך שױן דאָ אַ אינגל, און װער דאַרף אים, אַ קלײנשטעטלדיקן װעװריק? און אַזױ ראַנגלענדיק זיך מיטן געפֿיל פֿון נױט און הונגער, איז ער אָפּגעשטאַנען ביז מען האָט ליכט אָנגעצונדן.

צדוק האָט אַלײן ניט געװאוסט, װי לאַנג ער איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער; זײַנע פֿיס זײַנען װי צוגעשמידט געװאָרן צום אָרט; זײַנע אױגן װי פֿאַרגליװערט געװאָרן אױף אײן פּונקט, און זײַן מוח, װאָס האָט ביז איצט פֿיבערהאַפֿטיק געאַרבעט, האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט; ער האָט ניט באַמערקט, אַז דער אינגל קוקט צו אים דורכן פֿענצטער, און עפּעס זאָגט ער דעם בעל־הבית, און יענער קוקט אױף אים, און די מײדלעך קוקן אױף אים אױך.

דערװאוסט האָט ער זיך ערשט דאַן, װען ער האָט דערזען דעם זעלבן אינגל מיט די פֿאַרקאַטשעטע אַרבל ביז די עלנבױגן, װי ער האַלט זיך בײַ בײדע זײַטן און שטײט האַרט קעגן אים בײַם פֿענצטער און רעדט צו אים. ער האָט ניט געװאוסט, װירקלעך, װאָס, נאָר אָנגעשטױסן האָט ער זיך, אַז מען טרײַבט אים פֿון דאָרט און מעכאַניש און מיט אומװילן האָט ער זיך אָפּגעקירעװעט פֿון אינגל און פֿון פֿענצטער און זיך געלאָזט גײן, ניט קענענדיק אָפּרײַסן זײַנע אױגן פֿון די בולקעס און געבעקס.

— ביסט הונגעריק, — הערט ער דעם אינגלס קול. פֿון װאַנען װײס ער? ערגעץ אַרום האַרצן האָט אים גענומען סטשעמען, סטשעמען און די שלײפֿן האַסטיק קלאַפּן און אַלץ האָט זיך גענומען דרײען, אין די אױערן זשימען: פֿאַר די אױגן האָבן גענומען פּונקען טאַנצן ביז אַלץ איז אים פֿינצטער געװאָרן . . .

און אַזױ איז צדוק אַרײַנגעטראָטן אין דער בעקער װעלט און דורכגעמאַכט אַלע שבֿע מדורי גיהנום פֿון אַ לער אינגל; געשלאָפֿן אױפֿן שמוציקן הײסן אױװן, אױף אַ זאַק שטרױ, געלאָפֿן נאָך פּאַסילקעס פֿאַר די מאַסטערס, געכאַפּט סטוסאַקעס און רוסישע „מי שבירכס“, זיך אַרױפֿגעאַרבעט צו

א געהילף און צו זיין אכצנטן יאָר איז ער שוין געווען א פאַלקאָמענער מאַס־טער. געוואוסט גוט אלע קונצשטיק פון דער מלאכה, געקענט פארקנעטן אייד נער אליין א טייג פון צוויי זעק מעל, פלעכטן אין אכטן און אין צענטן אזוי פלינק, אז מיטן אויג ניט צו כאַפּן; זיינע טאָרטן און פּאסקעס האָט מען פאר חידושים געמעגט ארומטראָגן, און די בעלי־בתים האָבן זיך געצאָצ־קעט מיט זיי, און געפּרואווט אָפּריידן צדוקן איינער פון דעם אנדערן . . .

זיין דערפאָלג ביי די בעלי־בתים האָט אים פארשאַפט פיל שונאים צווישן די אלטע מאַסטערס און מען האָט אים גענומען טאָן שפּיצלאך, פאר־סמען די הייוון, גיסן אויל אין די ווייסלעכער, זויער זאַלץ און צוקער ביז ער האָט זיך געכאַפּט און זיך גענומען היטן.

ער האָט געוואוסט, אז עס איז א קאַמף אויף לעבן און טויט, און זיין רעכט צו לעבן האָט אין אים אויפגעפלאַמט און געצונדן א כעס אויף אלע אלטע מייסטערס צו אויסקעמפן זיין רעכט צו ארבעט.

איינמאָל, ווען מען האָט אים פארגעבן ארבעט, האָט ער אלץ צוגע־גרייט און גלייך מיט אלעמען פון בעקעריי אוועק, איז אָבער באלד צוריק־געקומען אומבאמערקט און זיך איז א ווינקל צווישן אויוון פארשטעקט, צווישן די לאָפּעטעס.

זיין חשד איז געווען ריכטיק: סטיאָפּקע גאַלאַגאַן און בערל קוואשא האָבן זיך אין דער פינצטער אין טיר פארגנבעט און גענומען ביי זיין טייג זיך פארען. ווי א יונגער פאַנטער איז ער ארויסגעשפּרונגען און ארויפגעפאַ־לן אויף זיי ביידע מיטאַמאָל. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א מלחמה צווישן זיי אויף טויט און אויף לעבן אין דער פינצטער, צווישן די קאָריטעס און מעל זעק, אויף דער שטיינערנער פאָדלאָגע. צדוק איז אָבער געווען יונג און פלינק און זיין כעס און געפיל פון רעכט האָט זיינע כוחות און מוט פאר־דאָפּלט, און ער האָט זיך געוואָרפן דאָ צו איינעם, דאָ צו א צווייטן באַנוצנ־דיק זיך מיט זיינע פויסטן, נעגל און ציין, ביז ער האָט מיט איין שפּרונג זיי ביידן פאר די האָר אָנגעכאַפּט און צו דער ערד מיטאַמאָל ביידנס קעפּ געבויגן און גענומען שלאָגן זייערע קעפּ אין די נאַקעטע שטיינער, פאר די האָר ביידן אויפן גאס ארויסגעשלעפּט, און גענומען זיך שפּילן מיט זיי ווי א קאַץ מיט א מויז. אָט האָט ער זיי געלאָזט אויף א סעקונדע לויפן, און ווי א טיגער האָט ער זיך באלד געלאָזט נאָך זיי, זיי ווייטער אין זיינע נעגל אריינגע־כאַפּט, געוואָרגן און געשלאָגן, אַז רחמנות איז די ציין, זייטן, אויגן, און זייערע פארבלוטיקטע פּנימער.

בעקערס האָבן זיך דערוואוסט און געקומען צולויפן, זיך געפּרואווט אריינמישן. דעם ערשטן אָבער וואָס האָט געוואגט, האָט ער מיט א פלינקן שפּרונג מיטן קאָפּ, ווי אן אָקס מיט הערנער, אים אינמיטן בויך דערלאַנגט. אַז יענער איז ווי א סנאָפּ געפאַלן, האָט ער אים ביי ביידע פיס אָנגעכאַפּט און הויך אין דער לופט אויפגעהויבן און גענומען פאָכען מיט אים ווי מיט א דובינע איבער אלעמענס קעפּ און ביינער, ביז די בעלי־בתים האָבן זיך אריינגעמישט און מיט לאָפּעטעס און געבעט אים צוגענומען און געפּועלט ער זאָל אויפהערן.

פיזישע קראַפט האָט אַ מאַגנעטישע ווירקונג אויף די קינדער פון באַקאַוויון און טייג־באַנק, און צדוק איז געוואָרן אינגיכן דער יונגער אָפּגאָט פון דער בעקער־וועלט. ניט באַפרידיקנדיק זיך מיט זיין שטאָט אַליין, האָט ער גענומען באַרייזן די וועלט, אָפּשטעלנדיק זיך אין יעדער שטאָט. אָפּאַרבעטן אַ פּאָר חדשים, פאַרפירן אַ גאַמאַז, אָנאַרבעטן אַ פּאָר חתונות, איבערלאָזן עטלעכע געביילטע אויגן, צעבראָכענע ריפּן און פּאָרן ווייטער אַוועק ביז ער איז געקומען צוריק אין שטאָט נ. איז ער שוין געווען באַלאָדן מיט געניטשאַפט אין דער וועלט, אין דער אַרבעט, האָט שוין באַזעסן אַ גרויסן באַגאַזש פון דערפאַרונג, אַז קיינער האָט זיך צו אים ניט געקענט גלייכן, האָט שוין געקאָנט אַלע גרעסערע מייסטערס, האָט זיך אויסגעלערנט נייע מעטאָדן פון אַרבעט, אַזוי אַז ער איז געוואָרן אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פאַר יעדן בעקער מייסטער און קאָנדיטאָר, צו וועלכן מען האָט געמוזט אַמאָל אָנקומען אין אַ נויט.

ניט שטענדיק און ניט אַזוי לייכט קאָן איין מענטש, ווען ער איז אַפילו אַזאַ גבור ווי צדוק, אָנהאַלטן דעם פּרעסטיזש פון אַ פירער און דיקטאַטאָר פון בעקער צעך.

אַמאָל מאַכט זיך, אַז אַ נייער מאַסטער קומט אין שטאָט און וויל ניט אָנערקענען צדוקס אויטאָריטעט. אַמאָל שפּרינגען אונטער נייע צוציקעס מיט יונגע פליגל און עס בריט זיי אונטער די פּאַכוועס און עס ווילט זיך זיי זיין פריי, באַווייזן, אַז זיי זיינען יונג און מען פאַרייניקט זיך צו רעוואָלט, דאַן פלעגט זיך צדוק שמייכלען אין באָרד אַריין און ווערן אַ דיפּלאָמאַט: פאַררופן חברה (פון די געקליבענע) אויף טיי. פון טיי איבערגיין אויף אַ וועטשערע מיט בראַנפן און ביר און וויין, און פון דאָרטן זיך אַוועקלאָזן אַ הנ‌ליע טאָן, און דווקא צאָלן אַליין פאַר אַלץ "הוליאַיי בראַטצי" האָט ער געהייסן און חברה האָבן געהוליעט און צדוק מיט זיי און אונטערגעשמירט מיט זיינע וויצן און מעשיות ביז ער האָט געוואוסט, אַז יעדער פון זיי וועט פּאַר אים די נשמה געבן און דאַן ווי דורך אַ צופאַל זיך געטראָפן מיטן שונא און אַ מלחמה האָט זיך צעפלאַקערט צווישן די צדדים, אַ מלחמה, וועלכע פלעגט זיך אַמאָל ציען פאַר וואָכן און חדשים, נאַכט איין, נאַכט אויס, ביז דער שונא האָט געמוזט בעטן פאַר שלום און אונטערגעבן זיך צו אַלע באַדינגונגען. דאַן האָט ערשט חברה געהוליעט אויף וואָס די וועלט שטייט, דאָס מאָל שוין אויפן חשבון פון דעם באַזיגטן שונא. און צדוק האָט שוין אויפגעפּאַסט, אַז ביידע צדדים זאָלן ווערן איין צד און דער צד זאָל זיין זיינער, וועלכן ער וועט מוזן גאָר אינגיכן אויסנוצן פאַר אַן אַנדער שונא, וועלכער מוז אַרויסשפּרינגען, ווייל אויף קריג און אויף הוליאַנקעס האָט זיך געהאַלטן צדוקס ממשלה, און חברה בעקערס האָבן געמוזט האָבן צדוקן און צדוק האָט זיך גענויטיקט אין דער חברה.

* * * * *

מיינט איר דאָך אודאי, אַז איר ווייסט ווער צדוק איז? — האָט איר במחילה אַ טעות. איר וועט אודאי זאָגן, וואָס איז דאָ צו ווּיסן? — אַ וואַגאַבונד, אַ בויאַן, אַ שכור, אַ הולטאַי . . .

זאגן קענט איר דאס, גערעכט אבער וועט איר ניט זיין, ווארום, ווי איך האב אייך שוין געזאגט, א אידישע נשמה קאן מען ניט אפשאצן, און פונקט ווי יעדער מטבע האט צוויי זייטן, אזוי האט יעדער מענטשלעכע נשמה צוויי מדרגות. און הערט איר? אפט קומט מיר אריין א מחשבה, אז מיר זיינען מער שולדיק צו די צדוקס, ווי זיי צו אונדז. אז וואלט אונדזער לעבן זיין מער פארביק, מער בונטרייך, מער אינהאלטספול און מער אויס־געברייטערט, ניט איינגעשרומפן בלויז אין א שול, גאס, מארק און קלייזל, וואלט אזא צדוק אויסגעוואקסן א העלד, א גענעראל אפשר, אדער א צוויי־טער בר־כוכבא, און אפשר גאר א מאקאבייער. ווארום א הארץ א אידישע האט ער געהאט ניט אפצושאצן. טאמער האט איינער געמאכט פאר אים א קרום פנים אין א נויט, די פרוי ניט געזונט, די קינדערלעך הונגעריק, איז צדוק געגאנגען דער ערשטער זיך לאזן צווישן חברה מיט א טעלער: גיט חברה פלעצל, האט א מצוה! און שטענדיק אליין זיין פון די ערשטע.

פאר אן ארימאן וואלט ער די נשמה אוועקגעגעבן, שטענדיק אים אריינפירן אין בעקעריי, אנהאדעווען פון שענסטן און בעסטן, און דערביי צוזען ווי ער עסט, און דערציילן ווי ער געדענקט, ווען ער איז געגאנגען אליין צופוס פון ווישנאגראדאווקע קיין נ. און ווי ער האט געהונגערט. אבער חשובער פון אלץ איז ביי צדוקן געווען אן ארץ ישראל איד. אזעלכן אז ער האט געפאקט, האט ער זיך גאר ניט געקענט אפרייסן פון אים, אים אויספרעגן יעדער פיצעלע פון דער מוטער רחלס קבר, פון דעם כותל מערבי און פון לבנון, און וואס פאר א פירות דארטן וואקסן, ווי אזוי זען אויס מילגראמען, און צי דארף מען דארט בעקערס, און ענדיקן מיט א "אך, טשארט וואזמי", ווען וועט שוין גאט העלפן. אויף אלע פיר וואלט איך געקראכן, מיט די נעגל די ערד געריסן . . . און דערביי פלעגן זיינע אויגן ווערן פייכט, און זיך אנצינדן מיט א באזונדערן גלאנץ, און ענדיקן מיט א טיפן זיפץ, וועלכער האט געקאנט מיינען וואס איר ווילט אין דער וועלט: אך, פארוואס שטראפט אונדז גאט, וואס אזעלכע כאמולעס האבן א לאנד, און אזא לאנד, און מיר . . אדער, וועט שוין אמאל נעמען א סוף צו אונדזערע צרות? . . .

* * * * *

און צדוק האט געוואוסט אז ער איז א זינדיקער, א גרויסער זינדי־קער, ווער ווייס, אפשר האט ער געהאלטן אז איבער זיינע זינד און איבער די זינד פון זיין גלייכן קומט ניט משיח, און די וועלט קען ניט קומען צו איר תקומה, ווארום אפט, גאנץ אפט פלעגט זיך מאכן, אז צדוק זאל איבמיטן פון דער גרעסטער הוליאנקע, ווען אלע ארום אים זיינען געווען פארטרונ־קען און פארהוליעט, זאל ער אויפהויבן זיין שווארץ געקרייזלטן קאפ איבער דעם ים פון קעפ און טישן און געשיר, און לאנג בלייבן פארטראכט, און מיט טרערן אין די אויגן אנפאנגען צו זאגן מיט ניגון פון תהלים "הוריני ה׳ דרכך והנחני באורח מישור" (לערן מיר גאט דיין וועג, און פיר מיך אין גלייכן וועג), אויף וואס חברה פלעגן ענטפערן מיט א געלעכטער כא־כא־כא, שטיל, צדוק טוט תשובה! וואס פרעפלסטו דארט?

— דאס, וואס דו פארשטייסט ניט, ענטפערט צדוק. זאג מיר, בערל, צו וואס לעבסטו, הא? און בערקע שטאמלט פארלוירן: וואס הייסט, צו וואס איך לעב? אט זעסטו דאך, כ׳לעב, און באסטא. אזוי, דו לעבסט, און באסטא?

אַזוי פראַסט איז עס ביי דיר? מיינסטו צו זאָגן אַז דו אַרבעטעסט ווי אַ פערד, עסט ווי אַ חזיר, טרינקסט ווי אַ גוי און דאָס הייסט ביי דיר געלעבט! ער! — און ער דערלאַנגט אַ טראַסק איבערן טיש אַז די גאַנצע געשיר הויבט אָן צו טאַנצן און קלינגען — "פּראַקליאַטיע טשערווי"! אַד, איר זייט מיר אַלע נימאָס! . .

באַזונדערס פלעגט צדוק ווערן גאָר אַן אַנדער מענטש אין חודש אלול. מיטן ערשטן בלאָז פון שופר ראש חודש, פלעגט צדוק אָנפאַנגען לייגן תפלין יעדן פרימאָרגן, אויפשטיין גאַנץ פרי, אַרויסנעמען דאָס סדורל און דאַווענען מיט גרויס כונה. וואָס נעענטער עס פלעגט קומען צו ראש השנה, אַלץ הייסער און שטאַרקער פלעגט ווערן זיין כונה, אַלץ האַרציקער פלעגט ער ציען דעם טרויעריקן נגון פון שמונה־עשרה; אין גרעסטן עקסטאַז פלעגט ער קומען, ווען ער פלעגט זאָגן לדוד ה' אורי און ווען ער פלעגט קומען צום פסוק "כי אבי ואמי עזבוני", פלעגט ער גיסן מיט ביטערע טרערן. אפשר האָט ער געפילט דאַן די גרויסע טראַגעדיע פון זיין לעבן, וואָס ער איז אַזוי פרי אַ יתום געבליבן; אפשר האָט די לויטערע זייט פון זיין נשמה אינ־סטינקטיוו דערפילט דעם גרויסן חוב, וואָס די וועלט איז אים שולדיק, וואָס ער איז צדוק בעקער יונג און ניט ר' צדוק דער למדן, דער סוחר.

נאָך גאָר, גאָר אַן אַנדער מענטש פלעגט ערשט צדוק ווערן צו סליחות. ס'האָט געמעגט ברענען די אַרבעט, צדוק האָט געמוזט גיין צו סליחות, יעדן פאַרטאָג, און ביים הנשמה לך והגוף שלך פאַרגיסן ביטערע טרערן. פון די ערשטע סליחות ביז שמחת־תורה פלעגט צדוק ניט אַריינטרעטן אין טראַקטיר. ראש־השנה אין שול פלעגט ער זיין פון די ערשטע, און די גאַנצע עשרת ימי תשובה איז געווען צדוקס בעסטער פאַרגעניגן צו שטיין ביי דער אַרבעט מיט דעם העמד צעשפּילעט און איבערחזרן אַלע נגונים פונם חזן. זיך פאַרציען ביים "אמת כי אתה הוא דיין, דין ומוכיח" און פאַרגעסן ווער ער איז, און וואו ער איז, פאַרגעסן אַז לעבן אים שטייט נחמן פילאָזאָף, אַ נייער ליטווישער בחורל, וועלכן צדוק האָט מקרב געווען פאַר זיין וואָוילקענען, אָבער וועלכער מאַכט חוזק פון אים און זיין תשובה טאָן, און רעדט נאָר אויף גאָט און אויפן בעל־הבית.

פאַר צדוקן זיינען נחמנס רייד געווען גאַנץ ניי און נעוואַגט, און ער האָט עס אים אַ נאָמען געגעבן פילאָזאָף, און גאַנץ אָפט שטייענדיק ביי דער אַרבעט פלעגן פאָרקומען היציקע דעבאַטן צווישן צדוקן און נחמנען, און כאָטש צדוק איז געווען אַ פּראָסטער ניט געלערנטער מענטש, האָט ער ניט איינמאָל נחמנען צוגעקוועטשט צום וואַנט, אַז יענער האָט זיך גענומען אָוועקדרייען מיט אַ געלעכטערל, מיט אַ וויץ. צדוק אָבער האָט אים ניט אָפּגעלאָזט. וואָס כיכיקעסטו? דו ענטפער. זאָגסטו, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט, זאָג מיר פון וואַנען ווייסטו? דיינע ביכער זאָגן דיר. ווער האָט געשריבן דיינע ביכער? מענטשן! אַ יאָ מענטשן, נו? און מיינע ביכער האָבן אויך געשריבן מענטשן, און זיי זאָגן מיר, אַז אַ גאָט איז יאָ דאָ אויף דער וועלט. פאַרוואָס זאָל איך אָננעמען דיינע מענטשן פון דיינע ביכער און פאַרבייטן זיי פאַר משה רבינו, שמואל הנביא, פאַר מיינע אבות אברהם, יצחק ויעקב, פאַר מיינע רבנים, גאונים, תלמידי חכמים און נביאים, האַ דו זאָגסט, אַז דו גלויבסט ניט? נו, אַז דו נעמסט אָן די לערע

פון דיינע ביכער, גלויבסטו דען ניט, אז יעדער וואָרט איז תורת־לאָקשן? ווער זאָגט עס, אז מיין גלויבן איז ווייניקער בארעכטיקט? אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. דו ביסט א ליטוואק און אלע ליטוואקעס זיינען קאַלטע נשמות מיט פארפרוירענע הערצער. אלץ ווילט איר באטראכטן מיטן קאָפּ. דאָס הארץ האָט ביי אייך קיין ווערט ניט, שפּילט קיין ראָל ניט. מיר וואָלינער, לעבן מיטן הארץ, און דאָס הארץ נארט אונדז קיינמאָל ניט. ווען איך זינג א נגון זינגט מיין הארץ מיט, און אלע מיינע אברים אקאָמפּאַנירן. איך ווער אן אנדערער, מיט אנדערע חושים, מיט אנדערע געפילן. ווען איך דערהער די ערשטע תקיעה, ראָש חודש אלול פאנגט אָן מיין הארץ טרעוואָגע קלאַפּן און דערמאָנט מיר ווער איך בין, און די ימים נוראימדיקע נגונים קומען אליין ווי טויבן צו פליען און מאכן זיך א נעסט אין מיין נשמה, און זינגען פון זיך אליין. דער קאָפּ, דער מוח, ער קאָן חקירהן, וואָס מיר יום־הדין, ווער זאָגט ימים נוראים, וואָס הייסט גאָט, ווער ווייס אים, ווער האָט געזען. מען קין די מלאכה פון קאָפּ. אלץ קען דער מוח פארדרייען. מיטן מוח קען מען אין איין רגע קיין בויבעריק פארפליען. דאָס הארץ אָבער חקירהט ניט און פילט נאר, און געפילן זיינען הייליק און נאטירלעך.

חברה פלעגן געוויינלעך שטארק הנאה האָבן פון דעם ווערטער קאמף, כאָטש זיי האָבן קוים פארשטאנען דעם גאנצן ענין, נאר אויף וויפל זיי האָבן פארשטאנען, האָבן זיי אָפּגעגעבן צדוקן גערעכט, און ער איז ביי זיי נאָך מיט א קאָפּ גרעסער געוואָרן: אָט א מענטש, אלעס ווייס ער, אָט האָט ער אים דאָס אריינגעזאָגט, אָט דאָס הייסט אָפּגעפּאָרן. ער וועט שוין מער ניט קריכן, דער פילאָזאָף. ביי נחמנען אָבער איז צדוק געווען די פארקערפערונג פון דער רעאקציע, און ער האָט דעם קאמף ניט אויפגעגעבן און געזוכט מיט אים צו דיסקוטירן וואו און ווען נאר ער האָט געקאָנט. גערופן אים היפּאָקריט, קאָמעדיאנטשיק, שווארצע נשמה און נאָך אזעלכע זאכן, געוויינלעך אונטער די אויגן. נאר איצט, שטייענדיק ביי זיין זייט ווי צדוק האָט זיך געזעגנט מיט א התלהבות, האָט זיך אים שטארק פארגלוסט אָפּקילן זיין הייליקן פּאטאָס און אינמיטן דערינען א פרעג געטאָן: צדוק, וויפל זייט איר אלט געווען, ווען אייער פאָטער איז געשטאָרבן? ביי דעם וואָרט פאָטער האָט צדוק אויפגעשוידערט און געבליבן שטיל און בלייך, און ניט פארשטאנען צו וואָס צילט דער ליטוואק, דער פילאָזאָף.

— צו וואָס איז דאָס? האָט ער ניט ווילנדיק געענטפערט מיט א פראגע. — גאָרניט, איך וויל וויסן. — נו, צען יאָר. — און די מאמע אייערע איז געשטאָרבן אין אַנדערהאלבן יאָר ארום, יאָ? — פרעגט זיך אלץ ווייטער נאָך נחמן — יאָ! — און וויפל נאָך קינדער זיינען געבליבן, חוץ אייך? — נאָך פינף, — ענטפערט צדוק, און ער דערמאָנט זיך אין זיינע קליינע ברי־דערלעך און שוועסטערלעך אין יענעם מאָמענט, ווען די מאמע איז גע־שטאָרבן. די קליינינקע רחלע און באסיקע און וועלוועלע, און עס פאר־קלעמט אים דאָס הארץ. ער ווייס, אז דריי פון זיי זיינען שוין דאָרט, וואו דער טאטע און די מאמע. די קליינינקע רחלע האָט ער אמאָל אין אָדעם אומגערן אָנגעטראָפן און זי שיר דערוועלגן געוואָלט, נאר ווען זי האָט אים דערציילט איר לעבן, אירע צרות, האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האנט, און אוועק, און נאָך יענעם אוונט אָדעס פארלאָזט און מער פאָרט ער ניט אהין.

און נחמן װיל װײטער װיסן: איז אײער פֿאָטער אַן ערלעכער מאַן געװען? און די מאַמע אַ כשרע אידענע? אַ יאָ? — יאָ! װי דען, אַ גנבֿ איז מײן טאַטע געװען? ניטאָ הײַנט אַזעלכע אידן. און פֿונדעסטװעגן ציט נחמן װײטער, און אַ גנבֿישער שמײכל שפּילט זיך בײַ אים אױף די ליפּן, — פֿונדעסטװעגן האָט דער אמתער דײַן צוגענומען אַ פֿאָטער פֿון זעקס קלײנע קינדער און נאָכדעם די מוטער, אַלס צוגאָב פֿאַר קײן זינד, גלאַט אַזױ זיך, װײל אַזױ האָט ער געװאָלט. זינג צדוק העכער "אמת כי אתה הוא דײַן".

צדוק איז פֿון די קאַלטע שנײַדנדיקע װערטער װי פֿאַרשטײנערט געװאָרן מיט דער אַרבעט אין די הענט. נחמן האָט אים קײן נײַעס ניט געזאָגט. די פֿראַגעס און נאָך פֿיל, פֿיל האָבן גאַנץ אָפֿט געענגבערט זײַן מוח, און ער האָט געװאוסט אַז ס'מוז ערגעץ זײַן אַ תּירוץ, אַז ער װײס ניט דערפֿאַר, װײל ער האָט ניט גענוג געלערנט, און אַלץ געהאָפֿט נאָך אױסגעפֿינען דעם אמת. איצט, אַז דער ליטװאַק האָט אים צוגעשפּאַרט צו דער װאַנט, איז זײַן ערשטער געפֿיל, נאָך דעם װי דער סטופּאָר אין פֿאַראיבער, געװען אַ שלײדער טאָן דעם רױען קױלעטש אין פּנים אַרײַן און אױסשרײַען: ליטװאַק, פֿילאָזאָף, מען טאָר אין דײַנע ד' אמות ניט שטײן! נאָר דאָס װאָלט געהײסן אָננעמען נחמנס מעטאָדע פֿון קאַמף, און דאָס האָט ער געהאַסט. צדוק איז געװען בטבע אַן אמתער ספֿאַרט — אײנס אױף אײנס, גלײַך אױף גלײַך איז זײַן קאַמפֿס דין געװען.

— נחמן, — האָט ער זיך געװענדעט צו אים, נאָך אַ װײַלע שטיל־שװײַגן. דו ביסט אַ ליטװאַק און אַ שאַרפֿער מוח. עס איז אמת. נאָר הער, גאָט האָט בײַ מיר מײַנע עלטערן צוגענומען און איך פֿאַרשטײ ניט פֿאַר־װאָס. עס מ'יז זײַן אַ תּירוץ, דערין בין איך זיכער. איך בין אַ פּראָסטער מענטש. איך האָב אָבער אַ גאָט אין האַרצן. דו, ליטװאַק, װילסט אים בײַ מיר אַרױסרײַסן, מיר איבערלאָזן פּוסט, װי אַ װילדע חיה. אױב דיר געלינגט דאָס, װעסטו דער ערשטער זײַן, װעמען איך װעל דעם האַלדז איבערשנײַדן מיט מײַנע נעגל, און אױב דו און דײַן חברה דענקען, אַז איר ברענגט גליק צו די מענטשן בײַ רױבן פֿון זײ דאָס הײליקסטע, װעט איר טײַער באַצאָלן פֿאַר אײַער טעות.

צדוק האָט װײַטער געזײגט. שטענדיק זײגט ער.

* * * * *

װײסט איר שױן װער צדוק איז געװען? אױב איר דענקט, אַז יאָ, װײסט איר נאָך אַלץ ניט. צדוקן איז באַשערט געװען צו דערגרײכן גאָר, גאָר הױך, װאו לאו כל אדם זוכה.

עס איז געװען אַ זונטיק, װי ערשט נעכטן װאָלט עס זײַן. געדענק איך יענעם זונטיק אױף מאָרגן נאָך פּסח, דער ערשטער טאָג פֿון דער קריסטלעכער פּאַסקאַ.

צדוק האָט געאַרבעט נאָך מיט אײניקע אידישע בעקער יונגען. אַרום צװײ אַזײגער בײַטאָג איז עס געװען, װען פֿון דעם סעינאַי פּלאַשטשאַד האָבן זיך גענומען טראָגן אַזעלכע װילדע משונהדיקע קולות. מענטשן האָבן גענומען לױפֿן אין די גאַסן, גלײַך װי בלעטער געטראָגן פֿון אַ װילדן אוראַ־

גאַז. וואָס ווייטער אַלץ געדיכטער זיינען געוואָרן די לויפנדיקע מאַסן און אַלץ ווילדער די קולות.

ווי דורך אַן עלעקטרישן שטראָם האָבן אַלע געוואוסט די באַדייטונג דערפון, און דאָס וואָרט פּאָגראָם האָט אָפּגעקלונגען און ווי אין דער לופט געבליבן הענגען. פּאָגראָם? — האָט צדוק מיט כעס ארויסגערעדט, און ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. — פאַר וואָס? פאַר וועלכע זינד? און איז ווי א ווייבער אויפן גאַס אַרויס, נאָך אים אַלע בעקער.

די גאַס איז שוין געווען שוואַרץ פון דער שטורעמדיקער מאַסע, וועלכע האָט זיך געטראָגן מיט א הוקעריי און פייפעריי און זיך צעשאָטן אין קליינע גרופּעס. וואו זיי האָבן א אידן דערקאָנט, אָפּגעטאָן די אַרבעט, און ווייטער זיך פאַראייניקט אין איין גרויסער ווילדער כוואַליע, וואָס טראָגט זיך פון ווינט, געטראָגן וואָס ווייטער אַלץ גיכער און שטאַרקער.

צדוק האָט באַלד אָפּגעמאָסטן די לאַגע און געזען, אַז שטעלן זיך אַנטקעגן די ווילדע מאַסן, איז דום און אומנוצלעך.

אויף זיין וואונק האָט חברה נאָכגעפאָלגט אים, און מיט דער כוואַליע זיך פאַראייניקט. פון דער הויפּט גאַס האָט זיך ווי דורך א פאַרויסבאַשטימטן פּלאַן די מאַסע אין קליינע גרופּעס צעשאָטן, און אין די זייטיקע אידישע געסלעך זיך אוועקגעלאָזט.

ק׳ זשידאָוסקים שקאָלאָם, האָט ער דערהערט א קאָמאַנדע אין דער מאַסע, און ווי פון א שלאַנג געביסן האָט ער גענומען לויפן אין דער דירעקציע פון שול גאַס מיט זייטיקע וועגן און הינטערגאַסן, און אין אייניקע מינוט איז ער אין שול גאַס געווען, און אין שול הויף אַריינגעריסן זיך צוזאַמען מיט זייַנע זעקס העלפערס. דער שול הויף איז געווען געפּאַקט מיט אידן, ווייבער און קינדער. צדוק האָט זיי אַלעמען אָפּגעמאָסטן מיטן אויג און געשוואָרן, אַז קיין האָר זאָל פון קיינעם ניט געמינערט ווערן. איבער מיינע ביינער וועלן זיי דאַרפן צו אייך קומען.

דער הויף האָט דריי טויערן געהאַט, און א הויכן פּאַרקן. צדוק האָט צו צוויי פון זיינע חברה ביי יעדן טויער געשטעלט און אַליין ביים ערשטן טויער. אינמיטן הויף איז א גרויסער בוים געווען, האָט ער אים געהייסן אויסהאַקן און צו דריי פאַררייקער פון די גראָבע צווייגן געמאַכט, און האָט פאַר זיך א גרויסע דובינע אויסגעסטעסעט. פון די איבעריקע צווייגן האָט זיך דער עולם מיט שטעקנס פאַרגרייט און צו צדוקן צוגעשטאַנען. באַלד האָט זיך דער באַקאַנטער הוקען דערהערט און די טויערן האָבן אָנגעהויבן צו קראַכן. א האָגל פון שטיינער האָט גענומען די טויערן באָמבאַרדירן. צדוק האָט געקאָמאַנדירט די אַלטע פרויען און קינדער אין די שולן אַריין און נאָר די מענער וואָס ווילן זיך שלאָגן זאָלן בלייבן. אַלע האָבן געפאָלגט. שטום, אָן לשון. האָט ער אויסגעשטעלט זיין אַרמיי, געלאָדן מיט די סוקאָוואַטע צווייגן, האָט ער געהייסן איין טויער עפענען און אַלע שולן פאַרריגלען. דער טויער האָט זיך געעפנט און א מאַסע מענטשן האָט זיך גענומען שטופּן.

צוויי רייען שטעקנס האָבן גענומען שלאָגן איבער די קעפּ, און צדוק אין פראָנט מיט א גרויסער דובינע האָט געפּאָכעט אין דער לופט און

קעפּ אויף קעפּ זיינען געפאַלן, מענטש אויף מענטש, און פון הינטן האָט מען אַלץ געשטופּט.

די בעקער, וועלכע זיינען געוואוינט צו בלוט זיינען צעווילדעוועט געוואָרן און זיך געוואָרפן פון יענער זייט טויער און אין דער מענגע געגנבֿ־מען מיט די פאַרבלוטיקטע שטעקנס רייניקן די גאַס.

און די גאַס איז אָפּגערייניקט געוואָרן און צדוק מיט זיין אַרמיי האָבן צוריק די טויערן פאַרמאַכט און אין שול אַריין וואו זיי זיינען ווי אמתע העלדן באַגריסט געוואָרן.

דער רב אַליין האָט אים די האַנט געדריקט און געדאַנקט.

היפּאַקריט — א שאַרף וואָרט, זייט פאַרזיכטיק!

צום טאטן אויף פּסח

צום טאטן אויף פסח

אין א פארוואָרפן שטעטל פון דער "זוניקער" אלבערטא אין די הינטערשטע צימערן פון א "דזשענעראל סטאָר" איז אין עם צימער ביי א שניי ווייס גערעקטן טיש אָנגעשטעלט מיט פארשיידענע מאכלים גרייט פארן אָונט מאָלצייט געזעסן דוד לעבעדינסקי און איבערגעקוקט די באַר וואָס פון פאָסט געבראכטע צייטונג.

לעבן אים, צו זיין רעכטער האנט, איז אויף א הויך־שטול געזעסן א מיידעלע פון אָנדערהאלבן יאָר און זיך לוסטיק געשפילט מיט א נייעם קלאַפּערל, וועלכעס ער האָט איר נאָר וואָס געבראכט.

דאָס קינד איז געזועז ווייס און ציכטיק אָנגעטאָן, אירע גאָלדענע הערעלעך האָבן זיך געדרייט אין שיינע לאָקן און ווי גלעקלעך ארומגערינגלט דעם קינדס ווייס פנימל, און זיך צעפאלן אויף אירע אקסלען און נאקן. די צוויי גרויסע בלויע אויגן פון קינד און די רויטינקע ליפּעלעך האָבן צוגעגעבן דעם קינד דעם ריכטיקן אויסזען פון די פארשטעלונגען פון א מלאכל.

דער קלאנג פון דעם דראָם און קלאפערל איז דעם קינד שטארק געפעלן און זי האָט האסטיק געמאכט מיט די הענטעלעך און געקלאפּט אין שטול און פריילעך זיך אקאָמפּאנירט דאָס קלאפן מיט איר הילכיקן פּלאפּל טיא־טיא־טיא . . .

דוד האָט אָפּגעריסן זיין בליק פון דער צייטונג איז זיך איבערגעגעבן צום קינד, וועלכעס האָט זיך גלייך איינגעטשעפּעט מיט די פינגערלעך פון איין האנט אין זיינע שווארצע האָר און מיט דעם קלאפּערל גענומען האמערן אים איבערן פנים און קאָפּ.

אויפן שוועל וואָס פירט פון קיך האָט זיך באוויזן די יונגע פרוי לעבעדינסקי איינפאך אָבער נעט און זויבער געקליידעט, פארקעמט אירע גרויסע בלאָנדע האָר מיט א גרויסן קרוין אויפן קאָפּ און א קליין ווייס פארטוכל טראָגנדיק א וואזע מיט זופּ.

זי האָט זיך לוסטיק צעלאכט פון דער גליקלעכער סצענע און גענומען צערטלעך דראָען דעם קינד. טיא־טיא גיטעלע, וויל הרגענען פּאפּעלען? מען טאָר ניט, מען טאָר ניט הרגענען א פּאפּעלע! א גוטער פּאפּעלע! . . . און אוועקשטעלנדיק די זופּ אויפן טיש האָט זי ארויסגעראטעוועט איר מאנס האָר פון דעם קינדס הענטעלעך אוןביידע האָבן זיך געזעצט צום טיש.

דודס בליק האָט געוואנדערט פון זיין יונגער, שיינער פרוי, פון וועלכער עס האָט געאָטעמט מיט אזוי פיל יוגנטלעכקייט און צויבער, צו זיין קינד און פון דעם קינד צום צימער וועלכער איז געווען אזוי געשמאקפול און ציכטיק מעבלירט און באצירט, און ווידער אויף זיין פרוי. און אין

זיין הארצן האָט זיך צעגאָסן אזא מחיהדיקע ווארימקייט וועלכע האָט ארומ־געכאַפּט זיין גאַנצער וועזן, און וועלכע האָט אזוי זיס פּיינלעך געדריקט אויפן הארצן און איז מוח, גלייך ווי יעדער נערוו אין זיין נשמה, יעדער טראָפּן בלוט אין אים וואָלט אים וועקן און דערמאָנען: דו ביסט גליקלעך, דו ביסט גליקלעך!

און דוד האָט וואָס אָפטער זיך געוואָלט דערמאָנען אז ער איז גליק־לעך. עס איז געווען זייער נויטיק פאר אים צו געדענקען אז ער איז גליק־לעך, מיט זיין שיינער שטאָלצער מאלין וועלכע ליבט אים אזוי הייליק, אזוי פייערדיק אז ער פארגעטערט אלץ אין דער וועלט. גליקלעך מיט זיין נעטילען, דעם מלאכל, וואָס וועקט אין אים אזעלכע צערטלעכע אומבאקאַנטע געפילן, גליקלעך מיט זיין זיסן אנגענעמען נעסט וועלכן מאלי האלט אין איין בויען, באַצירן, און באשענערן, און וועלכע ווערט אים מיט יעדער מינוט אלץ טייערער און טייערער . . . עס זיינען געווען מאָמענטן ווען דוד לעבעדינסקי פלעגט זיך פארגעסן פון זיין גליק און דאן פלעגט זיין הארץ ווי צונויפגעפרעסט ווערן פון א שמערצלעכן פּיין און עס פלעגט זויגן און טאָטשן און פארטונקלען זיין לעבן. עס פלעגט אויסוויזן ווי אויף דעם העל־קלאָרן האָריזאָנט פון זיין זוניקן גליק האָט זיך מיטאַמאָל א שווארצער וואָלקן אָנגערוקט און א בייזער שטורעמווינט יאָגט די וואָלקנס און פאר־שטעלט דעם לעצטן זונען שטראַל. אזעלכע מאָמענטן פלעגט דוד איבער־לעבן גאַנץ אָפט פאר די לעצטע דריי יאָר פון זיין פארהייראַטן לעבן.

דאָס פלעגט טרעפן יעדן מאָל ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען די לעצטע סצענע צווישן אים און זיין פאָטער ווען יענער האָט ניט געוואָלט איינשטימען צו דעם שידוך צווישן אים מיט מאלין.

דוד האָט ליב געהאט און געשעצט זיין שטאָלצן פאָטער, נאָכמער האָט ער געבענקט נאָך זיין טייערער אלטער מוטער וועלכע ער האָט אזוי ליב געהאט און וועלכע האָט דאן אזוי ביטער געוויינט. און דערפאר פלעגט אים אזוי נאָגן דאָס הארץ יעדן מאָל וואָס ער פלעגט זיך דערמאָנען אין דער היים, אָן דער אלטער מוטער וואָס וויינט מסתמא כסדר, אָן דעם פאָטער וואָס גייט ארום מסתמא כסדר א שווייגנדיקער מיט די ברייטע, ווייסע ברע־מען אָנגעכמורעט און רעדט ניט, נאָר טראָגט א האָס אויף אים.

און דוד פלעגט זיך דערפילן עלנט און איינזאַם דאָ אין דעם ווייטן מערב פון קאַנאַדע, ווייט פון אייגענע, ווייט פון פריינט, ווייט פון אידן.

יוסף לעבעדינסקי, זיין פאָטער, אַן אלטער מיוחס פון דער היים האָט קיינמאָל ניט געקענט פארגעסן די ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט אמאָל אין די אלטע צייטן אין אלטן לאַנד, און צוזאַמען מיט דעם גאַנצן יחוס באַגאַזש אויך מיטגעבראַכט זיינע באַגריפן וואָס עס פּאַסט און וואָס עס פּאַסט ניט פאר א מיידל וואָס דאַרף זיך מיט אים משדך זיין, ווער עס פּאַסט אים יאָ און ווער ניט, פאר א מחותן.

דער יונגער לעבעדינסקי האָט אָבער ניט געוואָלט וויסן פון דעם פאָטערס באַגריפן און יחוס. ער האָט ליב געקראָגן מאלין מיט אַלע פּיברען פון זיין נשמה און האָט ניט געפרעגט ווער איר פאָטער איז געווען און פון וואַנען איר זיידע שטאַמט.

און אַז עס איז געקומען צו קלייבן צווישן דעם פֿאָטערס הסכּמה און מאַלין, איז אַרויסגעקומען יענע מחלוקה צווישן אים און פֿאָטער וועלכע פֿאַראומערט אים אַזוי דאָס לעבן.

ניט ווילנדיק פֿאַרשאַפֿן זיין צוקונפֿטיקער פֿרוי קיין אומאַנגענעמ־לעכקייטן פֿון אַ ברוגזער משפּחה האָט ער אַבזיכטלעך זיך פֿאַרשאַפֿט אַ געשעפֿט אין אַ ווייט שטעטל אין מערב קאַנאַדע.

און טרעפֿן פֿלעגט זיך אָפֿט אַז גראַדע אין מאָמענטן פֿון זיין העכסטן גליק, ווען זיין האַרץ פֿלעגט איבערגעפֿילט ווערן מיט פֿרייד און שטאָלץ אויף זיין היים, אויף זיין פֿרוי, זיין קינדער — פֿלעגט ער זיך דערמאָנען אין זיין מוטער און עס פֿלעגט זיך אים דאַכטן אַז ער זעט זי ווי זי וויינט, ווי זי בענקט, רייסט זיך צו אים. ער פֿלעגט זיך דערפֿילן אַז זיין גליק איז אים ניט פֿול, ניט קאָמפּליט, אַז עפּעס איז דאָרט דאָ צעבראָכנס, וואָס ראַנגלט און שטערט און לאָזט זיך ניט געניסן.

וואָס דער "עפּעס" איז האָט ער זיך אַליין ריכטיק קיין חשבון ניט געקענט אָפּגעבן, נאָר אַז ערגעץ מוז דאָ זיין, עפּעס שרעקלעכעס, אומגע־לומפּערטעס. דערינען איז ער פֿולשטענדיק זיכער געווען. ווייל ער האָט זיך ניט געקענט פֿאָרשטעלן אַז ווען אַפֿילו זיין מיוחסדיקער פֿאָטער וואָלט זען זיין מאַלין, אָט צום ביישפּיל ווען זי שטייט אין איר הויז אַנצוג מיטן זילבער ווייסן פֿאַרטוכל וועלכעס כאַפּט אַזוי גראַציעז אַרום איר טאַליע, מיט אירע ליכטיק בלאָנדע האָר פֿאַרפּוצט און פֿאַרקעמט מיטן שניי ווייסן באַנעטל וועלכעס פּאַסט איר אַזוי, ווי זי שטייט אַ פֿאַרפֿלאַמטע מיט אירע מאַרמאָר ווייסינקע הענטלעך אַנטבלויזט ביז די עלנבויגן און עסקט זיך אין קיך ביים אויוון.

אָדער ווען זי שטייט אין איר ווייס ברייטן אַנצוג מיט די לאַנגע מאַרקיזן אַרבל וועלכע אַנטפּלעקן אַזוי גראַציעז אירע שיינע הענטלעך ביז אַרויף, מיט אירע האָר ווי זיי צעפֿאַלן זיך אין גאָלד כוואַליעס אויף אירע אַקסלען און שולטערן, ווי זי שטייט ווי אַן עכטע מאַדאָנע איבער דאָס בעטעלע פֿון זייער מלאך, און ווי נעטיטשקע ציט זיך צו איר מיט אירע ווייסינקע פּוכלינקע הענטלעך. גאָט, ווי איז דאָס מעגלעך, ניט צו פֿאַרשכורט ווערן פֿון אַזאַ גליק! איז דען מעגלעך אַז זיין פֿאָטער, זיין מוטער, וואָלטן זען זיין גליק און ניט פֿילן ווי ער. ניין! אוממעגלעך, אַ ביטערער טעות ערגעץ . . .

אָבער ווי פֿאַרריכט מען דעם טעות?

און עס נאָגט און טאָטשעט דאָס האַרץ און פּרעסט און טונקלט דעם מוח. דער אָוונט מאָלצייט האָט זיך געענדיקט און פֿרוי לעבעדינסקי האָט אָנגעפֿאַנגען אויפֿצוראַמען פֿון טיש, בעת דוד האָט זיך צוריק צו דער צייטונג גענומען.

דאָס שאַרכן פֿון דער געבלעטערטער צייטונג האָט צוגעצויגן דעם קינדס אויפֿמערקזאַמקייט. זי האָט ברייט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט די אויגעלעך, ווי אָפּגעמאָסטן דעם געגנשטאַנד וואָס גיט אַרויס אַזאַ מאָדנעם קלאַנג און מיט ביידע הענטלעך זיך האַסטיק אַ ציִ געטאָן צו דער צייטונג, און איידער דוד האָט צייט געהאַט צו באַשיצן זיין אייגנטום האָט דאָס קינד שוין געהאַלטן

צוויי זשמוטן פּאַפּיר איןביידע הענטלעך און הילכיק געלאַכט צום קלאַנג ווי זי האָט געריבן איין הענטל אינם צווייטן, ווי דאָס פּאַפּיר האָט געשאָרכעט.

—זע, מאַלי, וואָס זי האָט מיר געמאַכט פון דער צייטונג—האָט דוד פיעסטשעדיק זיך פאַרקלאָגט. און פּאָטער און מוטער האָבן ארומגערינגלט דאָס קינד, גליקלעכע פון נחת ווי דאָס קינד האָט זיך געהנדלט און גע־פלאָנטערט זיך אין א גאַנצן בייגן פּאַפּיר און געאַרבעט מיט ביידע הענטלעך און אונטערגעשפּרונגען אויפן אָרט און הילכיק געקוויטשעט און געלאַכט.

עס האָט זיך געטראָפן אז דודס בליק איז געפאַלן אויף א פּלאַץ אין דער צייטונג וועלכעס האָט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט און אומ־געביטן זיין גאַנצע גליקלעכע לאַגע.

עס איז געווען אן אנאָנס מיט גרויסע ווערטער: "יין גפן ווין שרף בשר לפסח". פּסח . . . פּסח . . . האָט אים גענומען א געדאַנק פּיקן אין מוח, שוין דער דריטער פּסח וואָס ער וועט זיין אליין, שוין דריי יאָר אז ער האָט ניט געזען זיינע עלטערן, ניט געהערט פון זיי און ווייס ניט וואָס מיט זיי טוט זיך.

די ערשטע דריי יאָר אין זיין לעבן וואָס ער איז פּסח ניט געווען מיט די עלטערן. און אין זיינע געדאַנקען האָט ווי אין א פּאַנאָראַמע זיך גענומען בייטן איין בילד איבערן צווייטן. דאָ זעט ער זיך אלס אינגל, ווי ער העלפט דער מאַמען ערב פּסח גיין טובל זיין די כלים צום טייך, קלאַפּט דאָס חרוסת, באַלדעם ווי ער זיצט ביים סדר און פרעגט די פיר קשיות אויפן קול און די מאַמע קוועלט, און דאָ, ווען ער איז שוין א גרויסער און אַרבעט אין א פרעמדער שטאָט און קומט אויף פּסח אהיים, ברענגט מתנות דעם פּאָטער, דער מוטער, די שוועסטערלעך, אלע פרייען זיך מיט אים. און דאָ א בילד: זיין ברודער איז א חתן און מען ריכט זיך אויף זיין כלה אויף פּסח. מען פאַרבט און מען שפּאַלירט די הויז, מען ראַמט דעם הויף, מען קוילעט הינער, גענדז, מען באַקט לעקעך, פאַרשיידענע מאכלים. דער פּאָטער ברענגט אלעמאָל עפּעס נייעס פון גאַס, די מאַמע איז פאַרטראַגן, פאַרטאָן. דער ברודער גייט ארום און פּוצט זיך, דרייט די וואָנצעלעך, קוקט אין שפּיגל און אויפן זייגער.

און דאָ אן אנדער בילד, זיין ברודער קומט צוגאַסט אויף פּסח, שוין מיט זיין ווייב, מיט א קינד, אלע קוועלן פונם קינד. דער פּאָטער נעמט עס אויף דער היסב־בעט און ריכט דעם סדר אָפּ מיט אים. דאָס קינד קלעמט זיך איין מיט אירע פינגערלעך אין באָרד און פּאַטשט מיט די הענטלעך איבער דער הגדה, ציט זיך צו די כוסות. ווי אלע קוועלן, אלע לאַכן פון קינדס חכמהלעך, ווי יעדער זוכט צוצוציען דעם קינדס אויפמערקזאַמקייט צו זיך. דער גיט אים א רויט כוסהלע מיט א הענטעלע, דער קאַטשעט ניסלעך אין א שאַל, דער קייקלט צו דעם א רויט עפּעלע.

און ער באַטראַכט זיין נעטילען און ער פאַרקלעמט אים נאָך מער דאָס האַרץ, זיין נעטילען קען קיינער ניט, דאַרף קיינער ניט, גלייך ווי א ממזר . . . ווי פון א שטיין . . . עס טוט אים א שלאָג דאָס בלוט אין מוח און טרערן פאַנגען אים אָן צו שטיקן און ער קערט זיך אָפּ פון פרוי און קינד אונטער אויסרייד פון אַרבעט, און גייט אריין אין קראָם.

דאס בילד פון יענער סדר נאכט לאזט אים ניט אפ, און ער נעמט פארגלייכן זיין נעטעלען מיט זיין ברודערס קינד, און דער פאטערס שטאלץ דערוועקט זיך אין אים. זיין נעטעלע איז דאך א פארשוין, א מלאך, קעגן יענער. היינט זיין מאלי, קענן זיין שווערן די "רבנישע לעמעשקע" ווי פילע פון די שכנים פלעגן זי רופן. און פלוצלונג באהערשט אים א מחשבה, ווי אז ער זאל נעמען מאלין מיטן קינד און פארן צום טאטן אויף פסח.

דער געדאנק לאזט אים ניט אפ און באהערשט אים אינגאנצן. זיין דמיון טראגט אים אונטער איין בילד נאכן צווייטן און א ניי לעבן אנט־פלעקט זיך פאר אים, א לעבן וואו עס איז מער ניטא יענער שרעקלעכער שרעק, יענער "עפעס" וואס פארביטערט זיין גליק.

עס איז געווען גרויסער טאג ווען דער צוג איז אנגעקומען פון מערב, אויף וועלכן דוד מיט זיין קליינער פאמיליע זיינען געקומען קיין וויניפעג. דוד, וועלכער האט פאר די לעצטע צוויי וואכן איבערגעלעבט יעדער מעגלעכע און אוממעגלעכע סצענע פון זיין סורפריז פלאן האט לסוף זיך אנטמוטיקט, ער האט גוט געקאנט זיין פאטער און זיך גענומען שרעקן.

ווער ווייס וואס פאר א קבלת פנים דער פאטער וועט אים געבן. מיט דער מאמען איז ער זיכער, ער ווייס אז זי וועט זיך באלד אים וועלןווארפן אויפן האלדז אבער וועט ער לאזן? וועט ער זיך ניט שטעלן אויף דער טיר מיט זיינע ברייטע אנגעכמורעטע ברעמען, און ניט רעדנדיק א ווארט (ער רעדט קיינמאל ניט, זיין פאטער) ציייגן מיט דער האנט צום גאס.

און ער הויבט שוין אן חרטה האבן אויף זיין גאנצן פלאן.

ער שטעלט זיך פאר דער מאמעס צרות, ווי זי וועט אויסווייַנען אירע אויגן נאך דעם, ווי פארשטערט עס וועט איר זיין דער יום טוב. און ווי וועט ער מאלין קאנען קוקן אין די אויגן? ער האט דאך איר כמעט פארזיכערט אז אלעס וועט זיין נאך בעסער ווי געוואונטשן, פון וואנען האט זיך צו אים גענומען אזא זיכערהייט? היינט סתם וואו וועט ער זיך אהינטאן אויף פסח, וואס פאר א פנים האט עס, גיין צו א פרעמדן באצאלטן טיש אויף פסח.

ער האט איבערגעלאזט דעם "באגאזש" אין דעפא און מיטן קינד אויף די הענט מיט מאלין געארעמט, זיך געלאזט גיין צופוס אין דער ריכטונג פון זיין פאטערס וואוינונג. די גאסן זיינען נאך געווען אינגאנצן ליידיק פון מענטשן, זעלטן ווען האט מיט רעש און געפילדער זיך בייגעטראגן א לויפנ־דיקער טראמוויי אויף די רעלסן, זעלטן ווען האט זיך געזען אן ארבעטער מיטן שפייז קעסטל אונטערן ארעם גיין פאמעלעך צו דער ארבעט, ווייטער איז אלץ געווען שטיל און רואיק. די גרויסע שטאט האט איצט געכאפט דעם לעצטן דרעמל איידער זי וועט זיך אויפכאפן און נעמען רעשן און קאכן.

דוד מיט זיין פאמיליע האבן זיך פארקערט אין גאס וואו עס שטייט זיין פאטערס הויז. עס האט ווי אינסטינקטיוו פארלענגערט די טריט. א כאדנער געפיל האט אים איצט באהערשט.

ער האט זיך געשעמט פאר זיך אליין און האט זיך שרעקלעך פאר־געווארפן. וואס האב איך וואס מורא צו האבן, איך בין דאך עפעס קיין אינ־

געלע ניט, ער וועט אויספּאַטשען, וואָס? צי איך דאַרף צו אים עפּעס אָנקומען חלילה. און טאָמער ניט, איז מילא איז ווי אַזוי ער וויל זיך, האָב איך פון מיין זייט געטאָן מיין חוב.

נאָר פונדעסטוועגן איז ער בכיון איבערגעגאַנגען דעם וועג און געגאַנגען איצט פּונקט קעגנאיבער דער זייט וואו דער פאָטער האָט גע־וואוינט. מאַלי האָט ווייזט אוים באַמערקט איר מאַנס ביט־דרייסטיקייט און געזוכט אים צו געבן מוט. זי האָט זיך נאָענט געטוליעט צו אים און מיט אַ באַזונדער ליבלעכקייט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און הילכיק האָט גע־קלונגען איר זילבער קולכל און געלעכטער און אָפּגעקלונגען אין דער פרי־מאָרגנדיקער לופט. און עס האָבן זיך געמישט די קלאַנגען פון דער יונגער ליבנדיקער פרוי מיט די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער פרילינגס זון און געמונטערט דודס שרעקעדיק האַרץ.

דאָס קינד וועלכעס ער האָט געטראָגן אויף די הענט האָט זיך לוסטיק געשפּילט מיט אירע נייע רויטע הענטשקעלעך אויף די הענט און האָט אויפן קול נאָכגעמאַכט דער מוטערס שפּראַך און געלעכטער.

דוד האָט אַרויפגעקוקט צום קינד. די פרישע מאָרגן לופט האָט אָפּגערויטלט דעם קינדס בעקעלעך און איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן און פרישקייט, זיין שרעקעדיק האַרץ איז אָנגעפילט געוואָרן פון שטאָלץ און גליק פון זיין פרוים צערטלעכקייט און קינדס אויסזען און ער האָט באַשלאָסן צו האַנדלען ווי אַ מאַן.

זיי זיינען איצט געשטאַנען פּונקט קעגנאיבער דעם פאָטערס הויז, די גאַרדינען פון די פראָנט פענצטער זיינען געווען אַראָפּגעלאָזט פון קוימען אָבער האָט זיך געטראָגן אַ וואָלקן פון רויך.

דוד האָט גוט געקענט זיין מוטער, אַז ביי איר וועט מען ניט ליגן אין די בעטן ביז האַלבן טאָג ערב פּסח. ער האָט גוט אויסגערעכנט אַז אַלע זיינען שוין מסתמא לאַנג אויפגעשטאַנען און מען גרייט זיך צו אָפּפּאַרטיקן זיך מיטן לעצטן חמצדיקן פרישטיק. די הויז פון זיין פאָטער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ וועראַנדע וואָס האָט זיך געצויגן ווי אַ "ד" צוויי זייטן פון הויז. די וועראַנדע אַליין איז געווען אַרומגעפלאָכטן מיט ווילדע קריפּער וועלכער האָט כסדר ווי איינגעטונקט דאָס הויז אין גרין. איצט אָבער זיינען נאָר געהאַנגען די ריטלעך.

אין דעם ווינקל וואו ביידע וועראַנדעס קומען זיך צונויף איז געווען אַן אַרקע פון ווילדן קריפּער מיט בלומען וועלכע האָט פאַרשטעלט געניצלעך איין וועראַנדע פון דער צווייטער. אָט די אַרקע האָט איצט דוד באַטראַכט מיט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, אָט ווי אַ גענעראַל באַטראַכט דעם קאַמפּס פּלאַץ.

אויף דער וועראַנדע איז געשטאַנען אַ שטול, וואַרשיינלעך פאַרגעסן פון נעכטן, און ביי דודן איז פאַרטיק געוואָרן דער פּלאַן. ער האָט האַסטיק אַ צי געטאָן מאַלין פאַרן אָרעם און ביידע זיינען אַריבער דעם וועג און אויף זיין באַפעל שטיל אויפגעשטיגן צו דער וועראַנדע.

ער האָט אוועקגעזעצט דאָס קינד אויפן שטול, עס איבערגעבונדן מיט א שאַרף, צוגעדריקט נאָענט צו דער טיר און האסטיק אַנגעקלונגען אין טיר־גלאָק און ביידע, ער און מאַלע האָבן זיך געשטעלט אונטער דער ארקע פון וואנען קיינער קאָן זיי ניט זען.

* * * * *

ביין און צעטראָגן האָט געשפאַנט דער אלטער לעבעדינסקי פון איין עק עס צימער צום צווייטן. ער האָט איצט געדאווענט פון פאַרנט, זיינע געדאנקען אָבער זיינען געווען גאַנץ ווייט פון דעם וואָס ער האָט געדאַוונט.

אינסטינקטיוו האָט ער יעדן מאָל געווענדעט זיינע אויגן צו דער קיך וואו עס האָט זיך געעסקנט זיין אלטע, א פאַרטראָגענע, מיט רויטע געשוואָלענע אויגן, מיט א הארט צעקנייטשט פנים פאַר עלטער און צרות. ער ווייס גוט וואָס זי ווײנט, לפנים בייזערט ער זיך אין הארצן אָבער גריזעט א ווארים און טאַטשעט: ווער איז דען שולדיק אז ניט דו?

ער ווייס גוט אז יעדן פאַר יום טוב גראד ווען מען עסקט זיך, מען גרייט זיך, ווען דאָס הויז ווערט ווי באַנייט, ווען אַלץ פינקלט און בלישצעט, אָט דאַן גייט ארום די אלטע און באַטראַכט אַלץ און דאָס הארץ פאַרקלעמט איר און זי ווישט די אויגן און שטיקט די טרערן ווען עמיצער איז דערביי און קלאָגט און באַוואַשט זיך מיט טרערן ווען קיינער זעט ניט. און דער אלטער שפאַנט איבערן צימער און פרובירט מיט די ווערטער פון דאַוונען פאַרשרייען זיינע מחשבות, מחשבות ווי בייזע פליגן קריכן דוקא און לאָזן אים ניט אָפּ.

א גאַנצע נאכט נעבעך ניט געשלאָפן, א־כאַ־כאַ־כאַ, ווער איז איר שולדיק. אלו דברים שאין להם שעור, זינגט ער מיטן גמרא נגון און טרייבט די מחשבות. הפאה והבקורים והרעיון. "והרעיון" חזרט ער איבער און פאַרטראַכט זיך אויפן וואָרט, והרעיון. יעדן יום טוב נעבעך אזוי קומט א יום טוב, נו, נו רבש"ע . . . נאָך א פאַרשטערטער יום טוב און ווער איז שולדיק? יאָ, ווער איז שולדיק, אודאי ער דער כל־בוניק, דער קאַלטון פאַרדרייט אים. און אפשר כ'ווייס נייע צייטן, נייע פייגל, ווער ווייס זיי דאָרטן און עס וואַקסט פאַר אים אויס דער געשטאַלט פון זיין דור. דער הויכער, דער פאַרשוין, פאַר גאָט און פאַר לייט פלעגט מען אים הינטער די פלייצעס דעם שבח זאָגן.

אלו דברים שאדם אוכל פרותיהם בעולם הזה, זינגט ער ווייטער און טרייבט די מחשבה. ער לאָזט אים אָבער ניט אָפּ. דריי יאָר, שוין דעם דריטן פסח פאַרשטערט. און ער נעמט זיך זידלען אין געדאַנק, וואָס איז מיט דיר דער יחוס, וואָס, אלטער גדלניק, ווער ביסטו דאָ, וועמעס ביסטו? ווער קען דיך און ווער דאַרף דאָ דיין יחוס, גענומען מיט ביידע הענט און פאַרשטויסן א קינד. אהאָ, אהאָ. און וואָס פאַר א קינד. אהאָ, אהאָ. רבש"ע והבאת שלום בין אָדם לחברו ובין איש לאישתו, און ער שטעלט זיך אָפּ אויפן געדאַנק ובין איש לאישתו. ווער ווייס ווי ער לעבט דאָרט, גאָט ווייס אז ס'איז דאָך אויך א גדלניק צו אל־די גוטע יאָר. ער וועט באָך ניט שרייבן . . . דריי יאָר קען שוין מסתמא זיין א קינד אויך און נאָך אפשר א איינגעלע, וואָלט זוכה־זיין ביי גאָט . . . דיין דין . . . ווער קען עס קלינגען, ווער אזוי פרי, וואָס איז

דארט? און דער אלטער גייט צו דער טיר, עפנט און בלייבט שטיין ווי פארגליווערט. די בעקעלעך פארפלאמט פון דער מארגן לופט, אנגעטאן אין א רויט סאמעטענעם מאנטל באלייגט מיט ווייסן פוך און רויטן באנעט איז געזעסן א קינד אויף א שטול דארט לעבן דער טיר און זיך לוסטיק געשפילט מיט אירע רויטינקע הענטשעקלעך און געפאטשט אין שטול און געפלאפלט דיא־דיא־דיא. חנה־פייגע! רופט ער ווי ניט מיט זיין קול. חנה־פייגע קום אהער, און אין מוח טראגן זיך ארום מיט דער געשווינדקייט פון א בליץ איין מחשבה איבער דער צווייטער. ווער ווייס? זאל עס זיין א ממזר אונטערגעווארפן, נו, רבש״ע, נא דיר אזא אנשיקעניש. דעם קינד געפעלט אבער זיין ווייסע בארד, זיין רויטע אויסגענייטע מיט גאלד יארמלקע און זי ציט זיך צו אים מיט א ליבלעך שמייכעלע דיא־דיא. ער ווערט באהערשט פון קינדס שיינקייט און צוגעלאזיקייט און בויגט זיך צום קינד און דערשרעקט זיך אליין, חנה־פייגע שרייט ער נאך העכער, וואו ביסטו?

ניט טויט, ניט לעבעדיק איז די אלטע און אלע איבעריקע פון הויז זיך צונויפגעלאפן צו דער טיר און ארומגערינגלט דאס קינד און באוואונדערט. א, וואס פאר א מלאכל, האט אויסגערופן איינע פון זיינע טעכטער.

א׳ ווי שיין זי איז, האט באוואונדערט די צווייטע.

מלאך! שמאלאך! האט זיך געבייזערט דער אלטער — ווער איז עס וועמעס קינד קאן עס זיין? . . .

וואס זשע פאפא! דו דערקענסט ניט? ס׳איז מיין קינר, האט זיך דערהערט דודס שטימע ארויסגייענדיק פון זיין באהעלטעניש.

אין א רגע איז די אלטע געהאנגען אויפן זונס האלדז און געיאמערט — קינדער מיינע, פייגעלעך מיינע, מיר פאר אייערע ביינדעלעך.

איר׳ט פארקילן דאס קינד, צו אל־די גוטע יאר, האט דער אלטער זיך געפונעז און געכאפט דאס קינד און אריין מיט דעם אין הויז . . .

* * * * *

יענעם אוונט איז געזעסן דער אלטער לעבעדינסקי אויף זיין היסבבעט מיט נעטילען אויף די הענט, וועלכע האט זיך פריילעך און לוסטיק געשפילט מיט זיין לאנגער בארד און געפאטשט מיט די הענטלעך איבער דער הגדה.

צו זיין רעכטער זייט איז געזעסן זיין שנור — א שיינענדיקע ווי א פרינצעסין און דוד א גליקלעכער און צופרידענער: זיין נעטעלע האט געזיגט.

יאָרן (זכרונות)

יאָרן

"ווער ווייס פון מיינע טעג און יאָרן, פון גיהנומס גליענדיקע —
ווער ווייס? פון אַדלער שטאָלץ, וואָס גייט פארלוירן — אַ, נאכט,
פארוויג מיך אין דיין שויס"... ז. סעגאלאָוויטש.

אין א שטעטל פון דער זוניקער אלבערטא האָב איך אַן אלט־באקאנטן באגעגנט. אמאָל, אמאָל, מיט יאָרן צוריק זיינען מיר געווען מיטגלידער פון דעם ערשטן דראמאטישן קלוב אין וויניפעג. זייער אָפט איז אונדז אויסגעקומען צו שפּילן צוזאמען אויף דער בינע, רעפּעטירן צוזאמען, באגעגענען זיך אויף מיטינגען און פארלעזונגען, דערנאָך האָט דאָס לעבן אַן אנדער ווענדונג גענומען און אונדזערע וועגן האָבן זיך צעשיידט, — זי איז געוואָרן אקטיוו אין דער אנארכיסטישער גרופּע און איך . . .

צוואנציק יאָר זיינען אוועק פון יענער צייט, און, אַז באגעגן איך זי פּלוצלונג אומגעריכטערהייט. זי שטרעקט אויס צו מיר די האנט מיט אויפריכטיקער פרייד און לאָדט מיך איין אין "סטאָר" צו זיך: — "האָט קיין מורא ניט, מען וועט אייך ניט אויפעסן!" — פארזיכערט זי מיך אין א שפּאַס.

גראָדע איז אין יענעם טאָג געווען א גרויסע שפּע אין קלייט און מיין באקאנטע האָט קיין צייט ניט געהאט מיט איר צו ריידן. זי האָט מיך דארום פארבעטן אין גאסט־צימער פון איר וואוינונג, ביז זי וועט זיך אביסל באפרייען.

איך האָב איר נאָכגעקוקט לאנג און דרינגלעך, ווען זי האָט מיך איבערגעלאָזט אליין. ווי אנדערש זי איז געוואָרן? איז דאָס מעגלעך, אַז דאָס איז די זעלבע פריילין ב., וועמעס זילבערנער געלעכטער פלעגט אָנפילן שטענדיק אלע הערצער מיט פרייד און וועמעס לעבעדיקייט און פריילעכקייט פלעגט פארטרייבן די מרה שחורה צווישן אונדז?

די קורצע געשאָרענע האָר פון איר קאָפּ, געדיכט און געקרייזלט ווי אמאָל, אָבער ווייט ניט דער פעך־שווארצער קאָליר פון פריער: שטאָל און זילבער האָט זיך ארייַנגעכאפּט און פירט דאָרט אַן א פארניכטנדיקע מלחמה.

פריילין ב. און גרויע האָר! פריילין ב. מיט א פארטוך, א באַלעבאָסטע פון א גוט־גייענדיקן געשעפט; פריילין ב., די איבערבויערין פון דער וועלט, די בעל חלומות פון א ניי לעבן, נייער געזעלשאפט, שעפּט גאָר נחת פון דער שפּע און קלייט פון קונים וואָס קומען אין א גרויסער צאָל, פון די פארדינסטן וואָס בלייבן אין קאסע.

א גרויסער, שווערער אומעט האָט זיך אומגערן אריינגענבעט אין הארצן. דער צימער איז געווען א גרויסער און לאַנגער מיט א סך מעבל און א סטיל און אַן א סדר. דורך דעם איינציקן פענצטער פון חדר האָבן זיך געזען די משופּעדיקע ליימענע בערג וואָס רינגלען ארום דאָס שטעטל. די זון האָט געהאַלטן ביים אונטערגאַנג און אָנגעפילט דעם צימער מיט די לעצטע ליכט־שטראַלן. פון קלייט האָבן זיך געטראָגן פארשיידענע קולות פון די קונים און פארקויפער, און איבער אַלע קולות האָט דאָמינירט די מעטאַלענע שטימע פון דער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט באַגריסט די ניי־אָנגעקומענע קונים, זיך געזעגנט מיט די אוועקגייענדיקע, מיטגעגעבן מתנות פאַר די קינדער, געגעבן פאַראָרדענונגען צום קלוירק, צום מאַן, וועגן פרייזן, באַשטעלונגען, סחורות וואָס פעלן און אזוי ווייטער.

"אזוי איז דאָס לעבן"

"דאָס איז דאָס לעבן!" — האָט ערגעץ א שטימע אין מיר געזוכט צו טרייסטן מיין געמיט. — "די מיל פון לעבן האַלט אין איין מאָלן. ווער עס פאַלט אריין אין אירע ציינער ווערט צעריבן"... — מישט זיך אויף א לאַנג פארגעסענער געדאַנק אין מוח.

נידעריקער לאָזט זיך אראָפּ די זון אויף יענער זייט בערג. א גרויסע און רויטע שיקט זי אירע פיל־פארביקע שטראַלן דורך די פענצטער שויבן און פילט אָן דאָס צימער מיט א פּורפּור־וויאָלעטן ליכט, וואָס שפּילט זיך און בייט זיך יעדע רגע; די שטראַלן שלאָגן זיך אָן אין די קרישטאַלענע כלים פון גלעזערנעם שראַנק און גאַרבן פון פארשיידענע קאָלירן שיסן צוריק צו די פענצטער און ברעכן זיך איבער ערגעץ אין דערמיט.

האָבן זיי געהאַט א ציל און האָבן עס ניט דערגרייכט? אָדער איז זייער ציל געווען בלויז אין שטרעבן, אין שיינען, ציינן די קאָלירן, — שיקן זיי איצט א זיי־געזונט צו דער פארגייענדיקער זון? . . .

אויף דער וואַנט קעגן געשיר־שראַנק האָב איך באַמערקט אין אַן אַלטער ראַם א גרויס אַלט בילד, וועלכעס האָט צוגעצויגן מיין אויפמערק־זאַמקייט.

עס איז געווען א פאָטאָגראַפיע פון א גרופּע מענער און פרויען. פון צענטער פון דער גרופּע, פון דער ערשטער ריי, האָבן אויף מיר געקוקט א פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן פון אַן אכט־יאָריק מיידעלע. ליבע, זיסע אויגן. באַצירט מיט שוואַרצע לאָקן, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון ביידע זייטן געזיכט גלייך אויף אירע אַקסלען.

באַקאַנטע, ליבע אויגן און לאָקן פון מיין קליין טעכטערל, וועלכע איז אויך געווען א וויכטיקע מיטגלידערין פון דראַמאַטישן קלוב.

מיינע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין דעם בילד. עטוואָס נאָענטעס און דאָך זייער ווייטעס האָט געאָטעמט אויף מיר.

עטלעכע און פערציק מענטשן זיינען אין דעם בילד געווען פאַר־טראַכטן. יעדער איינער און יעדע איינע פון זיי האָבן געהאַט חלומות,

שטרעבונגען, אידעאלן, האפענונגען. וואו זיינען זיי אט די אלע מענטשן, טרוימער און קעמפער? וואס איז געווארן פון זיי אלע?

דורך דער פארמאכטער טיר טראגט זיך דער מיש־מאש פון קולות פון קונים און פארקויפער און איבער זייערע אלע קולות — דער גלייכער קול מיט דעם גלאטן, זילבערנעם קלאנג פון דער געוועזענער פריילין ב.: — "דזשים, פיר גלייך אפ דעם ארדער צו מרס. וואטסאן! פרעד, מען דארף ארייננטראגן א זאק מעל פון ווערהויז"...

איז דאס דער ענטפער? איז דאס געווען דער צוועק פון אלע דעבאַטעס, דיסקוסיעס און קריגערייען? אכט־און־פערציק פאר אויגן קוקן אויף מיר פון דעם בילד. נו, וואו זיינען זיי אלע? וואס טוען זיי איצט? לעבט נאך עפעס אין זיי? און איך עס זיך איין אין די אויגן פון יעדן פון זיי און עס ווילט זיך אן ענטפער באקומען. שטום איז דאס פאפיר אונטער דעם גלאז.

צוואנציק יאר פון מיין יוגנט, צוואנציק גרויע מצבות, צוואנציק שאטנס טרעטן ארויס קעגן מיר פון דער אלטער ראם אויפן וואנט. לאנג פארגעסענע דערמאנונגען, באגראבענע חלומות, פרייגט און פיינט פון א ווייטן אמאל, — אלץ איז אויפסניי תחית המתים אויפגעשטאנען און אנגערעגט דעם מארך פון לעבן, האבן זיך ווידעראמאל אויפגעמישט און יארן, לאנג פארגעסענע, ווייט פארפלויגענע, האבן ווי בלאנדזשענדיקע פויגלען אין דער נאכט געקלאפט אין דעם גלאז פון דער ראם אויפן וואנט.

יעדער געזיכט אונטער דעם גלאז האט לעבן און לשון באקומען און גערעדט צו מיין הארץ און נשמה.. מיר האבן געקעמפט, דאס לעבן איז שטארקער פון אונדז...

א, אלטע, אלטע באקאנטע! איך קוק זיך אין יעדן פון זיי און עס ווילט זיך מיר יעדן פון זיי א טרייסט ווארט שיקן. דאס לעבן האט קיינעם ניט געשוינט, אפילו ניט די יעניקע, צו וועלכע עס האט כלומרשט געשמייכלט.

אייניקע זיינען רייך געווארן, האבן פאר דער צייט א וועלט געסמאַליעט, גרוי און קראנק געווארן און צעבראכענע, פארגיפטעטע און פארמאטערטע יאגן זיי זיך איצט ארום איבער דער וועלט רפואות צו זוכן.

אייניקע האבן דעם קאמף ניט אויסגעהאלטן און געפאלן אינמיטן וועג. פארגעסן זיינען זייערע קברים, אפגעמעקט זייער לעבן. און אט שטיי איך פאר אייך אלטע באקאנטע, און צווישן אונדז שוועבן פארביי צוואנציק יאר פון לעבן, צוואנציק שאטנס, צוואנציק מצבות, און יעדע מצבה האט ערגעץ א שניט־צייכן אין אונדזער נשמה איבערגעלאזט.

דער אפגאט פון אמאל

פון דער ערשטער רייע אין דעם בילד קוקט צו מיר ארויס מיין אלטער פריינד ז., יונג און שיין, מיט זיין שווארצער קאפ געקרייזלטע האר, מיט זיינע ברענענדיקע שווארצע אויגן, מיט זיינע פראנטעוואטע שווארצע, דינע וואנצעלעך פארדרייט ארויף, מיט זיין שווארצן שניפס פארבונדן אלא־מאד, מיט זיין ווייס, ווי מארמאר, געזיכט — איז ער שטענדיק געווען דער אפגאט

פון אַלע חברות און דער אידעאַל פֿון יעדער מיידל, און ווער ווייס וויפֿל פון זיי האָבן נעכט ניט געשלאָפן איבער אים.

וואָס איז געוואָרן פון דיר, אַלטער חבר, אַלטער פריינד? וואו ביסטו איצט? וואָס איז געוואָרן פֿון דיין שיינער שטימע מיט וועלכער דו האָסט אַזוי שטאָלצירט? מיט דיין ליבע צו קונסט, צו שיינקייט. וואָס איז געוואָרן פון דיינע אידעאַלן פאַר וועלכע דו האָסט געקעמפט, געאָפפערט זיך?

צוואַנציק לאַנגע שאָטנס, צוואַנציק לאַנגע יאָרן, ווי שטיל שווייגנדיקע מצבות שוועבן זיי אַרויס און שאָקלענדיק מיט זייערע גרויע קעפּ פאַרשווינדן זיי אין תהום און פאַרשווינדנדיק ענטפערן זיי: "די שוואַרצע, שיינע אויגן פון פריינד ז. און זיין שלאַנקע פיגור און זיין שיינע שטימע, זיינען זיין אומגליק געווען". יאָ, פּאַראַדאָקסאַל! אַזוי איז עס אָבער. דאָס לעבן איז ניט אויסגעהאַלטן.

ערגעץ אויפן וועג האָט ער אַ יענקישע מיידל באַגעגנט; אַ דלילה אָן דלילהס רייץ, אָן דלילהס שיינקייט; אַ פּוסטע און פּראָסטע, אָן ציל און שטרעבונגען אויסער איין שטרעבונג: געפעלן צו ווערן. און זי האָט געזיגט. פון זיינע אידעאַלן האָט זי זיך אויסגעלאַכט, זיינע שטרעבונגען זייגען איר פרעמד געבליבן. די "זי" אין איר האָט געשטרעבט און געוואָלט באַזיגן דעם "ער", און ער, שמשון, איז געלעגן פאַר אירע פיס אַ געבונדענער מיט אונטערגעהאַקטע פליגל . . .

איך האָב אים אָפטמאָל באַגעגנט אין לעבן אַ פאַרביזנעוועטן, אַ פאַרגעסענעם. — "וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיינע אידעאַלן, גוטער ברודער?" — "דו זעסט דאָך", — ווייזט ער מיר אויף דעם פאַרבלוטיקטן פאַרטוך. — "האָסט עפּעס געטאָן מיט דיין שטימע? האָסט דאָך עפּעס געהאַפט? — "אפשר וועט נאָך פון מיין קינד עפּעס ווערן". . . — און ער איילט צום טעלעפאָן אַ באַשטעלונג אָננעמען.

אַן אַנדערש מאָל טרעף איך אים ביי אַ קאָנצערט. זיין קינד שפּילט אויסגעצייכנט פידל. ער קוקט אויף אים די גאַנצע צייט, נעמט די אויגן ניט אָפּ, ס'פּילט זיך ווי זיין גאַנצער וועזן און זיין גאַנצע חיונה ליגט אין זיין קינד.

— דיין זון שפּילט ניט שלעכט, — וויל איך אים אַ נחת רוח אָנטאָן. — "נו, געוויס, ער מוז, צוליב דען וואָס לעב איך?" — און ער עסט זיך איין מיט זיין בליק אהינצו וואו עס שטייט זיין קינד און שפּילט פידל. זיינע אויגן קוקן איצט צו זיין קינד און ער וויל פון אים אַן ענטפער, — וועט כאָטש זיין לעבן זיין אַנדערש ווי זיין אייגנס, ווארום אויב ניט . . .

צוואַנציק שאָטנס, צוואַנציק מצבה שטיינער שוועבן פון ראַם אַרויס און שאָקלען מיט זייערע גרויע אַלטע קעפּ און שוועבן פאַרביי.

— פלוד אויף אייך, וואָס האָט איר געטאָן מיט מיין פריינט ז.? אַ צעקוועטשטער, אַ צעטראָטענער מיט אַ צעבראָכן האַרץ און שטאָלץ, זיין שיינקייט און זיינע אידעאַלן וואַלגערן זיך צעטראָטענע. און די קאַלטע שאָטנס שאָקלען מיט די קעפּ, ווער האָט אים געהייסן? ווער איז שולדיק? . . .

דאָס שיינע פייגעלע

הארט לעבן אים אויף דעם בילד זיצט דער צווייטער ליבלינג פון דער גרופע, די שיינע פייגעלע, דער אָפּגאָט און אידעאַל פון קלוב און פובליקום. אָן פייגעלען איז ניט געווען קיין איין אוונט דערפאָלגרייך, קיין איין טעאטער שטיק, — זי האָט געמוזט האָבן די ערשטע ראָל.

איך שטימע האָט שטענדיק געקלונגען ווי זילבער גלעקלעך און איר שמייכל האָט געהאַט אַ מאַגנעטישע קראַפט צו אונטערטעניק מאַכן יעדן איינעם און צו פארטרייבן די מרה שחורה פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. זי האָט געקאָנט געפינען אַן אויסוועג פון יעדער אומאַנגענעמער סיטואַציע, אויסגלייכן סכסוכים, אָפּקילן צעהיצטע דעבאַטירער, אַז זיי זאָלן זיך פּלוצלונג דערפילן ווי נאַריש — "טאָקע צו וואָס דאָס אמפּערן זיך? האָסטו געזען?"

פייגעלעס גרויסע טראַגעדיע אין לעבן איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלע אַרומיקע האָבן זי געהאַלטן צו הויך, צו גרויס, כמעט ווי הייליק, — "עפּעס אַ קליינינקייט, פייגעלע" — קיינער האָט ניט געוואַגט צו פילן איר גלייכן, צו פילן זיך צי האָבן זיי די ווערט.

פייגעלע האָט אָבער געהאַט אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז די טאָכטער האָט זיך שוין גענוג אַנגעהוליעט, גענוג נאַריש געמאַכט, און עס איז שוין צייט מ׳זאָל אַ קלער טאָן וועגן אַ תכלית פאַר איר׳ט וועגן. עס האָט לאַנג ניט גענומען און מען האָט פייגעלען חתונה געמאַכט.

איך האָב זי אַמאָל אומגעריכט באַגעגנט אין גאַס און איך האָב דערפילט ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך קלייבן אויף שטיקער צו צעריסן ווערן.

איז דאָס די שיינע פייגעלע? אַ צעפּלאָסקעטע און אַן אָפּגעלאָזענע, מיט פּעטס פאַרוואַקסענע און אַ פאַרגרעבטע, קיין סימן פון אַמאָליקער שיינקייט. וואו איז עס אַלץ אהינגעקומען? פאַרשוואונדן איז דער הילכיקער זילבערנער געלעכטער, וועלכער פלעגט זיך צעשיטן אין טויזנטער פונקען אין די מיגנטשלעכע הערצער און וועקן צו פרייד און לוסט. ניטאָ מער דער געטלעכער שמייכל, די גראַציעזע באַוועגונגען, קיין זכר פון דער אַמאָליקער לעבעדיקייט און רירעוודיקייט.

אַרום איר האָבן איצט געקלעפּט אַ האַלבן טוץ קינדערלעך, איינס קלענער פון דעם צווייטן. זיי האָבן זיך געריסן און געצופּט פון אַלע זייטן, יעדעס מיט אַן אַנדער פאָדערונג. איינס האָט זי געשאַרכעט און געשלעפּט פאַר די פּאָלדן פון קלייד: "קאַם אָן מאַ, איי וואַנט אַן אייז־קרים"; אַ קלייגער פאַרשמירטער קאַראַפּוזיק, פון צוויי יאָר, האָט געשמאַצקעט אַ גרויסן רויטן "סאָקער" און מיט אַ פאַרשמירט פּנים און קלעפּיקע הענט האָט ער זיך געדראַפּעט צו איר אויף די הענט, שרייענדיק מיט פאַרשיידענע קולות, ווען זי האָט אים געפּרואווט אָפּשטופּן פון זיך; אַן אַנדער ווייסער־חברהניק, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס פון קלייטל אומגעקערט מלא שמחה מיט אַ קאַרלירטן באַלון אין האַנט, וועלכן ער האָט געפּרובירט אָנבלאָזן מיט אַלע כוחות

אָנבלאָזנדיק דערביי זיינע באַקן ווי צוויי רויטע עפּל. דער באַלון אָבער האָט זיך ווי אויף צו להכעיס פון אָרט ניט געוואָלט רירן, האָט ער גענומען שטופּן דער מאַמען דעם באַלון אין מויל: "קאַם אָן, יו דו איט פאָר מי". זי וואָלט עס שוין געטאָן אויך (וואָס טוט דען ניט א מאַמע). זי שעמט זיך אָבער אביסל פאַר מיר און פאַרענטפערט זיך: "נו, וואָס זאָגט איר צו דער כאַליאַסטרע?" און טרייבט פון זיך די קאָמאַנדע: "גייט, גייט שפּילן זיך!"

פייגעלעס לעבן, א מערקווירדיקע טראַגעדיע פול מיט אַנטוישונגען, פול מיט פאַרלוירענעם קאַמף און צווייפל. אַמאָל האָב איך זי אין א געזעלשאַפט באַגעגנט. דאָס אָוונט קלייד, די עלעקטרישע ליכט, די שפּילנדיקע מוזיק, צוויי־דריי אַלטע באַקאַנטע — האָבן אויף איר ווי א צויבער געווירקט און אויף א רגע האָט די אַלטע פייגעלע אויפגעלעבט. די אַלטע קינסטלערישע פונק האָט ווידעראַמאָל אויפגעלעבט פון די אַשעס פון איר אַמאָל און אומגעקערט א טייל פון איר אַמאָליקן גלאַנץ אין אירע אויגן. איר נשמה האָט זיך ווי באַפרייט פון די שווערע פּענטעס און אַרויסגעשיינט. די אַלטע באַקאַנטע האָבן געבעטן א ליד, זי האָט זיך פאַרענטפערט, אַז זי האָט שוין לאַנג ניט געזונגען, זי ווייס אפילו ניט צי זי קאָן נאָך . . . — "פּרובירט נאָר, פּרובירט", — בעטן זיך די אַמאָליקע חברים. און זי האָט פּרובירט. זייטיקע מענטשן זיינען צוגעקומען הערן, זיך פאַראינטערעסירט, אירע פריינט פון אַמאָל זיינען געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, ווי שטומע עדות ביי א פאַרלאָרענעם דועל פון א ליבן, טייערן פריינט און חבר. דער מאַן אירער איז צוגעקומען מיט א גראָבן ביליקן ציגאַר אין מויל:

— "נו, וואָס זאָגט איר אויף מיין פּרימאַדאָנע? זי קרעיעט עפּעס נישקשה?"

— און נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל דאָס זעלבע.

קוק איך איצט אַרויף צום בילד און זע אונדזער ליבלינג, די שיינע פייגעלע, מיט אירע שוואַרצע האָר צעלאָזן, ווי זיידענע פּאַסמעס וועלכע פאַלן פון איר קאָפּ צו די שולטערן. איר ווייס ווי מאַרמאָר קיילעכדיק געזיכט, די צוויי שוואַרצע אויגן, וועלכע קוקן אַזוי ליבלעך און פריילעך, איר פאַרגליווערטער שמייכל אויף די ליפּן לעבן זי נאָכאַמאָל אויף אין מיין זכרון און עס רייסט זיך פון מיין האַרצן א פראַגע: טייערע פייגעלע! וואָס איז געוואָרן פון דיר? פאַרוואָס האָט דאָס לעבן דיך אַזוי אומבאַרהאַרציק צעטראָטן? זאָג, פאַר וועמעס זינד טראָגסטו דיין שטראָף? איז דאָס פאַר די זינד פון דער וועלט? פאַר די זינד פון דיין פאָלק? פון דיין קרייז?

מרים פילאָזאָף

"דאָס לעבן איז שטאַרקער פון מיר, עס ברעכט מיך און איך קאָן זיך ניט ווערן" — איך קוק אויף דעם בילד און מיר דאַכט זיך, אַז איך הער די ווערטער פון בילד אַרויס, ווען איך קוק זיך איין אינם פּנים פון "מרים פילאָזאָף", ווי מיר האָבן זי גערופן, וועלכע זיצט האַרט לעבן פייגעלען. יאָ, דאָס איז אונדזער סטאָיקער און אַלטער קאָפּ.

אויפן ערשטן אָנבליק — גאָר פון די קליינע העלדן. קליינגעוואַקסן, מיט א קליין פּנימל, גרויע אויגן און גלייכע, קורצע דינע האָר געקעמט אַרויף. דערצו איז איר קליידונג געווען זייער אָפט געשמאַקלאָז, גראַד ווי

זי וואלט מיט דעם אימעצן וועלן צו להכעיס טאן, ווי זי וואלט וועלן זאגן "איך ווייס, אז עס געפעלט אייך ניט. איך ווייס, אז עס פאסט מיר ניט, נאר אט אזוי וויל איך, איך וויל ניט עס זאל מיר פאסן, צו וואס דארף מען עס?"

דערפאר האט זי אבער אין דער גרופע א היבשן ארט פארנומען. זי איז געווען איינע פון די בעסטע פארלעזערנס און פערזאניפיצירערן; זי האט געקאנט נאכמאכן מיט אלע פישטשעווקעס אלע לאקאלע רעדנער, נאכמאכן מיט אלע אינטאנאציעס די רבנישע הספדים, יום־כפורדיקע דרשות, פאליטישע ספיטשעס; האט זי אימעצן גענומען אויף דעם צימבל האט זיך שוין יענער קיין ארט ניט געקאנט געפינען. דער עולם האט אבער געקייכט פאר געלעכטער.

קליין ווי זי איז געווען, האט זי פארמאגט א גוואלדיקע ווילנס קראפט און האט זייער אפט מיט איר געוואגטקייט יעדן איבערראשט. וואלט זי פארבליבן אין רוסלאנד, דאן וואלט זי אן צווייפל אדער זיך ארויפגעארבעט צו דער תליה, אדער זי וואלט אויפגעטאן שטוינענדיקעס. דא אבער, אין דעם קליינעם שטעטל, אין דעם ענגן קרייז, איז איר ענערגיע צעשאטן געווארן אין הונדערטער פונקטן, וועלכע זיינען איינציקווייז אויסגעגאנגען און פארלאשן געווארן.

אין אלץ האט זי געזוכט דעם עיקר, דעם ציל און דעם אמת. און דעפאר איז זי לאנג ניט פארבליבן אויף איין ארט, אין איין פארטיי. האט זי געהערט א נייעם רעדנער, פלעגט זי באלד מיטגעריסן ווערן און שוין ניט אפטרעטן פון אים, געווארן א חברה, א טוערין און געארבעט מיט לייב און נשמה ביז דער ווארים פון קריטיק און אנאליז האט אנגעפאנגען צו זויגן און פרעסן, און זי האט דערזען די מענטשן ארום זיך אין אן אנדער געשטאלט, — אלע אזעלכע קלייניקע, מיט פיצינקע השגות, מיט מיזערנע פערזענלעכע אינטערעסן, קליינע כבודים־זוכער, און זי פלעגט אנטלויפן מיט א ביטערן יאוש אין הארצן און אזוי ארומבלאנדזשען אן א ציל און אן א גאט אין הארצן, א פארצארנטע און ברוגזע ביז א נייער גאט האט זיך באוויזן און אנטדעקט פאר איר נייע אמתן און נייע הימלען.

אין איר זוכעניש נאך געטער און אמתן, האט זי אנגעטראפן איינעם, וועלכער איז געווען א געמיש פון א רוסישן "קראנסנאבאיקא", א "היסטערישן פילאזאף", — אין דער אמתן א פוסטער פראזן־שיסער און ליידיקגייער, א יונג, וועלכער האט געוואוסט ווי צו פארגנבענען זיך צו איר מיט זיינע גלאטע רייד פון הויכע אידעאלן און וועלט־בויענדיקע טעאריעס. עס האט ניט לאנג גענומען און "מרים פילאזאף" האט אים פארגעשטעלט אלס איר באשערטן. פון אירע מאגערע פארדינסטן האט זי געצאלט פאר זיין עסן, פאר זיין צימער, באזארגט אים מיט טאבאק און פאפיראסן און אפילו קליינגעלט, געטראגן צו אים ביכער, וועלכע ער האט זעלטן געעפנט, און זיך ארומגעפירט מיט אים ביז . . . אין א שיינעם טאג האט זי אויסגעפונען, אז דער באשערטער אירער איז פארשוואונדן אן א זיי־געזונט איבערלאזנדיק נאך זיך א צאל קליינע חובעלעך . . .

האט זי נאך לאנג געטרויערט נאך איר פארשוואונדענעם גאט? האט איר פארדראסן? זי איז אין פערזענלעכן לעבן אזוי ברוטאל אפגענארט גע־

וואָרן, ווי אין איר גייסטיקער אידעאַלער וועלט. ווער קען דאָס וויסן? מרים איז געווען אַ פילאָזאָף, און אַלצדינג אין לעבן האָט זי פילאָזאָפיש אויפגעפאַסט. — "וואו איז אַהינגעקומען דיין בחור, מרים?" — אָוועקגעלאָפן זוכן אַן אַנדער בחורטע, אַלעמאָל די זעלבע עסט זיך צו", — האָט זי געענטפערט אין אַזאַ גלייכגילטיקן טאָן גלייך ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן דער קלענסטער קלייניקייט. וואָלט זיך אָבער איינער געגעבן די מי אַריינצוקוקן אַביסל טיפער, וואָלט ער לייכט געקאָנט באַמערקן דעם טיפן שניט אין איר האַרצן, וועלכער האָט באַהאַלטענערהייט געבלוטיקט און געשמאַרצט.

מיט אַ צעבראָכענעם געמיט און אונטערגעהאַקטע פליגל האָט מרים געשלעפּט די "ליאַמקע" פון איין איינזאַמער שווער אַרבעטנדיקער באַשעפעניש, אויסגייענדיק פון בענקשאַפט נאָך אַביסעלע פערזענלעכן גליק, נאָך אַ לעבעדיקן נפש, וועלכער זאָל זי הערן, פאַרשטיין, אויב מעגלעך, צו וועמען זי זאָל קענען ווידמען זיך, איר לעבן, איר גליענדיקן גייסט, און מרים האָט גענומען טרוימען פון וואָגן צו האָבן אַ קינד, צו ווערן אַ מוטער, דאָס וועט שטילן איר דורשט, און זי האָט גענומען זיך אינטערעסירן מיט דעם סאָרט ליטעראַטור, וועלכע איז פונקט דאַן אַריין אין מאָדע.

צי איז דאָס געווען צו געוואַגט פאַר איר? צי האָט אין איר גערווירקט די שטימע פון דורות, די שטימע פון בלוט און טויזנט יאָריקער טראַדיציאָנעלער צניעות? נאָר מרים האָט דווקא חתונה געהאַט כדת משה וישראל מיט איינעם, וועלכער איז געווען פונקט דער היפוך, אַ קאַלטער פלעגמאַטיקער, מיט אַ גרויסן פליד אויפן קאָפּ, אָן לעבן און אָן שטרעבונגען, אָן פייער און אָן צילן.

זי האָט געהאָפט, אַז זי וועט ברעכן זיין אַפּאַטיע, אַז איר פייער וועט צעשמעלצן דאָס אייז אין אים און מאַכן זידן זיינע פאַרגליווערטע בלוטן.

זי האָט געחלומט צו קענען אים אויפהויבן צו זיך, און שאַפן פון אים אַ חבר און תלמיד. געשען איז אָבער דאָס פאַרקערטע. ער האָט אויסגעטייטשט איר באַרייטקייט צו הייראַטן מיט אים פראָסט און ציניש, וואָרום אויב ניט, דאַן צוליב וואָס האָט זי אים געדאַרפט? ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון אַלע אירע טעאָריעס, און שטרעבונגען. — "איך דאַרף אויף טויזנט כפרות דיינע טעאָריעס, און פאַר אַלע דיינע אידעאַלן וועל איך דיר קיין ניקל ניט געבן" — פלעגט ער צו איר טענהן, און אין דעם אַטמאָספערע האָט ער זי שטענדיק געהאַלטן און אימער געשלעפט אַראָפּ צו זיך, אַלץ טיפער און טיפער.

זי האָט זיך געראַנגלט, געוועהרט און געקעמפט ביז עס איז געקומען צו עפנטלעכע סקאַנדאַלן און זי איז פון אים אַוועק. דערנאָך אָבער איז מען זיך ווידער צוזאַמענגעקומען און ווידער געקריגט זיך, ביז מרים האָט דערפילט, אַז דאָס נאָך וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק געבענקט — קומט. זי וועט אינגיכן ווערן אַ מוטער. פאַר אַ צייט האָט זי אַלץ פאַר ליב אָנגענומען. די גאַנצע וועלט האָט אַ גאַנץ אַנדער אויסזען באַקומען, זי האָט מיט אַלץ און אַלעמען שלום געמאַכט. דאָס נייע לעבן וואָס קלאַפּט אונטער דעם האַרצן טאָר ניט וויסן פון קיין שלעכטס, פון בייזעס, זי מוז אים באַשיצן פון אַלץ, און טיפער, און נידעריקער האָט זי איר קאָפּ געבויגן און געדולדיק געטראָגן

די קאפריזן פון א גראבן יונג, פון א טיראן, און דערצו א גרויסן טויגעניכטס און ארימאן.

נאכן ערשטן קינד איז גאר גיך א צווייטע געקומען, און מיטן צווייטן קינד איז אויך געקומען א גרעסערע נויט, א גרעסערער דלות. מרים האט זיך געהאלטן שטארק ביי איר באשלוס, — די קינדער מוזן באשיצט ווערן, זיי מוזן האבן א טאטן, א מאמען, א היים . . . זי וועט אויפהאלטן דאס הויז איבער אלע באדינגונגען, זי וועט ניט צעברעכן זייער לעבן.

מיט דעם אלטן ברען פון אמאל האט זי זיך אריינגעווארפן אין לעבן, גענומען פרובירן גליק ביי פארשיידענע מלאכות, זיך געלערנט קינסטלעכע בלומען מאכן, העט באפוצונגען, "קענוועסן" מיט פארשיידענע סחורות: זיך געווארפן פון איין געשעפט צום צווייטן און אויך מצליח געווען. אויסערלעך איז אלץ געווען אין דער בעסטער ארדענונג: א גוטע באקוועמע הויז, א דינסט, גוטע שפייז, אפילו א טאטע האט ניט געפעלט פאר די קינדער. איר אבער, איר האט אלץ געפעלט אין לעבן. איר הארץ איז געבליבן פארהונגערט אין פארשמאכט און געלעכצט און געהאפט נאך א גאט און אויסלייזער.

אפטמאל האב איך זי אין לעבן באגעגנט אין מיט יעדער באגעגעניש איז זי מיר פארגעקומען א נייע, אן אנדערע, אן אומבאקאנטע כמעט.

אין אירע יונגע יארן פון אידעאל זוכעניש און בייטעניש, איז זי תמיד פארבליבן אויסערלעך די זעלבע מרים: א וואלן קליידל מיט א שווארצער בלוזקע אין ווינטער, און א ציצענע קלייד מיט א ביליקער איינפאכער העטקע אין זומער. א שארפע קעגנערן פון יעדער באפוצונג, פון יעדער קינצלעכקייט. אין די שפעטערדיקע יארן האט זי גענומען בייטן אירע פראפעסיאנען, און מיט יעדער פראפעסיע — איר אויסזען.

"מרים דער פילאזאף" האט אויפגעהערט פילאזאפירן און האט איינפאך און פראסט געוואלט "געפעלן ווערן", מאכן אן איינדרוק אלס "זי" און נאכהער אויך אלס א פארנעמע "ליידי".

— וואס האסטו געמאכט פון זיך? — פרעג איך זי איינמאל, דערזעענדיק זי אין א טואלעט פון לעצטער מאדע מיט א היבש ביסל קאסמעטיק און געקינצלטער שיינקייט. — ווי קומט דאס צו דיר? — האב איך נאך אלץ זיך געוואונדערט.

— דאס לעבן איז שטארקער פון מיר. עס ברעכט מיך. איך האב געזוכט לעבן און געפונען שאטנס, נאכקרימעניש. איך האלט נאך אין זוכן. וועל איך געפינען, וועל איך נעמען אויב איך וועל האבן כוח, נאר מיר דאכט . . . — זי האט ניט געענדיקט.

דער מאן איז אנגעקומען, א ברוגזער, א בייזער, ער האט עפעס באדארפט אין הויז און האט ניט געקענט געפינען, האט ער געשריען און געבייזערט זיך און זי איז אויף גיך געלאפן אים העלפן . . .

צוואנציק גרויע שאטנס גליטשן זיך פון ראם ארויס און שוועבן אין ראם איינע נאך די אנדערע און דערציילן: געפאלן איז אין קאמף אונדזער אלטער קאפ מרים, ניט אויסגעהאלטן האט איר הארץ.

פאַריתומטע און עלנטע בלאָנקען אַרום ערגעץ אין דער וועלט אירע צוויי קינדער, פאַר וועלכע זי האָט איר לעבן געאָפּפערט.

ווייסן זיי כאָטש פון די דאָזיקע קרבנות? וועלן זיי כאָטש אַמאָל אויף איר קבר קומען און אַ טרייסט־וואָרט איר שטויב שיקן, אַז זי האָט ניט אומזיסט געלעבט.

טיפער, טיפער גראָבן זיך איין די אויגן אין די אַלטע, ליבע און באַקאַנטע פּנימער און עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווי אַלץ האָט געקענט אַנדערש זיין. און פון דעם פּאַפּיר אונטערן גלאָז שיינט צו ענטפערן איר לייכטער שמייכל — ״ביסטו זיכער אַז עס וואָלט אויך בעסער געווען״.

ביי א פרעמדן סדר

ביי א פרעמדן סדר

דער געדאנק צו איבערמאַדעלירן די היים נאָך איר געשמאַק איז ביי באסיען געבאָרן געוואָרן כמעט דעם ערשטן מאָמענט וואָס זי האָט איבער־געטראָטן די שוועל פון ברוך סינגערס הויז, אלס די נייע מרס. סינגער.

ברוך סינגער איז געווען א רייכער סוחר פון פעל און פוטער, א איד פון דעם אלטן היימישן פּראָסטן טיפּ, וועלכער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט פון אַרומפאָרן מיטן בייטשל אויף די ירידים, כאַפּן א פאַרדינסטל, און האָט דעריבער ניט געהאַלטן פון די נייע "שמאַכטעס וואָס מען דאַרף זיי אויף טיסיאַטשי כפרות".

באסיען אָבער איז פונם ערשטן מאָמענט דאָ קיין זאַך ניט געפעלן געווען. אלץ האָט איר שאָקירט. די אָפּגעבליאַקעוועטע שפּאַלערן אויף די ווענט, די מעבל. פון פאַר־מבולדיקע צייטן, די געפּעם וואָס איז ניט געווען צוויי שטיקלאָך פון איין סאָרט, און איבערהויפּט די פירונג אין הויז. יעדער איז געווען א וועלט פאַר זיך; יעדער האָט געשריען און געפּילדערט, און שטענדיק אימעצן באַשולדיקט אין דעם, וואָס דאָס הויז איז א פאַרשאָלטע־נע, וואָס מען קאָן קיינמאָל קיין זאַך ניט געפינען.

"א שיף אָן א רודער", האָט זי פאַר זיך כאַראַקטעריזירט דעם צו־שטאַנד פון איר נייער היים, און געטראַכט: "וועט זיך מיר איינגעבן צו־צובויען דער רודער צו דער שיף וואָס וועט מיך נאָך דאַרפן טראָגן דעם רעשט פון מיין לעבן".

זיצנדיק פורים ביי דער סעודה האָט זי געהערט און ניט געהערט די קאָמפּלימענטן וואָס סינגער האָט איר געמאַכט, פאַר די געשמאַקע פורים־דיקע מאכלים פון וועלכע ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט. ער איז געזעסן האַרט לעבן איר, און מיט זיינע טאַנצנדיקע אייגעלעך, ווי געוואָלט איינשלינגען די פאַרשיידענע נאַשערייען מיט וועלכע דער טיש איז געווען באַלאָדן.

יעדעס מאָל האָט ער זיך א הויב געטאָן פון זיין שטול, זיך איבער־געבויגן איבערן טיש, און מיט די פינגער זיך געקליבן פון די צוקערוואַרג, געלייגט אין מויל אריין און געקייט און באַלעקט זיך, און געהאַלטן אין איין רעדן און לויבן באסיען וואָס פאַר א בריה זי איז.

— אָ, מעדני־מלך, ווי איך בין א איד, כאָטש פאַרן קייסער צו שטעלן . . . גאָר ניט געוואוסט אז דו ביסט אזא בריה.

— א שאָד טאַקע וואָס דו האָסט פריער ניט געוואוסט, וואָלסט אפשר . . . דערענדיקט ניט איר פראַזע די אינגסטע פון זיינע טעכטער, זינא, וועלכער ס'פאַרדריסט וואָס דער פאָטער ווערט אזוי נתפּעל פון דער מאַמעס בריהשאַפט.

— אפשר וואָלטן די מאכלים געוועזן אויך גוט פאַר אונדזער פּרע־זידענט, ניט נאָר פאַרן קייסער. — רופט זיך אָפּ סיידי, כדי צו ווייזן אַז זי איז ניט זינא, און האָט ניט וואָס מורא צו האָבן.

די איבעריקע קינדער צעלאַכן זיך פון דער חכמה, און עס טוט זיי הנאה וואָס סיידי האָט אים א שטאָך געטאָן, דעם אלטן, — זאָל ער ווּיסן . . .

די גאנצע צייט פון דער סעודה האָבן זיך די קינדער געהאַלטן דעמאָנסטראַטיוו אַז א זייט פונם פאָטער און דער שטיפמאַמען, און הויך דעבאטירט פון די לעצטע סטיילס אין קליידער און מילינערי.

באַסיע איז געזעסן ווי פארשטיינערט ביים טיש, אירע געדאנקען האָבן געוואַנדערט ווייט אוועק פון דעם פּלאַץ וואו זי איז. זי האָט ניט געזען און ניט געוואָלט זען די חוצפּהדיקע האַלטונג פון זיינע קינדער, זי האָט פאַרפּאַנצערט איז האַרץ און איר מוח קעגן אַלץ, און עס האָט איר ניט שאַקירט סינגערס מאַניערן וועלכע האָבן ארויסגערופן ביי איר אַן עקל.

די סאַרקאַסטישע באַמערקונגען פון זיינע טעכטער זיינען פאַרביי־געלאָפן איר אויער און קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט אין איר נשמה.

— עס איז מיר אַלץ איינס, — האָט זי זיך געטראַכט, — אַלץ איינס . . . זי איז געזעסן ווי פארשטאַרט און אירע אויגן האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אויף א פּונקט אין דער וואַנט וואָס קעגן איר. צוויי גרויסע פעטע פלעקן האָבן געקוקט אויף איר ווי צוויי אויגן פון א שרעקנדיקער חיה. עס האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז די פלעקן וואַקסן און באַוועגן זיך און ווערן צעפלאָסן איבער דער גאַנצער וואַנט. זי האָט זיך געמוזט גוט איינקוקן כדי צו איבערצייגן זיך אַז די פלעקן שטייען אויף איין אָרט.

— פון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע פלעקן אויף ווענט, — האָט זי זיך געחידושט — ניט אַנדערש אַז אימיצער רייצט זיך מיט איר אומיסטנע, אַז מען טוט איר צו להכעיס. — פּע, חלשות! מען קען קראַנק ווערן . . .

און זי דערפילט א מיאוסן איבל אויפן האַרצן און זי דערפילט אַזוי ווי איר האַרץ און נשמה וואָלטן זיך צונויפגעקאַרטשעט און באַהאַלטן זיך ערגעץ ווייט, ווייט, כדי ניט באַפלעקט ווערן פון די פלעקן, דאָרט, אויפן וואַנט. און זי קען זיך ניט מוחל זיין, וואָרום זי האָט אַלץ אָפּגעלייגנט איר פאַרלאַנג צו איבערמאָדעלירן דאָס הויז. איצט איז די צייט, עס גייט צו פּסח. טאַקע, ווי אַזוי וועט זי מאַכן פּסח אין אַזא הויז? — איר ערשטער פּסח אין דער דאָזיקער נייער היים אירער . . . איר ערשטער סדר — זינט . . .

און זי בייסט זיך איין מיט אירע ציין אין דער אונטערשטער ליפּ. דאָס האַרץ שצעמעט זיך צונויף. זי קען ניט, זי טאָר ניט דערטראַכטן דעם געדאַנק ביזן סוף. זי האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט ניט צו טראַכטן. אַכט יאָר באַוויינט און באַקלאָגט איר גליק פון אַמאָל . . . זי קען ניט מער . . . זי וועט האַלטן וואָרט . . . זי וועט שפּילן איר ראָל ערלעך. זי איז א בעל־הביתטע. זי האָט פליכטן, וועלכע זי מוז דערפילן. און זי צווינגט איר מוח צו טראַכטן אין דער ריכטונג פון אירע פליכטן . . . "מען מוז דאָס הויז רעמאָנטירן אויף פּסח".

ערגעץ טיף אין איר נשמה ציגדט זיך אן א פונק פון האפענונג, אז דאס באניטע (דורך איר) הויז וועט איר ניט זיין אזוי פרעמד. אז די אר־בעט וואס זי וועט אריינלייגן אין דעם רעמאנט וועט איר נעענטער צונויפ־קניפן, פארבינדן מיט איר נייער היים, וואו פון יעדער ווינקל אטעמט אויף איר מיט אזא קעלט, וואס פרירט איר נשמה און דערמאנט איר שטענדיק אין יענער "אנדערער" ווענעם בילד עס הענגט דארט אויפן וואנט פון גאסט־צימער. אט דאס בילד פון יענער, וועמעס ארט זי האט פארנומען, איז שטענדיק געווען דער גיפט אין איר לעבנס בעכער וואס האט פארסמט איר געמיט און געוועקט אין איר יענעם אומפארגעסלעכן צער וועלכן זי האט געטראגן אין איר הארצן די גאנצע אכט יאר.

— ווארום האט ער עס ניט אראפגענומען איידער ער האט זי אהער געבראכט? — האט זי זיך געפרעגט יעדעס מאל ווען איר איז אויסגעקומען זיך צוזאמענטרעפן מיטן בילד אויג אויף אויג.

איר האט זיך שטענדיק אויסגעוויזן, אז "יענע" קוקט אויף איר מיט פארוואורף פונקט ווי זי וואלט זאגן: ווער האט דיך גערופן אהער? מיין הויז איז עס, איך האב עס געבויט, מיין לעבן האב איך דא אוועקגעלייגט, — און דו? געקומען אויפן גרייטן?

און זי דערפילט ווי א טויטנדיקע קעלט גיסט זיך אריין אין איר בלוט און זי אנטלויפט פון יענעם צימער און פארשווערט זיך קיינמאל אהין מער ניט אריינקומען. די אויגן אבער פון דעם בילד פארפאלגן זי אומעטום און זי קען זיך פון זיי ניט באפרייען. און עס וואקסט איר פארדראס אויף סינגערן. ווי אזוי פארשטייט ער ניט ווי שווער עס איז מיר? ווי אזוי קען ער דערווארטן פון מיר פארגעסנהייט, ווען ער אליין וויל ניט פארגעסן?

אין אירע איצטיקע פלענער צו איבערדעקארירן דאס הויז אויף פסח פארנעמט דאס בילד ניט קיין קליינעם פלאץ. זי האט ניט דעם מוט צו זאגן זיך, צו מודה זיין זיך, אז ווען מען וועט דאס בילד איינמאל אראפ־נעמען, וועט זי שוין זען אז מען זאל דאס מער ניט אויפהענגען. טיף אין איר באוואוסטזיין פילט זי, אז זי טאר עס ניט טאן, אז זי טאר עס ניט בארירן, אז זי מוז טראגן די יסורים, די בארעכטיקטע שטראף פון קומען צום גרייטן. אז אירע צרות און פייניקונגען זיינען בלויז דער פרייז וואס זי צאלט פארן דאך איבער איר קאפ, פאר דער רו . . . פארן ברויט וואס זי עסט. פארן נאמען, פאר סינגערס ליבע . . . און דאך האט זי געהאפט דורך דעם אלגעמיינעם טומל וואס וועט געשאפן ווערן דורך דעם איבערפארבן און איבערשפאלירן, וועט אפשר זיך געפינען אן אויסוועג צו באפרייען זיך פון דעם קאשמאר וואס דריקט אויף איר געמיט פון דעם בילד דארט.

באסיע האט גוט געוואוסט, אז אירע פלענער צו איבערמאדעלירן דאס הויז באד איר פארלאנג, נאך איר געשמאק, פאדערן א סך געלט. זי האט גוט געקענט שוין סינגערן פאר דער צייט, אז, כאטש ער קען עס לייכט באהויפטן, וועט זי מוזן באנוצן געגוג טאקט צו פועלן ביי אים, — איינפאך דערפאר, ווייל ניט עס פעלט אים און ניט ער איז געוואוינט צו אויסגעבן געלט אויף זאכן וועלכע זיינען, לויט זיין באגריף, איבעריק.

סינגער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו באַקלאָגן זיך אויף היינטיקן פאַרשווענדערישן לעבן, און דערמאָנען אַלעמאָל, אַז ווען ער האָט חתונה געהאַט דאָס ערשטע מאָל, האָבן זיי געגעסן אויף אַ טיש וואָס ער האָט געקויפט פאַר פערציק קאָפּיקעס, און געזעסן אויף טאַבורעטן וואָס ער אַליין האָט צונויפגעקלאַפּט פון אַלטע געהילץ, און געשלאָפן זיינען זיי אויף אַ בעט וואָס ער האָט געמאַכט: "אַריינגעקלאַפּט פיר פּלעקענער אין דער ערד, איבערגעלייגט מיט דרענגלעך און אויף די דרענגלעך פיר ברעטער, און אָט איז געווען אַ בעט . . . און אַך, ווי סע האָט זיך געכראָפּעט דאָרט, אַבי ס'איז נאָר צייט געווען . . . און ווי האָט זיך געגעסן דאַמאָלט? — און אָפּ־געזאָדענע קאַרטאָפל, מיט אַ זויערן אוגעריק איז געווען אַ מאכל . . . ווער שמועסט אַ ציבעלע מיט שמאַלץ, איז גאָר געווען אַ יום־טוב . . . און היינט? עך, גיט מיר אַמאָליקע צייטן". . .

אַזוי האָט ער ליב געהאַט זיך צו דערמאָנען אין זיין יוגנט, וואָס ס'איז אים געווען טייער. זי האָט דאָרום געוואוסט, אַז גאָר לייכט וועט עס איר ניט אָנקומען. זי האָט זיך דאָרום פאַרבאַרייטעט צו אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף, און געשטעלט אין קאָן אַלע דיפּלאָמאַטישע דריידלעך וועלכע זיינען נאָר באַקאַנט צו פרויען, ווען זיי ווילן עפּעס אויספירן.

אָנגעפאַנגען האָט זי איר ערשטע אַטאַקע מיט אַ קלייניקייט: "די קיך אונדזערע איז פאַררויכערט גאָר ווי אַ קוזשניע, אַ מיאוסע זאַך אַריינ־צוגיין. מ'וואָלט נויטיק געדאַרפט עפּעס טאָן צו דעם".

— טאַקע? — חידושט זיך סינגער. — כ'האָב גאָרניט באַמערקט.

— ווי קומסטו באַמערקן, גייסט עפּעס אַ סך אין קיך אַריין? וואָלט דיר אויסגעקומען צו זיין אין קיך אַזוי פיל ווי מיר, וואָלסטו אויך געזען.

און סינגער פאַרלייגט די הענט אין די קעשענעס און שפּאַצירט אַוועק אין קיך אַריין, באַקוקט די ווענט, די סטעליע.

— יאָ, זי איז גערעכט, עס וואָלט טאַקע ניט געשאַדט איבערצופאַרבן.
— וואָס וועט עס קאָסטן?

— אַ קלייניקייט, — ענטפערט אים באַסיע.

— וואָס פאַר אַ קאָליר, אַ שטייגער, וואָלסטו וועלן? — פרעגט ער זי, און טראַכט זיך, אַז עס דאַכט זיך אים אַז ער האָט ערגעץ אַביסל פאַרב אין קעלער צי אין שטאַל.

— קאָליר? — ענטפערט זי מיט אַ פראַגע. — איך האָב פיינט קאָלירן אין אַ קיך. אַ קיך מוז זיין וויים פון אויבן אַראָפּ. און זי לייגט אויס איר פּלאַן צו אָפּרייסן דעם בוידלאָף, און אויספּלאַסטערן מיט ווייסן קאַכל, און די אויבערשטע האַלבע ווענט וויל זי מיט ענעמל, ווייסער ענעמל, וואָס וואַשט זיך און מען פאַרשפּאָרט צו פאַרבן אַלעמאָל. און פאַרן דיל וויל זי אויך אַ נייעם לינאָלעאום, און דעם אויוון האָט מען שוין לאַנג געדאַרפט פאַרקויפן פאַר "דזשאַנק". ער רויכערט די אויגן אויס. מען קען דען אויף אים עפּעס אָפּבאַקן צי אָפּקאָכן?

סינגער הערט זיך איין און זשמורעט די אייגעלעך, און קראַצט זיך אין פּאַטילניצע און שאָקלט מיטן קאָפּ. זי שטייט אָבער האַרט לעבן אים, מיטביידע הענט אויף זיין אַקסל, און קוקט אים אין די אויגן אַריין. ער דערפילט די וואַרימקייט פון איר קערפּער, אירע אויגן גלעטן אים און זאָגן עפּעס צו . . . ״עך . . . ער וועט איר צוליב טאָן״. . .

— מילאַ, נו, — זאָגט ער גרויסמוטיק, — אויב דיר ווילט זיך ניט אַנדערש ווי צו זיין אַ מלכּה מיט אַ נייער קיך, טאָ זאָל דיר וואויל באַקומען.

ביים וואָרט מלכּה פאַררויטלט זיך באַסיע אַביסל און באַשטראָפט סינגערן מיט אַ לייכטן ריר פון אירע דינע פינגער איבער זיינע באַקן. דערווייל איז איין פּאָזיציע אַ געוואונענע.

אויף מאָרגן, ווען סינגער איז געקומען פון געשעפט, אַ מידער און פאַרפרוירענער, איז באַסיע אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַ באַזונדער צערטלעכקייט, וועלכע ער האָט נאָך ביז איצט ניט געזען פון איר. זיינע קליידער אין וועלכע ער טוט זיך איבער (דאָס האָט זי שוין איינגעפירט) זיינען געווען גרייט פאַר אים, פריש און איבערגעפּרעסט. זי האָט אים אַליין געהאָלפן זיך אַרומוואַשן, דער האַנטוך אים דערלאַנגט און ווי אַ מוטער אַ קינד אים אַרומגעקוקט.

— זע ווי דו האָסט זיך עס אַביסל אַרומגעווישט, די גאַנצע זייף דאָך געבליבן אין די אויערן. איי, וואָס פאַר אַ שלימזלניק דו ביסט. און זי נעמט ביי אים דעם האַנטוך און ווישט אים דעם האַלדז, די אויערן, קוקט אים אַריין אַ לאַכנדיקע אין פּנים אַריין און פרעגט זיך ביי אים פון די נייעסן פון טאָג, און סינגער דערפילט ווי דאָס האַרץ צעגייט פון תּענוג ביי אים.

— ס'אַראַ גאָלדענע נשמה זי איז, — טראַכט ער ביי זיך, און דערפילט עפּעס ווי אַ מאָדנער געפיל נעמט אים אַרום. עפּעס האָט ער ענלעכעס קיינמאָל ניט איבערגעלעבט. וואָלט ער זיך ניט שעמען וואָלט ער זיך דאַכט זיך צעוויינט, גלאַט אַזוי זיך. און ער גיט זיך איבער אין אירע הענט ווי אַ קליין קינד: טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, מיין דאגה איז עס. ווילסט אַזוי זאָל זיין אַזוי. און זי בינדט אים אום דעם קראַוואַט, דערלאַנגט אים דעם זשילעט, און ראָק, און פירט אים אַראָפּ צום טיש.

דער טיש איז געווען יום־טובדיק, מיט אַ קלאָר־ווייסן טישטוך און סערוועטן. טעלער און גלעזער זיינען געשטאַנען אויפן טיש, און אויך אַ גראַפין בראַנפן, און לעבן אים, אַ פּאַלומעסיק מיט היגערשע לעבערלעך און גריוון.

— עה! עפּעס גאָר יום־טובדיק! וואָסי, נאָכאַמאָל פורים? . . . — האָט סינגער מיט צופרידנהייט באַגריסט דעם טיש און זיך אָנגעגאָסן אַ קעלישעק בראַנפן און פאַרביסן מיט גריוון.

— ס'אַ דאגה דיר, — ענטפערט באַסיע אַ פאַרטראַכטע. — אַבי עס איז דאָ, עס געזונטערהייט.

און עס טוט אים הנאה איר גוטסקייט. יענע, עליה השלום, קיינמאָל ניט געוועזן אַזוי. א בייזע געווען. אַזוי דווקא געווען א גוטע, נאָר א בייזע, דער צו לענגערע יאָר. און ער גיסט זיך אָן נאָך אביסל בראַנפן כדי צו פאַרטרייבן די מחשבות פון טויט.

זינט יענע איז ביי אים אוועקגעשטאָרבן האָט סינגער געפּערלעך מורא פאַרן טויט, אַפילו טראַכטן וועגן דעם האָט ער מורא. ער גיסט זיך דארום אָן נאָך אביסעלע, און זאָגט אויפן קול לחיים, לחיים, און לייגט אריין א באַזונדער כונה אין דעם וואָרט, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן דערמיט דעמאָנסטרירן זיין פּראָטעסט צום טויט און זיין ליבע צום לעבן.

ביים עסן היט אָפּ באַסיע א מינוט ווען די קינדער שטייען אויף פון טיש, און וואַרפט אריין א באַמערקונג:

— א געראָטן קינד, סיידי. אביסעלע ניט קיין דערצויגענע, אָבער דאָס וועט קומען שפּעטער. דו ווייסט, זי קלייבט זיך צו מאַכן א פּאַרטיע יום־טוב, לכבוד מייערסאָנס שנור וועלכע קומט אהער אויף פּסח. זי לאַדט איין די כאַוקינס און זאַלקינדס. דו ווייסט, ארטי כאַווקין איז זייער א געראָטענער יונגערמאַן, א בעל־תכלית, און א פאַרזאָרגטער. מען וואָלט באַדאַרפט זען ניט דורכלאָזן, ס׳וואָלט זיין א פּאָר ווי פון גאָט.

סינגער שטעלט אָן די אויגן אויף איר, האַלטנדיק א הינערשע פּאָלקע מיט די שפּיץ פינגער פוןביידע הענט און קייט מיטן פולן מויל. ״הממ״. . . און ער באַטראַכט באַסיען, און טראַכט זיך: ״א הייליקע נשמה, א בריליאַנטן האַרץ. יענע זיינען איר דם שונאים, א נכפּה ניט אויף זיי, און זי זאָרגט זיך אַזוי פאַר זיי . . . א שטיק גאָלד, ניט קיין מענטש.״

נאָכן עסן זעצט זי זיך לעבן אים אויף דער סאָפע. ער רויכערט זיין ציגאַר און זי נעמט א בוך און קוקט אריין. זי ווייס אַז ער האָט אפשר פאַרן בוך. זי פאַרטיפט זיך אין לייענען און ער קוקט אריבער איר אַקסל, פון אונטער אירע פליִיצעס צו די שוואַרצע שורות דאָרטן, און זיין אויג פאַרטשעפּעט זיך אין שפּיצעלע פון איר ראַזעווען אויער וואָס שטעקט ארויס פון די שוואַרצע האָר, און גליטשט זיך איבער איר ווייסן האַלדז און נאַקן, און דרינגט צום ראַנד פון די ווייסע קרוזשעווע שפּיצן וואָס כאַפּן ארום איר שיין אַנטוויקלטן בוזים. זיין האַנט שאַרט זיך צו איר טאַליע, און ער ציט זי צו נעענטער צו זיך. די פּאָר כוסות, די וואַרימע לופט פון הויז און די נאָענטקייט פון איר קערפּער רייצט אים און ער וויל זי האָבן נעענטער לעבן זיך.

זי פּראָטעסטירט ניט, נאָר טוליעט זיך נאָך שטאַרקער צו אים און קוקט אריין אין פּנים. זי לאָזט אַראָפּ די אומיסנע פאַלן אירע הענט אויף זיין שויס און דריקט לייכט מיטן גאַנצן געוויכט פון איר קערפּער.

סינגער צעגייט זיך פאַר נחת. זיין גליק שיינט אין די אויגן, און זי דערציילט אים פון די קאָנטראַקטאָרס וואָס זי האָט דאָ גערופן, וויפל מען וויל פאַר דער קיך און אַז דער קאָנטראַקטאָר האָט פון איר געלאַכט וואָס זי גייט מאַכן די קיך שענער פונם גאַסט צימער; אַז דער עס־צימער פּאַסט זיך פאַר ציגיינער. און זי דערמאָנט אים אַז פּסח וועלן קומען מענטשן צו זיי, די

כאוואקינס זיינען רייך, ביי זיי איז א הויז א פאלאץ; אז די קינדער וועלן פארשעמט ווערן. און זי גייט איבער יעדן אינטש פון דער הויז, קריטיקירט, און רייסט ארונטער: דאס איז פון מלך סאבעצקים צייטן, און יענעס איז נאכן פארן מבול געוועזן אוים מאדע. דערפאר מאלט זיך אים אבער א בילד פון איר אידעאל, וואס זי וויל מאכן, ווי שיין עס וועט זיין, און עס וועט גארניט קאסטן אזוי טייער אויך: "אז מען האט קינדער מוז מען לעבן ווי לייטן לעבן".

סינגער דערשמעקט וואס עס מיינט און ער דערשרעקט זיך. עס שמעקט מיט א פארמעגן. ער כאפט זיך אויף פון ארט א ברוגזער. ניין! ביי אים פירט מען ניט אוים אזוי גיך. א קלייניקייט די כאוואקינס . . . ער איז רייכער פון זיי . . .

— שא, שא, בייזער זיך ניט, — שטילט זי אים איין. — ווילסט ניט, דארף מען ניט. אויך מיר מיין דאגה. זיי וועלן קומען וועל איך פון שטוב אוועקגיין, איך קאן אזוי ניט. ס'איז דיינע קינדער . . . און א דער־צארנטע פארלאזט זי דעם צימער און לויפט ארויף די טרעפ און באהאלט זיך אין בעט.

אים פארדריסט וואס ער האט זי אריינגעבראכט אין כעס און ער לויפט איר נאך. זי לאזט זיך ניט איבערבעטן, און אנטלויפט פון צימער און פארשליסט זיך אין באד־צימער. עס ארט איר ניט, עס ארט איר ניט . . . פאר איר איז אזוי אויך גוט . . .

סינגער בלייבט שטיין פון דער זייט טיר. ער הערט ווי עס גיסט זיך די וואסער אין באד אריין, און עס ווילט זיך אים דורכדרינגען מיט די אויגן די גראבע הילצערנע טיר. ער שטייט א ווײַלע און שלעפט זיך אוועק, און פאנגט זיך אן אויסטאן צום שלאפן.

אויף מארגן, ווען סינגער איז אויפגעשטאנען צו גיין אין געשעפט, איז באסיע אויפגעשטאנען גלייך מיט אים, האט אליין אים צוגעגרייט די קאווע און דערלאנגט אים דעם פרישטיק. ביים באגלייטן האט זי אים גע־האלפן אנטאן דעם שארף, ער זאל זיך ניט פארקילן, און ווען זי האט שוין אויפגעשלאסן די דרויסן טיר אים ארויסצולאזן, האט זי נאך געפונען אז דאס אויבערשטע קנעפל איז ניט גוט פארשפיליעט, און געגומען אים צוקנעפלען.

— איז וואס זשע זאגסטו, וועגן דער הויז?

סינגער האט ניט געהאט מער קיין הארץ און קיין מוט צו ארויס־זייגן ווידערשטאנד. און אין דער אמתן, צוליב וואס, פאר זיך דארף זי עס, צו וואס? זיין הויז איז עס דאך! און אפשר איז זי טאקע גערעכט. וויפל איז א שיר צו לעבן ווי א בער אין דער נארע?

— מילא, — האט ער זיך אנגענומען מיט הארץ צו זיין גרויס־מוטיק, — אז דיר ווילט זיך דוקא מיך מאכן פאר א ספארט, "גאו טו איט, קיד", פאר קיין קבצן קאנסטו מיך ניט מאכן, "נאו סער!" נאר, — האט ער איר געווארנט, — "טעיק איט איזי", זע מען זאל דיך ניט אפנארן.

דער גאנצער חודש פון פורים ביז ערב־פסח איז פאר באסיען געווען ווי א מין יריד. זי האט זיך אליין ניט דערקענט. זי האט זיך ארייַנגעוואָרפן אין דער ארבעט מיט איר גאנצער נשמה, גלייך ווי פון דעם אויסגאנג פון דעם וואס זי האט געטאן, איז אפגעהאנגען איר גאנץ לעבן.

אליין איז זי ארומגעגאנגען אין די קליידן, צוגעקליבן פאפיר, צוגע־פאסט מעבל, מדקדק געווען אויף יעדן פיצעלע, יעדע זאך האט געמוזט דורכגיין אירע הענט, פארביימארשירן איר אויג. זי איז געווען א מבין און באזעסן אן אייגנארטיקן געשמאק און געוואוסט וואס זי האט געוואלט און האט זיך באין אופן ניט צופרידנגעשטעלט ביז זי האט באקומען וואס זי האט געזוכט.

זי האט ניט געפילט קיין מידקייט פון דער ארבעט און האט זיך ניט אפגעגעבן קיין חשבון פון קיין זאך, געטריבן פון אן אינערלעכן דראנג האט זי זיך געדרייט אין דעם ראד וואס זי אליין האט באשאפן און גע־מאכט יעדן זיך מיטדרייען מיט איר.

ווען אלץ איז פארטיק געווארן האט זי גענומען סינגערן און אים ארומגעפירט איבערן הויז, פונם קעלער ביזן דאך. יעדעס ווינקל איז איבער־געאנדערשט געווארן און באקומען אן אנדער אויסזען.

און סינגער, וועלכער האט זיך געכמורעט די גאנצע צייט אין דער שטיל געבייזערט זיך, סיי פארן אומזיסטן טאראראם וואס מען מאכט און נאך מער פאר דעם מטמון מיט געלט וואס ״די חתונה״ וועט איינשלינגען, איז איצט באַכגעגאנגען זיין ווייב מעשה גענעראל, און באטראכט די מעשה נפלאות וואס זי האט דא אויפגעטאן. אלץ איז געווען ניי פאר אים, יעדער ברעקעלע האט ביי אים ארויסגערופן אומבאשרייבלעכע התפעלות. ווער האט זיך עס דען געקענט פארשטעלן אז מען זאל אזעלכעס קענען מאכן פון זיין הויז?

סינגער איז געווען א פראסטער איד אויפגעוואקסן און דערצויגן געווארן אין דלות און ארימקייט. פון דער פריסטער יוגנט פארזוכט דעם טעם פון הונגער און נויט און דאס האט אים אויסגעלערנט צו זיין א מסתפק במיעוט צו באנוגענען זיך מיט דעם קלענסטן ביסל. מיטן וואוקס פון זיין עשירות איז זיין השגה געוואקסן בלויז אויף אזויפיל, וויפל עס איז נויטיק געווען פאר פערזענלעכער באקוועמלעכקייט און פערזענלעכן אפעטיט. גוט אפעסן, פארטרינקען מיט א גוט גלעזל וויין, איז געווען ביי אים א יום־טוב. פיל ווייטער פון דעם איז זיין השגה ניט געגאנגען.

דערזעענדיק דא וואס זיין פרוי האט געמאכט פון זיין היים, האט ער אויפגעלויכטן מיט באזונדערן שטאלץ. זיינע אויגן האבן אויפגעלויכטן פון תענוג: ״אט דאס הייסט א באלעבאסטע״, האט ער זי אין הארצן גערימט. א גראפינע פאסט דאך איר צו זיין. וואס פאר א ווירטן? א קייזערלעכן פאלאץ פארמאגט ער דאך איצט. און ער האט מיט פארגעניגן געפרואווט די ווייכע פאטעלן, געטאפט און באטראכט די טעפיכער אונטער די פיס. מעשה מבין האט ער זיך אפגעשטעלט און באטראכט די בילדער. די בלומען און פאלמען האבן אים גאר דעם קאפ פארדרייט. ״א גן־עדן, אן אמתער

גן־עדן", האָט ער הויך אויפֿן קול אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג צו באַסיען און מיט דער האַנט אַרום איר טאַליע געצויגן זי צו זיך, ווי ווען איר אָפּדאַנקען פאַר איר שווער׳ער אַרבעט.

* * * * *

ערב פּסח. אַלץ אין הויז איז שוין פאַרטיק צום גרויסן יום טוב. פֿון קיך שמעקן שוין די פּסחדיקע מאכלים. באַסיע, אַן אָנגעטאָנענע און פאַר־פּוצטע, גייט איצט אַרום און באַטראַכט נאָכאַמאָל יעדער ווינקעלע. שטעלט איבער דאָ א וואַזאָנע, דאַרט א בענקל שטייט דאַכט זיך צופיל אַרויסגע־רוקט. דאָ באַמערקט זי א קנייטש אין די גאַרדינען און זי שטעלט זיך אויף א בענקל׳ ציט אָפּ, גלייכט אויס, און ווי א מאָלער וואָס דאַרף געבן דעם לעצטן שטריך צו זיין מאַסטערווערק, טרעט זי אָפּ אָן א זייט און באַטראַכט איר אַרבעט און בלייבט שטיין א פאַרטראַכטע. און איצט וואָס? וועט איר האַרץ זיך איינשטילן, באַרואיקן זיך? און אַלץ שאַרפער דערפילט זי ווי די אַלטע נאָגעניש און ווידערגעפיל וואָס האָט אָנגעפילט איר האַרץ די גאַנצע צייט פון איר זיין דאָ קערט זיך אום צוריק. ניט פון איצט, נאָר פון די לעצטע עטלעכע טעג, זינט זי האָט באַקומען מער צייט. אין דער מאָס ווי די פאַר יום טוב אַרבעט איז געוואָרן וויניקער, איז איר האַרץ געוואָרן אַלץ אומרואיקער און איר פּיין שצעמענדיקער. זי באַטראַכט נאָכאַמאָל דאָס צימער, דעם סדר־טיש, קרישטאָל, זילבער, פּורפּור, סאַמעט. מאַהאַגאָני און זייד, בלומען און קונסט בילדער באַצירן דאָס צימער. עס איז דאָך איר היים׳ איר אַרבעט, עס איז דאָך דאָס וואָס זי האָט געוואָלט. וואָרום זשע קען זי ניט געפינען קיין ברעקל פרייד פאַר זיך פון דעם אַלעם, קיין פּיצל באַפרידיקונג . . .

אין די צימערן, אויבן, טוען זיך אָן און פּוצן זיך אויס צום סדר די מיידלעך (זיינע טעכטער), און עס דערטראָגט זיך צו איר זייער באַנאַלער זינגען און שאַרן מיט די פיס "יעס סער, שי איז מיי בייבי, נאָו סער דאָונט סעי מייבי". . . זי בלייבט שטיין א פאַרשטאַרטע. די אויגן פאַרציען זיך ווי מיט א נעבל און זי דערפילט ווי די אונטערשטע ליפּ פאַנגט אָן צו ציטערן. דאָס האַרץ קוועטשט זיך צונויף פאַר ווייטיק. דאָס איז פאַר וואָס זי האָט זיך געשראָקן די גאַנצע צייט, און רוקט זיך אויף איר מיט א קראַפט וואָס מוז זי צעשמעטערן. ניין, זי וועט ניט דערלאָזן, זי טוט זיך אָן א כוח און באַמיט זיך אוועקצוטרייבן דעם קאָשמאַר וואָס דריקט איר געמיט.

— עס איז ניט ערלעך פון מיר. איך טאָר זיי ניט פאַרשטערן דעם יום טוב. איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט צו זיין צופרידן. איך מוז . . . און האַסטיק נעמט זי זיך צו פאַרענדיקן די הכנות צום סדר.

אַליין שפּרייט זי דעם טיש און צעשטעלט די כלים וואָס די דינסט טראָגט איר אונטער. גרייט צו די היסב בעט צווישן צוויי פאַלמען ביימער, און באַטראַכט מיט א געניט אויג דעם סדר טיש.

"דעם סדר". . . דאָס וואָרט ווידערהאָלט זיך אין איר מוח עטלעכע מאָל און עס ברענגט צו איר דעראינערונגען וועלכע האָבן געלעבט באַהאַלטן ערגעץ אין איר מוח און אין איר נשמה.

סדר . . . שוין אכט יאָר אַז זי איז ביי קיין סדר טיש ניט געזעסן. אכט יאָר, זינט ער . . . זי פֿאַרענדיקט ניט די מחשבה אין איר קאָפּ, נאָר לאָזט זיך מאכטלאָז אַראָפּ אויף איר ברוסט. די ציין בייסן זיך איין אין די ליפּן און טרערן נעמען זי שטיקן.

"ווען דעט אָלד גינק קאַמס אַראַונד אַל גיוו אים אַ פּיס אָף מיי מיינד" (ווען דער אַלטער תרח וועט קומען אַהיים, וועל איך אים צואווייזן געבן וואָס איך טראַכט), — דערהערט זיך פֿון אויבן סיידיס קול. "די אָלד גינק", דאָס מיינען זיי סינגערן, זייער פֿאָטער. און אַ מיאוסער עקל כאַפּט זי אַרום פֿון דעם אויסדרוק. פֿון די אָפּגעהאַקטע פֿראַזן וואָס דערטראָגן זיך צו איר שטויסט זי זיך אָן אַז די פֿראַגע איז דאָס בילד וואָס זי האָט ניט אויפֿגעהאַנגען צוריק. שוין פֿון עטלעכע טעג אַז די מיידלעך גייען אַרום אָנגעבלאָזענע און ברוגזע און פֿאַראומערן איר דאָס לעבן. דאָס איז זייער וועג צו אָננעמען זיך פֿאַר דער מוטערס כבוד. צווישן "יעס סער שי איז מיי בייבי" און "קאַטינקע", פּודרען די נעזער און פֿאַרבן די ליפּן, קלייבט מען זיך צו געבן אַ גאָב דעם "אַלטן גינק" און מסתמא פֿאַרשטערן דעם יום טוב.

זאָל זי אפשר צוליב טאָן און אויפֿהענגען דאָס בילד צוריק? . . . זי שווידערט אויף פֿון דער מעגלעכקייט. זי דערפֿילט די אויגן פֿון "יענער", געווענדעט אויף איר, דער פֿרעמדער, און ווי מיליאָנען גאָרלען וואָלטן דורכגעלאָפֿן אין איר בלוט. ניין! זי קען ניט. ס'איז איבער איר כוח. זיי האָבן קיין רעכט ניט צו פֿאַרלאַנגען פֿון איר אַזאַ קרבן. וואָרום נעמען זיי ניט דאָס בילד צו זיך אין צימער? פֿרעגט זי זיך, און זי פֿילט ווי דאָס בלוט קאָכט אין איר, און זי באַשליסט צו באַשטיין אויף אירס. "מיר איז אַלץ איינס! מיר איז אַלץ איינס!" ווידערהאָלט זי אין זיך און לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול ביים טיש אַ פֿאַרמאַטערטע פֿון דער איבערלעבונג.

— איי וויש די אָלד מען וואָוד נאָט מייק טו מאַטש פֿאַס אָווער דהי בלומען סיידער", — דערהערט זי פֿון אויבן אַ נייעם געשפּרעך פֿון די מיידלעך. זיי האָבן שוין אַ נייע זאָרג: דער אַלטער זאָל נאָר ניט באַדערן זיך צופֿיל מיטן "בלומען" סדר, ווייל זיי האָבן זייער גוטיקע "אַפּאָינטמענטס". און זי דאַנקט גאָר וואָס זיי האָבן שוין אפשר פֿאַרגעסן אינם בילד.

— אָט זיי איז גוט, — איז זי זיי מקנא. זייער דראַמע איז באַגרעניצט אויף אַן אָנגעמאָלט פּאַפּירל אין אַ ראַם. הענגט עס אויפֿן וואַנט, קען מען שוין זינגען פֿריי. זיי קענען שוין זינגען דזשאַז און שימען, און טאַנצן טשאַרלסטאָן, און פֿאַרבן די ליפּן און מאַכן אַפּאָינטמענטס. איר טראַגעדיע אָבער איז אַ בילד וואָס זי טראָגט אין איר האַרצן און אין איר נשמה. אַ בילד פֿון צוועלף יאָר לעבן וואָס איז אַזוי אַנדערש, אַזוי פֿאַרשיידן פֿון דעם וואָס זיי דאָ רופֿן לעבן, אפילו פֿון דעם וואָס זי לעבט איצט. און פֿון דעם צויבער ליכט וואָס עס וואַרפֿן די אַבאַזשורן פֿון די עלעקטרישע לאָמפּן, טרעט אַרויס דאָס בילד פֿון יענעם ווען זי האָט אַזוי היים געליבט מיט אַלע פֿיבערן פֿון דער נשמה, צו ווען זי האָט געבראַכט איר מיידלשער אומשולד, דעם ערשטן קוש, דער ערשטער ציטער פֿון איר פֿאַרליבטער נשמה. און זי דערמאָנט זיך דעם ערשטן סדר אין זייער נייער היים.

עס איז געווען בלויז פינף חדשים נאך זייער חתונה. זיי האבן געוואוינט אין זייער א קליינער אבער שיינער וואוינונג, וועלכע זי האט ניט אויפגעהערט צו פוצן און באצירן די גאנצע צייט. מיט וואס פאר א ליבע זי האט דאן געראמט און געגרייט זייער ליבע נעסט צום גרויסן יום טוב פסח. זי דערמאנט זיך ווי פארפלאמט עס זיינען געווען אירע באקן יענעם גאנצן טאג פון ערב־פסח, פארענדיק זיך ביים אויוון און צוגרייטנדיק די פסחדיקע מאכלים. ער האט איר רק געוואלט העלפן, נאר זי האט אים ניט געלאזט; איר ארבעט איז עס . . .

מיט וואס פאר א ליבע האט זי אים אונטערגעטראגן פארזוכן די מאכלים וואס זי האט געמאכט, און ווי גליקלעך זי איז געווען ווען ער האט איר פארזיכערט אז די פיש זיינען טעם גן־עדן, און די יויך דערמאנט אים די גאלדענע יויך פון זייער חתונה. די פאלירטשיקעס — א מאכל מאכלים, און זי האט מורא טאמער זאגט ער ניט דעם אמת, אפשר שפאסט ער נאר אזוי, און זי בעט זיך ביי אים: "זאג דעם אמת, דוד, עס איז דאך ניט קיין שפילכל, עפעס יום טוב", — און ער קוקט איר אריין אין די אויגן און פאנגט אן צו זינגען דעם שיר השירים "הנך יפה רעיתי הנך יפה".

זי שפארט אן איר קאפ אויף זיין ברוסט און ער האלט זי אין זיינע שטארקע ארעמס. זיין קול קלינגט מיט אזא זיסקייט וואס גלעט און צערטלט איר נשמה. זי דערמאנט זיך אבער אין די מאכלים און רייסט זיך ארויס פון אים. ער לויפט איר נאך און כאפט זי צוריק. זי בעט זיך אבער אפ ביי אים און זאגט אים צו אז נאכן סדר וועט זיין צייט, און זי ווארפט אים צו א פיל פארשפרעכנדיקן בליק און דערפילט ווי דאס הארץ אירס ווערט איבערגעפילט פון גליק.

פארנאכט, ווען ער איז אין שול אוועק, האט זי די היסב־בעט געמאכט און דעם טיש געגרייט מיט די כלים פון זייערע חתונה מתנות. די מצות האט זי איבערגעדעקט מיט א טישטוכל וועלכן זי האט נאך אויסגעשטריקט כלהווייז. מיט וואס פארא ליבע זי האט אלץ באטראכט, ווי טייער און ליב איז איר יעדע זאך געווען ביי איר ערשטער סדר. און איר הארץ שפרינגט פאר פרייד. זי שטעלט דעם זילבערנעם בעכער ביי זיין טעלער און באדעקט אים מיט קושן. ער וועט פון אים הייגט טרינקען. זי גלעט די היסב בעט און פרואווט עס נאכאמאל און נאכאמאל, צי עס איז גוט און ווייך. זי לייגט צו איר באק צו די קישנס. ער איז א פרינץ, איר מלאך וועט דארטן זיצן און ריכטן דעם סדר . . .

מיט א קלאפנדיק הארץ, פול מיט פרייד, האט זי זיך ביים פענצטער געזעצט, צו ווארטן אויף "אים", און זיך צוגעהערט צו די טריט פון די פארבייגייערס אין דרויסן און צום קלאפן פון איר אייגן הארץ: טיק־טאק, טיק־טאק, האט געקלאפט דער זייגער אויפן וואנט, און אין א שוואכערער ריטמע האט אפגעענטפערט דאס זייגערל ביי איר אויפן ברוסט — טיק־טאק, טיק־טאק . . . זיין מתנה איז עס געווען, און זי האט זיך פארפוצט מיט דעם צום סדר.

אין דער הייליקער שטילקייט פון יום־טוב האט זי דאן אין אירע געדערים אן אנדער ליד פארנומען. עטוואס וואס איז געווען נײ און אומבא־

קאַנט און דאָך אַזוי ליב און טייער. זאָל דאָס אמת זיין? האָט זי זיך געפרעגט און זיך אַליין ניט געגלויבט. מאַכט זי גאָר קיין טעות ניט? און עס וואָלט זיך איר ווען אָפּשטעלן אויף א מיגוט דאָס שנעלע קלאַפּן פון איר האַרץ, פאַר־האַלטן איר אָטעם, כדי זי זאָל קאָנען זיך גוט צוהערן צום נייעם ליד וואָס טראָגט זיך פון איר לייב אַרויס, פון דעם נייעם לעבן וואָס רירט זיך דאָרט אַזוי שטיל און זיס און גלעט איר האַרץ ווי מיט דעם פליגל פון א גוטן מלאך. און נאָך שטאַרקער קלאַפּט איר האַרץ פון פרייד. עס איז קיין טעות ניט, עס איז טאַקע אמת, אמת. און זי דערפילט ווי א פריידנס כוואַליע פאַר־פלייצט זי, זי מוז זיך מיט אימעצן טיילן איר פרייד. ניין, מיט קיינעם ניט . . . זאָל ער נאָר קומען וואָס גיכער. וואָס זאַמט ער זיך אַזוי לאַנג? אפשר איז מיט אים עפּעס געשען? און די אויגן פאַרציען זיך מיט זאָרג. זאָל זי אים באַלד זאָגן, ווי ער וועט קומען, צי בעסער איבערלאָזן נאָכן סדר, ווען . . . ניין, זי וועט ניט קענען זיך איינהאַלטן . . . ער האָט זי שוין עטלעכע מאָל געפרעגט וועגן דעם . . . אָבער פאַרוואָס קומט ער ניט?

איר אָפּגעשפּיצטער אויער פאַרנעמט ווייטע טריט אויפן טראָטואַר און זי דערקענט זיי . . . ס'איז ער, ס'איז ער . . . ער גייט, איר באַשערטער, איר ליבער, ער קומט פון שול. זי לויפט צו דער טיר. פאַרבייגייענדיק באַ־טראַכט זי זיך אין שפּיגל. איר קלייד פון גרויען זייד כאַפּט אַרום איר טאַ־ליע. אירע שוואַרצע צעפּ לאָזן זיך אַראָפּ אויף אירע ווייסע פּלייצעס, וואָס טיילן זיך אַרויס פון דעם זיידנשטאָף. די באַקן זיינען פאַרפלאַמט, די אויגן גלאַנצן. יאָ, זי איז שיין, דער שפּיגל האָט איר א ליבן סוד דערציילט.

זי הערט ווי ער פּאָרעט זיך אין פּאָדערצימער. טוט דעם מאַנטל אויס. זי גרייט זיך אַרויפוואַרפן זיך אים אויפן האַלדז און דעם "גוט יום־טוב" פון מויל אויסקושן. און טאַקע באַלד אים די פריילעכע בשורה אָנ־זאָגן, איידער ער מאַכט קידוש. איר שטעלט זיך פאָר אַז זיין קידוש וועט קלינגען פריילעכער, אַז זיין שטימע וועט זיין נאָך זיסער, ווען ער וועט וויסן, אַז ניט אין צווייען נאָר אין דרייען זיצן זיי ביים סדר.

אָט עפנט זיך די טיר. זי הערט זיין קול: א גוט יום־טוב, באַסעניו! איר פרייד איז אַביסל פאַרשטערט, און זי ענטפערט מיט א האַלבן מויל: א גוט יאָר, — מיט אים איז נאָך עמיצער, א פרעמדער.

— איך האָב געבראַכט אַן אורח צום סדר, באַסיע. איך האָף אַז דו וועסט ניט זיין דאַגעגן. מיין פאָטער עליו השלום פלעגט זיך נוהג זיין, ניט זעצן זיך צום סדר אָן א אורח, און איך וויל זיין מנהג איבערנעמען.

— אָך, פאַרוואָס ניט, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן, — ס'וועט זיין געננג פאַר דריי, און נייגט זיך העפלעך פאַרן אורח. דערפילט אָבער אַן אומצו־פרידנהייט אין זיך. זי וואָלט בעסער וועלן זיין איצט מיט אים אַליין.

באַלד פאַרטיידיקט זי אים: איז ער דען ניט גערעכט. זיין פאָטער האָט זיך אַזוי נוהג געווען. אודאי וועלן זיי זיך אויך אַזוי פירן. און דאָס לעבן, — דאָס נייע, וואָס רירט זיך איצט אין איר (עס זאָל כאָטש זיין א אינגל, ווינטשט זי זיך), ער זאָל זיך אויך אַזוי פירן, און זי געווינט צוריק איר פריילעכקייט און רופט צום טיש.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען דער סדר. ווי שיין עס האָט געקלונגען זיין קידוש, ווי לאַשצנד זים איז געווען זיין קול. די גאַנצע אַכט יאָר אַז אים האָט זי פאַרפאַלגט אַט דער זיסער קול זיינער.

נאָכן קידוש האָט זי געהויבן מיט אים די שיסל צו כהא לחמא. דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, וואָס פאַר אַ פרומע מיינונג זי האָט דעריין אריינגעוועבט. זי געדענקט ווי זי האָט זיך דאַן מתכון געווען אַז אין דעם זכות זאָל זי איבערקומען געזונטערהייט, אַז עס זאָל זיין אַ "זכר", און זאָל וואַקסן אַן ערלעכער איד ווי דער טאַטע.

געקומען צו די קשיות פרעגן און ער פסקנט, אַז זי דאַרף פרעגן. זי וואָלט שוין געפרעגט, ווען ניט דער "פרעמדער", און זי שטעלט זיך פאָר ווי זי וואָלט נאָכגעמאַכט איר קליין ברודערל, און ווי ער וואָלט געלאַכט. אָבער אַז דער פרעמדער איז דאָ, פאַררויטלט זי זיך און וויל ניט זאָגן. ער באַשטייט אַז זי מוז. און זי הויבט אָן פאַרשעמטערהייט: "טאַטע" . . .

— וואָס? — שטעלט ער זי אָפּ, — טאַטע גאָר, ס'אַרא טאַטע בין איך . . .

און דאָס האַרץ שפּרינגט איר שיר אַרויס. אוי, ער זאָל וויסן וואָס פאַר אַ סוד זי האָט פאַר אים. און זי רעכנט וויפל יאָר וועט נאָך נעמען אַז דאָס קינד וועט שוין פרעגן די קשיות . . . ער קוקט אויף איר און וואַרט, און זי לאָזט אַראָפּ די אויגן און פאַנגט אָן פון דאָס ניי:

דודל, איכל דיר פרעגן פיר קשיות . . .

ער איז נאָך אַלץ ניט צופרידן. דודל איז ער ביי אַנדערע און אויך ביי דער מאַמען, ביי דער שוועסטער, אפילו אין שטאָט רופן אים אַ סך דודל. ביין, ער וויל טאַקע וויסן וואָס איז ער איר. זי וואָלט אים שוין געזאָגט, וואָס ער איז איר, און נאָכמער, אָבער זי קען ניט און זי פּרואווט נאָכאַמאָל: "מיין מאַ". . . זי קען ניט דערזאָגן דאָס וואָרט ביז צום סוף. זי קערט אָפּ דעם קאָפּ אַ פאַרשעמטע. ער צעלאַכט זיך און פאַנגט אָן אַליין "מה נשתנה". דער אורח כאַפּט אונטער, און עס ווערט פול די היים מיט געזאַנג.

דער אורח איז געווען אַ איד אַ למדן, און ביים זאָגן האָט ער זיך איינינקע מאָל אָפּגעשטעלט, פאַרפירט אַ דיספּיוט מיט איר דודל, אַרויסגעוויזן זיין חריפות און בקיאות אין אַלע מפרשים, און ער, דודל, שלאָגט אים אָפּ און ווייזט אים אויף אַז ער האָט אַן אַנדער טייטש, אַנדערע מפרשים. און ער מישט חכמה מיט פילאָזאָפיע, ברענגט ראיות פון רמב"ם, קוואַ־טירט וועבערן, באַקלין און צעשלאָגט זייערע באַווייזן מיט אַנדערע נאַטור געזעצן.

דער אורח זיצט פאַרגאַפּט און הערט זיך איין און זי קוקט אויף אים, איר דודל, און ער זיצט מיט זיין שוואַרצן קאָפּ האָר אָנגעלענט קעגן די שניי ווייסע קישנס. די יאַרמלקע וואָס זי האָט מיט גאָלד אויסגעהעפט ליגט אויפן קאָפּ ווי אַ קרוין, זיין ווייסער פלאַכלעכער פּנים, אַרומגערינגלט מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, די אויגן פינקלען פון אונטער די שוואַרצע ברעמען, די רויטע זאַפטיקע ליפּן באַוועגן זיך ווען ער רעדט, און זיינע ציין ווייזן זיך

ווי פּערל. קיינמאָל פריער האָט זי אים ניט געזען אַזוי שיין, קיינמאָל פריער איז זי ניט געווען אַזוי שטאָלץ אויף אים ווי יענעם אָוונט פון זייער ערשטן סדר.

און זי דערפילט אַ באַגער צו אויסדריקן אים איר ליבע, צו מאַכן אים פילן ווי גליקלעך, ווי שטאָלץ זי איז מיט אים, און בעת זי קוקט אין דער הגדה, איז זי מתפלל אַז קיינער, קיינער זאָל ביי איר ניט אָוועקרויבן איר שאַץ, איר אוצר, אַז ער זאָל אייביק בלייבן מיט איר. און עס ווילט זיך איר צוטוליען צו אים, און זי ציט אויס אונטערן טיש איר פוס און געפינט דאָרטן זיינעם, און דריקט פאַמעלעך זיינע שפּיץ פינגער. טוליעט צו נעענטער איר קני צו זיינער, ער דערפילט די שפּיל און ווייס ניט וואָס צו טאָן, צו זיין צופרידן אָדער ניט, און ער קוקט אַראָפּ צו איר פון היסב־בעט און צעזינגט זיך מיט אַ ניגון: „רבן גמליאל אומר”. . . .

— דער גוי האָט נאָך ניט געבראַכט דעם צווייטן וואָגן פעל? — וועקט זי אויף פון אירע מחשבות סינגערס בייזער קול. — וואו זייט איר דאָרט אַלע צו אל־די שוואַרצע יאָר? . . .

און פון אויבן ענטפערט סיידי: — אָל רייט, פּאַ, דאָונט האָלער . . . ער האָט נאָך ניט געבראַכט . . . דאָונט געט עקסייטעד . . . סיי, פּאַ, זינא און איך האָבן נויטיקע „דייטס”, מיר דאַרפן אַוועקגיין . . . פּליז, מייק איט קוויק טו נייט, — איי מין דהי סיידער . . .

— אָ, דאָונט באָדער מי וויט דהי סיידער! . . . וואו זיינען די שלים־לען פון סאַראַי? מען דאַרף זען וואָס ער האָט דאָרט געבראַכט.

אויפן וועג צום סאַראַי הערט זי ווי ער שטעלט זיך אָפּ אין קיך, פּאָרעט זיך ביי די טעפּ, און קריגט עפּעס אַרויס צו עסן, — מיט די הענט, אודאי. זי הערט זיין כראַמטשען, זיין פּאַטשן מיט די ליפּן, ווי ער פאַר־טיידיקט זיך פאַר דער דינסט: „כ’בין הונגעריק ווי אַ הונט”. . .

אַ פאַרשטאַרטע און פאַרגליווערטע בלייבט זי זיצן אויף איר אָרט. אירע בליקן באַטראַכטן דעם גרויסן רייכן צימער, דעם פּראַכטפולן סדר טיש, און זי דערפילט די גאַנצע איראָניע פון דעם. איז עס דאָס, נאָך וואָס איר האַרץ האָט געבענקט די גאַנצע אַכט יאָר? אָט האָט זי אַ סדר. וויפל האַרץ, וויפל נשמה זי האָט אין דעם אַריינגעלייגט. ווער דאַרף עס? וועמען נוצט עס? וועט דאָס אַלעס אימשטאַנד זיין צו פאַרטרייבן דעם אומעט פון איר האַרצן? אויספילן די פּוסטקייט פון איר נשמה? און נאָכאַמאָל באַטראַכט זי דעם טיש . . .

— אַ פרעמדער סדר . . . אַ פרעמדער סדר . . .

אַ פאַרשעמטע און צעבראָכענע פאַלט זי מיטן קאָפּ צום טיש. די גאָלד און זילבערוואַרג אַרום איר, שפּרינגט אָפּ פון טיש מיט אַ ליאַזג, וועל־כער קלינגט אָפּ אין איר האַרצן. דער קלאַנג פון די אָפּשפּרינגנדיקע גאָפּלען קלינגען אין איר אויער און זי פאַרטייטשט זיך דעם קלאַנג אַלס דער ווידער־קול פון איר צעבראָכן האַרץ, פון איר צעפאַלן לעבן . . .

צוויי תפלות

צוויי תפילות

מאָרים שטערן איז געזעסן אויף זיין "דרייווער סיט", מיט די לייצעס אין האַנט, און מעכאַניש געטריבן דאָס פערד. שווערע גרויע וואָלקנס זיינען געהאַנגען, און א געדיכט דריבנער רעגנדל האָט אים געקלאַפּט איבער דעם קאָפּ, געוואַשן אים דאָס פּנים און זיך אַראָפּגעלאָזט ריטשקעס־ווייז דורכן קאָלנער צום לייב. די טראָפּנס רעגן האָבן מאָנאָטאָן געקלאַפּט אין בויך פון זיין "דעליווערי" וואָגן, אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון דעם פערדס פּאַדקאָווועס איבער די שטיינערנע גאַסן: "טיק־טאַק־טאָק, טיק־טאַק־טאַק. "שיינע מוזיק", האָט ביי מאָריסען דורכגעבליצט א סאַרקאַסטישער געדאַנק: "גראָדע היינט א רעגן". די גאַנצע וואָך געוואַרט אויף היינט, זיך אַזוי געגרייט, איז נאָ דיר א רעגן אינמיטן דרינען.

וועט זי זיין אין דער היים?

נו, און אַז יאָ? און ער באַטראַכט זיינע גרויסע "ראַבער" שטיוול, זיין שוואַרצן האַלב־אָפּגעריבענעם פאַרבלאָטיקטן "ראַבער" ראָק און עס פאַלט אים איין דאָס האַרץ: ווידער אַוועק מיט גאָר ניט א וואָך, אומזיסטע מאַטער־ניש, א וואָך אומזיסטע האָפענונג.

בעסער וואָלט זי נעכטן אין שול געווען, בליצט ביי אים אין קאָפּ דורך. וואָס? עס מאַכט זיך ניט? ער ווייס, אַז אין רוסלאַנד גייען פילע קריסטלעכע מוזיק ליבהאָבער אין שול הערן דעם חזן, דעם כאָר, און דערמאָנט זיך, אַז מען דערציילט, אַז איין אָפּיצער איז אַמאָל פאַרביי־געגאַנגען די גרויסע שול אין בערדיטשעוו, וואו ניסי האָט געדאַוונט. דערהערט א זיסע טענאָר שטימע, איז ער אַריינגעגאַנגען און געבליבן שטיין ביי דער טיר פאַרגאַפט. עס איז געווען צו "ונתנה תוקף", א טענאָר האָט געזונגען "אמת כי אתה הוא דיין" און דער אָפיצער איז שוין פון שול ניט אַוועק ביז עלינו, נאָכהער זיך מיטן טענאָר באַקענט, אים פון שול צוגענומען און קיין פּעטערבורג שטודירן אַוועקגעשיקט, און אַזוי איז דער גרויסער מעדוועדיעוו פון א משורר ביי ניסין אין אַן אָפּערא זינגער אויפגעריכט געוואָרן.

און ער דערמאָנט זיך, ווי אינסטינקטיוו האָט ער זי מיט די אויגן געזוכט אויף דער גאַלעריע צווישן די פרויען, ביידע טעג ראש השנה, ווען ער איז ביים עמוד געשטאַנען. ווען ער האָט זיינע סאָלאָס געזונגען, האָט ער אין זיי א באַזונדערן טאָן אַריינגעגעבן; אַך, ווען זי זאָל הערן, וואָלט זי אויך דאַמאָלט אים באַגעגנט אַזוי קאַלט, אַזוי פאַראַכטלעך, גראָדע ווי ער וואָלט א געבוירענער דרייווער זיין? און אַז א דרייווער, איז וואָס?

א דרייווער . . . א דרייווער . . . און עס פּלאָנטערט זיך ביי אים אין מוח איין מחשבה איבער דער צווייטער, בליצט אויף און האַקט זיך איבער, און דאָס וואָרט "דרייווער" עסט זיך איין און פאַרדעקט אַלע איבעריקע געדאַנקען.

מאַנאַטאַן קלאַפּן די טראָפּנס רעגן איבערן דאַך פון דער בויד אונטער דעם טאַקט פון דעם פערדס קאָפּיטעס, און אוניסאָן מיט דעם קלאַפּט ביי אים אין הארצן, און אין מוח איין איינציק וואָרט: דרייוווער . . . דרייוווער . . .

* * * * *

אויטאָמאַטיש כמעט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר דעם שיינעם פאַרפּוצטן מיט בלומען, און איינגעטונקען אין גרינס׳ הויז, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס געזאַנג פון א שיינער סאָפּראַנאָ שטימע, באַגלייט פון פּיאַנאָ.

ער איז אויף גיך אראָפּ פון זיין "סיט", צוגעפּגענומען דעם אָרדער און איז אריין אין דעם קליינעם גאָרטן פאַר דער הויז. די שטימע פון אינ־וועניק האָט אים, ווי א מאַגנעט, געצויגן צו זיך, און ער האָט באַשלאָסן, אז ער וועט דאָס מאָל ניט גיין אויפן הינטערשטן גאַנג, אונטער דעם אויס־רייד, אז די פּרוכט וועלן געשעדיקט ווערן פון דעם רעגן. ער איז ארויף די עטלעכע טרעפּ פונם גאַניק און זיך אַנגענומען פאַר דעם הענטל פון טיר מיט איין האַנט.

עס האָט זיך אים ניט געוואָלט קלינגען, ער זאָל ניט איבעררייסן דעם זינגען. עס האָט זיך אים געוואָלט זיין וואָס נעענטער צו יענער שטימע, וועלכע פאַרכשופט אים אזוי יעדעס מאָל, ווען ער קומט אהער, און פאַר־פאָלגט אים דורך טעג און נעכט פאַר די לעצטע פיר מאָנאַטן.

ער האָט אליין ניט באַמערקט, ווי די טיר האָט זיך אונטער דעם דרוק פון זיין האַנט געעפנט, און ער איז, אומבאַמערקבאַר פאַר זיך זעלבסט, אריין אין א קליינעם פאַרפּוצטן מיט בלומען׳ טעפּיכער און בילדער, קאָרי־דאָר. רעכטס האָט געפירט צו א פאַרפּוצטן טרעפּ ארויף, לינקס — א ברייטע טיר, מיט אן אזשורנעם פאָרהאַנג פאַרצויגן, וועלכער האָט געפירט אין א גערוימען רייכן זאַל, וואו ביי דער פּיאַנאָ איז געזעסן די זינגערין און זיך זעלבסט אַקאָמפּאַנירט.

זי איז געזעסן צו אים מיטן רוקן און האָט ניט געהערט זיין אריינ־קומען. ער איז א פאַרגליווערטער.געבליבן שטיין, מיט די פּעקלעך און קעסטלעך אויף איין האַנט אָנגעלאָדן ביז איבערן קאָפּ. עס האָט זיך געפּאָ־דערט פון אים איבערמענטשלעכע כוחות צו איינהאַלטן זיין פּאָזע און ניט אונטערברעכן די שטילקייט. ער האָט געפילט, אז וואָלט זיך פאָדערן פון אים אזוי אָפּשטיין א טאָג מיט א נאַכט, וואָלט ער עס גערן געטאָן, אבי זי זאָל זינגען.

דאָס וואָס זי האָט געזונגען איצט, איז אים געווען גוט באַקאַנט. ער האָט עס ניט דערוואַרטעט צו הערן דאָ. עס איז געווען דאָס וויג ליד פון "מאַזעפּא". ער האָט דאָס ניט איין מאָל געהערט פון בארימטע זינגערינס און האָט געוואוסט יעדעס בויג און יעדער שאַטירונג פון דער אריע. דער אופן, ווי זי האָט עס געזונגען, איז געווען גאַנץ ניי צו אים. עס איז געווען דייטלעך, אז זי זוכט צוצוגעבן א נייעם אינהאַלט, א נייע פאַר־טייטשונג צו דער, מיט חרטה איבערגעפילטער, פאַררעטערישער טאָכטער און געליבטער. צייטנווייז האָט זיך אים געדאַכט, אז די פרעמדע ענגלענדערין

באגרייפט ניט דעם הויך פון די ווילדע.סטעפעס און געדיכטע וועלדער פון קליין רוסלאנד, מיט וועלכע עס אָטעמט דאָס גאנצע ליד. מאָמענטנווייז איז ער היגנעריסן געוואָרן מיט דעם באזונדערן שטילן מיסטישן צויבער, וועל־כער האָט ארויסגעשטראָמט פון אירע צארטע, פול מיט נשמה, טענער.

ווען זי איז געקומען צום פינאל פון דעם לידי, ווען די משוגעת און קינדישקייט פון מאריען גיסן זיך צוזאמען און פלעכטן זיך איבער, און עס איז ניט צו דערקענען, צי זי איז משוגע, צי זי איז א קליין קינד, צי גאָר די מוטער, ווען די געפילן פון טאָכטער, געליבטער חברטע און פארדעטעריין מישן זיך צוזאמען און ווערן פארשטאָרבן אין איין גארב פון ווייכע צארטע טענער, וועלכע פארקלינגען ווי פון יענער זייט נשמה, פון יענער זייט וועלט און פארשטארבן, איז ער אזוי הינגעריסן געוואָרן, אז ער האָט פאר־געסן, וואו ער איז, וועד ער איז, און מיט התפעלות אויסגעשריען: "וואונ־דערבאר! וואונדערבאר!" געגעבן א האסטיקן טריט פארויס און זאל אריין און דער גאנצער בארג פעקלעך מיט קעסטלעך האָט זיך פארטשעפעט אָן פארהאנג, געטאָן א וואקל און מיט דונערקלאפ געפאלן אויפן דיל.

די זינגערין האָט זיך האסטיק און דערשראָקן אומגעקערט און דער־זען פאר זיך דעם פרוכט "דרייווער", ווי ער שטייט מיט זיינע שמוציקע גרויסע שטיוול, מיט זיין נאסן שמוציקן "ראבער" ראק און מיטן בארג צעבראָכענע קעסטלעך.

שוין פון א צייט האָט זי באמערקט אז דער פרעמדער קוקט אויף איר אזוי מאָדנע יעדן מאָל,, וואָס זי נעמט ביי אים דעם "ביל". שוין מער ווי איין מאָל ווי זי האָט אים געכאפט, ווי ער שטייט הינטער דער טיר, ווי ער בלייבט שטיין ביים פענצטער און קוקט אריין און הערט זיך אונטער. ווער וויים, מיט וואָס פאר א מחשבות דער פרעמדער טראָגט זיך ארום? אייניקע מאָל האָט זי שוין געוואָלט אָפּטעלעפאָנירן צו דער פירמע, מען זאָל שיקן אירע אָרדערס מיט אן אנדער "דרייווער", אז ער איז עפּעס א פאר־דעכטיקטער, און יעדן מאָל האָט זי אָפּגעלייגט. איצט זעענדיק אים אָט דאָ ביי איר אין זאל, ווי ער האָט זיך אריינגעגנבעט, איז איר דורך א שוידער איבערן לייב: ווער וויים וואָס ער האָט געפלאנט . . . דער . . . אפשר הרגענען, בארויבן? א קשיה אויף א "פאראייניער". . .

— וואָס טוסטו דאָ? האָט זי שטאמלענדיק און דערשראָקן, און אין דער זעלבער צייט הארט און באפעלנדיק, אים געפרעגט. וואָס איז דאָס פאר א גיין אויף דער פראָנט טיר, און ניט אָנקלינגען? אָט וועל איך אָפּטע־לעפאָנירן צו מר. ריטשארדס! אזא אָנשיקעניש! מיט די ווערטער האָט זי זיך געלאָזט צום טעלעפאָן.

אין איין סעקונדע האָט מאָרים אָפּגעשאצט די גאנצע ביטערקייט פון זיין לאגע. עס גייט צו ווינטער, און ער וועט געווים אָפּגעזאָגט ווערן פון שטעלע פאר אזא זאך. מער, פאר די לעצטע פיר מאָנאטן האָט ער זיך צוגעוואוינט צום געדאנק, אז דאָ אין דער הויז דארף זיך עפענען פאר אים די טיר צו זיין גליק, צו זיין קאריערע, כדי ארויסרייסן זיך פון אָפּגרונט, אין וועלכן ער זינקט אלץ טיפער. ער האָט געהאָפּט, אז זי דארף אים נאָר הערן זינגען, זיין שטימע, און אלץ וועט ווערן אנדערש. פון וואָך צו וואָך

האָט ער געהאַלטן אין איין פּלאַנען, אין איין טראַכטן ווי אַזוי איר צו זאָגן, ווי אַזוי איר געבן וויסן, אַז ער איז אַ זינגער, אַז ער האָט אַ שטימע, מיט וועלכע ער איז באַרעכטיקט צו פאַרנעמען דעם ערשטן פּלאַץ צווישן זינגער, און דאָ פּלוצלונג אַזאַ אומגליק . . .

מיס! לידי! האָט ער ניט מיט זיין קול, בעטנדיק און פאַרצווייפלט, אויסגעשריען: טו עס ניט! פון גאָטס וועגן, פון גוטסקייט וועגן, טו עס ניט, איך בעט דיך! און זיין שטימע האָט געקלונגען מיט אַזוי פיל געבעט, אַז זי האָט זיך ניט ווילנדיק האַלב אויסגעדרייט צו אים און באַטראַכט זיין פאַר־לאָרנקייט.

— טו עס ניט, איך בעט דיך, האָט ער אין אַ שלעכטן ענגליש ווייטער זיך געבעטן ביי איר: איך בין ניט שולדיק, איך האָב געוואָלט הערן דיין זינגען. דו זינגסט אַזוי שיין, איך בין אויך אַ זינגער. קוק ניט אויף מיר, וואָס איך בין אַ דרייווער. מיין גאַנצע יוגנט האָב איך פאַר דער מוזיק געאָפּפערט, געהאַט מיינע חלומות, האָפענונגען, געפּלאַנט צו זיין אַ שטערן אין דער מוזיק וועלט . . . איך בין ניט שולדיק . . .

— דו, אַ זינגער? האָט מיס נעלסאָן, פאַרוואונדערט און מיט אַ באַהאַלטענער פאַראַכטונג, אַרויסגעשטאַמלט.

און אין איר זכרון האָט אויפגעבליצט, אַז קאַרוזאָ, דער גרויסער קאַרוזאָ, איז אויך געווען אַ שוסטער, און קיינער האָט פון אים ניט גע־וואוסט, ביז אַ געוויסער פּראָפעסאָר האָט זיין שטימע געהערט. ווארום זאָל ניט קאָנען זיין אַז דער דרייווער איז אַ צווייטער קאַרוזאָ?

העפלעך האָט זי אים געהאָלפן די פּרוכט צוזאַמענקלייבן און די פּעקלעך ביי אים צוגענומען, געצייכנט דעם "ביל", און ניט אַראָפּנעמענדיק פון אים די אויגן, אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ שטימע ער האָט.

— אַ באַריטאָן, אַ גוטן באַריטאָן . . . און אַ פונק פון האָפענונג האָט זיך אָנגעצונדן אין זיין פאַרלאָשענע נשמה. איך וואָלט ווינטשן, זאָלסט הערן. כ'האָב אַ גוטן רעפּערטואַר, האָט ער, פול מיט רחמנות, זיך געבעטן.

זי האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט זיין אָנצוג און ניט געקענט באַשליסן צי זאָל זי אים איינלאַדן צו פּראָבע, אָדער ניט.

ענדלעך האָט זי געפּאַסט באַשלוס, זי איז אוועק אין די אונטערשטע צימערן און פון דאָרט זיך אומגעקערט מיט אַ פּאָר אַלטע שמאַטעס, פון וועלכע זי האָט אַ וועג אויף די קאַרפּעטס אויסגעלייגט און אים אין זאָל אַריינגעבעטן.

זינג! — האָט זי באַפוילן.

דער מאָמענט אויף וועלכן ער האָט פיר מאָנאַטן געוואַרט און גע־גרייט זיך איז ענדלעך געקומען, און איצט, ווען ער איז געקומען, האָט ער זיך דערפילט, ווי פאַרשטיקט, אונטער דעם דרוק פון איר קאַלטער באַנעמונג און פון די אומגעוויינלעכע אומשטענדן. עפּעס האָט זיך אָפּגעטאָן דער גאַנצער צויבער און חן, מיט וועלכן ער האָט זי אַרומגערינגלט די גאַנצע צייט. ניטאָ קיין נשמה אין איר, איז אים אַ געדאַנק דורכגעפלויגן.

זי האָט געוואַרט און באַמערקט זיין אומזיכערהייט. ווילסטו נאָכן אָדער ווערסט זינגען אויסווייניק? האָט זי אים נאָך מיט מער קאַלטקייט און מיט אַן אומגלויבלעכן שמייכל געפרעגט.

ער האָט פאַרשטאַנען דעם שמייכל, און דער קינסטלערישער פונק האָט אויפגעפלאַקערט אין אים. זיין בליק איז געפאַלן אויף דער פּאַרטיטור, פון וועלכער זי האָט נאָר וואָס געזונגען. מיט אַ האַסטיקן טריט איז ער צו דער פּיאַנאָ צוגעגאַנגען און האָט אויפגעמישט דעם 4טן אַקט, די סצענע אין געפענגעניש, און זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אַריע "דריי אוצרות" וועלכע עס זינגט דער געפאַנגענער קאַטשובעי.

— ווילסטו מיר אַקאָמפּאַנירן? — האָט ער ביי איר דרייסט געפרעגט.

זי האָט אויף אים נאָכאַמאָל אומגלויבלעך און פאַרוואונדערט אַ קוק געטאָן, איז צו צו דער פּיאַנאָ און גענומען שפּילן די קורצע פּרעליודע צו דער אַריע.

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין פּאָזע, האַלב פּראָפיל צו איר און גענומען וואַרטן ביז ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט זינגען די אַריע, ווי ער האָט זי געהערט פון וויִנאָגראַדאָוון.

* * * * *

ער האָט געענדיקט די לעצטע טענער פון דער אַריע, אויסדריקנדיק אין זיין טאָן דעם גאַנצן פּראָטעסט פון אַ גערעכטן קעגן דעם שטאַרקן, פון אַ באַרויבטן קעגן זיין רויבער, פון איינעם, וואָס האָט פאַרלוירן אַלעס, אויסער זיין טיפן האַס צו זיין פּייניקער, צו זיין רויבער.

זי האָט האַסטיק פאַרענדיקט די לעצטע אַקאָרדן פון אַקאָמפּאַנימענט און, פאַרוואונדערט און באַגייסטערט, אים דערלאַנגט די האַנט: איך דאַנק! איך דאַנק! איר שטימע האָט לייכט געציטערט.

זי האָט אַ ווײַלע שטיל געקוקט אויף אים, באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און זיין מאָדנעם אַנצוג און באַשלאָסן: ער קען זיין אַ גוטער "אַטרעקשאָן". אַזאַ שטימע איז אַ געווינס פאַר זייער כאָר און וואָלט פיל אויפהויבן דעם פּרעסטיזש פון זייער קירכע.

מאָריס איז געשטאַנען מיט אַ טריאומפירנדיקן בליק און געוואַרט אויף זיין אורטייל. ער האָט ניט געצווייפלט וואָס דער אורטייל וועט זיין. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט די גאַנצע נשמה זיינע אין דעם ליד אַריינגעלייגט. ער האָט גוט געזען, ווי דערשטוינט זי איז געוואָרן שוין פון די ערשטע טענער, און ווי עס איז געוואַקסן איר באַוואונדערונג מיט יעדער נייער פּאָזע אין דער אַריע, און ער האָט איצט געוואַרט וואָס וועט זי זאָגן.

— דו טרייבסט פערד און וואָגן מיט אַזאַ שטימע, מיט אַזאַ טאַלאַנט? . . . האָט זי זיך געווענדעט צו אים, קוקנדיק גלייך אין געזיכט. — וויפל נעמסטו אַ וואָך? וואָלסטו זיין צופרידן אָננעמען ביי אונדז אַ שטעלע אַלס כאָריסט און סאָליסט? און צוגעגעבן "דערווייל" אַריינקוקנדיק אים גלייך

אין געזיכט צו זען, וואָס פאַר אַ איינדרוק דער פאָרשלאָג וועט אויף אים מאַכן.

* * * * *

אויפן צווייטן אָוונט איז מאָריס געגאַנגען, פאַרפּוצט אין זיינע שענסטע קליידער, אין דער ריכטונג פון מיס נעלסאָנס וואוינונג.

און זיינע געדאַנקען איז ער אפשר הונדערטער מאָל דורכגעגאַנגען די סאָלאָ, וואָס זי האָט אים געגעבן איינצושטודירן. פון אירע רייד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז היינט דאַרף ביי איר זיין דער דיריגענט, און אפשר טאַקע דער אינטערפּרעניאַר אויך, האָט ער מוסיף געווען פון זיך. דאָס הייסט, אַז ער גייט ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אויף זיין לעצטן עקזאַמען, פון וועלכן זיין שיקזאַל הענגט אָפּ.

די סאָלאָ, וואָס זי האָט אים געגעבן איז געווען אַ געבעט, און עס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, למאַי האָט ער זי ניט געפרעגט, ווער עס דאַרף זינגען דאָס געבעט, דאָס הייסט, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער, וואָס פאַר אַ קאָלאָריט ער דאַרף דעם זינגען צוגעבן.

פון די ווערטער פון געבעט האָט ער אַרויסגעטייטשט, אַז דאָס זינגט אַן אַלטער בעל תשובה, וואָס האָט שוין אַלעס אין לעבן איבערגעפּרובירט, און מיט אַ צעבראָכן געמיט, ווי אַ צעטראָטענער וואָרים, באַזינגט ער דאָס גרויסקייט פון גאָט און זיינע חסדים.

אין זאַל פון מיס נעלסאָנס הויז האָט ער שוין געפונען אַ גאַנצע געזעלשאַפט, וואַרטנדיק אויף אים. דאָרטן איז געווען דער דיריגענט פון כאָר דר. וואָטערפעלט, אַן אָרגאַניסט, נאָך צוויי הערן, וועמען מען האָט אים פאָרגעשטעלט אַלס טראַסטים, און עפּעס אַ גלח.

מאָריסן האָט ניט ווייניק געוואונדערט די גאַנצע צוזאַמענשטעלונג פון דער געזעלשאַפט. ווי קומט אהער אַ גלח? וואָס פאַר אַ שייכות האָט אהער אַן אָרגאַניסט? ווער דאַרף אַן אָרגאַן צו אַפּעראַ? . . . לאַנג האָט ער אָבער קיין צייט ניט געהאַט צו טראַכטן, באַלד האָט זיך אָנגעפאַנגען דער עקזאַמען.

ער האָט געזונגען דאָס געבעט, וואָס זי האָט אים געגעבן און האָט דערינען אַריינגעגעבן זיין אייגענע פאַרטייטשונג. אַלע זיינען געווען באַצויבערט און איבערראַשט, באַזונדערס דער גלח, אַ הויכער און דאַרער ענג־לענגער, מיט אַן אויסגעצויגן געזיכט, האָט אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג, רייבנדיק נערוועז די הענט, נאָכפאָלגנדיק דעם זינגער מיט אויסגעשטאַרטע אויגן און אָפן מויל. דער דיריגענט איז געזעסן און אויפמערקזאַם קאַלט־בלוטיק זיך צוגעהערט צו יעדן טאָן, צו יעדער זילבע, און אָפּגעשאַצט ווי אַן אמתער מבין.

„יו אַר ענגיידזשד" (דו ביסט באַשטעלט) האָט זיך געווענדעט דער דיריגענט, אויסשטרעקנדיק די האַנט. ווערטער פון באַגייסטערונג און פיל קאָמפּלימענטן האָבן אים ווי פאַרשכורט יענעם אָוונט. ער האָט קוים באַגריפן וואָס מען האָט גערעדט צו אים. גערעדט האָבן צו אים אַלע און יעדער מיט אַן אַנדער מינע און אַנדער טאָן.

מען האָט גערעדט פון געהאַלט און ער האָט עפּעס ווי דורכן חלום געהערט: א הונדערט מיט צוואַנציק דאָלאַר א מאָנאַט. פיר מאָל זינגען, צוויי מאָל פּראָבע. און דאָס אַלעס "דערוויילּ". ער איז ווי אין א טומאַן געווען. אַלעס וואָס ער האָט געוואוסט איז, אַז ער איז ניט מער "דרייווער", אַז ער איז צוריק זינגער. אין דריי טעג אַרום מאַכט ער זיין ערשטן אַרויסטריט.

די דריי טעג האָט מאָריס איבערגעלעבט אַלע מאַטערנישן פון גיהנום. אין זיין נשמה איז פאָרגעקומען א שרעקלעכער קאַמף. זיין ערשטער אַרויס־טריט קומט פּאָר פּונקט ערב יום כפּור. ווען אַלע אידן וועלן שטיין אין טלית און קיטעל ביי כל נדרי, וועט ער זינגען אין טעאַטער, זיך דאַרפן גרימירן, פּיליישט דאַרפן טראָגן ברענענדיקע ליכט. ווי אַזוי האָט ער עס פאַרגעסן? ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געהערט אַז ניט מעדוועדיעוו, ניט טאַרטאַקאָוו און ניט באַריסאָוו האָבן ווען עס איז געווונגען יום כפּור.

ער איז ניט געווען פרום, דערין איז ער געווען זיכער, אָבער יום כפּור? און וואָרום האָט ער זיי ניט געזאָגט? און אַגב ער איז דאָך פאַרדונגען ביי א חזן. ווי קען ער יענעם לאָזן אינמיטן? אָבער פון דער אַנדער זייט, ווי קען ער לאָזן פאַלן זיין גאַנצן לעבן צוליב איין נאַכט, און וואָס איז דען דער חלוק, וואו ער וועט זינגען? וואָס פאַר אַן אַרבעט איז דען אין זינגען? פון וואַנען ווייס ער, אַז ער וועט זיך דאַרפן גרימירן?

אָבער יום כפּור? . . . דאָס וואָרט יום כפּור האַקט זיך אים איין אין זכרון, פאַרפאָלגט אים, מאַטערט אים און לאָזט אים ניט אָפּ.

צענדליקער מאָל האָט ער באַשלאָסן, אַז ער גייט אין שול, און נאָך יעדן באַשלוס האָט ער דערפילט, אַז עפּעס אין אים שטאַרבט אָפּ מיט דעם באַשלוס, אַז ער אַליין הרגעט עפּעס אין זיך, וואָס איז טייערער פון אים זעלבסט, טייערער פון זיין לעבן. ער בייט דעם באַשלוס. ניין, ער וועט האַלטן וואָרט. ער וועט ניט אָפּנאַרן מיס נעלסאָן און מר. וואָטערפילד. ער האָט געמאַכט א טעות און מוז שטיין ביי זיין טעות.

און וואָס איז מיט זיין וואָרט צום חזן? צו א גאַנצער עדה אידן? און ער שטעלט זיך פאָר ביים יום כפּור צו כל נדרי: די גאַנצע שול וואַרט דער חזן זאָל אָנפאַנגען. דער חזן איז ניטאָ. דער חזן וואַרט אויף אים, אויף זיין ערשטן באַריטאָן, אויף זיין הויפּט זינגער און סאָליסט. ער לויפט אַרום איבערן צימער א נערוועזער, א צערייצטער, קוקט אין אַלע פענצטער, שיקט אַרויס שלוחים אים צו זוכן. די שול וויגט זיך, די שול פּראָטעסטירט, מען פּאָדערט כל נדרי. די שלוחים קומען ברענגען די בשורה: שטערן אוועק אין טעאַטער, אוועק זינגען צו גויים אין דער הייליקער נאַכט, פאַרביטן די שול אויף טעאַטער, זיין גאָט פאַר קליין געלט אויסגעביטן. ער בייט זיין באַשלוס יעדער רגע, יעדער שטונדע. ער פילט, ווי צוויי מאַנסטערס וואַלטן זיך פאַר־גנבעט צו אים אין האַרצן, און יעדער פון זיי שלעפּט און ציט זיין אָרעם, צעוויייטיקט האַרץ, יעדערער צו זיך, און ער ווייס ניט, ער קאָן ניט באַשליסן, צו וועלכן פון די צוויי באַלאַנגט זיין האַרץ, צו וועמען פון זיי זאָל ער עס אוועקגעבן, וועמען פון זיי זאָל ער נאָכגעבן.

* * * * *

ענדלעך איז געקומען דער לעצטער טאָג. מאָרים האָט באַדאַרפט פאָסן זיין באַשלוס. ער האָט זיך אַנגעטאָן פאַר פרי און איז אַרויסגעגאַנגען מיטן פעסטן באַשלוס צו גיין אין שול אַריין. ווען ער איז צוגעקומען צום טויער פון שול און דערזען, אַז עס איז נאָך סיי ווי קיינער ניטאָ, אַז עס איז פרי, האָט ער באַשלאָסן זיך נאָך אביסל דורכגיין.

ער האָט ניט באַמערקט, ווי ער גייט אין דער ריכטונג פון מיס נעלסאָנס וואוינונג. אַנטדעקט האָט ער עס, ווען ער איז געשטאַנען ביי דער טיר און געדריקט דאָס עלעקטרישע גלעקל.

מיס נעלסאָן האָט געוואַרט אויף אים און באַמערקט, אַז ער האָט זיך אויסגעבליכט פאַר די לעצטע דריי טעג. זי האָט אים געוואָרנט צו זיין פעסט און זיך ניט שרעקן. זי האָט שנעל אַנגעטאָן דעם מאַנטל, גענומען דעם געבעט בוך און אים פאַרגעלייגט צו גיין מיט איר.

צו וואָס דאַרף זי דעם געבעט בוך? איז צום ערשטן מאָל א חשד ביי אים געבאָרן געוואָרן.

זיי זיינען געגאַנגען שטיל, ניט האָבנדיק פון וואָס צו רעדן. זיינע מחשבות האָבן איצט אַן אַנדער ווענדונג גענומען. ער האָט גענומען פאַרבינדן די אַנוועזנהייט פון גלח און אָרגאַניסט אויף יענעם אָוונט ביי דער פּראָבע, מיט דעם איצטיקן געבעט־בוך, וועלכן זי טראָגט, ווי אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַזוי הוצפהדיק, מיטן גאָלדענעם צלם אויף די ווייסע ביינערנע טאָוולען. ווער איז זי? האָט ער זיך געפרעגט צום ערשטן מאָל, פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען די זיכערהייט אַז זי איז אַן אַפּערא זינגערין? און ער פאַנגט אָן צו באַטראַכטן זי מיט חשד און פאַראַכטונג. נאָר אַט דערמאָנט ער זיך איר זינגען "דאָס וויג ליד" און עס לייטערט זיך אויס ביי אים אויף דער נשמה. זי שטעלט זיך אים ווידער פאָר אין איר גאַנצער פּראַכט, אַלס געטלעכע קינסטלערין.

* * * * *

ווי איז פאָרגעקומען, וואָס ער, מאָרים, האָט זיך פּלוצלונג ווי דערוואַכנדיק פון א שווערן קאָשמאַר, דערזען, שטייענדיק אויף א הויכן אַלטאַר, אַנגעטאָן אין א שוואַרצן מאַנטל מיט א ווייסן לאַנגן אויבער קאָלנער אין איין שורה מיט נאָך אַ סך זינגערס און זינגערינס, אַלע אַנגעטאָן ווי ער אין שוואַרצן און אין ווייסן, — האָט ער קיינמאָל ניט געקענט דערמאָנען זיך.

ווי דורך א נעדיכטן טומאַן האָט ער זיך נאָר געקענט דערמאָנען אַז ער האָט פּלוצלונג דערפילט, ווי עס איז אָפּגעשטאָרבן ביי אים דאָס האַרץ, די אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט א נעדיכטן פאָרהאַנג, ווען מיס נעלסאָן האָט אים אַנגעוויזן מיט באַזונדער גאווה: אָט דאָס איז אונדזער קירכע, און זיך פאַרנומען צום אונטערשטן גאַנג מיט אים. ער האָט געוואָלט פּראָטעסטירן און דערפילט, אַז די צונג איז ביי אים ווי פּאַראַליזירט, געוואָלט אַנטלויפן, ווען דער גלח, וועלכן ער האָט צו פּראָבע געזען, האָט אים אין טיר פון קירך באַגעגנט שוין מיט די פּריסטער בגדים, וועלכע האָבן אין אים עפּעס א מין איבל דערוועקט. ווי אַן אויטאָמאַט האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט נאָך מיס נעלסאָן, געגעבן די האַנט די אַלע זינגערס און זינגערינס פאַר וועמען מיס נעל־

סאַן האָט אים פאַרגעשטעלט, ניט הערנדיק און ניט געדענקנדיק קיין איינציקן נאָמען, קיין איינציק געזיכט. געקומען צו זיך איז ער ערשט דאַן, ווען דער אָרגאַן האָט אָנגעפאַנגען שפּילן דאָס ערשטע קאַפּיטל פון מענדלסאָנס און דער נאָמען פון דער קאָמפּאָזיציע האָבן ווי צוויי פייער פלעקן געגומען שוועבן פאַר זיינע אויגן און ברענען אים אין מוח.

מענדלסאָן אין קלויסטער. מענדלסאָן און א משומד, וואָרום האָט ער זיך געדאַרפט שמדן? איז דען זיין מוזיק דערפון הייליקער געוואָרן? וואָרום "אליהו" אָהער אין קירכע? וואָרום האָט מענדלסאָן קיין איין זאַך פאַרפאַסט פאַר דער שול? פאַרוואָס האָט ער ניט אויפגעשריבן איין אָראַטאָריאַ אויף דער טעמע "כל נדרי" און אויסגיסן די גאַנצע ביטערקייט, די גאַנצע גאַל פון יענע אידן, וואָס האָבן אין היילן זיך באַדאַרפט באַהאַלטן זייער גאָט צו דינען, ווען די וועלכע קוויקן זיך מיט זיין אָראַטאָריאַ זייַנען זיי מיט פייער און שווערד באַפאַלן, דערמאָרדעט, באַליידיקט, דערנידעריקט און באַרויבט?

אין זיין מוח וויקלט זיך פאַנאַנדער איין פּאַנאָראַמע נאָך דער צווייטער. ער זעט די מאַראַנען אין שפּאַניע, ווי זיי ווערן באַפאַלן אין די היילן פון די יעזוּאיטישע סאָלדאַטן, ווי זיי ווערן אין קייטן געשמידט, ווי זיי שמאַכטן אין די געפענגענישן, ווי זיי ווערן צו דער אויטאָ דאַ פע געפירט.

עס שטעלט זיך אים פאַר די קרייץ־צוגן אין אייראָפּע און ער דערמאָנט זיך אַז גאַנצע קהילות האָבן אויף זיך ליבער דעם טויט גענומען, איידער נאָכגעבן דער מאַכט פון שווערד, דעם גלויבן פון מאַכט און פייער.

און ער דערמאָנט זיך א סצענע פון זיין שטעטל ערשט ניט לאַנג. ערב יום כפור. דאָס גאַנצע שטעטל אין טויט שרעק, מען ריכט זיך אויף א פּאָגראָם, גויים אין אַרומיקע דערפער זייַנען זיך מיט העק און וועגן צוזאַמענגעקומען, פרעמדע קריסטן אין רויטע העמדלעך האָבן זיך אין שטעטל באַוויזן און קוקן אַזוי חוצפהדיק, שמייכלען אַזוי איראָניש, אַז דאָס בלוט ווערט פאַרגליווערט. דאָס גאַנצע שטעטל מיט ווייב און קינדער האָבן זיך צונויפגעקומען אין שול.

עס ברענען הונדערט ליכט און עס פלאַטערן הונדערטער הערצער. מען טוליעט זיך איינער צום צווייטן, ווי א סטאַדע צעשראָקענע שאָף פאַר א שטורעם. אָט קומט אַרויף אויפן בעלעמער דער אַלטער גרויער רב פון שטעטל. דער שמש קלאַפּט אין טיש, דער עולם האַלט איין אויף א מינוט די טרערן. עס קלאַפּן די הערצער און עס טראָגט זיך א שטילער כליפּען פון דער ווייבערשער שול, קינדער מייַנע! רעדט דער אַלטער רב: בני ישראל! שטאַרקט אייערע הערצער . . .

— יו אר טו בעגין סון (דו דאַרפסט באַלד אָנפאַנגען), הערט ער מים נעלסאָנס שטילע שטימע ביי זיין זייט, און באַלד דערטראָגן זיך צו אים די קלאַנגען פון אָרגאַן, וואָס שפּילט די פּרעליודע צו זיין תפלה. "פאָטער אין הימל, הייליקער זון", — הערט ער זיין אייגענע שטימע, ווי זי טראָגט זיך איבערן חלל פון גרויסער קירך און בויגט טויזנטער קעפּ צו דער ערד. ער זעט זיי איצט צום ערשטן מאָל, ווי זיי שטייען די זינדיקע, די שולדיקע,

זיי דאַרפֿן אַ סליחה, זיי נויטיקן זיך אין אַ כּפּרה. אַזוי פֿיל געזינדיקט און אַזוי ווייניק באַצאָלט.

זיין שטימע קייקלט זיך אין חלל, צעגיסט זיך אין אַלע ווינקעלעך און דרינגט אין אַלע הערצער.

ערשט איצט האָט ער אָנגעפֿאַנגען זיך צוהערן צו דער באַדייטונג פֿון די ווערטער און צום ערשטן מאָל באַגריפֿן, אַז ער, דער איד, בעט פֿאַר זיי ביים הייליקן פֿאָטער, ביים הייליקן זון.

אין זיין שטימע האָט זיך אַ לייכטער ציטער דערפֿילט, וועלכער האָט ווי עלעקטריפֿיצירט די מתפּללים. וואָס וויטער איז דער ציטער געוואָרן אַלץ שטאַרקער און האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ טרערן נאָטע, וועלכע האָט באַאַרבעט מיט זיך דאָס גאַנצע געבעט און צוגעגעבן דעם אַ באַזונדערן דראַ־מאַטישן אויסדרוק.

באַשיץ, אָ האַר, דיינע קינדער, דונערט ווייטער זיין שטימע. ער פֿאַרטייטשט זיך די ווערטער: "דיינע קינדער", און ער דערפֿילט, אַז טיף ערגעץ אין זיין נשמה רייסט זיך אַ פּראָטעסט וועלכער רופֿט: ניט דיינע קינדער! דיינע קינדער זיינען איצט אין די שולן, טוליען זיך, ווי שעפּעלעך, ציטערן פֿאַר פּאָגראָמען; דיינע קינדער ווערן ווי לעמער געשאָכטן, ווי רינדער געפֿירט צו דער שחיטה . . .

די טרערן נאָטע פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ טרערן מבול . . . ער האָט מיטאַמאָל אָפּגעריסן דאָס געזאַנג און ווי פֿאַרגליווערט געוואָרן . . . ווי געיאָגט פֿון טויזנטער געשפּענסטער און גייסטער, איז מאָריס אַראָפּ פֿון אַלטאַר, געכאַפּט זיינע קליידער און אַרויס אויפֿן גאַס, און גענומען לויפֿן אין דער ריכטונג פֿון דער אידישער טייל פֿון שטאָט. ער האָט אַ קוק געטאָן צום הימל: ס'איז נאָך ניט שפּעט געווען, אָבער פֿאַרן טאָר מען שוין ניט. ער האָט גענומען לויפֿן. אַ קילער ווינטל האָט אים געשמיסן אין פּנים און נעקילט זיינע שלייפֿן. ער האָט אַראָפּגענומען די הוט צו אָפּקילן זיך. "אָן אַ היטל אום יום כּפּור!" האָט ער זיך דערמאָנט און עס צוריק אָנגעטאָן און דערפֿילט, ווי עפּעס אַ וואַרימער געפֿיל צעגיסט זיך אים איבערן גאַנצן האַרצן: ער גייט צו זיך, צו זיינע ברידער, צו זיין שול, צו זיין גאָט . . .

* * * * *

דער "בייסמענט" פֿון שול האָט דעם גאַנצן יאָר געדינט פֿאַר אַ מניז, וואו עס איז געשטאַנען אַן עמוד און אָרון קודש, און שבת און יום טוב האָט עס געדינט פֿאַר אַ קליידער צימער פֿאַר די כאָריסטן, פֿון אונטער אָרון קודש האָט געפֿירט אַ שמאָלע טרעפּ אַרויף גלייך צום עמוד.

מאָריס איז האַסטיק אַריין אין "בייסמענט", וואו אין גרויסע קאַסטנס מיט זאַמד האָבן געברענט הונדערטער גרויסע ליכט. ער האָט דערזען זיין מאַנטל און טלית, וועלכע זיינען איינזאַם געהאַנגען אויפֿן וואַנט, אַראָפּגע־נומען און צוגעפֿאַלן צום אָרון קודש, טוליענדיק דעם טלית צו די ליפּן און אויסגעבראָכן אין אַ שטילן געוויין.

די טיר פון עמוד איז געווען אָפן און פון דאָרט האָבן זיך די טענער פון כאָר געטראָגן, מען זאָגט קדיש, פאַר שמונה עשרה. אַט קלינגט דער לעצטער אָמן, די שול האָט זיך גענומען וויגן און רוישן ווי א פעלד זאנגען אין שטורעם, דער עולם האָט שמונה עשרה געזאָגט. מאָריס האָט אינסטינקטיוו פון עמוד א סדור גענומען און ביים ארון קודש זיך שמונה עשרה געשטעלט.

שטיל אין שול, דער עולם האָט שמונה עשרה געענדיקט און וואַרט אויף דעם רב, און די פּאָר זקנים, וועלכע זאָגן נאָך דעם על חטא. עס שטייט דער חזן ביים עמוד און וואַרפט פאַרצווייפלטע בליקן ארום, ער זוכט זיין ערשטן זינגער, און באַריטאָן. וואָס קען ער טאָן אָן אים? ווער קען זיינע סאָלאָס נעמען?

על חטא שחטאנו לפניך בזדון ובשגגה, טראָגט זיך פון ערגעץ א פאַרצווייפלטער געשריי. עס שטייט דער חזן און זוכט מיט די אויגן, ווער קלאָגט עס אזוי יאָמערלעך? על חטא שחטאנו לפניך באונס וברצון . . . ברעכט די זעלבע הארצרייסנדיקע שטימע די לופט, און ברויזט אויף דעם גאַנצן עולם . . .

שנעל ווי א בליץ איז דער חזן אין "בייסמענט" אַראָפּ און געטראָפן מאָריסן, קלאָגנדיק ביים ארון חודש, קלאַפּנדיק זיך אין הארצן "על חטא".

* * * * *

מיט יאָרן שפּעטער האָבן מענטשן דערציילט און באַרימט זיך, אַז ווער עס האָט ניט געהערט מאָריס שטערן יענעם יום כפור צו יעלהם און באַזונדער אין דעם "הלבן חטאינו", דער האָט קיין באַגריף ניט וואָס עס הייסט, ווען די נשמה פון א זינגער זוכט און געפינט איר תקון.

דריטער טייל

אין אווענט פון לעבן

טיפן און בילדער פון דעם לעבן אין א מושב־זקנים

די ניט-פאַרענדיקטע פּראָגע

די ניט־פארענדיקטע פראגע

אין א ווינקל פון א גרויס צימער, אין מושב זקנים, איז געשטאנען דאס בעט, אויף וועלכן ס'איז געלעגן דער אלטער ב—מן אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

אונטערגעשפארט מיט קישנס פון הינטן און פון ביידע זייטן, האט ער זיך געווארפן אין גרויסע אנגסטן און מיטן לעצטן ביסל כוח, און מיט אלע גלידער געקעמפט פאר א טראפן לופט. זיין דארע, איינגעפאלענע ברוסט האט זיך מעכאניש געהויבן ארויף און אראפ, ווי דער בלאז־זאק פון א שמיד; זיין מויל, האלב־אפן, האט נאכגעפאלגט די ארבעט פון זיינע לונגען און ברוסט, אבער די פרישע לופט וואס האט געשטראמט פונם אפענעם פענצטער, האט זיך ערגעץ אנגעשלאגן אין א מכשול פון זיין קערפער און צוריקגעקערט זיך ניט פארנוצטערהייט.

די אנדערע דריי ווינקלען פון דעם צימער זיינען געווען פארנומען מיט פונקט אזעלכע בעטן ווי די, אויף וועלכער דער חולה איז געלעגן. מיט דעם איינציקן חילוק, וואס יענע זיינען איצט געווען שיין פארפוצט, פארשפרייט מיט שניי־ווייסע קאלדרעס, מיט ווייסינקע ציכעלעך אויף די קישנס צוקאפנס, און קיינער איז אין זיי איצט ניט געלעגן.

ב—מן ווייס גוט, וואו עס זיינען איצט די חברים זיינע פון יענע בעטן. מסתמא ביי מנחה, און אפשר הערן זיי זיך צו צו א פרק משניות איצט. און ער שטרענגט אן זיין געהער, אפשר וועט זיך צו אים דערטראגן א ווארט תורה פון דער שול. ניין, ער קאן ניט הערן גארניט . . . אפשר זיינען זיי גאר אין עס־צימער, טרינקען א גלעזל טיי . . . נאר ער דארף זיך מוטשען אט־דא . . . אלעמאל אזוי געווען. און א שווערער זיפץ רייסט זיך ארויס פון זיין ברוסט און פארשווינדט אין דער לופט דורכן אפענעם פענצטער ארויס.

דורכן פענצטער רייסט זיך דורך דער שוואכער שיין פון דער פארגייענדיקער זון און פאלט אויף זיין אויסגעמאטערט, געל ווי פארמעט, פנים, און די שטראלן צעלייגן זיך הרחבהדיק אין די טיפע קנייטשן, וועלכע די לאנגע יארן פון יסורים, צער שווערע הארעוואניע און אן א שיר אומרעכט, האבן אויסגעקריצט אויף זיין קליין אויסגעצערט און אויסגעמאטערט פנים.

לעבן אים איז געשטאנען די נוירס פונם אנשטאלט מיט א פלעשל אין איין האנט און מיט א לעפעלע אין דער צווייטער, און רק געפרואווט אים איינגעבן די רפואה, קעגן וועלכער דער חולה האט געקעמפט מיט זיינע לעצטע, געבליבענע כוחות, פארשצעמענדיק די ציין און ווערנדיק זיך מיטן קאפ, מיט די הענט און מיטן גאנצן קערפער.

ניט גענארט איז ער ביי זיך, דער קראנקער ב—מן. ער ווייס, אז זיין צייט איז געקומען. טא צו וואס זיך נאריש מאכן? און ער יאגט פון זיך די

נוירס, ער דאַרף ניט קיין רפואות, ער ווייס ס'וועט ניט העלפן — און ווען אפילו יאָ? . .

דאָס צימער האָט זיך אָנגעפילט מיט אידן, וואָס זיינען געקומען מבקר חולה זיין. אָבער איין בליק אויפן חולה און מען האָט געשיקט דעם שמש נאָך די מעביר יבוקס.

דער אַלטער ב—מן איז איצט געלעגן מיטן פנים אַרויף, פיל רואיקער און שטילער, פּונקט ווי ער וואָלט שלום געמאַכט מיט זיינע ווייטיקן און אַלץ אָנגענומען פאַר ליב און גוט. די געלקייט פון זיין פנים איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ דורכזיכטיקער, גרינלעכער מראה. זיין אזוי לאַנגע, דינע נאָז איז איצט געוואָרן נאָך לענגער און שפּיציק־פאַררויסן אַרויף. זיינע אויגן האָבן זיך אָט פאַרמאַכט און אָט געעפנט, און די רגע ווען זיי זיינען געווען אָפן, האָבן זיי פיל־באַדייטנדיק אַרומגענומען דאָס גאַנצע צימער, זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אויגנבליק דאָ אויף איין פּנים, דאָ אויף אַ צווייטן, ווי זיי וואָלטן אימעצן געזוכט, געפאָרשט, און ניט געפינענדיק דעם וועמען זיי זוכן, זיך פאַרגלייזט אַרויף, אין גרויס אַנגסט, און פאַרשלאָסן זיך צוריק, אָט ווי זיי וואָלטן רעדן אויף זייער אויגן־לשון:

— ווידער זיך אָפּגענאַרט . . . טאַקע ניט געקומען, ניטאָ . . .

די עטלעכע זקנים, וואָס זיינען ביי דער פּטירה געשטאַנען האָבן גאָר ניט געקאָנט משיג זיין, וואָס דאָ איז געשען. און פאַר שעהן־לאַנג, שוין נאָך אַלעמען, ניט אויפגעהערט צו מתוכח זיין זיך איבער דער באַדייטונג פונם נפטרס לעצטן וואָרט.

אַלטע אידן, וועלכע האָבן שוין מסתמא ניט איינמאָל בייגעוואוינט אַזעלכע זאַכן, און פאַרהאַרטעוועט קעגן יעדער מקרה־זאַך, האָבן דאָך ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס האָט געטראָפן. וואָס פאַרט האָט ער געמיינט?

דער אַלטער ר' יונה, אַן אַלטער קאָצקער חסיד, חידושט זיך מער פאַר אַלעמען:

— אזוינס, — זאָגט ער, — האָט מען נאָך ניט געזען. עפּעס איז דאָ ניט גלאַט געווען. אויסגעוויזן האָט זיך אָט ווי אַ מענטש טרינקט זיך און ראַנגלט זיך מיט טיפע תהומות, וועלכע אָט עפענען זיי זיך און ווילן דיך פאַרשלינגען, און אָט גייען אָפּ די כוואַליעס און פון אויבן טוט אַ שיין די זון אויף אַ ווייל און דער מענטש באַקומט נייע כוחות, גייע האָפענונגען. ווי נאָר ער שטרענגט ווידער אָן זיינע כוחות צו שווימען, זיך צושלאָגן צום ברעג, פאַרגיסן אים די ערשטע, נייע כוואַליעס און נייע אָפּגרונטן עפענען זיך צו פאַרשלינגען אים . . . און אזוי שעה־נאָך־שעה, אז עס האָט זיך אויסגעוויזן, אז עס וועט גאָר קיין סוף ניט נעמען. און דאָ, מיטאַמאָל, פאַרשטילט געוואָרן. די זון האָט אויפגעשיינט, דאָס וואַסער אויסגעגלייכט זיך ווי אַ שפּיגל און דער מענטש, אָט ווי ער וואָלט זיך שווימען געמיטלעך צום ברעג.

— איך קוק אויף אים און גלויב ניט מיינע אויגן. ממש אַ נס מן השמים. דאַכט זיך אָט איז געווען אַ שרעק צו קוקן ווי אַ מענטש ראַנגלט זיך אין צער און ווייטיק און מיטאַמאָל אזוי רואיק, אזוי געלאַסן, אפילו דער

אָטעם איז געוואָרן גרינג. נו, ממש ווי דער מענטש וואָלט פון טויט לעבעדיק געוואָרן. וויל איך לויפן, אָנזאָגן די בשורה, וואָרום וואָס אמת איז, ליב האָבן מיר געהאַט דעם אידן, א שטיל מענטשל געווען, קיינעם ניט נוגע בכבוד גע־ווען אויף א האָר. אַן אָפּגעהיטער, א ציכטיקער. איך טראַכט אָבער, איך וועל צוואַרטן אביסעלע. און ווידער, לויפט מיר דורך א מחשבה, אפשר וואָלט מען אים באַדאַרפט געבן עפּעס אין מויל אַריין, מחיה נפש זיין . . . און איך שאַר זיך אַרויס פון צימער און לויף גאָר דער נוירס. זי קומט צולויפן מיט א רפואה און וואונדערט זיך: וואָס דער איבערשטער קאָן? זי בויגט זיך איין איבער אים, הויבט אונטער דעם קאָפּ מיט איין האַנט, און רופט צו אים: מר. ב—מן, נעמט א לעפעלע וואַרימע מילך. ערשט ער עפנט די אויגן, אָט ווי איינער וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אויפגעכאַפּט פון א טיפן שלאָף, קוקט אויף איר א רגע, קוקט אַרויף צו מיר. איך זע, עפּעס איז אים קשה, עפּעס אַרט אים. בויג איך זיך צו אים צו און פרעג: איר ווילט עפּעס? און ער קוקט און קוקט אויף מיר, און מיטאַמאָל טוט ער א הויב דעם קאָפּ, קוקט אויף אַלעמען, און טוט א פרעג הויך, אויפן קול, אָט גאַרניט ווי א חולה: פאַר . . . — און ווי א סנאָפּ א פאַל געטאָן צום קישן און . . . אויס ב—מן . . .

ס'איז געוואָרן א גערדראַנג אַרום בעט. מ'לייגט צו א שפּיגל צום מויל, א פעדער צו דער נאָז; מ'קוקט איינער אויפן אַנדערן . . . אימעצער האָט אויסגעקרעכצט אין דער שטיל:

— ברוך דיין אמת ! . .

און א מנין אידן האָבן, אין אַנגסט און צער, אינדערשטיל מצדיק הדין געווען.

פאַר און בעת דער טהרה, פאַר און בעת דער לוויה, און לאַנג נאָכדעם, האָבן די אידן וואָס זיינען געשטאַנען דערביי, און אפילו די וואָס האָבן נאָר געהערט דערפון, געוואָלט אַרויסברענגען, זיך אָנשטויסן, טרעפן; וואָס האָט ער פאַרט געוואָלט פרעגן ? . . וואָס פאַר א פראַגעס זיינען דאָס געבליבן ניט פאַרענטפערט פאַר אים, וואָס אין דער לעצטער רגע פון זיין לעבן האָט ער עס מיט אַלע רמ"ח אברים, מיט זיין לעצטן אָטעם־צוג געזוכט אויף זיי אַן ענטפער ? . .

האָבן אייניקע געוואָלט טרעפן, אַז דאָס האָט ער געוואָלט בעטן "מחי־לה" און געוואָלט זאָגן: "פאַרצייעט" מיר . . . אָבער די איבעריקע האָבן נאָר חוזק געמאַכט:

— שייך צו זאָגן. ווי קומט צו אים אַזא וואָרט? אויב יאָ, וואָלט ער געזאָגט: זייט מיר מוחל, פראָסט און פּשוט, ווי א איד זאָגט, — האָט אַן אַנדערער איבערגעדרייט דעם נוסח, — אפשר האָט ער געוואָלט מתפלל זיין און בעטן: פאַרגיב מיר, גאָט, מיינע זינד ? . .

— ווייסיך וואָס! — האָט מען מבטל געמאַכט דעם טרעפער, — אַז יענער האָט דאָך אָט־ערשט אָפּגעזאָגט וידוי . . . און אגב האָט מען דען ניט געזען, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט פרעגן . . .

אָבער וואָס ? . .

* * * * *

אזוי איז ב—מן געווען א גאנץ געוויינלעכער איד. פון זייער קליינעם וואוקס, א דאר אידל כמעט הויט און ביינער, אז מ'האָט זיך אָפּט געוואונדערט ווי עס האַלט זיך גאָר די נשמה אין אזא גוף. נאָר אָט דער דאַרער, קורצינקער אידל האָט איבערגעטראָגן אויף זיך צרות, וואָס וואָלטן א ריז פון די פיס געוואָרפן. פון זיין פריסטער יוגנט האָט זיך דער שלימזל פאַרנומען צו פאַרפאַלגן עד חרמה.

שוין אַלס אינגל, אין חדר, געדענקט ער זיך ווי ער האָט געליטן פון זיין וואוקס, ווי די אינגלעך האָבן אים פאַרפאַלגט, גערופן צונעמענישן . . . האָט איינער אים א נאָמען געגעבן "פאַרזעעניש", האָבן אים אנדערע גערופן "קאַרליק", נאָך אנדערע — "קאַראַפּוזיק". פריער האָט ער זיך געוועוועט, געגעבן צוריק צונעמענישן; נאָכדעם האָט ער פאַרטראַכט זיך נוקם זיין אָן די אינגלעך און אָנגעהויבן זיי אָפּטאָן שפּיצלעך: אָנשיטן "מוראַשקעס" אויף זייער אָנבייסן, "בודיקעס" אין די פאות, אין די האָר, און מאַכן עס אזוי קונציק, אז מען האָט קיינמאָל ניט געקאָנט טרעפן ווער עס טוט עס, ביז מ'האָט זיך פאַרט געכאַפּט און זיך נוקם געווען. דאַן האָט ער דערקלערט א סטרייק און מער ניט געוואָלט גיין אין חדר.

מ'האָט געפונען אן אנדער רבין, א צווייטן און א דריטן, און אומעטום האָבן זיך איבערגעחזרט די זעלבע צרות. צו צוועלף יאָר איז ער אוועק פון דער היים און איז געוואָרן א משרת אין א קלייט.

די איראָניע פון שיקזאַל האָט געוואָלט, אז ער זאָל הייסן א "פּריקאַזטשיק" (איינער וואָס זאָגט און באַפעלט), אין דער אמתן אָבער איז ער געווען אן "עבד לעבדים", א קנעכט ביי קנעכט, א קנעכט ביי יעדערן פון די צוועלף משרתים אין יענער קלייט; א קנעכט ביי דער באַלעבאָסטע; א קנעכט ביי דער "באַרישניע", דער גימנאַזיסטקע, און אז ער פלעגט קומען פון קלייט אַן אויסגעמאַטערטער, א הונגעריקער, און געבעטן ביי דער קעכין עסן, האָט ער באַדאַרפט צוערשט פאַרדינען דאָס עסן ביי דער קעכין — פאָלגן איר א גאַנג אין קעלער אַרויפברענגען אוגערקעס אָדער קאַרטאָפל, אריינברענגען א פּאָר עמער וואַסער פונם ברונעם אָדער א פּאָר ברעמלעך האָלץ. דאָס איז געווען פאַרן עסן. נאָכן עסן האָבן אויף אים געוואַרט דער גרויסער "צעבער", וועלכן ער האָט געמוזט אַרויסטראָגן און אויסגיסן ערגעץ אין א ווינקל פון הויף. אָט־דער צעבער האָט אים פאַרקירצט און פאַראומערט דאָס לעבן. ערשטנס, וויפל ער האָט זיך ניט געהיט, האָט ער ניט געקאָנט מאַנעווירירן, אז ער זאָל ניט פאַרגיסן די דילן פון קיך און פון קאָרידאָר. האָט ער פאַרגאָסן האָט מען אים געזידלט, גערופן צונעמען; צווייטנס, וויפל ער האָט זיך ניט געשטאַרקט, האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם איבלדיקן געשטאַנק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דעם דאָזיקן צעבער.

פון דער נאַטור א מפונק, א זויבערער, האָט אים אָט־די עובדה מקצר ימים ושנים געווען. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געליטן, אַלעמען צוליב געטאָן, ווייל טיף אין זיין האַרצן האָט ער באַשלאָסן צו ווייזן "דער וועלט", ס'הייסט, די אינגלעך פון זיין שטעטל, דער מאַמען, דעם טאַטן, זיינע ברידערלעך — אַלע, וואָס האָבן אים באַליידיקט; אַלע, וואָס האָבן ניט געגלויבט אז ער האָט אזא נשמה ווי זיי; אַלע וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען ווי ער האָט געליטן

פון זייערע געלעכטערס, פון זייערע צונעמעניש. אָ, ער וועט זיי נאָך ווייזן ! . . און גדולדיק האָט ער געטראָגן די צעבערס און זיך אונטערגעריסן די כוחות, געפּאָלגט אלעמען און געלאָפן, וואו מען האָט אים נאָר געשיקט; געטראָגן די פּעקלעך פאר די קונים, באדינט יעדן איינעם און זיך צוגעהערט און צוגעקוקט ווי עס רעדן און ארבעטן אמתע "פּריקאזטשיקעס", און זיך גוט איינגעחזרט אלע נעמען פון סחורות, די פּרייזן, די מעלות, און געקליבן, ווי א קמצן קלייבט, מטבעות און אסיגנאציעס. אזוי האָט ער געקליבן שטיקלעך און ברעקלעך ידיעות, וואָס וועלן אמאָל, אמאָל ווערן זיין פארמעגן, זיין עשירות . . .

ווי פון פעך האָבן זיך געצויגן די לאנגע טעג, וואָכן און חדשים פון יאַנקעלע ב—מנס לערן־יאָרן אין דעם גרויסן צעלניק געשעפט פון "באָרים איסאקאָוויטש מאָגילעפסקי". ער איז תמיד געווען דער ערשטער אויפצורשטיין און דער לעצטער צו לייגן זיך שלאָפן.

אין די קאלטע ווינטער־נעכט איז עס געווען זיין עובדה אויפצושטיין פארטאָג און איינהייצן אלע "הרובעס", כדי עס זאָל זיין ווארים די באלעבאטים אויפצושטיין. בעת די אויוונס האָט זיך געברענט און ביז מ'האָט באדארפט צוּוואַרפן נייע האָלץ און רעגולירן די קוימענס, האָט ער באדארפט פוצן די שטיוול פארן באלעבאָס, די "שטיבלעטן" פאר דער מאדאם, די שיכעלעך פאר דער "בארישניע", און די שטיוועלעך און קנעפּ פונם מונדיר, פארן "פּאניטש", דעם גימנאזיסט. און אויב ער האָט געוואָלט אז די קעכין זאָל זיין גוט צו אים און אים צוּוואַרפן אביסל א גרעסערע פּאַרציע זופּ מיט פליש, א געשמאקן ביסן — האָט ער פאר איר אויך געדארפט איינהייצן דעם אויוון, ארויסטראָגן דאָס אש, אריינטראָגן האָלץ און וואסער, און שטעלן פארזידן די "טשייניקעס", כדי זי זאָל קאָנען שלאָפן מיט א האלבער שעה שפּעטער.

פון זיין פריסטער יוגנט אָז האָט ער געלערנט די ביטערע לעקציע פון לעבן, אז קיינער, קיינער וועט פאר אים, יאנקעלען, קיין זאך ניט טאָן אומזיסט; אז פאר אלץ אין לעבן: פאר א גוט וואָרט, פאר א שמייכל, פאר א ביסן ברויט, פאר א פּלאַץ צו שלאָפן, פאר אַן אָרט ביים טיש — פאר אלץ אין דער וועלט וועט ער מוזן צאָלן, צאָלן מיט זיין בלוט, מיט זיין שוויים, מיט זיינע שוואכע מוסקולן, מיט זיין כבוד און זיין איך; אז שטענדיק און אייביק וועט ער מוזן מבטל זיין זיין אייגענעם איך, זיינע אייגענע פארלאנגען און ניגונגען, כדי צופרידנצושטעלן אנדערע, וועלכע זיינען העכער, גרעסער, שטארקער, רייכער, און דער עיקר, אנדערש פון אים.

זיין אנדערשקייט פון אלע איבעריקע; זיין קליינער, דארער וואוקס; זיין ניט געראָטנקייט און זיין אומוויסנהייט, האָט זיך געלייגט ווי א שווערע משא אויף זיינע דארע פּלייצעס און געפּרעסט, און געדריקט זיין געמיט. געדריקט, אָבער ניט צעדריקט; געפּרעסט, אָבער ניט פארניכטעט. פארקערט, וואָס מער מען האָט אים דערנידעריקט, וואָס מער יעדער איינציקער פונם גרויסן געשעפט האָט זיך איזדיעקעוועט איבער אים, געמאכט חוזק, געשאָפן זיך מיט אים — אלץ מער האָט זיך אויסגעארבעט אין אים א סאָרט "אנטי־טאָקסין", א מין אינערלעכע קראפט, וועלכע האָט אים אימוניזירט

קענען אַלע באַליידיקונגען, דערנידעריקונגען און פאַרשקלאַפונג, א ביטול קעגן זיינע באַצווינגער און פייניקער.

ליגנדיק איצט אין זיין בעט, פון וועלכן ער פילט, אז ער וועט שוין ניט אויפשטיין, שוועבן אַרום פאַר זיינע גייסטיקע אויגן, די בילדער פון זיינע יונגע יאָרן, און ער וויל וויסן פון וואַנען פּאַרט האָבן זיך צו אים גענומען די כוחות איבערצוטראָגן די אַלע ענויים, אַלע פייניקונגען און דערנידעריקונגען, און טאַקע די שווערע, ביטערע האַרעוואַניע פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט?

און ער דערמאָנט זיך זיין היים, זיין שטעטל, זיין חדר מיטן רבין, דער חוזק פון די אינגלעך, דעם טאַטנס בייזע און אָפּטמאָל באַליידיקנדיקע בליקן, דער מאַמעס באַהאַלטענע טרערן אויף איר אומגליקלעך קינד; זיין אַוועקגיין פון דער היים, פון זיין שטעטל, מיטן קלומיקל אויף די פּלייצעס; ווען ער איז צופוס אַרום פון שטעטל מיטן גרויסן, ברייטן שליאַך, אַרויף דעם הויכן באַרג, וואו ביים בּרעג פון וועג איז געלעגן דאָס אַלטע בית־עלמין. צו זיינע פיס איז געלעגן צעוואָרפן דאָס גאַנצע שטעטל מיטן גרויסן מאַרק, מיט די הילצערנע קליטן, מיטן גרויסן בית־מדרש און, להבדיל, די גוישע תּפילה . . . און ער האָט געשוואָרן ביי זיין אידישקייט, ביי די הייליקע קברים פון זיינע זיידעס, ביים בית־מדרש — אז ער וועט זיך ניט אומקערן צוריק, ביז וואַנען גאָט וועט אים העלפן און ער וועט זיי אַלעמען קאָנען ווייזן ווער ער איז . . .

און וואַנדערנדיק אויף זיין וועג, פון דאָרף צו דאָרף, פון שטעטל צו שטעטל, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער גרויסער שטאָט אָדעס, וואָס האָט געהאַט פאַר אים א באַזונדערע מאַגנעטישע קראַפט, פון וועלכער ער האָט זיך אַזויפיל אָנגעהערט, האָט ער ניט אויפגעהערט צו חלומען פון זיין אומקערן זיך אַהיים, העט שפּעטער, אין יאָרן אַרום, א גרויסער, א רייכער, באַלאָדן מיט פיינע מתנות פאַר טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. מען נעמט אים אויף אומעטום מיט כבוד. דער טאַטע גריסט זיך מיט אים: "וואָס זאָגט איר עפּעס אויף מיין יאַנקלען, האָ? א בר־דעת, קיין עין־הרע"... און ער גייט מיטן טאַטן אין שול, מ'איז אים מכבד מיט מפטיר, ער איז מנדר הונדערט גילדן, און דאָס גאַנצע בית־מדרש טוט זיך א וויג, איינער שעפּטשעט צום צווייטן אין דער שטיל פאַרוואונדערט — "הונדערט גילדן"...

יאָ, דאָס איז עס געווען, וואָס האָט אים געגעבן דעם כוח איבערצוטראָגן אַלץ. ער מוז ליידן, ניטאָ קיין וועג צוריק . . . און ער האָט געליטן און געשוויגן, געליטן און געהאָפט, אז זיינע חלומות פון אומקערן זיך אַהיים, וועלן מקוים ווערן; געליטן און געקליבן א קאָפּיקע צו א קאָפּיקע, א רובל צו א רובל. מיט אַלע זיינע חושים האָט ער געפילט אז געלט איז מאַכט. און וואָס מער געלט ער וועט האָבן, אַלץ גרעסער וועט זיין זיין מאַכט, און אַלץ נעענטער וועט ער זיין צו זיין ציל.

ביסלעכוויז, בהדרגה, האָבן זיך אויסגעשטאַלטעט אין אים צוויי באַזונדערע פּערזענלעכקייטן. ניט צעשפּאַלטן איז ער געוואָרן, ניין, נאָר זייט ביי זייט מיטן קליינינקן יאַנקעלע, האָט געלעבט און געאָטעמט אַן אַנדער פּערזאָן: יאַקאָב אַבראַמאָוויטש ב—מן. און בעת יאַנקעלע האָט זיך געבויגן

אין דרייען, געפּאָלגט יעדן שטיל, הכנעהדיק; געגאַנגען א גאַנג, געוואָרימט די קליִיט, צוזיינגעלייגט די סחורה אין די פּאָליצעס געזאָגט פון זיך די נשמה צו געפעלן דעם באַלעבאָס, אויסצונעמען ביי די קונים, זיך איינקויפן אין לאָסקע — האָט יאַקאָב אבראַמאָוויטש ב—מן חוזק געמאַכט פון יעדן פון זיינע באַצווינגער, אָנגערופן זיי מיט די פאַרניכטנדיקסטע צונעמענישן, געקאָנט יעדן פון זיי דורך און דורך, געוואוסט פון אלע זייערע שטוקעס, האָט מאַנכע פון זיי געקאָנט פאַרניכטן מיט א וואָרט ער זאָל נאָר וועלן . . . ער האָט אָבער ניט געוואָלט . . . יאַקאָב אבראַמאָוויטש האָט אַנדערע וועגן געהאַט, אַנדערע פּלענער.

מיט יעדער וואָך איז געוואַקסן זיין כוח, זיין גלויבן און זיין האָפענונג, אַז זיינע חלומות וועלן פאַרווירקלעכט ווערן. דאָס איז געווען ווען ער פלעגט מיט באַזונדער גאוה טראָגן זיינע שווער־פאַרהאָרעוועטע פּאָר רובל אין באַנק אריין, און זען ווי עס וואַקסט זיין פאַרמעגן. די אַנדערע משרתים פלעגט יעדן שבת לויפן אין "עלדאָראַדאָ", אין גרענד האָטעל, אין טראַקטירן און טעאַטערס, און קומען אויף מאָרגן אָן א קאָפּיקע ביי דער נשמה. ער, יאַנקעלע, האָט זיך ניט פאַרגונען אויסצוגעבן אפילו א קאָפּיקע אויף "קוואַס", אָדער אויף קערלעך, נאָר געטראָגן זיין גאַנץ פאַרדינסט אין באַנק.

צוזאַמען מיטן וואוקס פון זיין פאַרמעגן איז אויך געוואַקסן זיין גלויבן אין זיך, אין זיינע קרעפטן. עס איז אויך געוואַקסן זיין נוצלעכקייט אין געשעפט, זיינע קענטעניש אין סחורות, אין פּרייזן; זיינע מאַניערן מיט קונים. עס האָבן זיך אַלץ געמערט די קונים, באַזונדערס קויפערינס, וואָס האָבן נאָר ליב געהאַט צו קויפן ביי אים, ווייל זיין אונטערטעניקייט, נאָכגעביקייט און שטילקייט האָט אַלעמען אימפּאָנירט. דער באַלעבאָס האָט אים אַלץ מער אָנגעהויבן באַמערקן און איבערגעגעבן אים געוויסע אַרבעטן, וועלכע ער האָט תמיד מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט אויסגעפילט.

איצט, ווען די ווייטיקן לאָזן אים אָפּ אויף א ווײַלע, טראָגט ער זיך אריבער אין דמיון צו יענער צייט פון זיינע יוגנט יאָרן, און עס טראָגן זיך פאַרביי אים בילדער פון זיין לעבן. אייניקע דעקן אויף אַלט־פאַרגעסענע, לאַנג פאַרהיילטע וואונדן; אַנדערע פרישן אָפּ זיין געמיט, באַנייען זיין נשמה, גלעטן און צערטלען אים און דערמאָנען, אַז גיט שטענדיק איז ער געווען א וואָרים, אונטער יענעמס פיס געלעגן . . . איין בילד שוועבט פאַר זיינע אויגן, ווען ער איז מיטאַמאָל דערהויבן געוואָרן אין אַלעמענס אויגן, ווען ער איז טאַקע אין דער ווירקלעכקייט פון א שיק־אינגל, פון יאַנקעלע קאַראַפּוז, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גאָספּאָדין יאַקאָב אבראַמאָוויטש ב—מן. דאָס איז געווען אין א ווינטער־נאַכט. אַלע זיינען שוין לאַנג געשלאָפן. אויך אין אויבערשטן עטאַזש איז געווען שטיל און פינצטער. אין דרויסן האָט געבושעוועט א געפערלעכער שניי־שטורעם, די אמתע "זאַוועָרוכע". דער פראָסט האָט ממש געברענט און ס'איז געווען א סכנה א גליד ארויסצושטעלן. ער, יאַנקל, האָט ניט געקאָנט איינשלאָפן. פאַרשיידענע מחשבות האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין קאָפּ. מחשבות וועגן דער היים, טאַטע־מאַמע, זיין צוקונפט, זיינע פּלענער. און ער וואונדערט זיך, — פאַרוואָס עפּעס שלאָפט זיך אים ניט? שוין אַזוי שפּעט . . . און ער דערפילט אַז עפּעס איז ער "ניט מיט אַלעמען". עפּעס א מאָדנער איבל נאָגט אים אַרום האַרצן, אַז זיין קאָפּ טראַכט

גאַר ניט און ארבעט גאַר ניט, נאַר ווערט אַנגעגאָסן מיט בליי, און עפּעס דרייט זיך דער קאָפּ זיינעו אַזוי מאָדנע — נאַר צום חלשן.

ער שטרענגט אָן אַלע חושים און דערפילט, אַז א מאָדנער גערוך טראָגט זיך איז הויז, און א גערדאַנק לויפט אים דורך: טאָמער א טשאַד? און ער דערמאָנט זיך, אַז ביי אים אין שטעטל איז אַמאָל א גאַנצע משפחה פון אַכט מענטשן אומגעקומען פון א טשאַד — זיך געלייגט שלאָפן און ניט אויפגעשטאַנען . . . און א גרויל גייט אים דורך דורכן גאַנצן לייב.

דאָ אין די צוויי צימערן שלאָפן צוועלף משרתים; איבערן קאָרידאָר שלאָפט די קעכין, און אויבן — די באַלעבאַטים. ער שפּרינגט אַראָפּ פון בעט און פאַלט באַלד אום. ער קאָן אויף די פיס ניט שטיין. ער וויל שרייען און קאָן ניט. צוואַנציק נפשות ! . . קלאַפּט אים אין קאָפּ — מען מוז זיי ראַטעווען . . . ער נעמט צונויף אַלע כוחות, כאַפּט זיך אויף, וועקט אַלעמען, צעעפנט די טירן, קלאַפּט אויס א פענצטער. עס רייסט זיך אריין א קאַלטער שטראָם לופט, אַנדערע ליגן שוין פארחלשטע . . . מען דאַרף זיי רייבן מיט שניי, לויפן נאָך א דאָקטאָר, שרייען, רופן נאָך הילף . . .

ער וועקט די קעכין און דערמאָנט זיך אָן די באַלעבאַטים. ער לויפט אַרויף די טרעפּ . . . איצט איז ער שוין ניט קראַנק. די פרישע לופט, די באַוועגונג, די אויפרעגונג גיבן אים צו כוחות . . . ער קלאַפּט און ער וויים מען הערט אים. דורך די טירן הערן זיך קרעכצן. וואָס טון מען ? . . מען מוז די טיר אויפברעכן. ער לויפט צוריק, כאַפּט א האַק. דער עלטסטער "פּריקאַזטשיק" לויפט מיט אים. זיי ברעכן אויף די טיר . . . דער באַלעבאָס ליגט א פארחלשטער ביי דער טיר, די באַלעבאָסטע האַלב־טויט אין בעט. צוזאַמען עפענען זיי די פענצטער, ברענגען שניי; מען רייבט, מען מונטערט — און ווען דער דאָקטאָר איז געקומען האָט ער שוין ניט געהאַט קיין סך צו טאָן.

אויף מאָרגן האָט דער "אָדעסקי ליסטאָק" באַשריבן די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי א זעכצן־יאָריק בחור'ל האָט אָפּגעראַטעוועט צוואַנציק נפשות פון א זיכערן טויט. אַלע קלייטניקעס פון ארום זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין זייער מאַגאַזין, געדריקט אים די האַנט, געפּאַטשט איבער דער פּלייצע:

— "מאָלאָדיעץ, יאַקאָב אַבראַמאָוויטש. נאַסטאָיאַשטשי געראָי"! . . (א בריה, א העלד, יאַקאָב אַבראַמאָוויטש).

יענעם אָוונט, ווען מען האָט פארמאַכט די קלייט, האָט דער באַלעבאָס פאַררופן אַלע זיינע מענטשן צו זיך אין עס־צימער, געשטעלט בראָנפן און צוביסן. ער האָט געהאַלטן א "ריעטש" (רעדע), באַדאַנקט און געלויבט אים, יאַקאָב אַבראַמאָוויטש, און דערלאַנגט אים א מתנה — א גאָלדענעם זייגער — און דערקלערט, אַז פון היינט אָן און ווייטער איז ער ניט מער קיין שיקאינגל, נאָר א "פּאָלני פּריקאַזטשיק". . . און א ברייטער, גליקלעכער שמייכל צעגיסט זיך איבערן חולהס פּנים, און עס ווילט זיך אים אָנהאַלטן וואָס לענגער אין זיין זכרון איינעם פון די גליקלעכסטע מאָמענטן פון זיין לעבן.

ניט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן זיין גליק. זייער גיך האָט ער אויסגעפונען, אַז צו מענטשלעכן האַס, מענטשלעכער קנאה־שנאה און רשעות, איז גאָר קיין גרעניץ ניטאָ; אַז דער גיפט פון די דאָזיקע מענטשלעכע חסרונות קאָן אריינ־

דרינגען אין דער הויך, פּונקט ווי אין דער נידער — ניטאָ וואוהין צו אַנט־לויפן פון זיין אַנדערשקייט, פון זיין שלימזלדיקן אויסזען . . .

אמת, ווען טאַטע־מאַמע זען אים איצט, וואָלטן זיי אים גאָרניט דער־קענט. ניטאָ קיין סימן פון יענעם אָפּגעריסענעם און אָפּגעשליסענעם יאַנקעלע, וועמען יעדערער, ווער עס האָט נאָר געהאַט גאַט אין האַרצן האָט פאַרפאַלגט. ניטאָ מער דער יאַנקעלע וואָס פלעגט זיך וואַלגערן אונטער יעדערנס פיס . . . איצט איז יאַנקעלע אַ גאַנצער פּריץ, געקליידעט ווי אַ פּראַנט, נאָך דער לעצטער מאָדע; רעדט אַ פּליסיקן רוסיש, דער באַלעבאָס האַלט פון אים אַן עולם ומלואה, און ניט אומזיסט — ער קריכט פון דער הויט אויך איצט איטלעכן צו געפעלן . . . אין זיין אַרבעט וועט קיינער קיין פּגימה ניט געפינען. זיין באַנעמען זיך מיט קונים איז פּערפעקט — און דאָך איז ער דער אומגליק־לעכסטער פון אַלע.

זיין עולה לגדולה ווערן, האָט גורם געווען, אַז ער זאָל ווערן אַ גאַנצער כל־ולך ביים באַלעבאָס, און גראָד דאָס קאָן מען ניט פאַרגינען. באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן רכילות און בלבולים. הינטער זיינע פּלייצעס האָט מען גערעדט פון אים, מבזה געווען, אָפּגעשפּאָט פון זיין וואוקס, פון זיין פלינקקייט, פון זיין קריכן הינטער די נעגל יעדערן; פאַרשיידענע נעמען זיינען פאַרפאַסט געוואָרן ספּעציעל פאַר אים, פּונקט ווי אין זיינע חדר יאָרן, וועלכע זיינען נאָך איצט פיל שמערצלעכער געווען . . . פּונקט ווי אין זיינע חדר־יאָרן, איז ער איצט געווען איינער קעגן אַלע. ער האָט געפּרוּווט קויפן זיך פריינט דורך טובות, הלוואות, דורך טראַקטירן חברה מיט טיי, מיט בראָנפן און פאַר־ביסן . . . ער האָט אָבער גלייך איינגעזען, אַז אפילו ווען זיי "זשליאָקען" זיין בראָנפן און "פרעסן" זיינע "אוגאָשטשעניעס", לאַכן זיי אין האַרצן פון אים, זיינען אים מבטל, קוקן אויף אים פון אויבן אַראָפּ — און אַ גאַליקע ביטער־קייט צעגיסט זיך איבער אַלע זיינע גלידער און פאַרביטערט זיין געמיט, זיין בלוט, זיין לעבן. אַ וואַנט פון האַס און פאַראַכטונג שטייט צווישן אים און דער איבעריקער וועלט, און אויב אַלס אינגל האָט ער געקאָנט אָפּטאָן דעם רבין מיט ניט קומען מער אין חדר, אָפּטאָן טאַטע־מאַמע דורך אַנטלויפן פון דער היים, איז פאַר אים איצט ניט געבליבן קיין פּלאַץ וואוהין צו אַנטלויפן.

פּונקט ווי אין די פריערדיקע יאָרן געפינט ער איצט זיין איינציקן עיר־מקלט, זיין איינציקע פעסטונג אין זיך זעלבסט. איצט, מער ווי ווען עס איז פריער, גלויבט ער, אַז ער איז אינערלעך שטאַרקער, העכער, קליגער און פעאיקער פון אַלע זיינע חברים, און ניט ער דאַרף זיך מתקנא זיין אין זיי, אַרויפקוקן צו זיי — נאָר זיי צו אים. און אויב זיי זען דאָס ניט איין איצט, וועט ער זיי צווינגען צו קניען פאַר אים שפּעטער . . .

מיט מער חשק, מיט מער אַזאַרט טראָגט ער זיינע וועכנטלעכע גע־האַלטן אין באַנק אַריין, און האָט די גרעסטע הנאה צו לייענען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל די אונטערשטע שורה פונם באַנק־ביכל. די ציפערן טאַנצן פאַר זיינע אויגן, ווען ער איז מיט זיך אַליין. זעקס הונדערט מיט פינף און פופ־ציק . . . באַלד וועט זיין זיבן הונדערט . . . און דערנאָך נאָך צוואַנציק וואָכן און עס וועט זיין טויזנט רובל . . . מיט אַ טויזנטער קאָן מען שוין מאַכן אַן אָנפאַנג.

דרייסטער, מוטיקער און מיט מער חשק ארבעט ער ווידער: פוצט די קלייט, שטעלט איבער די סחורות — ארבעט שפּעטער פון אלע; שליסט באקאנטשאפט מיט "וואָיאזשאָרן" (טראוולערס), פירט לאנגע שמועסן וועגן פארשיידענע סחורות, וועגן פארשיידענע פירמעס, קאָמיסיאָנערן, און פאר־צייכנט אלץ אין זיין זכרון, אלץ וועט צונוץ קומען. ער וועט זיי נאָך וויזן די "האָלעדראנצעס"! . . אונטער זיינע פיס וועלן זיי נאָך ליגן . . .

לאנג־פארגעסענע, זיסע מינוטן פון פרייד; לאנג־פארגעסענע פיינלעכע דערמאָנערונגען שוועבן איצט אויף זיין זכרון, און זיין גאנץ לעבן וויקלט זיך אויף אין זיין מוח, ווי א קינעמאטאָגראפישער אפּאראט וואָלט דאָרטן געארבעט, און איין רגע ברענגט ארויס די יאָרן פון ליידן, איין אויגנבליק די זיסקייט פון פריידיקע טעג.

און ער פארקוועטשט די פויסטן מיטן לעצטן ביסל כוח, ווייל איינ־האלטן די פריידיקע דערמאָנערונגען, דאָס קליין בינטעלע זונען־שטראלן פון זיינע פינצטערע יאָרן . . . האלט, אנטלויפט ניט איר שטראלנדיקע רעיונות! א גליקלעכער שמייכל צעגיסט זיך אויפן פנים פונם חולה, און א העלע רויט־לעכקייט פארשפּרייט זיך איבער זיין גאנצן פּנים און פארטרייבט אויף א רגע די געל־גרינקייט פון דער דארער הויט.

ער דערמאָנט זיך . . . נאָך לאנגע צען יאָר, איז ער צוריק אין דער היים — ניט מיט א קלומיקל אונטערן אָרעם, נאָר מיט א געפּאַקטן קאסטן מיט קליידער, מיט מתנות פאר אלעמען: פארן טאטן, א שיינעם שלאָף־ראָק מיט "טופליעס"; פאר דער מאַמען, זיידנס אויף א קלייד; פאר די שוועסטער, גאָלדענע צירונג. דער מאמעס פנים שיינט און וויינט פון גליק און פרייד. די שוועסטער בארימען זיך מיט זייערע מתנות. חברטעס קומען אים אָנקוקן, מען באקענט זיך, און ער פיינט זיך אוים מיט זיין רוסיש רעדן, מיט זיין גרויס־שטאָטישקייט.

זיין שטעטל איז אויסגעוואקסן פאר דער צייט, אינגאנצן אנדערש געוואָרן. זיינע אמאָליקע חברים? אייניקע האָבן שוין חתונה געהאט, אנדערע אוועק פאר סאָלדאטן; נאָך אנדערע סתם צעלאָפן זיך, ווער קיין אמעריקע און ווער אין די גרויסע שטעט. די אלטע באקלאָגן זיך וועגן פּרנסה . . . און זיין טאטע פארדינט ארום אים. דער טאטע ווייס, אז ער האָט געלט און ער מאכט פאר אים פּלענער. ער אָבער, ער ווייס, אז זיין מאכט, זיין ווירדע באַ־שטייט אין זיין באנק־ביכל. דאָס איז דער אינסטרומענט מיט וועלכן ער וועט קלעטערן ווייטער צום שפּיץ־לייטער פון דער געזעלשאפט . . . ניין, ער וועט מער ניט וואלגערן זיך אין שטויב, ניט קניען מער פאר קיינעם.

ער ווייס — זיין וועג איז קלאָר . . . א גרויסן צעלניק געשעפט וועט ער דאָ עפענען: "אָדעסקי גאלאנטעריני מאגאזין יאקאָבא אבראמאָוויטשא" (אָדעסער צעלניק געשעפט פון יאקאָב אבראמאָוויטש), וועט ער עס רופן. מיט גרויסע גאָלדענע בוכשטאבן וועט זיין נאָמען צו דער וועלט ארויסשרייען. ער וועט זיי ווייזן ווי אזוי א געשעפט צו פירן . . .

נאָר א ווײַלע האָט ער זיסע דערמאָנונגען . . . פארווירקלעכט זיינען זיינע פּלענער. זיין נאָמען קלינגט שוין איבערן גאנצן שטעטל. זיין געשעפט

פאַרגרעסערט זיך מיט יעדן יאָר. אַלע נייסטע מאָדעס קריגט מען ביי אים...
זיין מאַגאַזין איז באַרימט און באַוואוסט...

א שוואַרצער שאָטן שוועבט פאַרביי און ווישט אַלץ אַראָפּ פון זיין זכרון. אַרומגערינגלט פון שונאים איז ער ווידער. אַנדערע שונאים שוין. ניט דאָס האָט מען פון אים דערוואַרט. שוועסטער האָבן געהאָפט אויף פעטע נדנס, אויף חתונה אויסשטייער; דער טאַטע האָט דערוואַרט געניזן צו ווערן דורך אים.

— ביי לייטן, קינדער... — טענהט ער אַן אומצופרידענער און א ברוגזער.

זיינע קאָנקורענטן וואָלטן אים אין א לעפל וואַסער דערטרונקען...
און ווי פריער איז ער ווידער אַליין, אָן א פריינד, איינער קעגן אַלע; און ווי פריער פאַרזיסט ער זיין ביטערן כוס פון האס און פאַראַכטונג, קנאה און שנאה, מיט שווערער אַרבעט אין זיין געשעפט, זוכנדיק דאָרט טרייסט, פאַרגעסנהייט און האָפענונג.

* * * * *

גליקלעכע טעג, גאָלדענע — וואָרט, אַנטלויפט ניט... קלעזמער שפּילן אין שטעטל. זיינע עלטערן, אין זייד און אין סאַמעט געקליידט, פירן אים, זייער זון, צו דער חופּה. די כלה, מיט צירונג באַהאַנגען — זיינע מתנות צו איר. שונאים זיינען גוטע-פריינט געוואָרן, צו זיין חתונה געקומען. מען ווינטשט אים מזל-טוב, מען טרינקט "טאָסטן", מ'האַלט רעדעס, מ'לויבט אים... נאָר עפּעס א וואָרים טאָטשעט ערגעץ טיף אין האַרצן און דערמאָנט אים זיינע צייטן אין אָדעס, ווען ער האָט מאָגולעפּסקים "פּריקאַזטשיקעס" טראַקטירט מיט בראָנפן און פאַרבייסן; ווי זיי האָבן זיין בראָנפן געטרונקען און מיטן מויל אים געלויבט, און אין האַרצן גיפט פאַר אים געטראָגן...
און א געפיל פון האס און פאַראַכטונג צעגיסט זיך ווידער אין זיינע גלידער און פאַרסמט אים די גליקלעכע מינוטן פון זיין חתונה. ער גלויבט ניט זייערע רייד, ער פילט זייער פאַלשקייט און זייער שנאה צו אים, און — איי, ווי ער וואָלט זיי איצט גערן געשליידערט אין פּנים צוריק די יאָרן פון פּיין און דערנידעריקונג...

ענג, דערשטיקט צו ווערן איז אים געוואָרן אין זיין שטעטל. ער האָט דאָ דערגרייכט אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט: א גוט געשעפט, א פרוי, קינדער, א הויז — ווייטער גייען איז ניטאָ וואוהין... זיין גייסט זוכט עפּעס גרעסערס. זיינע פליגל וואָס ער האָט דערפילט אין זיך, מוזן האָבן מער פּלאַץ פאַר זייער שוואונג. ער פאַרקויפט אַלץ און פאָרט אַרויס מיט ווייב און קינדער קיין אָדעס.

* * * * *

אין זיין געיעג נאָך גרויסע רווחים האָט ער ניט באַמערקט ווי זיין היימיש גליק גליטשט זיך אַרויס פון אונטער זיינע פיס. א תהום האָט זיך געעפנט צווישן אים און זיין הויז-געזינט. פונקט ווי אַמאָל אין דער היים, ביי טאַטע-מאַמע, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט, אַז אין זיין אייגן הויז איז ער דער אַמווייניקסטנס וויכטיקער. די פרוי, די קינדער, זייערע פריינט און געסט זיינען א וועלט פאַר זיך. ער ווערט אינגאַנצן איגנאָרירט. קיינער באַמערקט

אים ניט, קיינער דאַרף אים ניט. אויף זיין ווייבס בעלער, פּאַרטיעס, איז ער ווי אַ פרעמדער. נייז, נאָך וויניקער ווי אַ פרעמדער — אַן איבעריקער . . .

יאָרן פון פּיין און ווייטיק, מינוטן פון גליק שוועבן און טראָגן זיך פאַרביי, ווי געטריבן פון ווינט.

וואָס עלטער עס ווערן די קינדער — אַלץ פרעמדער ווערן זיי צו אים, אַלץ גרעסער דער תהום. ער וויל זיך דערנענטערן צו זיי, צוציען זיי צו זיך. ער קויפט זיי מתנות, ער גיט זיי אַלץ נאָך . . . מען נעמט צו זיינע מתנות, מען וואַרפט אים אַמאָל צו אַ דאַנק און מען פאַרשווינדט. זיין האַרץ פרעסט זיך צוזאַמען פון ווייטיק. ער לעכצט נאָך אַ פריינטלעך וואָרט, נאָך אַ מענטשלעכן שמייכל, נאָך אַ פריינטלעכן געשפּרעך, און ער דערפילט ווי איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן פון שווערער אַרבעט, פון דערפאָלג און רייכטום, איז ער, פּונקט ווי אין די חדר־יאָרן — אַליין . . . אַליין קעגן אַלע, און ניטאָ מער וואוהין צו אַנטלויפן.

* * * * *

שווערע, ביטערע יאָרן, האָבן זיך אָנגערוקט אויף רוסלאַנד אידנטום. די צייטן פון קרושעוואַן און פּאַן־פּלעווע, די צייטן פון אַזמידאָוו און סואוואָרין, — יאָרן פון פּאָגראָמען אויף אידן, יאָרן פון פאַרפאָלגונגען.

פריער פאַר אַלע אַנדערע האָט ער איינגעזען די נויטווענדיקייט צו ראַטעווען וואָס מען קאָן און אַנטלויפן באַצייטנס. ער דערקלערט זיין פּלאַן צו דער פרוי, צו די קינדער. אַ שטורעם פון פּראָטעסטן גיסט זיך אויף זיין קאָפּ — רוסלאַנד בלייבט רוסלאַנד. זאָלן זיי לויפן, די וואָס האָבן ניט וואָס אָנצוואָווערן . . . אָבער זיי, זייער פּאָזיציע איז שטאַרק, זיי וועט מען ניט באַרירן. און ווידער איינער קעגן אַלע — פאַרקויפט דאָס געשעפט און פאָרט אוועק — איינער אַליין . . .

די קומענדיקע יאָרן האָבן באַוויזן ווי גערעכט ער איז געווען. צעראַבירטע און דערנידעריקטע, נאָך יאָרן פון הונגער און ליידן, האָט ער ביסלעכווייז אַרויסגעראַטעוועט זיין משפּחה, זיין פרוי און קינדער, און ווידער געבויט פאַר זיי אַ נייַ לעבן אין אַ נייעם לאַנד.

פליט און טראָגט זיך יאָרן פון לעבן, יאָרן פון צער. באַלד קומט דער ליכטיקער שטראַל פון זיין לעבן, ער שיינט אים אַנטקעגן . . . זיין עלטערן זון האָט ער צו דער חופּה געפירט, אַ גליקלעכער טאַטע געווען . . . די כלה, אַ טייער מיידל, די ערשטע פערזאָן אין זיין לעבן וואָס קושט אים צערטלעך, רופט אים "דעדי" און שמייכלט צו אים אַזוי ליבליך און פריינטלעך . . . האָט ענדלעך דער רבונו של עולם זיין צער דערזען, און אים זיין שכר צוגעטיילט ? . .

ווי פריער אַרבעט ער שווער און ביטער אינם נייעם לאַנד, אונטער גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען. ער מאַכט זיך זיין פּלאַץ אין לעבן, ער נעמט אַלץ אָן פאַר ליב. איצט, נאָך אַזויפיל יאָרן, ווייס ער, אַז זיין לעבן האָט אַ ציל, אַ תכלית. מיט פאַרגעניגן טראָגט ער פאַר זיינע קינדער, מיינענדיק דעם זון און זיין פרוי, פון דאָס בעסטע וואָס ער קאָן באַקומען: פּרוכט און עסנוואַרג, שיינע חפצים פאַרן הויז און אַמאָל אַ שטיקל צירונג . . . די שנור רעדט אים אויס, וואָרום ער גיט אויס אַזויפיל געלט אויף זיי:

— האָב זיך אין זינען, דעדי, — טענהט זי צו אים.

ווי אַנדערש זי איז פון אַלע איבעריקע . . . און ווען ער וואָלט צען לעבנס פאַרמאָגט, וואָלט ער איר דען ניט אוועקגעגעבן ? . . אַ זיסע, ליבע ווארימקייט צעגיסט זיך איבער זיינע גלידער, ווען ער דערמאָנט זיך אין דעם זיסן מלאכל, וואָס הייסט סערע, זיין שנור.

אַ נייער בליק, אַ נייע זון גייט אויף אין זיין לעבן: דאָס ערשטע אייניקל געבוירן. שרהלע איז מיט מזל געלעגן געוואָרן, און אַ ניי מלאכל אויף דער וועלט געבראַכט. און ער שוועבט אין דער לופטן — ווער איז דען גלייך צו אים ? . . ער טרעט ניט אָפּ פון איר בעט, קוקט איר אין די אויגן, וויל טרעפן, טאָמער דאַרף זי עפּעס; פרעגט זיך נאָך ביים דאָקטאָר, וואָס זי מעג עסן . . . ער פילט, אַז ער וואָלט אַ וועלט איבערגעקערט צוליב איר. מיט וואָס פאַר אַ ליבע און צערטלעכקייט ער "ניאַנטשעט" דאָס קינד, דאָס מלאכל, די קליינע ענעלע — נאָך זיין מאַמען אַ נאָמען. אַ קוואַל פון פרייד און ליבע האָט זיך אין אים געעפנט און פאַרפלייצט זיין נשמה מיט ליכט און וואַרימקייט.

וואָס עלטער עס ווערט דאָס קינד, אַלץ צוגעבונדענער ווערט זי צו אים און ער צו איר. אַ הייליקער בונד פון ליבע, טריישאַפט און חברשאַפט שטעלט זיך איין צווישן די דריי — שנור, אייניקל און זיידע.

קורץ איז געווען זיין גליק. זיין זון איז ניט געפעלן וויניפּעג און ער האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין לאָס־אַנדזשעלעס. פאָרן פאָרן האָט ער ניט פאַרגעסן צו לייען ביים טאַטן זיינע לעצטע דריי טויזנט דאָלאַר אַלס גמילות־חסד. איינזאַם און אַליין איז ער ווידער געבליבן אין אַ פרעמדער שטאָט, אָן מיטלען צום לעבן; אָן כוחות צו אַרבעטן. זיין איינציקע טרייסט: בריוו פון סערעלען, בריוו פון ענעלען. זייערע בריוו זיינען געווען באַלזאַם צו זיין קראַנקער נשמה. נאָך זיי האָט ער געבענקט, צו זיי האָט אים געצויגן, זיין נשמה איז געווען געקניפּט אין זייערע.

ליגנדיק איצט אויפן בעט, אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, האָט ער אַ טעלעגראַמע אַוועקגעשיקט צו זיי, מיט דער האָפענונג, טאָמער וועלן זיי קומען . . . זיי, סערע און ענעלע. ער מוז זיי זען נאָכאַמאָל, ער מוז — דאָס האַרץ ציט נאָך זיי, דאָס חיות גייט אוים . . . איין קוק און ער וועט גערן צוריקגעבן זיין נשמה.

איז עס אַ נס ? . . ווי פון נעפּל שוועבן אַרוים די געשטאַלטן פון סערעלען און ענעלען,ביידע אָנגעטאָן אין ווייסן . . . סערעלע איז קיין עין־הרע פולער געוואָרן, נאָך שענער ווי געווען, און ווי זי שמייכלט אים אַנט־קעגן . . . און ענעלע, ביי איר זייט, האַלט זיך שעמעוודיק אָן ביי דער מאַמעס קלייד . . . ווי זי איז קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן . . . זיי זיינען געקומען, זיי זיינען געקומען — ער האָט געוואוסט, אַז זיי וועלן קומען . . .

מיט אַלע כוחות זעצט ער זיך אויף אין בעט. ער זוכט זיי מיט די אויגן. עס קאָן דאָך ניט זיין . . . ווער האָט אים גענאַרט ? . . פאַרוואָס נאַרט מען אים ? . . פאַרוואָס קומען זיי ניט ? . . פאַרוואָס קומט עס אים אַזעלכע יסורים ? . . יאָ, פאַר . . .

און ניט־פאַרענדיקט איז געבליבן די לעצטע פראַגע . . .

דער פארמער

דער פארמער

— איר שרייבט? נו, מהיכי תיתי, שרייבט געזונטערהייט. נאָר הערט איר, טאָמער וועט אייך אמאָל אויספעלן שטאָף, הייסט עס, וועל איך אייך דערציילן מיין ביאָגראפיע, וועט איר האָבן צו שרייבן און צו שרייבן . . .

— א יאָ, איר קוקט מיך אָן, האַ? עס גלויבט זיך אייך ניט, אז אָט דער אלטער איד טראָגט אויף זיינע פּלייצעס א שטיק געשיכטע פון אידישער פאַרמעריי אין קאנאדע ? . . א מאסע זכרונות פון אידישע נצחונות איבער שונאים, וואָס האָבן אונדז געוואָלט אומברענגען, אויסראָטן בפועל ממש; זכרונות פון האפּענונגען און אנטוישונגען. נו, ניט איז ניט, נאָר אז איר וועט מיך דארפן ווייסט איר דאָך וואו מיך צו געפינען. איר טרעפט מיך כמעט שטענדיק אין בית־מדרש. סיידן אמאָל, בייטאָג, לייג איך זיך צו פאר א ווייליקנע . . .

אזוי האָט גערעדט דער אלטער ש., איינער פון די חשובסטע אידן אין מושב־זקנים. עס פארשטייט זיך, אז איך האָב גלייך פארזיכערט, אז איך בין שוין גאָר שטארק פאראינטערעסירט אין אלץ וואָס האָט א שייכות מיטן לעבן פון יעדן איינציקן פון מושב־זקנים, באזונדערס נאָך, ווען זיין לעבנס־געשיכטע איז פארבונדן מיטן קאמף פון אידישער פארמעריי, בין איך שוין ניט נאָר פאראינטערעסירט, נאָר ממש נייגעריק צו הערן יעדער וואָרט. און איך האָב זיך געבעטן ער זאָל מיר דערציילן. און ער האָט אָנגעהויבן:

— איר מיינט איך ווייס טאקע וואָס צו דערציילן ? . . אסור זאָל מיר זיין אויב איך הויב אָן צו וויסן פונוואנען מ'הויבט אָן. נאָר ווי זאָגט זיך דאָרט, אין פּרקי אָבות, איזהו חכם, ווער איז א קלוגער? המשיב, וואָס ענטפערט, על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. ניין, ניט אזוי ? . .

"הכלל, בינען בין איך געבוירן געוואָרן אין א קליין שטעטעלע אין גאליציע, זאסטאוונע, האָט עס געהייסן. דער פאָטער מיינער, זאָל ווייט אָפּגעשיידט זיין פון אונדז , איז געווען וואָס מ'רופט ביי אונדז, א פּאכטער. ביי אייך הייסט עס אָן "ארענדאר". ס'הייסט, ער פלעגט אָפּדינגען ערד ביי די פּריצים און באארבעטן, אמאָל אליין, אמאָל אוועקגעבן צו גויים באארבעטן אויף דער האלב. א חוץ לאנד האָט מיין פאָטער ע"ה געהאלטן אין ארענדע אויך דעם פּריצים מיל.

"צי מיין פאָטער איז געווען רייך צי אָרים? צי ס'איז געווען גוט אָדער שלעכט? דאָס געדענק איך קוים, וואָרום נאָך איידער איך בין אלט געוואָרן דרייצן יאָר, האָט ער זיך אוועקגעלייגט אין בעט, האָט אָפּגעקרענקט דריי יאָר און איז געשטאָרבן. און אזוי ווי איך בין געווען דער איינציקער זון וואָס איז פארבליבן אין הויז — די איבעריקע האָבן חתונה געהאט און זיינען זיך צעפאָרן בכל תפוצות־ישראל — איז אויף מיר געפאַלן די לאסט צו מאכן א לעבן פאר זיך און פאר מיין מוטער, און אויפהאלטן דאָס הויז.

"ווען איך בין אַלט געוואָרן איין־און־צוואַנציק יאָר, האָב איך חתונה געהאַט און אין צוויי יאָר אַרום האָט זיך צו אונדז דערטראָגן די גרויסע בשורה פון א לאַנד, קאַנאַדע, וואו די רעגירונג שענקט אומזיסט הונדערט און זעכציק אַקער לאַנד פאַר יעדער משפחה.

"אָט אין יענעם אָוונט האָבן מיר, איך און מיין יונג ווייבל, זיך אָוועקגעזעצט און גענומען מאַכן א חשבון־הנפש: וואָס וועט זיין פון אונדז דער תכלית? איין קינד איז שוין געווען, באַלד וועט קומען נאָך און, פּרנסה? איר ווייסט דאָך אידישע פּרנסות — רויך און ווינט, ווינט און רויך, און איין איך דעם צווייטן פאַרגינט ניט דעם ביסן . . . ניט חלילה מחמת שלעכט־קייט, נאָר די פינצטערע פּרנסות . . . און דאָרט וואַלגערט זיך פרייע ערד. ניין, מיר בלייבן דאָ ניט. אַזוי איז ביי אונדז ביידן געבליבן. איך וועל מאַכן אַלץ צו געלט און אַוועקפאָרן אַליין, און זי וועט דערווייל בלייבן ביים הויז, ביים שטיקל פּרנסה, ביז איך וועל זי אַרויספאָדערן צו זיך.

"אָנגעקומען בין איך לכתחילה אַלס פאַרם־אַרבעטער צו אַן אַלטן אידישן פאַרמער, אין אַקסבאָו, סאַסק., ר' יעקב פּירס האָט ער געהייסן — שוין איצט א שוכן עפר. א בייזער איך געווען, אָבער א פאַרמער איז ער גע־ווען איינער פון די בעסטע. דער עיקר, איך האָב ביי אים ניט געדאַרפט אַר־בעטן אום שבת. אַזוי האָב איך אָפּגעאַרבעט אַריבער א יאָר און גענומען אַליין פאַר זיך א האָמסטעד. פון מיינע פאַרדינסטן האָב איך זיך געקויפט א פּאָר אָקסן, אַן אַקער־אייזן, געשיקט נאָך דער פרוי מיטן קינד און זיך גענומען ברעכן דאָס לאַנד.

זינגט ווען מ'דאַרף וויינען און וויינט ווען מ'דאַרף זינגען

"איר הערט, מיר אידן זיינען א טייער פאָלק. זאָלן שונאים אויף אונדז אויסטראַכטן וואָס פאַר א בלבולים זיי ווילן, זיי הויבן אונדז ניט אָן צו קענען. ווי אַזוי מיר האָבן זיך אָפּגעמוטשעט דאָס ערשטע יאָר וויים נאָר איין גאָט דעם אמת. גענוג וועט פאַר אייך זיין, ווען איך וועל אייך זאָגן: איך האָב דאָס ערשטע יאָר אויסגעקאָרטשעט און אויפגעבראָכן אַכט אַקער לאַנד. אַז ס'איז געקומען צו זייען האָב איך מיר אַליין געמאַכט א "בּאָראָנע" פון האָלץ און איך האָב געזייט און מיין יונג ווייבעלע מיט אירע קליינע, צאַרטע הענט, האָט געטריבן די אָקסן, נאָכגעגאַנגען דער "בּאָראָנע" און געזונגען אויפן קול, אַז דאָס פעלד איז פול געוואָרן מיט איר געזאַנג. אַז איך האָב זי געפרעגט:

— "ס'טייטש, אשה, עס שטייט דאָך ביי אונדז אין תהלים: הזורעים בדמעה ? . .

"הויבט זי אויף איר קאָפּ, טוט אויף מיר א קוק און מאַכט צו מיר:

— "יונה, אונדזער זייען איז שוין אויך שניט . . . אַז גאָט האָט אונדז געהאָלפן, אַז מיר אַקערן און זייען אונדזער אייגן לאַנד, מעגן מיר זינגען — טראַ־לאַ־לאַ ! . . צאַב־צאַבע . . . טראַ־לאַ־לאַ ! . .

"אָט אַזוי ווי איך זאָג אייך. אין דער אמתן האָב איך אַליין אויך געפילט ניט נאָר ווי צו זינגען, נאָר אפילו טאַנצן. וואָרום אַז איך האָב אַרומ־

גענומען מיטן אויג דעם גאַנצן שטח לאַנד, וואָס איז מיינס, און אַז איך קאָן זאָגן זה חלקי ונחלתי, האָב איך אוואַדע געלויבט דעם רבונו של עולם.

"הכלל, יענעם האַרבסט האָב איך געדראָשן פּערציק בושל צום אַקער ווייץ, און ווייץ — ממש פּערל ניט קיין ווייץ . . . אויסגעדראָשן, אַנגעלייגט אַ גרויסע פור מיט זעק און היידא — קיין מוסאָמין. קיין עלעוואַטאָרס און באַנען זיינען נאָך דאַן ניט געווען אין אָקסבאָו, האָט מען אַלץ געדאַרפט פירן קיין מוסאָמין, אַ מהלך פון אַכציק מייל. צוריק בין איך געקומען אָנגעלאָדן מיט כל־טוב: צען זעק מעל, אַ זעקל געלן צוקער — דעם ערשטן צוקער וואָס איך האָב פאַרזוכט אין קאַנאַדע — אַ נייע פּאָר אָוועראָלס, אַ נייע פּאָר שיך. אַז "מיינע" האָט דאָס דערזען שיסט זי אַרויס אין אַ געוויין:

— "יונה, — מאַכט זי צו מיר, און פאַרגיסט זיך אין טרערן, — זע, וואָס פאַר אַ גרויסן גאָט מיר האָבן ! . .

— "אידענע, — מאַך איך צו איר, — ווען מען האָט באַדאַרפט וויינען, האָסטו געזונגען . . . און איצט, אַז גאָט האָט אונדז געהאָלפן צו עסן אונדזער אייגן פאַרהאָרעוועט ברויט, פון אונדזער אייגענער ערד, וויינסטו גאָר . . .

"אָבער דאָס זיינען געווען טרערן פון פרייד . . .

אַ שכן — אַ רשע

"נאָענט צו מיין פאַרם איז געווען אַ קריסטלעכער פאַרמער, רידעל האָט ער געהייסן. האָט ער פיינט געהאַט אַ אידן ווי אַן אמתער המן.

"געווען איז דאָס באַלד נאָך פסח.די זון האָט געשיינט און געוואַרימט און דאָס לאַנד, אונטער אַקער, האָט זיך געשניטן און זיך אויסגעלייגט ווי שוואַרצער סאַמעט. אַן אַקער האָב איך שוין געהאַט אַ מאָדערנעם, מיט דריי אייזנס, מיט אַ גוטן זיץ. האָב איך זיך איינגעאָרדנט אַזוי, אַז איך האָב געטריבן די אָקסן און אין דער זעלבער צייט אַריינגעקוקט אין אַ ספר. די אָקסן האָבן שוין געוואוסט דעם וועג אפילו ווען מען האָט זיך באַדאַרפט פאַרקירעווען. קומט צו מיר צו רידעל מיט אַ טענה:

— "אָט אַזוי אַקערט מען? טו נאָר אַ קוק אויף דער ליין, ווי קרום זי איז. אַזעלכע פאַרמערס דאַרף מען ניט אין קאַנאַדע, — און ער קוקט אויף מיר ממש ווי דורס צו זיין מיך.

"כאַפּ איך אַ קוק אויף דער ליין און טראַכט זיך: גערעכט איז דער גוי. טאַקע עפּעס ניט גלייך. די אָקסן האָבן אפנים זיך אויך פאַרטראַכט און בינו לבינו טו איך אַ קוק אויפן ספר — דאָס איז געווען דער 'עיט צבוע' — און טו אַזוי אַ זאָג צו אים:

—"הערסטו, רידעל, יעדער מענטש איז ביי גאָט אין די הענט, און אַ פאַרמער, אוואַדע און אוואַדע . . . איז קאָן זיך גאָר טרעפן, אַז עס זאָל מיר מצליח זיין און איך זאָל קריגן פון די דאָזיקע קרומע "באָראָנעס" מער ווי דו פון דיינע גלייכע, — און טו אַ טרייב די אָקסן און לאָז אים שטיין.

"יענעם זומער זיינען געווען די אמתע ווינטן. רידעלס פֿאַרם איז געווען אויף א באַרג, אין דער הויך, האָט דאָרט אַלץ אויסגעטריקנט און אויסגעבלאָזן די זריעה. ביי מיר איז געווען סאַמע קרקע־בתולה, ערשט אויפֿגעבראָכן, איז געווען אזא מין גערעטעניש, אז מען איז געקומען קוקן אויף חידושים. פֿאַר איך אזוי איינמאָל מיטן "ביינדער" און שנייד, און יעדער גאַרב איז גרויס און שווער, אז דאָס האַרץ טאַנצט אזש פֿון שמחה. איך טו א קוק — רידעל איז דאָ . . . גוט־מאָרגן, גוט־יאָר . . . כ'זע, ער הויבט אויף א סנאָפּ און וועגט אים אין דער לופֿט. ער דרעשט אויס א פּאָר זאַנגען אין דער האַנט, בלאָזט אויס די מעקענע, פֿאַרזוכט די ווייץ און גייט צו צו מיר מיט אן אויסגעשטרעקטער האַנט:

— "איי אַ יו אן אַפּאָלאָדזשי, ס'הייסט איך בעט דיך מחילה . . . געדענקסט, — מאַכט ער צו מיר, — ווען איך האָב דיר "געסטראַמעט" פֿאַר דיינע קרומע "באַראַנעס", האָסטו מיר געזאָגט, אז גאָט קאָן אמאָל געבן מער פֿון דיינע קרומע ליניעס ווי פֿון מיינע גלייכע ? . . דו ביסט גערעכט געווען. גאָט האָט מיך געשטראָפֿט, איך האָב גאָר קיין קראָפּ ניט. טאַ זיי מיר כאָטש דו מוחל . . .

"נו, אוואַדע האָב איך אים מוחל געווען. נאָר געפֿילט האָב איך, אז דער קריסט איז מלא רציחה, אז אין האַרצן ברענט ביי אים א פֿייער, און, כ'ווייס ניט פֿאַרוואָס . . . און אפֿשר האָב איך יאָ געוואוסט — איך בין דאָך א איד . . .

"מיר האָבן זיך נוהג געווען, אַלע קאָלאָניסטן, אז שבת פֿלעגן מיר רוען און זונטיק האָבן מיר געאַרבעט. מאַכט זיך איינמאָל, מ'רופֿט מיך צום "דזשאַסטיס אָף פּיס". וואָס איז? רידעל האָט זיך באַקלאָגט, אז איך בין מחלל זונטיק, אז בעת ער פֿאָרט אין קלויסטער מיט דער ווייב און קינדער, אַרבעט איך אין פֿעלד, און דאָס האָט פֿאַרדאַרבנדיקע ווירקונג אויף דער מאָראַל פֿון זיינע קינדער.

"מילא, אז מען רופֿט מוז מען גיין. געקומען פֿאַרן ריכטער דערציילט איך אים, אז ביי מיר איז שבת דער טאָג פֿון רו, ווייל אזוי האָט גאָט געהייסן; אז איך האָב קיינמאָל ניט געאַרבעט שבת און, אז צוויי טעג רוען קאָן א פֿאַרמער ניט באַהויפּטן, און זאָל ער טאָן ווי ער פֿאַרשטייט.

"קוקט אַריין דער ריכטער אין א בוך, לייגט אים אַוועק און נעמט א צווייטן. קוקט אויף מיר און אויף מיין אַנקלעגער, און רופֿט זיך אָן צו מיר:

— "שבת אַרבעסטו ניט ? . .

— "אויף מיין לעבן ניט געאַרבעט, — זאָג איך.

— "נו, טאַ פֿאָר אהיים און אַרבעט ווייטער ניט אום שבת, — מאַכט ער צו מיר, — און זונטיק מעגסטו אַרבעטן אויף דיין לאַנד. דו טאָרסט נאָר ניט פֿירן קיין ווייץ אין עלעוואַטאָר אַריין.

"און צום גוי ווענדעט ער זיך מיט א דרשה און גיט אים אן אמתע גאָב. און איך הער זיך איין און טראַכט זיך: רבונו של עולם, וואָס פֿאַר א גרויסן גאָט מיר האָבן . . .

"מיינט איר דאָך אַז דערמיט האָט זיך עס געענדיקט — האָט איר א טעות . . . דער גוי האָט זיך פארנומען, ער מוז מיך נאָר עוקר זיין פון דאָרט. נעמט ער און אַפּעלירט די "קייס", און איך מוז פאָרן צו א דיסטריקט ריכטער, קיין מוסאָמין. העלפט גאָט און דער ריכטער אין מוסאָמין איז גאָר ליבעראלער פונם ערשטן, און דער גוי כאַפּט א מפּלה, אַז ער ווייס ניט וואו אהינצוטאָן זיך פאַר בושה. דערווייל זיינען מיט מיר מיטגעפאָרן עטלעכע אידן, ווייל זונטיק־ארבעט האָט געמיינט זייער א סך פאַר די פאַרמערס.

"כ'קום ארויס פון געריכט, כאַפּן מיך אויף די אידן, מ'פאָרט אריין צום אלטן העפּנער אויף דער פארם און מ'שטעלט בראָנפן, לעקאַך און מען גייט א ריקודל — אָט ווי אמתע חסידים . . . דער אלטער פּירס איז אויך דאָן געווען, מאַכט ער:

— "אידן, לאָמיר זאָגן הלל, גאָט האָט מיט אונדז א נס געטאָן . . .

"איר פרעגט, ווי לאַנג איך האָב געפאַרמט? פינף און דרייסיק קיי־לעכדיקע יאָר, ווי איין טאָג — ווי איך זעט מיך א אידן . . .

"אָנגעפאַנגען מיט אָט־די צען פינגער, און ווען איך בין אראָפּ פון פארם און געקומען אין שטאָט אריין, האָב איך געבראַכט מיט זיך אכט־און־צוואַנציק טויזנטער . . . אָנגעפאַנגען מיט איין פערטל סעקשאָן לאַנד און געענדיקט מיט צוויי גאַנצע סעקשאָנס, מיט א הויז, מיט מאַשינערי, מיט פערד און בהמות . . .

"איך זע, איר וואונדערט זיך — ווי קום איך צו זיין אין מושב־זקנים? ווילט איר פרעגן. איז פארשטייט איר מיך, א איד, א פאַרמער, איז בטבע א גלויביקער. ער מוז גלויבן אין גאָט — גלויבט ער אויך אין מענטשן, אין נאמנות, אין יושר, אין אמת . . . און ביי אייך אין וויניפּעג, ניט אויס־גערעדט זאָל זיין, זיינען דאָ אידן, וואָס זייער איינציקער גאָט איז דער דאָלאַר. אָבער איך גיי אייך דאָ ניט מלשין זיין אויף קיין אידן חלילה. מסתמא זיינען דאָ אמתע אידן אויך. אוואדע זיינען זיי דאָ . . . ווי אַזוי אָבער איך בין גע־בליבן פון א איד א גביר, קאָן מען זאָגן, צו א מחוסר לחם, איז א צו לאַנגע געשיכטע. דער פאַקט איז איך בין דאָ, און גאָט צו דאַנקען דערפאַר . . . געוואָלט האָב איך אייך גאָר דערציילן א פּאָר טשיקאַווע געשיכטעס פון אידי־שער פאַרמעריי, פון אידן, וואָס זיינען זיך שונאים אויפן לעבן, איינער מיטן צווייטן אויף מעסער־שטעכן . . . איז הערט אויסנע:

"איר זעט אָט־די צוויי הענט? טוט פאַר א טשיקאַוועס א טאַפּ. א יאָ, ווי פּאַדעשוועס? איר וועט ניט געפינען ביי קיינעם דאָ אַזעלכע הענט — דאָס איז מיין אַטעסטאַט אַלס פאַרמער.

"אָט די צוויי הענט האָבן געקאַרטשעוועט, געבראָכן לאַנד, געקליבן שטיינער, געגאַנגען מיטן פּלוג, געאַקערט, געזייט, געשניטן און געדראָשן, געבויט הייזער, שטאַלן, צוימען געהאַקט וואַלד און געזעגט האָלץ, געמאָלקן קי און געכאַוועט פערד, און טאָמער האָט מען געדאַרפט פאַרריכטן דעם שפּאָן בין איך ניט געגאַנגען זוכן קיין שאַרניק, ווי אַנדערע, נאָר אַוועק־געזעצט זיך און פאַרריכט . . . האָט מען געדאַרפט בויען א הויז — איז פאַרקאַטשעט די אַרבל און ס'איז באַשאַפן געוואָרן.

"און ווייסט איר פאַרוואָס? איר מיינט איך בין אזא בריה? חלילה. עס זיינען געווען ארום אַקסבאָו בעסערע פארמערס פון מיר. איך האָב אייך שוין דערציילט פון יעקב פּירס ע"ה, מיט זיינע זין. א טייערער פארמער געווען. די ווייב זיינע, אַן אמתע צדקת — א רבס א טאָכטער געווען, נאָר א פּאַרמערקע, איר האָט גאָר אזוינס געדאַרפט זוכן מיט ליכט . . .

"דער אלטער העפנער איז אויך געווען א טייערער פארמער, דער אמתער האַרעפּאַשניק. א קמצן א איד געווען, זאָל ער זיין ווייט אָפּגעשיידט פון אונדז. נאָר טאָמער האָט מען באַדאַרפט העלפן א אידן — איז בלב ונפש ממש . . .

"געווען דאָרט נאָך א איד, טאקע א נאָענטער שכן מיינער. ער לעבט נאָך היינט אויך, זאָל ער לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. אָט־טאקע פון אים וויל איך אייך עפּעס דערציילן. סער האָט ער געהייסן, אָבער איך זע שוין אז איך כאַפּ די פיש פאַר דער נעץ . . .

"אוואַדע זיינען אויך געווען בעסערע פארמערס פון מיר. עס זיינען אָבער אויך געווען א סך, א סך ערגערע, שלימזלניקעס און פוילענצער, און אזעלכע וואָס האָבן רק געהאַט טענות צו דער וועלט. נאָר איין זאַך מוזט איר געדענקען, די גוטע, ווי די שלעכטע פארמערס האָבן געהאַט איין גרויס פאַרדינסט — זיי האָבן אלע מקדש השם געווען.

"צווישן אלע פארמערס פון אונדזער געגנט איז ניט געווען קיין איינער וואָס האָט ניט געטראָגן ערגעץ אין הארצן א געפיל, אז ער טרעט אויס א וועג פאַר אידן אין א ניי לאַנד. און ס'איז נויטיק געווען צו ליידן, פאַרשווארצט ווערן, זיין אָפּגעריסן פון אידן, פון דער וועלט, כדי צו ווייזן דער וועלט, און אפשר טאקע אויך זיך, אז אידן טויגן אויך צו ערד־ארבעט, אז מיר זיינען ניט ערגער פון אַנדערע. עס איז געווען אָט־דער אידעאַל וואָס האָט גורם געווען, אז אידן וועלכע זיינען אלע געווען גרויס־שטאָטישע מענטשן, געוווינט צו א פאַרהעלטנסמעסיק גרינגן לעבן, צו אַנדערע קלימאַ־טישע באַדינגונגען, זאָלן קאָנען איבערטראָגן דאָס איינזאַמע לעבן אין א סאַסקאַטשעוואַנער פּריירי, דעם קאַנאַדער ווינטער מיט די ברענענדיקע פרעסט, מיט די לאַנגע, קאַלטע און פינצטערע נעכט, מיט די ברויזנדיקע שטורעם־ווינטן און וואָיענדיקע וועלף.

"כ'בעט אייך, איר ווייסט, וואָס עס מיינט צו זיין פאַרשטעקט ערגעץ אין א "כאַטקע", אינמיטן א פעלד, מיילן און מיילן פון א מענטשלעכן ישוב, ארום און ארום בערג פון שניי און דער ווינט קערט וועלטן אין דרויסן, און דו הערסט זיך איין צו מאָדנע קולות, וואָס דערטראָגן זיך צו דיר און מאַכן פאַרקילן דאָס בלוט אין דייַנע אָדערן, ווייל דו ווייסט, אז דאָס זיינען די קולות פון א מחנה וועלף, און עס פלאַטערט אין דיר דאָס האַרץ און די נשמה און דו ווילסט וויסן וואָס ס'וועט בלייבן אויף מאָרגן פון דייַנע פערד און בהמות . . . און דאָך, ווען מ'האָט א טראַכט געטאָן אויף צוריק, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט אין דער אלטער היים, איז לכל הפּחות דאָ קאָן מען זיך ווערן קעגן די פיר־פיסיקע וועלף מיט א ביקס, דורך צינדן א פייער; בעת דאָרט, אין דער אלטער היים, זיינען די ווילדע חיות גאָר געווען באַוואָפנט מיט ביקסן און געצונדן פייערן ניט פון שטרוי נאָר פון אידיש האָב און גוטס . . . איז, גלויבט מיר, האָט מען אלץ אָנגענומען פאַר ליב און טייער".

אידן זיינען זיך שונאים — די פראגע פון מי יאכילנו בשר — אידישע קאנטראבאנדע

"און איצט קום איך צו דער געשיכטע, וואס איך האב אייך געוואלט דערציילן, וועגן דעם פארמער סער.

"וויסן דארפט איר, אז אין אקסבאו, אין ק'אפעל און אין מוסאמין זיינען תמיד געווען צווייערליי אידישע פארמערס: פארמערס וועמען מיר האבן גערופן קעסט-קינדער און פארמערס וועמען זיי (די קעסט-קינדער), האבן גערופן "ממזרים". א יא, איר חידושט זיך? וואס הייסט, אידן זאלן רופן אנדערע אידן ממזרים ? . . און צוריק ריידנדיק, וואס עפעס פאר א נאמען "קעסט-קינדער"? אז אין דער אמתן איז אז אד און ווי געווען צו די קעסט, וואס זיי האבן געהאט.

"מילא, מסתמא פארשטייט איר שוין אליין, אז מיטן נאמען קעסט־קינדער האבן מיר באשאנקען די פארמערס, וועלכע זיינען געווען אונטער דער פראטעקציע פון באראן הירש, און "ממזרים" האבן געהייסן אלע יענע פארמערס, וועלכע האבן מוחל געווען דעם באראן הירש זיינע טובות, מיט זיינע אפעקונעס און טשינאווניקעס, און האבן ליבערשט געפארמט אויף אייגענער אחריות.

עס פארשטייט זיך, אז ביידע מחנות האבן זיך געהאלטן פאר די מיוחסים און די אנדערע, עט . . . סתם אורחא פורחא . . . פרעגט זיי אלע־מען, וואס זיי האבן געהאט איינע צו די אנדערע, און וואס איז געווען מיט זיי דער יחוס . . . נאר אזוי זיינען שוין אידן. קומט זיך נאר צוזאמען א מנין פון זיי, אזוי הויבט באלד אן צו טאנצן דער שטן צווישן דער מחנה און עס ווערט באשאפן א פירוד לבבות.

"מאכט זיך אזא פאל: די ערשטע צוויי־דריי יאר האבן מיר קיינער ניט געהאט קיין פלייש. קיין שוחט איז ניט געווען; קיין באן, ווי היינט, אוודע ניט — איז מען פארשווארצט געווארן אויף די יארן און טעג . . .

"הערט איר, ווען א מענטש הארעוועט אזוי שווער און ביטער ווי מיר האבן געהארעוועט און מען דארף אפקומען מיט א קארטאפל און מיט א גלאז מילך, הויבט מען אן צו פארשטיין די טענות פונם דור־המדבר, ווען זיי זיינען באפאלן משהן און געפאדערט "מי יאכילנו בשר" — ווער וועט אונדז געבן פלייש צו עסן . . .

"ויהי היום, און דאס איז דאך א כלל גדול, אז וואו א ויהי איז א צרה . . . קומט אראפ אן אינספעקטאר פון פאריז, געשיקט פון דער "איקא", צו באטראכטן ווי אזוי זיינע אידעלעך האבן זיך איינגעארדנט. כ'קאן אייך ניט זאגן, וואס ער האט זיך געטראכט, דערזעענדיק זיין מלוכה פון אפגע־צערטע, אויסגעמוטשעטע, פארהונגערטע און פארחלשטע מענער, פרויען און קינדער, אפגעריסענע און אפגעשליסענע, אז איך זאג אייך, אז די ציגייַ־נער אין ביידלעך און די בעטלער אין די מערק האבן באדארפט אויסזען ווי פרינצן קעגן זיי . . . וויל ער וויסן, דער פריץ, פארוואס זיי זען אויס אזוי

שלעכט. טרעט ער ארויס, אָט דער מר. סער, מיט א מענה־לשון און דער־קלערט אים, אז די מענטשן האָבן ניט פארזוכט דעם טעם פון פלייש פאר די לעצטע דריי יאָר, און אז די מענטשן פאַלן פון די פיס; אז ס'איז א סכנה פאר די יונגע קינדער . . . וואונדערט ער זיך, דער פריץ: וואָס הייסט, זיי האָבן ניט קיין פלייש? ווייניק בהמות, קעלבער און עופות האָבן זיי ? . . גיט מען אים צו פארשטיין וועגן הלכות שחיטה, אז אידן מוזן האָבן א שוחט, כדי זיי זאָלן קאָנען עסן פלייש.

„עס האָט ניט גענומען קיין צוויי וואָכן, קומט אָן א טעלעגראַמע — א שוחט קומט, באַראָן הירש האָט ארויסגעשיקט א שוחט . . . איז געוואָרן א גדולה מיט א פרייד. כ'קאָן אייך שווערן, אז אידן אין דער מדבר האָבן זיך געווים אזוי ניט געפרייט מיטן שליו. א קלייניקייט אויסצורעדן — איבער צוויי יאָר קיין ברעקל פלייש ניט פארזוכט . . . פרייען זיך אידן, פרייען מיר זיך אויך און מען װארט שוין אויפן שוחט ווי אויף משיחן.

„הכלל, גאָט האָט געהאָלפן, דער שוחט איז געקומען. די קעסט־קינדער האָבן געהאַט צווישן זיך איינעם, וואָס איז אמאָל געווען א קצב, האָט ער געשאָכטן א יונגן אָקס. אלע פארמערס זיינען זיך צונויפגעקומען נאָך פלייש. בין איך מסתמא אויך געקומען, און ריכט זיך: כ'וועל נעמען א פינף־און־צוואנציק אָדער דרייסיק פונט פלייש, וועט זיין אויף א פּאָר שבתים און אמאָל אינדערוואָכן, און ס'וועט אביסל אָפּכאַפּן דאָס הארץ.

„מילא, ביי וויב און קינדער איז גאָר די שמחה געווען אין לשער. די משפחה איז שוין קיין עין־הרע געוועז היבש, און אויסגעהונגערט איז מען געווען . . . נו, בין איך געקומען קיין אָקסבאָו און וואַרט גלייך מיט אלעמען. ערשט איך כאַפּ א קוק, מיינע אידן בלאָזן זיך עפּעס אויף מיר. ווערט מיר מסתמא גוט קאַלעמוטנע אויפן הארצן, נאָר כ'טראַכט זיך, אפשר ווייזט זיך מיר נאָר אויס. ערשט איך זע, אז עפּעס איז ניט גלאַט — מ'רעדט ניט צו מיר. כ'זאָג גוט־מאָרגן, פארדרייט מען די נאָז . . . רבונו של עולם, טראַכט איך זיך, וואָס האָב איך זיי געטאָן ? . .

„דערווייל האָט מען אָנגעפאַנגען אויסצוטיילן דאָס פלייש. ס'איז געוואָרן א שטופּעניש מיט א רייסעניש, ממש א בהלה. שטופּ איך זיך אויך און האַלט דאָס געלט אין דער לופטן און שריי אוים צום קצב:

—„ר' נחמן, א פינף־און־צוואנציק פונטלעד פאר מיר ! . .

„ערשט, ס'פליט א באָמבע: — ווער האָט גערופן די ממזרים אהער, ווער? מען האָט ניט אָנגעגרייט פאר זיי קיין פלייש. אונדזערע זיינען בילכער!

„און איידער איך האָב זיך ארומגעקוקט, האָט מען זיך גענומען שטויסן, און — אָט שטיי איך שוין העט פון הינטן . . . דאָ איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן הארצן. וואָס טוט זיך דאָ, רבונו של עולם? טראַכט איך זיך. נו, אז איך בין ניט פון באַראָן הירש, אָבער א איד בין איך דאָך . . . וואָס וואָלט ארן די אידן, אז זיי וועלן מיר געבן א חלק פלייש — איך וויל דאָך באַצאָלן . . .

„אָפּגעמאַכט האָב איך ביי זיך, אז אָן פלייש פאָר איך ניט צוריק אהיים. ס'איז מיר פּשוט ניט אָנגעשטאַנען פאר וויב און קינדער. ווענד איך זיך צו אן אנדערן, קנייטשט מען מיט די פּלייצעס, ווי איינער זאָגט: לאָז מיך געמאַך . . . טראַכט איך זיך: נארישקייטן, דער אָקס איז גרויס, עס

וועט נאָך בלייבן פאַר מיר אויך. זאָלן זיי זיך אָננעמען און צעפאָרן זיך, וועל איך שוין מיטן קצב ווי עס איז דורכקומען . . .

"ס'ווייזט אויס, אַז זיי האָבן פאַרשטאַנען מיין כוונה. געוועזן דאָרט איינער וואָס האָט געשפּילט די ראָל פון אַ קאָך־לעפל, איינער פון די אמתע עזות־פּנים. גייט ער צו צום קצב און שרייט אויס אויפן קול, אַז אַלע זאָלן הערן:

— "ר' נחמן, איר זאָלט גאָרניט דערוועגן צו געבן קיין פלייש צו ממזרים! איר הערט וואָס מען רעדט צו אייך ? . . און טאָמער וועט איר וועלן זיין אַ חכם און ניט פאָלגן, איז מאָרגן שוין דאָ אַן אַנדער קצב אויף אייער אָרט ! . .

"אָפּגעזאָגט, גענומען זיין חלק פלייש און שטופּט זיך דורכן עולם גלייך צו מיר און טוט אַזוי אַ זאָג: — אומזיסט אייער טרחה, ר' איך. דער שוחט איז אונדזערער און ס'איז ניטאָ קיין פלייש פון אייערטוועגן.

"פאַרשטיי איך שוין, אַז די שפּיל איז פאַרן טייוול. איך וועל דאָך ניט גיין אַ אידן מעביר נחלה זיין, אַז צוליב מיר זאָל ער זיין פּרנסה פאַרלירן. שפּאַן איך דאָס פערד און פאָר אַהיים, און אויפן האַרצן ווייס איין גאָט דעם אמת, וואָס איך האָב געפילט. עפּעס איז מיר ניט אָנגעשטאַנען דער גאַנצער ענין . . . כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. אויב אַזוי האַנדלען אידן, האָב איך זיך געטראַכט, טאָ וואָס פאַר אַ טענות קאָנען מיר האָבן צו די גוים ? . . פאַר איך אַזוי, איז געהאַקטע וואונדן און טראַכט, וואָס פאַר אַ תירוץ צו זאָגן דער ווייב און די קינדער, און טאַקע וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך להבא? טראַכט איך און טראַכט, און קאָן זיך ניט דערטראַכטן . . . און אויפן האַרצן ווערט מיר עפּעס אַזוי ביטער, אַז איך פיל ממש ווי צו וויינען. טאַקע אפשר אַ נאַרישקייט, אָבער . . .

"ערשט, ווען איך טראַכט אַזוי, הער איך ווי אימעצער יאָגט הינטער מיר מיט אַ פּאָר פערד. כ'טו אַ קוק, מר. סער שמייסט די פערד אויף וואָס די וועלט שטייט און וויל מיך דעריאָגן. פאַרשטיי איך ניט, וואָס קאָן ער וועלן פון מיר. נאָר אַביסל גרינגער אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן, כ'וועל זיך כאָטש קאָנען אויסטענהן אַביסל . . . הכלל, ער האָט מיך דעריאָגט און טוט מיך אַ פרעג:

—"איר האָט ביי זיך צוויי דאָלאַר?

"טראַכט איך זיך, מסתמא האָט ער ניט מיט וואָס צו קויפן פלייש, און נעם אַרויס צוויי דאָלאַר און גיב אים. דערלאַנגט ער מיר צוואַנציק סענט אויסגאָב און טוט אַ וואָרף צו מיר אין וואָגן אַ פּעקל איינגעוויקלט אין אַ זאַק:

—"דאָ האָט איר דרייסיק פונט פלייש. זאָגט נאָר קיינעם ניט. ווען עס וועט זיין פלייש וועל איך אייך ברענגען, נאָר ס'זאָל קיינער ניט וויסן . . .

"אָט אַזוי איז מר. סער געוואָרן אַ קאָנטראַבאַנדיסט צוליב אונדז, און מעגט איר מיר גלויבן, וואָס מיר האָבן אים אָנגעוואונטשן און וואָס מיר ווינטשן אים נאָך איצט זאָל אים ביישטיין אויף זיין גאַנץ לעבן . . .

"אָט דער מר. סער האָט נאָכדעם געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין מיין לעבן אַלס פאַרמער, אָבער דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער ענין".

פאפירענע קינדער

פאפירענע קינדער

מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט דעם אידן איז געווען מיט צוויי יאָר צוריק. א קליינינקער, א דאריגקער, ממש הויט און ביינער, אָבער אין דער זעלבער צייט א ספריטנער אידל, פול מיט ענערגיע און לעבנס־לוסט. קיינער וואָלט ניט געגלויבט אויף דעם מענטשן, אז ער איז שוין העט־העט אריבער דעם זיבעטן צענדליק. זיין צימער איז תמיד ריין און זויבער און ער לאָזט קיינעם ניט צורירן זיך צו עפּעס, וואָס איז שייך צו אים.

אליין ראמט ער דאָס צימער, אליין מאכט ער דאָס בעט, אליין וואשט ער זיין געפעס, זיין גלאָז, זיין טעלער און לעפל, פּוצט זיינע חפצים און שטויבט און רייניקט אלץ ווי די בעסטע באלעבאָסטע. האָבן טאקע די אלטע אים א נאָמען געגעבן "די מויד"... די ווייבער, פארקערט, האָבן פאר אים אן אנדער נאָמען: דער "פראנט", דער "שטשעגאָל", ווייל שטענדיק גייט ער ארום א פארפּוצטער, מיט א ווייסן קאמזויל און געפּרעסטע הויזן מיטן קנייטש. אויף זיינע מלבושים וועט איר ניט געפינען קיין שפּרינקעלע. זומער טראָגט ער א ווייכע העט מיטן קנייטש אין דער מיט און מיטן שטעקעלע אין דער האנט, מאכט ער דעם איינדרוק פון נאָד גאָר א יונגנמאן.

איך בין געשטאנען אין זיין קליין צימערל. פונם האלב־אָפענעם פענצטער האָט געבלאָזן א קיל ווינטל פון דער "לעין".

— איך האָב ליב דאָס פענצטער זאָל מיר שטענדיק זיין אָפן, — האָט ער פארקאפּט מיין חידושן זיך, ווייל די מערסטע אלטע האָבן פּחד פאר אן אָפענעם פענצטער.

דאָס צימערל איז געווען פארפּוצט און אָנגעשטעלט מיט פאָרהאנגען, מיט בילדער און שנה־טובה קארטלעך. איך האָב גענומען באטראכטן די בילדער: א יונג מיידל אין ווייסער חופּה־קלייד, מיט א גרויסן בלומען בוקעט איןביידע הענט.

— דאָס איז מיין עלטסטע טאָכטער, — האָט ער זיך פאר מיר בארימט, — זי וואוינט אין פילאדעלפיע. איר זעט? דאָס בילד איז גענומען געוואָרן אין אָדעס, מיט 35 יאָר צוריק. אָט דאָס איז איר זון, א דאָקטאָר, — האָט ער פון "ביוראָ" אראָפּגענומען א בילד פון אן אמעריקאנער סטודענט אין זיינע גראדואירונג קליידער, — איאָ, א שיינער יונגאטש? — האָט ער זיך מיט גאוה בארימט, — ער איז א דאָקטאָר, א גרויסער דאָקטאָר, ערגעץ לעבן פילאדעלפיע וואוינט ער. איך קאָן אים אפילו ניט. די טאָכטער מיינע, נעבעך, האָט געהאט מיין דאָליע... דער מאן, א שארלאטאן, א שארלאטאן, א גאָרניט... זי איבערגעלאָזט מיט דריי פּיצלעך קינדער און איז נעלם געוואָרן, אז מ׳ווייסט אפילו ניט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען. זי אָבער האָט געהאָרעוועט, איז פארשווארצט געוואָרן און די קינדער גע־בראכט צו א תכלית. אוואדע ווען איך בין געווען אינגער און געארבעט,

האָב איך איר אביסל צוגעהאָלפֿן, אביסל האָט איר מיין זון צוגעהאָלפֿן, אָבער איצט קאָן איך ניט. נאָר וואָס דאַרף זי מיך דען איצט? איצט קאָן זי שוין איר שטעטל אליין באַשטיין.

— איר זאָגט, — האָט איך זיך געווענדעט צו אים, — אַז אייער טאָכטער האָט געהאַט אייער "דאָליע". וואָס מיינט איר מיט דעם? האָט דען אייער פֿרוי אויך אוועקגעפֿאָרן?

— עד, מיין פֿריינד, ס'א סך צו דערציילן. הערט איר, ווען איך וואָלט געווען א שרייבער, וואָלט איך געקאָנט א גאַנץ בוך אָנשרייבן פֿון מיין לעבן. אָבער וואָס קומט אַרויס ? . .

— פֿונדעסטוועגן, דערציילט פּאַרט עפּעס, — האָב איך אים דער־מוטיקט.

— אָט ווי איר קוקט מיך אָן, דאַכט זיך, ניטאָ אויף וואָס א קוק צו טאָן, האַ? האָט איר מיך באַדאַרפֿט זען אין דער יוגנט — איר וואָלט זיך קיינמאָל ניט געגלויבט אַז דאָס איז דער זעלבער מענטש.

ווען איך פֿלעג אַרויסגיין אויף דער דעריבאַסאָווסקי שפּאַצירן, האָט ממש די ערד אונטער מיר געברענט. שטענדיק געקליידעט מיטן שיק נאָך דער לעצטער מאָדע. א פֿאַרדינער בין איך געווען א געזונטער — א "פֿריי־קאַזטשיק" געווען אין א גאַלאַנטעריינע געשעפֿט. און בין איך אויף א חתונה געקומען, זאָלט איר שוין גאָר ניט פֿרעגן — דער גאַנצער זאַל איז פֿול געווען מיט מיר. וואָרום א טענצער בין איך געווען שוין גאָר פֿון די אמתע. נו, נו, זאָגט אָבער די וועלט א ווערטל, אַז אַלע גוטע שווימער ווערן דערטרונקען. און דאָס איז אמת, ווי גאָלד, ממש ווי אָנגעמאָסטן אויף מיר.

פֿאַרגלוסט זיך מיר אַמאָל אַראָפּפֿאָרן אין מיין אייגן שטעטל, זיך ווייזן פֿאַר די פֿריינט און באַקאַנטע, א קוק טאָן וואָס עס מאַכן די אייגענע . . . געקומען אין שטעטל, מ'כאַפּט מיך פֿאַר אַן אבן טוב, מ'פּאַדיעט אַרום מיר, מ'לאַדט מיך אייך צו גאַסט, און דאָ — שדכנים דרייען א קאָפּ, דער באַלע־באָס וויל מיך פֿאַר אַן איידים; אַן אַנדערער וויל מיך פֿאַר זיין מעזינקע, זאָגט צו גאָלדענע בערג, אַריינגעמען אין געשעפֿט, געבן קעסט — אַז ממש דער קאָפּ האָט זיך מיר פֿאַרדרייט.

העלפֿט גאָט. איך גיי אויף א חתונה, טאַקע אין א פּאָר וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי איך בין געקומען. נו, פֿאַרשטייט איר דאָך, וואָס עס מיינט, פּאַרט אַן "אָדעסיסט". . . איז די מיידלעך ממש זיי קלעפּן זיך אַרום מיר ווי די בינען. איינע איז דאָרט געווען, ניט פֿון אונדזער שטאָט, נאָר פֿון בענדער, ספּעציעל געקומען צו דער חתונה. א מויד — א ברען, מיט צוויי שוואַרצע צעפּ ווי סמאָלע, און אויגן — גיהנומס צוויי; און טאַנצן האָט זי געטאַנצט, ווי א וויכער ממש וואָלט זיך איבערן זאַל געטראָגן; און א געלעכטער האָט עס געהאַט, אַז נאָך איצט, ווען איך דערמאָן זיך, גייט מיר איבער א שורך איבערן לייב.

הכּלל, ליבער פֿריינד, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, איך בין צונעזאָמען געוואָרן צו איר. אָט ממש ווי פֿאַרכּישופֿט . . . הכּלל, גאָט האָט

געהאָלפן מיר האָבן חתונה געהאט. קיין געלט האָט זי ניט געהאט — געווען אן אָרים מיידל. איך האָב געהאט אָפּגעשפּאָרט עטלעכע רובל, א נאָמען האָב איך געהאט אין אָדעס, איז אביסל פאר געלט, אביסל קרעדיט — איך האָב געעפנט א קלייט און ס'איז מיר אוועק גאָר ניט שלעכט. ס'הייסט קיין גביר בין איך ניט געווען, נאָר מיין קלייט איז געגאַנגען גאָר ניט שלעכט. און דאָ איז געבוירן געוואָרן א קינד און באלד דאָס צווייטע, און דאָס דריטע, און צו מיין גליק איז גאָר קיין שיר ניט געווען, וואָרום קינדער זיינען דאָס געווען ברילּיאַנטן ממש, איינס שענער פונם צווייטן.

נאָכן דריטן קינד האָט מיין ווייב זיך פארגלוסט: זי וועט מיר העלפן אין קלייט, זי וויל ניט שקלאַפן אין הויז . . . האָט זי גענומען א דינסט און איז געוואָרן אן אשת־חיל. און דאָ האָט זיך אָנגעפאַנגען מיין אומגליק. פון מיין קלייט האָט אָנגעהויבן פעלן און פעלן . . . איך האָב געפילט אז מיט יעדן טאָג גיי איך אונטער . . . הויב איך אָן זאָגן, בייזערן זיך — איז חיות ניט זיכער. בקיצור, אין א שיינעם פרימאָרגן, איז מיין פרוי נעלם געוואָרן און מיך איבערגעלאָזט מיט די קינדער — דאָס איינגסטע איז אַלט געווען צוויי יאָר — מיט א ליידיקער קלייט, ממש ליידיק.

הכלל, בלייבן אין שטעטל האָב איך ניט געקאָנט און טאָקע ניט גע־האַט מיט וואָס אויך, האָב איך געמאכט אַלץ צו געלט, געלאָזט די קינדער ביי שווער און שוויגער, און בין אוועק . . .

ווערן צוריק א משרת ביי יענעם, האָב איך ניט געוואָלט, בין איך אוועק קיין קישענעוו און דאָרט גענומען זיך צו מסחר. און הערט, אזוי האָט מיין לעבן דאַכט זיך קיין צוויי גראָשן ניט ווערט געהאַט, וואָרום וואָס האָב איך דען געהאַט פון מיין לעבן? נאָר האָב איך זיך גענומען צו מסחר, איז מיר שטענדיק געגאַנגען. ממש דאָס מזל איז מיר נאָכגעגאַנגען.

עס זיינען אוועק עטלעכע יאָר. איך פיר שוין גרויסע געשעפטן. איך פאָר יעדער יאָר קיין אָדעס, קויף אויף שווערע טויזנטער סחורה . . . איינ־מאָל, איך שטיי אזוי אין מיין געשעפט, עס אַרבעטן ביי מיר עטלעכע מענטשן, פאָרט צו דער ראַבינער, קומט אריין, זאָגט מיר דעם שיינעם —

— זדראַווסטוואַיטיע, גאַספּאַדין ב. איך דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן.

מהיכי תיתי, ווילסט רעדן, רעד. מסתמא, טראַכט איך זיך, וויל ער א נדבה פאר עפּעס, שלעכטע צייטן געווען דעמאָלסט אין קישענעוו. קרושע־וואַן, ימח שמו וזכרו, האָט געבושעוועט . . .

הכלל, איך גיי מיט אים אריין אין קאַנטאָר, טוט ער מיך א פרעג:

— איר האָט אוועקגעוואָרפן א ווייב מיט קינדער אין פּאַרעווקע?

איז מיר פאַרקילט געוואָרן מיין מאַמעס מילך, וואָס איך האָב אַמאָל געזוינגן. וואָס הייסט איך האָב אוועקגעוואָרפן? זי האָט דאָך מיך אוועק־געוואָרפן ! . .

הכלל, ער דערציילט מיר א גאַנצע חתונה, אז ביים איספּראַווניק זיי־נען דאָ פּאַפּירן און מען זוכט מיך, איז אָדער מען וועט מיך אַרעסטירן און

שיקן מיטן עטאפּ צו דער ווייב, אָדער איך זאָל געבן געלט און ברענגען דאָס ווייב אהער.

איר פאַרשטייט א געשיכטע? זי האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין געוואָרן גביר, זוכט זי צו ווערן צוריק א שותפטע מיינע.

הכלל, מיין פריינד, וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען, קיין ברירה האָב איך ניט געהאַט און זי איז געקומען. איז די ערשטע פּאָר חדשים געווען קוצעניו מוצעניו, אדרבא ואדרבא . . . אָבער באַלד זיינען איר די "זאַשפּרי־צעס" צוריק אָפּגעגאַנגען און עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַלטע חתונה. זי איז געוואָרן א שותפטע צו דער קאַסע, און דער גוטער יאָר וויים זי צו וואָס און צו וועמען נאָך. יעדער טאָג איז געוואָרן פאַר מיר א גיהנום. ביז איך האָב מער ניט געקאָנט איבערטראָגן, גענומען א פּאָר טויזנט רובל און זי איבערגעלאָזט מיט דער קלייט און מיט די "פּריקאַזטשיקעס" און בין אוועק.

דאָ האָב איך גענומען פּעדלען. דערנאָך געעפנט א קלייטל, און — אפּנים ווי אַזוי גאָט פירט אַזוי איז רעכט . . .

איר מיינט טאַקע אין אמתן, אַז נאָר יוספן האָט דער רבונו של עולם געשיקט אין פּאַרוים, ווי זאָגט זיך דאָרט: כי למחיה שלחני עליכם — ווייל פאַר א שפּייזער האָט ער מיך געשיקט צו זיין פאַר אייך ? . . זיין יוסף איז נאָר געווען דער ערשטער. נאָך אים געשעט די מעשה יוסף אין יעדן דור. וואָרום וואָלט איך ניט אַנטלאָפן פון קישענעוו דאַן מיט א פּאָר דאָלאַר, וואָלט פון אונדז אַלעמען קיין שריד ופליט ניט געבליבן.

באַלד זיינען אָנגעקומען די פּאָגראָמען. פון מיין קלייט, פון מיין הויז, פון מיין געלט איז געוואָרן אַש און רויך, און זי איז פון צרות און הונגער געשטאָרבן. די קינדער זיינען זיך צעלאָפן, ווער וואו עס האָט געקאָנט. עס האָט מיר גענומען דריי יאָר און שיינע עטלעכע טויזנטער ביז איך האָב זיי אַלע אַרויסגעראַטעוועט אהער.

און איצט, איר זעט די אַלע "פּיקטשעס"? דאָס איז מיין גאַנץ לעבן . . . א פּאַפּירן לעבן, הע ? . . אָבער אין יעדן פּאַפּיר ליגט א שטיק נשמה, א שטיק לעבן, און וויפל זכרונות יעדער פּאַפּירל רופט אַרויס . . .

קומט דער אָוונט, איך קום אַריין שלאָפן, שטיי איך אָט־דאָ פאַר דער וואַנט, פאַר דער "ביוראָ" און קוק, קוק אויף יעדן בילד. איך גיב זיי אין די הענט און איך רעד צו זיי. כ׳ווייס, זיי הערן מיך ניט. נו, איז וואָס? עס זיינען דאָך מיינע קינדער, מיינע אייניקלעך . . . ס׳איז דאָך אַלץ וואָס איך האָב, אַלץ וואָס איך האָב ווען געהאַט . . .

ר׳ אידל

ר׳ אידל

"איזהו עשיר, השמח בחלקו" — (פרקי אבות).
ווער איז אמת־רייך, דער וואס באנוגנט זיך מיט זיין פארמעגן.
(אויסצוג פון פרק).

ווער ס׳האט נאר כאטש איינמאל באזוכט דעם מושב־זקנים אין וויניפעג, דער מוז קאנען און געדענקען ר׳ יהודהן, אדער ווי מ׳רופט אים געוויינלעך — ר׳ אידל, דער שמש פונם מושב־זקנים.

אלע קאנען אים, ער קאן אלעמען. קומען אמאל "רעפארטערס" פון די ענגלישע צייטונגען, פרעגן זיי זיך רק נאך אויף אים, פאטאגראפירן אים און דרוקן זיין בילד אין גרויסן פארמאט אין זייערע צייטונגען. ר׳ אידל האלט אין זיין שופלאד א סך פון די דאזיקע בילדער. "זאל ליגן, ס׳שאדט ניט". ער האט זיך חלילה ניט מיט וואס צו שעמען, פארקערט, אדרבא, ער האט זיך מיט וואס צו בארימען, ער זאל נאר וועלן . . . נאר ר׳אידל איז דווקא ניט קיין בארימער. ער האט בכלל פיינט צו רעדן פון זיך. נאר אויב איר האט געוואונען זיין פריינדשאפט און צוטרוי, איז מהיכי תיתי, פארוואס ניט . . .

ר׳ אידל באלאנגט צו דעם סארט אידן, וואס אויב איר האט אים איין מאל געזען, קאנט איר אים קיינמאל ניט פארגעסן. קורץ און דאר, מיט א גרויסער ברייטער בארד, וואס ציט זיך צום גארטל, שטעלט ער פאר מיט זיך א לעבעדיקע אפלייקענונג פון דער רוימישער מאטא: "א געזונטע נשמה קאן נאר געמאלט זיין אין א געזונטן קערפער".

אט ווי קליין, דאר און אלט ר׳ אידל איז קערפערלעך, איז ער יונג און שטארק אין גייסט. אויף אים האט אמאל אן אלטער געזאגט אן אמתן וויץ: "אז סך הכל נארט ר׳ אידל אפ די וועלט. איזן איז ער א יונגערמאנ־טשיק, א קונדס קאן מען זאגן, האט אים גאט געגעבן א בארד, פארשטעלט ער זיך פאר אן אלטן אידן".

פון דער נאטור איז ר׳ אידל א ספריטנער, א פלינקער, וואס מ׳רופט אין רוסיש א "טשיסטיאק". האט א באזונדער נייגונג צו ריינלעכקייט, צו אקוראטנאסט. אלץ מוז זיין ארום אים פינקטלעך, ווי ער האט עס ליב, ווי עס באדארף צו זיין. אויף זיינע קליידער וועט איר קיינמאל קיין שפרינקעלע ניט געפינען. און אזוי איז זיין בעט, זיין קאמאד, זיינע ספרים — אלץ מוז זיין ווי גאט האט געבאטן.

און ר׳ אידל ווייס, אז גאט האט ליב ארדענונג, אזוי האט אים זיין ברודער, דער האמליער דיין, אמאל דערקלערט: "ווען דער רבש״ע וואלט ליב געהאט תוהו ובוהו (כאאס), וואלט ער קיינמאל די וועלט ניט באשאפן. אז ער האט זי בשאפן אז דאך א סימן, אז אלץ מוז זיין מיט א סדר, מיט א

טאָלק, און האָט דען דער רבש״ע אליין ניט אָנגעזאָגט בפירוש והיתם נקיים לד׳ אלהיכם — איר זאָלט זיין ריין פאַר גאָט אייער האַר?״

און פּונקט ווי ער האַלט זיך ריין, אַזוי האַלט ער ריין און אין אָרדע־נונג זיין שולכל, וואו ער קעניגט שוין זעכצן יאָר (אלס שמש). ער פירט אויפן קאָפּ א חשבון פון יעדן סידור, פון יעדן ספר אין שול, און באַלד נאָכן דאַווענען, באַלד ווי מען האָט אָפּגעלערנט, איז שוין אַלץ צוריק אויף זיין פּלאַץ.

איין בליק אין ספרים אַלמער וועט יעדן איבערצייגן, אַז דאָרט פאַר־וואַלטעט א באַלעבאָס. אַלטע ספרים זאָרגפעליק איבערגעניית די רוקנס; דאָ פאַרלאַטעט, דאָרט פאַרריכט. צעריסענע בלעטער פאַרקלעפּט מיט ווייס פּאַפּיר — אַלץ צונויפגעשטעלט, יעדער ספר אויף זיין אָרט.

— הייליקע ספרים דאַרף מען אָפּהיטן, — און ר׳ אידל האָט גרויס דרך־ארץ פאַר ספרים, — גאָטס וואָרט איז אין זיי באַהאַלטן.

עס גייט אָן א פּלוגתא צווישן אים און זיין מעזיניק (א קונדעס פון עטלעכע און פופציק יאָר), וועגן זיין עלטער און דער גרויס פון זיין משפּחה.

ר׳ אידל אַליין גיט אָן זיין עלטער אַלס זיבן און ניינציק יאָר. דער זון דענקט, אַז אכט און ניינציק איז ער שוין געוואָרן; דאָס זעלבע וועגן דער צאָל נפשות אין דער משפּחה: ר׳ אידל טראָגט אַלץ אויפן קאָפּ. ער געדענקט די נעמען פון אַלע זיינע אייניקלעך, אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך, און זיין חשבון איז, אַז גאָט האָט אים געבענטשט מיט א דור פון 80 נפשות.

— איר זעט, — האָט ער ליב צו באַרימען זיך אין שפּאַס, — יעקב אבינו האָט נאָר געהאַט זיבעציק נפשות, און מיך האָט גאָט געבענטשט מיט אכציק . . . אויב איר וועט אַמאָל שרייבן פון מיר, שרייבט בפירוש בשמונים נפש ירד ר׳ יהודה לאַמעריקע.

דער זון דענקט אָבער, אַז דער טאַטע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין חשבון, אַז זיי זיינען נאָר אַרום פינף און זעכציק אין צאָל — אויך נישקשה פון א געזינדל, אַז גאָט העלפט, און מען דאַרף זיי ניט מפרנס זיין.

געבוירן איז ר׳ אידל אין האָמעל, מיט זיבן און ניינציק יאָר צוריק, ביי א טאַטן אַן ״אָטסטאַוונאָי ניקאָלייעווסקי סאָלדאַט״.

— מיין טאַטע איז געווען א פּראָסטער איד. א גוטער בעל מלאכה, נאָר א פרומער איד ביז גאָר, און מחנך געווען אַלע זיינע קינדער אין יראת שמים און אמתער פרומער אידישקייט. א גרויסער אָרימאַן, נעבעך, איז מיין פאָטער געווען, אָבער צו טאָן א מצוה, א אידן א טובה, אימעצן העלפן, האָט איר געקאָנט אים אויפוועקן אינמיטן דער נאַכט, אָדער די אַרבעט האָט גע־קאָנט ווי ברענען, איז ער אויפגעשטאַנען און געגאַנגען.

״פון אַלע זיינע זין האָט ער בלויז איינעם מקדיש געווען לתורה ולעבודה און דערלעבט אים צו זען אַלס דיין אין האָמעל. א גרויסער למדן געווען דער ברודער מיינער. אָבער מיר, די איבעריקע ברידער, האָבן געמוזט אַרויסהעלפן דעם טאַטן ביי דער אַרבעט. עלף יאָר בין איך אַלט געווען ווען

דער טאַטע האָט מיך צו דער אַרבעט גענומען. נו, איז מײנט איר האָב איך אויפגעהערט צו לערנען? חלילה! פלעג אויפשטיין פאַרטאָג, ווינטער אין די גרעסטע פרעסט — און האָמעל האָט אַ שם מיט אירע קעלטן — איז שניי צי אין רעגן, פיר אַזייגער יעדן פאַרטאָג אויפגעשטאַנען, אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און געלאָפן צו "קניאַזשאַנסקי פּערעאולאָק", וואו דאָס בית־מדרש האָט זיך געפונען, צו הערן דעם שיעור, דערנאָך אָפּדאַווענען און — צו דער אַרבעט . . .

"ווען מען האָט מיר גענומען רעדן שידוכים, האָב איך אויסגענומען מיט דער כלה, אַז זי טאָר מיר ניט שטערן אין לערנען. אַנדערע האָבן טאַקע ניט געוואָלט ליידן, "מיינע" אָבער ע״ה, האָט גלייך מסכים געווען, און יעדן פאַרטאָג, פונם ערשטן טאָג נאָך דער חתונה ביז איך האָב פאַרלאָזט האָמעל, פלעג איך גיין אין קלויז לערנען.

"איינמאָל האָט מיך אַ גרויס אומגליק געטראָפן. איך ווייס ניט פאַר־וואָס דאָס איז מיר געקומען, אָבער איז עס דען פאַר מיין קאָפּ נאָכצופאָרשן גאָטס ווען? מסתמא האָט ער געוואוסט וואָס ער טוט. אָבער זאָגן, אַז עס איז געווען גרינג דאָס אַריבערצוטראָגן, אַוודאי ניט. און געטראָפן האָט עס אַזוי: איינמאָל פאַרטאָג, כאַפּ איך זיך אויף, ווי מיין שטייגער איז געווען, טו זיך אָן און גיי אַוועק אין שול. געווען איז עס ווינטער, אָבער שטאַרק קאַלט איז דאַמאָלט ניט געווען. קום איך אַזוי אין שול, עפן די גמרא און באַלד טאַקע האָט דער רב אָנגעפאַנגען צו לערנען. אַזוי ווי מיר זיצן און לערנען, הער איך פון דרויסן, דורך די פענצטער, אַ יאָמער, אַ קלאָג — אַ פרוי לויפט און וויינט . . . עס מאַכן זיך אַזעלכע זאַכן, אַמאָל טרעפט זיך אַ חולה מסוכן, אַ געווינערין איז אַ מקשה לילד, פאַלן אַריין ווייבער אין שול אַריין, מ'רייסט אויף דעם ארון קודש און מ'איז מתפלל.

"דאָ אָבער, ווי איך האָב דערהערט דאָס קול, האָט מיר עפּעס אָפּגע־ריסן אין האַרצן . . . איך וואָלט שווערן, אַז ס'איז מיין פרוי וויינט . . . וויל איך זיך מסתמא אויפכאַפּן און לויפן, האַלט מען מיך צו און איך שטאַרק זיך אַליין. שוטה וואָס דו ביסט. וואָס איז שייך . . . גייסט דאָך ערשט פון דער היים און אַלע זיינען ב״ה געזונט, איז גלאַט אבי מפסיק זיין דאָס לערנען . . .

"אָבער וואָס נעענטער עס קומט דאָס קול, אַלץ זיכערער ווער איך, אַז עס איז מיין אידענע. און ווי איך טראַכט אַזוי טוט זיך אַ פראַל אויף די טיר, און "מיינע" פאַלט אַריין ניט־טויט, ניט־לעבעדיק, און שרייט אויס ווי ניט מיט איר קול:

"— אידל! הערשעלע האָט זיך דערטרונקען ! . .

"— הערשעלע האָט זיך דערטרונקען? — זאָג איך נאָך און קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס בעבעט די אשה? צי האָט מיט איר אַליין חלילה עפּעס ניט פּאַסירט? וואָס הייסט עס? אָט קום איך פון דער היים און הערשעלע איז זיך געשלאָפן רואיק אויפן אויוון מיט די אַנדערע קינדער, איז וואָס, שונאי ציון דורעט זי אַ ספאָדעק? און וואָס הייסט דערטרונקען זיך — אינמיטן ווינטער?

"הקיצור, לאנג טראכטן האב איך ניט געקאנט, ווייל איידער וואס, ווער, ווען, האט זי א פאל געטאן צום דיל און אוועקגעחלשט. איז געווארן א "סומאטאכע", א מהומה, קולי קולות; מ'גיסט אויף איר וואסער, מ'דרייט די נאז, די אויערן — הכלל, קוים אפגעמינטערט און מיר לויפן אהיים. די אייניקע באלעבאטים לויפן נאך. ערשט איך קום אהיים — פינצטער געווארן אין די אויגן. די קינדער אלע אין איינע העמדעלעך, צעשראקענע, צעפאדיעטע, ווי "בידנע" שעפעלעך אין א שטורעם, וויינען און שרייען עד לב השמים, אז ממש דאס הארץ ווערט מיר אויף שטיקער צעריסן. וואו איז ער? ערשט, מ'ווייזט מיר, ער איז אין פאס וואסער . . .

"אין ווינקל פון שטוב פלעגט ביי אונדז תמיד שטיין א גרויסע פאס מיט וואסער. דאס געזינדל קיין עין הרע איז גרויס, פלעגן מיר אלע ערב שבת אנגיסן א פאס וואסער, פלעגט עס זיין אויף דער גאנצער וואך. צי ס'איז באשערט געווען אז הערשעלען זאל זיך פארטאג פארגלוסטן א טרונק וואסער, איז וועקן האט ער קיינעם ניט געוואלט, אלע זיינען געשלאפן, האט ער זיך איבערגעבויגן איבער דער אפענער פאס און אריינגעפאלן מיטן קאפ אראפ . . . ביז מיינע איז אויפגעשטאנען און געגאנגען אנשעפן נעגל וואסער.

"איז מילא, האבן תרעומות צו גאט, ברוך הוא, איז דאך ניט שייך. נאר זאגן, זאגן איך אייך, איר הערט? איך בין שוין א חברה־מאן ביי חברה קדישא איבער פופציק יאר, פופצן יאר האב איך געדינט אלס שמש, ביז איך האט זיך דערדינט צו זיין א חברה־מאן, האב איך זיך שוין אנגעזען מסתמא די והותר מיט פארשיידענע אומגליקן. נאר אט יענער טויט פון מיין אינגעלע גייט מיר ניט ארויס פון זכרון. פאר א צייט לאנג האב איך גאר ניט געקאנט צוטרעטן צום פאס נאך וואסער — פון טרינקען שמועסט מען ניט, און נאך עד היום, נעם איך נאר אפגיסן נעגל־וואסער, ערשט, הערשעלע קומט מיר אויפן געדאנק. און אפטמאל טראכט איך: ווער ווייס? אפשר, ווען ער וואלט געלעבט, וואלט ער נאך געווען מיין טרייסט אויף די עלטערע יארן? נאר גיי פרעג ביים אויבערשטן שאלות?

"איר פרעגט. ווי קום איך קיין קאנאדע? און מיינע קינדער וואו זיינען? איז מיר טאקע א חידוש אויף אייך. אזא איד ווי איר, קיין עין הרע, זאל גאר פרעגן אזא שאלה. שייך צו פרעגן ווי איך קום? ס'איז געווען דעם אויבערשטנס ווילן איך זאל עוקר זיין מארצי וממולדתי (פון מיין לאנד און פון מיין געבורט־ארט) און גיין קיין קאנאדע, האט ער מיר אריינגעגעבן א מחשבה איך זאל אלץ פארקויפן, מאכן צו געלט און פארן. ווארום אלא ניט, וואס וואלט דען געווארן פון אונדז אלעמען? אז ניט האט איר דען א באגריף וואס דארט האט זיך אפגעטאן זינט מיר זיינען אוועק פון דארטן? מער ווי האלב אידן זיינען דאך אומגעקומען דורך אלע מיתות משונות פון ונתנה תוקף, ווער דורך שווערד און ווער דורך פייער, ווער דורך וואסער און ווער דורך הונגער, מגיפות, חניקה . . . איי, איי, ס'איז בעסער ניט צו רעדן.

"שוין פינף און דרייסיק יאר, אז איך בין דא. און ביסלעכוויז, ביסלעכוויז, אריבערגעבראכט אהער מיינע זין און טעכטער, שניר און איידימס, געטאן שידוכים מיט די בחורים און בתולות, ניט צו פארזינדיקן. צום רבונו של עולם האב איך קיין טענות ניט. אט ווי ער פירט אזוי איז רעכט. איי אך

בין עלנט אויף דער עלטער, איז ווי אזוי איך וויל, אזוי קלער איך. אז א מענטש וויל ניט זינדיקן און ניט האָבן קיין תרעומות צו דעם, וואָס לעבט אייביק, קאָן ער דאָך טראַכטן, אז דער רבש״ע האָט דיך געבענטשט מיט יאָרן און גאָט צו דאַנקען געזונט אויך, און איך קאָן זיך נאָך אליין באַדינען, און שטיי מיר אויף כאור הבוקר, און ביז אידן קומען זיך צוזאַמען צו שחרית, האָב איך שוין אָפּגעזאָגט גאַנץ תהילים; און מעגט איר מיר גלויבן, אז ווען איך זיץ מיר אליין אין בית־מדרש פאַרטאָג, הארט לעבן אָרון־קודש, און איך קנאַק אוים דוד המלכס שירים, איין קאַפּיטל נאָכן אַנדערן, און פּירוש־המילות, גאָט צו דאַנקען, פאַרשטייט מען אויך, און דער ניגון און די ווער־טער צעגייען זיך — נו, טאַקע נאָר ווי א טייערער באַלזאַם איבער אַלע גלי־דער, און איך טראַכט בעת מעשה: זה חלקי מכל עמלי — דאָס איז מיין פאַר־גענינגן, מיין נחלה, און גלויבט מיר, אז איך וואָלט זיך ניט געביטן מיטן גרעסטן נגיד...

„מיינע קינדער? נו, אז איך וועל אייך שוין זאָגן, אז זיי זיינען צעזייט און צעשפּרייט בכל תפוצות הארץ, וועט איר דען פאַרשטיין, וואָס עס מיינט פאַר אן אַלטן מאַן ווי איך, צו ציילן די טעג און די וואָכן פון איין בריוו צום צווייטן און טראָגן אויפן קאָפּ ווען ס'איז שוין צייט פון וועמען א בריוועלע צו באַקומען. ווייל מיינע קינדער געפינען זיך אין ניו־יאָרק און אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין סאַן פראַנציסקאָ, אין טאָראָנטאָ און אין וויניפּעג, און גאָט מיינער! וואו דען ניט ? . . נו, איז וואָס? זאָלן זיי נאָר זיין געזונט און זיין פרומע, גוטע אידישע קינדער, מער וויל איך גאָר ניט. דאָס איבעריקע? — אַלץ איז אין זיינע הענט"...

און מיט א ברייטן, ליכטיקן שמייכל אויפן אַלטן און דאָך יונג אוים־זעענדיקן פּנים, מיט פליייצעס געבויגן פון יאָרן פון שווערער אַרבעט, און מיט א הארץ פול מיט בטחון, וואָס איז דער איינציקער סוד פון אידישן קיום, האָט ער שטיל פאַרלאָזן דאָס צימער.

פּאָטער און זון

פּאָטער און זון

— איר מוזט מיך אויסהערן. איר מוזט מיר געבן אַן עצה. כ'פיל ווי מיין גאַנצע וועלט צעפאַלט זיך ארום מיר. דער מוח שפּאַלט זיך מיר ממש. איר זייט מיין לעצטע האָפענונג. איך בעט אייך".

הארט ביי מיין זייט איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט אַן עלטערער איד, גאַנץ באַלעבאַטיש געקליידעט. זיין פּנים פריש ראַזירט, מיט אַ פּאָר גאָלדענע ברילן אויף די אויגן. אין איין האַנט האָט ער געטראָגן אַ שטעקן מיט וועלכן ער האָט נערוועז אָפּגעקלאַפּט אויפן טראָטואַר יעדן טראָט זיינעם. אין זיין גאַנג האָט ער זיך באַמיט שטענדיק צו זיין מיט אַ פּאָר טריט פאַר מיר, כדי ער זאָל מיר קענען אַריינקוקן אין פּנים ווען ער האָט גערעדט.

גערעדט האָט ער גיך, אַן אָן אָפּשטעל, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן פּטור ווערן פון אַ שווערער לאַד וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אויפן הארצן.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און דער בלאַסער שיין פון די לאַמפּן האָט אויסגעשפּרייט די גאַס מיט לאַנגע, זיך וויגנדיקע פאַנטאַסטישע שאָטנס. אַ קליין פרעסטל האָט אַנגענעם קיל דורכגעדרונגען די הויט און זיך געגנבעט צו די בלוטן פון קערפּער און געטריבן האַסטיקער און שטאַרקער דעם בלוט שטראָם פון אויבן אַראָפּ און צוריק אַרויף.

דער איד האָט אויפגעשטעלט זיין פוטערנעם קאָלנער צו באַשיצן זיך פונם פראָסט. איצט האָט זיך נאָר אַרויסגעזען זיין נאָז, די גאָלדענע ברילן און דאָס מויל.

"איר פאַרשטייט, ס'איז באו מים עד נפש", האָט ער געמאַכט אַ לעצטן אָפּיל צו מיר.

— פאַרוואָס ווילט איר ניט אַרויפקומען צו מיר אין הויז וועלן מיר זיך קאָנען דורכשמועסן אין דער ווארים? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן, זעענדיק ווי דער איד באַהאַלט זיין פּנים יעדן מאָל ווען אימעצער גייט פאַרביי, מען זאָל אים ניט דערקענען.

"ניין, למאי זאָל איך אייך נאַרן, עס טויג ניט. איך וויל ניט מען זאָל מיך זען ביי אייך. איר וועט דאָך מן הסתם וועלן שרייבן וועגן מיינע צרות, איז צו וואָס זאָלן מענטשן טייטלען אויף מיר מיט די פינגער. אַזוי איז גלייכער, און טאָמער וועט אייך קאַלט ווערן, וועל איך אייך מאָרגן ווידער דאָ טרעפן.

"די עצה וואָס איך וויל ביי אייך פרעגן איז וועגן מיין זון, וועגן דעם מעזיזעק מיינעם. אַ בחור פון קרוב דרייסיק יאָר, אַ בר דעת, קיין עין הרע, אַן אויסגעשטודירטער, אַן אמתער לייט,אַ שיינער בעל פּרנסה. נאָר

אז איך וויל זיין ערלעך מיט זיך אליין, איז גאָר די פראַגע וועגן מיר אליין. איר פאַרשטייט וואָס פאַר א פּלאָנטער?

"איך ווייס דאָך אז איר זייט א רוסישער, געדענקט איר טורגעניעווס "אָטצי אי דיעטי?" אָבער דאָרטן איז דאָך גאָר קיין פּראָבלעם ניט געווען. ביידע, סיי דער פאָטער און סיי דער זון, זיינען ביידע געווען דאָקטוירים, ביידע רעוואָלוציאָנערן, ביידע פריידענקער, און דאָ ביי מיר? אז איך ווייס אליין ניט וואָס איך בין, וואָס איך וויל, און אין דער זעלבער צייט ווייס איך אָבער איין זאַך אויף זיכער: איך קען ניט און טאָר ניט דערלאָזן מיין זון זאָל חתונה האָבן מיט דער רויטער שיקסע.

"איר קוקט מיך אָן? אך, יאָ, איך האָב דאָך אייך גאָר ניט דערציילט וועגן דעם.

"כ'בין זיך משער, אז איר זייט מיך אין הארצן אינגאַנצן מבטל, און טראַכט מסתמא: זע נאָר ווי דער איד מאַכט עס א טראַגעדיע א גאַנצע, באשר וואָסי, זיין זון וויל חתונה האָבן מיט וועמען ס'געפעלט אים. טאָ מה רעש?

"איאָ, כ'האָב געטראָפן? פאַרשטייט איר נאָך ניט דעם ענין. טאָ הערט זיך איין. נאָר, כ'בעט אייך, האָט מיט מיר געדולד, אפילו אז עס וועט זיך אייך ארויסווייזן אז איך רעד ניט צום ענין.

"אָט ווי איר קוקט מיך אָן בין איך ניט פון די פרומאַקעס. אזויפיל גליקלעכע יאָרן זאָלן מיר ביידע האָבן וויפל צענדליקער שמונה־עשרהס איך האָב שוין אין מיין לעבן פאַרפעלט.

"דערפאַר בין איך געווען גאָר פרום אין מיינע יונגע יאָרן, אָבער אזוי פרום אז מיינע עלטערן האָבן ניט אנדערש ווי געמיינט אז איך וועל אויסוואַקסן א צדיק הדור, א גרויסער רב. און הערט איר, אָט יענע צייט איז געווען די גליקלעכסטע אין מיין לעבן. נאָך היינט צו טאָג אז איך דערמאָן זיך דאָס גליק, די געטלעכע הנאה, דעם עקסטאַז וואָס איך פלעג באַקומען ווען איך פלעג זיצן איינער אליין פאַרנאַכט ביי דער גמרא, איבער מיין קאָפּ האָט געשיינט דער גרויסער בליץ לאָמפּ, וועלכן דער טאַטע האָט ספּעציעל פאַר מיר איינגעאָרדנט אויף א קייט פון סופיט. דער שיין פון לאָמפּ פלעגט זיך אָפּשפּיגלען אויפן עמוד פון דער גמרא ווי א גרויסע ליכטיקע זון און איך פלעג לערנען אויפן קול מיטן טרויעריקן גמרא ניגון, און מיר פלעגט זיך אָפּט אויסדאַכטן אז מיט יעדן וואָרט וואָס איך זאָג ארויס, מיט יעדער סוגיא וואָס איך פאַרטייטש, יעדע הלכה וואָס איך דערקלער, ווערט א מלאך א נייער געבוירן, און מיין חדר ווערט אָנגעפילט מיט מלאכים וועלכע שוועבן ארום דער זון איבער מיין גמרא און טראָגן זיך ארויף צום כסא הכבוד און זיינען מרעיש עולם.

"אך, וואָס פאַר א גליקלעכע טעג מיט נעכט דאָס זיינען געווען. הייליקע קינדהייט מיינע. וואָס וואָלט איך דען איצט ניט אוועקגעגעבן ווען איך קען זיך איצט אין מיין פאַרצווייפלונג זיך צוריק אוועקזעצן ביי דער גמרא, זיך פאַרטיפן און פאַרגעסן אלע צרות.

״אבער א נעכטיקער טאג. כ׳האב שוין צענדליקער מאל געפרובירט עס ווי דער גולם פון וועלכן מ׳האט דעם שם המפורש אוועקגענומען. ניטא מער דער גלויבן, איז אויך ניטא דער תענוג און די הנאה.

״אט אין יענע גליקלעכע טעג מיינע האט זיך א שטן המשחית אריינגעריסן אין מיין לעבן, צעשטערט מיין גלויבן, מיין תענוג, אוועקגערויבט מיין רו, מיין גליקלעכע קינדהייט, פארוויסט מיין זיסע וועלט פון חלומות, צעשמעטערט און צעשטערט מיינע פעסטונגען געבויט פון סוגיות, אגדות און הלכות.

״מיין פאטערס הויז איז געשטאנען כמעט אין עק פון שטאט, א גרויס הויז איז עס געווען, מיט א גרויסן גארטן, שייערן און שטאלן, אפילו מיט א געפלאנטערטער ״בעסיעדקע״ (ביידל) אינמיטן גארטן. אין שכנות מיט אונדז האט געוואוינט א מין האלבער פריץ, האלבער קלעזמער און האלבער קינסטלער. עס קען זיך מאכן אז אלס אזעלכער איז ער געווען א גאנצער, נאר אזוי האט מען ביי אידן וועגן אים גערעדט.

״אט דער קאנעפסקי (אזוי האט מען אים גערופן) איז ערשטנס געווען א פאליאק און פיינט געהאט א רוס בתכלית שנאה. גערופן האט ער זיי ניט אנדערש ווי ״כאכלי״, ״מאסקאלי״, ״סוויני״ און נאך אזעלכע עפיטעטן. איז אזוי ווי ער האט פיינט געהאט די רוסן, האט ער דוקא געהאלטן פון די אידן. שייך זאגן געהאלטן, איינפאך זיך אינטערעסירט מיט אלץ וואס קומט פאר אין שטאט, געווען באהאוונט אין אלע שטאטישע ענינים, פלעגט אפשטאטן אפטע באזוכן צום ראבינער אונדזערן. האט סתם ליב געהאט צו פארברענגען מיט א אידן און זיך צעפרעגן ביי אים וואס אונטערן נאגל.

״געלעבט האט דער דאזיקער קאנעפסקי פון גאנצע פיר פרנסות. ערשטנס איז ער געווען א קינסטלער א סטאליער און געפירט א גרויסן ווארשטאט פון פארשיידענע מעבל און די גבירים פון שטאט פלעגן קומען באשטעלן ביי אים געשניצטע בעטן, געטאקטע קאמאדן, שיינע ״עטאזשערקעס״, קליידער שאפעס, און ער האט ניט ארויסגעלאזט קיין שטיקל ארבעט ביז כ׳האט ניט געפינקלט און געשיינט ממש צו שפיגלען זיך אין דעם.

״אחוץ דעם איז ער געווען א שטיקל ״כודאזשניק״ (מאלער), און ניט אזוי ער ווי די פרוי זיינע קסעניא וולאדיסלאוואונא, א שיינע, א שלאנקע, מיט צוויי לאנגע קאשטאנען צעפ ביז צו איר טאליע. פלעגט זי שטענדיק מאלן בילדער, בילדער פון לאנדשאפטן, פארטרעטן פון גרויסע שרייבער, פון פוילישע קעניגן, וואס רייטן אויף ווייסע פערד און נאך. און טאמער איז דאס ניט געווען גענוג, זיינען נאך אלע אין דער משפחה געווען קלעזמער, מוזיקאנטן הייסט עס.

״דארט אז עס פלעגט קומען די נאכט, איז ניט נאר די הויז נאר די גאנצע לופט ארום פלעגט ממש אנגעפילט ווערן מיט מוזיק.

״ער אליין, באגוסלאוו אפסיעיעוויטש, האט געשפילט אויפן פידל און איז אויך געווען דער קאפעלמייסטער. די פרוי זיינע האט געשפילט

אמאָל די פּיאנא און אמאָל די הארפּע. א זון געווען ביי זיי, קאָסטי, א בחור פון א יאָר זעכצן, מיט א קורנאָסן נעזל און א געלן קאָפּ האָר, האָט ער געשפּילט די משעלאָ. א צווייטער האָט געשפּילט דעם קלארניט. וויפל בעלי מלאכות עס האָבן ביי זיי געארבעט האָבן אלע געשפּילט אויף אינסטרומענטן. אנדערש האָט ער קיין בעל־מלאכה ניט צוגענומען, סיידן ער איז געווען א קלעזמער, מערסטנטייל האָט ער געהאט זיינע בעלי מלאכות — קלעזמער פון זייערע יונגע יאָרן, ווען ער פלעגט זיי לערנען ביידע זאכן מיטאמאָל, ווי צו גיין מיטן הובל, מיט דער זעג, ווי צו מעסטן מיטן צירקל, ווי צו פּאָלירן און פארבן, און אויך ווי צו האלטן א פידל אין האנט און ווי אזוי ארויסצובאקומען פון דאָרט דעם ריכטיקן ניגון.

„קאָניעפּסקיס קאפּעליע האָט געהאט א שם אין אונדזער גאנצער געגנט און וואו נאָר ס'איז ערגעץ געווען א פּריצישער באל, א הוליאנקע צי א חתונה, פלעגט מען שיקן נאָך קאָניעפּסקין. טרעפט זיך אמאָל, איך כאַפּ זיך אויף אינדערפרי, טו זיך אָן, און איך פיל דער קאָפּ מיינער ווערט שיר ניט צעשפּרונגען פון ווייטיק. פארקלאָג איך זיך מסתם פאר דער מאמען. — ערשט, זי טוט מיר א טאַפּ דעם קאָפּ און גיט ארויס א באפעל איך זאָל ניט גיין אין חדר און זיך לייגן צוריק אין בעט. פאָלג איך, אָבער איינליגן קען איך ניט, און איך שטיי אויף צוריק און זעץ זיך אוועק צוריק ביי דער גמרא און שאָקל זיך און צעזינג זיך און פארדבקע זיך, אז ניט נאָר האָב איך פארגעסן אז איך בין קראנק נאָר אז עס איז גאָר דאָ עפּעס אנדערש אויף דער וועלט אחוץ דעם תנו רבנו.

„אזוי ווי איך זיץ און לערן און שוועב אין די הימלען ממש, כ'הער אימעצער רעדט עפּעס אזוי שטיל, סודותדיק, אז שוין דער קול אליין האָט מיך ווי פון חלום אויפגעוועקט. איך הויב אויף די אויגן. ערשט, איך זע די קאָניעפּשטשיכע שטייט אויפן שוועל מיט דער מאמען מיינער און נעמט פון מיר די אויגן ניט אראָפּ.

„האָב איך געזאָלט וויסן אז צו די אלע מלאכות וואָס די קאָניעפּסקיס קענען, איז זי, די פּריצטע, נאָך א שטיקל דאָקטאָר אויך, און די מאמע האָט דאָס זי געבעטן זי זאָל מיך באטראכטן און מיר געבן א רפואה.

„אָט פון יענער מינוט האָבן זיך אָנגעפאנגען מיינע צרות. איך בין, פארשטייט איר מיך, שטארק געפעלן געוואָרן אין שלייער דער שכנה אונדזערער אלס א מאָדעל פאר א בילד, און זי האָט זיך ממש פארכלינעט פון תענוג ווען זי האָט דערקלערט דער מאמען וואָס פאר א בילד זי וועט פון מיר מאָלן. א נאָמען אפילו האָט זי שוין פארן בילד. עס וועט הייסן „אוסערדני טאלמודיסט" (דער פלייסיקער תלמודיסט).

„הכלל, וואָס זאָל איך אייך ברייען, ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פארהאנדלונגען. די מאמע מיינע האָט דווקא שטארק חשק געהאט צו דעם. ערשטנס האָט זי געהאלטן אז עולם ומלואה פון די קאָניעפּסקיס בכלל און פון דער מאדאם קאָניעפּסקי בפרט. צווייטנס, האָט זי טאקע געוואָלט האָבן פון מיר א בילד, און דריטנס, פארוואָס דען ניט? ס'קאָסט דען געלט?

„גאנץ אנדערש האָט דערויף געקוקט דער פאָטער מיינער. ביי אים האָט עס ערשטנס געהייסן בטול תורה און צווייטנס, איז עס דאָך געווען

בפירוש אַן עבירה, עובר זיין אויף אַ לאו פון דער תורה. אַז ס׳שטייט דאָך געשריבן לא תעשה לך פסל וכל תמונה (זאָלסט ניט מאַכן פאַר זיך קיין סטאַטוע און קיין בילד). איר פאַרשטייט דאָך אַליין אַז אויסגעפירט האָט די מאַמע, און איך האָב אָנגעהויבן אַריינקומען צוויי מאָל אַ וואָך צו די קאָניעפּסקים מיט דער גמרא אין האַנט צו פּאָזירן פאַר איר.

„מילא, איך זאָל אייך דערציילן דעם פאַראַד וואָס ס׳האָט פאַר מיר געמאַכט דעם ערשטן מאָל וואָס איך בין אַריינגעקומען, וואָלט איך באַדאַרפט זיין אַ שרייבער, אַ מאָלער און אַ פּאָעט צוזאַמען, און דאָס בין איך ניט. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין זאַל, וואו ביי דער פּיאַנאָ איז געזעסן אַ מייד־דעלע פון אַ יאָר צוועלף, אַ פאַרפּוצטע, אין אַ ווייסער קראָכמאַלעטער קלייד, וואָס איז אָפּגעשטאַנען אויף אַן אַרשין פון קערפּער, מיט גאָלדענע צעלאָזטע האָר איבערגעכאַפּט מיט אַ בלויער סטענגע, און אַזוי ווי איך בין אַריינגע־קומען, האָט זי אויסגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר בלויע אויגן אַז איך בין ממש געפּלעפּט געוואָרן.

„ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות, די צוגרייטונגען, די פאַרבן, די פּענזלס, דעם איזל מיטן לייוונט. און דער עיקר איז איר געגאַנגען ממש אין לעבן צו האָבן מיך גאָר אין דער פּאָזע ווי זי האָט מיך געטראָפן ביי דער גמרא אין מיין חדר, מיט איין האַנט אונטערן באַק, מיטן עלנבויגן אָנגע־שפּאַרט אויפן טיש, דער קאָלנער פונם העמד צעבראַסטשעט, דער לייבסערדאַק אַביסל אַרויסגערוקט פון זשילעט, און די אַנדערע האַנט זאָל אונטערהאַלטן די גמרא.

„וויל איך איר צוליב טאָן, אָבער ווי נאָר איך וויל זיך פאַרטראַכטן און פאַרדבקהן, באַגעגן איך זיך מיט די צוויי בלויע אויגן וואָס קוקן אויף מיר פון דער פּיאַנאָ און איך פיל ווי אַלץ אין מיר ווערט פּאַראַליזירט.

„דאַרף זיך טרעפן מעשה שטן, אַז ווען זי האָט שוין געוואָלט אָנפאַנ־גען מאָלן האָט זי זיך געכאַפּט, אַז ס׳פעלט איר אַ קאָליר און זי איז אוועק־געלאָפן אין וואַרשטאַט דאָס ברענגען. איז ווי נאָר זי איז אַרויס, ערשט דאָס מיידעלע איז באַלד אויסגעוואַקסן לעבן מיר און נעמט אַריין מיין פּנים אין אירע ביידע הענטלעך, קוקט מיר גלייך אין די אויגן און מאַכט צו מיר: „אַך קאַקאַי טי קראַסאַוויטשיק״ (וואָס פאַר אַ שיינער דו ביסט). ווי רופט מען דיך? קלמן, זאָג איך איר, אַבי אָפּטשעפּען זיך פון איר. און מיין נאָמען איז נאַטאַליאַ, זאָגט זי. און מיטאַמאָל פאַלט איר איין אַ פּרוביר צו טאָן פאַרשאַרן מיר די פּאות הינטער די אויערן און אַראָפּנעמען די היטל פון קאָפּ, לויפט אוועק צו דער פּיאַנאָ און קוקט אַזוי פון דער ווייטנס אויף מיר, און מיטאַמאָל לויפט זי צו, פאַרוואָרפט אירע הענטלעך אַרום מיין האַלדז און טוט מיר אַ קוש גלייך אין מויל.

„איך זאָל אייך דערציילן וואָס איך האָב דערפילט בעת מעשה. איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן דער פּסיכאָלאָג, וואָס זאָל זיך קענען דערגרונטעווען צו דער נשמה פון אַ אידיש קינד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אידישקייט און אין פרומקייט מיט דער מורא פאַרן גיהנום און מיטן געפיל פון קדושה אין זיין בלוט, און דאָך פילן דעם דראַנג פון מענטשלעך בלוט, דעם געפיל צו שיינקייט, די נאַטירלעכע מענטשלעכע נייגונג צום פרויען געשלעכט אפילו

אין דער אינגסטער יוגנט. אַט די אַלע געפילן צוזאַמען האָבן מיטאַמאָל װי אויפגעבראַוזט, זיך אויסגעמישט און מלחמה געהאַלטן מיטן אַנדערן.

"פּאָר אַ פּאָר סעקונדן בין איך געבליבן װי אַ געפּלעפּטער, ממש פּאַראַליזירט געװאָרן. באַלד האָב איך זיך געכאַפּט אַז איך גיי דאָך אָן אַ היטל, און אַרויפגעכאַפּט דאָס היטל אויפן קאָפּ, און באַפּרייט די פּאות פון תפיסה, און — אַרויסגעשאָסן אין אַ געװיין, אַז איך האָב אַליין דערפילט װי ס'האַרץ זוכט אַרויסצושפּרינגען פון קערפּער. ס'האָט מיך מיטאַמאָל גענומען טרייסלען װי אין אַ פיבער, אַז דאָס מיידל האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקן און מיך גענומען טרייסטן, גלאָוביען, איינשטילן, און אַז זי האָט געזען אַז קיין זאַך העלפט ניט האָט זי מיך געכאַפּט װידער קושן, אַט װי אַ מוטער װיל איינשטילן אַ קינד װאָס איז אין װייטיק.

"איך זע ס'װערט אייך קאַלט. איר איילט זיך מסתמא אַהיים. נו, װעלן מיר עס לאָזן אויף אַ צװייטן מאָל. איר מעגט עס הערן . . .

* * * * *

אויפן צװייטן אָװנט האָט דער אַלטער שוין געװאַרט אויף מיר ביים פּלויט, איינגעװיקלט אין זיין פוטערנעם קאָלנער, ציטערנדיק פון קעלט.

ער איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַזוי שנעל װי ער האָט מיך דערזען און אָנגעזאָגט די בשורה, אַז היינט װעלן מיר שוין ניט דאַרפן פרירן פון קעלט. ער האָט אַלץ אַראַנזשירט, און מיט כמעט יוגנטלעכער שנעלקייט האָט ער מיך אַװעקגעפירט צו אַ רוטעניִשער קאַפע, װאו ער האָט אַפּנים פון פריער אַראַנזשירט אַן אָפּגעשלאָסן, אַ װינקל טיש, װאו מיר זאָלן קענען ריידן אומגעשטערט.

"דאָ װעט אונדז קיינער ניט שטערן", האָט ער מיך װי געטרייסט.

ער האָט באַשטעלט טיי און געבעקס און זיך געבעטן ביי מיר איך זאָל נעמען װאָס איך װיל, איך זאָל ניט זשאַלעװען.

װען די טיי איז שוין געװען אָנגעגאָסן און ער האָט זיך אַביסל דערװאַרימט האָט ער אָנגעפאַנגען:

"װאָס איך האָב געפילט בעת מעשה װען דאָס קינד־מוטער, מלאך־טייװל האָט מיך געפּעסטיעט און געטרייסט, געקושט און געגלאַסטשעט, איז אוממעגלעך פאַר מיר אייך איבערצוגעבן. אין דער אמתן, װי איז גאָר מעגלעך אויסמאָלן אין װערטער װאָס אַ אידיש אינגל פון צװעלף יאָר, װאָס איז אויסגעװאַקסן אין אַ פרומער אידישער הויז, װאָס האָט נאָר געװאוסט דעם װעג פון דער היים צום חדר און צום בית־מדרש און להבדיל צום מרחץ, װאָס האָט געציטערט פאַר אַן עבירה װי אַ לולב בשעת די נענועים, פילט, װען איינמיטן דערינען געפינט ער זיך אין אַ פרעמד הויז, מיט אַ פּריצה װאָס האַלט זיך אין איין גלאָוביען און אין איין גלעטן, און אין האַרצן און אין מוח קומט פאַר אַ גאַנצער ויתרוצצו. דו װילסט זיך אַרויסרייסן און אַנט־לויפן. ערגעץ דונערט אין דיר אַ שטימע פון דורות, אַ װידערקול פון באַרג סיני: "מ'טאָר ניט! ס'איז זינד . . . ס'איז לילית . . . רייס זיך אַרויס!"

און דאָך בלייבסטו, ווייל אַ פּאָר שיינע פרויען אויגן קוקן אויף דיר מיט אַזויפיל ליבע, און פון דאָרט פון הינטער דער פּיאַנאָ, קוקט צו דיר אַרויס אַ פּנימל פון אַ קינד־מלאך, און דאָס גלעט דיך און צערטלט דיך מיט אירע אויגן, מיט איר שמייכל, און דער ויתרוצצו . . .

"אָבער צו וואָס די אַלע רייד. און אַז איך זאָל דאָ זיצן מיט אייך טעג מיט נעכט, וועל איך דען קאָנען אייך איבערגעבן?

"הכלל, אַזוי ווי זי טרייסט מיך און איך קאָן ניט איינהאַלטן דעם שטראָם טרערן און וויל זיך רייסן פון אירע הענט און בלייב דאָך ווי געליימט, האָט ערגעץ איבערן קאָרידאָר אַ טיר זיך געעפנט און פאַרמאַכט. ס'האָבן זיך דערהערט טריט, און זי איז שנעל אַוועקגעלאָפן צו דער פּיאַנאָ און גענומען אויף גיך שפּילן, און דורכן שפּילן באַפּוילן מיר: גאָר ניט דערציילן. דער באַפעל איז געקומען מער מיט די אויגן ווי מיטן מויל. אַ פּלי מיט די פינגער איבער די קלאַווישן, און ס'האָבן זיך אַ גאָס געטאָן געטלעכע טענער, און אַ בויג צו מיר דעם קאָפּ און אַ פינקל מיט די אויגן: "פּראַוודאַ ניע ראַסקאַזיעש. ניעט!" (וועסט ניט דערציילן, איאָ ניט!) און ווישנדיק די טרערן מיטן אַרבל, האָט איך איר מיט אַ שאָקל פונם קאָפּ אויף ניין צוגעזאָגט. אַ ברירה האָב איך געהאַט.

"אָט פון יענעם טאָג האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נייע עראַ אין מיין לעבן. איך בין געוואָרן אַן אָפטער אַריינגייער צו די קאַניעפּסקיס. אַליין אָפטער און אָפטער האָב איך אָנגעפאַנגען צו איבערלאָזן די גמרא און געלאָפן צום שכן. עס האָט מיך גענומען ציען אַהין ווי מיט אַ מאַגנעט. ניין, טאַקע דריי מאַגנעטן האָבן מיך געצויגן: די מאַדאַם קאַניעפּסקי, איר טעכטערל נאַטאַליע, ווי איך האָב זי שוין איצט גערופן, און טאַקע דער אַלטער קאַניעפּסקי אַליין, מיט וועמען ס'איז געווען אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו פאַרברענגען.

"אין דער היים האָט מען טאַקע אויף מיר אַכטונג געגעבן ווי אויף די אויגן אין קאָפּ. מסתמא אויך ליב געהאַט. אָבער ווער האָט דען צייט געהאַט צו אויסריידן אַ וואָרט מיט מיר. זיינען מענטשן געקומען צום טאַטן, האָט מען זיך נאָר אינטערעסירט מיט מיר צו וויסן וואו איך לערן, וואָס איך לערן און צי קען איך עפּעס דאָס וואָס איך לערן. קיינער האָט מיך ניט געהאַלטן פאַר קיין מענטשן מיט וועמען מען קען ריידן, וועמען מ'קען אָנפאַרטרויען אַ סוד, דערציילן אַן אַנעקדאָט, אַ מעשה וואָס האָט זיך פאַרלאָפן. אפילו זיך צוהערן וואָס עלטערע ריידן צווישן זיך איז מיר געווען פאַרבאָטן. "אַ אינגעלע דאַרף זיך ניט צוהערן וואָס עלטערן רעדן", איז געווען דער "עדיקט" פון טאַטן.

"גאַנץ אַנדערש איז געווען ביי די קאַניעפּסקיס. דאָרט האָט מען מיך באַהאַנדלט ווי אַ פולשטענדיקן מענטשן. קאַניעפּסקי אַליין פלעגט ליב האָבן מיט מיר זיך אונטערהאַלטן, דערציילן זיין יחוס, זיין ביאָגראַפיע, ציינגן מיר די בילדער פון זיין זיידן, דעם גענעראַל פון דער פּוילישער קרוין אַרמיי, אונטער קאַזימיר דעם גרויסנס הערשאַפט, פון זיינעם אַן אָנקל, דעם גרויסן בישאָף, פון זיין פאָטער דעם פּאָלקאָווניק, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין צייט פון פּוילישן אויפשטאַנד.

„באַזונדערס פלעגט ער ליב האָבן צו דערציילן פון זיין האָס צו די מאַסקאַלים, ווי ער פלעגט מיט פאַראַכטונג רופן די רוסן. קאָניעפּסקי איז געווען א וואונדערבארער דערציילער. אין אים האָט געלעבט די נשמה פון א גרויסן דיכטער וואָס איז פארוואָרפן געוואָרן ווייט פון א קולטור צענטער און זיין בענקשאַפט און זיין ליבע, זיין דראַנג צום אויסדרוק האָט זיך ווי געריסן פון תפיסה און זיך אויסגעדריקט אָט אין א קינסטלערישער שטיקל אַרבעט, אַמאָל אין א מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע, און גאַנץ אָפט אין זיינע הארציקע דערציילונגען פון עפּיזאָדן פון פוילישן קאַמף פאַר פרייהייט. איך האָב געקענט אָפּזיצן שטונדן און איינהערן זיך אין זיינע קינסטלערישע און הארציקע מעשיות.

„אַמאָל פלעגט זיך אים פאַרגלוסטן א שיין צו טאָן פאַר מיר מיט זיינער א נייער קאָמפּאָזיציע. ער פלעגט א כאַפּ טאָן דעם פידל אין זיינע הענט, א פּראָוו טאָן די סטרונעס, פאַררייסן דעם קאָפּ אַזוי אַז זיין ברייטע בּרוינע באָרד פלעגט ביז האַלב פאַרדעקן די פידל, און זיך צעלאָזן אין א הארציקער מעלאָדיע. די קליינע נאַטאַליע האָט גלייך געפונען די נאָטן, גענומען אַקאָמפּאַנירן דעם טאַטן און ס'איז געוואָרן א דועט. באַלד האָט די קאָניעפּטשיכע אוועקגעלייגט דעם פּינזל און זיך צוגעזעצט צו דער האַרפּע. דערהערט קאָסטיא פון ווארשטאַט אַז מען שפּילט עפּעס נייעס, קומט ער צולויפן מיטן פאַרטוך און מיטן קלאַרנעט, שטעלט זיך לעבן קלאַוויר, כאַפּט אויף די מעצצאָ טייל פון דער קאָמפּאָזיציע, און גיסט זיך אַריין אין דעם מעלאָדישן שטראָם און ס'ווערט שוין א קוואַרטעט. און ביי פאָטער און קינד פינקלען די אויגן פון גליקלעכן עקסטאַז, ווען די מעלאָדיע צעגיסט זיך און צעשפּרייט זיך ווי א לויפנדיק וואַסער וואָס פליסט פון די בערג און טראָגט זיך דאָ מיט אימפּעט און ראַש איבער אַלע מכשולים און פעלזן, און דאָ שטיל און בנעימותדיק איבער די גאָלדענע זאַמדן פון וואַלד טייכל, ביז עס רייסט זיך דורך א וועג צום גרויסן ברייטן טייך.

„איך זיץ און הער זיך איין צו דער געטלעכער מעלאָדיע, צו די פּרעכטיקע טענער, און איך פיל ווי נייע געפילן ווערן אין מיין נשמה געבוירן, געפילן פאַר וועלכע איך האָב קיין נאָמען ניט, נאָר איך ווייס אַז דאָס זיינען געפילן הייליקע, מינוטן גליקלעכע, מענטשן טייערע וועלכע איך האָב ביז איצט ניט געקענט, אָבער וועלכע איך וויל קענען, ווייל זיי האָבן געעפנט מיינע אויגן צו נייע וועלטן, צו נייע האָריזאָנטן וועלכע איך האָב ביז איצט ניט געקענט און ניט געוואוסט.

„קאָנט איך זיך פאָרשטעלן וואָס עס מיינט פאַר א אידיש קינד, וואָס האָט געלעבט אין אָפּגעשלאָסענעם לעבן, פאַר וועמען די גויאישע וועלט איז געווען פאַרריגלט און פאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער און ריגלען, אין וועמעס אויגן א גוי איז קיינמאָל ניט געשטאָרבן נאָר געפּגרט, זיין חתונה איז געווען א כאַסליערע, זיין יום טוב א חגא, זיין לויה א פאַרשלעפּעניש, און דאָ האָב איך זיך פאַר זיך מיטאַמאָל דערזען א לעבן וואָס האָט געשפּריצט און געפינקלט מיט טויזנטערליי פאַרבן און קאָלירן, און מיט מיין גמרא קעפּל האָב איך גענומען אָפּלערנען א קל וחומר, און דרייען א ורמינהו מכלל לפרט ומפרט לכלל.

„איך האָב געהאַט פאַר זיך מיין טאַטן, וועלכער איז ביז איצט אין מיינע אויגן געווען די פאַרקערפּערונג פון הכמה, געלערזאַמקייט און וואָס דען ניט? נאָר אַט איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן דער קריסט קאַניעפּסקי מיט זיין שלימות און מוזיק, מלאכה, מאָלעריי אוןווירטשאַפט, זיין באַהאַוונקייט אין קענטעניש פון דער וועלט, זיין בליק אויף פּאָליטיק, זיין קונסט צו דערציילן, זיין ריידן און — מיין טאַטע . . .

„ס'האָט מיר אַזש פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווען איך האָב געמאַכט דעם פאַרגלייך. איך האָב פאַרגליכן אונדזער הויז, וואָס איז ביז איצט געווען אין מיינע אויגן אַ קעניגלעכער פּאַלאַץ, וואָס קיין שענערס איז גאָר אויף דער וועלט ניטאָ, און איצט, ווען איך האָב עס פאַרגליכן מיט דער הויז פון די קאַניעפּסקיס, מיט דער ריינקייט, אָרדענונג און שיינקייט, מיט די אויל בילדער אויף די ווענט, סטאַטועס, גאַרדינען, מוזיקאַלישע אינסטרו־מענטן, טעפּיכער און פּאַטשערקעס, איז מיר אויסגעקומען אונדזער שטוב ווי אַ חורבה. און מיין טאַטע איז דאָך געווען אומפאַרגלייכלעך רייכער פון די קאַניעפּסקיס. דאָס זעלבע ווען איך האָב פאַרגליכן מיינע שוועסטער, זייער לבוש, זייער אויפפירונג, זייער בילדונג, מיט דער קליינער נאַטאַשקען, וועלכע איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרפּוצטע ווי צו אַ חתונה, שטענ־דיק עפּעס געלערנט אָדער געטאָן, געלייענט ביכער, שטודירט מוזיק, גענומען לעקציעס אין מאָלעריי און געגרייט זיך אַריינצוטרעטן אין פערטן יאָר גימ־נאַזיע — ווערנד מיינע שוועסטער האָבן געגרייט „פּאָוועלע" פאַר זייער חתונה, גערעדט פון חתנים, פון דער צייט וואָס זיי זיינען צוועלף יאָר אַלט געווען.

„דאָס גלייכן — אונדזער הויף און קאַניעפּסקים. ביי זיי איז געווען אַ גאָרטן פון כל טוב, אַגרעסן און פּערשקעס, ווײַנשל און עפּל, באַרן און פלוימען, גרינצייג, אַלערליי בלומען און גרינע גראָז ווי סאַמעט גלאַט, די סטעזשקעס אַרומגעשניטן, מיט זאַמד אויסגעשאָטן, יעדער בוים האָט ווי שירה געזונגען, אַרומגעשווירן און אַרומגעשניטן, בעת אונדזער גאָרטן איז געווען פאַרלאָזט און פאַרוואַקסן, די פּלויטן צעבראָכן, מיט קראָפּעווע באַ־וואַקסן. זייער הויז פון דרויסן האָט שטענדיק געפּינקלט פון ווייסקייט, די לאָדנס געפאַרבט אויף גרין. אונדזער הויז איז געווען אָפּגעקראָכן פון אַלט־קייט, אין אַ סך פּלעצער דער פּלאַסטער אָפּגעקלאַפּט, די פאַרב פון לאָדנס אָפּגעקראָכן.

„איך האָב זיך מיטאַמאָל פאַרשעמט פאַר זיך אַליין. מיין שיין וועלטל אין וועלכן איך האָב געלעבט ביז איצט האָט גענומען צעפאַלן אויף שטיקלעך. אַלע מיינע ידיעות אין חומש, רש"י, נביאים און תלמוד האָבן מיר גענומען אויסזען אַזוי קליין און נישטיק. מיין גאַנצע חריפות אַזוי מינדערוועַרטיק.

„ליגנדיק ביינאַכט אויף מיין געלעגער האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ווי אַ שווערע משא האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיינע יונגע פּלייצעס, און די משא דריקט מיך מיט איר שווערקייט צו דער ערד. איך ראַנגל זיך מיט אַלע כוחות צו באַפרייען זיך און קען ניט. עס וואַרפט מיך אין היץ און אין קעלט. אַ שווערער שוויים באַגיסט מיך און איך כאַפּ זיך אויף, צינד אָן דעם לאָמפּ און זוך הילף און טרייסט ביי דער גמרא. עס ווילט זיך מיר פאַרדבקהן זיך

מיט דעם טרויעריקן ניגון פון תנו רבנן, און אין די אויערן קלינגען די טענער פון קאניעפּסקיס "גאַוואָט". וואָס שטאַרקער איך וויל זיך פאַרטיפן און פאַרגעסן, אַלץ הילכיקער קלינגען אָפּ אין מיין נשמה די רוישנדיקע קלאַנגען פון קלאַוויר און פידל, קלאַרנעט און פלייט. צוויי וועלטן דרייען זיך אין מיין מוח, האַלטן מלחמה איינס מיטן צווייטן. צוויי קולות רופן מיך פון צוויי באַזונדערע זייטן און איך קאָן זיך ניט רירן פון אָרט.

"און ווידער זוך איך צו פאַרטיפן זיך אין דער גמרא, כ'וויל פאַר־שטיין דעם ענין, און צעשאָקל זיך און זינג אויס אויפן קול: "חרש שנשא פקחת ופקח שנשא חרשת". און פון ערגעץ רופט צו מיר א שטים: וואָס גייט דיר אָן די בלינדע וואָס האָט געהייראַט א טויבן און דער טויבער וואָס האָט געהייראַט א בלינדע. וואָס פאַר א שייכות האָט עס מיט דיר. נאַטאַשקע איז ניט טויב און דו ביסט ניט בלינד. איר זייט ביידע יונגע קינדער. אַנגסט און שרעק באַפאַלט מיך פון דער ווילדער מחשבה. ניט אַנדערש אַז דער יצר הרע וויל מיך פאַרפירן אין שאול תחתיה.

* * * * *

"אויף מאָרגן כאור הבוקר האָב איך זיך אַריינגעכאַפּט צום שכן. איך האָב געטראָפן דעם אַלטן קאַניעפּסקין אין זיין וואַרשטאַט פאַרטיפט איבער א קאָמפּליצירטער צייכענונג. ער האָט מיר גלייך גענומען דערקלערן דעם סוד און צוועק פון דער צייכענונג. אין אַלעקסאַנדראָווסק בויט זיך א גרויסע קירך, האָט מען ביי אים באַשטעלט די אַרבעט פאַר די מזבחות (אַלטאַרן), און ער מוז עס פאַרטיק מאַכן צוערשט אויף פּאַפּיר צו ווייזן דעם עפּיסקאָפּ, און ער האָט גענומען מיר דערקלערן דעם שכל פון ליניע, פון יעדן ווינקל, וואָס ער וועט מאַכן פון גאָלד און וואָס פון שוואַרצע האָלץ, וואָס פאַר אַן עפּעקט עס וועלן האָבן די קאָלירן און די צייכענונגען. און פּלוצים קומט מיר אַרויף אויפן זינען בצלאל, נאָר על פּי טעות איז עס גאָר א גוי, און אַנ־שטאָט צו בויען א משכן פאַר גאָט בויט ער גאָר א מזבח צו אַן אָפּגאָט. און באַלד טו איך זיך א כאַפּ: אפשר איז עס גאָר גאָטס ווילן איך זאָל ווערן א בצלאל, טאָמער איז גאָר דאָ א זין און א מיין, וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט זיי. און ניט לאַנג טראַכטנדיק טו איך א זאָג צו אים: איך וויל זיך לערנען ביי דיר די מלאכה. לערן מיך אַלץ וואָס דו קענסט, רוסיש, פּויליש, דייטש, מוזיק, צייכענען און סטאָלעריי. איך וויל קענען אַלץ וואָס דו קענסט און פּונקט אַזוי ווי דו.

"דער גוי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער צייכענונג, אַראָפּגע־נומען פאַרזיכטיק די ברילן, זיך אָנגענומען מיט ביידע הענט ביי די זייטן, און נעמענדיק מיך באַטראַכטן פון אַלע זייטן, האָט ער זיך צעלאַכט הויך אויפן קול, אַז אַלץ האָט זיך געטרייסלט ביי אים: דער בויך, די פּלייצעס, זיין גרויסע ברייטע באָרד.

— כאַ־כאַ־כאַ . . . אוב־כו־כו . . . דו א סטאָליער? מיט אָט די פּייקעלעך, מיט אָט די דאָזיקע דאַרע הענטעלעך? גיי שוין גיי. אידן זיינען ניט געשאַפן פאַר קיין מלאכה. באַלד וועט דיר דיין טאַטע חתונה מאַכן, דיר געבן א ווייב מיט נדן, מיט קעסט, און נאָכדעם וועסטו האַנדלען, טאָן געשעפט. מעגלעך וועסט נאָך זיין רייכער פונם טאַטן. האָסט א קאָפּ אויף זיך.

"אזוי ווי איך שטיי פאר אים אבל וחפר ראש און פיל אז דאָס גאַנצע בלוט זידט אין מיר פון כעס און רציחה פאר דער באַליידיקונג, ערשט, איך טו א קוק, דער טאַטע שטייט אויף דער שוועל און באַטראַכט דעם שכן וואָס קאַטשעט זיך פון געלעכטער און אויך מיר, ווי איך שטיי פאַרלאָרן און בלייך, און ער טראַכט ניט קיין בּד און דערלאַנגט מיר צוויי פייערדיקע פּעטש אז דער קאָפּ האָט זיך מיר באַלד פאַרדרייט און איך בין אומגעפאַלן אויף די סטרוזשקעס ווי א סנאָפּ.

"געעפנט די אויגן האָב איך ערשט אויפן דריטן טאָג ליגנדיק אין מיין בעט אין מיין צימער ארומגערינגלט פון דער גאַנצער משפּחה. א דאָקטאָר איז געשטאַנען לעבן מיר און אריינגעקוקט אין די אויגן, געטאַפּט דעם דופק, געמאָסטן די היץ, בעת טאַטע־מאַמע און די שוועסטער זיינען געשטאַנען מיט פאַרהאַלטענע אָטעמס דערוואַרטנדיק דעם דאָקטאָרס פּסק.

"די היץ איז אָפּגעפאַלן, די סכנה איז פאַראיבער, אָבער, האָט דער דאָקטאָר געוואָרנט, ער איז נאָך א גרויסער חולה און מען מוז אים געבן רו, גענוג לופט און גוט אכטונג געבן אויף זיין שפּייז. און מני וביה גענומען אַפּרייניקן דאָס צימער פון משפּחה, צעעפנט דאָס פענצטער, מיך צוגעדעקט, און פון יענער זייט מיר האָט זיך צו מיר דערטראָגן דער מאַמעס געוויין, דעם טאַטנס טרייסט ווערטער, אז גאָט וועט זיך מרחם זיין. די שוועסטער, מומעס, פעטערס און סתם משפּחה האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל טוב. דעם פעטער ברוכס באַסאָווע שטימע האָט פּראָפּעטיש דערקלערט, אז "אַניט האָט ער באַלד ניט־געזאָגט אז ס'וועט גאָר ניט זיין. כ'האָב גאָר א קוק געטאָן אויף אים האָב איך געוואוסט אז מיט אזא פּנים גייט מען ניט אין דער ערד".

"העט שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז אין די דריי טעג האָב איך געשוועבט צווישן לעבן און־טויט, אז ביי אונדז אין שטוב האָט זיך גע־טאָן חושך. דער טאַטע איז שיר ניט פון זינען אראָפּ פון צרות און שרעק, און רק באַשולדיקט די מאַמע פאַרוואָס ס'האָט זיך איר פאַרגלוסט אינמיטן דערינען א פאַרטרעט. אז דאָס הארץ האָט אים באַלד געזאָגט אז קיין גוטס קען פון דעם ניט ארויסקומען.

"די מאַמע האָט ניט אויפגעהערט צו קלאָגן און ניט אָפּגעטראָטן פון מיין בעט בייטאָג און ביינאַכט. זי האָט ניט גערוט קיין מינוט. דער דאָקטאָר האָט געמוזט קומען דריי־פיר מאָל א טאָג. דאָס גאַנצע הויז איז געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. אין שול איז געזעסן א מנין אידן און געזאָגט תהילים. צו דריי רביים האָט מען אַוועקגעשיקט פּדיונות. דער טאַטע פון זיין זייט האָט אויך ניט געשוויגן, און ער האָט געטאָן וואָס נאָר ער האָט געקענט.

"צו אַלע צרות איז צוגעקומען א שפּאָגל נייע צרה: די שרעק פאַרן שכן קאַניעפּסקין. די משונהדיקע האַלטונג פון דער גאַנצער משפּחה האָט אָנגעפילט יעדן איין אין שטעטל מיט אַנגסט און שרעק.

"ערשטנס, זיינען זיי פּלוצלונג געוואָרן אָפטע אריינגייער צו אונדז אין הויז, און באַזונדערס דער אַלטער. ער פלעגט אריינקומען אַן א היטל און אַן א ראָק, מיט א צעשויבערטן קאָפּ האָר, זיך אַוועקשטעלן ביי מיין בעט און ניט אראָפּנעמען די אויגן פון מיר, מיט קיינעם ניט ריידן קיין

וואַרט, זיך איבערצלמען דריי מאָל און אַרומלויפן פון הויז ווי אַן אונטער־געשאָסענער.

"עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט קומען אין הויז די פרוי זיינע, מיט אַ שיסל אייז (זיי האָבן געהאַט אַן אייגענע אייז־הויז), ווייל מען האָט מיר געלייגט אייז פּוכירן צום קאָפּ. די צוויי בחורים, קאָסטי און אַלעקסיי, זיינען ניט אַפּגעטראָטן פון פענצטער, און רק געהיט וואָס עס טוט זיך אין שטוב.

די קליינע נאַטאַליע פלעגט זיך אריינכאַפּן דאָ מיטן פאָטער און אַמאָל מיט דער מוטער, און מערסטנס פלעגט זי שטיין ביי די פענצטער און אַריינקוקן אין צימער און ניט וועלן אַפּטרעטן פון דאָרט ביז די מוטער פלעגט זי מיט גוואַלד פון דאָרט אַוועקנעמען.

"ביי די קאָניעפּסקים אין הויז, דאַרפט איר וויסן, איז געווען אַ גאַנצער אַרסענאַל מיט געווער, ווייל אחוץ אַלע מלאכות זיינען די קאָניעפּסקים אויך געווען פּאַרקאַכטע יעגערס (אַכאָטניקעס).

"פלעגט קומען אָסיען, פלעגן זיך פאָטער און זון אַוועקלאָזן שיסן ווילדע ענטלעך און גענדז, און ווי נאָר ס'איז אויסגעפאַלן דער ערשטער שניי פלעגן זיי זיך אַוועקלאָזן איבער די וועלדער און פעלדער מיט די ביקסן אויף די אַקסלען און קומען צוריק אָנגעלאָדן מיט געשאָסענע האָזן און אַמאָל אפילו מיט אַ טויטן וואָלף.

"אָט די דאָזיקע ביקסן האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן פאַר קאָניעפּסקים הויז, כאָטש ס'איז געווען אַ וואָך פאַר פסח און יאַגד בכלל איז איצט געווען פאַרבאָטן.

"אַרויסגעטראָגן די ביקסן האָט דער אַלטער קאָניעפּסקי אַליין און גענומען זיי זיך פּוצן און רייניקן און שמירן מיט חזיר־פעט אינווייניק און פון דרויסן. עקזאַמינירן די שלעסער און בודק זיין יעדעס ברעקעלע, אויפהויבן די ביקס צו דער ברוסט, אָנשטעלן זי צו אַ ציל, פאַרזשמורן איין אייגל און קוקן לאַנג און מיט כוונה, ווי ער וואָלט וועלן דערגרונטעווען זיך צו אַ טיפן סוד.

"אָט די ביקסן אויסגעשטעלט ווי דריי מחבלים ביי זיין טיר, אָנגע־שפּאַרט אַן דער וואַנט, האָבן אָנגעפילט יעדנס האַרץ מיט טויט־שרעק און אַנגסט. אַז דער קריסט איז מלא רציחה, האָט מיין טאַטע דערפילט באותו רגע ווען איך בין אַנידערגעפאַלן אויף די "סטרוזשקעס" און געבליבן ליגן אומבאַוואוסטזיניק. דאַמאָלסט האָט זיך דעם טאַטן אויסגעוויזן אַז איך שפיל קאָמעדיע, און ער האָט זיך ערשט געקליבן מיך מכבד זיין מיט אַ גוטן סטוסאַק פונם פוס. ס'איז געווען קאָניעפּסקי, וואָס האָט מיט גרויס צאָרן אָפּגעשטויסן דעם טאַטן, מיך אויפגעהויבן אויף זיינע גרויסע הענט און אַריינגעטראָגן צו זיך אין זאַל.

"ס'איז געווען די קאָניעפּסקיכע וואָס האָט אָנגעווענדעט איר גאַנצע דאָקטאָריע מיך אָפּמינטערן און ניט געקענט. און דאַן האָט דער זעלבער קאָניעפּסקי מיך איבערגעטראָגן צו אונדז אהיים אויף דער מאַמעס פאַרלאַנג.

"געבראַכט און אַוועקגעלייגט אויפן בעט און בלויז געזאָגט עטלעכע ווערטער: "דו זאָלסט זיין אַ כאַכאָל וואָלט איך דיך אויפן אָרט ווי אַ הונט

דערשאַסן, ווען דו וואָלסט זיין א מאַסקאַל וואָלט איך דיך מיט מיינע פיס צעטראָטן, נאָר אז א איך זאָל אזוינס טאָן . . . פשא קרעף". . . פארקריצט מיט די ציין און אוועק.

"פון יענער מינוט האָט ער מיט קיינעם קיין וואָרט ניט גערעדט ביי אונדז אין הויז, און ווי ס'ווייזט אויס האָט דער קריסט זיך ארומגעטראָגן מיט פינצטערע מחשבות, ווען ער האָט געזען אז ס'האלט שמאָל מיט מיר.

* * * * *

"מילא, איך זעט דאָך אז איך בין לעבן געבליבן און די שרעק איז פארקערט, געוואָרן צו שמחה, אָבער אויפגעשטאַנען בין איך א גאַנץ אנדערער ווי ווען איך האָב זיך געלייגט, און אָט פארוואָס.

"איז דער מאָס ווי מיין געזונט האָט זיך גענומען צו מיר אומקערן און מיין פאַרשטאַנד האָט זיך גענומען ארויסשיילן פון דער בעפּלדיקייט גע־שאַפן פון שאַרפע שמערצן, פון הויכער טעמפּעראַטור, האָב איך גענומען איבערטראַכטן אלץ וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט און זיך גענומען פרעגן: פארוואָס? פארוואָס איז מיר געקומען אזא טיפע באַליידיקונג פון מיין אייגענעם טאַטן פאַרן שכן אין די אויגן? פארוואָס האָט קאַניעפּסקי אזוי געלאַכט פון מיר, ווען איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיך צונעמען אין דער־לערע? ווי האָט ער געוואַגט צו לאַכן פון מיינע פאות, און וואָס פאַר א שייכות האָבן פאות צו לערנען א מלאכה? און פארוואָס זאָל א גוי דענקען אז מיר טויגן צו קיין אנדער זאַך ניט ווי נאָר צו האַנדל און חתונה האָבן? אָט די פראַגן האָבן זיך געראַיעט אין מיין קאָפּ און געדריקט אויף מיין געמיט.

"פון איין זייט האָב איך געפילט אז איך מוז עפּעס טאָן. איך מוז אוועק פון דער היים. אָבער ווי אזוי? מיט וואָס? און וואוהין? דערויף האָב איך קיין ענטפער ניט געקאָנט באַקומען. מיין כעס אויפן טאַטן איז גע־וואַקסן מיט יעדן טאָג, אָבער אין דער זעלבער צייט איז מיין רחמנות און צוגעבונדנקייט צו דער מאַמען געוואַקסן אין פּראָפּאָרציע. ווי וועט זי קענען איבערטראָגן אויב איך זאָל אנטלויפן.

"דער טאַטע האָט, ווייזט אויס, געפילט וואָס מיט מיר טוט זיך און איז געוואָרן זייער פריינדלעך צו מיר. ער פלעגט צוקומען צו מיין בעט מיט א מין הכנעה און צערטלעכקייט, וואָס האָט זיך זייער שלעכט געפּאַסט פאַר זיין שטרענגער, ערנסטער און באַפעלערישער נאַטור.

"געקומען די וואָך פון פסח, טאַטע־מאַמע זיינען אוועק אין שול דעם ערשטן טאָג מיט פריילעכערע הערצער, ווייל דער דאָקטאָר האָט פארזיכערט, אז די געפאַר איז אינגאַנצן פאַראיבער און איך גיי אָן גאַנץ גוט. מען זאָל מיך נאָר צורו לאָזן. מיין פענצטער איז געווען אָפן, די זון האָט אריינגע־שיינט אזא פריילעכע, א שיינענדיקע און וואַרימע אז דער גאַנצער חדר איז ווי אָנגעפילט געוואָרן מיט זיו השכינה. און עס פאַרבענקט זיך מיר צו נעמען אַ ספר אין האַנט, זיך פארטיפן אין עפּעס אָן ענין, אָבער די שאַפע מיט די ספרים איז אויף יענער זייט צימער, און איך פרעג זיך: זאָל איך אראָפּגיין? טאָמער טאָר איך ניט? דער דאָקטאָר האָט געהייסן ליגן רואיק.

„איך זעץ זיך אויף און אָטעם אריין די פרימאָרגן לופט און עס ווערט מיר אַזוי לייכט אויפן הארצן . . . פּלוצלונג, א באַקאַנט קול קלינגט אין מיינע אויערן: „זדראַווסטוואַי, אבראַשאַ! קאַק טשוואַוסטוואיעש"—גוט מאָרגן, אברהם! ווי פילסטו?

„נאַטאַליע שטייט א לוסטיקע, א פריילעכע, מיט א רויטן קאַרסאַזש איבער א ווייסער אויסגעניייטער בלוזקע, דער קאַרסאַזש פארשנורעוועט שטייף ארום איר יונגער טאַליע, האָט בולט אויסגעפורעמט איר יונגן מיידלשן קערפּער, וואָס האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען צו פאַרוואַנדלען אין דער יונג־פרוי. מיט אירע שיינענדיקע שמייכלענדיקע אויגן קוקט זי אויף מיר דורכן פענצטער, און איידער איך האָב צייט זיך אָפּגעבן א חשבון וואָס צו טאָן און וואָס צו זאָגן, שפּריגנט זי איבער דעם פענצטער און איז לעבן מיר, מיט אירע הענטלעך פאַרוואָרפן ארום מיין האַלדז, און זי קושט מיך אין מויל, אין די באַקן, און רעדט צו מיר די גאַנצע צייט: „דאָראָגאָי, ניענאַגליאַדני, איך האָב דאָך פאַר דיר די גאַנצע צייט גאָט געבעטן, די גאַנצע צייט פאַר דער הייליקער מוטער א ליכט יעדן אוונט געצונדן. א נדר געטאָן דעם „פּאָסט" הייליק האַלטן ביז פּאַסקע . . . ווייסט, מיין פּאַפּאַ און מאַמאַ זיינען אין דיר אמת פאַרליבט". און ריידנדיק נעמט זי ארויס צוויי שיינענדיקע מאַראַנצן פון ביידע קעשענעס פון איר רויט קליידל און דערלאַנגט מיר: דאָס האָט פּאַפּאַ נעכטן פאַר דיר געקויפט.

„פון יענעם טאָג איז נאַטאַליע געוואָרן אן אָפטע באַזוכערין ביי מיר אין צימער. זי פלעגט היטן יעדע באַוועגונג אין הויז און ווען זי האָט נאָר געוואוסט אז דער טאַטע איז ניטאָ און די מאַמע איז פאַרנומען, פלעגט זי זיך אריינכאַפּן, זיך זעצן אויף מיין בעט און אויסדערציילן מיר פון אַלץ וואָס טוט זיך ביי זיי אין הויז, אין שטעטל, ביי די שכנים.

„שפּעטער, ווען איך האָב זיך גענומען בעסערן, פלעגן מיר זיך טרעפן אין דער אַלטער בעסיעדקע ביי אונדז אין גאָרטן, און דאָרטן האָבן זיך אָנגעפאַנגען מיינע ערשטע לעקציעס אין רוסיש און פּויליש. נאַטאַליע איז געוואָרן ניט נאָר מיין חברטע נאָר אויך מיין לערערין.

„איך האָב זיך צוגעכאַפּט מיט דער גרעסטער התמדה צו דער נייער תורה און געחזרט אויף אויסוועניק גאַנצע פּאָעמען פון פּושקין, לערמאָנטאָוו און זשוקאָווסקי. שפּעטער האָט זיך מיט מיר גענומען באַשעפטיקן די מאַדאַם קאָניעפּסקי. זי פלעגט מיר ארויסהעלפן אין מיין קאָרעקטן לייענען און ריידן. זי פלעגט מאַכן מיט מיר מיינע לעקציעס אין גראַמאַטיק און אריפ־מעטיק. זי פלעגט קלייבן פאַר מיר ביכער צום לייענען און אינסטרואירן מיך ווי צו לייענען. ניט כאַפּן דעם אינהאַלט נאָר די כוונה פון דעם מחבר, די שפּראַך, די אומגעבונג ארום דער דערציילונג איז פּונקט אַזוי וויכטיק ווי די דערציילונג אַליין.

„מיינע עלטערן האָבן שטאַרק געליטן פון מיין באַנייטער פריינט־שאַפט מיט אונדזערע שכנים, האָבן אָבער געשוויגן און ניט געשטערט. מער פון אַלעמען האָט געליטן מיין מאַמע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן פאַר דער שולדיקער אינם גאַנצן אומגליק, ווי זיי האָבן דאָס גערופן. צו פאַרגרינגערן די ליידן פון מיין מוטער, האָב איך גענומען טיילן מיין צייט צווישן דער

גמרא און רוסישער גראמאטיק, צווישן חומש מיט רש"י און באקלס געשיכטע פון דער ענגלישער ציוויליזאציע.

"צום סוף פונם זומער האט זיך נאטאליע גענומען גרייטן צו פארן קיין אדעס אריינטרעטן אין דער מיידלשער גימנאזיע דארטן. מ'האט גענייט אוניפארמס, פארטוכער, אונטערוועש, געוואשן, געפרעסט. די הויז ביי זיי איז געווען פארהאנגען מיט אירע קליידער און פארטוכער, שטייף געקראכמאלטע זיינען זיי ווי ווייסע פליגלען געהאנגען און געשטאנען אויף די שאפעס און טירן. נאטאליע האט ארומגעפאדיעט א גליקלעכע, א צופרידענע מיט דער פארשטייענדיקער נסיעה. די גרויסע שטאט אדעס האט איר געלאקט און געצויגן ווי א מאגנעט.

"אט אין יענער צייט בין איך ארומגעגאנגען ווי א צעטומלטער. ערגעץ האט גענאגט דאס הארץ און ווי געטאן. די גאנצע צייט וואס איך בין אריינגעגאנגען צו די שכנים האב איך זיך ווי צוגעוווינט צו די שטיפעריען פון נאטאליען לגבי מיר, וואס האט מיך געארט אז זי האט מיך אמאל געקושט, אדער אז זי האט גערעדט צו מיך און דערציילט מעשיות און רכילות. אמת, איך האב ליב געהאט אירע שטיפעריען, איר קלינגענדיקער געלעכטער פלעגט אפקלינגען אין מיין הארצן אזוי זיס און אנגענעם. איך האב אבער קיינמאל ביז איצט ניט געטראכט וועגן נאטאליען און וועגן זיך ווי עטוואס מער ווי חברים. דאס וואס זי איז א מיידל און איך בין א אינגל איז נאר געווען א מקרה זאך, בלויז א צופאל און ניט מער, אבער איצט, ווען איך זע איר קלייבן זיך אין וועג און זע איר פריילעכקייט און איר גליקלעכקייט, פארדריסט מיך, למאי ס'ארט איר ניט וואס איך בלייב אליין, וואס זי לאזט מיך דא איבער. און א געפיל פון כעס און ווייטיק באפאלט מיך אויף איר, אויפן גאנצן פרויען געשלעכט, און איך גיי ארום א צעטראגענער, א בלייכער, קאן מיט קיינעם ניט ריידן, כ'קען אפילו ניט איינזיצן ביי דער גמרא אדער "אוראק".

"ס'איז געווען אין א זונטיק גאנץ פרי ווען איך בין מיטן טאטן געגאנגען פון בית־מדרש פון די ערשטע סליחות, האב איך שוין פונווייטנס באמערקט א "בריטשקע" געשפאנט אין צוויי פערד שטיין ביי קאביעפסקים הויז. ס'האט זיך מיר ווי אפגעריסן אין הארצן. זי פארט אוועק, האב איך א טראכט געטאן, און וואלט ניט דער טאטע געגאנגען ביי מיין זייט וואלט איך זיך געלאזט לויפן ווי נאר די פיס וואלטן מיר געטראגן. דער טאטע איז אבער געגאנגען הארט ביי מיין זייט אן ערנסטער, א פארכמורעטער און געשוויגן.

"ווען מיר זיינען צוגעקומען צום שכנס הויז זיינען זיי שוין געזעסן אויף דער פור, זי און די מוטער אירע, גרייט צו פארן. אינסטינקטיוו האב איך זיך א ריס געטאן צו דער פור, דער טאטע האט אבער ווי פארשטאנען מיין געמיט און מיך אנגענומען פארן האנט, א צי געטאן און מיך כמעט ווי מיט גוואלד אריינגעשלעפט אין שטוב אריין.

"איך בין אריינגעלאפן צו זיך אין צימער און פונם פענצטער געזען ווי זיי זיינען אפגעפארן, און מיטאמאל דערפילט אזא אומעט און פוסטקייט אויף דער נשמה. דאס הארץ האט מיר פארקלעמט און איך האב זיך צעוויינט אין דער שטיל, אליין ניט ווייסנדיק פארוואס.

* * * * *

„פיר יאָר זיינען אוועק פון יענער צייט, פיר יאָר פון ביטערן קאַמף מיט זיך אַליין, אַ קאַמף מיט דער נשמה, אַ געראַנגל צווישן מוח און האַרץ.

„אויב איך האָב אַלס בר־מצוה בחורל ניט פאַרשטאַנען דעם סוד פון מיין אומעט, פון די פּלוצימדיקע טרערן, האָב איך איצטער געפילט מיט יעדן פיבער פון דער נשמה דעם אמת און דעם סוד פון מיין בענקעניש און פּיין. יעדער נערוו פון מיין נשמה האָט זיך געריסן קיין אַדעס, דאָרט וואו נאַטאַליע איז. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן מיטן גאַנצן אימפּעט פון מיין האַרצן אין „עקסטערנען". איך האָב שוין איצט סיסטעמאַטיש און מיט גרויס פלייס זיך געגרייט צו אַריינטרעטן אין אַדעסער טעכנאָלאָגישן אינ־סטיטוט. איך האָב באַין אופן ניט געוואָלט זיך גרייטן פאַר מעדיציניש קורסן, אָדער פאַר דער אַדוואָקאַטור. איך האָב בכיון אויסגעקליבן די טעכניק, ערשטנס, ווייל ס'איז פאַרבונדן מיט מלאכה, בויען, שאַפן, און צווייטנס, און אפשר איז דאָס גאָר געווען דער עיקר, ווייל ס'האָט געמיינט אַדעס . . .

„און אָט בין איך אין אַדעס. מיין חלום פון די לעצטע פיר יאָר איז פאַרווירקלעכט. איך שפּאַציר מיט נאַטאַליען, איצט אַ פולשטענדיקע „באַרישניע", הויך ווי אַ יונגע פּאַלמע, דאָס פּנים איידל, אַביסל בלאַסלעך, די מאַגיערן ראַפינירט, די שפּראַך קלינגענדיק מוזיקאַליש וואָס דרינגט אַריין אין האַרצן.

„מיר זיצן אין אַן אָפּגעזונדערטער אַלייע פון אַלעקסאַנדראָווקי פּאַרק. שוין דער דריטער אָוונט ווי מיר קומען אַהער. איך וויל וויסן דעם סוד פון איר קאַלטקייט צו מיר, פון איר באַנעמונג. ניטאָ קיין סימן פון דער אַמאָליקער שטיפעריי, דער אַמאָליקער חברטע מיינער, וועלכע האָט אַרויס־געוויזן אַזויפיל צערטלעכקייט צו מיר. איך דערמאָן איר אַלע סצענעס פון אונדזערע קינדער יאָרן, זי טוט אַ טיפן זיפץ: „שטשאַסטליוואַיע דיעט־סטוואָ" — גליקלעכע קינדהייט — און ווערט אַנטשוויגן.

„אָבער איצט זיינען מיר מער ניט קיין קינדער, זאָג איך צו איר. נאַטאַליע, מיין האַרץ האָט ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך דיר. איך האָב דיך ליב. איך ווייס עס, איך פיל עס.

„באָג ס'טאָבאָי" — גאָט איז מיט דיר — טוט זי זיך אַ כאַפּ אַ דערשראָקענע און פאַרמאַכט מיר דאָס מויל מיט איר האַנט. רייד ניט. מען דאַרף ניט. ס'וועט צו גאָרנישט ניט פירן. איך בלייב זיצן ווי פּאַראַליזירט און פונקט ווי דאַן, ווען איך האָב זי געזען אוועקפאָרן, כאַפּט מיך אָן אַן אומעט און עס פאַרקלעמט מיך דאָס האַרץ און איך צעוויין זיך שטיל.

„זי טרייסט מיך, ווישט מיינע טרערן און רעדט צו מיר. די רייד אירע קלינגען ווי זיי וואָלטן קומען פון ערגעץ ווייט, ווייט, און יעדעס וואָרט אַזוי קלוג, אַזוי שכלדיק, אַזוי קלאָר. דאָס איז דאָך וואָס האָט מיך געפייניקט די גאַנצע פיר יאָר. און ביי איר קומט עס אַרויס אַזוי נאַטירלעך, אַזוי פּראָסט.

„מיר זיינען צוויי באַזונדערע וועלטן, אַבראַשאַ" — זאָגט זי צו מיר. — דו אַ ייד און איך אַ קריסטן, אַ טאָכטער פון פּוילישן אַדעל. אין

דיינע אָדערן ריגט דאָס בלוט פון נביאים, גאָט זוכער, אין מיינע — דאָס בלוט פון הערשער, גיבורים, באַדריקער. פוילן חלומט איר חלום פון באַפרייאונג און גרייט זיך צו דעם. אינם קאַמף ווי אינם נייעם פוילן מוז איך פאַר מיר אַן אָרט צוגרייטן. מיין חלק צו דער אַרבעט צוטראָגן. אין דעם קאַמף איז פאַר דיר קיין אָרט ניטאָ. דו וואָלסט מיר בלויז אַ שטערונג זיין. יענע צייט ווען די גרעניצן צווישן איד און קריסט, אַדעלמאַן און קליינבירגער (מעשטשאַנין) וועלן פאַרשווינדן איז נאָך ניט געקומען, און מיר מוזן דאָך לעבן איצט. איך וויל זיך ניט נאַרן, ווי שטאַרק איך זאָל דיך ניט ליב האָבן, וואָלט איך ניט קענען פאַרטראָגן אויב אימעצער וואָלט מיך אָנרופן ”זשידאָווקאַ”, און ווי גרויס אונדזער גליק וואָלט ניט זיין, וואָלט עס צעשטערט ווערן פון אַ פיינטלעכן בליק אויף דיר פון די מענטשן פון מיין פאָלק, מיין קלאַס און קרייז”.

”אונדזערע וועגן מוזן דערום זיך שיידן. זיי געזונט”.

דער אַלטער איד איז געבליבן זיצן ווי אַ פאַרגליווערטער. זיין ווייסער אַלטער קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף ביידע הענט, האָט ער שטאַר געקוקט פאַר זיך איבער מיינע אַקסלען, ווייט אַרויס איבער די פאַררויכערטע ווענטלעך פון דער קאַפע. זיין גייסט האָט איצט געשוועבט איבער פעלדער, לענדער און ימים, שפּאַצירט דורך צייט, דורות און פּאַסירונגען. גלייך ווי ער וואָלט נאָכאַמאָל וועלן איבערלעבן זיין ברויזנדיקן לעבן וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען אַזוי דראַמאַטיש. און אפשר האָט ער געוואָלט נאָכאַמאָל דערפילן דעם זיסלעכן פּיין פון אַ פאַרליבט בחורל וואָס ליידט זיין ערשטן שיפבראָך.

זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן און פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. זיין אַלטער געקנייטשטער פּנים האָט זיך ווי פאַרוואָלקנט און פאַרקרימט מיט אַן אויסדרוק פון טיפן ווייטיק און טרויער.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין דעם ליידנדיקן אַלטן, געוואָלט טרעפן זיינע מחשבות, זיינע איבערלעבונגען. דאָ אין דעם אַלטן אידן איז פאַרקערפּערט אַ שטיק לעבעדיקע געשיכטע פון אידישן פאָלק. אַ לעבעדיקער עדות פון דעם געראַנגל און קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען אינם אידישן לעבן אין די לעצטע דריי דורות.

אויף זיינע פּלייצעס האָט ער געטראָגן דעם קאַמף פון דער השכלה מיט די איינגעפונדעוועטע באַגריפן פון טראַדיציאָנעלן, קאָנסערוואַטיוון אידנטום, דעם קאַמף פון דעם אויפברויזנדיקן אידישן נאַציאָנאַלן געפיל, קעגן דעם פּאַסיוון גלויבן און משיחיזם. דעם קאַמף פאַרן אידישן דאָ־זיין מיט די נייסטע באַגריפן פון קאָסמאָפּאָליטיזם און אַסימילאַציע.

איך האָב מיט מיין האַנט אָנגערירט זיין עלנבויגן און אַריינגעקוקט אין די פאַרלאָפענע מיט טרערן אויגן.

”ס׳קען דאָך ניט זיין”, האָב איך געהאַט די אומפאָרזיכטיקייט צו פרעגן, ”אַז איר טראָגט נאָך אַלץ אין אייער האַרצן די ליבע צו יענער ׳שיקסל׳?”

”שיקסל!”, האָט ער ווי אַ געביסענער פון אימעצן זיך אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט און צוריק זיך אַוועקגעזעצט. ”שיקסל!”, האָט ער נאָכאַמאָל ווידער־

האלט שוין וויכער און שטילער, ווי ער וואלט נאכאמאל אריינפאלן אין א „רעווערי“ פון געדאנקען און פאסירונגען.

„ס'טוט מיר לייד, איר האט מיך ניט פארשטאנען“, האט ער שוין מיט א רואיקערן טאן אנגעפאנגען. „איך האב פאר אייך אומיסנע דערציילט דעם עפיזאד פון מיינע קינדערשע יארן, ווייל דאס איז דער עפיזאד וואס האט געהאט אזא באשליסנדיקע ווירקונג אויפן גאנצן גאנג פון מיין לעבן. ס'איז מעגלעך אז אנדערע זיינען געקומען צום זעלבן פונקט, דורך אנדערע וועגן, דורך אנדערע פאקטארן. אבער יענע סצענע אין אדעסער אלעקסאנדראווסקי פארק איז געווארן דער ריכט־שנור אין מיין לעבן. מיט מיין קינדערשן שכל האב איך, ווי פילע אנדערע, געוואלט אויספילפולן, אז ס'איז ניטא קיין חילוק צווישן איד און קריסט. אז שלעכטע מענטשן האבן אויפגעשטעלט און האלטן אן מיט געקינצלטע מיטלען די גראבע ווענט וואס טיילן אפ איד פון קריסט, רוס פון דייטש, פראנצויז פון ענגלענדער, דעם ווייסן מענטשן פון שווארצן און געלן און ברוינעם. אז אונטער דער הויט און אין הארצן און אין מוח זיינען מיר אלע קינדער פון איין גאט, פון איין נאטור, אז דאס זעלבע בלוט פליסט אין אונדזערע אלעמענס אדערן. און דערפאר איז אויף מיר, אברהמען, דעם זון פון שלמה כייפעץ פון טאראשץ, אויסגעפאלן דער גורל צו צעברעכן די צוימען, צו פארניכטן די גרעניצן וואס טיילן אפ מענטש פון מענטש.

„פאר פיר יאר צייט האב איך אנגעפירט מיט זיך דעם קאמף, איבערגעלייענט גאנצע ביבליאטעקן מיט ספרים איבער דער פראגע, געקעמפט מיטן בלוט אין מיינע אייגענע אדערן וואס האט געמאנט איר חוב. מיט די קולות פון דורות וואס האבן אויך געמאנט און געשטורעמט א חשבון פאר דאס פארגאסענע בלוט פון דורות טאקע דורך די זעלבע קריסטן און מאכמעדאנער און געצנדינער און פון וועמען ניט. און דא קומט א מיידל פון זעכצן יאר, ערשט פון גימנאזיע ארויס, און אין גאנץ פשוטע איינפאכע ווערטער צעקלאפט זי מיין קאמף פון יארן, צייגט מיר אזוי קלאר ווי דער טאג אויף די צוויי וועלטן וואס קענען נאך דערווייל ניט ווערן איינס. זי, די געטרייע טאכטער פון פוילן, האט מיך אייננטלעך צום שאנדקלאץ צוגעבאגלט: „פוילן קעמפט פאר איר באפרייאונג און אין דעם קאמף, און אין דעם נייעם פוילן מוז זי פאר זיך א פלאץ מאכן“.

„נו, און וואו איז דער אידישער קאמף פאר באפרייאונג? — האט מיר ווי א דונער אין קאפ א קלאפ געטאן. זי, די טאכטער פון פוילישן פאלק, האט מיר מיין ערשטע לעקציע אין ציוניזם געגעבן, לאנג נאך איידער דער ציוניזם איז אויף דער וועלט געקומען.

„און דא קום איך צום רעכטן פונקט וואס עגבערט מיר מיין מוח און צוליב וועלכן איך האב אייך אהער געבראכט. איך האב אייך שוין דערציילט, אז איך האב זייער א געראטענעם זון. ס'הייסט, האבן האב איך נאך קינדער, זין און טעכטער, אבער יענע זיינען קיינמאל קיין פראבלעם ניט געווען, אט פונקט ווי מיינע שוועסטער זיינען ניט געווען קיין פראבלעם פאר מיינע עלטערן. געבוירן, אויפגעהאדעוועט, חתונה געמאכט ווי ס'האט זיך געמאכט און פארטיק.

"געברענטע לײדן האָבן מײַנע עלטערן געהאַט מיט מיר, װען איך, אַלס צװעלף יאָריקער אײנגל, האָב רעװאָלטירט, זיך אָפּגעזאָגט צו גײן אין שפּאָן און שרײַען מיט דער גאַנצער טשערעדע מע . . . און װען איך האָב פאַרביטן די גמרא אויף אַ רוסישער גראַמאַטיק, און דעם תנ"ך אויף מיכאַ־לעװוסקין און פּיסאַריעװן. און איצט קומט מיר אַלץ צוריק מיט פּראָצענט. און צי איך װיל, צי איך װיל ניט, מוז איך אָנפאַנגען צו גלויבן אין שכר ועונש, אָבער ניט אויף יענער װעלט, נאָר טאַקע אויף דער ערד.

"אויף װי װײַט ס'איז נאָך מעגלעך געװען, האָב איך געזוכט צו געבן מײַנע קינדער אַ אידישע דערציאונג. אָבער גײט זײַט אַ בריה און שװימט קעגן שטראָם, װען דאָס גאַנצע לעבן אַרום, די גאַנצע אַטמאָספערע איז פאַרסמט מיטן גיפט פון אַסימילאַציע. װען אויף יעדן טריט און שריט באַגעגנט איר מכשולים װאָס דערלאָזן ניט, װאָס רײַסן אויס מיטן װאָרצל אַלץ װאָס איר פאַרפלאַנצט.

"איז מײַן זון אויסגעװאַקסן װי אַ סך אַנדערע קינדער בײַ אידן אין דעם לאַנד. געגאַנגען אין סקול און אין תּלמוד תּורה. זיך דװקא גוט געלערנט. אָבער װען ער איז אַרײַן אין הײַ־סקול, װער שמועסט אין אוני־װערסיטעט, האָט ער פאַרװאָרפן און פאַרגעסן אַלץ װאָס ער האָט אַמאָל געלערנט און געװאוּסט װעגן אידן און אידישקײט.

"פּרוביר איך מיט אים פאַרפירן אַ שמועס װעגן גרויסע מענטשן בײַ אידן, װעגן אונדזער בײַטראָג צו דער מענטשלעכער ציװיליזאַציע, װעגן אונדזער אײגנאַרטיקער קולטור װעלכע מען דאַרף פאַרזעצן, באַאַרבעטן. קוקט ער מיך אָן אַזױ װי איך װאָלט גערעדט עפּעס אויסן זינען. װער דאַרף עס אידישע קולטור װען ס'איז דאָ אַזאַ גרויסע ענגלישע קולטור.

"װער איך מסתּם אין כעס און צעבײזער זיך און נעם זיך אים דער־װײַזן . . . טוט ער מיר צוליב און לאָזט מיך אַלײן, און טענה צום לאָמפּ.

"אָט אַזױ האָב איך געקעמפט מיט אַלע מײַנע כּוחות קעגן דעם צעשטערנדיקן גײַסט פון זעלבסט פאַרניכטונג, פון זעלבסט דערנידערונג, און פון זעלבסט נאַרערײַ, װאָס האָט זיך געריסן מיט אַלע כּוחות דורך טיר און פענצטער אין מײַן גבול און געדראָעט מיט פאַרניכטונג אַלץ צוליב װאָס איך האָב געלעבט.

"אין אָט דעם ניט גלײַכן קאַמף צװישן מיר און מײַן זון האָב איך אָנגעפאַנגען מקנא זײַן מײַן טאַטן, בענקען מיט אַלע חושים ממש נאָך יענע צײַטן פון מײַן פּריסטער יוגנט, װען דאָס אידישע לעבן איז געװען גאַנץ און באַשיצט, הײליק און טײַער. װען יעדער אידיש הויז איז געװען אַ פעס־טונג פון אידנטום. יעדער בית־מדרש אַ באַזונדערע שטאָט. יעדער קהל אַ רעגירונג װאָס האָט געשירעמט און געשיצט פון אַלע געפאַרן, געטײלט כּבֿודים און אַנערקענונג צו די װאָס האָבן זוכה געװען.

"יאָ, איך האָב געבענקט נאָך יענער צײַט, אָבער טיף אין האַרצן האָב איך געפילט: האָט דען מײַן דור מיט זײַנע אײגענע הענט ניט צעשטערט יענע פעסטונגען? האָבן מיר דען װײניק מלחמה געהאַלטן אָט מיט אַלע

יענע פאַרמען און דאַגמעס און צו וואָס און וואוהין האָט דאָס אונדז געבראַכט?

* * * * *

„ווי ס'טרעפט זיך אָפט אין אַזעלכע פאַלן, איז דער טאַטע אַלעמאָל דער לעצטער צו דערוויסן זיך זאַכן וועגן זיינע קינדער, וואָס אייגנטלעך האָט ער באַדאַרפט זיין דער ערשטער. און אין דער הינזיכט בין איך ניט געווען קיין אויסנאַם.

„די וועלט האָט געגומען ריידן וועגן מיין זון, אַז ער טרעפט זיך מיט אַ קריסטלעך מיידל. נו, קיין אומגליק האָב איך אין דעם ניט געזען און איך וואָלט אַוודאי זיין דער לעצטער צו אויסריידן מיין קינד פאַר אַזאַ זאַך.

„אָבער אַז די רייד זיינען אריבער די גרעניץ פון סתם רכילות און מען האָט אָנגעפאַנגען ריידן ווי וועגן אַ פאַקט וואָס וועט געשען, איז מיר מן הסתם געגוג ביטער געוואָרן אויפן האַרצן.

„סטייטש! האָב איך פּראָטעסטירט, מיין מעזינעק, דער געראָטענער, דער קליגסטער און בעסטער פון אַלע, אָן וועמען איך האָב מיין גאַנץ לעבן אָנגעהאַנגען, ער זאָל מיר אָפּטאָן אַזאַ זאַך?

„איז אַזוי ווי איך שטעל זיך גאָר די פראַגע, אַז ס'טוט מיר ממש ווי מיט אַ קויל אַ שאָס אין קאָפּ, און וואָס איז מיט דיר אַליין, תכשיט איינער? ביסטו דען ניט געווען גרייט צו טאָן דאָס זעלבע צו דיין טאַטן, צו דיין מאַמען? און ווי עס קומט מיר נאָר ארויף דער געדאַנק, בלייב איך אַ פּריטשמעליעטער און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. הייסט עס, אַז דער פוקד עון אבות על בנים איז אין פולער קראַפט. איז גאָר ניטאָ קיין מיטל דערצו? רבונו של עולם, טראַכט איך, וואו פאַרט איז דאָ דער שכל, די גערעכטיקייט און אפילו בלויז דער זין פון דעם? נאָר גיי טענה זיך אויס, אַז ס'איז אַ קול קורא במדבר. אָבער גלאַט אונטערגעבן זיך, גאָר אָן קאַמף, דאָס קען איך ניט.

„אַ האָפענונג טליעט אין האַרצן, אַז מ'קען דאָך מאַכן אַז ס'איז פאַרט ניט מער ווי רייד. אפשר וועט פון דעם סיי ווי גאָרנישט ניט ווערן. אפשר שרעקט מיך נאָר דער רבונו של עולם, וועט אָבער אָפּהאַלטן די האַנט פון שטראָף אין דער לעצטער מינוט.

„נאָר פונדעסטוועגן, פאַרלאָז איך זיך ניט אויף ניסים און מאחורי הפרגוד, קיינער זאָל ניט וויסן, זוך איך אונטער, צעפרעג זיך וועגן נאָמען, וואו זי וואוינט, וואָס איז איר יחוס, און פאַס אַ באַשלוס: פריער וועל איך זיך באַקענען מיט איר, מיט איר משפחה, און דערנאָך וועל איך שוין וויסן וואָס איך האָב צו טאָן. און איך טראַכט: ס'קען דאָך אמאָל זיין אַז זי מיינט אפשר אַ פּאָר דאָלאַר. אפשר קען מען זיך אויסקויפן פון דער צרה. און אפשר איז זי געגוג אינטעליגענט צו פאַרשטיין דעם טעות וואָס זי מאַכט, וואָס ביידע גייען מאַכן.

„הכלל, איך האָב זיך פאַרגרייט לדורן ולמלחמה, מיט די שטאַרקסטע אַרגומענטן קעגן געמישטע הייראַטן, מיט אויסשניטן פון צייטונגען וועגן

דער פראגע, מיט ביישפילן פון טויזנטער דייטשע פרויען וואָס האָבן גע־האט דעם אומגליק צו הייראטן אידישע מענער אא"וו.

"הכלל, איך האָב זיך דערשלאָגן אהינצו, האָב זיך פאָרגעשטעלט פאר א נייעם סאָרט אינשורענס אגענט וואָס קען זיי ממש גליקלעך מאכן, און עס דארף זיי גאָרניט קאָסטן אויך.

"מילא, איך זאָל אייך דערציילן דעם איינדרוק וואָס דאָס גאַנצע הויז מיט דער משפחה האָט אויף מיר געמאכט, איז א זאך פון אוממעגלעכקייט, דערצו וואָלט איך באדארפט געבוירן ווערן מיט א טאלאנט פון א שלום אש אָדער א דאָסטאָיעווסקי. איך קען אייך נאָר זאָגן אז ווי נאָר איך האָב דערזען מיינע צוקונפטיקע מחותנים איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, בפועל ממש. איך האָב זיך געוואונטשן אז א גרוב זאָל זיך גלייך עפענען און איינשלינגען מיך מיט זיי צוזאמען אבי צו ראטעווען מיין קינד.

"דער פאָטער, א גרויסער פארגאָסענער איירישמאן, איז געזעסן א האלב שיכורער מיט דער פיפקע אין מויל און געהאלטן אין איין שפייען אין א שפיי קעסטל. ריידן רעדט ער מיט א הייזעריקן פארשיכורטן באָרכלענדיקן קול, און צעלאכט ער זיך, עפנט דאָס אויף א מויל ווי בלעמס אייזל און שטעלט ארויס זייַנע פארגעלטע צעקרישלטע און פארפוילטע ציין אז עס ווערט מיר ניט גוט צו קוקן אויף אים.

"די אם הכלה, אויך א גרויסע געזונטע גויע פון א יאָר 45, האלט זיך אביסל ריינער פונם מאן נאָר דורכגעדרונגען מיט א פארסמטן האס צו אידן, וועלכן זי שעפט פון דעם געווינן סאָרט ביכלעך און צייטונגס אר־טיקלען, און אפשר פון די קלויסטער דרשות.

"דאָס מיידל, א טיפישע פלעפערקע פון א יאָר 19 אָדער 20, וועלכע איז קוים דורכגעקראָכן היי־סקול. איר גאנצער גייסטיקער באגאזש באשטייט פון "טרוי סטאָרי מעגעזינס" וועלכע זיינען געלעגן צעוואָרפן אין גרויסער אומאָרדענונג אויפן ווינקל טישל. פארמאָגט איר אייגנס א שיין פנימל וועל־כעס זי פארשטייט ווי אָנצוהאלטן מיט דער הילף פון קאָסמעטיקס. א גע־קרויזטן קאָפּ בלאָנדע האָר — דער לעצטער פראָדוקט פון "ביוטי פארלאָר".

"ס'האָט מיר לאנג ניט גענומען און איך האָב געוואונען זייער צו־טרוי און איך האָב זיי גענומען דערקלערן ווי אזוי איך קען זיי רייך מאכן.

"פלוצלונג טוט מיר די קריסטן א פרעג: "ביסטו ניט אקאָרשט א איד?" יאָ, איך בין א איד. דאָס האָב איך איר מיט צופרידנהייט געענט־פערט, זעענדיק אז דאָס וועט מיך פירן צום ענין.

"איך געטרויע ניט קיין אידן", האָט זי אָפנהארציק זיך מודה געווען. פון דער זייט האָב איך געכאפּט א קוק אויף דער מיידל, וואָס פאר אן איינ־דרוק דאָס וועט אויף איר מאכן. יענע איז געבליבן זיצן ווי פריערביים שפּיגל און געדרייט אירע קרויזן, אזוי ווי ס'קערט זיך גאָר ניט אָן מיט איר.

"קענסטו עפּעס א סך אידן? — האָב איך איר א פרעג געטאָן.

"כ'קען איינעם און דאָס איז גענוג פאר מיר".

"דאָס בלוט האָט מיר א שלאָג געטאָן אין קאָפּ פון דעם געדאַנק, אז דאָס ריידן אזוי מיינע מעגלעכע מחותנים פון מיין קינד, פון מיין זון. מיט אלע קרעפטן האָב איך זיך איינגעהאַלטן ניט ארויסצואווייזן וואָס מיט מיר טוט זיך, ניט צו פאַרראַטן מיינע געפילן, ווען ביידע, סיי ער און אויך די מוטער, האָבן גענומען בודק זיין מיין זון און ריידן פון אים מיט עקל און סופּעריאָריטעט אין באַצוג צו אים. ס'הייסט, זיי שטייט נאָך ניט אַן דער שידוך, זיי ברעקלען זיך נאָך.

"א איד איז א איד, מעג ער זיין א דאָקטאָר, א פּראָפעסאָר, איז אלץ איינס פאַר מיר", האָט די מוטער מיט כעס זיך אויסגעדריקט ווענן איר טאָכטערס "פיאַנסע", — סיידן ער זאָל צושטימען אָננעמען דעם קאַטאָ־ליציזם וואָלט זי, הייסט עס, נאָך באַטראַכט זיך.

"דער פּאָטער, פאַרקערט, איז ערשטנס געווען פאַראינטערעסירט, צי איז אמת אז ער פאַרדינט א סך געלט. איך ווייס, זאָגט ער, פון א סך דאָקטוירים, וואָס האָבן ניט מיט וואָס א טאָג דורכצוקומען. און אויב ס'איז אמת אז ער איז טאַקע א "ביג שאָט", וויל ער וויסן וואָס וועט ער האָבן דערפון? איך האָב, זאָגט ער, מיין טאָכטער אויפגעהאָדעוועט און אויסגע־האַלטן ביז איצט און ער וועט זי ניט אוועקוואַרפן צום ערשטן בעסטן אָרימען טייוול . . .

"דאָס מיידל איז נאָך אלץ געזעסןביים שפּיגל אין אן אָפּגעבליאַקע־וועטער צעקנייטשטער זיידענער קימאָנאָ פון וועלכער עס האָט זיך ארויס־געזען ניט איבעריק זויבערע אונטערוועש, און אלץ גערדרייט איר פריזיר און געפּיילט די נעגל, און ניט אויפגעהערט צו שפּיגלען זיך, גלייך ווי דער גאַנצער שמועס גייט איר לחלוטין ניט אָן.

"דורך פאַרשיידענע ווענן און מיטלען האָב איך געזוכט צו אריינ־פירן דאָס מיידל אין דעם געשפּרעך, הערן איר מיינונג ווענן דעם ענין, און ווען ס'איז מיר ענדלעך געלונגען, האָב איך דערפילט אז די פיס האַקן זיך מיר אונטער. א קאַלטער שווייס האָט מיך באַשלאָגן און ס'איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיט אלע מיטלען האָב איך זיך אויפגעהאַלטן ניט צו חלשן ווען די האָט געעפנט דאָס מויל אויף דער מוטער.

"שאָט אַפּ!" — האָט זי אויסגעשריען מיט א וואולגאַרן טאָן. "שאָט אַפּ, זאָג איך. מיר געפעלט ער, דאַטס אָל. ער איז א וואוילער יונג, האָט א גוטע קאַר, א שיינעם אָפיס, פאַרדינט א סך געלט — וואָס גייט דאָס מיר אן וואָס ער איז א איד. זאָל ער זיך גיין אין שול צו זיין ראַביי, אויב ער וויל, אפילו צום טייוול. וואָס גייט דאָס מיר אָן? וואָס בעסערס האָט איר מיר אָנצובאָטן? — האָט זי מיט כעס געוואָלט וויסן. — איך בין קראַנק פון דער פעקטאָרי ארבעט, איך האָס עס. איך האָס אייך אלעמען!" און מיט כעס איז זי אוועקגעלאָפן ארויף די טרעפּ צו זיך אין צימער.

"און דאָס איז די טאָכטער פון יפת וואָס מיין זון וויל אריינברענגען באהלי שם" — האָב איך א טראַכט געטאָן מיט כעס און פאַרדראָס.

"ווי אזוי איך האָב זיך דערשלעפּט אהיים ווייס איין גאָט דעם אמת. ווי אזוי איך לעב נאָך, גיי ארום און רעד צו אייך, איז פאַר מיר אליין

א סוד. איר נאָר ניטאָ קיין שיר צו די לײדן וואָס א מענטש קען איבערטראָגן? איך האָב פּרובירט רײדן מיט מײן זון, עפענען אים די אויגן, געבן אים צו פֿארשטײן די גרויסע סכנה וואָס שטײט אים פֿאָר, צײגן אים דעם שרעקלעכן אָפּגרונט, פֿאר וועלכן ער שטײט. אָבער אדרבה, גײט זײט מוחל און זײט א בריה, און רעדט מיט הײנטיקע קינדער. זײ קוקן דאָך אויף אונדז ווי אויף גרינהאָרנס, האַלבע אינדיאנער וואָס ווײסן גאָרניט, און אויף אַלע אונדזערע רײד האָבן זײ אײן ארגומענט: "יו אר אָלד פֿעשאָנד". זײ, הײסט עס, זײנען די חכמים, די הײנטוועלטיקע, די געבילדעטע, די אַלצווײסנדיקע, און מיר?"...

און ווידער האָט דער אַלטער אראָפּגעלאָזט זײן ווײסע קאָפּ, ווידער האָבן זיך זײנע אויגן אָנגעפֿילט מיט טרערן און שטאַר אויף זיך געקוקט איבער צײטן און דורות, ווי ער וואָלט דאָרט אַן ענטפֿער געזוכט צו דער אײביקער פֿראַגע וואָס עגבערט זײן מוח און לעכערט זײן הארץ.

און אפשר ניט נאָר אים, נאָר זײן גאַנצן דור.

א בריוועלע

א בריוועלע

— איך וויל איר זאָלט מיר איבערלייענען א פּאָר בריוועלעך וואָס איך האָב נאָר־וואָס „פּאַלוטשעט״. מיינע אויגן, ניט פאר אייך געדאַכט, זייַנען געוואָרן אמתע „סאָבאַטאַזשניקעס״ די לעצטע צייט. רק און נאָר זיי פּראָוועז „זאַבאַסטאָווקעס״. אז אסור אויב כ׳ווייס וואָס ס׳איז געוואָרן מיט זיי. דאַכט זיך די זעלבע אויגן הא, ניין? און זיי טויגן אויף כפּרות!

— אָט ווי איך נעם נאָר א ספר אין האַנט, צי א בריוול איבערלייענען אזוי פאַרציט זיך אַלץ ווי מיט א טומאַן און גיי טאַפּ אין דער פינצטער. כּמעש ווי א בלינדער, רחמנא לצלן. נו, וועט איר זיך מטריח זיין?

אזוי האָט גערעדט און געוויצלט זיך און מיט הכנעה געבעטן זיך מיין אַלטער „קאָסטאָמער״, ר׳ י., וואָס קומט שטענדיק בעטן איך זאָל אים שרייבן א בריוועלע צו זיינע קינדער אָדער איך זאָל אים לייענען א בריוול. דאָס מאָל האָט ער מיט ציטערדיקע הענט מיר דערלאַנגט צוויי בריוו. איינער פון קאַליפאָרניע, דער אנדערער פון דעטראָיט.

אין קאַליפאָרניע האָט ער א זון וועמען עס גייט גאַנץ גוט. אין דעטראָיט האָט ער א טאָכטער אן אַלמנה און דערצו א קראַנקע. האָט ער געוואָלט דווקא און נאָר, אז פריער זאָל איך אים לייענען דעם בריוו פון דער טאָכטער:

— דעם תכשיטס בריוול קען ווארטן.

איך האָב אים צוליב געטאָן און געלייענט דעם בריוו פון דער טאָכטער. די גאַנצע צייט וואָס איך האָב געלייענט דעם בריוו האָט דער אַלטיטשקער געשלונגען יעדעס וואָרט. זיינע אויגן זיינען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן און די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים גענומען ציטערן. און קאָנטיק אז דער אַלטיטשקער האָט זיך געשטאַרקט מיט אַלע כוחות, ניט צו צעוויינען זיך אויפן קול.

איך האָב זיך קוים איינגעבעטן ביי אים, אז ער זאָל זיך אוועקזעצן. און איך האָב זיך צוגעזעצט לעבן אים און ווייטער געלייענט.

די טאָכטער האָט געשריבן פון איר פינצטערן מזל. ווי ביטער עס איז איר צו לעבן אויף דער וועלט און ווי גליקלעך זי איז געווען צו הערן אז דער טאַטע אירער איז גאָט צו דאַנקען געזונט, אז עס פעלט אים קיין זאַך ניט אויס.

דאָס איז איר איינציקע טרייסט איצט אין איר גרויסן אומגליק. אז סדר־הכּל ליגט זי שוין צוויי וואָכן אין בעט און דער דאָקטאָר זאָגט אז זי מוז ליגן כאָטש נאָך צוויי וואָכן. זי האָט געפערלעכע שמערצן אין בויך און דער דאָקטאָר ווייס נאָך ניט וואָס דאָס איז. שפּעטער, ווען מען וועט קענען, וועט מען נעמען א „פּיקטשור״, וועט מען זען — אזוי זאָגט דער

דאָקטאָר. אחוץ די ווייטיקן אין בויך, האָט זי א זייער הויכן בלוט־דרוק און צוליב דעם מוז זי דאָס ליגן אין בעט. און טאָמער איז דאָס ניט גענוג פאַר איר, האָט איר נאָך גאָט געבענטשט מיט רומאַטיזם אין א האַנט און אין א פוס און אז עס נעמט איר דרייען, קען זי זיך קיין אָרט ניט געפינען פאַר ווייטיק. און פאַר קאָמפּאָט: האָט זי נאָך צו אַל־די צרות נערוון, וואָס אז זיי צעשפּילן זיך, ווייזט זיך איר אוים אז זי גייט פון זינען אראָפּ און מאַכט אַלעמען קראַנק אין שטוב.

נאָך אָט דער גאַנצער באַשרייבונג, וועלכע דער אַלטער האָט אויפ־גענומען מיט אָפטע זיפצן און קרעכצן און מיט "ווי צו מיינע אַלטע יאָרן", איז געקומען אביסל נחת. די טאָכטער, די אלמנה, וואָס איז שוין אַליין אינם זיבעטן צענדליק און לעבט צוזאַמען מיט אירע קינדער אין דעטראָיט, וועל־כע זיינען אַליין אויך פון די קליינע נגידים, נאָר דערפאַר האָט זיי גאָט געבענטשט מיט קינדערלעך וואָס אזעלכע געראָטענע זיינען גאָר ניטאָ אויף דער וועלט. און דאָ קומט א באַשרייבונג פון עטעלען און מעקסעלען און רובעלען — וואָס פאַר א טייערע אייניקלעך זי האָט — דעם אַלטנס אור־אייניקלעך. און דאָ האָט זיך דער אַלטער צעקוואַלן ממש ווי א נייע נשמה וואָלט אין אים אריין. און פון יעדער חכמה וואָס די קראַנקע טאָכטער האָט געשריבן פון אירע אייניקלעך איז אים ממש א שטיק געזונט צוגעקומען, און ער האָט געלאַכט און געוויינט, זיך פאַרהוסט און פאַרכלינעט, און ווען ער האָט זיך אביסל באַרואיקט פון דער אויפרעגונג, האָט ער גענומען צו באַרימען זיך מיט זיינע אייניקלעך און אור־אייניקלעך, מיט וועלכע דער אויי־בערשטער האָט אים געבענטשט: אַלע ווי אייבע . . . אזעלכע געראָטענע, קיין עין הרע".

פאַר א פּאָר מינוט האָב איך געלאָזן דעם אַלטן זיך באַרימען און אויסדערציילן פון זיינע אייניקלעך און אור־אייניקלעך. ס'איז קאָנטיק געווען אז דאָס באַרימען אַליין פאַרשאַפט אים תענוג, ווארום וואָס נאָך דען איז אים געבליבן אין לעבן, אחוץ דאָס לעבן פון דער פאַנטאַזיע, אחוץ די בילדער וועלכע וועבן זיך אין זיין מוח און אין זיין האַרץ און וועלכע ער טראָגט ארום מיט זיך און פילט מיט זיי אוים די טעג פון זיין לעבן, פאַרטרייבט מיט זיי די מרה שחורה פון די שלאָפלאָזע נעכט?

איך האָב אים דערמאָנט וועגן דעם צווייטן בריוו, וועלכן ער האָט פאַרקנייטשט ניט קיין געעפנטן און אריינגערוקט אין "וועסט פּאַקעט".

אָ, יע! האָט ער כמעט אָן חשק זיך געלאָזט דערמאָנען אז ער האָט נאָך א בריוו. נו, לאָמיר הערן וואָס ער דרשנט דאָרט.

איך האָב אויסגעגלייכט דעם בריוו, געעפנט און געלייענט. ס'איז געווען א קורץ בריוועלע פון עטלעכע שורות, געשריבן אין א חצי־יענקישן אידיש. דער זון האָט מודיע געווען דעם טאַטן אז ער איז אָלרייט און זיין "פּראָו" איז "קאַנאַרע" אויך גאַנץ פיין, אז עס פרייט אים צו הערן אז דער טאַטע איז "קאַנאַרע" געזונט און שטאַרק און ער האָפט זיך נאָך צו זען מיט אים אינגיכן און געבן אים א "גוד טיים".

דער אַלטער האָט כמעט ווי ארויסגעריסן דעם בריוו פון מיינע הענט און מיט א לייכטן כעס ווידער פאַרקנייטשט דאָס בריוו אין האַנט. — "ניטאָ

וואס צו הערן", האט ער געמאכט א באוועגונג אוועקצוגיין און געבליבן, ווייל ער האט זיך דערמאנט אז ער האט פארגעסן מיר אפצודאנקען פאר לייענען אים די בריוו.

"פונדערוועיטנס איז ער פלוצלונג געווארן א געטרייער זון", האט ער געפונען פאר נויטיק מיך צו דערקלערן זיין משונהדיקע האלטונג.

נו, און פון דער נאענט?

און דער אלטער האט גענומען דערציילן זיין ביטער הארץ:

"ס'איז א ווייטיק צו ליידן און א בזיון צו דערציילן. בכלל רעד איך ניט פון אזעלכע זאכן, ווארום וואס קומט ארויס דערפון? נאר אט דער תכשיט מיינער האט מיך שיר פאר דער צייט פון דער וועלט געטריבן.

א'יא ס'גלויבט זיך אייך ניט? טא הערט א מעשה. אז איך בין געקומען אהער מיט 35 יאר צוריק בין איך שוין דאמאלט אויך קיין יונגערמאן ניט געווען, נאר גארניט. ארבעטן האב איך געקאנט פאר צוויי יונגע. האב איך מיר געפונען ארבעט און געמאכט ווי גאט האט געגעבן, אמאל צוואנציק, אמאל מער א וואך, אבער שבת האב איך ניט געארבעט, און מחמת דעם האב איך געמוזט בייטן די שעפער כמעט אלע צוויי־דריי וואכן. אפילו אידישע באלעבאטים האבן ניט געוואלט ליידן.

בקיצור, אזוי האב איך זיך געמוטשעט און געוואנדערט פון שאפ צו שאפ, ביז איך בין אנגעקומען אין א פלאץ דווקא ביי אן ענגלישן, וואו דער באלעבאס אליין איז געווען א מין "סובאטניק", כ'ווייס ניט ווי ס'הייסט ביי זיי אין ענגליש. דער גוי האט זיך ממש דערפרייט מיט מיר. א גדולה אויף אים, ער האט אן אח לצרה. ער פלעגט ליב האבן צוקומען צו מיין ווארשטאט, זיך אוועקזעצן לעבן מיר און נעמען ריידן וועגן אברהמען, וועגן משהן און בכלל וועגן חומש. איין ווארט האב איך פארשטאנען, צען ניט. נאר א טייערער מענטש איז ער געווען אט דער באלעבאס מיינער, און געוואלט האט ער וויסן פון אלץ, ווי אזוי איך האב געלעבט אין רוסלאנד און וואס האט מיך געבראכט אהער. וויפל קינדער איך האב און ווי אלט זיי זיינען. דערצייל איך אויף מיין חצי ענגליש פאלאווינע אידיש און ער הערט זיך איין מיט א שמייכעלע — איך זאג אייך א דימענט פון א מענטשן געווען.

דערווייל מאכט זיך אז אט דער "בנאק" מיינער, שוין געווען א פארהייראטעטער מיט דריי קינדער — איז געבליבן אן ארבעט און ער גייט ארום א וואך און צוויי און א חודש און ס'איז ניטא קיין ארבעט, כאטש נעם און צעריים זיך. און דא איז שוין פשוט דערגאנגען עד ככר לחם. האב איך געהאלפן מסתם וויפל איך האב געקענט, ווייל מיט קיין סך האב איך טאקע ניט געקענט אויך. געהאט נאך צוויי טעכטער חתונה צו מאכן, חובות צאלן, און אליין דארף מען אויך לעבן.

פאלט מיר איין איינמאל, אזוי ווי דער באלעבאס קומט צו מיר צו און צערעדט זיך מיט מיר, און הויבט מיר אן צו דערציילן די ניסים פון "דזשאנא און דהי וויל", און וואס מיר אידן ווייסן גאר ניט ווי אזוי אפצושאצן די גרויסקייט פון די ניסים וואס גאט האט אונדז באוויזן. מילא, גיין זיך מיט אים אויסטענהן, איז ניט איך האב געקענט און, צוריק ריידנדיק,

צו וואָס האָט עס מיר געטויגט? נאָר א געדאַנק פאַלט מיר אריין: איך וועל א בעט טאָן דעם גוי, אפשר וועט ער געבן א דזשאָב מיין זון. און איך דערציייל אים אזוי און אזוי: איך האָב אַ זון, איז ער א בעל מלאכה אזוינס ווי אזעלכעס. האָסט נאָך, זאָג איך צו אים, מיסטער באָס, אזעלכן ניט געהאט און וועסט ניט האָבן.

הערט ער מיך אויס, טוט א שמייכל און גייט אוועק, און איך בלייב זיצן ווי אין געהאקטע וואונדן און טראַכט ביי זיך: אוי דו לאַנגע צונג, דו אַלטער נאַר. האָסט שוין אָנגעאַרבעט א חתונה. וואָס וועט זיין, טראַכט איך ביי זיך, אז דער גוי וועט נעמען און וועט דיך אויך משלח זיין? דאַן, טראַכט איך, וועל איך ערשט פאַרשטיין דעם טייטש פון אל תתחבר לרשות.

עס גייט אוועק א טאָג און צוויי און דריי, ניט ער זאָגט מיר עפּעס, און ניט איך וואָג אים נאָכאמאָל אָנביטן עפּעס. כ׳בין שוין צופרידן אז ער זאָל מיך לאָזן צורו. געקומען פרייטיק, פיר אזייגער, מ׳וואַרפט די אַרבעט. די מאַשינען ווערן אָפּגעשטעלט, מ׳רוימט דעם שאָפּ, די וואַרשטאַטן. מ׳דעקט אַלעס צו, אַלע איילן זיך, ממש אמתער אידישער ערב שבת, אַלע זיינען זיך מכין, איך אוודע.

פינף אזייגער דאַרפן זיך אַלע אויסשטעלן אין א שורה, דורכגיין הייסט עס איינציקווייז פאַרביי דעם פענצטערל פון קאַנטאָר און אָפּנעמען די שכירות. שטעל איך זיך אויך אוועק און דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס. טאָמער חלילה איז דאָס שוין מיין לעצטער "ענוועלאָפּ" — און דאָס ווייס איך אז צוויי משפּחות, מיינע און דעם זונס, זיינען ממש תלוי בחייהם פון מיינע פאַרדינסטן.

געקומען מיין "אָטשערעד" זאָגט מיר דאָס מיידל אז דער באַלעבאָס וויל מיך זען. איך זאָל אַריינגיין אין אָפיס. פאַרשטייט איך דאָך שוין וואָס מיט מיר טוט זיך און דאָ, פיל איך, אז די פיס מיינע האַקן זיך מיר ממש אונטער. און אין האַרצן טראַכט איך זיך: רבש״ע גיב מיר עפּעס אריין א מחשבה וואָס צו זאָגן דעם אדון איך זאָל נושא חן זיין ביי אים. נאָר אָפּגעמאַכט האָב איך אז אזוי גיך וועל איך זיך ניט אונטערגעבן. ווארום געוואוסט האָב איך אז נאָך אזא פּלאַץ וועל איך ניט קריגן סיידן איך זאָל ביי זיך פּועלן מחלל שבת זיין. און דאָס וועט ביי מיר קיינער ניט פּועלן ׳יהרג ועל יעבור״.

איך קום אריין. דער אדון שמייכלט צו מיר מיט זיין ברייטן שמייכל און איך טראַכט זיך: מיר דאַכט אז די סכנה איז ניט אזוי גרויס.

ער דערלאַנגט מיר מיין פאַרחתמעטן קאָנווערט. איך טו א קוק אויפן ציפער — פופצן דאָלאַר פאַר דער וואָך. ביז איצט האָב איך געקראָגן צוועלף. פאַרבויג איך זיך פאַר אים און באַדאַנק אים ווי ווייט איך האָב געקענט און פיל אז דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס פאַר פרייד און וויל שוין וואָס גיכער לויפן אָנזאָגן די בשורה דער ווייב, די קינדער, דעם זון, די אייניקלעך. ווייל דריי דאָלאַר אין יענע צייטן איז געווען א משא ומתן. ערשט דער גוי פאַרהאַלט מיך און וויל וויסן וועגן מיין זון מיט וועלכן איך האָב זיך באַרימט. ער וויל, הייס עס, וויסן וואו ער האָט געאַרבעט און פאַרוואָס ער איז אוועק, צי ער איז אויך א שומר שבת און מגיה וביה, כאַפּט ער זיך

צוריק ארויף אויף זיין ליבלינג פערדל: פּראָוואָס מיר, אידן, האָבן פאַרלאָזן אונדזער גאָט, פאַראָוואָס מיר היטן ניט שבת און העלפן ניט דער וועלט צו דערלייזונג וואָס נאָר צוליב דעם האָט דאָך אונדז גאָט, הייסט עס, אויסדער־ווײלט.

האָלט איך מסתמא מיט אים און גיב אים נאָך גערעכט. וואָס דען זאָל איך אים זאָגן, אז ער האָט מיר נאָר־וואָס געגעבן א "רעיון"? געענדיקט זיין דרשה טוט ער מיר א זאָג: און דיין זון זאָג, ער זאָל קומען מאָנטיק צו דער ארבעט.

געבראַכט אהיים די בשורה איז מיין טאָכטער באַלד אוועקגעלאָפן אָנזאָגן דעם זון מיט דער שנור און זיי טאַקע אַלעמען געבראַכט צו מיר אויף שבת. אז איך בין געקומען פון שול זיינען זיי שוין אַלע געזעסן ביים טיש און אויפן טיש האָט געגלאַנצט מיט אַלע קאָלירן דער גראָפין מיט קידוש וויין, און די חלות צוגעדעקט מיטן ארץ־ישראל טישטוכל און די ליכט האָבן פריילעך און ליכטיק געלויכטן און מער פון אַלעמען האָט געלויכטן און גע־קוואָלן מיין זון און די שנור. איך האָב זיי באַדאַרפט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דערציילן ווי אזוי גאָט האָט מיר געהאָלפן צו קריגן פאַר אים די ארבעט.

הכלל וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען. דער זון מיינער איז אָנ־געקומען ארבעטן און האָט באַלד נושא־חן געווען ביים באַלעבאָס, וואָרום א בעל־מלאכה איז ער געווען איינער אין א מדינה.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און ער האָט אָנגעהויבן שטייגן פון צוועלף צו פופצן און צו צוואַנציק און פינף און צוואַנציק און אין צוויי יאָר ציי"ט האָט דער יונגערמאַן פאַרדינט פופציק דאָלאַר א וואָך. איר הערט?

מאַכט זיך מיט מיר אַן אומגליק, איך פאַרליר א פינגער ביי דער מאַשין. מ'נעמט מיך אוועק אין האָספּיטאָל. ס'האָט זיך פאַרפירט בלוט פאַרגיפטונג און איך ליג אַפּ זעקס וואָכן אין בעט און קום ארויס א קריפּל. גיין צו דער ארבעט קען איך ניט. עסט מען פונם גרייטן.

דער זון מיינער האָט זיך דערווייל געקויפט א הויז מיט שיינע מעבל און מ'לעבט ווי גאָט אין אָדעס. און אז מיט מיר האָט געטראָפן דעם אומ־גליק, איז ער לפנים וועגן געקומען אין האָספּיטאָל א פּאָר מאָל געוואָויר וווערן, נאָך א פּאָר מאָל געקומען אהיים און מיט דעם האָט זיך די ערד פאַרשלאָסן. פונוואַנען לעבן טאַטע־מאַמע, ווי אזוי קומט מען אויס? וואָס גייט עס אַן מיין תכשיט? — אבי ער לעבט ווי א גראף.

אזוי איז אוועק א יאָר און צוויי. די אַלטע איז פון צרות געשטאָרבן. ארבעטן האָב איך ניט געקענט. איין טאָכטער האָט חתונה געהאַט, די אַנ־דערע אוועקגעפאָרן און איך בין געבליבן ווי אויפן וואַסער.

שטעלן זיך איין לאַנדסלייט, קרובים, מ'גייט צום "קדיש" מיינעם: סטייטש, היתכן, ווי שעמסטו זיך ניט? ווי פאַרלאָזסטו דאָס אזוי א טאַטן? און מ'בעט זיך ביי אים ווי ביי א גזלן: צאָל דעם טאַטן כאָטש צוויי דאָלאַר א וואָך, א דאָלאַר כאָטש! און ער איינמאָל ניין. זיין טענה: ער איז אַליין א טאַטע פון קינדער, ער דאַרף זיין משפּחה פאַרזאָרגן.

האָט זיך מסתמא אָנגעהויבן א קאָכעניש צווישן די לאַנדסלייט: סטייטש אזא אכזריות איז ניט געהערט געוואָרן! האָט מען אים גענומען באַדערן דורכן טעלעפאָן, סטראַשען, פאַרוואַרפן. איז ער זיך מישב אין א שיינעם פרימאָרגן, פאַרקויפט די הויז, דאָס מעבל, הויבט זיך אויף און פאָרט ארויס קיין לאס אנדזשעלעס, אבי פטור צו ווערן פונם טאַטן און די לאַנדסלייט. און איצט, פון דער ווייטנס, אבי איך קום צו אים ניט אָן. איז ער צופרידן וואָס איך לעב און בין געזונט און וועט מיר קומען געבן א "גוד טיים".

איי קינדער, קינדער, געזונט זאָלט איר זיין, נאָר באַהיט גאָט, מיין ערגסטן שונא אפילו, אָנצוקומען צו אייך . . . און דער אַלטער האָט מיטן ארבל אָפּגעווישט א טרער וואָס האָט געבריט דאָס פּנים און געגנבעט זיך אראָפּ צו דער באָרד, און מיטן צעקנייטשטן בריוו אין האַנט האָט ער זיך ארויסגעשלייכט פון אָפּיס.